This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-528

סאָוועטיש

9

1978

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

ארגאן פון שרײַבער־פארבאנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל"

מאָסקווע

סענטיאבער

9

1978

אינהאַלט

1828. לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי. 1978 3
ו. אי. לענין. לעוו טאָלסטאָי, ווי א שפּיגל פון דער
רוסישער רעוואָליוציע 4
לידיִא ליבעדינסקאיא. דאָרט, ווו עס האָט
געלעבט לעוו טאָלסטאָי 8
אלעקסאנדער שיפּמאַן. לעוו טאָלסטאָי און
שאָלעם־אַלייכעם 17
לעוו טאָלסטאָי. דרײַ מײַסעלעך (אין דער איבער־
זעצונג פון שאָלעם־אַלייכעמען) 23
מענדל ליפשיץ. נײַע לידער 31
הערשל פּאָליאנקער. דער לערער פון מעדזשי־
באָזש (סאָף) 34
מוישע העלמאָנד. טאטישע מאָטיוון (לידער) . 88
נאָטע לוריע. א גוטער פרײַנט (דערציילונג) . 92
רוון פּוסטילניקאָוו. ליִע (דערציילונג) . . 97
אונדזער רעפּליק. וואָס פארשטייט איר ניט? . . . 102
פונעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל. הירש בלאָשטיין.
פון „מײַן לעבעדיקן ארכיוו" 106
ארן ווערגעליס. נאָטיצן אָן א סיידער 114

ליטעראטור־קריטיק. ביבליִאָגראפיע. פראגן פון קונסט

הערש רעמעניק. וועגן קריטיק 125
אָנהייבער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור.
ריווקע רובין. פּאָשעט און פּראָסט? אוי, ניין . 132
אונדזער ווידערוווּקס. ייִסראָעל סערעבריאני.
נײַע נעמען 146
אונדזערע פּובליקאציִעס. כאיִם לויצקער. שטריכן
פון דאָוויד בערגעלסאָנס שפּראך־סטיל 152
פּראָבלעמען פון איבערזעצונג. לייב ווילסקער.
רוסישע דיכטער אין העברעיִש 161
וועגן שפּראך־פראגן 165
ביבליִאָגראפיע. מ. דאניִעל 170
ווינקל פון געזעלשאפטלעכן פארשפּרייטער פון „סאָ־
וועטיש היימלאנד" 173
פונעם ליטעראטור־אויצער. פּײַוול סיטאָ. פּאראָדיעס 178
כראָניק 169, 188
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע. זאלמען קאַ־
האן. שלוימע גערשאָווס אויסשטעלונג 183
פארשיידנס 186
מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועַ־
טישער ליטעראטור 189
שמועסן וועגן ייִדישער שפּראך 191
רעזיומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר), א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאמוד, ה. פּאָליאנקער, ס. פרײַ, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר)

1828 לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי 1978



Левъ Толстой

װ. אי. לענין

לעװ טאָלסטאָי,
װי א שפּיגל פון דער רוסישער רעװאָליוציע

עס קאָן זיך אין פלוג דוכטן מאָדנע און געקינצלט, װען מע פּאָרט צונויף דעם נאָמען פונעם גרויסן קינסטלער מיט דער רעװאָליוציע, װעלכע ער האָט בעפיירעש ניט פארשטאנען, פון װעלכער ער האָט זיך בעפיירעש אָפּגעזונדערט. מע קאָן דאָך ניט אָנרופן שפּיגל דאָס, װאָס שפּיגלט באשײַמפּערלעך ניט אָפּ ריכטיק די דערשײַנונגען? אָבער אונדזער רעװאָליוציע איז א דערשײַנונג זייער א קאָמפּליצירטע; צװישן דער מאסע פון אירע אומיטלבארע דורכפירער און אָנטיילנעמער זײַנען פאראן פיל סאָציאַלע עלעמענטן, װעלכע האָבן אויך בעפיירעש ניט פארשטאנען דאָס, װאָס עס קומט פּאָר, האָבן זיך אויך אָפּגעזונדערט פון די װירקלעכע היסטאָרישע אויפגאבן, װעלכע זײַנען פאר אונדז אװעקגעשטעלט געװאָרן דורכן גאנג פון די געשעענישן. און אויב פאר אונדז געפינט זיך א װירקלעך גרויסער קינסטלער, האָט ער געמוזט אָפּשפּיגלען אין זײַנע װערק כאָטש אייניקע פון די װעזנטלעכע זײַטן פון דער רעװאָליוציע.

די לעגאלע רוסישע פּרעסע, איבערפולט מיט ארטיקלען, בריװ און נאָטיצן װעגן טאָלסטאָיס 80־יאָריקן יובילײ, אינטערעסירט זיך װײניקער פאר אלץ מיטן אנאליז פון זײַנע װערק פונעם שטאנדפּונקט פון דעם כאראקטער פון דער רוסישער רעװאָליוציע און פון אירע טרײַב־קרעפטן. די דאָזיקע פּרעסע איז ביז צום איבלען איבערפולט מיט צבֿועס, מיט צװייערליי צבֿועס: קאנאָנע און ליבעראלע. דאָס ערשטע איז — גראָבע צבֿועס פון פארקויפטע שרײַבארעס, װאָס נעכטן האָט מען זיי געהייסן העצן קעגן לעװ טאָלסטאָי און הײַנט — אויפזוכן אין אים פּאטריאָטיזם און סטארען זיך היטן שטאט פאר אייראָפּע. אז די דאָזיקע שרײַבארעס האָבן באקומען באצאָלט פאר זייערע שרײַבערײַען, דאָס איז אלעמען באװוּסט, און זיי זײַנען קיינעם ניט אימשטאנד אָפּצונארן. פיל מער פארפײַנערט און דעריבער פיל שעדלעכער און געפערלעכער איז דאָס ליבעראלע צבֿועס. װען מע זאָל זיך צוהערן צו די קאדעטישע באלאלײַקינס* פון „רעטש“**, איז זייער מיטגעפיל צו טאָלסטאָיען דאָס פולסטע און דאָס היציקסטע. אינדערעמעסן, זײַנען די אויסגערעכנטע דעקלאמאציע און די אויפגעבלאָזענע פראזן װעגן דעם „גרויסן גאָטזוכער“ אָפּ דורך און דורך פאלשע, װײַל דער רוסישער ליבעראל — ניט ער גלייבט אין טאָלסטאָיס גאָט, ניט ער פילט מיט טאָלסטאָיס קריטיק פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. ער שארט זיך צו צום פּאָפּולערן נאָמען, כּדי צו פארמערן זײַן פּאָליטיש קאפּיטאלכל, כּדי צו שפּילן די ראָליע פון א פירער פון דער אלגעמיין־נאציאָנאלער אָפּאָזיציע. ער סטארעט זיך מיטן דונער און טראסק פון פראזן פארטויבן די באדערפעניש אין א דירעקטן און קלאָרן ענטפער אָפּ דער פראגע: מיט װאָס װערן ארויסגערופן די שרײַענדיקע

---

* באלאלײַקין — א העלד באם גרויסן רוסישן סאטיריקער שטשעדרין, — א געװיסנלאָזער פארקויפטער פלאפלער. — רעד.

** דער צענטראל־אָרגאן פון דער בורזשואזער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראטישער פּארטיי („קאדעטן“). רעד.

ווידערשפּרוכן פונעם „טאָלסטאָוויזם“, וועלכע דעפעקטן און שוואַכקײַטן פון אונדזער רעוואָליוציע דריקן זיי אויס?

ווידערשפּרוכן אין די ווערק, אין די אָנשויונגען, אין די לערעס, אין דער שול זײַנען בײַ טאָלסטאָיען ווירקלעך שרײַענדיקע. פון איין זײַט — א געניִאלער קינסטלער, וועלכער האָט געגעבן ניט נאָר אומפאַרגלײַכלעכע בילדער פונעם רוסישן לעבן, נאָר אויך ערשטקלאַסיקע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור. פון דער אנדערער זײַט — א פּאָרעץ, וועלכער מאַכט זיך כאָסערדייעדיק אין קריסטוסעס נאָמען. פון איין זײַט — א מערקווירדיק שטאַרקער, אומיטלבאַרער און אופריכטיקער פּראָטעסט קעגן געזעלשאַפטלעכן ליגן און פאַלשקײַט, פון דער אנדערער זײַט — „א טאָלסטאָוועץ“, דאָס הייסט אַן אויסגעווייקטע, היסטערישע פליאַגע, וועלכער רופט זיך רוסישער אינטעליגענט, וועלכער שלאָגט זיך עפנטלעך אין הארצן און זאָגט: „איך בין א מענוווּל, א מיִעסקײַט, אָבער איך פאַרנעם זיך מיט מאָראַלישער זעלבסט־פאַרפולקומונג; איך עס מער ניט קיין פלייש און דערנער זיך איצט מיט רײַזענע קאָטלעטלעך“. פון איין זײַט — אַן אומבאַרעכמאָנעסדיקע קריטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, דעמאַסקירונג פון די גוואַלדטאַטן פון דער רעגירונג, פון דער קאָמעדיע פון דעם געריכט און פון דער מעלוכע־פאַרוואַלטונג, אַנטפּלעקונג פון דער גאַנצער טיפקײַט פון די ווידערשפּרוכן צווישן דעם וווּקס פונעם רײַכטום און די דעראָבערונגען פון דער ציוויליזאַציע מיטן וווּקס פון דער אָרעמקײַט, פאַרווילדטקײַט און יעסורים פון די אַרבעטער־מאַסן; פון דער אַנדערער זײַט — א כאָסערדייִקע דראָשע פון „ניט ווערן זיך קעגן בייז“ מיט געוואַלט; פון איין זײַט — דער ניכטערסטער רעאַליזם, דאָס אַראָפּרײַסן איטלעכע און אַלערליי מאַסקעס; פון דער אַנדערער זײַט, דאָס פּריידיקן איינע פון די נידערטרעכטיקסטע זאַכן, וועלכע ס׳איז נאָר פאַראַן אַף דער וועלט, דהײַנו: רעליגיע, די שטרעבונג צו שטעלן אָנשטאָט גאַלאָכים אַף קאַזיאָנע שטעלעס — גאַלאָכים לויט מאָראַלישער איבערצײַגונג, דאָס הייסט, קולטיווירן די פאַרפײַנערסטע און דעריבער באַזונדערס עקלדיקע גאַלאָכעריַי. בעעמעס.

דו ביסט א קאַפּצנטע, דו ביסט א נעגידעסטע,
דו ביסט א מעכטיקע, דו ביסט א מאַכטלאָזע
— מוטער ראַסיי!

אַז טאָלסטאָי האָט בײַ אַזעלכע ווידערשפּרוכן אַבסאָליוט ניט געקענט פאַרשטיין ניט די אַרבעטער־באַוועגונג און איר ראָליע אינעם קאַמף פאַרן סאָציִאַליזם, ניט די רוסישע רעוואָליוציע, דאָס פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין. אָבער די ווידערשפּרוכן אין טאָלסטאָיס אָנשויונגען און לערעס זײַנען ניט קיין צופאַל, נאָר אַן אויסדרוק פון יענע ווידערשפּרעכלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דאָס רוסישע לעבן אינעם לעצטן דריטל פונעם XIX יאָרהונדערט. דאָס פּאַטריִאַרכאַלע דאָרף, ערשט נעכטן באַפרײַט פון דער לײַבייגנשאַפט, איז אָפּגעגעבן געוואָרן בוכשטעבלעך אַף צעטראָגן און צעראַבירן עס דורכן קאַפּיטאַל און דעם שטײַער־אַפּאַראַט. די אַלטע גרונטלאַגן פון דער פּויערישער ווירטשאַפט און פון דעם פּויערישן לעבן, די גרונטלאַגן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין משך פון יאָרהונדערטן, זײַנען אַוועק אין ברוך מיט אַן אומגעוויינלעכער גיכקײַט. און די ווידערשפּרוכן אין טאָלסטאָיס אָנשויונגען דאַרף מען אָפּשאַצן ניט פונעם שטאַנדפּונקט פון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג און פונעם מאָדערנעם סאָציִאַליזם (אַזאַ אָפּשאַצונג איז, פאַרשטייט זיך, נייטיק, אָבער ניט גענוגנדיק), נאָר פונעם שטאַנדפּונקט פון יענעם פּראָטעסט קעגן דעם אָנקומענדיקן קאַפּיטאַליזם, דעם כורבן און ערד־עקספּראָפּריִאַציע פון די מאַסן, וואָס האָט געמוזט געשאַפן ווערן דורכן פּאַטריִאַרכאַלן רוסישן דאָרף. טאָלסטאָי איז לעכערלעך אַלס א נאָווי, וואָס האָט אַנטדעקט נײַע רעצעפּטן פון ראַטעווען די מענטשהײַט, — און דעריבער זײַנען אינגאַנצן נישטיק יענע אויסלענדישע און רוסישע „טאָלסטאָווצעס“, וואָס זיי האָט זיך פאַרוואָלט פאַרוואַנדלען אין א טוירע דאָפקע די שוואַכסטע זײַט פון זײַן לערע. טאָלסטאָי איז גרויס אַלס אַן אויסדריקער פון יענע אידייען און פון יענע שטימונגען, וועלכע האָבן זיך צונויפגעלייגט בײַ מיליאָנען פונעם רוסישן פּויערטום צו יענער צײַט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די בורזשואַזע רעוואָליוציע אין רוסלאַנד. טאָלסטאָי איז אָריגינעל, ווײַל דער סכום פון זײַנע אָנשויונגען, וואָס זײַנען אַלס א גאַנצעס שעדלעך, דריקט אויס גראָד די באַזונדערקײַטן פון אונדזער רעוואָליוציע, אַלס א פּויערישער בורזשואַזער רעוואָליוציע. די ווידערשפּרוכן אין טאָלסטאָיס אָנשויונגען זײַנען, פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, — א ווירקלעכער שפּיגל פון יענע ווידערשפּרעכלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע די היסטאָרישע טעטיקײַט פונעם פּויערטום איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אונדזער רעוואָליוציע. פון איין זײַט, האָבן יאָרהונדערטן פון לײַבייגנשאַפטלעכן דרוק און יאָרצענדליקער פון פאַרשטאַרקטן כורבן נאָך דער רעפאָרם אָנגעקליבן בערג האַס,

פארביטערונג און פארצווייפלטע אנטשלאָסנקייט. די שטרעבונג אָפּצוראמען ביזן גרונט סײַ די קאזיאָנע קירך, סײַ די פּריצים, סײַ די פּריצישע רעגירונג, פארניכטן אַלע אַלטע פאָרמען און פאָראַנדקעס פון דעם ערדבאזיץ, אָפּרייניקן די ערד, שאפן אָנשטאָט דער קלאסן־פּאָליצייִשער מעלוכע א צוזאמענווינען פון פרײַע און גלײַכבארעכטיקטע קליינע פּויערים, — די דאָזיקע שטרעבונג גייט דורך מיט א רויטן פאָדעם דורך איטלעכן היסטאָרישן שריט פון די פּויערים אין אונדזער רעוואָליוציע, און ס'איז אָן צווייפל, אז דער אידייִשער אינהאלט פון טאָלסטאָיס שרײַבן אנטשפּרעכט א סך מערער דער דאָזיקער פּויערישער שטרעבונג, איידער דעם אבסט־ראקטן „קריסטלעכן אנארכיזם“, ווי מע שאצט אמאָל אָפּ די „סיסטעם“ פון זײַנע אָנ־שויונגען.

פון דער אנדערער זײַט, האָט דאָס פּויערטום, שטרעבנדיק צו נײַע פאָרמען פון צוזאמענ־ווינען, באַציִען זיך זייער אומבאוואוסטזיניק, פּאטריאַרכאליש, קאַסטערדיידיק צו דעם, וואָס פאר א צוזאמענווינען דאָס דארף זײַן, מיט וואָס פאר א קאמף דארף מען זיך דעראָבערן די פרײַהײַט, וואָס פאר א פירער קאָן עס האָבן אין דעם דאָזיקן קאמף, וויאַזוי באַציט זיך צו די אינטערעסן פון דער פּויערישער רעוואָליוציע די בורזשואזיע און די בורזשואזע אינטעליגענץ, פארוואָס דארף מען מיט גוואלד אראָפּווארפן די צארישע מאכט, קעדיי צו פארניכטן דעם פּריצישן ערדבאזיץ. דאָס גאנצע פארגאנגענע לעבן פונעם פּויערטום האָט עס אויסגע־לערנט צו האסן דעם פּאָרעץ און דעם טשינאָווניק, אָבער האָט ניט אויסגעלערנט און ניט גע־קאָנט אויסלערנען, ווו צו זוכן אָן ענטפער אויף די דאָזיקע אַלע פראגן. אין אונדזער רעוואָליו־ציע האָט דער קלענערער טייל פונעם פּויערטום ווירקלעך געקעמפט, כאָטש וויפל־ניט־איז אָרגאניזירנדיק זיך צוליב דעם דאָזיקן ציל, און גאָר א קליינער טייל האָט זיך אופגעהויבן מיט געווער אין די הענט, קעדיי פארטיליקן זײַנע סאָנים, פארניכטן די צארישע דינער און פּריצישע באשיצער. דער גרעסטער טייל פונעם פּויערטום האָט געוויינט און גערעוונט, גע־כקירעט און געכאָלעמט, געשריבן באקאָשעס און געשיקט „שטאדלאָנים“ — גאָר אינעם גײַסט פון לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי! און, ווי עס טרעפט זיך שטענדיק אין אזעלכע פאלן, האָט טאָלסטאָיס אָפּזאָגן זיך פון פּאָליטיק, זײַן ניט אינטערעסירן זיך מיט איר און זײַן ניט פאר־שטיין זי, האָט דאָס מיטגעבראכט, אז נאָכן באוווסטזיניקן פּראָלעטאריאט איז געגאנגען די מינדערהײַט, און די מערהײַט איז געווען א קאָרבן פון יענע פּרינציפּלאָזע, לאקייִשע, בור־זשואזע אינטעליגענטן, וועלכע פלעגן אונטערן נאָמען פון קאדעטן אומלויפן אויף פארזאמלונ־גען פון טרודאָוויקעס אין פאָרצימער צו סטאָליפּינען, האָבן געבעטלט, געדונגען זיך, שאָלעם געמאכט, צוגעזאָגט שאָלעם צו מאכן, — ביזוואנען מע האָט זיי ניט ארויסגעטריבן מיט א שטויס פונעם סאָלדאטישן שטיוול. טאָלסטאָיס אידייען — דאָס איז א שפּיגל פון דער שוואַכ־קײַט, פון די כעסרוינעס פון אונדזער פּויערישן אופשטאנד, די אָפּשפּיגלונג פון דער ווייכלײַ־ביקײַט פונעם פּאטריאַרכאלן דאָרף און פון דער פארשימלטער פאכדאָנעס פונעם „באלעבאַ־טישן פּויערל“.

נעמט די סאָלדאטישע אופשטאנדן פון די יאָרן 1905—1906. דער סאָציאַלער באשטאנד פון די דאָזיקע קעמפער פון אונדזער רעוואָליוציע איז א מיטלסדיקער צווישן דעם פּויערטום און דעם פּראָלעטאריאט. דער לעצטער איז אין דער מינדערהײַט; דעריבער באווײַזט ניט די באוועגונג אינעם מיליטער אפילע אומגעפער יענע אלרוסלענדישע צוזאמענגעשלאָסנקײַט, יענע פּארטייִשע באוווסטזיניקײַט, וואָס ס'האָט אנטפּלעקט דער פּראָלעטאריאט, וועלכער איז, ווי לויט א מאך מיט דער האנט, געוואָרן סאָציאַל־דעמאָקראטיש. פון דער אנדערער זײַט, איז ניטאָ קיין גרעסערער טאָעס, ווי די מיינונג, אז די סיבע פון דער מאפּאָלע פון די סאָלדאטישע אופשטאנדן איז געווען דאָס, וואָס עס האָבן געפעלט פירער פון צווישן די אָפיצערן. פאר־קערט, דער גיגאנטישער פּראָגרעס פון דער רעוואָליוציע זינט דער „פאָלקס־פרײַהײַט“ („נאַ־ראָדנאיא וואָליא“) האָט זיך ארויסגעוויזן גראָד אין דעם, וואָס פארן ביקס האָבן זיך גענומען קעגן נאטשאלסטווע די „גראָע בעהיימעלעך“, וואָס זייער זעלבשטענדיקײַט האָט אזוי אָנגע־שראָקן די ליבעראַלע פּריצים און די ליבעראַלע אָפיצערשאפט. דער סאָלדאט איז פול געווען מיט מיטגעפיל דער פּויערישער זאך: זײַנע אויגן פלעגן זיך צעפלאקערן בא איין דערמאָנונג וועגן ערד. ניט איין מאָל איז אינעם מיליטער די מאכט אריבערגעגאנגען אין די הענט פון דער סאָלדאטישער מאסע, — אָבער אנטשלאָסן אויסנוצן די דאָזיקע מאכט — דאָס איז קימאט ניט געווען; די סאָלדאטן פלעגן זיך וואקלען; אין א פּאָר טעג ארום, אמאָל אין עטלעכע שאָ ארום, געהארגעט א וועלכן־ניט־איז פארהאסטן נאטשאלניק, פלעגן זיי באפרײַען פון אונטער דעם ארעסט די איבעריקע, ארײַנטרעטן אין אונטערהאנדלונגען מיט דער מאכט און פלעגן דערנאָך לאָזן זיך צעשיסן, זיך לייגן אונטער ריטער, אײַנשפּאנען זיך צוריק אין יאָך, — גאָר אינעם גײַסט פון לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי!

טאָלסטאָי האָט אָפּגעשפּיגלט דעם אָנגעווייטעקטן האַס, די ציַיטיק געוואָרענע שטרעבונג צו בעסערס, דעם פאַרלאַנג צו באַפריַיען זיך פון דער פאַרגאַנגענהיַיט — און די ניט־ציַיטיקיַיט פון טרוימערישקיַיט, פון פּאָליטישער ניט־דערצויגנקיַיט, פון רעוואָליוציאָנערער ווייכליַביקיַיט. די היסטאָריש־עקאָנאָמישע באַדינגונגען דערקלערן סיַי די נויטווענדיקיַיט פון דעם אופקומען פונעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף פון די מאַסן, סיַי זייער ניט־צוגעגרייטקיַיט צום קאַמף, זייער טאָלסטאָיִשע ניט ווערן זיך קעגן בייז, וואָס דאָס איז געווען די סאַמע ערנסטע סיבה פון דער מאַפּאָלע פון דער ערשטער רעוואָליוציאָנערער קאַמפּאַניע.

מע זאָגט, אַז צעקלאַפּטע אַרמייען לערנען זיך גוט. געוויס, דער פאַרגליַיך צווישן רעוואָליוציאָנערע קלאַסן מיט אַרמייען איז ריכטיק, נאָר אין זייער אַ באַגרענעצטן זינען. די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם בײַט איבער און פאַרשאַרפט מיט איטלעכער שאָ יענע באַדינגונגען, וועלכע האָבן געשטויסן די פּויערישע מיליאָנען, צוזאַמענגעשלאָסענע דורכן האַס קעגן די פּריצים־לײַביגנטימער און קעגן זייער רעגירונג, צום רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישן קאַמף. דער וווּקס פונעם אויסטויש, פון דער הערשאַפט פונעם מאַרק און פון דער מאַכט פון געלט אינעם פּויערטום גופא שטופּט אַרויס אַלץ מערער דעם פּאַטריאַרכאַלן אַלט־שטייגער און די פּאַטריאַרכאַלע טאָלסטאָיִשע אידעאָלאָגיע. אָבער אומצווייפלהאַפט איז איין דערוווערבונג פון די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע און פון די ערשטע מאַפּאָלעס אינעם רעוואָליוציאָנערן מאַסנקאַמף: דאָס איז דער טויט־קלאַפּ, וועלכער איז געגעבן געוואָרן דער פריִערדיקער צעקראָכנקיַיט און שלאַבערדיקיַיט פון די מאַסן. די שייד־ליניעס זיַינען געוואָרן שאַרפער. די קלאַסן און פּאַרטייען האָבן זיך פאַנאַנדערגעגרענעצט. אונטער דעם האַמער פון סטאָליפּינס לעקציעס, בײַ דער אומאָפּווענדלעכער, אויסגעהאַלטענער אַגיטאַציע פון די רעוואָליוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלן ניט נאָר דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך די דעמאָקראַטישע מאַסן פונעם פּויערטום אומפאַרמיַידלעך אַרויסרוקן אַלץ מער פאַרהאַרטעוועטע קעמפער, אַלץ ווייניקער פייִקע אַריַינצופאַלן אין אונדזער היסטאָרישער זינד פון טאָלסטאָווּשטשינע.

„פּראָלעטאַרי", נומ. 35
פון 11 (24) סענטיאַבער 1908 י.

ל י ד י א ל י ב ע ד י נ ס ק א י א

דאָרט, ווו עס האָט געלעבט לעוו טאָלסטאָי

יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ... דאָס וויפלטע יאָר, אַז איך קום אַהער, און, ווי דאָס ערשטע מאָל, הייבט מיר דאָס האַרץ אָפּט אָן צו קלאַפּן בלויז פונעם געדאַנק, אַז אָט באַלד, הינטערן ראָג, דערזע איך די ווײַסע טורעמס, וועלכע באַצייכענען דעם אַרײַנפאָר אינעם גוט, און די סאַזשלקעס, און דאָס ווײַסע הויז אונטער אַ גרינעם דאַך, און די הילצערנע טעראַסע מיט די קאָמישע פיגורלעך אַף זײַלעכלעך, און די נידעריקע טיר.

נאָר לאָמיר זיך ניט אײַלן, לאָמיר צוואַרטן אַ ביסל מיטן אַרײַנגיין אין שטוב, לאָמיר זיך אַרומקוקן, צוהערן זיך, דערמאָנען זיך...

צום ווײַטן אוואַר געהערט יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. די ערשטע דערמאָנונג וועגן איר טרעפן מיר אין די אַרכיוו-דאָקומענטן פון 1652. געשטאַנען איז זי אַפן דאָרעמדיקן ברעג פון די וועלדער, וועלכע זײַנען געווען די שוץ-ליניע פון דער מאָסקווער מעלוכע. אין די וועלדער פלעגט מען אַף אַ שטעטך פון 50 — 100 מעטער שאַפן אָנוואַלגערונגען פון דויערסדיקע ביימער אַף צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַרן סוינע.

אין 1763 האָט סערגיי פיאָדאָראָוויטש וואָלקאָנסקי, לעוו ניקאָלײַעוויטשעס אורזיידע פון דער מוטערס צאַד, געקויפט יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. זײַן זון, ניקאָלײַ סערגייעוויטש, אַ גרויסער סראָרע בא יעקאַטערינע II (אַ סאַך שטריכן פון זײַן ביאָגראַפיע, כאַראַקטער, האַנדלונגען און געוווינהײַטן האָט טאָלסטאָי פאַרקערפּערט אינעם געשטאַלט פון דעם אַלטן פירשט וואָלקאָנסקי), איז אַוועק אין דעמיסיע אין די ערשטע יאָרן, ווען פּאַוועל I איז געקרוינט געוואָרן. ער איז געבליבן באַם טיטל גענעראַל-אַנשעף און האָט זיך באַזעצט אינעם גוט. פרײַ פון מעלוכע-איניאָנים, האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט ברענגען אין אָרדענונג יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

אַפן הויכן בערגל, פונוואַנען עס עפנט זיך אַ ברייטע פּאַנאָראַמע פונעם דאָרף, האָט ער אויסגעבויט צוויי געמויערטע פליגלען און צווישן זיי געלייגט דעם פונדאַמענט פון אַ דרײַשטאָקיק הויז. עטוואָס נידעריקער האָבן פאַרנומען זייערע ערטער דיווירטשאַפטלעכע ביניאָנים. באַם אַרײַנפאָר אין גוט זײַנען אוועקגעשטעלט געוואָרן צוויי קײַלעכדיקע ווײַסע טורעמס און צווישן זיי אײַזערנע טויערן, באַ וועלכע עס איז אין וואָלקאָנסקיס צײַטן שטענדיק געשטאַנען אַ וואַך. ווען ניקאָלײַ סערגייעוויטשעס באַסעקידע האָט, שוין נאָך זײַן טויט, כאַסענע געהאַט מיט ניקאָלײַ איליטש טאָלסטאָי, האָט זי אַרײַנגעטראָגן אַלס נאַדן יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

פאַרענדיקט בויען דאָס גרויסע הויז האָט ניקאָלײַ איליטש — דעם שרײַבערס פאָטער. עמעס, ניט אין אַזאַ מאַסשטאַב, ווי באַם פירשט, דאָך אָבער האָט דאָס הויז זיך באַקומען אַ ליכטיקס, ראַכוועסדיקס, פון צוויי און דרײַסיק צימערן. דאָס מעבל האָבן געמאַכט די לײַבייגענע, די דילן — ניט קיין געפאַרבטע, אין קלאַס-צימער זײַנען געשטאַנען האַרטע הילצערנע טאַבורעטקעס אָן ווענטלעך, צו מיטיק פלעגט מען אויסשפּרייטן גראָבע היימיש-געוועבטע טישטעכער.

אין אָט דעם הויז, אַפן צווייטן שטאָק, אין דער מאַמעס שמאָלן ווינקלצימער, איז אַפן ברייטן דיוואַן, באַציגן מיט גרינעם סאַפיאַן,

דעם 28 אויגוסט (9 סעפטעמבער) 1828 געבוירן געוואָרן לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי. דער דאָזיקער דיוואַן איז באַשריבן אין „קריג און פרידן" און אין „אַנאַ קאַרענינאַ", אין די „קינדער־יאָרן" און אינעם „פרימאָרגן פון א גוטבאַזיצער", אין „היימישן גליק" און אין די „דערינערונגען". „א לעדערנער אויסגעריבענער דיוואַן, באַצויגן מיט ציץ, וואָס האָט די פאַרב פון קופערנע נעגעלעך", — אָף אים זײַנען געבוירן געוואָרן טאָלסטאָיס קינדער און אייניקע פון די אייניקלעך, — איצט איז ער באַצויגן מיט צעראַטע און שטייט אין טאָלסטאָיס קאַבינעט. אינווייניק אין אים האָט לעוו ניקאָלײַעוויטש געהיט די מאַנוסקריפטן, צו וועלכע ער האָט קיינעם ניט דערלויבט צורירן זיך.

אין 1854 האָט טאָלסטאָי פאַרקויפט דאָס גרויסע הויז אָף אַרויספירן עס. דאָס גאַנצע לעבן אָבער דערמאָנט ער צערטלעך דאָס הויז און פירט אַרום די לייענער איבער זײַנע ניט־עקזיסטירנדיקע צימערן — סײַ אינעם ראָמאַן „קריג און פרידן" (דער גוט „ליסיִע גאָרי"), סײַ אין דער גרויסער דערציילונג „קינדער־יאָרן". אין 1897 איז טאָלסטאָיען אויסגעקומען צו זײַן וועגן אן איניען אין דאָלגאָיע, וווּהין ער האָט פאַרקויפט דאָס הויז, און ער האָט פאַרשריבן אינעם טאָגבוך: „דעם 4־טן געפאָרן קיין דאָלגאָיע. זייער רירנדיק דאָס צעוואַלגערטע הויז. א וועלט מיט דערינערונגען".

ניט ווײַט פונעם שטיין, וואָס באַצייכנט דאָס אָרט, ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען דאָס הויז, שטייט דער רעכטער פליגל. אין 1859 האָט דאָ טאָלסטאָי געעפנט א שול פאַר פויערישע קינדער. אַזא שול איז ניט געווען ניט אין רוסלאַנד, ניט אין אויסלאַנד, וווּהין טאָלסטאָי איז ספּעציִעל געפאָרן, קעדיי באַקאַנען זיך, ווי־אַזוי דאָרט איז אָוועקגעשטעלט דאָס שול־וועזן. די באַציִונגען צווישן די לערער און די שילער האָבן זיך אײַנגעשטעלט אין יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ כאָווערישע. טאָלסטאָי פלעגט אָפט גיין מיט די קינדער שפאַצירן, ער האָט אַכטונג געגעבן, ווי זיי באָדן זיך אין דער „גרויסער סאַזשלקע", און אַז די לימודים פלעגן זיך ענדיקן שפעט, פלעגט ער יעדן שילער אַליין אָפּפירן אַהיים.

„איך וויל בילדונג פאַרן פאָלק בלויז צוליב דעם, קעדיי ראַטעווען יענע פושקינס, לאָמאָנאָסאָווס, וועלכע טרינקען זיך דאָרט... און מיט זיי איז פול יעדע שול", — האָט געשריבן לעוו ניקאָלײַעוויטש צו זײַן קרויווע א. א. טאָלסטאַיאַ.

אין דער דאָזיקער שול האָט טאָלסטאָי ווינטער 1862 דערציילט די קינדער וועגן דער מילכאָמע פון 1812, וועגן דעם זיג איבער נאַפּאָלעאָנען, און ער איז געווען גליקלעך: צום ערשטן מאָל האָט ער געזען די שילער אַזוי פאַרכושעט, אַזוי שטאָלץ פאַר זייער פאָלק, פאַר רוסלאַנד. ניט צופעליק האַלטן אייניקע פאָרשער פון טאָלסטאָיס שאַפונג די דאָזיקע לעקציע פאַר איינער פון יענע ערשטע זוימען, פון וועלכע עס איז שפעטער אויסגעוואַקסן די געניִאַלע עפּאָפּיי „קריג און פרידן". טאָלסטאָי אַליין האָט אָנערקענט, אַז ער האָט די דערציילונג בייסן לימוד געפירט קימאַט אין א מײַסע־טאָן, און דאָס איז געווען א קינסטלערישע דערציילונג. ווען די לימודים האָבן זיך געענדיקט, האָבן אינעם פינצטערן ווינטערדיקן הימל שוין געגלאַנצט די הויכע שטערן, עס האָט געפינקלט דער שניי, די קינדער האָבן אַרומגערינגלט דעם לערער, ניט געוואָלט צעשיידן זיך, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו גיין ביזן דאָרף מיט אן אַרומיקן וועג, פאַרזעצן דעם שמועס.

ווען די רעגירונג האָט זיך דערוווּסט וועגן דער שול, איז זי געוואָרן אומרויִק, און ווען טאָלסטאָי איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן, האָט מען אין יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ געמאַכט אן אונטערזוכונג — מע האָט געהאָפט צו געפינען א געהיימע דרוקערײַ.

„באַוואָפנטע זשאַנדאַרמען זײַנען אַרומגעגאַנגען, געשריִען, געזידלט זיך אונטער דער שוועסטערס פענצטער, ווי אין אן אָקופירטן קאַנט... זיי זײַנען געגאַנגען אין די קעלערס, אין וואַטערקלאָזעט, אין דער פאָטאָגראַפיע, אין די סקלאַדן, אין די שולן, אין פיזישן קאַבינעט, געפאָדערט אַלע שליסלען. זיי האָבן ניט באַוויזן קיין שום פאַפיר, וואָס אָף זײַן סמאַך וואָלט דאָס אַלץ געטאָן..." — האָט מיט צאָרן געשריבן לעוו נעקאָלײַעוויטש צו א. א. טאָלסטאַיאַ.

אינגיכן נאָך דער אונטערזוכונג האָט מען די שול פאַרמאַכט, און ערשט אין 14 יאָר אַרום האָט טאָלסטאָי באַנײַט די לימודים מיט די פויערשע קינדער.

אין דעם דאָזיקן פליגל פלעגן זיך אָפּשטעלן טאָלסטאָיס קרויווים, אָפטער ווי אַלע סאָפיאַ אַנדרייעוונעס שוועסטער ט. א. קוזמינסקאַיאַ מיטן געזינד, דערפאַר האָט מען דעם פליגל גערופן „דער קוזמינסקי־פליגל".

איצט געפינט זיך דאָרט דער ליטעראַרישער מוזיי.

„טאָלסטאָי — דאָס איז א גאַנצע וועלט... אַז מע קען ניט טאָלסטאָיען, קאָן מען ניט האַלטן זיך פאַר א קענער פונעם אייגענעם לאַנד, קאָן מען ניט האַלטן זיך פאַר א קולטורעלן מענטשן".
מ. גאָרקי.

— אין מוזיי ווערט איצט צוגעגרייט א פאַרברייטערטע עקספּאָזיציע וועגן לעוו טאָלסטאָיס שאַפונג, אויך אַן אויסשטעלונג „טאָלסטאָי און די הײַנטיקע קולטור", — זאָגט דער שטעלפאַר־



ל. נ. טאָלסטאָיס הויז אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ (1908)

טרעטער פונעם דירעקטאָר איבער דער וויסנ־שאַפטלעכער טייל וו. א. לעבעדיעווא.—די אויס־שטעלונג געפינט זיך אינעם וואָלקאָנסקי־הויז. זי וועט דערציילן וועגן דעם, וויאַזוי עס ווערן באַוויזן ל. טאָלסטאָיס ווערק אַף דער טעאַטער־בינע, אין קינאָ, ווי אויך זייער אָפּקלאַנג אין מוזיק און מאָלערײַ־קונסט בא אונדז אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד און אין גאָר דער וועלט. א ספּעציעלער אָפּטייל פון דער אויסשטעלונג איז געווידמעט דער זאָרג, וואָס די סאָוועטן־רעגי־רונג ווײַזט ארויס דעם טאָלסטאָי־מעמאָריאַל יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

דאָ דאַרפֿן מיר זיך אומקערן צוריק צו דער פאַרגאַנגענהײַט.

נאָך טאָלסטאָיס טויט האָט סאָפיאַ אַנדריי־עוונאַ מיט די זין באַשלאָסן צו פאַרקויפֿן יאַס־נאַיאַ פּאָליאַנאַ דער מעלוכע מיטן באַדינג, אַז עס זאָל פאַרהיט ווערן אומגעריירט לעוו ניקאָ־לײַעוויטשעס קאַבינעט און דער שלאָפצימער, נאַטירלעך — אויך זײַן קייווער. די ערד, ווידער, דאַרף אין העסקעם מיט טאָלסטאָיס ווילן איבער־געגעבן ווערן די פּויערים. סאָפיאַ אַנדרייעוונאַ האָט זיך געווענדט מיט א בריוו צום צאַר ני־קאָלײַ II. די פראַגע וועגן קויפֿן יאַסנאַיאַ פּאָ־ליאַנאַ איז צוויי מאָל באַהאַנדלט געוואָרן אין מיניסטאָרן־ראַט. דער אָבער־פּראָקוראָר סעד־לער איז שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן דעם. אָט איז דער לעפּיזערעכדיקער אינהאַלט פון זײַן רע־דע:

...האַגאַם טאָלסטאָי האָט מיט עטלעכע ווערק פון הויכער שיינקײַט באַרײַכערט די רוסישע ליטעראַטור, אָבער אַלס פילאָסאָף און דענקער האָט ער דעם היימלאַנד פאַרשאַפֿן אָן א שיר בייז, ער איז ארויסגעטראָטן ווי א פאַרביטער־טער און אומבעשאָלעמדיקער קעגנער פונעם רעליגיעזן לעבנס־סיידער, פון דער פּראַוואָ־סלאַווגער קירך. מיט דער קראַפט פון זײַן טאַלאַנט האָט ער אומגעבראַכט א סאַך אַזעלכע, וועמען עס האָט אויסגעפעלט סייכל, ער האָט געשפּרייט א וויסטע מעהומע אין די מויכעס פון די רוסי־שע מענטשן. דער אויספיר: יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ דאַרף מען ניט קויפֿן...

דער מיניסטאָרן־ראַט האָט קיין באַשלוס ניט אָנגענומען, און סאָפיאַ אַנדרייעוונאַ האָט א צווייט מאָל זיך געווענדט צום צאַר. דאַן איז געקומען דעם צאַרס אייגנהענטיקע רעזאָליוציע: אָפּזאָגן.

טאָלסטאָיס יאָרשים זײַנען אַליין צוגעטראָטן צו איבערגעבן די ערד די פּויערים.

לעוו ניקאָלײַעוויטשעס קאַבינעט און דעם שלאָפצימער האָט סאָפיאַ אַנדרייעוונאַ פאַר־וואַנדלט אין מוזיי־צימערן, זי האָט צונויפגע־שטעלט א גענויע רעשימע פונעם גאַנצן פאַר־מעגן, וואָס געפינט זיך אינעם הויז, אָנגעהויבן שרײַבן א קאַטאַלאָג פון דער ביבליאָטעק. אָבער פאַר איר, א באַיאָרטער און קראַנקער פרוי, איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער צו פאַרהיטן דאָס הויז, וואָס איז געוואָרן אַלט,

ל. נ. טאָלסטאָי און א. מ. גאָרקי אין יאסנאיא פּאָליאנא (1900).

פארלאָזן. דער פּארק איז פארנאכלעסיקט געוואָרן. און דאָ האָט זיך נאָך אונטערגערוקט די ערשטע וועלט־מילכאָמע...

קיינע מאָסמיטלען צו אָפּהיטן און אונטערהאלטן יאסנאיא פּאָליאנא האָט ניט אָנגענומען אויך די צײַטווײַליקע רעגירונג. עס האָבן אָבער ניט פארגעסן וועגן דעם די ארבעטער. דעם 5 מארט 1917 האָט אין יאסנאיא פּאָליאנא זיך באוויזן א קאָלאָנע ארבעטער פון קאָסאָגאָרסקער מעטאלורגישן זאוואָד מיט א רויטער פאָן, אָף וועלכער עס איז געווען אָנגעשריבן: „אייביקער אָנדענק דעם גרויסן קעמפער פאר פרײַהײַט!" מיט געזאנג פון דער „מארסעליעזע" זײַנען זיי צוגעגאנגען צו טאָלסטאָיס הויז און פון דאָרט איבערן טיפן שניי — צו זײַן קייווער.

„די ארבעטער האָבן געזונגען, געהאלטן רעדעס, אלץ וועגן פרײַהײַט. אלס ענטפער האָב איך אויך געהאלטן א קורצע רעדע וועגן לעוו ניקאָלײַעוויטשעס געבאָטן. אָפן קייווער האָט מען געזונגען „אייביקן אָנדענק"", — שרײַבט אין «Ежедневник» סאָפיא אנדרייעוונא.

דאָס צווייטע לעבן פון יאסנאיא פּאָליאנא הייבט זיך אָן נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. אין די שווערע טעג פון 1918 האָט וו. אי. לענין דעם 30 מארט פערזענלעך אונטערגעשריבן א ספּעציעלע באשטימונג:

„...ווענדן זיך אין נאָמען פונעם ראט פון די פאָלקס־קאָמיסארן צום אָרטיקן סאָוועט מיט אן אָנווײַזונג, אז ער טראָגט די מעלוכע־פליכט צו אָפּהיטן דאָס גוט „יאסנאיא פּאָליאנא" מיט אלע היסטאָרישע דערמאָנונגען, וועלכע זײַנען מיט יאסנאיא פּאָליאנא פארבונדן. דעם באשלוס פון די אָרטיקע פויערים, אז דאָס גוט געפינט זיך אָפן גאנצן לעבן אין באנוץ פון סאָפיא אנדרייעוונא, — באשטעטיקן".

סאָפיא אנדרייעוונא פארשרײַבט אין «Ежедневник»: „די באָלשעוויקעס גיבן אונדז אלץ, און מע באאוולט אונדז מיט קיין זאך ניט".

אין 1919 האָט יאסנאיא פּאָליאנא באקומען פון פאָלקאָמבילד א שוץ־דאָקומענט, אז זי האָט „אן אויסערגעוויינלעכע קולטור־היסטאָרישע ווערט". אינעם זעלבן יאָר קומט קיין יאסנאיא פּאָליאנא צו פארן דער פאָרזיצער פון אלרוסלענדישן צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט מיכאִיל איוואנאָוויטש קאלינין. אָט וואָס עס שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס וועגן דעם דאָזיקן באזוך מ. סערגייענקאָ:

„מיכאִיל איוואנאָוויטש האָט געבעטן, מע זאָל אים באווײַזן טאָלסטאָיס הויז. עס האָט אים באגלייט טאָלסטאָיס עלטערע טאָכטער — טאטיאנא לוואָוונא. קאלינין האָט זיך שטארק אינטערעסירט מיט אלץ, וואָס זי האָט אים באוויזן. זי האָט דערציילט, אז ער האָט זיך געהאלטן מיט טיפער אכטונג, מיט גרויס ווירדע, רויִק, בעקאָוועדיק".

אין ליטערארישן מוזיי ווערט געהיט א קינאָ־קאדער, אָף וועלכן עס זײַנען באוויזן מיכאִיל איוואנאָוויטש קאלינין און סאָפיא אנד־



פאַקסימילע פון ל. נ. טאָלסטאָיס פאַרנאָטירונגען אַפן אָרט פון דער שלאַכט בא באָראָדינאָ.

רייעווונא טאָלסטאַיאַ, וועלכע זיצן באַם טיי־טיש אף דער זומער־טעראַסע.

דעם 10 יון 1921 איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס פון פּרעזידיום פונעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, וועלכער האָט אַף שטענדיק באַשטימט דעם גורל פונעם היילקן מעמאָריאַל.

אַף דעם היטער פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ איז אַרופגעלייגט געוואָרן די פליכט צו אופּהאַלטן און אָפּהיטן אין פולער אָרדענונג דאָס הויז, אופּשטעלן דאָס, וואָס איז צוליב וועלכער־ניט־איז סיבע כאָרעוו אָדער אַלט געוואָרן נאָך טאָלסטאָיס טויט.

פון דעמלט אָן איז דער דאָזיקער דאָקומענט א געזעץ פאַר די, וואָס אַרבעטן אינעם מוזיי. טאָג נאָך טאָג ווערט דאָ געפירט א זאָרגפעליקע און סקרופּולעזע אַרבעט צו אָפּהיטן יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. און מיט יעדן יאָר ווערט די אַרבעט אַלץ ברייטער.

א באַזונדערע זאָרג ווערט אַרויסגעוויזן די וואַלד־רײַכטימער פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. לאָמיר ריידן אָפן: מיט יעדן יאָר ווערט אָט די אַרבעט אַלץ שווערער. די אינדוסטריע, וועלכע אַנטוויקלט זיך אין די אַרומיקע ראַיאָנען, באַזונדערס דער שטשאָקינסקער כימקאָמבינאַט, ווירקן שעדלעך אַף די ביימער. עס זײַנען אומגעקומען אַלטע יאָדלעס, און אָנשטאָט זיי האָט מען פאַרפלאַנצט בערעזעס. שוין ניטאָ די „ביימער פון די אָרעמע”, אונטער וועלכע טאָלסטאָי פלעגט שמועסן מיט די פויערים. עס קומען אום די דעמבן אין טשעפּיזש, וועלכע זײַנען אונדז אַזוי גוט באַקאַנט פון די ראָמאַנען „קריג און פרידן” און „אַנאַ קאַרענינאַ” (איר געדענקט, ווי אונטער איינעם פון די דאָזיקע דעמבן האָט דער געוויטער געטראָפן קיטי מיט איר בכאָר?).

עמעס, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון געלערנטע איז צווישן דעם מעמאָריאַל און דעם שטשאָקינסקער כימישן קאָמבינאַט געשאַפן געוואָרן א וואַלדשוץ־זאָנע, עס ווערן אָנגענומען אויך אַנדערע מאָסמיטלען, דערווײַל אָבער זעט מען נאָך ניט פון זיי די נייטיקע רעזולטאַטן. אַלע ביימער אָבער געפינען זיך אַפן דיסקאָנט, וועגן יעדן בוים זאָרגט מען: מע פּלאָמבירט די לעכער און שפּאַלטן, מע שנײַדט אונטער די צווײַגן, מע פאַרבעסערט דעם כימישן און פיזישן באַשטאַנד פונעם באָדן. ווען אָנשטאָט אַן אָפּגעהאַקטן „בוים פון די אָרעמע” האָט מען געפלאַנצט א נײַ ביימל, האָט מען אָפּגעקליבן ניט בלויז דעם „מין”, נאָר אויך די פאָרם, מיט א טאָפּעלן שטאַם. ווען דאָס ביימעלע וועט אויסוואַקסן, אָנעמען זיך מיט קראַפט, וועט מען אין אים אַרײַנשנײַדן דעם גלאָק, וועלכער האָט אין מעשעך פון טעלעכע יאָרצענדליקער גערופן צו מיטיק די גרויסע טאָלסטאָי־מישפּאָכע.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צום ליטעראַרישן מוזיי.

„21 פעוורואַל 1942. פאַרנדיק אַפן פראָנט, קאָן איך נישט ניט פאַרפאָרן אהער. אין לענינגראַד האָב איך געקענט א קאָמאַנדיר פון א האַרמאַט, וואָס האָט באַם אָפּגעבן די קאָמאַנדע געשריִען:

— פאַר „קריג און פרידן” — פײַער!
— פאַר „אַנאַ קאַרענינאַ” — פײַער!

ער איז טאַקע אַזוי דערהאַרגעט געוואָרן פאַר טאָלסטאָיען.

אַלזאָ, אַף דער מילכאָמע — פאַר „קריג און פרידן”!

לייטענאַנט זאַכאַרטשענקאָ

(פונעם בוך פון די באַזוכער פונעם מוזיי „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ”)

איך האָב געלייענט די דאָזיקע שורעס און זיך דערמאָנט מאָסקווע מילכאָמע־צײַט — א קאַלטע, מיט פאַרטונקלטער שײַן, אַף די ראָגן יאָזשן קעגן טאַנקען, די וויטרינעס פאַרלייגט מיט זאַמד־זעק. אינעם גרויסן זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע לייענט דער אַרטיסט דמיטרי זשוראַוולִיאָוו קאַפּיטלען פונעם ראָמאַן „קריג און פרידן”. אין זאַל זיצן פרויען, א סאַך מיליי־

טער־לײַט. וויפל פון זיי האָבן גלײַך פונעם קאָנצערט באַדאַרפט אוועקפאָרן אַפן פראָנט! ווי אופגערודערט זײַנען די פּנימער, ווי אָנגע־שטרענגט פרעסן די הענטלעך פון די פּאַטעלס די פרויען מיט בלאַסע פּנימער און פאַרהאָרע־וועטע הענט! יעדע פון זיי האָט אַפן פראָנט א זון, א ברודער, א מאַן. צי איז איר באַשערט צו זען זיך מיט זיי נאָכאַמאָל?

דער ראָמאַן פון לעוו טאָלסטאָי האָט גע־פלאַנצט אין די מענטשן גלויבן אינעם זיג, אין די גרענעצלאָזע קויכעס פונעם רוסישן פאָלק, און דעריבער איז דאָס בוך „קריג און פרידן" נייטיק געווען די מענטשן, ווי ברויט און לופט. דאָס דאָזיקע בוך האָט געלייענט דאָס גאַנצע לאַנד. א גרויסער שרײַבער איז שטענדיק מיטן פאָלק — סײַ אין דער צײַט פון ניצחונעס, סײַ אין דער צײַט פון דערשיטערונגען.

אין האַרבסט 1941 האָט מען אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ זיך געגרייט צו דער עוואַקואַציע. צוויי וואַגאָנעס מיט די ווערטפולסטע עקספּאָנאַטן זײַנען אַפגעשיקט געוואָרן אַף מיזרעך. דעם 19 אָקטיאַבער האָט מען ליקווידירט די ווירט־שאַפט — אוועקגעטריבן דאָס פי, צעטיילט די בינשטאָקן צווישן די אײַנוווינער. און אין צען טעג ארום איז דורך דעם יאַסנאָפּאָליאַנער הויז דורכגעגאַנגען מיט א גיכן טראָט, שנעל באַ־קוקנדיק עס, דער גענעראַל גודעריאַן.

„טאָלסטאָיס הויז — א קאַזאַרמע מיט ביקסן, קוילנוואַרפערס, אין איין צימער — א פאַבריקמאַ־כערײַ, די סאָלדאַטן גאָלן זיך, שערן זיך, ריי־ניקן זיך, אין א צווייט צימער — א שוסטער־וואַרשטאַט, ארום און ארום מיסט און אָפּ־פאַל..." — אַזוי פאַרשרײַבט אין זײַן טאָגבוך דער וויסנשאַפט־טוער פונעם מוזיי ס. אי. שטשאָגאָ־לעוו.

ארום טאָלסטאָיס קייווער האָבן די פאַשיסטן באַגראָבן זייערע סאָלדאַטן און אָפיצערן.

דעם 14 דעקאַבער 1941 האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקטריט פונעם דײַטשיש־פאַשיסטישן מיליטער. איבערן וועג, אַף וועלכן עס האָבן מיט ייִראַס־האַקאָוועד געטראָטן הונדערטער טויזנטער מענטשן, האָט זיך דורכגעטראָגן א מאַשין מיט אונטערצינדער. דאָס הויז, וווּ עס איז געשאַפן געוואָרן „קריג און פרידן", „אַנאַ קאַרענינאַ", „וואָסקרעסעניע", „קאַזאַקן", „כאַדזשי מוראַט", פונוואַנען עס האָט אַף דער גאַנ־צער וועלט געהילכט די שטים פון עמעס און געוויסן, איז פאַרורטיילט געוואָרן צו פאַר־ברענט ווערן.

צעלייגט שײַטערס אין טאָלסטאָיס שלאָפצי־מער, אינעם צימער פון סאָפיאַ אַנדרייעווונאַ און אין דער ביבליאָטעק, האָבן די אָקופּאַנטן זיך אָפּגעטראָגן. א געדיכטער שוואַרצער רויך האָט שוין גענומען שפּאַרן פון די פענצטער. א הײַפל מיטאַרבעטער האָט אָנגעהויבן א שלאַכט מיטן פײַער, און דאָס הויז איז אָפּגעראַטעוועט גע־וואָרן.

אַף מאָרגן, דעם 16 דעקאַבער, האָט ס. אי. שטשאָגאָלעוו דורכגעפירט איבערן אָפּ־געברענטן הויז די ערשטע עקסקורסיע — פון די שלאַכטלײַט, וועלכע האָבן פאַרטריבן דעם אָקו־פּאַנט פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

דעם 1 מײַ 1942 איז טאָלסטאָיס הויז געעפנט געוואָרן פאַר די באַזוכער.

...מיטן פאַרשנייטן שטעגעלע, פאַרבײַ דעם אַרײַנגאַנג אין הויז, גיי איך איצט לאַנגזאַם צו דער קאַליטקע, וועלכע פירט צום אייבערשטן פּאַרק. ער הייסט צוויקל־פּאַרק, ווײַל ער איז פאַרפּלאַנירט אין צוויקלען, וועלכע בילדן א גרויסן דרײַעק. ווי שטיל דאָ איז איצט, בלוי־לעכע שאָטנס ליגן אַפן שניי, נאַקעט זײַנען די ביימער. זומער־צײַט דערגרייכן די קרוינען פון די צעצווײַגטע לינדנביימער ביזן סאַמע הימל, בילדנדיק א געדיכט־געפּלאָכטענעם געצעלט, די וואָרצלען פון די מעכטיקע ביימער שנײַדן איבער די מיט מאָך באַוואַקסענע אַלייען. דער דאָזיקער פּאַרק איז פאַרפּלאַנצט געוואָרן לויט נ. ס. וואָלקאָנסקיס באַפעל. טאָלסטאָי האָט גע־שריבן וועגן דעם זיידן:

„...ער האָט אויך זייער ליב געהאַט מוזיק, ווײַל נאָר פאַר זיך און פאַר דער מוטער האָט ער געהאַלטן א גוטן קליינעם אָרקעסטער. איך האָב נאָך געטראָפן א ריזיקן אולמע־בוים, וועלכן מע דאַרף דרײַ מאָל אַרומנעמען מיט די הענט און וועלכער איז געוואַקסן אינעם צוויקל פון דער אַליי לינדנביימער. ארום אים זײַנען געווען בענק און פּיופּיטערס פאַר די מו־זיקאַנטן..."

דער דאָזיקער פּאַרק איז באַ טאָלסטאָיען געווען פאַרבונדן מיט דערינערונגען וועגן דער מוטער.

לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט געהייסן, מע זאָל אין איר אָנדענק אוועקשטעלן אינעם אונ־טערשטן טייל פונעם פּאַרק א זומער־פּאַווי־ליאָן — א טורעם. ווי מע דערציילט, האָט מאַ־ריאַ ניקאָלײַעווונאַ גראַד אין אַזאַ פּאַוויליאָן ליב געהאַט אָפּצורוען בייס די שפּאַצירן.

איך גיי אַראָפּ אונטן און קוק אַרויס צו די ווירטשאַפטלעכע בינייאָנים. אָט זע איך פאַר זיך דעם נידעריקן לאַנגן בינייען פון דער פערד־שטאַל.

די לעצטע יאָרן האָט לעוו ניקאָלײַעוויטש שווער פאַרטראָגן דעם פריצישן שטייגער אינעם לעבן פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. ענדערן עפּעס איז ער ניט געווען בעקויעך. און אָט איז ער אינעם קאַלטן האַרבסט־טאָג פון 28 אָקטיאַבער 1910 געקומען אַהער, צו דער פערד־שטאַל, אופגע־וועקט דעם קוטשער, געהייסן שפּאַנען די פערד

און אף שטענדיק פאַרלאָזט זײַן יאַסנאַיאַ פּאָליאַ־
נאַ...

אין די יאָרן, ווען לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט געלעבט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, איז דאָס הויז ניט איין מאָל איבערגעבויט געוואָרן. ווען טאָלסטאָי האָט זיך אומגעקערט אַהער פון פּעטערבורג אין 1856, האָט ער זיך באַזעצט אין קוזמינסקער פליגל צוזאַמען מיט דער מומען — ט. א. יערגאָלסקאַיאַ, וועלכע איז נאָכן טויט פון מאַריאַ ניקאָלײַעוונאַ געווען פאַר טאָלסטאָיס קינדער א מאַמע. אין סענטיאַבער 1862 האָט ער אַהער געבראַכט א יונגע פרוי, די זיבעצניאָריקע סאָפיאַ אַנדרייעוונאַ.

„לעבן מיט א שרײַבער, וואָס לייענט צו זיבן מאָל די קאָרעקטור פון זײַן בוך און יעדעס מאָל שרײַבט ער דאָס בוך קימאַט אפסנײַ, פײַנלעך רעגנדיק זיך אַליין און רעגנדיק אַנדערע; לעבן מיט א שטפער, וואָס שאַפט א ריזיקע וועלט, וועלכע איז ביז אים ניט געווען, — צי קאָנען מיר פאַרשטיין און אָפּשאַצן אַלע אומרוען פון אַזאַ אויסערגעוויינלעך לעבן?“ — האָט געשריבן וועגן סאָפיאַ אַנדרייעוונאַ א. מ. גאָרקי.

אַכט און פערציק יאָר איז איר באַשערט געווען צו זײַן אַן איידעס און אַן אַנטיילנעמערן פון טאָלסטאָיס טיטאַנישער אַרבעט.

די מישפּאָכע איז געוואָרן גרעסער, און צום פליגל זײַנען אין פאַרשיידענע יאָרן צוגעבויט געוואָרן נײַע בינייאָנים — דאָס ערשטע מאָל אין 1866, פון דער זײַט פונעם צוויקל־פּאַרק, א הילצערנער בינייען, אָן שטוקאַטורקע. אין 1871 — אונטן א פאָדערצימער און אַן אונטערשטער קאַבינעט, און אינעם אייבערשטן שטאָק א גרויסער זאַל מיט זעקס פענצטער פון ביידע זײַטן. די אַרבעט האָט מען פאַרענדיקט צום ווײַנאַכטיאָמטעוו. אָט ווי עס דערציילט וועגן דעם אין אירע דערינערונגען טאָלסטאָיס טאָכטער ט. ל. סוכאָטינאַ:

„דער זאַל איז געווען פּרעכטיק; דער אפסנײַ אָנגעוועקסלטער פּאַרקעט האָט געגלאַנצט ווי א שפּיגל, אָף די ווענט זײַנען געהאַנגען פּאַרצײַטיקע פּאָרטרעטן פון טאָלסטאָיס אורעלטערן. צווישן די פענצטער און לעם די טירן האָט מען אופגעהאַנגען שפּיגלען, אַנטקעגן זיי צוויי קעראָסין־לאָמפּן, אינמיטן צימער — א טיש באַדעקט מיט א ווײַסן טישטעך, אף אים — געשיר און א קאַלטער אָוונטברויט פאַר די געסט, אף וועלכע מע וואַרט“...

וועמען האָבן ניט געזען די ווענט פון אָט דעם זאַל — טשעכאָוון און גאָרקין, טורגענעוון, פעטן, לעסקאָוון, קאָראָלענקאָן, סטאַסאָוון, רעפּינען, גע, נעסטעראָוון, טאַנייעוון, אַרענסקין, — אַלעמען איז אומעגלעך איבערצורעכענען!

דאָ איז פאָרגעקומען די ערשטע פאַרשטע־

ל. נ. טאָלסטאָי צווישן פויערים און זייערע קינדער. (יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, 1909).

לונג פון דער קאָמעדיע „די פרוכט פון אופקלע־רונג“, דאָ האָט טאָלסטאָי געלייענט פאַר אַן ענגן קרײַז קאַפּיטלען פון זײַן דעמלט נאָך ניט פאַר־ענדיקטן ראָמאַן „וואָסקרעסעניע“.

דער זאַל איז אויך איצט פאַרבליבן אַזאַ, ווי ער איז געווען, בײַ̈ס טאָלסטאָי האָט געלעבט. דאָס איז דער גרעסטער צימער אינעם הויז פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. דאָ איז אָבער ניטאָ קיין שום לוקסוס, ניטאָ קיין טײַערע סטיל־מעבל. אַ סאַך כּפּייצים זײַנען אַהער אַריבער פונעם גרויסן, פאַרקויפטן הויז. אַלץ אָטעמט מיט וואַרעמקײַט און געמיטלעכקײַט. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט ליב געהאַט אַלטע כּפּייצים, ער פלעגט זאָגן, אַז פון זיי שמעקט מיט גוטע מישפּאָכע־דערינערונ־גען.

אַגעוו, ווער עס איז געווען אין כאַמאָווני־קער הויז־מוזיי פון ל. נ. טאָלסטאָי אין מאָסק־ווע, האָט געקאָנט זיך איבערצײַגן, אַז אויך דאָרט הערשט די זעלבע סיטואַציע פון פּאַשטעס און באַקוועמלעכקײַט.

„טאָלסטאָיס הויז (אין מאָסקווע) איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי פאַר דעם באַווּך פון ברייטע מאַסן. לויט לענינס פאַראָרדענונג זײַנען צוניפגעשטעלט געוואָרן ספּעציעלע פלע־נער פונעם הויז, פון דעם סאַד און פון די הויף־ביניאָנים“.

וו. באָנטש־ברויעוויטש.

אינעם מאָסקווער הויז האָט לעוו ניקאָלײַע־וויטש אָפּגעלעבט 19 ווינטערס, פון 1882 ביז 1901. ווען עס איז געוואָרן נייטיק צו וווינען אין מאָסקווע, קעדיי די עלטערע קינדער זאָלן קאָנען לערנען, האָט טאָלסטאָי אַליין געלאָזט זיך זוכן אַ הויז. אין יול 1882 זײַנען פאַרטיק געוואָרן די דאָקומענטן וועגן דער קניִע און דאָס הויז פונעם קאָלעזשסקי סעקרעטאַר אַרנאַוטאָוו אָף דאָלגאָכאַמאָווניקער געסל נום. 15 איז אַרי־בער אין באַנוץ פונעם געזינד טאָלסטאָי. דאָס הויז איז געווען אַלט, עס האָט איבערגעלעבט נאַפּאָלעאָנס אינוואַזיע, און אַ ביסל ענג — דאָס טאָלסטאָי־געזינד איז אין 1882 באַשטאַנען פון אַכט קינדער. אונטער לעוו ניקאָלײַעוויטשעס אויפזיכט האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעמאָנט און די איבערבויונג פונעם הויז.

סערגיי לוואָוויטש דערמאָנט זיך:

„דער אונטערשטער שטאָק און די אַנטרע־סאָלן זײַנען געבליבן ניט גערירט, ווי פריִער, און אויפן ערשטן שטאָק האָט מען אויסגעבויט דרײַ הויכע צימערן מיט פּאַרקעט־דילן, אַ גאַנץ גרויסן זאַל, אַן אופנאַם־זאַל, און הינטער דעם אופנאַם־זאַל אַ קליין צימערל (דיוואַן־צימער) און פּאַראַד־טרעפּ“.

דאָס אַלץ פּאַסט וווּנדערלעך פאַר דעם לעבנסשטייגער, וועלכער איז געווען אין יאַס־נאַיאַ פּאָליאַנאַ, אויך דער ערשטער אײַנדרוק וועגן טאָלסטאָיס קאַבינעט איז דער זעלבער, ווי וועגן זײַן קאַבינעט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ — באַשיידנקײַט און פּאַשטעס. קיין איין איבעריקע זאַך. אויפן טיש, וועלכער איז פון אַלע דרײַ זײַטן אַרומגערינגלט מיט אַ נידעריקן הילצערנעם באַ־ריער, ליגט בלויז שרײַב־געצײַג, קיינע צאַ־צקעס.

„איך שרײַב שטענדיק בײַ איין ליכט, און אָט האָב איך דערלעבט ביז זיבעציק יאָר און איך טראָג קיינמאָל קיין ברילן ניט!“ — פלעגט מיט שטאָלץ זאָגן טאָלסטאָי.

אַגעוו, איז ער געווען שטאַרק קורצזיכטיק, און קעדיי ניט דאַרפן בייגן זיך איבער די פּאַ־פּירן, האָט ער אונטערגעזעגט די פיסלעך פו־נעם שטול. אַ טונקעלער, פון בוקן־האָלץ, שטייט דער טיש אויך איצט אין כאַמאָווניקער קאַבי־נעט. און אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ קאָן מען לעבן טאָלסטאָיס אַרבעטס־טיש זען אַ קליינעם קינ־דער־שטול — פאַר דער טאָכטער טאַטיאַנאַ.

דאָס כאַמאָווניקער הויז איז אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן סאָד.

„ווען איך האָב דערזען די סאָסנעס, די בע־רעזעס, מאָך אַרום דיביימער, האָב איך דער־פילט, ווי איך וואָלט ווידער געווען אין יאַס־נאַיאַ“. — האָט סאָפיאַ אַנדרייעוונאַ געשריבן צו לעוו ניקאָלײַעוויטשן.

מאָסקווע האָט געעפנט פאַר טאָלסטאָיען ברייטע מעגלעכקײַטן צו באַאָבאַכטן דאָס אַרו־מיקע לעבן. ער האָט דערשפּירט אינעם לעבן דאָס, וואָס איז געבליבן פאַרהוילן פאַר פיל שרײַבער, באַגרענעצטע מיט דער אַדליקער סוויווע. אין די ערשטע מאָסקווער פאַרנאָטירונ־גען אינעם טאָגבוך לייענען מיר:

„אַן איפּעש, שטיינער, לוקסוס, אָרעמקײַט. אויסגעלאַסנקײַט. עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט גאַזלאָנים, וועלכע האָבן באַראַבעוועט דאָס פאָלק, אָנגענומען סאָלדאַטן, ריכטער, קעדיי אָפּ־היטן זייער אָרגיִע, און זיי פראַווען סודעס. דאָס פאָלק האָט מער ניט וואָס צו טאָן, ווי אויסנוצן די ליידנשאַפטן פון אָט די מענטשן, אַרויסנאַרן בײַ זיי אָף צוריק דאָס אָנגעראַבעוועטע“.

און אינעם טראַקטאַט „איז וואָס זשע דאַרפן מיר טאָן?“ האָט טאָלסטאָי געשריבן:

„איך ווייס די דאָרפישע אָרעמקײַט, אָבער די שטאָטישע איז פאַר מיר נײַ און ניט פאַרשטענ־דלעך. אין מאָסקווע קאָן מען קיין גאַס ניט דורכגיין, מע זאָל ניט אָנטרעפן אָף קאַפּצאָנים, און ספּעציפישע קאַפּצאָנים, וועלכע זײַנען ניט ענלעך אָף די דאָרפישע“.

„ווידע“, „וועגן דער קאָרעספּאָנדענץ אין

מאָסקווע", „דער טויט פון איוואַן איליטש", „לײַוונט־מעסטער", „ניקאָלײַ פּאַלקין", „די קרייצער־סאָנאַטע", „א פאַלשער קופּאָן" און נאָך און נאָך אַנדערע (סאַכאַקל אַרום הונדערט ווערק) האָט טאָלסטאָי דורכגעטראַכט, געשריבן אָדער איבערגעמאַכט אינעם מאָסקווער הויז. און אין יעדן פון זיי דעמאַסקירט ער די יעסוידעס פון דער „נײַער שקלאַפערײַ".

אין כאַמאָווניקער הויז האָט דער טאָלסטאָי־מישפּאָכע געטראָפן א גרויסער אומגליק — עס איז געשטאָרבן דער ייִנגערער באַליבטער זון וואַניעטשקע.

פונעם לעבן אין דער טומלדיקער שטאָט פלעגט טאָלסטאָי מיד ווערן, ער האָט שטענדיק מיט אַלע קויכעס פון דער נעשאָמע זיך געריסן אַהין, ווו „אינדערפרי גייט ווידער די שפּיל פון ליכט און שאָטן פון די גרויסע, געדיכט אָנגעפּעלצטע בערעזעס פונעם פּרעשפּעקט אינעם שוין הויכן, טונקל־גרינעם גראָז און „פאַרגעס־מיך־ניט" און טויבע קראָפּעווע און אַלץ..." — אין זײַן יאַסנאַיא...

א גרויסער ווייכער שניי דרייט זיך לאַנגזאַם הינטער די פענצטער פון דעם יאַסנאָפּאָליאַנער הויז. מיר זײַנען אַליין אינעם זאַל מיט א טאַפּעלער שײַן. ווײַט זעט זיך די אַנפילאַדע פון די צימערן. עס דוכט זיך, אַז באַלד וועט מען אָנצינדן די קעראָסין־לאָמפּן און עס וועלן זיך דערהערן אַף די טרעפּ יונגע טריט און פון דער טיף פון די צימערן וועט אַרויסגיין דער באַלעבאָס, א מידער, נאָך אַן אָנגעשטרענגטן אַרבעטס־טאָג. אָבער ניין, עס איז שטיל. אַף שטענדיק שטיל.

אַף א שטיקל ערד איז פאַרגראָבן א גרין שטעקעלע און אינעם שטעקעלע א סאָד, וויאַזוי צו מאַכן אַלע מענטשן גליקלעך, — דאָרט זאָל מען אים, האָט טאָלסטאָי אָנגעזאָגט אין זײַן צאַוואָע, מעקאַבער זײַן. קיין שום מאַצייווע, קיין שום אופשריפט, די גאַנצע וועלט ווייסט אָבער דאָס דאָזיקע שטילשווײַגנדיקע גרינע בערגל, איבער וועלכן עס דרייען זיך איצט אויך ווײַסע שניייעלעך.

און אַף די טרעפּ דערהערן זיך אַף אַן עמעס טריט — דאָס גייען די אַרבעטער. צײַט צו פאַרלאָזן דאָס הויז.

ניט געאײַלט גייען מיר פאַרבײַ דער פאַרפרוירענער סאַזשלקע, עס סקריפּעט און פינקלט דער שניי, עס צינדן זיך אָן די פײַערן אין דאָרף. ווי לײַכט עס אָטעמט זיך!

אלעקסאנדער שיפמאן

לעוו טאָלסטאָי און שאָלעם־אַלייכעם

ווי אלע בעסטע רוסישע שרײַבער, איז לעוו טאָלסטאָי געווען א פּרינציפּיעלער קעמפער קעגן נאציאָנאלן דרוק און רעכטלאָזיקייט, וועלכע האָבן געהערשט אין צארישן רוסלאנד, פאר דער גלײַכבארעכטיקונג פון פעלקער און זייער פרײַנטשאפט. געקעמפט האָט ער מיט זײַן געניאלער קינסטלערישער פען, מיט זײַן לײַדנשאפטלעכן פּובליציסטישן וואָרט, מיטן פּערזענלעכן בײַשפּיל פון זײַן גאנץ לעבן. אָט די פּילזײַטיקע טעטיקייט פון לעוו טאָלסטאָי האָבן הויך געשעצט די קולטור־מײַסטערס אין רוסלאנד פון זײַן צײַט, — איוואן פראנקאָ און לעסיא אוקראינקא, איליא טשאַוטשאַוואַדזע און אקאקי צערעטעלי, אָוואנעס טומאניאן און סטעפאן שאומיאן און פיל־פיל אנדערע, — זיי אלע, די בעסטע זין פון זייערע פעלקער, די הומאניסטן און אופקלערער האָבן ניט בלויז געלערנט זיך בא טאָלסטאָיען קינסטלערישע מײַסטערשאפט, נאָר אויך געזען אין אים דעם פארטיידיקער פון די אונטערדריקטע פעלקער, דעם קעמפער פאר זייער סאָציאלער און נאציאָנאלער באפרײַונג.

צווישן די קולטור־טוער, וואָס מיט זיי האָט אונטערגעהאלטן פרײַנטלעכע קאָנטאקטן לעוו טאָלסטאָי, איז געווען דער שילדערער פון די יידישע „קליינע מענטשעלעך”, פון די אָרעמסטע פאָלקס־שיכטן, — שאָלעם־אַלייכעם.

אין יאסנאיא פּאָליאנא האָבן אין טאָלסטאָיס פּערזענלעכער ביבליאָטעק זיך פארהיט פיל איבערזעצונגען פון די ווערק פון יידישע שרײַבער, דערונטער שאָלעם־אַלייכעמס ווערק און 15 יידישע ביכער, וועלכע עס האָבן אים צוגעשיקט פארשיידענע אווטאָרן. סאַכאַקל האָבן אין דער ביבליאָטעק פון יאסנאיא פּאָליאנא זיך געפונען מער פון 100 ביכער און עטלעכע הונדערט זשורנאל־ארטיקלען, געווידמעט דעם יידישן לעבן אין רוסלאנד. ווען מע זאָל צו דעם צוגעבן די ברייטע קאָרעספּאָנדענץ (מער פון 200 בריוו), וועלכע טאָלסטאָי האָט געפירט אף אָט דער טעמע מיט פארשיידענע מענטשן, אויך זײַנע פּערזענלעכע באגעגענישן מיט זיי, ווערט אבסאָליוט קלאָר דער דיאפּאזאָן פון זײַנע אינטערעסן בענגייע דער יידישער קולטור, געשיכטע, ליטעראטור.

דאָס רוסישע פאָלק איז שטענדיק געווען קעגן דער שאָוויניסטישער פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג. די בעסטע זין פונעם רוסישן פאָלק זײַנען אקטיוו ארויסגעטראָטן פאר דער איינײַקייט פון אלע פעלקער און פעלקערשאפטן פון רוסלאנד. די פאָרגעשריטענע רוסישע ליטעראטור האָט געדינט אלס אָנשפּאר פאר די נאציאָנאלע ליטעראטורן פון רוסלאנד, וועלכע האָבן געשילדערט דעם דראנג פון זייערע פעלקער צו גלײַכבארעכטיקונג און פרײַהײַט. די דאָזיקע נאָבעלע טענדענץ האָבן אָנשוילעך געשפּירט די אָנגעזעענסטע קולטור־טוער פון די פעלקער פון רוסלאנד, צווישן זיי שאָלעם־אַלייכעם.

שאָלעם־אַלייכעם איז געווען אַן אָנהענגער פון די שעפערישע פּרינציפּן פון די אָנגעזעענסטע שרײַבער פון זײַן צײַט, ער האָט צוזאמען מיט זיי געקעמפט פאר רעאליזם אין דער ליטעראטור, קעגן דער מאגייפע פון מאָדערניזם און דעקאדאנס. „אונדזערע ווענגווײַזער, — האָט געזאָגט שאָלעם־אַלייכעם, — דארפן זײַן אזעלכע שרײַבער, ווי טאָלסטאָי, ווי טשעכאָוו, ווען עס זײַנען פרעמד פוסטע פּילפּולים, זיי פוצן זיך ניט פאר די לייענער, שרעקן זיי ניט איבער מיט טיפזיניקע גריבלענישן, וועלכע זײַנען ניט צוטריטלעך פארן פארשטאנד פון א מענטשן פון א גאנץ יאָר. די דאָזיקע שרײַבער שרײַבן אופריכטיק, וואָרהאפטיק, פּראָסט־פּאָשעט, אזוי, אז אלע פארשטייען זיי. אָט בא ווען מע דארף זיך לערנען שרײַבן”[1]. „די קראפט פון דער רוסישער ליטעראטור, פלעגט זאָגן שאָלעם־אַלייכעם, — איז אין איר לײַבלעכער פארבינדונג מיטן פאָלק. סײַ בא גאָרקין, סײַ בא טאָלסטאָיען דערגרייכט די קונסט איר שליימעס דערפון, וואָס מיטן הארצן און מיטן געדאנק זײַנען זיי מיטן לייענער”[2].

דעם 6—7 אפּרעל 1903 איז אין קעשענעוו אויסגעבראָכן דער באוווסטער יידן־פּאָגראָם. א פינצטערער, צעווילדעוועטער האמוין, אָנגעהעצט מיצאד דער שווארצער מייע, האָט מיט די בראָכעס פון דער מאכט און פון דער קירך, בא דער מיטהילף פון דער פּאָליציי, צוויי טעג און צוויי נעכט געווילדעוועט אין די יידישע געסלעך, גערויבט די הײַזער, דערהארגעט יעדן, ווער עס איז זיי געקומען אונטער די הענט, — פרויען, זקיינים און קליינע קינדער. די דאָזיקע

[1] שאָלעם־אַלייכעם־בוך, אויסגאבע פון „איקוף”. ארטיקל פון בערקאָוויטש. „שאָלעם־אַלייכעם אין דער שרײַבער־מישפּאָכע”. ניו־יאָרק, 1958, ז. 158.
[2] דאָרט, ז. 170.

געשעעניש האָט אופגערודערט גאנץ רוסלאנד. די לענינישע „איסקרא״ האָט אין א ריי אַרטיקלען געשטעלט צום שאנד־סלופּ די פּאָגראָם־פּאָליטיק פונעם צאריזם, אופגעדעקט איר קלאסן־טאָך. דער ציל פון דער רעגירונג איז געווען — אָנהעצן איין טייל פון דער באפעלקערונג אפן צווייטן, צעשיידן זיי און דערמיט אָפּשוואכן די איינהײַט פון די ארבעטס־מאסן ערעוו דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע.

דער קעשענעווער פּאָגראָם האָט ארויסגערופן א צאָרן צווישן די ברייטע קרײַזן פונעם רוסישן פאָלק. גאָרקי, טשעכאָוו, קאָראָלענקאָ, רעפּין, בריוסאָוו, קופּרין, ווערעסײַעוו, שאליאַפּין, ראכמאנינאָוו און פיל אנדערע האָבן, יעדער אף זײַן אופן, פארורטיילט אפן שארפסטן אופן דעם צאריזם, ארויסגעדריקט זייערע הייסע סימפּאטיעס צו די קאָרבאָנעס פונעם פּאָגראָם.

וו. אי. לענין האָט אין זײַן ארטיקל „ל. נ. טאָלסטאָי״ געשטעלט די פּאָגראָמען, וועלכע דער צאריזם אינספּירירט, אין איין ריי מיט אזעלכע העסלעכע אקטן פון דער רעאקציע, ווי דאָס ארײַנוואַרפן טאָלסטאָיען אין כיירעם. לענין האָט געשריבן: „אָט דער אופּטו וועט אים (דעם הייליקסטן סינאָד. — א. ש.) פארעכנט ווערן אין דעם מאָמענט, ווען דאָס פאָלק וועט זיך צערעכענען מיט די טשינאָווניקעס אין גאָלאָכישע ריזעס, מיט די גאָטספּאָרכטיקע זשאנדארמען, מיט די פינצטערע אינקוויזיטאָרן, וועלכע האָבן אונטערגעהאלטן די פּאָגראָמען קעגן ייִדן און אנדערע אופּטועז פון דער שווארצמייעדיקער צארישער קנופּיע״[1].

ווי שטענדיק, ווען די עפנטלעכקײַט איז געווען אופגעבראכט, האָבן קיין יאסנאיא פּאָליאַנא גענומען גיין אָן א שיר בריוו מיט דער ביטע צו טאָלסטאָיען, ער זאָל זיך ארויסזאָגן וועגן אָט דער שוידערלעכער געשעעניש. טאָלסטאָי אליין האָט, נאָך איידער ער האָט באקומען אָט די באקאָשע, געפונען פאר נייטיק עפנטלעך פארורטיילן די צארישע רעגירונג. ער האָט דאָס געטאָן אין א ריי בריוו, וועלכע זײַנען געווען ארויסגערעכנט אף א ברייטער פארשפּרייטונג. ער האָט אויך דעמאָנסטראטיוו אָפּגעגעבן אין פארלאג זײַנע נײַע ווערק מיט דעם טנאַי, אז דער האָנאָראר פאר זיי זאָל גיין לטובֿת די קאָרבאָנעס פונעם פּאָגראָם.

אינמיטן אפּרעל 1903 האָט טאָלסטאָי באקומען פון מאָסקווע א פאָרשלאָג פונעם באוווּסטן היסטאָריקער, פאָרשער פון שעקספּירס שאפונג, פּראָפ. נ. אי. סטאָראָזשענקאָ, ער זאָל אונטערשרײַבן דעם קאָלעקטיוון בריוו פון א גרופּע מאָסקווער אינטעליגענטן, וועלכער פארורטיילט די אָרגאניזאטאָרן פונעם פּאָגראָם. אינעם בריוו ווערט ארויסגעדריקט גרענעצלאָזער האס און עקל צו יענע, וואָס האָבן געגרייט דעם פּאָגראָם און געהעצט דעם האמוין, צאָרן קעגן די, וואָס „האָבן זיך גנעדיק באצויגן צו דער דאָזיקער גרויליקער זאך״. אויסער נ. אי. סטאָראָזשענקאָ האָבן דעם בריוו אונטערגעשריבן די געלערנטע וו. ווערנאדסקי, אי. זאבעלין, ד. יעגאָראָוו, נ. אומאָוו, דער שוישפּילער א. סומבאטאָוו־יוזשין, דער געריכט־טוער נ. דאווידאָוו און אנדערע באוווּסטע פּערזענלעכקײַטן. טאָלסטאָי האָט גערן געשטעלט זײַן כסימע אונטער דעם דאָזיקן בריוו.

נאָך שארפער האָט טאָלסטאָי פארורטיילט דעם קעשענעווער ראָצכישן אקט אין זײַן בריוו צום באוווּסטן פּיִאניסט ד. שאָר. טאָלסטאָי האָט געשריבן, אז ווען ער האָט נאָך ניט געוווּסט קיין פּראָטים, האָט ער, באקענענדיק זיך מיט דער ערשטער צײַטונגס־מיטיילונג, איבערגעלעבט א געפיל פון שוידער, האָבנדיק אין זינען דעם „עמעסן שולדיקן אין דעם אלעמען״, די צארישע רעגירונג מיט איר „ראָצכישער קנופּיע טשינאָווניקעס״. „די קעשענעווער רעציכע, — האָט געשריבן ל. טאָלסטאָי, — איז א דירעקטער רעזולטאט פון דער פארשפּרייטונג פון שקאָרים און געוואלט, וואָס די רוסישע רעגירונג פירט מיט אזא אָנשטרענגונג און אקשאָנעס״.

טאָלסטאָיס שארפע ווערטער קעגן דעם צאריזם און דער אָפּיציִעלער קירך האָבן, פארשטייט זיך, ניט געקאָנט געדרוקט ווערן אין דער לעגאלער פּרעסע, זיי זײַנען אָבער פארשפּרייט געוואָרן אין לאנד אין טויזנטער בלעטלעך, געשריבענע פון דער האנט און אף העקטאָגראפן. אלס ענטפער דערוף האָבן די שווארצמייעדיקע צײַטונגען גענומען העצן קעגן טאָלסטאָיען, באשיטן אים מיט זידלערײַען און דראָונגען.

סאָף אפּרעל 1903 האָט טאָלסטאָי באקומען פון שאָלעם־אליינכעמען, פון קיִעוו, א בריוו, וווּ ער האָט אים מיטגעטיילט, אז ער קלײַבט זיך ארויסגעבן אף ייִדיש, לטובֿת די קאָרבאָנעס פונעם פּאָגראָם, א ליטערארישן זאמלבוך מיטן אָנטייל פון די בעסטע שרײַבער פון רוסלאנד. דער ציל פונעם זאמלבוך איז, לויט שאָלעם־אליינכעמס ווערטער, ניט בלויז געבן מאטעריעלע הילף די געליטענע, נאָר אויך דעמאָנסטראטיוו אויסדריקן די אנטשיידענע פארורטיילונג פון דער רעאקציאָנערער פּאָליטיק פונעם צאריזם.

שאָלעם־אליינכעם האָט געשריבן צו טאָלסטאָיען ניט בלויז דערפאר, וואָס ער האָט אים געהאלטן פאר דעם אלגעמיין אנערקענטן ראָש פון דער ליטעראטור פון יענער צײַט און זײַנס א וואָרט האָט ארויסגערופן א רעזאָנאנס אין גאָר דער וועלט. דער אויטאָר פונעם נאָרוואָס דערשינענעם ראָמאן «Воскресение» איז געווען נאָענט שאָלעם־אליינכעמען לויט זײַנע אידייִש־שעפערישע פּרינציפּן — מיט זײַן טרײַהײַט צום לעבנס־עמעס, מיט זײַן דרייסטקײַט אינעם שטעלן געזעלשאפטלעכע פראגן.

שאָלעם־אליינכעמס בריוו האָט צוגעצויגן טאָלסטאָיס אופמערקזאמקײַט. צי האָט טאָלסטאָי פריִער געוווּסט, אז עס איז פאראַן א ייִדישער

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 20, стр. 22.

שרײַבער שאָלעם־אַלײכעם? געוויס יאָ. דער נאָמען שאָלעם־אַלײכעם איז אין יענער צײַט געװען זײער פּאָפּולער. טאָלסטאָי האָט אים געטראָפן אַף די זײַטן פון פאַרשײדענע זשורנאַלן. עס איז פאַראַן אַ גרונט צו האַלטן, אַז מיט אַ קורצער צײַט פריִער האָט גאָרקי מיט סימפּאַטיע דערצײלט טאָלסטאָיען װעגן שאָלעם־אַלײכעמען. פונקט דאַן—אין האַרבסט און װינטער פון 1901 — האָט גאָרקי זיך דורכגעשריבן מיט שאָלעם־אַלײכעמען און קימאַט אַלע טאָג האָט ער זיך געטראָפן מיט טאָלסטאָיען אין קרים, אין גאַספּרע. ער איז געװען פאַרכאַפּט פון דער אידײ אַרויסצוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון דערצײלונגען פון ייִדישע שרײַבער. דערמיט איז, מעגלעך, צו דערקלערן דער טיף פּרײַנטלעכער טאָן, מיט װעלכן טאָלסטאָי האָט געענטפערט אַף שאָלעם־אַלײכעמס בריװ. טאָלסטאָי האָט װידער אין אַ שאַרפער פאָרם פאַרורטײלט דעם הױפּטשולדיקן אינעם קעשענעװער פּאָגראָם — די צאַרישע רעגירונג, װעלכע האָט זיך באַמיט צו שפּרײטן מאַכלױכעס צװישן „אַ געװיסן טײל — אױב ניט אינעם פאָלקס־טײל — פון דער רוסישער באַפעלקערונג”. „לײדער, — האָט ער צוגעגעבן, — קאָן איך דאָס ניט זאָגן אין אַ רוסישער לעגאַלער אױסגאַבע”. װאָס שײַעך דעם אָנטײל אינעם זאַמלבוך, האָט טאָלסטאָי צוגעזאָגט שאָלעם־אַלײכעמען פולע הילף. „איך װעל זײַן זײער צופרידן צו מיטהעלפן אײַער זאַמלבוך און װעל זיך באַמיִען אָנשרײַבן עפּעס אַזױנס, װאָס זאָל אַנטשפּרעכן די אומשטענדן”.

טאָלסטאָיס בריװ האָט באַפליגלט שאָלעם־אַלײכעמען, און ער האָט זיך הײס גענומען צום פאַרװירקלעכן דעם פּאַרטראַכט.

װען טאָלסטאָי האָט צוגעזאָגט שאָלעם־אַלײכעמען צו געבן „עפּעס” אין זײַן זאַמלבוך, האָט ער נאָך אַלײן ניט געװוסט, װאָס ער קאָן געבן. אַף זײַן „װאַרשטאַט” איז דעמלט געלעגן די גרױסע דערצײלונג „כאַדזשי מוראַט”, געשריבן אַף שװאַרץ, זי איז נאָך אָבער געװען װײַט ניט פאַרענדיקט. אַ צװײטע אַרבעט, װאָס ער האָט אָנגעהױבן — אַן אַרטיקל „צו די פּאָליטישע טוער” — האָט פאַרמאָגט װײניק שאַנסן, אַז די צענזור זאָל עס דורכלאָזן. טאָלסטאָי האָט ערשט געדאַרפט באַשליסן, װעגן װאָס ער זאָל שרײַבן פאַרן ייִדישן זאַמלבוך.

ביז װאָס־װען האָט שאָלעם־אַלײכעם געװענדט זיך מיט דער זעלבער ביטע צו אַ רײ אַנדערע שרײַבער, דערונטער צו טשעכאָװ און קאָראָלענקאָ, און האָט באַקומען פון זײ דערמונטערנדיקע ענטפערס. אַ. פּ. טשעכאָװ האָט צוגעזאָגט אָנשרײַבן אַ דערצײלונג, אױב די קרענק װעט אים ניט שטערן. „װאָס שײַעך מײַנע שױן אָפּגעדרוקטע דערצײלונגען, — האָט ער געשריבן, — זײַנען זײ פולשטענדיק אין אײַער רעשות, און פונעם איבערזעצן זײ אַף ייִדיש און אָפּדרוקן אינעם זאַמלבוך לטובֿת די ייִדן, װעלכע האָבן געליטן אין קעשענעװ, װעל איך האָבן בלױז פאַרגעניגן”.

װ. ג. קאָראָלענקאָ, װאָס האָט זיך נאָראָװאָס אומגעקערט פון קעשענעװ, װוּ ער האָט זיך אָפּן אָרט באַקאַנט מיט דער לאַגע, האָט געשריבן שאָלעם־אַלײכעמען: „שױן לאַנג, אַז איך האָב ניט איבערגעלעבט אַזעלכע שװערע מינוטן, װי אין די עטלעכע טעג, װאָס איך האָב פאַרבראַכט אין קעשענעװ”. ער האָט גערן דערלױבט צו איבערזעצן און אָפּדרוקן אינעם זאַמלבוך קאַפּיטלען פון זײַן דערצײלונג „דער בלינדער מוזיקאַנט”, װעלכע האָט דעמלט געהאַט גרױס דערפאָלג. שטיצן דעם זאַמלבוך האָבן צוגעזאָגט אױך אַנדערע שרײַבער.

פאַרױסזעענדיק אַ גרױסן דערפאָלג פונעם פאַרטראַכטן פּלאַן, האָט שאָלעם־אַלײכעם זיך צונױפגערעדט מיטן װאַרשעװער פאַרלאַג „פאָלקס־בילדונג” װעגן אַרױסגעבן דאָס זאַמלבוך װאָס גיכער. צו טאָלסטאָיען האָט ער אַלס ענטפער אַף זײַן האַרציקן בריװ געשריבן דעם 10 מײַ 1903:

„טיף געשעצטער לעװ ניקאָלײַעװיטש! אַ דאַנק אײַך פאַרן גיכן ענטפער, פאַר די װאַרעמע װערטער און פאַר דער גרײטקײַט צו אָנטײלנעמען אין אונדזער נאָבעלן אײניען. עס װאָלט געװען אָנגענעם צו האָפן, אַז די זאַך, װעלכע איר זאָגט צו, װעט צוגעשיקט װערן װאָס פריִער און, יעדנפאַלס, אױב איר האָט אַ מעגלעכקײַט, באַשטימט אונדז אַ טערמין. מיר װאָלטן דעמלט געקאָנט צו װיסן געבן װעגן דעם אין די ייִדישע צײַטונגען, װעלכע דערשײַנען אַף זשאַרגאָן, און די אַבאָנירונג אַף אונדזער זאַמלבוך װאָלט היפּש געשטיגן”.

אָט דער בריװ שאָלעם־אַלײכעמס און נאָך צװײ װאַרעמע בריװ, װעלכע טאָלסטאָי האָט באַקומען, האָבן פאַרשטאַרקט באַ אים די קאַװאָנע אָנצושרײַבן אַ װערק פאַרן ייִדישן זאַמלבוך. אײנמיטן יול האָט ער אָפּגעלײגט אַלע אײניאָנים און גענומען זיך פאַר דער אַרבעט.

צוערשט האָט טאָלסטאָי בעדײע געהאַט צו אָנשרײַבן פאַר שאָלעם־אַלײכעמס זאַמלבוך די שױן לאַנג פאַרטראַכטע דערצײלונג, װעלכע האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען „נאָכן באַל”. דאָס איז צו זען פון די נאָטיצן אין זײַן טאָגבוך פון די דאָזיקע טעג. דעם 9 יון 1903, אַשטײגער, האָט ער צװישן די אַנדערע קינסטלערישע פאַרטראַכטן אָנגערופן די „דערצײלונג װעגן אַ באַל און אונטער די ריטער”. דעם 18 יון האָט ער אין זײַן טאָגבוך דעשיפרירט דעם דאָזיקן פאַרטראַכט: „אינעם ייִדישן זאַמלבוך: אַ פרײלעכער באַל אין קאַזאַן, איך בין פאַרליבט אין קאַרײשאַ די יעפּאַסטױאַר, די טאָכטער פונעם פּאָליאַק דעם מיליטער־שעף, איך טאַנץ מיט איר. איר פאַרשװין דער אַלטער פאָטער נעמט זי צערטלעך אונטער דער האַנט און גײט מיט איר טאַנצן אַ מאַזורקע. און אײנדערפריִ נאָך דער שלאָפלאָזער ליבע־נאַכט האָבן די באַראַבאַן־קלאַנגען געטריבן אונטער די רײטער אַ טאָטער, און דער מיליטער־שעף באַפױלט צו שמײַסן שטאַרקער”.

דער אױסװאַל פונעם סוזשעט איז געװען

ניט צופעליק. די דערציילונג וועגן דעם, ווי־אזוי מע טרײַבט אונטער די ריטער א סאָלדאט, דה. ווי מע דערפירט אן אומשולדיקן מענטשן צו א לאנגזאמען, פּײַנפולן טויט, האָט געדאַרפט שאַרף כאַראַקטעריזירן די טעמפּע אכזאָריעס פון דער צאַרישער אָרדענונג. ניט צופעליק איז געווען אויך דאָס, וואָס אלס קאָרבן פונעם ווילקיר איז פאַרטראַכט געוואָרן א סאָלדאט א טאָטער, דה. א פאָרשטייער פון אן אונטערדריקטער פעלקערשאַפט. דאָס אלץ האָט געדאַרפט אמבעסטן איבערגעבן טאָלסטאָיס באַציִונג צו דער שרעקלעכער געשעעניש, וואָס איר איז געווידמעט דאָס זאמלבוך. אָבער זײַענדיק זיכער, אז אָנשרײַבן און באַאַרבעטן די דערציילונג וועט אָפּנעמען א סאך צײַט, האָט טאָלסטאָי גענומען זיך צו א צווייטן לאנג פאַרטראַכטן פּלאַן — צו א סעריע פילאָסאָפישע מײַסעס און לעגענדעס, וועלכע האָבן באַקומען דעם נאָמען „דער מיילעך פון אשור אשאַרכאַדאָן”, „דרײַ פראַגן”, „אַרבעט, טויט און קרענק”, „דאָס ביי־סטור”. איבער אָט די מײַסעס האָט ער אָנגעשטרענגט געאַרבעט אין יול — אווגוסט 1903.

וואָס זײַנען דאָס פאַרא מײַסעס? אין וואָס באַשטייט זייער הויפּט־געדאַנק?

אין דער מײַסע „דער מיילעך פון אשור אשאַרכאַדאָן” ווערט דערציילט, ווי־אזוי דער אלמעכטיקער הערשער פון מיזרעך האָט נאָכן זיג איבערן מיליטער פון זײַן סוינע, דעם מיילעך לאַיליא, און נאָכן פאַרוואַנדלען זײַנע אונטערטאַנער אין שקלאַפן צוגעטראַכט פאַר אים א גרויזאַמען טויט. נאָר איינער א זאָקן א כאָכעם האָט אײַנגערעדט דעם אלמעכטיקן אשאַרכאַדאָן, ער זאָל אָף א רעגע אַרײַנגיין אין א קישעף־וואַנע. אין אָט דער רעגע האָט דער הערשער איבערגעלעבט די אלע פּײַנען און ליידן, וועלכע ער האָט צוגעגרייט פאַר זײַן באַזיגטן סוינע. זיי האָבן אַרויסגערופן בא אים א שוידער, האָט ער דעם געפאַנגענעם מיילעך און זײַנע אונטערטאַנער אָפּגעלאָזט אָף דער פרײַ.

ענלעך צו דעם איז אויך דער אינהאַלט פון דער בודישער מײַסע „דאָס ביסטור”. די צוויי אַנדערע מײַסעס, ריכטיקער לעגענדעס, זײַנען געגעבן אין א מעשאָלים־שפּראַך און זײַנען געווענדט קעגן די אײַנגעבוירענע „קראַנקײַטן” פון דער אייגנטימערישער וועלט — גיריקײַט, גײַציקײַט, אונטערדריקונג פון איין מענטש דורכן צווייטן. די אלע מײַסעס זײַנען דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק: גוטסקײַט, ערלעכקײַט, יוישער, גנעדיקײַט — איז דער יעסאָד פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די מענטשן. דעם מענטשנס גליק איז ניט אין אונטערדריקן א צווייטן מענטשן, ניט אינעם גרויזאַמען באַגיין זיך מיט אים, נאָר אין דער איינהײַט און פרײַנטשאַפט מיט אַנדערע מענטשן לעשעם דעם אלגעמיינעם גליק.

פאַרענדיקט די ערשטע צוויי מײַסעס, האָט טאָלסטאָי טייקעף אַרויסגעשיקט זיי שאָלעם־אַלייכעמען. „איך וועל זײַן זייער צופרידן, — האָט ער געשריבן דעם 20 אווגוסט 1903, — אויב דאָס אָפּדרוקן די דאָזיקע מײַסעס אינעם זאמלבוך וועט וויפל־ניט־איז מיטהעלפן דעם דערפאָלג פון אָט דער אויסגאַבע”. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אַרויסגעשיקט אויך די צוויי אַנדערע מײַסעס און א קורץ פאָרוואָרט, וווּ ער האָט אָנגעוויזן די קוועלן, פונוואַנען ער האָט געשעפּט די סוזשעטן, וועלכע ער האָט באַאַרבעט.

די מײַסע־ווערק און אויך דאָס פאָרוואָרט פונעם גרויסן שרײַבער האָבן אַרויסגערופן א פרייד בא שאָלעם־אַלייכעמען, און ער האָט זיך טייקעף גענומען צום איבערזעצן זיי. דאָס איז געווען ניט קיין געוויינלעכע אַרבעט. א פּרעכטיקער סטיליסט, א גרויסער מײַסטער פון דער פאָלקס־שפּראַך, האָט ער זיך באַמיט ניט בלויז פינקטלעך איבערזעצן דעם אינהאַלט פון די מײַסעלעך, נאָר צופּראַווען זיי, ווי דאָס האָט געטאָן טאָלסטאָי, מיטן אראָמאַט פון אלטע לעגענדעס און מײַסעלעך. אונטער זײַן פּען האָבן די מײַסעס באַקומען דעם כאַראַקטער פון א פײַן סטיליזירט ווערק פון מיזרעכדיקן פאָלקלאָר. מיט א באַזונדער מײַסטערשאַפט האָט ער איבערגעגעבן אין דער איבערזעצונג די רייד פון די פּערסאָנאַזשן, — ער האָט זיי אינדיווידואַליזירט אין העסקעם מיטן כאַראַקטער און טיטל פון די פּערזאָנען (מיילעך, דינער, כאָכעם אאַוו.). צוזאַמען דערמיט, זײַנען די קלוגע מײַסעס געוואָרן צוטריטלעך אפילע פאַר דעם סאַמע ניט צוגעגרייטן לייענער.

שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך באַזונדערס געזאָרגט וועגן דער היסטאָרישער פּינקטלעכקײַט פון די נעמען פון די פּערסאָנאַזשן. ער האָט זייער אויפמערקזאַם פעסטגעשטעלט, ווען און וווּ עס האָבן געלעבט און געאַרבעט די הערשער, וועלכע ווערן דערמאָנט אין די מײַסעס, און וועלכע זײַנען געווען זייערע פּינקטלעכע נעמען. וועגן דער דאָזיקער פראַגע האָט ער זיך דורכגעשריבן מיט טאָלסטאָיען און אויך מיט זײַן טאָכטער ט. ל. סוכאָטינא[1], ער האָט זיי באַקאַנט געמאַכט מיט זײַנע פאָרשונגען און באַקומען זייער פולע באַוויליקונג.

ענדלעך, האָט שאָלעם־אַלייכעם פאַרענדיקט די איבערזעצונג און דעם 23 אווגוסט 1903 האָט ער אָנגעשריבן טאָלסטאָיען:

„טיף געשעצטער לעוו ניקאָלײַעוויטש! איך האָב באַקומען אײַערע צוויי פּרעכטיקע מײַסעלעך און איך האַלט ניט, אז איך האָב דאָס רעכט צו דאַנקען אײַך, ערשטנס, דערפאַר, ווײַל ניט צוליב דעם האָט איר זיי געשריבן, און, צווייטנס, דערפאַר, ווײַל א דאַנק וועלן אײַך זאָגן די טויזנטער יידן, וועלכע זײַנען באַוואַלט געוואָרן אין קעשענעוו און די צענדליקער (און עפּשער הונדערטער) טויזנטער לייענער, וואָס וועלן צום ערשטן מאָל דערזען אײַערע ווערק, וואָס זײַנען פאַר זיי געשריבן”.

---

[1] די קאָרעספּאָנדענץ איז ניט פאַרעפנטלעכט. זי ווערט געהיט אין מאַנוסקריפּטן־אָפּטייל פונעם מעלוכישן ל. נ. טאָלסטאָי־מוזיי.

און ווײַטער: „פאַרהיטנדיק דעם געדאַנק, דעם גײַסט און דעם בוכשטעבלעכן אינהאַלט פון אײַערע מײַסעלעך, האָב איך זיך באַמיט איבערגעבן זיי מיט דער שיינקייט, וועלכע איז אייגנטימלעך פאַר אונדזער פאָלקס־שפּראַך, וועלכע איז אויסערגעוויינלעך פּאַשעט און צוזאַמען דערמיט בילדעריש". „אין אַלגעמיין, — שרײַבט צום סאָף שאָלעם־אַלייכעם, — דאַרף איך אײַך זאָגן, אַז אין דער איבערזעצונג זײַנען די מײַסעלעך אַרויסגעקומען אַזוי, ווי איר וואָלט זיי געשריבן אַף ייִדיש. קיינע איבערזעצונגס־שפּורן זײַנען אין זיי ניט צו מערקן".

דער פאַקט, וואָס טאָלסטאָי האָט איבערגעגעבן זײַנע ווערק אַף צו דרוקן פריִער אַף ייִדיש, האָט אַרויסגערופן די פּראָבלעם — ווען, ווו און ווי־אַזוי פּובליקירן זיי אַף דער שפּראַך פונעם אָריגינאַל און אַף אַנדערע שפּראַכן? עס איז געווען אַ געפאַר, אַז ווען דאָס זאַמלבוך וועט אַרויס פון דרוק, וועלן זיך געפינען פּיפּיקע פאַרלעגער, וואָס וועלן אָן טאָלסטאָיס דערלויבעניש איבערזעצן די מײַסעס צוריק אַף... רוסיש און פאַרקריפּלען זיי. וועגן דעם האָט וו. ג. טשערטקאָוו, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן טאָלסטאָיס ווערק אין אויסלאַנד, מיט אומרו געשריבן קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, און דער פאַרלעגער פון טאָלסטאָיס ווערק אין רוסלאַנד פּ. אַ. בולאַנזשע האָט אָנגעשריבן שאָלעם־אַלייכעמען, ווי שטאַרק אַט די פּראַגע באַאומרויִקט אים. קעדיי אויסמײַדן אַזאַ געפאַר, און אין דער זעלבער צײַט ניט אַראָפּרײַסן דעם מאַטעריעלן דערפאָלג פונעם זאַמלבוך, האָט שאָלעם־אַלייכעם פאַרטראַכט אַליין אַרויסגעבן — מיט דעם זעלבן פילאַנטראָפּישן ציל — טאָלסטאָיס מײַסעלעך אַף רוסיש, באַ אים האָט זיך דאָך געהיט דער פּינקטלעכער טעקסט פונעם אַווטאָר. בעטנדיק אַ דערלויבעניש, האָט שאָלעם־אַלייכעם צוויי מאָל אָנגעשריבן וועגן דעם טאָלסטאָיען, אויך זײַן טאָכטער טאַטיאַנא לוואָוונאַ (די בריוו זײַנען ניט פּובליקירט). טאָלסטאָי האָט געגעבן אָן אָנווײַזונג טשערטקאָוו און בידיוקאָוו, זיי זאָלן צוווארטן מיטן אַרויסגעבן די מײַסעלעך, ביז זיי וועלן ניט דערשײַנען און פאַרשפּרייט ווערן אין שאָלעם־אַלייכעמס אויסגאַבע. „איך מיין, — האָט ער געשריבן טשערטקאָוון קיין לאָנדאָן דעם 24 אויגוסט 1903, — אַז מע דאַרף ניט אַרויסגעבן זיי (די מײַסעלעך. — אַ. ש.) ניט אין רוסיש, ניט אין ענגליש, ניט אַף קיין שפּראַך... ביז עס וועט ניט אַרויס דאָס זאַמלבוך, און אַפילו אַ ביסל שפּעטער". שאָלעם־אַלייכעמען האָט טאָלסטאָי געשריבן דעם 7 סענטיאַבער 1903:

„סיי טשערטקאָוו, סיי בולאַנזשע — מײַנע באַקאַנטע פרײַנט — זײַנען ניט אויסן קיינע פערזענלעכע אינטערעסן, זיי ווילן, פּונקט ווי איך, עס זאָל האָבן דעם גרעסטן דערפאָלג דער ציל, צוליב וועלכן עס זײַנען געשריבן די מײַסעלעך, און דעריבער בין איך זיכער, אַז איר וועט זיך דערריידן מיט זיי און אײַנשטעלן באַדינגונגען, וועלכע וועלן אַלעמען באַפרידיקן".

אַזוי איז טאַקע געווען, שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך צונויפגעשריבן מיט טשערטקאָוון און מיט בולאַנזשע (די קאָרעספּאָנדענץ צווישן זיי איז ניט פּובליקירט), און אַלע פראַגן זײַנען שנעל געלייזט געוואָרן. אָבער די צאַרישע צענזור האָט אין לעצטן מאָמענט פאַרבאָטן שאָלעם־אַלייכעמען אַרויסצוגעבן טאָלסטאָיס מײַסעלעך אין רוסיש, און זיי זײַנען שפּעטער, אויסער דער קאַטעגאָריש פאַרבאָטענער לעגענדע „אַרבעט, טויט און קראַנק", דערשינען אינעם פאַרלאַג „פּאָסרעדניק".

שאָלעם־אַלייכעמס זאַמלבוך „הילף" איז דערשינען אין וואַרשע אין אָנהייב 1904. כוץ די דרײַ מײַסעלעך טאָלסטאָיס (דאָס מײַסעלע „דאָס ביסטו" איז אינעם זאַמלבוך ניט אַרײַן) און טאָלסטאָיס קורצן פאָרוואָרט צו זיי איז אינעם בוך אָפּגעדרוקט שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונג „הונדערט איינס", וו. ג. קאָראָלענקאָס עסיי „באַנאַכט", וו. דאָראָשעוויטשעס דערציילונג „עלייאָהו האַנאָווי", אויך עסייען און דערציילונגען פון די בעסטע ייִדישע שרײַבער.

דאָס זאַמלבוך האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס צווישן די לייענער און איז שנעל אויספאַרקויפט געוואָרן. די האַכנאָסע איז איבערגעגעבן געוואָרן אינעם פאָנד פון הילף די קאָרבאָנעס פונעם פּאָגראָם. דעם ערשטן עקזעמפּליאַר פונעם זאַמלבוך האָט שאָלעם־אַלייכעם צוגעשיקט טאָלסטאָיען, „אַלס אויסדרוק פון אופריכטיקער דאַנקבאַרקייט פונעם ייִדישן לייענער־פּובליקום, פון דעם פאַרלעגער און פונעם איבערזעצער" (פונעם בריוו פאַרן 14 פעוורואַל 1904).

די פרײַנטלעכע קאָרעספּאָנדענץ מיט טאָלסטאָיען, טשעכאָוון און קאָראָלענקאָן, און נאָך פריִער מיט גאָרקין, האָט פאַרשטאַרקט באַ שאָלעם־אַלייכעמען דעם געדאַנק, אַז עס איז נייטיק אײַנצושטעלן אַן ענגערע פאַרבינדונג צווישן דער ייִדישער ליטעראַטור און דער רוסישער, איבערזעצן די בעסטע ווערק פון דער רוסישער קלאַסיק אַף ייִדיש, אין דער זעלבער צײַט שאַפן אין רוסיש אַ ביבליאָטעק פון די בעסטע ווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור. וועגן דעם האָט ער אָפט געשריבן זײַנע פרײַנט, אָבער דעם טרוים איז ניט באַשערט געווען צו פאַרווירקלעכט ווערן. די צאַרישע רעגירונג האָט אַנטשיידן געמאַכט אַ סאָף צו אַזאַ פּרווו. שאָלעם־אַלייכעמען אַליין האָט (צוליב זײַן קאָרעספּאָנדענץ מיט גאָרקין און טאָלסטאָיען) ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג די אָכראַנקע. „איך ווייס, — האָט ער געשריבן צו זײַן ברודער, — אַז דערמיט, וואָס איך האָב געשלאָסן אַ בונד מיט טאָלסטאָיען און מיט גאָרקין, האָב איך אָנגעלעבט אַ היפּש ביסל סאָנים. שפּעטער וועלן אַזעלכע סאָנים ווערן מער. ווער ווייסט, עפּשער גייט מיר שוין נאָך פּאָסטריט אַ פרעמדער שאָטן". „דערפאַר, — האָט ער צוגעגעבן, — האָב איך געוואונען מײַנע בעסטע פרײַנט". ווײַטער: „איך וועל אומבאַדינגט זײַן באַ גאָרקין. עפּשער

וועל איך זען זיך מיט לעוו טאָלסטאָיען. איך דאַרף נייטיק מיט זיי א שמועס טאָן״.[1]

אינגיכן האָט ער טאַקע געטראָפן זיך מיט גאָרקין. דאָס איז געווען אין פעטערבורג, אין נאָיאבער 1904. „ער האָט מיך אופגענומען כאַווערישׁ, — האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן צו זײַנע קינדער. — נאָך די ערשטע ווערטער האָט ער מיך באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און אײַנגעלאַדן אין עסצימער טרינקען טיי. און עס איז אוועק בא אונדז א שמועס וועגן ליטעראַטור ביכלאַל און וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור ביפּראַט. איך האָב ניט באַוויזן, כ׳לעבן, אַרומקוקן זיך, ווי עס איז שוין אַריבער א שאָ צײַט... ער האָט געבעטן, איך זאָל קומען צו אים פּאָשעט״.

שפּעטער האָט שאָלעם־אַלייכעם דורכגעשריבן זיך מיט גאָרקין. עס זײַנען איצט באַוווּסט זײַנע פינף נײַע בריוו צו גאָרקין, וועלכע באַלאַנגען צו די יאָרן 1910—1912. זען זיך מיט טאָלסטאָיען איז אים ניט אויסגעקומען, אָבער זייערע קאָנטאַקטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אזוי גליקלעך, זײַנען ניט איבערגעריסן געוואָרן. אין ברען פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט געשאַפן זײַנע שאַרפע סאַטירישע ווערק (דעם פּאַמפלעט „דער פעטער פּיניע און די מומע רייזע״, די ליד „שלאָף, אַלעקסע״ אא.), וואָס א סאַך פון זיי האָבן, לויט זייער אינהאַלט, זיך איבערגערופן מיט טאָלסטאָיס דעמאַסקירנדיקע אַרויסטרעטונגען, האָט ער אין זײַנעם א בריוו צום גרויסן רוסישן שרײַבער (פון 30 אָקטיאַבער 1905) גערופן נאָך אַקטיווער אַרויסטרעטן קעגן דעם נאַציאָנאַלן דרוק און דער רעכטלאָזיקײַט אין רוסלאַנד.

שפּעטער, אין 1910, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט צוליב זײַן שווערער קרענק זיך געפונען אין נערווי (איטאַליע), האָט ער צוגעשיקט טאָלסטאָיען דעם ערשטן באַנד פון זײַנע אויסגעוויילטע ווערק, וועלכע זײַנען דעמלט דערשינען אף רוסיש אין פעטערבורג, אינעם פאַרלאַג „סאָוורעמעניע פּראָבלעמי״. דער באַנד האָט געהייסן „קינדער פון טכום־האַמוישעוו״.

צום באַדויערן, אָבער, איז צו טאָלסטאָיען דאָס בוך ניט דערגאַנגען. אָנשטאָט אָט דער דאָזיקער אויסגאַבע האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעשיקט טאָלסטאָיען דעם דריטן באַנד פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, וואָס הייסט „קליינע מענטשעלעך״. אויך דאָס דאָזיקע בוך האָט פאַרשאַפן טאָלסטאָיען פרייד. ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט זײַן סעקרעטאַר וו. פ. בולגאַקאָוו, האָט די מאַטאָנע דערמאָנט אים וועגן זײַן קאָרעספּאָנדענץ מיטן ייִדישן שרײַבער, וועלכער האָט געהאַט אזא גוטן און הומאַנעם נאָמען, אַן ענלעכן אַפן אַראַבישן נאָמען „סעליאַם אַלייקום״. די באַזונדערע צעשניטענע בלעטלעך פונעם פאַרהיטן בוך באַווײַזן, אז טאָלסטאָי האָט איבערגעלייענט די ערשטע דערציילונג. דאָס איז געווען א האַלב יאָר פאַר זײַן טויט. דעם קראַנקן שאָלעם־אַלייכעם איז שוין ניט באַשערט געווען צו טרעפן זיך מיט אים.

אף טאָלסטאָיס טויט האָט שאָלעם־אַלייכעם אָפּגערופן זיך מיט א בריוו, ווו ער האָט מיט בענקשאַפט און ביטערן הומאָר אויסגעדריקט זײַן טיפן טרויער וועגן דעם פאַרלוסט און זײַן באַדויערונג, וואָס ער האָט מיט אים ניט געזען זיך. אף דער באַקאָשע פונעם רעדאַקטאָר פון זשורנאַל «Вегетарианское обозрение» אי. אָ. פּערפּער אַרויסצוזאָגן זיך וועגן טאָלסטאָיען, האָט שאָלעם־אַלייכעם געענטפערט:

„איר ווילט, איך זאָל אײַך שרײַבן עפּעס וועגן טאָלסטאָיען. אך, מײַן גאָט! איך זאָל שרײַבן וועגן אזא אויג מעלעך האַבאָשן פון דער ליטעראַטור? איך זאָל שרײַבן וועגן אזא שימשן האַגיבער פון דער מענטשהײַט? עס פליט א קליין פליגעלע (מאָטילײאָק) און רײַסט זיך צו דער שײַן פון דער זון. שטעלט איר עס אָפּ און פרעגט בא אים: „זאָג מיר, פליגעלע, וואָס דענקסטו וועגן דער זון?״.. איך האָב מיך קאָל־יאָמײַ געריסן צו דער דאָזיקער שײַנענדיקער, לײַכטנדיקער און וואַרעמענדיקער זון, וואָס האָט געהייסן „טאָלסטאָי״. איך האָב זיך אמאָל געהאַט דאָס וואָרט געגעבן: „כ׳וועל ניט שטאַרבן, ביז איך וועל ניט זײַן אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און זען טאָלסטאָיען...

מיר איז ניט אָפּגעגאָלטן צו זײַן אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ... איך האָב ניט זוכה געווען צו קענען טאָלסטאָיען פּערזענלעך — און דאָס וועט מיר באַנק טאָן ביז מײַן לעצטן טאָג אף דער ערד. אָפּאָנעם, ס׳איז באַשערט, אז מיר זאָלן זיך שוין טרעפן ערגעץ דאָרט, אף יענער זײַט לעבן... נאָר אָט די באַגעגעניש וועט ניט אזוי גיך פאָרקומען. עס ווילט זיך, זעט איר, נאָך א ביסל זיך אָנמוטשען אף דער וועלט און זען, וואָס וועט זײַן ווײַטער״...

שאָלעם־אַלייכעמען איז ניט באַשערט געווען „לאַנג צו מאַטערן זיך״ אף דער וועלט. די ערשטע וועלט־מילכאָמע האָט אים געטראָפן א שווער־קראַנקן אין דײַטשלאַנד, ווו ער האָט זיך געהיילט. מיט שוועריקײַטן איז ער אַרויסגעפאָרן פון דאָרט קיין דענעמאַרק. ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקײַט דורכצורײַסן זיך אהיים, קיין רוסלאַנד, איז ער נאָך לאַנגע וואָגלענישן אַרײַנגעפאַלן אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. „מיר, ייִדישע ליטעראַטן, — האָט ער זיך געקלאָגט, — זײַנען דאָרט, אינעם פרײַען לאַנד, פאַרשקלאַפט מער, איידער אַלע אַנדערע שקלאַפן פונעם קאַפּיטאַליזם״. זײַענדיק מיט טויזנטער פעדעם פאַרבונדן מיט דער רוסישער ליטעראַטור, האָט שאָלעם־אַלייכעם געטרוימט „מיט דער ערשטער שיף״ אומקערן זיך אהיים. נאָר דעם דאָזיקן לעצטן טרוים איז ניט באַשערט געווען צו מעקוייעם ווערן.

[1] פון וו. ראַבינאָוויטשעס „בוך וועגן מײַן ברודער״. „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיאַ״, 1939, העפט 6, ז. 170.

„טיפגעשעצטער לעוו ניקאָלײַעוויטש!... אין דער איבערזעצונג זײַנען די
מײַסעלעך אַרויסגעקומען אַזוי, ווי איר וואָלט זיי געשריבן אַף יידיש...״
שאָלעם־אַליכעם

לעוו טאָלסטאָי

דרײַ מײַסעלעך

אַסאַרהאַדאָן דער קעניג פון אַשור

אַסאַרהאַדאָן דער קעניג פון אַשור האָט אײַנגענומען די מעלוכע פונעם קעניג לאַיליע, פאַרברענט די שטעט, די אײַנוווינער אַלע אַריבערגעטריבן צו זיך אין לאַנד, דאָס כאַיל אויסגעהאַרגעט און דעם קעניג לאַיליע אַרײַנגעזעצט אין אַ שטײַג.

ליגנדיק באַנאַכט אַפן בעט, טראַכט זיך דער קעניג אַסאַרהאַדאָן: מיט וואָס פאַר אַ טויט זאָל שטאַרבן דער קעניג לאַיליע? פּלוצעם הערט ער נעבן זיך אַ גערויש; ער עפנט אוף די אויגן און טוט אַ קוק — עס שטייט נעבן אים אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד און מיט מילדע גוטע אויגן.

— דו ווילסט טייטן לאַיליען? — פרעגט אים דער אַלטער.

— יאָ, — ענטפערט אים דער קעניג, — ניט מער, איך האָב נאָך ניט צוגעטראַכט, מיט וואָס פאַר אַ טויט.

— לאַיליע — דאָס ביסטו דאָך, — מאַכט צו אים דער אַלטער.

— ס'אַ ליגן, — זאָגט דער קעניג, — איך בין איך, און לאַיליע איז לאַיליע.

— דו און לאַיליע איז איינס, — מאַכט דער אַלטער, — עס ווײַזט זיך דיר נאָר אויס אַזוי, אַז דו ביסט ניט לאַיליע און לאַיליע איז ניט דו.

— וואָס הייסט עס ווײַזט זיך מיר אויס? — זאָגט דער קעניג, — אָט ליג איך מיר אַף מײַן ווייכן געלעגער, אַרום מיר שטייען מײַנע קנעכט, מאָרגן וועל איך מיר אַזוי ווי הײַנט לעבן אַ גוטן טאָג מיט מײַנע נאָענטע פרײַנט און לאַיליע זיצט ווי אַ פויגל אין שטײַג, מאָרגן וועט ער בײַ מיר זיצן מיט אַן אַרויסגעשטעלטער צונג אַף אַ שפּיץ פון אַ פּלאָקן און וועט אַזוי לאַנג צאַפּלען, ביז עס וועט אים אויסגיין די קאָשערע נעשאָמע, און דעם גוף וועלן אופעסן די הינט.

— ניין, — זאָגט דער אַלטער, — דו וועסט דאָס ניט טאָן, דו קאָנסט ניט צונעמען בײַ אים דאָס לעבן.

— טאָקע? — זאָגט דער קעניג, — נו און יענע טויזנטער מענטשן, וואָס איך האָב אויסגעקוילעט אין דער מילכאָמע און געמאַכט פון זיי אַ באַרג? איך לעב, און זיי זײַנען ניטאָ. איז די מאַשמאָעס, אַז איך קאָן יאָ אַוועקנעמען דאָס לעבן?

— דו זאָגסט, אַז זיי זײַנען ניטאָ; פונוואַנען ווייסטו, אַז זיי זײַנען ניטאָ?

— דערפאַר וואָס איך זע זיי ניט. און איבערהויפּט דאָס, וואָס זיי האָבן זיך געמוטשעט, און איך ניט, זיי איז געווען שלעכט, און מיר איז גוט.

— עס ווײַזט זיך דיר אויס אַזוי, דאָס האָסטו זיך געמוטשעט, ניט זיי.

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו זאָגסט, — מאַכט דער קעניג.

— דו ווילסט פאַרשטיין? — פרעגט אים דער אַלטער.

— איך וויל.

— זײַ זיך מאַטריִעך אַהער, — מאַכט דער אַלטער און באַוויַיזט דעם קעניג אַף אַ ביט מיט וואַסער.

שטייט אויף דער קעניג און גייט צו צום ביט מיט וואַסער.

— טו זיך אויס און גיי אַרײַן אין ביט אַרײַן.

אַסאַרהאַדאָן פאָלגט דעם אַלטן און גייט אַרײַן אין ביט אַרײַן.

— אַצינד, — זאָגט דער אַלטער און שעפּט אָן אַ פולע קוואָרט מיט וואַסער, — אַצינד אַז איך וועל נאָר אָנהייבן גיסן אַף דיר דאָס וואַסער פון קוואָרט, זאָלסטו זיך אונטערטוקן.

און דער אַלטער האָט אָנגעבויגן אַף אים די קוואָרט, און דער קעניג האָט זיך אונטער־געטוקט.

און וויבאַלד דער קעניג אַסאַרהאַדאָן האָט זיך נאָר אונטערגעטוקט, אַזוי האָט ער שוין דערפילט, אַז ער איז ניט אַסאַרהאַדאָן, אַז ער איז גאָר עמעצער אַנדערש. און אַזוי פילנדיק זיך פאַר גאָר אַן אַנדער מענטשן, זעט ער זיך, ווי ער ליגט אַף אַ רײַך געלעגער, און בא דער זײַט ליגט זייער אַ שיינע פרוי, וואָס ער זעט זי דאָס ערשטע מאָל און וואָס ער ווייסט פונ־דעסטוועגן, אַז דאָס איז זײַן ווײַב, און די פרוי זעצט זיך אויף און זאָגט צו אים:

— טײַערער מאַן, מײַן לאַיליע, דו ביסט נעבעך מיד פונעם טאָג. דערפאַר ביסטו געשלאָפן אַזוי געשמאַק די גאַנצע נאַכט, און איך האָב דיך געהיט, ניט געוואָלט דיך וועקן. אַצינד זיצן דאָרט אין פּאַלאַץ אַלע גרויסע לײַט און וואַרטן אַף דיר. טו זיך אָן און גיי אַרויס צו זיי.

און אַסאַרהאַדאָן פאַרשטייט פון די דאָזיקע ווערטער, אַז ער איז לאַיליע, און עס הייבט אים נישט אָן ניט נאָר צו וווּנדערן, — אַדעראַבע, עס איז אים אַ כידעש, וויאַזוי ער האָט דאָס ביז אַהער ניט געוווּסט!

און ער שטייט אויף, טוט זיך אָן און גייט אַרויס אין פּאַלאַץ, ווו עס זיצן אַלע גרויסע לײַט און וואַרטן אַף אים. און די גרויסע לײַט שטייען אויף, בייגן זיך אײַן ביז דער ערד פאַר זייער קעניג לאַיליע, און דער קעניג לאַיליע הייסט זיי זיצן, זעצן זיי זיך, און דער עלטערער פון זיי הייבט אָן צו ריידן און זאָגט, אַז ס'איז שוין מער ניט אויסצושטיין פונעם קעניג אַסאַר־האַדאָן, מע דאַרף גיין אַף אים מיט מילכאָמע!

נאָר לאַיליען איז דאָס ניט געפעלן, ער הייסט, מע זאָל שיקן צום קעניג אַסאַרהאַדאָן שעלוכים און מע זאָל דורכקומען מיט אים מיט גוטן; אַזוי הייסט לאַיליע און צעלאָזט די גרויסע לײַט אַהיים.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט אַלע אייסאָקים און פילנדיק זיך, אַז ער איז לאַיליע, פאָרט אַרויס דער קעניג אַסאַרהאַדאָן אָפן געיעג כאַפּן ווילדע כײַעס. און דער געיעג איז אים געראָטן; ער אַליין האָט דערהרגעט אַ פּאָר ווילדע כײַעס און קומט אַהיים אופגעלייגט און מאַכט אַ סודע פאַר זײַנע גוטע נאָענטע פרײַנט און מע הוליעט און מע קוקט, ווי די פּאַרקויפטע מיידלעך טאַנצן.

אָפן אַנדערן טאָג גייט ער אַרויס, ווי געוויינלעך, אין הויף אַרײַן, ווו עס וואַרטן אַף אים אַלערליי מענטשן מיט פאַרשיידענע באַקאָשעס און לאַדעניש, און ער הערט אויס אַלעמען און מישפּעט זיי און גלײַכט זיי אויס.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט אַלע אייסאָקים, פאָרט ער ווידער אַף דעם געיעג, און דאָס מאָל געראָט אים אַזוי, אַז ער האָט דערהרגעט אַ לייב און פאַרכאַפּט לעבעדיקערהייט צוויי קליינע ליי־בעלעך. געקומען פון געיעג, מאַכט ער ווידער אַ סודע פאַר זײַנע נאָענטע פרײַנט, קלעזמער שפּילן און מיידלעך טאַנצן, און אָפּדערנאָכט פאַרברענגט ער מיט זײַן ווײַב, זײַן ליבע קעניגן.

און אָט אַזוי פאַרברענגט ער די טעג מיט די וואָכן און וואַרט אַף די שעלוכים, וואָס ער האָט אָוועקגעשיקט צום קעניג אַסאַרהאַדאָן, דאָס הייסט צו יענעם, וואָס ער איז אַליין אַמאָל געווען. ערשט אין אַ כוידעש אַרום קערן זיך אום צוריק די שעלוכים, נאָר זיי קערן זיך אום מיט אָפּגעשניטענע נעזער און מיט אָפּגעשניטענע אויערן.

און אַ יעדי'ע האָבן זיי געבראַכט צו פירן פונעם קעניג אַסאַרהאַדאָן, אַז ער האָט געהייסן איבערגעבן לאַיליען, אַז דאָס, וואָס איז געטאָן געוואָרן מיט זײַנע שעלוכים, וועט געטאָן ווערן אויך מיט אים, אויב ער וועט ניט צושיקן אים באַלד קיין שטײַער — זילבער, גאָלד און קי־פּערהאָלץ, און אויב ער וועט אַליין ניט קומען צו אים זיך אונטערגעבן.

לאַיליע, דער, וואָס איז געווען פריִער אַסאַרהאַדאָן, רופט צונויף אַלע גרויסע לײַט און האַלט זיך מיט זיי אָן אייצע — וואָס טוט מען? זאָגן די גרויסע לײַט אַלע אין איין קאָל, מע זאָל ניט וואַרטן, ביז אַסאַרהאַדאָן וועט אָנפאַלן אַף אונדז, לאָמיר בעסער פריִער גיין אַף אים מיט מילכאָמע! איז דער קעניג מאַסקים און נעמט צונויף זײַן כאַיל און גייט מיט מילכאָמע. דאָס גיין געדויערט זיבן טעג. אָפן אַכטן טאָג קומט זיך צונויף זײַן כאַיל מיטן כאַיל פון אַסאַר־

האָדאַנען אַף אַ ברייט פעלד באַם ברעג טײַך. דאָס כאַיל זײַנס שלאָגט זיך זייער געשמאַק, נאָר לאַיליע, דער, וואָס איז געווען פריִער אַסאַרהאַדאָן, זעט, אַז דער פײַנט וואַקסט און מערט זיך, לויפט זיך צונויף פון די בערג, אַזוי ווי מערעשקעס, פאַרפליסט דאָס פעלד, שטעכט און שנײַדט אַף אַלע זײַטן און צעטרײַבט דאָס כאַיל, און לאַיליע פילט, אַז ער אַליין איז אויך פאַרוווּנדעט און אַז מע נעמט אים אין געפענקעניש.

ניַין טעג גייט ער געבונדן מיט אַלע איבעריקע געפאַנגענע צווישן כאַיל פון אַסאַרהאַדאָן, און אַפן צענטן טאָג ברענגט מען אים צו פירן אין דער שטאָט נינווע און מע זעצט אים אַרײַן אין אַ שטײַג. לאַיליע לײַדט ניט אַזוי פון הונגער און פון ווייטעק, ווי פון ביזיאָען און פון קאָס. עס ברענט אים, נאָר ער פילט, אַז ער איז ניט אימשטאַנד זיך רעכענען מיטן סוינע, אָפּצאָלן אים פאַר אַלצדינג, וואָס ער טוט מיט אים.

איין זאַך, וואָס ער קאָן אים אָפּטאָן, איז נאָר דאָס, וואָס מאַקעס וועט וויסן דער סוינע פון זײַנע צאַרעס און פון זײַנע יעסורים! און ער האָט אַף זיך גענומען שטילערהייט איבערטראָגן אַלצדינג, וואָס מע וועט אים טאָן.

צוואַנציק טעג זיצט ער אין שטײַג און וואַרט אַפן טאָג, וואָס מע וועט קר־מען אים טויטן. ער זעט, ווי מע פירט דורך פאַר זײַנע אויגן אַלע זײַנע פרײַנט און גוטע פרײַנט, ער הערט זייער קרעכצן און זייער שרײַען, בעשאַס מע האַקט זיי אָפּ הענט און פיס און בעשאַס מע רײַסט פון זיי די הויט לעבעדיקער־הייט — און ער באַווײַזט ניט אַרויס ניט קיין אומרו, ניט קיין ראַכמאָנעס, ניט קיין מוירע, גלײַך ווי גאָרניט. ער זעט ווי די סאָריסים פירן זײַן ליבסטע פרוי געקאָוועט אין קייטן. ער ווייסט, אַז דאָס פירט מען זי אין דער דינסט צום קעניג אַסאַרהאַדאָן, און ער טראָגט דאָס אַלצ־דינג איבער אָן אַ שום באַקלאָגן זיך, גלײַך ווי גאָר ניט אים מיינט מען.


הילף
אַ זאַמעל-בוך פיר ליטעראַטור און קונסט.

רעדיגירט דורך די רעדאַקציע
פון דער „יודישע פאָלקס-צייטונג"
פערלאַג „פאָלקס-בילדונג".

וואַרשא
דרוק. „הצפירה" מאַריאַנסקאַ 2.

„ГИЛФЪ", т. е. Помощь
Литературный сборникъ съ иллюстраціями.
Изданіе „Фолксбилдунгъ".

ВАРШАВА
Тип. „Гацефиры" Маріинская, 2.


הקדמה.

אנשטאט הקדמה געבען מיר דא א בריוו פון גראף ל. נ. טאלסטאי

Милостивый Государь Соломонъ Наумовичъ!

Я забылъ послать Вамъ нѣсколько словъ предисловія къ сказкамъ.

Мысль сказки „Царь-Ассархадонъ", принадлежитъ не мнѣ, а взята мною изъ сказки неизвѣстнаго автора, напечатанной въ нѣмецкомъ журналѣ „Theosophischer Wegweiser", въ 5-мъ № 1903 года, подъ заглавіемъ: „Das bist du".

Что-же касается до сказки „Три вопроса", то можетъ возникнуть обратное недоразумѣніе. У Лѣскова есть сказка, напечатанная на эту тему и можетъ показаться, что я заимствовалъ основную мысль изъ его сказки. Въ дѣйствительности же Лѣскову понравилась эта моя мысль лѣтъ 15 тому назадъ, высказанная и напечатанная въ „Цвѣтникѣ", изд. „Посредника" и онъ съ моего согласія воспользовался ею.

Левъ Толстой.

Ясная Поляна, 25 Августа 1903 г.

דער שאַרבלאַט פון דער זאַמלונג „הילף" און ל. נ. טאָלסטאָיס פאָרוואָרט צו זײַנע דערציילונגען.

נאָר אַט זײַנען געקומען צוויי טאַליאָנים, שליסן אויף די שטײַג, בינדן אים די הענט אַרונ־טער און פירן אים צו צום גוטן אָרט, וואָס איז באַשפּריצט מיט בלוט. לאַיליע זעט פאַר זיך דעם גוטן פלאָקן מיטן שאַרפן פאַרבלוטיקטן שפּיץ, וואָס מע האָט נאָרוואָס אַראָפּגענומען פון דאָרטן איינעם פון זײַנע נאָענטע פרײַנט, און לאַיליע שטויסט זיך, אַז דער דאָזיקער גוטער פלאָקן איז אָנגעגרייט פון זײַן קאָוועד וועגן. און מע הייבט אים אָן אויסצוטאָן, און לאַיליע דערזעט זיך אַ נאַקעטן און דערשרעקט זיך פאַר זײַן אייגן אויסגעדאַרט מאָגער לײַב, פאַר זײַן לײַב, וואָס אַמאָל איז דאָס געווען אַזוי פעט, אַזוי ווײַס, אַזוי שיין! און די צוויי טאַליאָנים כאַפּן אונטער דאָס דאָזיקע לײַב פאַר די דאַרע אויסגעטריקנטע פיס, הייבן אויף און ווילן אים אַרופזעצן אַפן גוטן שפּיץ פונעם גוטן פלאָקן.

— אַט באַלד איז דער טויט, אָן עק! — טראַכט זיך לאַיליע און פאַרגעסט, אַז ער האָט זיך דאָס וואָרט געגעבן אויסהאַלטן ביזן סאָף, און ער הייבט אָן צו וויינען און צו בעטן ראַכמים, מע זאָל זיך אָף אים דערבאַרעמען, נאָר קיינער הערט אים ניט.

— עס קאָן ניט זײַן! — טראַכט ער זיך. און נעמט זיך אָן מיט קויעך אופצושטיין. — ניט אַנדערש, אַז איך שלאָף! ס'איז אַ כאַלעם! איך בין דען לאַיליע? איך בין דאָך אַסאַרהאַדאָן!

— דו ביסט לאַיליע, דו ביסט אַסאַרהאַדאָן, — הערט ער נעבן זיך אַ קאָל און ער פילט, אַז עס הייבט זיך אָן זײַן טויט און ער טוט אַ געשריי און שטעקט אַרויס די קאָפּ פון ביטל.

דער אַלטער מאַן מיט דער לאַנגער גרויער באָרד שטייט נעבן אים און גיסט אָף אים דאָס לעצטע ביסל וואַסער פון דער קוואָרט.

— אוי, ווי שרעקלעך איך האָב געליטן און ווי לאַנג, ווי לאַנג דאָס איז געווען! — זאָגט דער קעניג אַסאַרהאַדאָן.

— לאַנג, זאָגסטו? — מאַכט צו אים דער אַלטער, — האָסט דאָך נאַרוואָס אונטערגעטוקט דעם קאָפּ אין ביטל און באַלד צוריק אַרויסגעשטעקט; דו זעסט, אָט איז די קוואָרט, נאָך נישט דאָס גאַנצע וואַסער אויסגעגאָסן. נו, אַצינד האָסטו פאַרשטאַנען?

אַסאַרהאַדאָן ענטפערט ניט אַ וואָרט און קוקט מיט שרעק אָף דעם אַלטן מאַן מיט דער לאַנגער ווײַסער באָרד.

— אַצינד פאַרשטייסטו שוין? — מאַכט צו אים דער אַלטער, — אַצינד פאַרשטייסטו שוין, אַז לאַיליע דאָס ביסטו, און יענע אַלע מענטשן, וואָס דו האָסט זיי געטויט, דאָס איז דו. און ניט נאָר מענטשן, די ווילדע כײַעס, וואָס דו האָסט געטויט אָפן געיעג און אופגעפרעסן אָף דער סודע נאָכדעם, דאָס איז דו. דו האָסט געמיינט, אַז דײַן לעבן איז נאָר בא דיר אַליין, האָב איך דיר אופגעעפנט די אויגן און דו האָסט דערזען, אַז דאָס, וואָס דו האָסט געטאָן יענעם, האָסטו געטאָן זיך אַליין. אַ לעבן איז נאָר איינס, איין־און־איינציק לעבן אומעטום, און דו ביסט נאָר אַ קליינער טייל פון דעם איינציקן לעבן, אַ טייל פון אים. און נאָר אין דעם קליינעם טייל פון לעבן, נאָר אין זיך אַליין קאָנסטו פאַרבעסערן אָדער פאַרערגערן, פאַרלענגערן אָדער פאַרקירצן דאָס לעבן. פאַרבעסערן זיך דאָס לעבן קאָנסטו נאָר דערמיט, וואָס דו וועסט אָוועקנעמען דעם אָפּשייד, וואָס שיידט אָפּ דײַן לעבן פון אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן. פאַרלענגערן זיך דאָס לעבן קאָנסטו נאָר דערמיט, וואָס דו וועסט רעכענען אַלע אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן, אַז דאָס ביסטו, און דו וועסט זיי האָבן ליב. צונעמען, איבערהאַקן דאָס לעבן בא אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן — דאָס איז ניט אין דיר געווענדט. דאָס לעבן פון די באַשעפענישן, וואָס דו האָסט זיי געטויט, איז נאָר אָוועק פון דײַנע אויגן, אָבער ניט פאַרפאַלן געוואָרן. דו האָסט געוואָלט פאַרלענגערן דײַן אייגן לעבן און פאַרקירצן דאָס לעבן פון אַנדערע, נאָר דו קאָנסט דאָס נישט טאָן. דאָס לעבן ווייסט ניט פון קיין צײַט און האָט קיין אָרט. דאָס לעבן איז אַ מינוט און דאָס לעבן איז טויזנט יאָר, און דײַן לעבן און דאָס לעבן פון אַלע אַנדערע לעבעדיקע אָף דער וועלט זײַנען גלײַך. דאָס לעבן מאַכן אויס אָדער איבערמאַכן קאָן מען ניט, וואָרעם ס'איז נאָר פאַראַן איין לעבן אָף דער וועלט. און דאָס איבעריקע — דאָס ווײַזט זיך דיר נאָר אויס.

אָפּגעזאָגט, איז דער אַלטער נעלעם געוואָרן.

* * *

אָף מאָרגן אינדערפרי האָט דער קעניג אַסאַרהאַדאָן געהייסן אַרויסלאָזן לאַיליען פון שטײַג און אַלע געפאַנגענע באַפרײַען און אופהערן פאַרגיסן בלוט.

אָפן דריטן טאָג האָט ער געשיקט רופן דעם זון זײַנעם אַשורבאַניפּאַל און האָט אים איבערגעגעבן די קרוין און אַליין האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט אינעם מידבער צו באַטראַכטן גוט דאָס אַלצדינג, וואָס ער איז געוווירע געוואָרן. און נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט גיין איבער שטעט און דערפער אופקלערן דעם אוילעם, אַז דאָס לעבן איז איינס, און וואָס מענטשן טוען יענעם, טוען זיי דאָס נאָר זיך אַליין.

האָרעוואניע, שטארבן און קראנק זײַן

א לעגענדע

בא די אינדיאנער אין אמעריקע איז דאָ אזא מין לעגענדע:
אז גאָט האָט באשאפן די מענטשן, האָט ער זיי באשאפן אזוי, אז זיי זאָלן פארשפּאָרן האָרעווען, ניט דארפן בויען זיך קיין הײַזער, ניט נייען קיין קליידער, ניט באקן קיין ברויט. און געלעבט האָבן זיי אלע ביז הונדערט יאָר, ניט געוווּסט פון קיין קרענק.

ס׳איז אוועקגעגאנגען א היפּשע צײַט. האָט גאָט א קוק געטאָן, ווי:אזוי לעבן די מענטשן און האָט דערזען, אז אָנשטאָט דעם, וואָס זיי זאָלן האנאָע האָבן פון זייער לעבן, האָבן זיי זיך גאָר אלע איבערגעקריגט צווישן זיך און האָבן זיך געמאכט אזא לעבן, אז ניט נאָר זיי האָבן זיך ניט געפרייט — זיי האָבן זיך נאָך פארשאָלטן דאָס געביין.

האָט זיך גאָט געטראכט: דאָס איז דערפאר, וואָס זיי לעבן צעשפּרייט, אָפּגעזונדערט איינס פונעם אנדערן. און ביכדיי עס זאָל שוין מער אזוי ניט זײַן, האָט גאָט געמאכט אזוי, אז מענטשן זאָלן זיך ניט קאָנען באגיין אָן קיין האָרעוואניע; ביכדיי זיי זאָלן ניט לײַדן פון קעלט און פון הונגער, האָבן זיי געדארפט זיך בויען הײַזער, גראָבן ערד, פלאנצן ביימער, רײַסן פּיירעס, זייען, שנײַדן, מאָלן און באקן ברויט.

— דאָס האָרעווען וועט זיי צונויפזאמלען, באהעפטן אלע איניינעם — אזוי האָט זיך גאָט געטראכט: איין מענטש אליין קאָן ניט גראָבן און בויען, אקערן און זייען, שנײַדן און דרעשן, מאָלן און באקן, וועבן און נייען זיך קליידער; זיי וועלן מוזן פארשטיין, אז דערמיט, וואָס זיי וועלן זיך אײַנטיילן מיט דער ארבעט, העלפן איינער דעם אנדערן, וועלן זיי א סאך מער קאָנען אָפּארבעטן און עס וועט זיי א סאך בעסער זײַן דאָס לעבן אויף דער וועלט, און דאָס וועט זיי מעקארעוו זײַן, דערנעענטערן איינס צום אנדערן.

ס׳איז אוועקגעגאנגען נאָך א שטיק צײַט, און גאָט איז ווידער געקומען געוווירע ווערן, ווי:אזוי לעבן די מענטשן אויף דער וועלט: צי זײַנען זיי צופרידן אצינד מיט זייער לעבן? די מענטשן האָבן אָבער געלעבט ערגער ווי פרי:ער, געהאָרעוועט האָבן זיי טאקע אלע, נאָר ניט איניינעם; זיי האָבן זיך צעשלאָגן אויף א סאך קיטעס; איטלעכע קיטע האָט זיך געפלײַסט אָפּנעמען איינס בא דאָס אנדערע יענעמס ארבעט, און האָבן נאָר געשטערט איינער דעם אנדערן, אומזיסט ארויסגעוואָרפן צײַט און האָרעוואניע אויף קריגעניש, זידלערײַ און מילכאָמע האלטן — און ס׳איז אלעמען געווען שלעכט.

דערזען, אז דאָס טויג אויך ניט, האָט גאָט געמאכט אזוי, אז מענטשן זאָלן מער ניט וויסן דעם טאָג פון זייער טויט, אז מענטשן זאָלן קאָנען שטארבן אין יעדער צײַט, אין יעדער מינוט. גאָט האָט זיך אזוי געקלערט: „וויבאלד מענטשן וועלן וויסן, אז זיי קאָנען אין יעדער מינוט אוועקשטארבן, וועלן זיי אופהערן טראָגן סינע איינס אויפן אנדערן, קריגן זיך און זידלען זיך און פאריאָמערן דאָס לעבן, וואָס קאָן אלע מינוט איבערגעריסן ווערן”.

אויסגעקומען איז דאָס אָבער ניט אזוי: אז גאָט האָט זיך אומגעקערט א קוק טאָן, ווי:אזוי לעבן איצט די מענטשן אויף דער וועלט, האָט ער דערזען, אז דאָס לעבן פון די מענטשן האָט זיך ניט פארבעסערט. די מענטשן, וואָס זײַנען געזינטער און שטארקער פון אנדערע, האָבן זיך באנוצט דערמיט, וואָס דעם מענטשנס לעבן קאָן אלע מינוט איבערגעהאקט ווערן, האָבן זיי גיוויער געווען די שוואכערע פון זיך און געצווּנגען, אז זיי זאָלן האָרעווען אויף זיי; און ס׳איז געוואָרן אזא מין לעבן אויף דער וועלט, אז ס׳איז זיי אלעמען געוואָרן נימעס דאָס לעבן. די שטארקערע איז נימעס געוואָרן דאָס לעבן דערפאר, וואָס זיי האָבן ניט געהאט וואָס צו טאָן אויף דער וועלט, און די שוואכערע איז געוואָרן נימעס דאָס לעבן דערפאר, וואָס זיי האָבן געהאָרעוועט איבערן קויעך, ניט געוווּסט פון קיין אָפּרוען זיך, און מענטשן האָבן פײַנט געקראָגן איינס דאָס אנדערע און מע האָט אָנגעהויבן מוירע האָבן איינס פאר דאָס אנדערע, און דאָס לעבן פון די מענטשן איז געוואָרן נאָך מער אומגליקלעך.

דערזען דאָס דאָזיקע, האָט גאָט געוואָלט פאריכטן און האָט צוגעטראכט דאָס לעצטע מיטל: ער האָט אָנגעשיקט אויף די מענטשן אלערליי קרענק און שלעק און פוראָנ:עסן אויף דער וועלט. גאָט האָט זיך געקלערט, אז וויבאלד מענטשן וועלן האָבן אויף זיך די אלע קרענק מיט די אלע שלעק, וועלן די געזונטע ראכמאָנעס האָבן אויף די קראנקע און וועלן זיי העלפן און וועלן זיי פארגרינגערן די ווייטעקן, ביכדיי, אז טאָמער וועלן זיי אמאָל זײַן קראנק, וועלן יענע אויף זיי ראכמאָנעס האָבן, פארגרינגערן זייערע ווייטעקן.

און גאָט האָט ווידער איבערגעלאָזט די מענטשן, און אז ער האָט זיך אומגעקערט א קוק טאָן, וויאַזוי לעבן איצט די מענטשן אף דער וועלט, נאָכדעם אז זיי האָבן שוין אף זיך די אלע קרענק מיט די אלע שלעק און פוראַניִעסן אף דער וועלט? און ער האָט דערזען, אז דאָס לעבן זייערס איז געוואָרן נאָך ערגער. די זעלבע קרענק, וואָס נאָך גאָטס מיינונג האָבן מענטשן באַדאַרפט ראַכמאָנעס האָבן, זיך דערנעענטערן איינער צום אנדערן, האָבן זיי גאָר נאָך מער דערווײַטערט איינער פונעם אנדערן. יענע, שטאַרקערע מענטשן, די, וואָס האָבן זיך געפוילט אַרבעטן און האָבן געצוווּנגען, אז אנדערע זאָלן האָרעווען אף זיי, האָבן געקאָנט באַשטיין, אז בעשאַס קראַנק זײַן, זאָלן אנדערע גיין ארום זיי, היילן זיי, אונטערטראָגן זיי אלץ, וואָס מע באַדאַרף. און יענע, די שוואַכערע מענטשן, וואָס האָבן געהאָרעוועט אף אנדערע, זײַנען נעבעך געוועזן אַזוי אויסגעמוטשעט און דערשלאָגן, אז זיי האָבן ניט אין זינען געהאַט זייערע קראַנקע און האָבן זיי איבערגעלאָזט אף גאָטס באַראָט.

און אויסער דעם האָבן מענטשן אייניקע קרענק א נאָמען געגעבן „אָנשטעקנדיקע”, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס מע קאָן זיך אָנעמען איינער פונעם אנדערן, און מאַכמעס מע האָט מוירע געהאַט פאַר אָנעמען זיך, האָבן זיי אָנגעהויבן ניט נאָר זיך צולאָזן צו די קראַנקע, נאָר אַדעראַבע, מע האָט אָנגעהויבן אַנטלויפן, זיך נאָך מער דערווײַטערן איינס פון דאָס אנדערע; מע האָט מוירע געהאַט זיך צורירן ניט נאָר צו די קראַנקע, נאָר אפילע צו די, וואָס האָבן זיך צוגערירט צו די קראַנקע.

דעמלט האָט זיך גאָט געזאָגט: נו, וויבאַלד מיט דעם דאָזיקן מיטל קאָן מען אויך ניט ברענגען די מענטשן דערצו, אז זיי זאָלן פאַרשטיין, אין וואָס איז זייער גליק, לאָזן זיי זיך אליין מוטשען אף דער וועלט! און גאָט האָט איבערגעלאָזט די מענטשן אליין.

געבליבן אליין, האָבן מענטשן לאַנג ניט פאַרשטאַנען, אז זיי קאָנען און דאַרפן לעבן גליקלעך אף דער וועלט. און ערשט העט שפּעטער, אין א צײַט אַרום, האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אז האָרעווען באַדאַרף מען ניט מוירע האָבן, אז האָרעווען באַדאַרפן אלע און עס באַדאַרף זײַן פאַר אלעמען אן אָנגעלייגטע, א נייטיקע זאַך, וואָס מאַכט נאָענט צווישן זיך די מענטשן. מע האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אז ווײַל דעם מענטשנס לעבן קאָן צו יעדער מינוט איבערגעריסן און אָפּגעהאַקט ווערן, באַדאַרף מען זען וואָס מער שאַצן די געציילטע טעג, זײַן וואָס מער איניינעם, וואָס מער נאָענט, מיט וואָס מער ליבשאַפט איינס צום אנדערן. מע האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אז די אלע קרענק מיט די אלע שלעק און פוראַניִעסן, וואָס אף די מענטשן, באַדאַרפן ניט צעשיידן זיך, ניט דערווײַטערן זיך איינס פון דאָס אנדערע, נאָר אַדעראַבע, עס באַדאַרף זיי צוציִען איינעם צום אנדערן מיט ליבשאַפט, ראַכמאָנעס האָבן, העלפן, פאַרגרינגערן איינס דאָס אנדערע די ווייטעקן, מאַכן גרינגער און זיסער דאָס שווערע, ביטערע לעבן אף דער וועלט.

דרײַ זאַכן

איינמאָל פאַרצײַטן האָט זיך דער מיילעך געטראַכט: וואָס וואָלט געווען, אַשטייגער, ער זאָל טאָמיד וויסן די רעכטע צײַט, ווען מע דאַרף טאָן און ווען מע דאַרף ניט טאָן, מיט וואָסערע מענטשן מע דאַרף זיך אָפּגעבן און מיט וואָסערע מע דאַרף זיך ניט אָפּגעבן, און דערייִקער, וועלכס פון אלע טועכצן איז נייטיקער צו טאָן? אָט די דרײַ זאַכן, ווען ער זאָל וויסן, וואָלט ער קיינמאָל ניט אַריבערגעפאַלן.

און דער מיילעך האָט אַרויסגעלאָזט א קלאַנג איבער דער גאַנצער מעדינע, אז ער שענקט די גרעסטע מאַטאָנע דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס וועט אים קאָנען אויפקלערן די דרײַ זאַכן: ווען איז די רעכטע צײַט? ווער זײַנען די רעכטע מענטשן? און וואָס איז נייטיקער פון אלץ?

און עס האָבן אָנגעהויבן קומען צום קעניג געלערנטע מענטשן, כאַכאָמים, און האָבן זיך געשלײַפט די מויכעס, געטראָפן איטלעכער אף אן אנדער אויפן, איטלעכער נאָך זײַן גאַנג; און אַזוי־וויי דער קעניג האָט ניט מיטגעגעבן מיט קיינעם, האָט דערפאַר קיינער ניט געקראָגן קיין מאַטאָנע. און ביכדיי צו באַקומען אן ענטפער אף די דרײַ זאַכן, איז בא אים געבליבן, ער זאָל זיך אַוועקלאָזן אין וואַלד אַרײַן, דאָרטן געפינט זיך איינער א געטלעכער מענטש, א נאָזיר, וואָס איז אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט און וואָס האָט א שעם פון א גרויסן כאָ־

כעס. און מאכמעס דער פּאַרוש גייט זיך מיט קיינעם ניט צונויף און נעמט אויף נאָר פּראָסטע מענטשן, האָט זיך דער קעניג איבערגעטאָן אין פּראָסטע קליידער, איבערגעלאָזט זײַנע לײַב־קנעכט אף יענער זײַט וואַלד, אראָפּגעקראָכן פונעם פערד און איז אוועקגעגאַנגען צו אים צופוס.

אַז דער מיילעך איז צוגעגאַנגען צום פּאַרוש, האָט ער אים געטראָפן ווי ער שטייט בא זיך אין גאָרטן און גראָבט ערד. דערזעען דעם קעניג, האָט ער אים אָפּגעגעבן שאָלעם און גענומען זיך צוריק צו דער ארבעט גראָבן ערד. דער פּאַרוש איז געוועזן א מענטש ניט קיין געזונ־טער, און די ארבעט איז געוועזן פאַר אים שווער.

איז צוגעגאַנגען צו אים דער קעניג און רופט זיך אָן צו אים:

— איך בין געקומען צו דיר, געטלעכער מאַן, דיך בעטן, זאָלסט מיר קלאָר מאַכן דרײַ זאַכן: וועלכע איז די בעסטע צײַט, וואָס מע זאָל זי גוט געדענקען און ניט דורכלאָזן, ביכדיי מע זאָל נאָכדעם קיין כאַראָטע ניט האָבן? וועלכע מענטשן זײַנען די נייטיקסטע, מיט וועלכע באַדאַרף מען זיך מער אָפּגעבן און מיט וועלכע ווינציקער? וועלכע טועכצן זײַנען די נייטיק־סטע, וועלכעס באַדאַרף מען, הייסט דאָס, טאָן פריִער פון אַלצדינג?

דער פּאַרוש האָט גאַנץ גוט אויסגעהערט דעם קעניג, נאָר געענטפערט האָט ער גאָר־נישט; ער האָט נאָר אָנגעשפּיגן אף דער האַנט, זיך גענומען צום גראָבײַזן גראָבן ערד.

— דו האָסט זיך אײַנגעמידט, — מאַכט צו אים דער מיילעך, — גיב מיר דעם גראָבײַזן, איך וועל דיר א ביסל העלפן ארבעטן.

— א דאַנק, — זאָגט צו אים דער פּאַרוש און גיט אים איבער דעם גראָבײַזן, און אַליין זעצט ער זיך אף דער ערד א ביסל אָפּרוען.

אָפּגעגראָבן א ביסל, רוט זיך אָפּ דער מיילעך און פרעגט איבער נאָכאַמאָל די דרײַ זאַכן. דער פּאַרוש ענטפערט אים אַלץ ניט דערויף; ער שטייט אויף, ציט אויס די האַנט צום גראָבײַזן און זאָגט:

— אַצינד רו זיך דו אָפּ, איך וועל ארבעטן.

נאָר דער קעניג גיט אים ניט אָפּ דעם גראָבײַזן און העלפט אים ארבעטן.

עס גייט אוועק א שאָ און צוויי און דרײַ; דער טאָג האַלט שוין בא אונטערגיין, די זון זעצט זיך. דער מיילעך שטעלט אוועק דעם גראָבײַזן און רופט זיך אָפּ צום פּאַרוש:

— איך בין געקומען צו דיר, געטלעכער מאַן, זאָלסט מיר ענטפערן אף מײַנע דרײַ זאַכן. האָסט ניט וואָס צו ענטפערן. זאָג, — וועל איך מיר גיין אַהיים.

— זע נאָר, עמעצער לויפט אַהער, ווער קאָן דאָס זײַן? — מאַכט צו אים דער פּאַרוש.

דער מיילעך קוקט זיך אַרום און דערזעעט, עס לויפט פון וואַלד אַרויס א האַריקער מענטש. דער מענטש האַלט זיך צו באַם בויך און עס רינט פון אים בלוט. צוגעלאָפן צום קעניג, פאַלט ער, אום, פארגלאָצט די אויגן און קרעכצט זייער שטאַרק. דער קעניג מיטן פּאַרוש צעשפּי־ליען דעם דאָזיקן מענטשן און דערזעען בא אים אפן לײַב א מוירעדיקע ווונד. דער מיילעך האָט אים ווי־עס־איז אַרומגעוואַשן די ווונד, איבערגעבונדן מיט א האַנטעך און מיט א טיכל, דאָס בלוט האָט ניט אויף. דער קעניג־בינדט אים אויף, וואַשט אים אויס די ווונד און בינדט אים איבער נאָכאַמאָל דעם בויך. אַז דאָס בלוט האָט זיך געשטילט, האָט דער פאַרווונדעטער אופגעעפנט די אויגן און געבעטן א טרונק. איז געגאַנגען דער קעניג און האָט אים געבראַכט צו טראָגן א טרונק. דערווײַל איז די זון פארגאַנגען און ס׳איז געוואָרן קיל. נעמט דער קעניג מיטן פּאַרוש און מע טראָגט אים איבער צום פּאַרוש אין שטיבל ארײַן און מע לייגט אים ארײַן אין בעט ארײַן. דער פאַרווונדעטער מאַכט צו די אויגן און ווערט אַנשלאָפן.

און דער מיילעך איז אַזוי מיד פונעם וועג און פון דער ארבעט, אַז ער זעצט זיך צו אפן שוועל, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ צו דער טיר און ווערט אַזוי געשמאַק אַנשלאָפן, אַז ער שלאָפט אָפּ די גאַנצע נאַכט, און אַז ער כאַפּט זיך אויף, פאַרשטייט ער ניט, ווו ער איז אין דער וועלט און ווער איז אָט אָ־יענער האַריקער מענטש, וואָס ליגט אין בעט און קוקט אף אים אַזוי געשמאַק?

— זײַ מיר מויכל! — זאָגט צו אים דער האַריקער מענטש, קוים וואָס ער רעדט.

— איך ווייס ניט אף וואָס איך זאָל דיר מויכל זײַן, — מאַכט צו אים דער קעניג.

— דו קענסט מיך ניט, און איך דיך יאָ. איך בין דאָס דער גרעסטער סוינע דײַנער, וואָס האָט זיך פארשוואָרן דיך אומברענגען פון דער וועלט דערפאַר, וואָס דו האָסט געטויט מײַן ברודער און צוגענומען זײַן גאַנץ פארמעגן. איך האָב מיך דערוווּסט, אַז דו האָסט זיך געלאָזט גיין אַהער צום פּאַרוש, בין איך ארויסגעגאַנגען דיך היטן, אַז דו וועסט גיין צוריק, זאָל איך דיך הארגענען. ס׳איז אָבער אוועקגעגאַנגען דער גאַנצער טאָג, איך זע, דו גייסט ניט צוריק, בין איך ארויסגעגאַנגען פון מײַן באַהעלטעניש געוווירע ווערן, ווו דו ביסט אַהינגעקומען, האָבן מיך דערזען דײַנע לײַבקנעכט און האָבן מיך דערקענט און האָבן מיך געשלאָגן און פאַר־

װונדעט, בין איך פֿון זיי אַנטלאָפֿן און דאָס בלוט האָט פֿון מיר געגאָסן זיך, און איך װאָלט געװיס געשטאָרבן, װען דו בינדסט ניט איבער מײַן װונד. איך בין אַרויסגעגאַנגען דיך האַר־גענען, און דו האָסט מיך געמאַכט פֿון טויט לעבעדיק! אַצינד, אויב איך װעל געזונט װערן, און דו װעסט נאָר װעלן, בלײַב איך דײַן קנעכט אױף אײביק, איך און אַלע מײַנע זין װעלן דיר דינען געטרײַ און בעממעס. איך בעט דיך, זײַ מיר מוחל!

און דער קעניג איז געװען זײער צופֿרידן, װאָס אים איז געראָטן אַזוי גרינג זיך איבער־בעטן מיטן סוינע, און ער האָט אים ניט נאָר מוחל געװען, ער האָט אים צוגעזאָגט אומקערן זײַן פֿאַרמעגן און צושיקן אים זײַנע קנעכט מיט זײַן דאָקטער.

אָפּגעזעגנט זיך מיטן קראַנקן, איז דער קעניג אַרויסגעגאַנגען אױפֿן גאַנעקל זען, װוּ איז דער פֿאָרוש. אײדער ער גײט אַװעק פֿונדאַנען, װיל ער דאָס לעצטע מאָל אים פֿרעגן, צי װעט ער אים ענטפֿערן אױף די דרײַ זאַכן, װאָס ער האָט בא אים געפֿרעגט. דער פֿאָרוש איז געװען אין גאָרטן, געקראָכן אױף דער ערד און פֿאַרזײט קערנדלעך אױף דער ערד, װאָס זײ האָבן ביידע נעכטן געגראָבן.

איז צוגעגאַנגען צו אים דער קעניג און רופֿט זיך אָן צו אים אַזוי:

— דאָס לעצטע מאָל בעט איך דיך, געטלעכער מאַן, זאָלסט מיר ענטפֿערן אױף די דרײַ זאַכן, װאָס איך האָב בא דיר נעכטן געפֿרעגט.

— מע האָט דאָך דיר שוין געענטפֿערט,— מאַכט צו אים דער פֿאָרוש און זעצט זיך צו אױף זײַנע דאַרע פֿיס צו דער ערד און קוקט אױפֿן מײלעך, װאָס שטײט פֿאַר אים.

— װוּ האָט מען מיר געענטפֿערט? װער האָט מיר געענטפֿערט? — זאָגט דער מײלעך פֿאַרװוּנדערט.

— פֿאַרשטײסטו, — זאָגט דער פֿאָרוש, — זאָלסט נעכטן ניט געװען ראַכמאָנעס האָבן אױף מיר און העלפֿן מיר צעגראָבן די ערד און זאָלסט געװען גײן אַהײם, װאָלט אָט דער דאָזיקער כעװורעמאַן אָנגעפֿאַלן אױף דיר און דו װאָלסט געװיס כאַראָטע האָבן, װאָס דו ביסט ניט גע־בליבן מיט מיר. דערפֿון איז געדרונגען, אַז די בעסטע צײַט איז געװען די צײַט, װען דו האָסט מיר געהאָלפֿן אַרבעטן. און דער נײטיקסטער מענטש בין געװען איך. און די נײטיקסטע זאַך איז געװען דאָס, װאָס דו האָסט אױף מיר ראַכמאָנעס געהאַט און געהאָלפֿן מיר אין דער אַרבעט. און נאָכדעם, אַז יענער איז געקומען צו לױפֿן אַ פֿאַרװוּנדעטער, איז די בעסטע צײַט געװען, װאָס דו האָסט אים געהײלט, װאָרעם דו זאָלסט אים ניט געװען הײלן, װאָלט ער גע־שטאָרבן אָן װידוי, ניט איבערגעבעטן זיך מיט דיר פֿאַרן טויט. איז מאַשמאָעס, אַז דער נײ־טיקסטער מענטש פֿאַר דיר איז געװען ער, און נײטיקער פֿון אַלץ איז געװען דאָס, װאָס דו האָסט אים געטאָן. און אַזוי זאָלסטו דיר פֿאַרשרײַבן אױף טאָמיד: אַז די בעסטע צײַט איז באַלד; דערמיט איז זי די בעסטע, װאָס נאָר אױף דעם „באַלד״ האָסטו צו שאַפֿן; „שפּעטער״ איז שוין ניט בא דיר אין די הענט. דאָס איז אײנס. דער נײטיקסטער פֿון אַלע מענטשן איז דער, װאָס איז צום ערשטן דיר געקומען אַנטקעגן. האָסטו צװײ. די דריטע זאַך: אַז נײטיקער פֿון אַלץ איז גוטס טאָן, קי לעקאָך נויצאַרטאָ, װאָרעם נאָר צוליב דעם ביסטו אַרויסגעשיקט געװאָרן אױף דער װעלט.

און דער מײלעך האָט זיך אָפּגעזעגנט מיטן פֿאָרוש און איז געגאַנגען אַהײם.

יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, 19 אױגוסט 1902.

מענדל ליפשיץ

נ״ע לידער

* * *

איך האָב געלערנט זיך זינגען בא גאָלד־פעלדער זאַטע
און בא די וועלדער, ווען זון קלײַבט אין יאַם זיך פאַרגיין.
איך האָב געלערנט זיך זינגען באַם רויש פון וואַרשטאַטן,
און אָט דערפאַר איז דער ניגן מײַן שטוב און מײַן היים.

איך האָב געלערנט זיך זינגען בא ברויזיקע גאַסן,
ווען דער האַמוין, גרייט צו טאַט, פון זײַן רו גייט אַרויס,
און בא די שטילע כאַלופּעס, בא ריטשקעלעך וואַסער
כ׳האָב זיך געלערנט, דערפאַר איז דער ניגן מײַן הויז.

פרײַנטשאַפט און סימכעס מיך האָבן געלערנט — „זײַ מױכל!״
טרויער און לײַדן געפּאָדערט — „זאָלסט מוחל ניט זײַן!״
יעדעס באַזונדער געהאַט האָט זײַן זין און זײַן סײַכל,
און כ׳האָב פון ביידן געטרונקען דעם שיקערן ווײַן.

איך האָב געלערנט זיך זינגען באַם רויש פון וואַרשטאַטן
און בא די וועלדער, ווען זון קלײַבט אין יאַם זיך פאַרגיין.
איך האָב געלערנט זיך זינגען בא גאָלד־פעלדער זאַטע,
און אָט דערפאַר איז דער ניגן מײַן שטוב און מײַן היים.

* * *

פרײַנט שוין ווערן גראָ און גרײַז,
פרײַנט פאַרגייען אײַנציקווײַז,
יעדער טאָג עס ברענגט דיר נײַס,
אויך דײַן קאָפּ ווערט זילבער־ווײַס.

די, וואָס טראָגן גאָרניט־נישט,
ווערן פון דער ערד פאַרווישט,
זיי דער נײַער טאָג ניט גריסט,
ווי דעם אָפּוואָרף, ווי דעם מיסט.

עס פאַרגייט ניט אַלדאָסדינג,
דו פון פרייד און פרײַנטשאַפט זינג.
פרייד און פרײַנטשאַפט אין איין רינג
קלינגען שטענדיק אומבאַדינגט.

* * *

אין יוגנט דאַרף מען זינגען שיין —
די יוגנט ניט פאַרשעמען.
ווײַל זי איז וווּנדערלעך אַליין,
די ליד דאַרף זײַן ניט קלענער.

בײַ איר די ליד איז ערשט איר גרוס,
פאַרויס נאָך קומט דאָס לעבן.

און אויב די ליד פאַרשטײַן אַזוי,
אַז שטענדיק מוז זי לײַכטן,

אין עלטער זינגען שיין מע מוז, —
דער יוגנט קענסט פאַרגעבן,

גריסט יוגנט זי, ווי ערשטן שניי,
היט זאַקן זי, ווי רײַכטום.

* * *

מײַן טאַטע האָט, אַלעוואַהאַשאָלעם,
געטראָגן זײַן פרייד אונטער ברעם,
און איצט, ווען ער קומט מיר צו כאָלעם,
מוז עפּעס־וואָס פרייליכס געשען.

אַ יידיש־ווײַסרוסישן ניגון
ער האָט פון זײַן זיידן פאַרהיט,
אַז פול זאָל מיט ווײַן זײַן דײַן קריגל —
אויף יענער וועלט גיט מען דאָס ניט.

אַ קויסע ט׳ער ליב געהאַט נעמען,
אַזוי זיך, צוליב אַפּעטיט,
און, אַגעוו, די וועלט טוואָס שענער
ווערט דעמלט, און גרינג דער געמיט...

געלעבט האָט ער שווער, די פּאַרנאָסע,
זי וואָרפט אים אין היץ און אין קעלט,
און אַזוי איז דאָס לעבן נישקאָשע,
קעדײַ אַמאָל זײַן אויף דער וועלט...

* * *

דער הימל אַ הויכער — אַ בלויער, אַ ריינער —
געדענקט אַלץ געטרײַ און פאַרגעסט גאָרנישט ניט,
און איך האָב דערמאָנט זיך אין דאָוויד האָפּשטיינען,
ווי ער אויף דער ערד גייט אַדורך מיט זײַן ליד.

אין טאָוול פון וועגט, דאַכט זיך, זע איך זײַן מאַמען,
דאָס קינד, וואָס די ריינקײַט פון זײַן טרינקט עס זיס.
ווי שליסט מען די שורעס מיט פּאַשעטע גראַמען?
ווי שרײַבט מען די ליד — ניט אין פלאַם, בײַ אַ טיש?

* * * *

אויף שפּראַך דער פּאַלעסיער, אַזוי ווי זײַן זיידע,
מײַן זון וועט ניט אויסקומען קיינמאָל צו ריידן.

אין שאַבעס־פאַרנאַכט, ווען די טיר איז צעפּראַלט,
ניט אַרײַנשפּרינגען וועט אין זײַן שטוב פונעם וואַלד

אַ הירש. נו, און איך אָבער גריס, פּונקט ווי פרײַנט,
דעם בוים און דעם האָז און דעם הירש נאָך ביז הײַנט...

* * *

זאָלן פלאצן פּאיאצן,
דו, דעם קאָפּ פארהויבן,
גיי דורך פארבײַ.
ליריק איז שטענדיק — אימפּראָוויזאציע,
אימפּראָוויזאציע איז שטענדיק — נײַ.

דו בלויז נאָך נײַסן ניט לויף, ווי
נאָך וווּנדער,
ליריק איז שטענדיק — אין אָפּגרונט א שפּאלט,
שפּאלטן מיט פעסטונגען זײַנען פארבונדן,
פעסטונגען זײַנען געמויערט און אַלט.

* * *

ווען די קינדער שפּילן,
טאנצט דער דיל פון פרייד.
אַלץ, וואָס קינדער ווילן,
איז דאָ אָנגעגרייט.

ליאַלקעס אָן א שיר דאָ,
פרוכט געשמאַק און זיס,
גנאָמען בא די טירן,
געסט בא יעדן טיש.

הוליעט, קינדער, פרייט זיך,
טאנצט געזונטערהייט.
צוליב וואָס מע פרייט זיך?
פּאָשעט צוליב פרייד...

* * *

מײַן מאַמעס וואָרט איז שטיל
און טרויעריק איר שמייכל,
זי טוט דעם וואָס זי וויל?
וואָס איר איז אָנגעצייכנט...

אין גרינעם פעלד, אין טאָל,
איז זי אדורכגעגאנגען;
און ס׳קלינגט ביז הײַנט איר קאָל
אין רײַפּנדיקע זאנגען.

פאר פרײַנט זי טראָגט א גרוס,
א גוטן ווונטש פאר לײַטן,
זי גייט איר וועג צופוס,
די רײַטער זאָלן רײַטן...

* * *

טעג צעוויקלען זיך אין יאָרן,
זון און שאָטן — זייער שפּײַז,
בא דעם אָקס קומט צו אין האָרן,
בא דעם בוים — אין שטאַם א קרײַז.

און בא מענטשן בלײַבט נאָר איבער
פון דער צײַט דער הויך, דער ווינט.
מענטשן גייען מיט דער ליבע,
וואָס היט אָפּ פון אַלע זינד.

* * *

מיט אזוינע אויגן קענען נאָר פּאָעטן
פרײַנט צו זיך אָף סימכעס ליכטיקע פארבעטן.

פון אזוינע כאָכמעס, אונטער שטרענגע ברעמען,
גאָר די וועלט ווערט קליגער, הארציקער און שענער.

פון אזוינע פינגער פידלען נעמען קוועלן.
בלויז אזא מין וועלט! קיין צווייטע וועסט ניט וועלן...

הערשל פּאָליאַנקער

דער לערער פון מעדזשיבאָזש

ראָמאַן

ווידער אין וועג

דערווײַל איז דער אָבערלייטענאַנט עמיל אײנציקגע געוועזן צופרידן מיט זיך און מיט זײַן גורל.

אינדערעמעסן, ווער וואָלט עס געקאָנט ווינטשן א בעסער אָרט בעשאַס אַזאַ שרעקלעכער מילכאָמע? ווײַט פון נאַטשאַלסטווע, קיינער דערגייט דיר ניט די יאָרן, קיין קוילן און קיין סנאַריאַדן פליִען ניט איבער דײַן קאָפּ, קיין סאַך אַרבעט האָסטו ניט, עסן און טרינקען — איבערן קאָפּ — אַזוי האַלטן מילכאָמע וואָלט ער געקאָנט, עמיל אײנציקגע, אַפילו נאָך צוואַנציק יאָר.

און ער האָט געשריבן זײַן פרוי ברױו, זי זאָל זיך דאָרטן ניט באַומרויִקן פאַר אים, ניט פאַרגיסן קיין טרערן. אויב עס וועט אים גיין, ווי איצט, וועט ער זיך מיט גאָטס הילף אומ־

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד” נומערן 7, 8.

קערן צו איר א גאַנצער און איר נאָך ברענגען א שיין ביסל גוטס, וואָס ער האָט דאָ אין רוסלאַנד אָפּגעשפּאָרט.

יאָ, דער גורל האָט אים געבאַלעוועט, און ער פילט זיך דערוויַיל ניט שלעכט, גיב גאָט אָף וויַיטער ניט ערגער.

מיטן איבערזעצער איז דער נאַטשאַלניק אויך געווען צופרידן, כאָטש עמעצער האָט אים א בורטשע געטאָן, אַז יענער פירט זיך היימיש מיט די שוויַינען. נאָר פון דער אַנדערער זיַיט, צוליב וואָס זיך פאַרקריגן מיט די מענטשן? אָף די פראָנטן טוט זיך דער רוען וויַיסט וואָס. די איניציַאטיוו האָט אינגאַנצן פאַרכאַפּט די רוסישע אַרמיי און קיינער וויַיסט דאָ ניט, ווו זי וועט מאָרגן דערלאַנגען א קלאַפּ, אָנהייבן דעם אָנגריף. אומעטום הערשט א כאַאָס, נישטאָ מיט וועמען צו ריידן, באַ וועמען זיך עפּעס דערפרעגן. יעדער איינער ציטערט פאַר זיַין נעשאָמע און טראַכט ניט וועגן שאָכן. די דיַיטשישע טיילן קאָנען אָפּטרעטן, און דו זאָלסט דאָ זיצן אין טיפן טיל און גאָרנישט ניט וויסן, וועסט בלײַבן, ווי אָפּן וואַסער צווישן אָט די פויערים — דאַרף מען זיך מיט זיי פאַרקריגן?

אַדאַנק דעם איבערזעצער האָט ער אויסגענומען אין די אויגן פון דער קאָמיסיע, באַקומען א העכערן ראַנג און א שיינעם דאַנק פאַר דער דינסט.

עמעס, ערשט ניט לאַנג איז געשען א פריקרע זאַך — בעשאַס מע האָט אַהער געפירט פון דער סטאַנציע מאַטעריאַלן, איז איין וואָגן ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, און דאָרטן זיַינען געווען א פּאָר קעסטלעך גראַנאַטן, ביקסן, קוילן, מעדיקאַמענטן, און קיינער וויַיסט ניט, וויַאַזוי דאָס אַלץ איז נעלעם געוואָרן. נאָר ער, איינציקע, האָט ניט אופגעהויבן קיין טומל, וויַיל אויב די העכערע נאַטשאַלסטווע וועט זיך וועגן דעם דערוויסן, וועט ער שיין אויסזען. אין אַזא ציַיט, ווען אַלץ גייט צום טיַיוול, ווען אָף די פראָנטן טוט זיך כווישעך, קריכט דען אין קאָפּ זיַינע באַלעבאַטים זיך פאַרנעמען מיט אַזעלכע קלייניקייַטן? דער ריַיך פאַרלירט גאַנצע אַר־מייען, הונדערטער און טויזנטער טאַנקען און האַרמאַטן, בערג מיט געווער!

אין איינעם א שטילן פרימאָרגן, ווען דער רעגן האָט געגאָסן, ווי פון עמער, האָט זיך פון יענער זיַיט רוזשאָוקע, אָפּן בלאָטיקן צעפּאָרענעם וועג, באַוויזן א לאַנגער אָבאָז וועגע־נער, אָנגעלאָדענע מיט זעק און פּעק, מעבל, בעהיימעס, ציגן, צוגעבונדענע צו די פורן. עס איז דאָרטן געשטאַנען א מוירעדיקער געשריי פון די אָנטרײַבער, פון די לײַט, וואָס האָבן אונ־טערגעשטופּט די פורן.

דאָס גאַנצע דאָרף איז אַרויסגעלאָפן א קוק טאָן, וואָס איז דאָרט געשען. עס האָבן זיך באַוועגט, ריכטיקער געזאָגט, געלאָפן אָף מײַרעוו בורגאָמיסטערס און סטאַראָסטעס, פּאָליצײַען און נעקייוועס, יענע, וואָס האָבן געטרײַ געדינט די אָקופּאַנטן און וועלכע זיַינען איצט מיט זיי געלאָפן ראַטעווען די נעשאָמעלעך.

באַם וועג זיַינען געשטאַנען די פויערים און מיט פאַרגעניגן געקוקט אָף די פּליטים. און יורקאָ קראַוועץ, איגנאַטס ייִנגערער ברודער, האָט געזאָגט:

— אָ־אָ! זיי טראָגן אָף די ביינער! מע לויפט, ווי די מײַז פון אַן אונטערגייענדיקער שיף!

— און וויפל גוטס פירן זיי מיט זיך? — האָט צוגעגעבן איגנאַט קראַוועץ, קוקנדיק אָף די קלומקעס, שאַפעס און שפּיגלען, וואָס האָבן זיך געהוידעט אָף די פורן, — נישקאָשע, וויַיט וועלן זיי דאָס ניט פאַרפירן! — האָט געזאָגט פעטראָ לאַזוטין. — זיי וועלן וויַיט ניט אַנטלויפן. די „בעזשענצעס" האָבן געבעטן, מע זאָל זיי אַרויסטראָגן וואַסער זיך אָנטרינקען, עסן, נאָר קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— וואָסער? מיט סאַם דאַרף מען זיי אָנפּויען, — האָבן געשריגן די פרויען.

דער אוילעם האָט געקוקט, ווי דער אָבאָז שלעפּט זיך איבערן בלאָטיקן וועג, און געווען צופרידן:

— יאָ, עס ענדיקט זיך זייער יאַמטעוו. איצט זאָלן זיי פאַרזוכן פּאַטשאָם פונט ליכאָ!

דער אוילעם האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס עס קומט איצט פאַר, איז א סימען, אַז די רויטע אַרמיי באַפריַיט אַלץ מער טעריטאָריעס, רייניקט אָפּ די ערד פונעם סוינע. דאָס, וואָס עס האָט אָפּט דערציילט פעטראָ לאַזוטין, האָט מען איצט געזען אָף דעם שליאַך.

און די פויערים האָבן זיך געוועדטלט:

— יאָ, די דיַיטשן האָבן ניט באַוויזן דאָ אויסבויען די אײַזנבאַן, זיי וואָלטן מיט דער באַן געקענט גיכער אַנטלויפן פונדאַנען.

אין צוויי טעג אַרום האָט דער אָבערלייטענאַנט איינציגע באַקומען א באַפעל אָפּצוטרעטן. ער האָט אינמיטן דער נאַכט אופגעהויבן די קאָלאָנע און זיך געלאָזט מיט איר וויַיטער אָף מײַרעוו.

אין דער זעלבער נאַכט איז צום קרייצוועג אַרויסגעגאַנגען נאָך איינע אַזאַ קאַלאַנע, וואָס איז געשטאַנען אַ פּאָר צענדליק ווערסט פון כריסטינאָווקע, אויך געבויט אין אײַזנבאַן.

זעט אויס, אַז די דײַטשן האָבן דאָ שוין ניט געדאַרפט קיין צוגן, מע האָט געטראַכט, וויאַזוי רײַסט מען זיך אַרויס פון דאַנען כאָטש צופוס.

ווען ביידע קאַלאָנעס האָבן זיך אין וועג באַגעגנט, האָט פּעטראָ לאַזוטין דערזען וואַסיע טאָווטשענקאָן, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט אין זאַפּאָראָזשיע און וועלכער האָט דאָ אויך געגרייט אַ גרופּע געפאַנגענע אויף אַריבערצוגיין צו די פּאַרטיזאַנער. דאָס איז געווען אַ יונגער און ענערגישער באָכער, אַ געוועזענער סטאַרשינאַ, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין געפענקעניש, ווען ער איז געווען שווער פאַרווונדעט. ער האָט זיך גיך באַפרײַנדעט מיט דעם איבערזעצער. מע האָט זיך פאַרשטאַנען אָפן ווונק און זיך די גאַנצע צײַט ניט באַפרײַט פון געדאַנק, אַז ס'איז געקומען די צײַט, זיי מוזן צוגרייטן אַ גרויסע גרופּע, זיך באַוואָפענען און איבערגיין צו די פּאַרטיזאַנער.

איצט, שפּאַנענדיק באַנאַנד איבערן בלאָטיקן שליאַך, האָט מען שטילערהייט באַהאַנדלט אַלע איינצלהײַטן פון דער אָפּעראַציע.

אין וועג האָט געטראָפן אַן אומדערוואַרטע געשעעניש. עס איז אָנגעקומען אַ באַפעל וועגן דעם, אַז דער אָבערלייטענאַנט איינציגע עמיל זאָל גלײַך פאָרן אין שטאַב באַקומען אַ נײַע שטעלע, און דערווײַל האָט מען צוגעשיקט אויף זײַן אָרט אַ קליינוווּקסיקן, דיקן לייטענאַנט — אַ באַיאָרטן פאַרשוין מיט אַ גרויסן נאַקעטן קאָפּ און אַן אָנגעדראָלן־בייז פּאָנעם מיט לאַנגע העלע וואָנצעס. פּריץ שמולקע האָט מען אים גערופן.

דער דאָזיקער שמולקע האָט פון ערשטן אַרײַנפאָר באַוויזן, אַז ער איז אַ שטרענגער פאַרשוין.

אים איז ניט געפעלן געוואָרן די דיסציפּלין. ריכטיקער געזאָגט, קיין שום דיסציפּלין האָט ער דאָ ניט געזען, און דאָס האָט אים שטאַרק אויפגערעגט. עפּעס צו פרײַ האָבן זיך געפילט די געפאַנגענע. און ער האָט זיך געבייזערט אויף זײַן פאָרגייער, וואָס האָט אַזוי צעלאָזט די מענטשן.

פּריץ שמולקע איז ערשט ניט לאַנג געקומען פון דײַטשלאַנד, ווו ער האָט אַ סאַך יאָרן געהאַט צו טאָן מיט אַרעסטאַנטן אין לאַגער דאַכאַו. דאָרטן האָט ער גוט אונטערגעהאַלטן די דיסציפּלין... די אַרעסטאַנטן האָבן געציטערט פאַר זײַן בליק. ווען ער האָט זיך נאָר באַוויזן פונדערווײַטנס, האָט מען זיך אויפגעשטעלט סטרונקע און אים הילכיק באַגריסט, און אָט די שווײַגן שפּעטן שטילערהייט פון זײַנע לאַנגע וואָנצעס און רעדן צווישן זיך אין סטרוי.

נישקאָשע, ער וועט זיי אויסלערנען דיסציפּלין! כאָטש דאָ איז ניט דאַכאַו, נאָר עס מאַכט ניט אויס, — ער וועט דאָ אויך אײַנשטעלן אַזאַ אָרדענונג, ווי דאָרטן. זאָל מען אים בלויז געבן צײַט!

די קאָלאָנעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ גרויס דאָרף ניט ווײַט פון באַלטע.

דער נײַער בעזעם האָט שטרענג פאַרוואָרט זיך אײַנאָרדענען אויף וווינונג בא די פּויערים אין די כאַטעס. ער האָט באַפוילן אַרומצוימען דעם גערוימען קאָלווירטישן הויז און וווינען אין די פּוסטע שטאַלן. דאָס, וואָס די געבײַדעס זײַנען צעקלאַפּט, צעמאַזיקט, אָן דעכער און אָן פענצטער, מאַכט ניט אויס. דערפאַר וועלן אַלע זײַן צוזאַמען.

ער איז געווען צערייצט, דער נײַער שעף, אויסער־זיך. אַרומגעלאָפן איבערן דאָרף און געזוכט, ניט געקענט געפינען קיין שטעכלדיק דראָט. אַ מאָדנע לאַנד רוסלאַנד — מע קאָן דאָ ניט קריגן קיין שטעכלדיק דראָט! אין דײַטשלאַנד, באַ אים אין דער היים, איז דאָס מין פאַראַן אומעטום און וויפל דו ווילסט! אַזאַ ווילדע זאַך — קיין דראָט ניטאָ! ווו זשע וועסטו האַלטן די מענטשן?

ער האָט זיך געקלאָגט פאַרן איבערזעצער, וועלכער איז אים פון סאַמע אָנהייב עפּעס ניט געפעלן געוואָרן. עפּעס צו אַ קלוגער איז ער און אַ כיטרער. כוץ דעם בלאָנקעט אַרום איבער זײַן פּאָנעם אַ מאַמזעריש שמייכעלע. ער לאַכט עפּשער אָפּ פון אים? נישקאָשע, ער וועט אים באַווײַזן, ווי אָפּלאַכן!

פּריץ שמולקע האָט באַפוילן, אַז אַלע זאָלן זיך גלײַך נעמען צו דער אַרבעט. ער האָט נאָך ניט באַוויזן באַקומען קיין אָנווײַזונגען, וואָס די קאָלאָנע דאַרף טאָן, טאָ זאָל מען איבערטראָגן פון איין אָרט אויפן צווייטן שטיינער. זאָל מען מאַרשירן... ער האָט געוווּסט פון דער פּראַקטיק, אַז ווען די פאַרמישפּעטע זײַנען פאַרנומען מיט אַרבעט, מיט מושטרע, טראַכטן זיי ווייניקער, און מיט זיי איז זיך גרינגער ספּראַווען.

פּעטראָ לאַזוטין און טאָווטשענקאָ האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם נײַעם שעף וועט זײַן ניט גרינג, מע האָט זיך וואָס גיכער געדאַרפט פאַרבינדן מיט די מענטשן פון די אַרומיקע

וועלדער און וואָס גיכער אַריבערפירן די גרופּע, וואָס האָט שוין אָנגעציילט בא הונדערט מענטשן. מע דאַרף אײַלן, ווײַל דער טײַוול קאָן אופדעקן די באַהעלטעניש, ווו מע האָט צונויפגעלייגט דאָס געווער און די מעדיקאַמענטן.

דער שעף איז ניט געשלאָפן, ניט גערוט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן אַף דער בריטשקע איבער די אַרומיקע דערפער, געזוכט און ניט געקענט געפינען קיין דראָט. ער האָט זיך געקײַקלט מיט זײַן דיקן גוף, ווי א גאַנדז, און אַרויסגערופן געלעכטער בא די אַרומיקע. ער האָט ניט געקענט אויסקומען ניט נאָר מיט דער קאַלאָנע, נאָר אויך מיט זײַנע זעלנער, וועלכע האָבן אָפּגעהיט די געפאַנגענע. עפּעס האָבן זיי אַלע אַף אים געקוקט קרום און ניט פּינקטלעך אויסגעפילט זײַנע באַפעלן.

דער שעף האָט זיך געווענדעט מיט א באַקאָשע צו נאַטשאַלסטווע, מע זאָל דרינגענד אים צושיקן שטעכלדיק דראָט פאַר דעם לאַגער, דער לאַגער זאָל האָבן א געהעריקן אויסזען, ווײַל אָן דראָט ווערט שווערער אײַנהאַלטן אין די שטאַלן זײַנע אונטערטעניקע.

נאַטשאַלסטווע האָט עפּעס ניט געלייגט קיין אַכט אַף זײַנע באַקאָשעס, אים אָנגעקוקט, ווי א מעשוגענעם — אין אַזא צײַט, ווען קיינער ווייסט ניט, אַף וואָס פאַר א וועלט מע געפינט זיך, טראַכט דער אידיאָט וועגן דראָט!

קיין אינסטרוקציעס, וואָס ער דאַרף מיט זײַנע מענטשן טאָן, ווי אויך קיין ענטפער אַף זײַנע האַרצרײַסנדיקע באַקאָשעס, מע זאָל צושיקן נאָך זעלנער, האָט ער אויך ניט געקראָגן. ער האָט אַלע פאַרנאַכט, פאַרן סאָף פונעם אַרבעטס־טאָג אַרויסגעפירט די קאַלאָנע אָפן פלאַץ, וואָס לעבן קלויסטער, און זי געטריבן אַהין און צוריק.

באַוויזן דעם איבערזעצער, וויאַזוי מע טוט עס, האָט ער אים באַפוילן קאָמאַנדעווען מיט די געפאַנגענע. און מע האָט מאַרשירט...

אָבער דאָ האָט זיך געכאַפּט דער שעף, אַז מאַרשירן דאַרף מען ניט קלאָל אַזוי, נאָר מיט געזאַנג, מיט לידער. מע זאָל ניט גיין מיט קיין אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי מע גייט צום צווינטער, נאָר מיט געזאַנג!

פּעטראָ לאַזוטין האָט דערקלערט, אַז די מענטשן קענען ניט קיין דײַטשישע לידער, בלויז רוסישע. דער שעף האָט א טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— ניט וויכטיק, וואָס פאַר א לידער מע וועט זינגען! אַלציינס! זאָלן זיי זינגען די לידער, וואָס זיי קענען!

דעם צווייטן טאָג, נאָך דער אַרבעט, האָט די קאַלאָנע אַרויסמאַרשירט פונעם הויף, פאַרקערעוועט צום דאָרפישן פלאַץ.

פּעטראָ לאַזוטין האָט איבערגעגעבן דעם באַפעל פונעם שעף, מע זאָל מאַרשירן מיט געזאַנג. טאַקע בלויז זינגען איז אָפּגעגאַן די פאַרמאַטערטע מענטשן! נאָר וואָס קאָנסטו מאַכן — א באַפעל! וועלכע לידער זינגען? דער שעף האָט געזאָגט: יענע, וואָס די שווײַנען געדענקען. אים איז אַלציינס.

און מע האָט געזונגען. לאַזוטין האָט מיט זײַן ברוסטיקער שטים פאַרצויגן און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט:

> Расцветали яблони и груши, поплыли туманы над рекой,
> Выходила на берег Катюша на высокий на берег крутой...

אַלע ווי איינער האָבן אונטערגעכאַפּט די ליד. געזונגען מיט האַרץ און נעשאָמע, געזונגען פאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס מע איז אין גענעם.

די אויגן בא די מענטשן האָבן געשײַנט פון טרערן. איבערן גאַנצן דאָרף האָבן געהילכט לידער, וועלכע האָבן דערהויבן, גערופן, געהיילט.

פון אַלע זײַטן זײַנען זיך צונויפגעלאָפן פויערים, דערהערנדיק די באַליבטע לידער, וועלכע האָבן דאָ שוין לאַנג ניט געהילכט, געשטאַנען בא די ראַנדן פונעם גערוימען פלאַץ און זיך אײַנגעהערט, ווי די געפאַנגענע זינגען, געקוקט אַף זייערע פײַכטע אויגן און זיך אויך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן, געוויינט און געשמייכלט, גלײַך ווי די פרײַהײַט זאָל זיך שוין געווען אומקערן צו זיי.

קליינע קינדער זײַנען אַרויסגעלאָפן צו די מאַרשירנדיקע, געשפּאַנט פאַר דער קאַלאָנע, אונטערגעזונגען, געמאַכט מיט די הענטלעך און געווען גליקלעך, וואָס מע הערט די באַקאַנטע און אַזעלכע רירנדיקע לידער.

מענטשן האָבן געוואָרפן אַלע אַרבעטן און געלאָפן צום פלאַץ הערן, ווי די רוסישע געפאַנגענע זינגען.

...אין עטלעכע טעג ארום איז פּעטראַ לאַזוטין און טאַוטשענקאַ געקומען אין דער טיפער געלער באַלקע, ווו מע האָט זיך געדאַרפט טרעפן און זיך צונויפרײדן מיט די פאַרשטייער פונעם פאַרטיזאַנישן אָטריאַד, וואָס האָט זיך געפונען אין די סאַווראַנסקער וועלדער, ריידן וועגן ברענגען די גרופּע געפאַנגענע אין וואַלד און זיך צונויפגיסן מיטן אָטריאַד.

פונקט צו דער אָפּגערעדטער צײַט האָבן זיך באַוויזן פון דער צווייטער זײַט באַלקע צוויי פאַרטיזאַנער.

עטלעכע מינוט זײַנען זיי געשטאַנען שווײַגנדיק, זיך אויפמערקזאַם אײַנגעקוקט איינער אינעם אנדערן, ווי מע זאָל זיך וועלן דערקענען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זײַנען זיי שוין געווען באַפרײַנדעט, נאָענט, ווי מע זאָל געווען זײַן באַקענט פון ווייסעך־וויפל צײַט און שוין לאַנג געוואַרט אַף דער באַגעגעניש.

דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, אַ ברייטפּלייציקער, שוואַרצכיינעוודיקער מענטש אין די מיט־טעלע יאָרן, מיט אַן ענערגישן, עטוואָס פאַרוואָקסן פּאָנעם, האָט דורכדרינגענדיק געקוקט אַף לאַזוטינען, אַ פרײַנטלעכן קלאַפּ געטאָן אים איבער דער פּלייצע און, שמייכלענדיק, געזאָגט:

— הייסט עס, אָט דאָס ביסטו פּעטראַ לאַזוטין? און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַ גוואַר. מיר האָבן די גאַנצע צײַט געשפּירט נאָך דיר און געוווּסט וועגן יעדן טראָט דײַנעם. מיר האָבן געוווּסט, אַז דו וועסט צו אונדז קומען. אַ דאַנק דיר!

ער האָט האַרציק אַרומגענומען דעם באָכער און זיך צעקושט מיט אים.

אַף לאַזוטינס אויגן זײַנען אַרויסגעטראָטן טרערן. ער האָט זיך קוים באַהערשט און, באַ־רויקנדיק זיך אַ ביסל, געזאָגט:

— איך האָב געטאָן דאָס, וואָס אַ סאָוועטישער סאָלדאַט האָט געדאַרפט טאָן. דעריקער איז דאָס, וואָס מײַן געוויסן איז געבליבן ריין.

— געוויס, געוויס, כאַווער לאַזוטין!

— נאָר איך בין ניט לאַזוטין. איך האָב זיך געמוזט צוטראַכטן דעם נאָמען, איך בין אַן אָפיצער פון דער סאָוועטישער אַרמיי און מײַן עמעסער נאָמען איז פּרענקיס איליא איסאַקאָ־וויטש.

— און דאָס ווייסן מיר, — האָט אַ שמייכל געטאָן דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד. — מײַן נאָמען איז איצט קוכאַר, מײַן עמעסן נאָמען וועסטו זיך דערוויסן שפּעטער, נאָך דער מיל־כאָמע... דעריקער איז איצט ניט דער נאָמען, נאָר דאָס, וואָס דו האָסט געטאָן פאַרן היימלאַנד.

מע האָט זיך אויסגעצייגן אַף דער ערד און צוגעטראָטן צו די אונטערהאַנדלונגען. מע האָט גערעדט קורץ. דײַטלעך. קיין סאַך צײַט איז ניט געווען. מע האָט זיך צונויפגערעדט, ווו וועלן די פאַרשטייער פונעם פאַרטיזאַנישן אָטריאַד באַגעגענען די גרופּע געפאַנגענע, פּינקט־לעך די צײַט, דאָס אָרט.

דעם צווייטן טאָג, אינאָוונט, ווען די קאָלאָנע האָט מאַרשירט אַפן פּלאַץ, האָט דער איבערזעצער זיך דערוווּסט, אַז דער שעף איז אוועקגעפאָרן קיין באַלטע, עפּשער וועט ער דאָרטן קריגן דראָט אַף אַרומצוימען דעם לאַגער, ווי עס פּאַסט אַן עמעסן דײַטשישן לאַגער.

נאָך פון פאַרנאַכט האָט זיך דער הימל אָנגעכמורעט און עס האָט זיך גענומען שנײַדן אַף אַ רעגן. לאַזוטין האָט געקוקט אַפן הימל און געטראַכט, אַז הײַנט איז די סאַמע גינסטיקע צײַט אַרויספירן זײַן גרופּע אין וואַלד אַרײַן. דערצו נאָך האָט ער געוווּסט, אַז דער נאַטשאַלניק האָט אין שטאָט אַ גוטנברודער, באַ וועלכן ער וועט געוויס איבערנעכטיקן.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט. אַלץ אַרום איז געשלאָפן — איין באַראַק האָט ניט גערוט, געוואַרט אַפן באַפעל. דאָ האָט זיך צונויפגעזאַמלט די גרופּע, וואָס איז גרייט געווען זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, ווען לאַזוטין, טאַוטשענקאַ און נאָך צוויי כעוורע האָבן זיך אַרויסגעשלײַכט פונעם באַראַק, פאַרזיכטיק זיך דערקליבן צו ביידע טויערן, ווו עס זײַנען געזעסן אין זייערע בײַדלעך וועכטער. אין עטלעכע געציילטע מינוט האָט מען באַ זיי אַרויס־געריסן די אויטאָמאַטן און אַן איין שאָס זיך אָפּגעפאַרטיקט מיט זיי. לויטן אָפּגערעדטן סיג־נאַל, האָט זיך די גרופּע אַרויסגערוקט פון באַראַק. כאָטש מע איז ניט געגאַן מיט ליידיקע הענט, האָט מען זיך באַמיט פאַרלאָזן דאָס דאָרף שטילערהייט. פונדאָרטן האָט זיך אוועקגע־צויגן דער וועג אין וואַלד.

לאַזוטין און טאַוטשענקאַ האָבן געשלאָסן די קאָלאָנע, אונטערגעצײַלט דעם אוילעם.

דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט שמײַסן אין פּאָנעם אַרײַן. און דער ווינט האָט געריסן שטיקער. די מענטשן זײַנען געווען פאַרמאַטערט, נאָר קיינער האָט ניט געפילט קיין מידקײַט. אָנגעשטרענגט אַלע קויכעס, איז מען געגאַן איבער די געדרייטע טיפע באַלקעס, שטרעבנדיק וואָס גיכער דערגרייכן דעם ראַנד פונעם וואַלד, ווו מע האָט שוין אַרויסגעקוקט אַף זיי.

שפעט באַנאַכט האָט מען דערגרייכט דעם ציל.

אַ גרינע ראַקעטע האָט אַ בליץ געטאָן איבער דער קאַלאָנע. נאָך איר האָט אופגעפלאַ־קערט באַם ראַנד וואַלד אַ רויטע ראַקעטע. אַלץ אַזוי, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט.

עטלעכע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט געלאָזט אַנטקעגן דער קאַלאָנע.

נאָך אַ צוויי־דרײַ שאָ איז אַדורך. אין טיפן וואַלד האָבן געברענט שײַטערס און עטלעכע קעסלען האָבן געזאָטן אָפן פײַער.

מע האָט דאָ באַגעגנט לאַזוטינס מענטשן. צוליב זיי האָט מען אַפּילע צוגעגרייט אַ גע־הויבענע וועטשערע.

אין דער קאָנפער שײַן פונעם שײַטער האָט מען געזען דרײַ שײַנענדיקע פּענעמער. דער קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד איז געשטאַנען פאַר לאַזוטינען און טאָוואַטשענקען. אַ צופרידענער און אויפגעלייגטער האָט ער געקוקט אָף זיי און אָף דער לאַנגער שערענגע מענטשן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ סאָלידער קויעך האָט זיך אַרײַנגעגאָסן אין זײַן שיטערגעוואָרענעם אָט־ריאַד, וואָס האָט אין די לעצטע שלאַכטן מיט די דײַטשישע שטראָף־קאָהאָרטעס געהאַט גרוי־סע פאַרלוסטן.

זאָלן זיך אָט די מענטשן אַ ביסל אָפּרוען, האָט קוכאַר געטראַכט, — וועלן זיי ווײַזן וווּנ־דער. ער האָט אין זיי געגלייבט. ער איז אין די מענטשן געווען זיכער. זיי האָבן זיך לאַנגע שווערע כאַדאָשים געמאַטערט, דערשיטערטע און דערנידעריקטע, וועלן זיי איצט ווערן עכטע נעקאָמע־נעמער. זיי האָבן זייערע באַזונדערע כעזשבוינעס מיט די פאַשיסטן.

ביז טאָג איז אין שטאַב־בלינדאַזש געגאַנגען אָן אָנגעשטרענגטע אַרבעט.

מע האָט די מענטשן פאַנאַנדערגעשיקט אין די פאַרשיידענע ראָטעס, קאָמאַנדעס. יעדן איינעם צוגעקליבן אַרבעט לויט זײַן מיליטערישער פּראָפעסיע און ווילן.

דער קאָמאַנדיר האָט געבעטן טאָוואַטשענקען ווערן זײַן געהילף און לאַזוטינען — זײַן פאַר־טרעטער, זײַן זאַמפּאָליט. ער האָט גוט געוווּסט, אַז יענער האָט אַ באַזונדערן טאַלאַנט פון אַגיט־אַרבעט. די גאַנצע צײַט איז ער געווען אַן עכטער פּראָפּאַגאַנדיסט, אַן אַגיטאַטאָר אין די שווערסטע אומשטענדן, וועט ער איצט געוויס אויספּילן זײַנע פליכטן.

לאַזוטין האָט גערן אײַנגעשטימט צו ווערן דער זאַמפּאָליט, נאָר ער האָט גלײַך געמאָלדן, אַז ער האָט נאָך איין פּראָפעסיע — ער איז אַן אויסשפּירער. ניט איין דײַטשישן „צונג“ האָט ער געבראַכט צו שלעפּן. כוץ דעם, האָט ער מיט זיך פאַרכאַפּט אַ קיטעל פון אַ דײַטשישן ליי־טענאַנט מיט אַלע בליאַכעס, און ער האָפט, אַז דאָס וועט צוניץ קומען אין דער אַרבעט פון אַן אויסשפּירער. און דאָס, וואָס ער קען ניט שלעכט די דײַטשישע שפּראַך, איז אויך עפּעס ווערט.

— אַלץ וועט צוניץ קומען, — האָט דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד געזאָגט צו זײַן אומגע־דולדיקן געהילף, וואָס האָט מיט זײַנע מענטשן זיך געריסן אין שלאַכט. — אונדז שטייט פאָר זייער אַ סאַך אַרבעט.

פון דער ערשטער מינוט, זינט עליע פּרענקיס האָט זיך באַגעגנט מיט אָט דעם ענערגישן קאָמאַנדיר, וועלכער איז בלויז בייס דער מילכאָמע געוואָרן אַ מיליטערמאַן (אין די פרידלעכע יאָרן איז ער געווען אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק), האָט ער זיך דערפילט, ווי אַפּסנײַ געבוירן.

אין דרײַ טעג אַרום, נאָך דעם, ווי מע האָט זיך גוט אויסגערוט, איז עליע פּרענקיס מיט אַ גרופּע מענטשן אוועק צו דער קנופּ־סטאַנציע, ווו עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט עטלעכע דײַטשישע עשעלאָנען מיט מאַשינעס. מע האָט געדאַרפט פאַרניכטן די בריק, די עשעלאָנען זאָלן ניט דערגיין צום פראָנט.

עס איז געשטאַנען אַ „פּאַרטיזאַנישע נאַכט“ — אַ קאַלטע און רעגנדיקע. ביז האַלבער נאַכט איז אויסגעקומען ליגן אין דער נעץ און נאָכשפּירן, ווי די וואַך פון דער בריק פירט זיך, באַטראַכטן, וויאַזוי נעמט מען שטילערהייט אַראָפּ די קאַנוואָירן, וויאַזוי לייגט מען אונטער דעם קאַסטן מיט אופרײַס־שטאָף.

אין דער גרופּע זײַנען געווען ניט בלויז די, וועלכע ער האָט געבראַכט, נאָר אויך קוכאַרס מענטשן, וועלכע האָבן גוט געקענט די אַרבעט און ניט איין מאָל דורכגעפירט דיווערסיעס.

ערעוו באַגינען איז די בריק זיך צעפלויגן אָף שטיקער. זיצנדיק אין וואַלד אין זײַן באַ־העלטעניש, ניט ווײַט פון דער אײַזנבאַן און קוקנדיק אין בינאָקל, ווי די בריק האָט זיך צע־ריסן, האָט עליע אַרומגעכאַפּט זײַן שאָכן, וואָס איז געזעסן באַנאַנד, און אים אָנגעהויבן קושן.

ער האָט זיך נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל אַזוי ניט געפרייט, ווי אין דער מינוט, ווען ער האָט דערהערט דעם מעכטיקן אופרײַס, ווען ער מיט זײַנע פרײַנט האָבן אויסגעפילט אין אָטריאַד די ערשטע שלאַכט־אופגאַבע.

א גליקלעכער האָט ער מיט זײַן גרופּע זיך געלאָזט מיטן וואַלד־פלאַנטער צו דער ווײַ־טער באַזע.

סאָף טאָג, א טויט־מידער, קוים האַלטנדיק זיך אַף די פיס, איז ער געשטאַנען פאַר זײַן קאָמאַנדיר און, ניט קענענדיק אײַנהאַלטן דעם אומרו, מיט א ציטערנדיקער שטים ראַפּאָר־טירט:

— כאַווער קאָמאַנדיר, אײַער פאַרגעבונג האָט די גרופּע אויסגעפילט!

זינט יענעם טאָג זײַנען די כעוורע גערן געגאַנגען מיט זייער מוטיקן, פריילעכן כאַווער אַף די שווערסטע פאַרגעבונגען. מיט דעם באַכער האָט מען זיך געפילט זיכער.

ביסלעכווײַז האָט ער זיך אַרײַנגעצויגן אין זײַן נײַער ראָל. כאָטש די אַרבעט זײַנע איז נאָך געווען אומבאַקאַנט, ווי פאַר אַלע מענטשן, וועלכע ער האָט געבראַכט אַהער אין וואַלד, נאָר מע האָט זיך שנעל צוגעוווינט און אײַנגיכן איז שוין ניט געווען קיין גרויסער כילעק פון די געניטע פּאַרטיזאַנער און די ערשטגעקומענע.

עס האָבן זיך אוועקגעצויגן שווערע, אָנגעשטרענגטע וואָכן און כאָדאָשים פון קאַמף אין די אַרומיקע וועלדער און אַף די אײַזנבאַן־ליניעס.

און ווען איר וואָלט אים, הערשעלע אַסטראָפּאָליערס אייניקל, א פרעג טאָן, וועלכער פון די טעג און נעכט איז פאַר אים געווען דער גליקלעכסטער, וואָלט ער אײַך מיט פרייד דער־ציילט וועגן אײנעם א פּראָסטיקן ווינטער־באַגינען.

עס האָט געדרייט א מוירעדיקע זאַווערוכע. דער ווינט האָט פאַרשלאָגן דעם אָטעם, ניט געלאָזט גיין. מע האָט ניט געזען וואָס עס טוט זיך פאַר צען שפּאַן.

און ער איז געגאַנגען אײַנגעאַקשנט מיט זײַן קליינער גרופּע אויסשפּירער אַנטקעגן דעם האַרמאַטן־געברום, וואָס האָט זיך געהערט פון עטלעכע זײַטן.

אין יענעם פרימאָרגן איז דאָרטן, אַף דער פּאַרטיזאַנישער באַזע, געבליבן ווייניק מענטשן. אײנעם שטאַב — א קליינע גרופּע, און אין די ערדשטיבלעך — די פאַרוווּנדעטע און קראַנקע, וועלכע האָבן געוואַרט, עס זאָל קומען פון דער „גרויסער ערד” אַן עראָפּלאַן און זיי אַרויס־פירן פון עם וואַלד. דער אָטריאַד איז צעטיילט געוואָרן אַף באַזונדערע גרופּעס און אַרויס אַף די וועגן און שטעגן, וווּ די דײַטשן זײַנען אָפּגעטראָטן אונטער די קלעפּ פון די אָנגרײַפנדיקע סאָוועטישע טיילן, קעדיי זיי, די דײַטשן, ווי געהעריק באַגעגענען, זיי זאָלן אַהיים ניט דערגיין און ניט דערפאָרן.

עליע האָט זיך באַוועגט מיט זײַנע אויסשפּירער אין יענער ריכטונג, פונוואַנען עס האָט זיך דערטראָגן א מוירעדיקער געברום.

ערגעץ ניט ווײַט דאַרף זיך געפינען א שטעטל, פאַר וועלכן עס גייט שוין דעם צווייטן טאָג א שווערע שלאַכט, און אַהין האָט די גרופּע אויסשפּירער געהאַלטן דעם וועג.

אַרום האָט געוואָיעט די זאַווערוכע, און עס האָט אָן אויפהער געברומט די אַרטילעריע. מ׳האָט ניט געזען קיין וועג און קיין שטעג. אַקשאָנעסדיק געשפּאַנט מיט דער שניי־צע־לינאַ, וואָס האָט זיך געשפּרייט אַף ווײַטע ווערסטן.

און די אויסשפּירער האָבן אײַנגעאַקשנט געשפּאַנט, קוים אָנטאַפּנדיק דעם וועג. די אויטאָ־מאַטן אין די הענט, גרייטע יעדע ווײַלע לאָזן אין גאַנג דאָס געווער.

מע האָט שוין פאַרגעסן דעם כעזשבן פון דער צײַט, וויפל מע דראַפּעט זיך איבער די שנייען, מע איז געגאַנגען אָן אָפּרו, ביסלעכווײַז איז שטילער געוואָרן דער אַרטילעריע־גע־ברום. די אויסשפּירער האָבן זיך אָפּט איבערגעקוקט, ווי מע וואָלט זיך אָנגעפרעגט אײנער באַם אַנדערן — וואָס איז געשען?

פון רעכטס האָט זיך קוים געזען דער אײַזנבאַן־אָנשיט א געדיכט־באַדעקטער מיט שניי. פונפאָרנט, אַף דער ברייטער ווײַסער פּאָליאַנע האָט זיך אויפגעהויבן א קורגאַן, גלײַך ווי עמעצער וואָלט אים דאָ אוועקגעשטעלט.

עליע פרענקיס האָט זיך אַרופגעדראַפּעט אַפן גליטשיקן רוקן פונעם קורגאַן און זיך אײַנ־געקוקט אינעם שניי־מידבער.

ערגעץ אין הימל האָבן זיך געשלענגלט שוואַרצע רויכן, אַפן שניי האָבן זיך דאָ און דאָרט געשוואַרצט וואָראָנקעס פון סנאַריאַדן און מינעס. נאָר וואָס קומט פאָר דאָרטן, לעבן וועלדל? דאַכט זיך, עמעצער באַוועגט זיך אַפן אײַזנבאַן־אָנשיט. א ווײַסער שאָטן. נאָך איי־נער, א דריטער...

עליע האָט זיך א וואָרף געטאָן אין שניי און מיטן גאַנצן גוף אין אים זיך אײַנגעגראָבן, קוקנדיק ביז ווייטעק אין די אויגן אין יענער ריכטונג.

ער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו זײַנע כּעוורע, מע זאָל זיך אויסלייגן און שפּירן נאָך די ווײַסע שאָטנס.

ניט בלויז לעבן אָנשיט האָבן די שאָטנס זיך באַוועגט, — אָט שפּאַנען זיי לענגויס דער ליניע. ער זעט שוין דײַטלעך, אַז עס גייען ניט געפּעלט מענטשן אין ווײַסע מאַסקכאַלאַטן.

נאָר ווער זײַנען זיי — אונדזערע צי דײַטשן?

פּרווו דערגיי א טאַלק, אַז דער שנײַ שמײַסט אין די אויגן און לאָזט ניט קוקן. ווער זײַנען זיי?

צו עליען האָבן צוגעפּויזעט צוויי מענטשן זײַנע. מע האָט זיך שווײַגנדיק איבערגעקוקט, ווי מע זאָל זיך דערפרעגן, וואָס וועט מען טאָן, אויב דאָס זײַנען דײַטשן?

מע האָט געפּרוווט איבערציילן די ווײַסע שאָטנס, נאָר אַלעמאָל זיך אַראָפּגעשלאָגן פונעם כעזשבן, ווײַל יעדעס מאָל האָט מען מיט די אויגן אויפגעכאַפּט אַלץ נײַע ווײַסע שאָטנס און עס האָט זיך שוין געדאַכט, אַז דאָס גייט א גאַנצער ווזוואָד און עפּשער אפילו א ראָטע?

זיי האָבן זיך שנעל דערנעענטערט. אָט זעט מען שוין די רויטע, אויסגעשמיסענע פונעם ווינט, פּענעמער. זיי דערנעענטערן זיך צום קורגאַן.

מע וואָלט עפּשער געדאַרפט אָפּטרעטן, זיך אַראָפּלאָזן אין דער באַלקע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן א הונדערט מעטער פונעם קורגאַן. נאָר וויאַזוי וועסטו אָפּטרעטן, זיך באַהאַלטן, אַז יענע זײַנען שוין אַזוי נאָענט און זיי, די אויסשפּירער, זײַנען גאָר ווייניק אין צאָל. כּוץ דעם איז מען אָנגעטאָן אַזוי פּילפּאַרביק, בונט, אַז מע וועט זיי גלײַך דערזען און אויסשיסן, ווי די האָזן.

אפן האַרצן איז געוואָרן אומרויקער. עליע האָט אין געדאַנק זיך געזידלט, וואָס ער האָט אַזוי אומבאַטראַכט זיך אַרויסגערוקט מיט זײַן קליינינקער גרופּע אפן קורגאַן. אויב עס וועט אויסקומען אַרײַנטרעטן אין שלאַכט, וועט מען געוויס פאַרשפּילן.

א פאַרדראָס אַף זיך אַליין האָט אים געמאַטערט.

אָבער וואַרט נאָר צו, וואָס איז דאָס?

עמעצער פון יענע, וואָס אין די ווײַסע כאַלאַטן, האָט זיך פאַרטשעפּעט, געפאַלן אין שנײַ און זיך זאַפּטיק אויסגעזידלט. אין דער מאַמעס מאַמען אַרײַן. דאָס פּאָנעם בא עליען האָט זיך צעשײַנט. אין מויעך האָט א ליכט געטאָן א געדאַנק: אונדזערע!

עמעצער איז צוגעלאָפן, געפּרוווט העלפן אופשטיין יענעם, וואָס האָט זיך נאַרוואָס אַזוי פײַן אויסגעזידלט, עפּעס געזאָגט און עס האָט זיך אָהער דערטראָגן א געלעכטער. און ווידער עטלעכע שטאַרקע יאַדערדיקע רוסישע ווערטער.

אַרום געפאַלענעם, וואָס האָט זיך געפּרוווט אופהייבן פונעם שנײַ, האָבן זיך שוין צונויפגעזאַמלט עטלעכע ווײַסע כאַלאַטן. ווידער האָט זיך אָהער, צום קורגאַן, דערטראָגן א געלעכטער, אויסגעשרייען אַף רוסיש.

עליע האָט זיך איבערגעקוקט מיט זײַנע כאַווירים, וואָס זײַנען געלעגן באַנאַנד מיט אים אפן שנײַ. זייערע פּענעמער האָבן זיך צעשײַנט — אונדזערע? געוויס! די פּאַשיסטן לאַכן איצט ניט אַזוי געשמאַק, זיי לאַכן איצט מיט יאַשטשערקעס.

אַזוי האָט געטראַכט עליע פרענקיס, ליגנדיק אין שנײַ. נאָר דאָך האָט ער נאָך באַשטימט צוואַרטן, ביז די ווײַסע כאַלאַטן וועלן זיך נאָך א ביסל דערנעענטערן. ווען עליע האָט דערזען אַף זייערע אושאַנקעס, וואָס זײַנען קוים געווען פאַרדעקט מיט די קאַפּיושאָנען, רויטע שטערנס, האָט ער זיך א דערפרייטער א הייב געטאָן פונעם שנײַ און מיט אַלע קויכעס אַרײַנגעשריגן אינעם ווינט, אין דער זאַווערוכע:

— אונדזערע! אונדזערע! היי, זעמליאַקעס, שיסט ניט! פאַרטיזאַנער!

און ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פונעם קורגאַן און זיך געלאָזט לויפן צו די סאָלדאַטן אין די ווײַסע כאַלאַטן.

אפן הויכן אײַזנבאַן־אָנשיט, איבער וועלכן עס זײַנען שוין לאַנג ניט געגאַנגען קיין דײַטשישע צוגן, האָבן זיך באַגעגנט די אויסשפּירער פון א סאָוועטישן פּאָלק, וואָס האָט דאָ ניט ווײַט אָנגעגרײַפט, מיט די אויסשפּירער פונעם פאַרטיזאַנער־אָטריאַד, וואָס איז געשטאַנען אין די אַרומיקע וועלדער.

די כעוורע האָבן זיך אַרומגענומען, געהאַלדזט און געקושט, געלאַכט און געוויינט. מעכאַבעד געווען איינער דעם צווייטן מיט שטאַרקער סאָלדאַטישער מאַכאָרקע און טראָפּיינע סיגאַרעטן.

— זעט נאָר, כעוורע, — האָט א צעשײַנטער און א פאַרשוויצטער געזאָגט עליע פרענקיס, — מיר זײַנען געגאַנגען נאָך א „צונג", קעדיי זיך דערוויסן, וואָס אַרום טוט זיך, האָט איר אונדז פאַרשפּאָרט א גאַנג!

— און מיר האָבן געדאַרפט אויסקלאָרן, ווער עס זיצט אין די סאָווראַנער וועלדער, — האָט זיך צופרידן פאַנאַנדערגעלאַכט א קליינוווקסיקער העלער באָכער מיט א קורנאָסער נאָז.

— נו אויב אַזוי, רעכנט, אז אייער אויספּשפּיר־אָפּעראַציע איז אייך געלונגען, — האָט גע־ענטפערט עליע, ארומנעמענדיק דעם פעסטן באָכער. — אין די וועלדער זײַנען מיר געווען די גאַנצע צײַט די באַלעבאַטים, — איצט גיבן מיר זיי אייך איבער!

די כעוורע האָבן געריכערט, געלאַכט, זיך געוויצלט.

אינדערעמעסן, אַזאַ באַגעגעניש טרעפט ניט אָפט — צוויי אויספּשפּיר־גרופּעס האָבן זיך אינמיטן פעלד באַגעגנט און איינער דער אַנדערער פאַרשפּאַרט א גאַנג.

סאָף טאָג האָט זיך אײַנגעשטילט די זאַווערוכע.

אינעם שטעטל, וואָס איז ניט לאַנג באַפרײַט געוואָרן פונעם סוינע און ווו עס האָבן נאָך געבושעוועט דאָ און דאָרט די סרייפעס, האָט זיך אָרײַנגעצויגן דער פאַרטיזאַנער־אָטריאַד, וואָס איז אַרויס פון די פאַרשנייטע וועלדער.

אין שטאַב פון פּאָלק האָבן זיך צונויפגענומען די נאַטשאַלניקעס.

מע האָט זיך געדאַרפט צונויפריידן וואָס טאָן ווײַטער, ריכטיקער געזאָגט, דער אָטריאַד פאַרטיזאַנער זאָל זיך אַרײַנגיסן אין די אָנגרײַפנדיקע טײלן פון דער סאָוועטישער אַרמיי און גיין ווײַטער אַף מײַרעוו, פאַרזעצן דעם קאַמף.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט עליע פרענקיס זיך צעשיידט אַף שטענדיק מיט זײַנע אומ־געלומפּערטע קליידער און שטיוועלעס און ווידער אַרײַן אין זײַן אָפיצערישן מונדיר.

דער וועג איז נאָך געווען א ווײַטער און א שווערער, נאָר ער האָט זיך קיין גרינגע דאָ־ליע קיינמאָל ניט געזוכט.

ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט זיך אומגעקערט אינעם גרויסן סטרוי, וועלכן ער האָט, אייגנטלעך, קיינמאָל ניט פאַרלאָזט, און מיט זײַנע נײַע פרײַנט אוועק אין די ווײַ־טערדיקע שווערע און אײַנגעאַקשנטע שלאַכטן.

סאָלדאַטישע טרוימען

אין די זעלטענע מינוטן פון רו, אַף די קורצע פריוואַלן, ווען מע ציט זיך אויס אַף דער נאַסער ערד, וואָס איז נאָרוואָס אויסגעשמיסן געוואָרן פון א שלאַקס־רעגן, אָדער ווען מע וואַלגערט זיך אַרײַן אינעם ווייכן, ווי פּוך, שניי, נאָך א שווערן און לאַנגן מאַרש, ווען מע מאַכט צו די אויגן און מע כאַפּט א גוטן דרעמל, יאַווען זיך צו סאָלדאַטן שיינע כאַלוימעס, ליוטערע טרוימען און באַגערן.

און ווען מע כאַפּט זיך פלוצעם אויף און מע רײַסט אויף די אויגן, דערזעט מען אַף די פּע־נעמער פון די שכיינים צאַרטע שמייכעלעך, וווּנדערלעך־ווייכע גרימאַסן און עס דאַכט זיך דיר, אז דו זעסט פאַר זיך ניט קיין פאַרהאַרטעוועטע, ביוואַלע סאָלדאַטן, שטרענגע נעקאָמע־נעמער, נאָר כיינעוודיקע קינדער.

סאָלדאַטן האָבן ליב טרוימען, זען אין שלאָף גוטע שיינע כאַלוימעס. נאָר ניט שטענדיק ווערן זיי פאַרווירקלעכט, אָט די טרוימען.

וואָס ווײַטער מע קומט אַף מײַרעוו, אַלץ אײַנגעאַקשנטער און גרויזאַמער ווערט דער ווידערשטאַנד פונעם סוינע.

סאָלדאַטן רײַסן זיך פאָרויס. סאָלדאַטן טרוימען, באַפרײַענדיק מעטער נאָך מעטער זייער לײַבלעכע ערד, באַגיסנדיק זי מיט זייער בלוט און שווייס.

אין קורצע מינוטן פון רו, אַף די פריוואַלן, ווען מע כאַפּט א דרעמל, כאָלעמט זיך וועגן ניצאָכן, וועגן דער טײַערער היים, וועגן באַגעגענישן מיט אייגענע און פרײַנט, געליבטע און לײַבלעכע.

דער שלאַכט־וועג האָט געפירט עליען איבער די וועגן פון זײַן באַליבטער אוקראַינע. ער האָט אָפטלעך געטראַכט, עפּשער וועט ער דורכגיין דורך זײַן שטעטעלע מעדזשיבאָזש. עפּ־שער וועט ער זיך דאָרטן באַגעגענען מיט דער מוטער, מיט זײַנע שוועסטער, מיט די פרײַנט און באַקענטע. עפּשער איז געשען א נעס און די מוטער איז לעבן געבליבן. אָפּט האָט ער אויך געטראַכט, אז אים וועט אויך געלינגען כאָטש אַף עטלעכע מינוט זיך אַרײַנכאַפּן קיין קיִעוו צו דער באַקענטער שטוב אַף טורגעניעווסקע, ווו עס האָט געוווינט זײַן געליבטע? עפּשער וועט ער זי דאָרטן טרעפן? עס טרעפן דאָך אַמאָל, זאָגט מען, ניסים?

טראכטנדיק וועגן דעם, האָט ער געפילט, ווי עס קומען אים צו נײַע קויכעס. עס ווערט גרינגער דער וועג, לײַכטער דער שלאכט.

און נאָך האָט ער געטרוימט און געכאָלעמט — מיט זײַן טייל זיך דערקלײַבן קיין בערלין און מיט די אייגענע אויגן זען דעם גרויסן בראָך פון דער פאַשיסטישער בעסטיע.

דער לעצטער מילכאָמע-ווינטער האָט זיך אויסגעגעבן א הארבער און בייזער. עס איז אפילע שווער געווען צו באשטימען, ווען העלפט ער, אף וועמענס צאַד איז ער.

ברענענדיקע קעלטן, גרויזאַמע ווינטן און זאַווערוכעס האָבן פאַרלאַנגזאַמט דעם אָנגריף, נאָר סאָלדאַטן האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די שניי-בוראַנען, עס האָט געטריבן דער האַס, דער געפיל פון נעקאָמע.

ניט שטענדיק אָבער ווערן פאַרווירקלעכט סאָלדאַטישע טרוימען. ניט שטענדיק...

די דיוויזיע, מיט וועלכער עס איז געגאַן פאָרויס אף מײַרעוו דער עלטערער לייטענאַנט עליע פרענקיס, האָט מען אומדערוואַרט אריבערגעוואָרפן אפן באַלטישן פראָנט. דרײַ טעג און דרײַ נעכט זײַנען די עשעלאָנען געגאַנגען איבער אומבאַקאַנטע וועגן. וואָס מער מע האָט זיך דערנעענטערט צום אָרט, אַלץ מער האָט זיך געביטן דער ווינטער. דער פראָסט איז געוואָרן אַלץ לינדער, ווייכער, גלײַך ווי אָט די געדיכטע סאָסנאָווע וועלדער וואָלטן אים פאַרצוימט דעם וועג, ניט צוגעלאָזט צו זיך.

עס האָט זיך שטאַרקער געפילט דאָ דער שווערער אָטעם פונעם אָנגעדראָלענעם באַלטישן יאַם מיט זײַנע ווינטן.

דער הימל איז געווען ווי אויסגעגאָסן פון בלײַ, פאַרוואָלקנט און פאַרומערט. עס האָט געשאָטן אָן אופהער א נאַסער שניי, אָן איבערגעמישטער מיט רעגן, מיט ווינט און עקלדיקער קעלט, וואָס האָט דורכגענומען אף דורך און דורך.

דאָ זײַנען עס געגאַנגען פאַרביטערטע שלאַכטן, און דער סוינע האָט אָן כיישעק פאַמעלעך געגומען זיך קײַקלען צום יאַם, אָפּטרעטן, פאַרטשעפענדיק זיך דאָ און דאָרט בא די הייכן און קרוטשעס.

אף איינעם א צעבאָמבירטן וואָקזאַל, וווּ עס האָט געהערשט א גרויסע אופרודערונג פון די אָנקומענדיקע עשעלאָנען, האָט די דיוויזיע זיך שנעל אויסגעלאָדן פון די טעפּלושקעס און ניט איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, גלײַך אריינגעטראָטן אין שלאַכט.

פרישע קויכעס האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין דער מעכטיקער ארמיי־כוואַליע, וואָס איז געגאַן פאָרויס, שמעטערנדיק אפן וועג די פײַנטלעכע כאַיאָלעס.

מע האָט זיך געשלאָגן פאַר א גרויסער פּאָרט-שטאָט.

די שטאָט האָט זיך פאַרכלינעט אין רויכן, אין פײַערן, אין שווערע סרייפעס. דער סוינע האָט געהאָפט זיך דאָ לענגער פאַרהאַלטן, פאַרוואַנדלען די שטאָט אין א פעסטונג, אָבער די אונטערגעצויגענע פון אנדערע פראָנטן טיילן האָבן זיך ארופגעוואָרפן אף די אקשאָנים און זיי ארויסגעשלײַדערט פון זייערע פאַרפעסטיקונגען און ניט אָפּשטעלנדיק זיך, פאַרבײַגייענדיק באַזונדערע פאַרטיידיקונגס־פונקטן, זיך געריסן צו דער שטאָט.

נאָך צוויי שווערע טעג אומופהערלעכע שלאַכטן האָט די דיוויזיע זיך אָנגעשטויסן אף א שטאַרק פאַרפעסטיקטער פּאָזיציע, וואָס האָט זיך געצויגן אף א קרומען ראַנד פון א באַרג. פון דאָרטן האָט די גאַנצע צײַט געהאָגלט מיט פײַער. די אַרטילעריע און מינענוואַרפער, די טאַנקען, וואָס זײַנען געווען פאַרגראָבן אין דער ערד, האָבן ניט געלאָזט אופהייבן דעם קאָפּ.

מע האָט שוין פון רעכטס און לינקס פאַרניכטעט די פײַנטלעכע פאַרטיידיקונג, נאָר דאָ זײַנען אפן באַרג־שיפּוי געשטאַנען די דײַטשן אף לעבן און אף טויט.

פון אַלע זײַטן, פון אַלע לעכער זײַנען ארויסגעקראָכן פריטשמעליעטע, פריהלושעטע, פאַר־כוישעכטע זעלנער און דערשראָקענע, מיט אופגעהויבענע הענט, געבעטן, מע זאָל זיי נעמען אין פלען, מער ווילן זיי שוין ניט קיין מילכאָמע. „היטלער קאַפּוט! קאַפּיטוליאַציע!"

אפן אומענדלעכן פראָנט פון רעכטס און פון לינקס האָט אָנגעהויבן אײַנגעשטילט ווערן דער אָנגריף.

אָבער דאָ, אף דעם דאָזיקן באַצירק, האָט זיך דער סוינע געהאַלטן, ניט געוואָלט אוועק־לייגן דאָס געווער, זיך איבערגעבן אין געפענקעניש.

נאָך א שטאַרקן הארמאַטן־אָנפאַל, ווען דער גאַנצער שטעדט אפן באַרג איז איבערגעאַקערט געוואָרן פון די סנאַריאַדן און מינעס, האָבן נײַע מענגעס דײַטשן געגומען ארויסקריכן מיט אופגעהויבענע הענט פון די טראַנשייעס. נאָר דאָ און דאָרטן האָט מען נאָך אַלץ געשאָסן, געשלײַדערט גראַנאַטעס.

אין דער ערשטער קייט אטאַקירנדיקע איז געגאַן דער איבערזעצער מיט א גרויסן רופאָר אין די הענט און זיך געווענדעט צו די דײַטשישע סאָלדאַטן:

— דײַטשישע זעלנער! אומזיסט איז אײַער אומזיניקער ווידערשטאַנד! צי זעט איר ניט, אַז די היטלערישע אַרמייען זײַנען אומעטום צעשמעטערט?! פאַרגיסט ניט אומזיסט אײַער בלוט! אין דײַטשלאַנד וואַרטן אױף אײַך אײַערע ווײַבער און קינדער, מאַמעס און פרײַנט! וואַרפט אַוועק דאָס געווער! ראַטעוועט דאָס לעבן! קריכט אַרויס פון אײַערע קוואַרים, גיט זיך איבער אין געפֿענקעניש! מיר שענקען אײַך דאָס לעבן! דײַטשישע סאָלדאַטן, די רויטע אַרמיי איז שוין בײַ די ווענט פון בערלין, און איר פאַרגיסט דאָ אומזיסט בלוט!

דאָס שיסערײַ איז ביסלעכווײַז שטילער געוואָרן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער אַרום הערט זיך צו צו דער שטים פון דעם איבערזעצער. ער איז געגאַנגען אינמיטן דער קייט. דער ווינט האָט געריסן די פּאָלעס פון זײַן שינעל, פאַרשלאָגן דעם אָטעם. די אַרומיקע שטיל־קײַט האָט אָנגעוואָרפן אַ פּאַכעד. ער האָט שוין דײַטלעך געזען די טראַנשייעס און די קאַסקעס פון די דײַטשן. ער האָט געפילט, ווי מורעשקעס לויפן איבערן לײַב.

ער האָט ווידער אויפגעהויבן דעם רופּאָר און ווידער גענומען שרײַען:

— דײַטשישע סאָלדאַטן, איר קענט נאָך ראַטעווען אײַער לעבן! שיסט ניט! עס וואַרט אױף אײַך אײַער היים! ווי הונדערטער אײַערע קאָלעגן, וואָס האָבן געוואָרפן דאָס געווער און גע־פינען זיך איצט אויסער געפאַר! זיי וועלן אינגיכן פאָרן אַהיים. די קאָמאַנדשאַפט פון דער סאָוועטישער אַרמיי ווענדעט זיך צו אײַך דאָס לעצטע מאָל, גיט זיך איבער אין פּלען!

דאָ און דאָרט זײַנען פון די טראַנשייעס אַרויסגעקראָכן דײַטשן מיט אויפגעהויבענע הענט, געשעפּטשעט ניט זיכער: „היטלער קאַפּוט!״

דערזעענדיק, ווי אַלץ מער און מער סאָלדאַטן פאַרלאָזן די טראַנשייעס, האָט דער איבער־זעצער דערפילט אַן אינערלעכע פרייד, טרערן האָבן גענומען שפּאַרן פון די אויגן.

די קייט האָט פאַרשנעלערט דעם טראָט. אָט איז זי שוין ניט ווײַט פונעם הויכן ברוסטווער פון דער טראַנשייע, פון וועלכער עס זײַנען אַרויסגעשפּרונגען נײַע און נײַע גרופּעס דײַטשן מיט אויפגעהויבענע הענט.

עליע האָט שוין דײַטלעך געזען זייערע דערשראָקענע, קויטיקע צורעס, די צעקראַסטעטע רעקלעך און שינעלן, די אָנטבלויזטע צעפּאַטלטע האָר!

ער איז שוין געווען באַם סאַמע ברוסטווער, נאָר ער האָט געפילט, אַז עמעצער האָט זיך פאַרטײַעט אין דער טראַנשיי, און ער האָט ווידער צוגעשטעלט דעם רופּאָר צו די ליפּן און אַרײַנגעשריִען:

— דײַטשישע סאָלדאַטן, ראַטעוועט אײַער לעבן! שיסט ניט!

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר פּלוצעם געכאַפּט אױף זיך אַ פײַערדיקן בליק פון אַן אָפיצער, וואָס איז אױף אַלע פיר געקראָכן פון דער טראַנשיי. דער איבערזעצער האָט באַ־מערקט, ווי אין יענעמס הענט האָט אַ בלאַנק געטאָן אַן אויטאָמאַט. פון דער רער האָט אַ שפּאַר געטאָן פײַער.

לעבן דעם איבערזעצער זײַנען געפאַלן צוויי סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען אָקאָרשט געגאַנגען באַנאַנד מיט אים אין דער קייט און וועלכע האָבן זיך פריִער מיט אַ רעגע געפרייט, צוקוקנ־דיק, ווי די דײַטשן גיבן זיך אונטער.

ער האָט זיך געוואָלט אָנבייגן צו זיי, העלפן די פאַרוווּנדעטע, נאָר דערפילט אַ מוירעדיקן ווייטעק אין דער זײַט, אין אַ פוס.

דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט, און דער רופּאָר איז אַרויסגעפאַלן פון זײַנע הענט. ער איז געפאַלן אויפן נאַסן שניי און אין מויעך האָט אַ בליץ געטאָן: „אַלץ״. אַ שטאַרקע שיסערײַ איז דערגאַנגען צו זײַן געהער. זײַנע כאַווײרים, וועלכע זײַנען אָקאָרשט געגאַנגען אין דער קייט, זײַנען געשפּרונגען אין טראַנשיי.

און נאָך האָט ער דערפילט, ווי עטלעכע געטרײַע הענט האָבן אים אונטערגעכאַפּט און גענומען זיך פאַרען באַ זײַנע וווּנדן.

אויפן צווייטן טאָג, ווען ער איז אַ ביסל געקומען צו־זיך און געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען זיצן אויפן ראַנד פון זײַן פּאָליצע אַן עלטערע פרוי אין אַ ווײַסן כאַלאַט מיט אַ ווײַסן טשיפּעק, וואָס איז וווּליוונגעריש געזעסן אױף איר בלאַנדן קאָפּ. זי האָט שטילערהייט געבעטן אים ליגן רויִק. מע דאַרף זיך שטאַרקן. דער עשעלאָן וועט אינגיכן קומען אױף אַן אָרט, און אים וועט ווערן גרינגער...

ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין אַ סאַניטאַר־צוג, וואָס גייט אױף מיזרעך. אַ ווייטעק האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

ווי אין אַ בייזן כאָלעם, האָט ער זיך אָנגעהויבן דערמאָנען, וואָס מיט אים איז ערשט ניט לאַנג פאָרגעקומען. ער האָט געזען פאַר זיך די פײַנטלעכע טראַנשיי, די קויטיקע דײַטשן, וואָס זײַנען געקראָכן פון די גריבער מיט אויפגעהויבענע הענט און געררעוועט „היטלער קאַפּוט!״

געזען דאָס איבערגעקרימטע פּאַנעם פונעם פאַשיסט, וואָס איז געקראָכן אַף אַלע פיר און אַ שטעפּ געטאָן איבער דער קייט פון זײַן אויטאָמאַט.

וואָס זשע טוט זיך? מע פירט אים אין טיפן טיל, אַף רעמאָנט? ווען עס איז שוין אַזוי נאָענט דער ניצאָכן איבערן פײַנט, איז ער אַרויס פונעם סטרוי? זײַנע פאַרלאַנגען, זײַנע טרוי־מען וועלן ניט פאַרווירקלעכט ווערן?

פון די דאָזיקע געדאַנקען איז דער ווייטעק געוואָרן שטאַרקער.

ער האָט שוין ניט געהערט די טרייסט־ווערטער פון דער פרוי, וואָס איז לעבן אים געזעסן. אין מויעך האָט געשלאָגן, ווי מיט אַ העמערל דער געדאַנק: קיין איינער פון זײַנע טרוימען איז, דאַכט זיך, ניט מעקוייעם געוואָרן. דער פראָנט באַוועגט זיך אַף מײַרעוו, קיין דײַטשלאַנד, אַף בערלין, און ער, וואָס האָט אַזוי געגאַרט נעקאָמע נעמען, קומען צו זײַן שטעטעלע מעדזשיבאָזש, צו דער מוטער, צו זײַן געליבטער, קיין בערלין, קאָן איצט ניט האַלטן קיין געווער אין די הענט.

פאַר די פענצטער פונעם סאַניטאַר־צוג האָבן זיך דורכגעטראָגן טעלעגראַף־סטויפּעס, פון וועלכע עס זײַנען אַראָפּגעהאַנגען, ווי שפּינוועבס, צעריסענע דראָטן, עס האָבן זיך דורכגעטראָגן צעמאַזיקטע, אויפגעריסענע, צעבאָמבירטע סטאַנציעס, וואָקזאַל־געבײַדעס, טורעמס פון וואַסערלייטונג.

הייסט עס, פירט מען אים אַהין, אַף מיזרעך? אויב אַזוי, איז ער פאַרוווּנדעט ניט אַף קאַטאָוועס.

ער האָט פון ווייטעק צוגעמאַכט די אויגן. געפרוווט אײַנשלאָפן. דער צוג האָט אים געוויגט.

...די מאַמע איז אויסגעוואַקסן פאַר זײַנע אויגן.

אָט שטייט זי פאַר אים, די אַלטע גוטע מאַמע זײַנע, מיט די גרויסע ליבע ליכטיקע אויגן. זיי זײַנען פאַרנעפּלט פון טרערן. זי שפּרעכט אים אָפּ אַ גוט־אויג, וויל אים מיט אירע הענט פאַרשטעלן פונעם טויט־געפאַר. זי רעדט עפּעס צו אים, נאָר ער הערט ניט. ער זעט פאַר זיך בלויז אירע פאַרווייינטע אויגן, אויסגעהאָרעוועטע הענט.

אָט ווערט זי אין ערגעץ פאַרשוווּנדן אין אַ נעפּל, און עס שוועבט אויף זײַן געליבטע ריטע, אַזאַ שײַנענדיקע און יאָמטעוודיקע אין אַ ווײַסן כאַסענע־קלייד, מיט אַ רויטער פײַער־דיקער כריזאַנטעמע אין די האָר. צוליב וואָס האָט זי זיך אַזוי אויסגעפּוצט, וואָס פאַר אַ יאָמטעוו קאָן איצט זײַן, אַז אַף די שלאַכטפעלדער גייען נאָך אָן אַזעלכע שווערע שלאַכטן און אַזויפיל סאָלדאַטן פאַלן אין פעלד, ליגן אין סאַניטאַר־צוגן פאַרבלוטיקטע, צעקאַליעטשעטע...

ווען דער ווייטעק האָט אים אַ שטאַרקן קוועטש געטאָן, האָט ער פאַרביסן די ליפּן און אַרויסגעשריגן:

— מאַמע!

ער האָט זיך געפילט עפּעס שולדיק פאַר דער מאַמען, כאָטש ער האָט ניט געקאָנט זײַן אין די שווידערלעכע מינוטן פון איר לעבן מיט איר. אָ, ווען ער וואָלט זי געטראָפן אַ לעבע־דיקע, וואָלט ער זיך שוין קײנמאָל ניט צעשיידט מיט איר!

מאַמע, האַרציקע מאַמע!

דער פאַרשטויבטער סאַניטאַר־עשעלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ ווײַטער אוראַלער שטאָט. מע האָט עליע פרענקיסן אַף אַ טראָג־בעטל געבראַכט אין אַ גרויסער ליכטיקער פּאַ־לאַטע, און ער איז אַרײַנגעפאַלן אין גוטע, געטרײַע הענט, צו די דאָקטוירים און באַרעמהער־ציקע שוועסטער, וועלכע האָבן לאַנג געקישעפט אַרום, האָבן אים אַרויסגעריסן פונעם מאַל־כאַמאָוועסעס הענט.

דער ווינטער האָט זיך שנעל געקײַקלט צו זײַן סאָף, און צוביסלעך איז אַרײַנגעפאָרן דער פרילינג און אומבאַמערקט זיך צעשײַנט, צעזונגען, צעשפּילט אַף אַלע זײַנע קיילים!

עליע פרענקיס איז נאָך געווען אין שפּיטאָל־כאַלאַט, אין די צערעפּעטע שטעקשיך, נאָר זיך שוין אָנגעהויבן לערנען גייען אַף זײַנע מיליצעס, אײַנגעאַקשנט געשפּאַנט, לײַדנדיק דער־בײַ גרויסע ווייטעקן.

ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע קויכעס, קעדיי זיך וואָס גיכער שטעלן אַף די פיס. זײַן דיוויזיע, ווי ער האָט זיך דערוווּסט, פירט איצט שלאַכטן גאָר ניט ווײַט פון בערלין, און עס האָט זיך געוואָלט אוועק אַהין, צו זײַנע פרײַנט, מיט וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען אַזאַ שווערן וועג. סאַראַ גליק וואָלט עס געווען, ווען עס זאָל פאַרווירקלעכט ווערן זײַן טרוים —

אַנטייל נעמען אינעם לעצטן שלאַכט — אַרײַן אין בערלין, מיט זײַנע אויגן זען דעם סאָף פון דער ברוינער פעסט!

דער ערשטער מײַ האָט געבראַכט אַהער, אינעם ווײַטן אוראַלער שפּיטאָל, די גרויסע ידיעה, אַז בערלין איז געפאַלן, די רויטע פאָן פון ניצחון פלאַטערט איבערן רייכסטאַג.

יאָ, ניט באַשערט... זײַן טרוים איז אויך דאָס מאָל ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. נאָר די גרויסע פרייד, וואָס האָט אים באַהערשט, דערהערנדיק די וווּנדערלעכע ידיעה, האָט אויסגע־קויפט אַלץ. די וועלט איז פּאַטער געוואָרן פונעם שרעקלעכן אומגליק, פון דער פאַשיסטישער מאַגייפע. און אין דעם ניצחון האָט ער אויך אַ שטיקעלע כיילעק.

ווען ער האָט זיך געשטעלט אַף די פיס און זיך געקליבן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז כוץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ געטרײַער סאָלדאַט פון זײַן פּאַטערלאַנד, כוץ זײַן מיליטערישער מעלאָכע, האָט ער נאָך אַ פרידלעכע, זייער אַ וויכטיקע פּראָפעסיע, וואָס מע דאַרף איצט, נאָך דער מילכאָמע, ווי לופט, ווי ברויט, — ער איז אַ גוטער לערער.

דאָס היימלאַנד האָט אָנגעהויבן פאַרהיילן די שווערע ווונדן, אופשטעלן די ווירטשאַפט, דאָס פרידלעכע לעבן, און די שטעט און דערפער וואַרטן אַף לערער, אַגראָנאָמען, ספּעציאַ־ליסטן.

און אָנשטאָט זיך אומקערן אין אַרמיי, האָט מען אים אויסגעשריבן אַן אײַזנבאַן־ליטער אַהיים.

און וואָס קאָן זײַן פאַר אַ סאָלדאַט הייליקער פון אַ באַפעל?

אין איינעם אַ זומער־פרימאָרגן האָט הערשעלע אַסטראָפּאָליערס אייניקל זיך געלאָזט אין ווײַטן וועג — קיין מעדזשיבאָזש. כאָטש מע האָט אים געזאָגט, אַז ער מעג פאָרן וווּהין ער וועט וועלן און אומעטום וועט מען אים אופנעמען מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע אָרעמס, נאָר פאָרן וועט ער אַהין, אין זײַן קליין, נאָר וווּנדערלעך־האַרציק און נאָענט שטעטל. ס'האָט אים אַהין געצויגן, ווי מיט אַ מאַגניט.

אַהיים, און בלויז אַהין!

צו דער לײַבלעכער נעסט

יאָ, פאַר דעם סאָלדאַט איז איצט געווען אָפן דאָס אומענדלעכע היימלאַנד, וואָס איז גע־לעגן אין רוינעס, אין אַש, אין ברוכשטיקער און אַרויסגעקוקט, געוואַרט מיט אומגעדולד אַף יענע, וואָס וועלן זיך אומקערן פון דער מילכאָמע, זיך נעמען צו דער אַרבעט, קעדיי עס אופ־שטעלן, אופהייבן עס פונעם אַש, און מאַכן נאָך שענער, ווי עס איז געווען פאַר דער מילכאָמע.

אַ סאַך אַזעלכע, ווי ער, האָבן זיך אין יענער צײַט פאַרטראַכט, צו וועלכן ברעג זיך צו־שלאָגן, קעדיי אָנהייבן דאָס לעבן אָפסנײַ. ער, עליע, איז אָבער געווען פאַרליבט אין זײַן ווײַ־טער נעסט און געגלייבט, אַז קיין שענער און בעסער אָרט איז אַף דער וועלט ניטאָ. ער האָט געגלייבט, אַז די מאַמע מיט די שוועסטער, קרוווים און אייגענע האָבן זיך דאָך געראַטעוועט, לעבן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז פאָרט געשען אַ נעס, און אויב ניט אַלע, איז זײַן מאַמע מיט די שוועסטער געבליבן לעבן, און זיי וואַרטן אַף אים.

און אויב ניט?

ניין, ער האָט אָפּגעטריבן פון זיך דעם דאָזיקן געדאַנק.

דאָס האַרץ איז געווען איבערפולט מיט גלויבן, מיט פרייד און אומרו.

אַן אויסגעפּוצטער אין אַ נײַעם מונדיר, אין סקריפּענדיקע שטיוול, מיט דעם שינעל אַף דער האַנט, און מיטן סאָלדאַטישן רוקזעקל אַפן אַקסל, באַגלייט פון אַלע דאָקטוירים, שווע־סטער און פּאַרוונדעטע, וואָס האָבן געקענט זיך האַלטן אַף די פיס, אונטער הילכיקע אויסגע־שרייען און ווינטשעוואַניעס, האָט עליע פּרענקיס פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל און זיך געלאָזט צום וואַקזאַל.

די סטאַנציע האָט געווימלט מיט מענטשן. די צוגן זײַנען געווען איבערפולט מיט סאָל־דאַטן, אָקאָרשט אויסגעשריבענע פון די שפּיטאָלן, עוואַקויִרטע מיט קליינע קינדער, עלטערע מענטשן. יעדער איינער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָרטן, אין דער ווײַטער היים, וואַרט אַף אים ניט קיין גאַנײדן, דאָרטן איז נאָך זייער שווער, דאָרטן זײַנען דורכגעגאַנגען די פאַשי־סטישע טאַליאַנים און פאַרברענט, פאַרניכטעט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט, איבערגעלאָזט גריבער מיט אומגעבראַכטע מענטשן, בערג אַש, רוינעס, און אַלץ דאַרף מען אָנהייבן פון סאַמע אָנהייב, — נאָר די היים, די באַליבטע היים, אירע שטיינער האָבן צו זיך גערופן. פּונקט

אזוי, ווי מע קאָן זיך ניט אָפּזאָגן פון אן אָרעמער, נאָר א געטרײַער מאַמען, אזוי קאָן מען זיך ניט אָפּזאָגן, ניט פארגעסן די לײַבלעכע היים, ווו מע איז אויסגעוואקסן, פארזוכט קאלטס און ווארעמס, געוווּסט פון א סאך ליידן און פריידן.

און עליע האָט זיך אויך געריסן אהיים מיטן גאנצן הארצן, מיט דער גאנצער אויסגע־ווייטיקטער נשמה.

אינעם פולגעפאקטן וואגאָן האָט ער זיך געטראָפן מיט אזעלכע, ווי ער, וואָס האָבן געצײַלט אָף אוקראַיִנע, קיין פאָדאָליע, און ער האָט זיך מיט זיי גיך באַפרײַנדעט.

קיִעוו האָט אים באַגעגנט מיט א שטילן זומער־פרימאָרגן, מיט גרינע סעדער און מוירע־דיקע רויִנעס. דאָס הארץ איז שיִר ניט צעריסן געוואָרן. פון אָט דער שטאָט איז ער אוועק אפן פראָנט פונקט מיט פיר יאָר צוריק. אך, וואָס פארא יאָרן זײַנען דאָס געווען!

האָט זיך אים דען געכאָלעמט, אז ער וועט נאָך אַמאָל זײַן אין דער ווונדערלעכער שטאָט, באַ וועלכער אפילע די שווערע מילכאָמע־ווּונדן האָט ניט געקענט אָפּנעמען, מינערן די שײַנ־קײַט אירע!

דאָ דאַרף ער זיך צעשיידן מיט זײַן וואגאָן, מיט די כעוורע, מיט וועלכע ער האָט זיך אין וועג באַקענט און באַפרײַנדעט. ער וועט דאָ אַראָפּשטײַגן און מיט אן אנדער צוג זיך דער־קלײַבן קיין מעדזשיבאָזש.

אָבער דאָ האָט ער זיך דערוווּסט, אז אים וועט אויסקומען ווארטן דרײַ שאָ צײַט, און ער האָט זיך דערפרייט. ער וועט זיך אַראָפּכאַפּן אָף מארינסקע, עפשער וועט ער עמעצן טרעפן פון זײַנע קרויווים און זיך באַ זיי עפּעס דערוויסן? ער וועט אויך זיך אַראָפּכאַפּן אָף טורגע־ניעווסקע, עפשער וועט אים עמעצער קענען זאָגן, ווו איז ריטע מיט אירע עלטערן?

אפן פולגעפאקטן פעראָן, ווו עטלעכע זײַנע מיטפאָרער האָבן זיך אָפּגעשטעלט ווארטן אפן צוג, האָט עליע פרענקיס איבערגעלאָזט זײַן סאָלדאטיש באַלעבאַטישקײַט — דאָס רענצל מיטן שינעל און זיך ארויסגעשלײַכט אפן בײַוואָקזאַל־פּלאַץ.

אים איז נאָך געווען שווער זיך באַוועגן, נאָר אלצײַנס, ווי עס זאָל אים ניט שווער זײַן, וועט ער זיך דערקלײַבן צו די קרויווים. ער האָט שטארק זיך דערפרייט, דערזעענדיק, ווי א פאָר טראַמווײַען גייען אָפּ און אוּף.

ער האָט זיך אין א מינוט צוואַנציק ארום דערקליבן צום הויף, ווו דער פעטער האָט אַמאָל געוווינט, ארײַנגעגאנגען און געטראָפן צעמאַזיקטע, האלב צעוואלגערטע שטיבער. בלויז ווילד געוואָרענע קעץ זײַנען אלע מאָל פון אונטער די רויִנעס ארויסגעשפרונגען און ערגעץ אנטרונען געוואָרן.

עליע האָט זיך א ביסל ארומגעדרייט און שוין געוואָלט אוועקגיין, נאָר פון א זײַטיק שטיבל איז ארויסגעגאנגען אן עלטערער מענטש אין א צעקנייטשטן אָפּגעבליאקעוועטן קאַ־פעליושל, אין אן אָפּגעריבן, געלאַטעט רעקל. דורך די גראָבע גלעזלעך פון זײַנע ברילן האָט ער זיך אײַנגעקוקט אינעם מיליטערמאַן און צולייגנדיק די האַנט צום אויער א פרעג געטאָן, וועמען ער זוכט דאָ.

אויסגעהערט דעם געקומענעם, האָט דער אלטער מיט ווייטעק אוועקגעמאכט מיט דער האַנט:

— וועמען וועט איר איצט געפינען נאָך אזא מין מאַבל! וואָס זשע, איר האָט גאָרניט געהערט וועגן באַבי־יאַר? ווען די היטלערישע קאַטן האָבן זיך אהער ארײַנגעריסן, האָבן זיי אין עטלעכע טעג ארום טויזנטער אומשולדיקע פרויען, קינדער, אלטע לײַט צונויפגעטריבן צום יאַר און מיט קוילנוואַרפער אלעמען צעשאָסן. דאָס זײַנען געווען יידן, דערנאָך האָבן די פאַשיסטן צום יאַר פארטריבן טויזנטער קריגסגעפאַנגענע פונעם סירעצער טויט־לאַגער און זיי אויך צעשאָסן, דאָס זײַנען שוין געווען רוסן, אוקראַיִנער, טאַטערן, אוזבעקן, — מענטשן פון אלע נאַציִאָנאַליטעטן. א גאנצער אינטערנאַציִאָנאַל. שפּעטער האָבן די הענקער דאָ געשאָסן ווער עס האָט זיך פּאָפּאַדיעט... דאָס איז געוואָרן א שרעקלעכער ברודער־קייווער פון הונ־דערט טויזנט אומשולדיקע מענטשן. די וועלט האָט נאָך פון אזא קייווער קיינמאָל ניט געהערט. ווי זשע, טײַערער יונגערמאַן, קאָן מען איצט געפינען א מענטשן? מיר ווײַזט זיך אויס, אז דאָרטן, אין באַבי־יאַר, זידט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג דאָס אומשולדיקע מענטשן־בלוט. אז דו גייסט צו אהין נעענטער, דאַכט זיך דיר, אז די ערד ציטערט נאָך, באַוועגט זיך פון די לעבע־דיק־באַגראָבענע.

דער אלטער איז אָף א רעגע שטיל געבליבן. זײַנע טיפע, גוטע קאָרע אויגן זײַנען פול געוואָרן מיט טרערן, וואָס זײַנען געלאָפן איבער זײַנע אײַנגעפאַלענע באַקן. דער מענטש, לאָזט זיך אויס, איז לויט א נעס ארויס פון דעם שרעקלעכן יאַר. יענעם שוידערלעכן טאָג, ווען עס איז ארויס דער גרויזאַמער באַפעל, און מע האָט געגומען טרײַבן אלע יידן פון זייערע

הײַזער אהין צום יאָר, צו די סירעצער לאַגערן, דאָרטן, קלוימערשט, וועט מען זיי אופזעצן אַף צוגן און אַפּשיקן אין אַ שטאָט, ווו זיי וועלן מעגן וווינען און אַרבעטן, — האָט דער מענטש באַגלייט זײַנעם אַ גוטן פרײַנט. דאָס איז געווען פונקט דעם נײַן־און־צוואַנציקסטן סעפּטיאַבער פונעם איין־און־פערציקסטן יאָר. מיט דער לוואָוסקער גאַס האָבן זיך געשלעפּט ווײַבער מיט פּיצלעך קינדער, אַלטע לײַט, זקיינים, קאַליקעס, קראַנקע אַף וועגעלעך, אַף קוליעס. וואָס ווײַסטו מאַכן — אַ באַפעל, ווער עס וועט זיך ניט יאָווען, וועט מען צעשיסן. איז מען געגאַנגען. די דײַטשישע קאַטן און זייערע הינט, די פּאָליצײַען מיט די ווײַסע בענדלעך אַף די אַרבל, האָבן די אומגליקלעכע פאַרטריבן אין די אַנגאַרן, אויסגעטאָן, געהייסן איבערלאָזן די זאַכן און גיין. מע וועט זיך, קלוימערשט, אויסבאָדן און זיך באַלד אומקערן. עס וועלן קומען עשעלאָנען, וועט מען זיי אַפּשיקן אין אַ זיכער אָרט. און מענטשן האָבן געגלייבט. נאָר אַנשטאָט צוגן האָט מען די טויזנטער מענטשן פאַרטריבן צום ראַנד פונעם באַבי־יאַר, און די הענקער האָבן אַלעמען צעשאָסן און אַראָפּגעשלײַדערט אין יענער שוידערלעכער גרוב...

— איך האָב באַגלייט מײַן טײַערן פרײַנט, דעם שרײַבער לייזער מאַרגוליס מיט זײַן מישפּאָכע. אַ טײַערער מענטש געווען. ווען איך האָב געזען, וווהין מע פירט די געטריבענע און געיאָגטע, האָב איך געזאָגט: „לייזער, מע פירט די מענטשן צום טויט, קום, מיר קענען נאָך אַנטלויפן. איך וועל דיך מיט דײַניקע באַהאַלטן בא זיך". נאָר דער אַלטיטשקער שרײַבער האָט געזאָגט: „עס קען ניט זײַן! פאַרוואָס זאָלן זיי אונדז דערהאַרגענען?"

— ווען מע איז געקומען, — האָט ווײַטער דערציילט דער אַלטער, — צו די סירעצער טאַנקען־אַנגאַרן, האָט אַ פּאָליצײַ אים, דעם אַלטן רוסישן מענטשן, דערקענט און אַרויסגעטריבן פון דער קאָלאָנע: „אַלטער אידיאָט, וואָס שלעפּסטו זיך אַהער? דו ביסט דאָך אַ פּראַוואָסלאַוונער!"

דער אַלטער איז געבליבן צעמישט און געזאָגט: „נו, און אַז זיי זײַנען ניט קיין פּראַוואָסלאַוונע, טאָרן זיי ניט לעבן? וווהין טרײַבט איר זיי?"

דער פּאָליצײַ האָט דעם אַלטן דערלאַנגט מיטן פּריקלאַד איבער די צײַן און אַרויסגעשלײַדערט אַפּן טראָטואַר.

דער אַלטער האָט פאַררייכערט אַ ציגאַר, זיך טיף פאַרצויגן מיטן שטאַרקן רויך און, זיפצנדיק, פאַרגעזעצט:

— צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן די קאַטן צעשאָסן אין באַבי־יאַר. עס זײַנען איצט פאַראַן גאַנצע כאַכאָמים, וואָס זאָגן: „וואָס הייסט? פאַרוואָס האָבן זיך אַזויפיל מענטשן געלאָזן דערשיסן, געגאַנגען צום טויט, ווי די שאָף?" איך קוק אַף די כאַכאָמים און וויל זיי אַ שפּײַ טאָן אין פּאָנעם! וויאַזוי האָבן געקאָנט זיך קעגנשטעלן די פאַשיסטישע הענקער, וועלכע זײַנען געווען באַוואָפנט מיט קוילנוואַרפער, אויטאָמאַטן, גראַנאַטעס, האַרמאַטן, אומבאַוואָפנטע, אומבאַשיצטע ווײַבער מיט פּיצלעך קינדער אַף די הענט, זקיינים, קאַליקעס מיט זייערע קוליעס, אינוואַלידן אַף וועגעלעך, מענטשן פאַרצווייפלטע, אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע? וויאַזוי האָבן זיך די אומגליקלעכע געקאָנט פאַרטיידיקן? מיט וואָס? מיט די קוליעס? מיט די קינדערלעך אַף די הענט? אַבי פּלאַפּלען נאַרישקײַטן! ווען די דײַטשן האָבן שפּעטער געטריבן טויזנטער געפאַנגענע צום יאָר, געטריבן, ווי די שאָף, נו, האָבן זיי זיך געקענט מיט הוילע הענט אַנטקעגנשטעלן די באַוואָפנטע קאַטן? צי אָט, אין דאַרניצער וואַלד האָבן די דײַטשן צעשאָסן צענדליקער טויזנטער אונדזערע רוסישע געפאַנגענע סאָלדאַטן און אָפיצערן, האָבן די ניט־באַוואָפנטע מענטשן עפּעס געקאָנט טאָן קעגן דעם באַוואָפנטן קאַט?

אַבי פּלוידערן! ווען יענע, וואָס פּלאַפּלען, וואָלטן כאָטש פונדערווײַטן געזען די פאַשיסטישע וועלף, בעשאַס זיי האָבן דורכגעפירט די בלוטיקע אַקציעס, וואָלטן זיי קיין נאַרישקײַטן ניט גערעדט!

איבערן אַלטנס באַקן זײַנען נאָך אַלץ געפלאָסן טרערן, און עליע, הערנדיק די שרעקלעכע דערציילונג, האָט געפילט, ווי אַ שווערער קנויל הייבט אים אָן שטיקן אין האַלדז, און קעדיי ער זאָל זיך ניט צעוויינען, האָט ער זיך פאַרנייגט פאַרן אַלטיטשקן און זיך געלאָזט צום טראַמווײַ.

עליע האָט געטראַכט, אַז ער האָט שוין ניט וואָס צו גיין אַף טורגעניעווסקע, נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעהערט די שוידערלעכע געשיכטע וועגן באַבי־יאַר, נאָר עס האָט אים עפּעס אַהין דאָך אַ צי געטאָן. באַמערקט, אַז ער האָט נאָך אַ ביסל צײַט ביזן צוג, איז ער אַוועק אַהין.

ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַן אומזיסטער גאַנג, נאָר דאָך, עפּשער וועט ער כאָטש אַ קוק טאָן אַף דער שטוב, אַף דער באַנק באַם קליאָן, ווו ער איז מיט זײַן מיידל געזעסן דאָס

לעצטע מאָל, ווען ער האָט זיך מיט איר געזעגנט און זי צום ערשטן מאָל אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן. דאָס ערשטע מאָל און דאָס לעצטע מאָל.

אַראָפּגעקראָכן פֿון טראַמוויי, האָט עליע פֿרענקיס זיך געלאָזט צום ראָג, ווו עס זײַנען געשטאַנען עטלעכע צערויִנירטע הײַזער. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער ווייסט ניט ווו איז דער הויף, ווו ריטע האָט געוווינט.

עפּעס האָט ער זיי יאָ דערקענט און ניט דערקענט, די הייפֿלעך. אַרום איז געווען פּוסט, — נישטאָ באַ וועמען צו פֿרעגן. קיין פֿלויטלעך זײַנען ניט געווען — אַלע הייפֿלעך האָבן זיך פֿאַר רייניקט אין איין הויף. עליע איז אַרומגעגאַנגען, זיך אײַנגעקוקט אין די פֿענצטער פֿון די הײַזער, ווו עס האָט זיך געפֿילט אַ שטיקל לעבן.

ווויהין קלאַפּט מען אָן, וועמען פֿרעגט מען? פּלוצעם האָט ער דערהערט אַ שטאַרקן סקריפּ פֿון אַ טיר און זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך באַוויזן אַ הויכע דאַרע פֿרוי מיט אַ שוואַרץ טיכל אויפֿן קאָפּ. זי האָט געהאַלטן אַן עמער אין דער האַנט. זעט אויס, געוואָלט גיין צום עק הויף, ווו עס ליגט אַ באַרג מיסט. נאָר דערזען אַ מיליטערמאַן, וואָס זוכט עפּעס, זיך פֿאַר־האַלטן, אָנגעשטעלט אויף אים אירע דערשראָקענע אויגן.

— וועמען זוכט איר? — האָט זי מיט אומרו זיך אָנגערופֿן און אַוועקגעשטעלט אין אַ זײַט דעם עמער, זיך געכאַפּט פֿאַרן האַרץ, — איך וואַרט אויף מײַן פּעטיע פֿון דער מילכאָמע, געמיינט...

— איך זוך... צי ווייסט איר ניט, מאַמאַשע, דאָ האָט געוווינט אַ שנײַדער, בורמאַן.

די פֿרוי האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, און ווי זי וואָלט זיך וועלן פֿאַרענטפֿערן פֿאַר דעם סאָלדאַט, געזאָגט:

— שווער עמעצן געפֿינען איצט... ווען די סופּאָסטאַטן זײַנען געלאָפֿן פֿון קיִעוו, האָבן זיי די גאַנצע באַפֿעלקערונג אַוועקגעטריבן אַהין, אויף מײַרעוו. אַ סך מענטשן צעשאָסן אויף די וועגן. ווער עס האָט געקאָנט, איז אַנטלאָפֿן און זיך אומגעקערט אַהער פֿון וועג. מײַן שטוב אויפֿן קרעשטשאַטיק איז צעקלאַפּט, האָב איך זיך אַרײַנגעקליבן דערווײַל אַהער. דאָ האָב איך קיי־נעם ניט געקענט.

— אַ שאָד, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, און קעדיי ניט צעיאַטערן די ווונדן אָט דער וווקסי־קער, פֿאַרמוטשעטער פֿרוי, האָט ער זיך געלאָזט גיין ווײַטער.

פּלוצעם האָט ער דערהערט אין עק הויף שווערע טריט און זיך אומגעקוקט. פֿון דעם זײַטיקן הויפֿל האָט אַ באַיאָרטע פֿרוי געטראָגן צוויי עמער וואַסער אויף אַ קאָראָמיסלע און אַפֿילע ניט באַמערקט, ווי די וואַסער ווערט צעפּליוסקעט פֿון די עמער אויף דער ערד, — זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם מיליטערמאַן מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם.

ווען די פֿרוי איז צוגעגאַנגען עטוואָס נעענטער, האָט זי אַ שטעל געטאָן די עמער און קוים אַרויסגעבראַכט:

— מײַן גאָט! דאָס איז ניט... — זי איז אויף איין רגע שטיל געבליבן און אויסגעשריִען: — עלעק! עליע פֿרענקיס! אַ לעבעדיקער! געקומען!

און געלאָזט זיך צו אים מיט אַ געוויין.

אַ גוטמוטיקער שמייכל האָט זיך צעשפּײַנט אויפֿן סאָלדאַטס בלאַס פּאָנעם:

— שיפֿרע, טײַערע! איך בעט אײַך, באַרויִקט זיך. ווו זײַנען אײַערע?

זי האָט אים אַרומגענומען, ווי מע נעמט אַרום אַן אייגענעם זון, געוויינט, אים געהאַלדזט און נאָך אַלץ ניט געקענט גלייבן, אַז דאָס איז יענער זעלבער באָכער פֿון מעדזשיבאָזש, וועגן וועלכן די טאָכטער הערט ניט אויף צו ריידן די גאַנצע צײַט.

אויף איר געשריי און געוויין זײַנען פֿון די אַרומיקע שטיבלעך זיך צונויפֿגעלאָפֿן פֿרויען, ייִנגערע און עלטערע. געקוקט אויף דער וויינענדיקער און דערפֿרייטער שכנה, ניט וויסנדיק, וואָס קערט זיך איר אָן אָט דער שלאַנקער יונגער מיליטערמאַן. און זי, שיפֿרע, האָט געקוקט אויף אים, געווישט די טרערן און גערעדט:

— אוי, עליע, ווען דו ווייסט, ווי איך בין גליקלעך, וואָס איך זע דיך! דו ווייסט דען, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין? מיט דער לעצטער שיף זײַנען מיר קוים אַרויס פֿון קיִעוו. דער דײַטש איז שוין געווען זייער נאָענט. אין וועג האָט מען עטלעכע מאָל באָמבירט אונדזער שיף. צוויי שיפֿן מיט מענטשן האָבן די קוילער דערטרונקען, און אונדזערע האָט זיך מיט אַ נעס דורכגעריסן. קוים זיך דערשלעפּט קיין דניעפּראָפּעטראָווסק און פֿון דאָרטן מיט די טעפּלושקעס קיין באַשקיריע.

מײַן סענדער מיטן זון זײַנען גלײַך אַוועק אויפֿן פֿראָנט. דער מאַן האָט זיך אָקאָרשט אומ־געקערט פֿון דער מילכאָמע, און דער זון איז נאָך ערגעץ דאָרטן. עלעק, טײַערער, הערשעלע אַסטראָפּאָליערס אייניקל! הייסט עס, געקומען! דאַנקען דעם אייבערשטן! איך מיט ריטען האָבן

פאַר דיר גאָט געבעטן. ווען ריטע דערזעט דיך! איך שטעל זיך אַפּילע ניט פאָר, וואָס מיט איר וועט זײַן.

דערזעענדיק, ווי דאָס רעדל נײַגעריקע שכיינעס פאַרבריטערט זיך, האָט זיך שיפרע אָנ־גערופן:

— אוי, וואָס שטייען מיר אַזוי ווי אינמיטן שטוב אין אַ ווינקעלע?! אַזאַ גאַסט! אַזאַ טײַ־ערער גאַסט, און איך רוף אים ניט אַרײַן אין שטוב אַרײַן! קום, וואַש זיך אָרום פון וועג, רו זיך אָפּ, וועסט עפּעס נעמען אין מויל, קערסט מינאַסטאַם זײַן הונגעריק.

און, נעמענדיק די עמער מיט דער וואַסער, זיך געלאָזט צום קליינינקן גאַנעקל.

עליע איז אַרײַנגעקומען אין האַלבפינצטערן שטיבל. דערזען די נאָך ניט צעבונדענע קלומקעס. זעט אויס, אָקאָרשט פון דער עוואַקואַציע. אין ווײַטן ווינקל האָט ער באַמערקט אַ סאַלדאַטיש רענצל, אַפּאַנעם, דעם מאַנס. און ווידער זיך אַרומגעקוקט, געזוכט עפּעס מיט די אויגן. ער האָט געמיינט, אַז באַלד וועט אַרויסגיין פונעם צווייטן צימערל ריטע, נאָר ניין. אין שטוב איז קיין שיפרען קיינער ניט געווען.

די באַלעבאָסטע, אַ פאַרלוירענע און איבעראַשטע, האָט ניט געוווסט, צו וואָס זיך פריִער נעמען. זי האָט געכאַפּט די שוועבעלעך פונעם טישל און אַוועק צום אויוון, גענומען דאָרטן עפּעס זוכן.

— אוי, עליק, האָב ניט קיין פאַריבל, וואָס בא אונדז איז אַזוי אָנגעוואַלגערט. מיר ווינען נאָך, ווי דו זעסט, ווי אַף אַ וואָקזאַל. דו ווייסט דען פון וואָס פאַר אַ פּײַער מיר זײַנען דעמלט אַרויס? נאָר דאַנקען גאָט דערפאַר. אַ סאַך האָבן ניט באַוויזן זיך אַרויסרײַסן און זײַנען אומ־געקומען אין באַבי־יאַר, עפּשער האָסטו געהערט? די טעג איז געקומען מײַן סענדער אהיים. עמעס, אַ צעקאַליעטשעטער, אַ פאַרווונדעטער, נאָר דאַנקען גאָט דערפאַר! וויפל ווײַבער האָבן זיך ניט דערוואַרט אַף זייערע קאָרמאַטשעס? אוי, מײַן טײַערער עלינקע, באַלד וועל איך אָנווואַרעמען דעם סופּ. קערסט זײַן מעסוקן הונגעריק! באַלד וועלן מײַנע קומען. אָט־אָט דאַרפן זיי שוין זײַן דאָ!

— איך אײַל זיך שטאַרק. מײַנע כעוורע וואַרטן דאָרטן אַף מיר אַפן וואָקזאַל. ביזן צוג איז שוין געבליבן ניט קיין סאַך צײַט. דאָרטן וואַרטן אַף מיר מײַנע כאַווײרים, מיט וועלכע איך בין געפאָרן אהער. דער צוג...

— וואָס פאַר אַ צוג? — האָט שיפרע זיך דערשראָקן, — וואָס הייסט? וועסט זיך ניט דער־וואַרטן אַף סענדערן און אַף ריטען? זיי זײַנען אַוועקגעגאַן אין מאַרק אַרײַן, עפּשער וועלן זיי עפּעס קריגן. אוי, ווען זיי וויסן, סאַראַ גאַסט עס וואַרט אַף זיי! מע וועט שוין אָט־אָט צו־קומען!

זי האָט אונטערגעצונדן דאָס האָלץ אין אויוון, צוגערוקט צום פּײַער צווי טעפּלעך און מיט דעם זעלבן איבערגעשראָקענעם טאָן געפּרעגט:

— הייסט עס, קיין מעדזשיבאָזש פאָרסטו איצט? אוי, מײַן טײַערער, פאָלג מיך, אײַל זיך ניט אהין... די קוילערס האָבן אַלעמען, ביז איינעם דערהאַרגעט, אויסגעגלײַכט דאָס שטעטל מיט דער ערד. עס זײַנען געבליבן פון יענער זײַט ציגעלניע גרויסע גריבער, ווו זייער געביין ליגט. אַף קיוווער־אָוועס וועסטו נאָך באַוויזן פאָרן.

זי האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם מיט די הענט, באַגאָסן זיך מיט טרערן.

עליע איז געשטאַנען בא דעם צעעפנטן פענצטער דערשיטערט, דערהאַרגעט. ער האָט קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען. טרערן האָבן אים געשטיקט, און ער האָט מוירע גע־האַט זיך באַגעגענען מיט שיפרעס אויגן.

דאָס לעצטע ביסל האָפענונג איז מיטאַמאָל אויסגערונען.

מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ער זיך דורכגעגאַן איבערן פּוסטן און אומהיימלעכן צי־מער. אַלעמאָל געוואָרפן דעם בליק אַפן האַנט־זייגער, טראַכטנדיק וויפל איז נאָך געבליבן צײַט ביזן צוג.

שיפרע האָט שוין ווידער געבאַלעבאַטעוועט באַם אויוון. באַמערקנדיק, ווי ער קוקט אומ־געדולדיק אַפן זייגער, האָט זי פאָרגעזעצט:

— דו האָסט נאָך צײַט. איצט איז ניטאָ וווהין צו אײַלן... נאָך עטלעכע מינוט, וועל איך אָנוואַרעמען דאָס עסן, וועסטו איבערכאַפּן. ווי אַף צולאָכעס, וויל דאָס האָלץ ניט ברענען, אַ כאַליערע אין דעם! באַלד, באַלד דאַרפן שוין קומען פון מאַרק מײַן סענדער און ריטעלע. איך שטעל זיך אַפּילע ניט פאָר, וויאַזוי וועט זי דיך באַגעגענען! עפּשער וואָלסטו אַרײַנגעגאַן אין אַלקער און זיך דאָרטן באַהאַלטן, עס זאָל פאַר איר ניט זײַן אַזוי פּלוצעם? ווייסט ניט, מענטשן

זײַנען איצט מעסוקן אָפּגעשוואַכט. די הערצער האַלטן קוים אויס. שטעלסט זיך פאָר, ווי מיר זײַנען אָפּגעקומען? צו צוויי סמענעס געאַרבעט, לעבן אופֿאַ, אַף אַ זאַוואָד. געמאַכט סאַ־מאָליאָטן פאַרן פראָנט. און ריטעלע איז דאָרטן געוואָרן אַ גאַנצער מײַסטער. אוי, אַליק טײַ־ערינקער, ווען דו ווייסט, ווי זי האָט אַף דיר געוואַרט, געשריבן אין אַלע עקן, נאָכגעפרעגט זיך אַף דיר אומעטום, און מע האָט איר געענטפערט אַלע מאָל: „איליאַ איסאַקאָוויטש פּרענ־קיס פּראָפּאַל בעז וועסטי...״ וואָס הייסט עס, ווייסט עס דער רופֿן? זי איז אויסגעוואָען אין אַלע אַרומיקע שפּיטאָלן, געלאָפן צום וואָקזאַל אַלע מאָל, ווען עס זײַנען אָנגעקומען סאַניטאַרנע עשעלאָנען פונעם פראָנט. דאָס האַרץ האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז דו לעבסט און וועסט זיך אומקערן. מיר האָבן שוין ניט געגלייבט, און זי, די מאַמזיירעס, זי האָט געגלייבט!

זײַנע אויגן האָבן זיך צעשײַנט פון אירע ווערטער. ער האָט דערפילט עפּעס אַ מין וואַ־רעמקײַט אין האַרצן פון דעם, וואָס די מוטער האָט אָקאָרשט געזאָגט. ער וועט דערוויַיל אין ערגעץ ניט פאָרן, קאַלזמאַן ער וועט זיך ניט דורכריידן מיט איר.

עליע האָט געשפּאַנט איבערן צימער שנעלער און נערוועזער. דאָרטן, אַף דעם וואָקזאַל וואַרטן אַף אים די כעוורע. זיי וועלן זיך באַומרויִקן. צײַט איז געבליבן אַלץ ווייניקער.

די באַלעבאָסטע האָט אים דערלאַנגט אַ טעלער סוּפּ, אַ שטיקל ברויט, געבעטן דערוויַיל איבערכאַפּן, ביז דער מאַן מיט דער טאָכטערקע וועלן קומען און עפּעס רעכטס ברענגען:

— אוי, עליע, זאָלסט מיר מויכל זײַן, ווי אַן אייגענער מאַמע, פאַר דעם קיבעד. גיי ווייס, אַז מירן האָבן אַזאַ טײַערן גאַסט!

ער איז געווען הונגעריק, נאָר עסן ניט געקענט. אופגערודערט און אומגעדולדיק האָט ער אַרויסגעקוקט אַלע מאָל אין פענצטער, זיך אײַנגעהערט, צי דערטראָגן זיך ניט אַהער קײן טריט.

ענדלעך האָט ער זיך דערוואַרט!

די טיר האָט זיך מיטאַמאָל רוישיק צעפּראַלט, און אַ סנאָפּ זון האָט זיך אַרײַנגעריסן אין שטוב, פאַרבלענדט עליען די אויגן.

ריטע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף דער שוועל, דאָס האַרץ האָט זיך אַף אַ ווײַלע אָפּגע־שטעלט. דאָס פולע קוישל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט. זי האָט קוים אַרויסגע־בראַכט, ווי זי זאָל ניט גלייבן אירע אויגן:

— וואָס? אַליק?! געקומען? — זי איז עטוואָס אָפּגעגאַן פון דער שוועל, מאַכנדיק אַ וועג דעם פאָטער, אָנגעוואָרן דאָס לאָשן. און ער, עליע, האָט געקוקט אַף דעם כיינעוודיקן מיידל מיט די גרויסע ליכטיקע אויגן, אַף וועלכע עס האָבן געפינקלט טרערן. מיט די צעשויבערטע פונעם ווינט האָר, אין איר שטרענגן קלייד, וואָס האָט אַרומגענומען איר שטײַפן בייגעוודיקן גוף, איז זי געווען מאָלע־כיין. ער איז צוגעגאַן צו איר, צוגערירט זיך מיט די ליפן צו איר צעפלאַקערטער באַק.

— ריטע... פיר יאָר זיך ניט געזען. פיר יאָר! — און מער האָט ער ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

דער פאָטער האָט געקוקט אַף דער צעשטרײַטער טאָכטער, צוגעגאַן נעענטער צום גאַסט, אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל, אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך:

— הייסט עס, לעבט מען, עליע? דאַנקען גאָט דערפאַר. איך זע, אַז דו ביסט פון קאַפּי־טאַלנע רעמאָנט... ווי האָט אַמאָל געזאָגט אונדזער קאַצעוו, רעב לייבעש ביק: „נישקאָשע, אַבי ביינער, פלייש וועט זײַן!״

ער האָט צעשפּיליעט דעם קאָלנער פון דער אָפּגעבליאַקעוועטער סאָלדאַטישער גימנאַ־סטיאָרקע, זיך אַרומגעקוקט:

— זע נאָר, וואָס שטייען מיר? פאַר דעם געלט מעג מען זיך צוזעצן. — אָבער דערזען, ווי דאָס ווײַב און די טאָכטער וויינען, האָט ער בייז אויסגעשריגן:

— זע נאָר, אַבעטאָן! וואָס איז דאָס?! אַזאַ גאַסט געקומען, און מע וויינט! פרייען דאַרף מען זיך! מע קאָן דען אייביק וויינען? האָדיע מיט די טרערן!

ער האָט שנעל אַרויסגענומען פונעם קוישל דאָס ביסל גרינס, וואָס ער האָט אָקאָרשט אײַנגעהאַנדלט אין מאַרק, געשטעלט עס אַפן טיש און געבליבן שטיין אַף אַ רעגע אין פאַר־לעגנהײַט:

— אוי, איך האָב גאָר פאַרגעסן! צוליב אַזאַ גאַסט וואָלט מען געדאַרפט מאַכן לעכאַיִם, אויסטרינקען אונדזערע הונדערט גראַם נאַרקאָמאָווסקע!

ער איז אַוועקגעלאָפן אין צווייטן צימער און אין אַ רעגע אַרום זיך אומגעקערט מיט אַן אַליומיני־באַקלאַזשקע און זי מיט גאַדלעס אַוועקגעשטעלט אינמיטן טיש:

— זעצט זיך צו, קינדער, איך בין הונגעריק, ווי א הונט. נאָך הײַנט ניט איבערגעביסן, און איך זע, אז אונדזער טײַערער גאסט איז אויך הונגעריק. זעסט, עליע, דאָס ביסל מאשקע האָב איך געבראכט פון סאמע דײַטשלאנד. איך האָב געגעבן א נײדער, אז די מאשקע וועל איך אויסטרינקען נאָר מיט א טײַערן גאסט, וואָס וועט דער ערשטער קומען צו מיר אין שטוב.

די מוטער, א פארוויטלטע פונעם אויוון, האָט גיך געשטעלט צום טיש, געהאוועט, זיך געײַלט:

— אוי, ווען איך ווייס, אז מיר האָבן אזא גאסט! פארצײַע מיר, ווי אן אייגענער מו־טער, — האָט זי זיך אלץ ניט געקענט באַרויקן, — וואָס וועסטו טאָן, אז מע האָט זיך ערשט אומגעקערט פון דער עוואקואציע. מיר לעבן נאָך דאָ, ווי אף א וואָקזאַל.

— שיפרע, וואָס זשע, וועסט אונדז האָדעווען מיט רייד? — האָט געזאָגט אן אופגעלייג־טער סענדער, און זײַן פּאָנעם, דאָס צעאקערטע און פארברוינטע פון ווינטן און זאווערוכעס, האָט כיינעוודיק געשמייכלט. ער האָט פארזיכטיק צעפּירט דעם ברענענדיקן ספּירט מיט גע־זאָטענער וואסער, אָנגעגאָסן צוביסלעך אין די אליומיני־קווערטלעך. פון יענער זײַט טיר האָט זיך דערטראָגן א טומל — עס זײַנען ארײַנגעקומען עטלעכע מעדזשיבאָזשער זעמליאקעס. סענדער האָט זיי א רעגע באטראכט:

— זעסטו, עליע, וואָס פארא ניוך עס האָבן אונדזערע מעדזשיבאָזשער לייצים? פאר דרײַ ווערסט דערשמעקן זיי דעם גערוך פון ספּירט. נו, מײלע, זעצט זיך צום טיש. נאָר זעט, דער־שטיקט ניט אונדזער גאסט, ער איז אָקאָרשט פון רעמאָנט.

מע האָט זיך הארציק געגריסט מיט עליען, באטראכט אים מיט שײַנענדיקע אויגן, ניט געקענט צוקלײַבן פאר אים די נייטיקע גוטע ווערטער.

— נו, קינדערלעך, לעכאַיִם! נאָך דעם אומגליק, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, שטערט ניט מאכן א גוטן לעכאַיִם! — האָט סענדער געזאָגט, — זעסט, סארא קויעך עס האָט דאָס ביסל ספּירט, מע דערפילט דעם רייעך פאר א מײַל און מע לויפט זיך צוניף, ווי בינען אף הערעטשקע.

— וואָס רעדסטו, סענדער! — האָט איבערגעשלאָגן א פארפאליעטע שיפרע, — מע האָט דערשמעקט ניט דײַן סאם, נאָר אז אזא טײַערער גאסט איז געקומען!

ריטע איז ניט געווען צופרידן, וואָס די אומגעריכטע געסט זײַנען געקומען, האָבן אופגע־הויבן א טומל, ארומגערינגלט עליען, זיך געזועצט לעבן אים, און זי אָפּגערוקט אין א זײַט. עליע האָט זיך אויך ניט געקאָנט אויסדרייען פון זיי. מע האָט אים פארשאָטן מיט פראגעס. ער האָט אלץ אומרויקער געוואָרפן בליקן אף זײַן זייגער, און סענדער האָט איבערגעכאפּט דעם בליק:

— עלעק, וואָס קוקסטו אזוי אפן זייגער? מיר וועלן דיך, מיינסטו, אזוי גיך אָפּלאָזן? דו ביסט בא אונדז אין פלען!

— די כעוורע מײַנע ווארטן דאָרטן אפן וואָקזאַל... איך זאָל כאָטש צום צוג ניט פארשפּע־טיקן.

— וואָס? וואָס פארא כעוורע, וואָס פאר א צוג?

— איך בין דאָך אפן וועג קיין מעדזשיבאָזש ארײַנגעקומען צו אײַך אף א פּאָר מינוט, — האָט ער געזאָגט.

אלע האָבן אופגעהויבן אפן באָכער פארוואונדערטע אויגן:

— אהין, קיין מעדזשיבאָזש, וועסטו נאָך אוספייען, — האָט א פארוויטלטער פונעם אויס־געטרונקענעם ספּירט, געזאָגט סענדער, — אהין איז ניטאָ וואָס צו אײַלן, מײַן טײַערער עליע. פון דער עוואקואציע הייבט ערשט אָן דער אוילעם זיך אומקערן. און יענע, וואָס זײַנען אין שטעטל פארבליבן, זײַנען שוין אף דער גוטער וועלט. שפּעטער מיט א שטיקל צײַט וועלן מיר אלע אהין אראָפּפאָרן אף קייווער־אָוועס, צו די גריבער, און אוועקשטעלן די פארשני־טענע א דענקמאָל.

ער האָט זיך באגעגנט מיט ריטעס פארנעפּלטן בליק, וואָס האָט באטײַט, אז זי וועט אים ניט מויכל זײַן, אויב ער וועט אזוי גיך אוועקפאָרן, און ער האָט זיך פארלוירן.

יאָ, עס וועט אים, דאכט זיך, זײַן שווער זיך צעשיידן מיט דער, וועגן וועלכער ער האָט געטראכט אלע יאָרן.

אין א האלבער שאָ ארום האָבן אים אלע באגלייט צום וואָקזאַל, נאָר ניט אף אוועקצו־פאָרן. ער האָט געדארפט זיך געזעגענען מיט די כאַווײרים, וואָס האָבן דאָרטן געוואַרט אף אים.

א פאַרפּאַליעטער, א צעשטרייטער איז ער אַרויסגעגאַנגען אפן פּראַן און זיך געלאָזט צו דעם רעדל מיליטערלײַט, וואָס איז געשטאַנען בא דער קאַליע און געוואַרט אף אים.

— כּאָוּער עלטערער לייטענאַנט, וואָס אַזוי לאַנג? — האָט זיך אָנגערופן א דיקער סטאַרשינא מיט א הוילן קאָפּ און צוויי לאַנגע שוואַרצע וואָנצעס, וווילינגעריש פאַרדרייטע אַף אַרוף, — איר האָט דאָך שיר ניט פאַרשפּעטיקט, מיר האָבן ניט געוווּסט, וואָס טאָן מיט אײַערע זאַכן.

עליע האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, א ווונק געגעבן אַף די מענטשן, וואָס האָבן אים באַגלייט:

— איך האָב באַגעגנט מײַנע זעמליאַקעס און וועל זיך מוזן דאָ אין שטאָט א ביסל פאַרהאַלטן.

דער סטאַרשינא האָט אָפּגעשטעלט דעם בליק אף דעם קיינעוודיקן שלאַנקן מיידל מיט די צעשויבערטע פּונעם ווינט לאַנגע האָר, באַמערקט, מיט וואָס פאַר א פאַרליבטע אויגן זי קוקט אף זייער כּאָוּער, און אונטערגעוווּנקען:

— פּאַניאַטנאָ! — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט א פילדײַטיקן זיפץ, — ווען איך, כּאָוּער עלטערער לייטענאַנט, באַגעגן דאָ אַזאַ זעמליאַטשקע, וואָלט איך אויך ווײַטער ניט געפאָרן. איך וואָלט זיך אויך געלאָזט נעמען אין פּלען...

דאָס מיידל האָט זיך פאַרויטלט, אָפּגעגאַנגען אין א זײַט. א הילכיקער געלעכטער האָט זיך אופגעהויבן, און עליע האָט גוטברודעריש־שעמעוודיק געקלאַפּט דעם סטאַרשינא איבער דער פּלייצע.

דער צוג איז צוגעקומען, און דער געדיכטער אוילעם פּאַסאַזשירן האָט באַלאַגערט די טירן פון די וואַגאָנעס.

ווען דער סטאַרשינא האָט זיך אופגעהויבן אפן הויכן טרעפּל, האָט ער, אָנהאַלטנדיק זיך פאַר די פּאַרענטשעס, א קוק געטאָן אַף עליען און אויסגעשריגן:

— כּאָוּער עלטערער לייטענאַנט! איר זאָלט ניט פאַרגעסן מיך אײַנלאַדן אף דער כּאַסענע! מײַן אַדרעס איז בא אײַך פאַרשריבן!

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען די וואַגאָנעס איבערפולט געוואָרן מיט אוילעם. דער צוג האָט גערירט פון אָרט. פונעם צעעפנטן פענצטער האָט דער פרייליכער סטאַרשינא מיט די לאַנגע וואָנצעס געפּרוּווט איבערשרײַען אַלעמען. זעט אויס, נאָך עפּעס גאָר וויכטיקס האָט ער געדאַרפט זאָגן, נאָר מע האָט זײַנע ווערטער ניט געהערט. מע האָט נאָר געזען, ווי ער האָט פון פענצטער געפאָכעט מיט דער פּילאָטקע.

עליע איז געשטאַנען באַם ראַנד פון דער פּלאַטפאָרמע און געקוקט, ווי דער צוג פאַרקערעוועט צו דער לאַנגער בריק און ווערט פאַרלוירן צווישן די עשעלאָנען, וואָס האָבן זיך דאָרטן, אין דער ווײַט, צונויפגעזאַמלט.

א כּוידעש איז דורכגעלאָפן, ווי א שיינער כּאָלעם.

עליע איז דאָ שוין געווען גאַנץ היימיש און זיך געפילט, ווי בא זיך אין דער היים.

מע האָט זיך גענומען ברענגען אין אָרדענונג די שטוב, שמירן און וואַשן. טאַקע, וויפל זשע קאָן מען לעבן דאָ, ווי אף א וואָקזאַל!

באַזונדערס האָבן געהאָוועט די צוויי געוועזענע סאָלדאַטן — סענדער און עליע. פאַרקאַטשעט די אַרבל, האָבן זיי זיך געשטעלט פאַריכטן די טירן און די פענצטער, ברענגען אין אָרדענונג דאָס גאַנעקל, צוקלאַפּן די צעפאַרענע טרעפּלעך, די שוועלן.

די מוטער מיט דער טאָכטער זײַנען אויך ניט געזעסן מיט קיין צונויפגעלייגטע הענט, געוואַשן די דילן, געשמירט די ווענט, געניית פאָרהענגלעך. מע האָט געאַרבעט געשמאַק, אַזוי ווי מע האָט שוין לאַנג ניט געאַרבעט בא זיך אין שטוב. פון דער זײַט האָט עס אויסגעזען, אַז מע גרייט זיך צו עפּעס א יאָמטעוו.

און טאַקע! אין יענע טעג האָבן ריטע מיטן גאַסט געמאָלדן, אַז זיי האָבן באַשטימט כּאַסענע האָבן. צי וועלן די עלטערן ניט האָבן קעגן?

שיפרע האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט: זײַנע עלטערן, די שוועסטער האָבן, צום גרויסן אומגליק, ניט דערלעבט צו דעם גליקלעכן טאָג.

סענדער האָט זיי באַגריסט און געזאָגט, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי וועט זײַן, ווי נאָר ער האָט די טאָכטער מיטן גאַסט דערזען אין דער ערשטער מינוט פון זייער באַגעגעניש.

עס איז די עלטערן בלויז געווען א ווייטעק: וואָס פאַר א כּאַסענע קאָן מען איצט פּראַוען, אַז מע איז אָקאָרשט אַרויסגעשפּרונגען קוים מיטן לעבן פון אַזאַ שרעקלעכער סרייפע!

אָבער ווי עס זאָל ניט זײַן, וועט מען יאָקאָס פּראָווען אַ כאַסענע, אַלע סאָנים אַפּצולאַכעס! מיט קלעזמער, מיט מאַשקע און טענץ!

און מע האָט צונױפֿגערופֿן אײנעם טאָג, ווען דאָס פּאָרפֿאָלק האָט זיך פֿאַרעגיסטרירט אין זאַגס, אַלע מעדזשיבאָזשער טױשװוים, אַלע שכיינים.

קײן גרױסאַרטיקע כאַסענע איז עס, צום באַדױערן פֿון די עלטערן, ניט געווען, נאָר אויס־טרינקען איז געווען וואָס. און דער אױלעם האָט זיך געפֿרייט. און אין דער זעלבער צײַט האָבן אײניקע אין אַ ווינקל, קעדיי ניט שטערן די סימכע, זיך באַגאָסן מיט טרערן. עס איז געווען פֿון וואָס זיך פֿרייען און פֿון וואָס צו װײנען. דאָס איז געווען די ערשטע כאַסענע בײַ די מעדזשיבאָזשער נאָך דער שרעקלעכער מילכאָמע — די צײַט, ווען מע האָט באַווײנט די קדױשים. פֿרייד מיט טיפֿן טרױער האָבן זיך צונױפֿגעמישט.

דאָס איז געווען אַ כאַסענע, ווי קימאַט אַלע מאַנצבלען זײַנען נאָך געווען אָנגעטאָן אין זײערע מילכאָמע־קלײדער, בלויז אָן פּאָגאָנעס. די אָפּגעבליאַקעװעטע גימנאַסטיאָרקעס האָבן נאָך געשמעקט מיט פּולווער, מיט סאָלדאַטישן שוױס, מיטן גערוך פֿון שפּיטאָל.

עס איז געווען שווער, ביטער אַפֿן האַרצן פֿון די שרעקלעכע פֿאַרלוסטן, נאָר מע האָט דאָך זיך באַמיט ניט פֿאַרשטערן די סימכע.

געגנומען די ערשטע גלעזלעך בראָנפֿן, פֿאַרביסן מיט וואָס ס'האָט זיך געמאַכט, איז מען געוואָרן אַ ביסל פֿרײלעכער און עמעצער האָט אַפֿילע פֿאַרצויגן די אַלטע באַליבטע ליד, וועלכע אַלע האָבן אונטערגעהאַלטן:

אוי, די כאַסענע ז'געווען אין דער קאַזאַרמע!
דער ראָטנער דיאַדקע איז אויך געווען דערבײַ.
אַ קלאַפּ אין פּלײצע האָט ער מיר געגעבן,
דו זאָלסט דינען דעם קײסער געטרײַ!

ווי דער אױלעם האָט זיך ניט געסטאַרעט, נאָר קײן פֿרײד האָט זיך עפּעס ניט באַקומען, קײן געזאַנג — אויך ניט.

אַלע מאָל האָט דער אױלעם זיך דערמאָנט, אַז אַ סאַך פֿון יענע, וועלכע האָבן געדאַרפֿט זײַן אַף דער סימכע, זײַנען אַף דער וועלט ניטאָ. צו פֿריש זײַנען נאָך בײַ אַלעמען געווען די ווונדן. יעדער אײנער האָט געהאַט זײַן פּעקל צאָרעס און ווער ווייסט, ווען דאָס וועט געלינ־דערט ווערן!

ווײַבער האָבן געקוקט אַף דעם כײַנעוודיקן, יונגן פּאָרפֿאָלק און זיך געטראַכט: „יאָ, גע־וויס, די כעוורע זײַנען ווערט אַ שענערע און פֿרײלעכערע כאַסענע, נאָר וואָס וועסטו מאַכן? זעט אויס, אַז נאָך זײער לאַנג וועט אַזוי זײַן אַף אַלע סימכעס, אַף אַלע מאָלצײַטן, קאָלזמאַן די ערד וועט ניט אָפּהערן זידן פֿון בלוט. קאָלזמאַן עס וועלן זיך ניט פֿאַרציִען די שרעקלעכע ווונדן, וועט אַזוי זײַן!"

צוגאַסט בײַ שימשן בעקער

כאָטש ער האָט פֿאַרמאָגט אַ פֿײַנע, גאַנץ כײַנעוודיקע פֿאַמיליע — לעדניק, שימשן לעדניק, נאָר אין מעדזשיבאָזש האָט מען אים גערופֿן ניט אַנדערש, ווי שימשן־האַגיבער, אָדער שימשן בעקער.

טאַקע ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מע זאָל אַמאָל אין שטעטל געווען איבערלאָזן, כאַלילע, אַ מענטשן אָן אַ לונג־און־לעבער, אָן אַ צונעמעניש?

אײניקע האָבן באַקומען אַמאָל פֿון די שאַרפֿע צינגער אַזעלכע צונעמענישן, מיט וועלכע מע האָט זיך געשעמט אַרויסגײן פֿון יענער זײַט שוועל. אים, שימשענען, האָט נאָך גאָט גע־היט — מע האָט אים גערופֿן שימשן בעקער.

פֿאַרוואָס, וועט איר, געוויס, וועלן וויסן — בעקער?

ניט, כאַלילע, דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען אַ ליגנער! זאָל גאָט היטן! ניין, קײן כאַלאָס אַף צו באַקן ליגנס האָט ער קײנמאָל ניט געהאַט, ניט ער, ניט זײַן טאַטע, ניט זײַן עלטער־זיידע. אַלע זײַנען זיי אין שטעטל געווען פּאָטאָמסטוועגע בעקער. מע האָט געהאַדעוועט מע־דזשיבאָזש מיט ברויט און קױלעטש און דערמיט איז די מישפּאָכע געווען באַרימט.

אָט דער שימשן בעקער איז אין מעדזשיבאָזש פֿון אַלע יאָרן געווען אַ מענטש מיט אַ שעם.

אַז אים האָט זיך דאָ גאָרנישט ניט אָנגעהויבן און גאָרנישט ניט אויסגעלאָזט. עס איז ניט געווען קיין פאַרזאַמלונג, קיין אַסיפּע אין שטעטל, דער מענטש זאָל ניט אַרויס מיט אַ ספּיטש, מיט לאָשן, הייסט עס.

עס איז דאָ ניט געווען קיין דינטווירע, מע זאָל ניט געווען קומען צו שימשן בעקער, יענער זאָל אויסהערן אַלץ מיט קאָפּ און ניט פּאַסקענען, ניט אויסגלײַכן די צדאָדים.

און צו זײַן וואָרט האָט דער אוילעם שטענדיק זיך צוגעהערט. דאָס איז געווען ניט קיין פּוסטער קאָפּ. ער האָט, זאָגט מען, פאַרמאָגט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. ווען דער מענטש זאָל זײַן באַקי אין די קליינע אויסיעלעך, אַ־אַ!

כוץ אַלע זיבעצן זאַכן, איז שימשן בעקער נאָך געווען אַ פרייליכער מענטש — הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט אים געלאָזט גריסן.

אויב זײַן ברויט מיט די קוילעטשן האָבן אײַך ניט געשמעקט, ניט געווען צום האַרצן, האָבן געהאָלפן זײַנע כאָכמעס און וויצן. ער איז שטענדיק געווען אָן אָנגעלייגטער גאַסט אויף אַלע מאָלצײַטן און סימכעס. קליין און גרויס, מאַנצבלען און פרויען האָבן פון אים געהאַלטן און פאַר אים געהאַט דרעכערעץ.

און טאַקע, וויאַזוי האָט עס געקאָנט זײַן אַנדערש, אַז אַלע, ווי ער אַליין האָט ליב געהאַט זאָגן, האָבן געמוזט אָנקומען צו אים און ניט אַזוי צו אים, ווי צו זײַן ברויט, צו זײַן אויוון!

שימשן בעקער פלעגט שטענדיק זאָגן:

— וואָס דאַרף מען לאַנג ברײַען, — אַ מעדזשיבאָזשער איז ניט מײַנער, קאַלזמאַן די מאַמע האָדעוועט אים מיט דער ברוסט. ווי נאָר זי אַנטווײַנט אים, אַזוי גייט עס גלײַך איבער אויף מײַנע קעסט!

און דער בעקער האָט געוווסט, וואָס יעדער איינער האָט ליב און וואָס יעדער איינער האָט פאַר אַן אַפּעטיט!

קליינע זניקלעך, לעמאָשל, האָלטן פונעם פּוקעע בולקעלע, פון די בייגעלעך מיט מאָן, דעריקער, ווען די ציינדלעך שנײַדן זיך באַ זיי. קינדער פון דער שול האָלטן באַזונדערס פון די זיסינקע קרענדעלקעס. אַלטע מענטשן האָלטן פונעם קוילעטש, און די באָלעגאָלעס און טרעגער, די שוסטערוקעס און שנײַדערוקעס האָלטן פונעם גוטן שטיקל קאָרנברויט.

און אָט אויף די זאַכן איז ער געווען אַ גוטער באַלמעלאָכע!

ווער האָט זיך אין די דאָזיקע זאַכן געקענט גלײַכן צו אים, צו שימשן בעקער!

געווען אַ צײַט, ווען ער האָט געהאַט זײַן שטיקל בעקערײַ — אַ נעדיזנע פונעם טאַטן און פונעם זיידן, — נאָר ווען עס איז געקומען די ראַטנמאַכט, האָט ער געהאַט פון זײַן בעקערײַ געהאַקטע ווונדן! די פינינספּעקטאָרס האָבן געמיינט, אַז ער שאַרט גאָלד מיט דער לאָפּעטע, און אַלע מאָל אויף אים אַרופגעוואָרפן אַ שפּאָגל נײַעם שטײַער. אַלע מאָל האָט מען אים גע־הייסן נעמען אַ נײַעם פּאַטענט...

עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט געמוזט וואַרפן די אַרבעט, אויסלעשן דעם אויוון און קומען אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אין פינאָטדעל און שאָענווײַז זיצן און דערווײַזן, אַז ער איז פונקט אַזאַ פּראָלעטאַריער, ווי אַלע. ער האָט דאָך ניט קיין פרײַע שאָ, קיין שאַבאָסים און קיין יאָמטויווים. ער איז אייביק אַ קנעכט באַ זײַן אויוון!

בעקיצער, די קריגערײַ מיטן פינינספּעקטאָר איז אים נימאָס־אומאָעס געוואָרן און ער האָט באַשלאָסן — אויס! מער איז ער ניט קיין באַלעבאָס פון קיין בעקערײַ. ער גיט אָפּ די בעקערײַ מיט האַקל־באַקל, מיטן אויוון, מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג — ער איז אַלץ מויכל, מער וויל ער ניט האָבן צו טאָן מיט די פּאַטענטן, מיט די פינינספּעקטאָרס און ער גייט אַריבער אַרבעטן אין דער קאָאָפּעראַציע! ער ווערט פונקט אַזאַ פּראָלעטאַריאַט, ווי אַלע!

נאָר דערפון האָט דאָס געבעקס אין מעדזשיבאָזש לאַכלוטן ניט געליטן. עס איז געוואָרן ניט ערגער, ניט בעסער, ניט פרישער, ניט אַלטגעבאַקענער.

שימשן בעקערס געשעפט, וואָס האָט שוין פון לאַנגע יאָרן געהערט דער קאָאָפּעראַציע, האָט זיך צוגעמאַכט אויפן צווייטן טאָג פון דער מילכאָמע, בעשאַס דער דרײַ מאָל פאַרשאָלטע־נער היטלער האָט זיך דערנעענטערט צו מעדזשיבאָזש.

דער באַיאָרטער פעסטגעבויטער בעקער מיט די טיפע קלוגע טונקעלע אויגן איז גע־שטאַנען אין זײַן טשיפּעק באַ דער שוועל פון בעקערײַ און טרויעריק צוגעקוקט, ווי די יונגע כעווריע געזעגענען זיך מיט די אייגענע און אײַלן אין ראַיאָן צום מיליטער־קאָמיסאַריאַט, מע זאָל זיי שיקן אויפן פראָנט.

אַ גרויסער ווייטאָק און אַ שרעקלעכער טרויער איז געשטאַנען אין זײַנע אויגן. ער האָט געטראַכט, אַז ווען ער איז יינגער מיט אַ מיטוואָך און דערצו נאָך ווען ער האָט ניט אָט דעם

הינקענדיקן פוס, וואָלט ער אויך אוועק מיט דער כּעוורע אונטערשטעלן אַ פּלייצע, מע זאָל גיכער דערשטיקן דעם פֿאַרשאָלטענעם היטלערן.

וואָס איז דאָ אַ סאַך צו בריִען, אַנשטאָט גיין אַפֿן פֿראָנט, האָט מען שימשון בעקער אָפּגעשיקט אין הינטערלאַנד, אוועק אין דער עוואַקואַציע, זיך דאָרט גאַנץ שיין אָנגעמאַטערט, לאַנג געלעגן, ווי ער זאָגט, אין דער אַדאָמע, און געבאַקט בייגל.

נאָר ווען מע האָט באַפֿרײַט מעדזשיבאָזש, האָט ער זיך אופּגעהויבן מיט האָקל־באָקל, און איין גאָט ווייסט דעם עמעס, ווי־אַזוי ער האָט זיך דערקליבן אַהיים און וואָס ער האָט דאָ געטראָפֿן.

פֿונעם באַלשעמס געסל, ווו ער האָט אַמאָל געוווינט, זײַנען איבערגעבליבן הורבעס ליים און שטיין. ניט ווײַט פֿון זײַן אַמאָליק הויז האָט זיך אָפּגעזוכט אַ צעבראָכן שטיבל, און, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, האָט ער זיך געשטעלט צונויפֿשטוקעווען אַ נײַע נעסט.

ער איז געוואָרן דער ערשטער אײַנוווינער, וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון דעם טיפֿן לאַנד אַהער.

די יאָרן און דאָס געזונט זײַנען שוין ניט געווען, ווי פֿריִער, ווען ער האָט לײַכט געקענט אונטערכאַפּן אונטער די פּאַכוועס צוויי זעקלעך מעל און אַרופֿלויפֿן מיט זיי אַפֿן בערגל, ווו די בעקערײַ איז געשטאַנען. ער האָט זיך דעמלט אַפֿילו ניט פֿאַרהיקעט. פֿאַרקערט, ער האָט זיך נאָך געקענט אָפּשטעלן אינמיטן וועג און זיך דורכשמועסן, זיך דורכוואָרפֿן מיט אַ פּאָר ווערטער מיט זײַנע שכיינים.

איצט איז אים שוין שווער געווען אַרײַנטראָגן פֿון דער קרעניצע אַפֿילו אַ פּאָר עמער וואַסער אין שטוב אַרײַן. דאָך האָט ער זיך אונטערגעגאַרטלט און געאַרבעט. ווער זשע דען וועט פֿאַר אים אַרבעטן, יענע, וואָס ליגן אין די גריבער באַ דער אַמאַליקער ציגעלניע?

אַזוי צוביסלעך האָט ער מיט זײַן אַלטיטשקער ווי־ניט־איז צונויפֿגעשלאָגן זײַן שטיבל און דערבײַ נאָך צונויפֿגעלייגט אַ פּײַנעם אויוון. ביז עפּעס־וואָס גענומען באַקן ברויט פֿאַר די מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן ביסלעכווײַז אומקערן פֿון דער עוואַקואַציע, פֿון די פֿראָנטן.

אָפּטלעך האָט שימשון בעקער, אָנשפּאַרנדיק זיך אָף זײַן גרויסן שטעקן, מיטן שוואַרצן קאַרטוז אַפֿן קאָפּ, זיך אַוועקגעלאָזט צו דער באַן כאַפּן אַ קוק, ווער עס קערט זיך אום אַהער פֿון דער גרויסער וועלט. באַ אים האָט מען געקאָנט ניט נאָר קריגן אַ לעבל ברויט, נאָר אויך אַ מאַקעם־מענוכע אָף דער ערשטער צײַט, ביז מע וועט זיך אָפּזוכן אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ.

ער האָט באַגעגנט ניט קיין סאַך מענטשן — עטלעכע געצייילטע עוואַקויִרטע און עטלעכע פֿראָנטאָוויקעס.

דער גרויגעוואָרענער בעקער איז באַ זיך געפֿאַלן — אַזוי ווייניק מענטשן האָבן זיך אַהער אומגעקערט! עס איז אים געווען דערפֿון שווער אָפֿן האַרצן. סאַראַ פֿריילעך, לעבעדיק שטעטל איז ביז דער מילכאָמע געווען מעדזשיבאָזש! סאַראַ מיידלעך, יונגעלײַט — שיינהײַטן! סאַראַ פֿריילעכע גוטע באַלמעלאָכעס, וויצלער, גאָלדענע נעשאָמעס. און איצט?

דאָס האַרץ איז שיִער ניט צעריסן געוואָרן פֿון ווייטעק! וווּהין דו זאָלסט ניט קיין בליק טאָן — ווילדגראָזן, בוריאַנעס די הייך פֿון אַ מענטשן, כאָטש פֿאַרטרײַב אַהין וועלף! ווער וועט אופּהייבן דאָס שטעטל פֿונעם אַש? ווו נעמט מען אַרבעטס־הענט?

מעדזשיבאָזש, מעדזשיבאָזש, וואָס איז פֿון דיר געוואָרן! הערשעלע אָסטראָפּאָליערס און דעם באַלשעמס קרוינשטאָט!

נאָר שימשון בעקער האָט ניט אופּגעהערט קומען צום באַן, עפּשער וועט ער נאָך עמעצן באַגעגענען. ער האָט געוווּסט, אַז אַלע, וואָס האָבן ניט באַוויזן אַרויספֿאָרן, ווען די טאַליאַנים האָבן זיך אַהער דערנעענטערט, ליגן אין די גריבער, באַ דער ציגעלניע. נאָר יענע, וואָס האָבן זיך עוואַקויִרט, און יענע, וואָס זײַנען געווען אָף דער מילכאָמע און געבליבן לעבן, וועלן זיך געוויס אַהער אומקערן. ווי קאָן דאָס זײַן אַנדערש?

ער וועט זיי באַגעגענען בעקאָוועד גאָדל, שימשון בעקער, ער וועט זיי אָפּגעבן זײַן געלעגער אָף דער ערשטער צײַט, זיי אָנהאָדעווען מיט ברויט און בולקע. ער קאָן דאָך ניט לעבן דאָ אײנער אַליין, ער וועט אומקומען פֿון אומעט!

און אין איינעם פֿון די טעג, ווען ער איז געשטאַנען אָף דער סטאַנציע, אָנגעשפּאַרט אָף זײַן שטעקן, האָט ער זיך דערוואָרט!

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, און פֿון איינעם אַן איבערגעפּולטן וואַגאָן איז אַרויסגעשפּרונגען אָף דער פּלאַטפֿאָרמע אַ שטאַלטנער יונגערמאַן מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר, ליכטיקע בלויע אויגן, אַ יונג מיט אַ לענגלעך פּאָנעם, אין אַ מיליטערישן אָנצוג, אָן פּאָגאָנעס.

שימשן בעקער האָט זיך לאַנג אײַנגעקוקט אין דעם געקומענעם דורך די געפּלאַצטע גלעזלעך פון זײַנע ברילן. דאָס פאַרוואַקסענע שטאַרק געקנייטשטע פּנים האָט זיך געקרימט פון די שטאַרקע זון־שטראַלן. ער איז צוגעגאַן נעענטער צום מענטשן און מיט פאַרטײַעטן אָטעם געזאָגט:

— שאָלעם אַלייכעם... איך מעג שווערן, אַז איך זע פאַר זיך אַ קענטלעך פּנים. זײַנט איר, יונגערמאַן, ניט קיין היגער, אַ מעדזשיבאָזשער?

— וואָס זשע, רעב שימשן, איר דערקענט מיך ניט?

— וואַרט, וואַרט! — האָט ער אים גענומען פאַרן אַרבל, — דאַכט זיך, אַז איך קען אײַך, יונגערמאַן. זײַט איר ניט ייִצכאָק פרענקיסעס טאַכשיט? הערשעלע אָסטראָפּאָליערס אייניקל? עליע?!..

— געוויס! און איך האָב אײַך, רעב כאָווער שימשן, גלײַך דערקענט! — האָט זיך צעשײַנט דער גאַסט און אַרומגענומען דעם אַלטן בעקער.

דער בעקער איז אָפּגעטראָטן אַ פּאָר שפּאַן און ווידער גענומען באַטראַכטן פון קאָפּ ביז די פיס דעם גאַסט. און מיט אַ ציטערנדיקער שטים אויסגעצויגן:

— מאַמזער! לעבט מען, הייסט עס! דאַנקען גאָט! — האָט, ווישנדיק מיט דער שווערער פאַרברוינטער האַנט די טרערן, פאַרגעזעצט שימשן, — דו קומסט, מינאַסטאַם, ווי איך זע, פון דער מילכאָמע? אַ געזונט אין דײַנע ביינער, וואָס דו האָסט זיך אַהער אומגעקערט, וואָס דו האָסט כאָטש געקענט אַ ביסל אָפּצאָלן די קוילער.

עליע פרענקיס האָט געהערט צעשטרייט. דאָס, וואָס ער האָט פאַר זיך געזען די לײַב־לעכע היים, האָט איבערגעפולט דאָס האַרץ מיט פרייד און טרויער. ער האָט געוואַרט, עפּשער וועט דער בעקער אים עפּעס דערציילן וועגן דער מאַמען און די שוועסטער, נאָר יענער האָט גערעדט וועגן וואָס איר ווילט, נאָר ניט וועגן זיי, ניט וועגן דעם, וואָס האָט עליען אַזוי גע־מאַטערט.

— אוי, עליע, האָבן מיר איבערגעלעבט אַ צײַטעלע, אַ שרעק! ניט צו דערציילן! ווער האָט דען געקאָנט גלייבן, אַז אַזאַ אומגליק, אַזאַ צאָרע וועט קומען אַף אונדז? זע, וואָס ס׳איז געוואָרן פון אונדזער מעדזשיבאָזש, און קיינער ווייסט ניט פאַר וועלכע זינד.

באַ דער זײַט, אױף קלײנעם בײַוואָקזאַל־פּלאַץ, האָט שױן אַן אױלעם אַרױסגעקוקט אױף דעם טראַפּײנעם אָפּגעבליאַקעװעטן און סקריפּענדיקן אױטאָבוס, װאָס קורסירט, װען עס גלוסט זיך אים, און דער בעקער האָט געזאָגט צום גאַסט, אַז ס׳איז גלײַכער גײן צופֿוס, װעט מען גיכער קומען.

אײַלן זיך איז ניט געװען װוּהין, האָט מען זיך פּאַװאָליע געלאָזט שפּאַנען.

שימשן בעקער האָט ניט געקאָנט דערצײלן קײן טרױעריקע זאַכן. און ער האָט ניט גע־װאָלט, אַז עליע זאָל זיך פֿון אים דערװיסן װעגן דעם שרעקלעכן גורל פֿון מעדזשיבאָזש. ער האָט באַשטימט אָפּפֿירן דעם גאַסט צו זיך אַהײם, יענער זאָל זיך אַ ביסל אָפּרוען פֿונעם װעג, און, מירצעשעם, מאָרגן, אַז מע װעט לעבן, װעט ער אים אָװעקפֿירן קײן סטאַװוניצע, דאָס נאָענטסטע דערפֿל פֿון יענער זײַט בוזשאָק, טאַקע ניט װײַט פֿונעם שלאָס, דאָרטן װױנט איװאַן זאַרענקאָ און זײַן פֿרוי דוניע, װעלכע האָבן אַ צײַט אױסבאַהאַלטן עליעס מאַמע און די שװעסטער. יענע װעט אים אַלץ דערצײלן.

שימשן בעקער האָט מיט גרױס קאָװעד געבראַכט צו זיך דעם געהױבענעם גאַסט. געגעבן אים אַ װינקל און געבעטן זיך צושפּאַרן, זיך אָפּרוען, נעמען אין מױל אַרײַן אַ פֿרישע בולקע, נאָר עליע האָט שײן אָפּגעדאַנקט. ער װעט זיך פֿריִער דורכגײן צו איװאַן זאַרענקאָן און שפּע־טער זיך אַהער אומקערן.

ער האָט זיך גלײַך אַראָפּגעלאָזט צו דער בריק. געגאַנגען שנעל, װי אים װאָלט אונטער־געטריבן עפּעס אַן אומבאַװוּסטער קױעך.

װאָס? שימשן בעקער װעט אים באַגלײטן, װײַזן דעם װעג צו זאַרענקאָן? צוליב װאָס? עליע פֿרענקיס װאָלט צו דעם פּאַסטעטשניקס כאַטע געטראָפֿן מיט פֿאַרמאַכטע אױגן. װיפֿל מאָל אַ טאָג פֿלעגט ער, װען ער איז געװען אַ ייִנגל, לױפֿן צו זאַרענקאָס ייִנגלעך זיך שפּילן! ניט נאָר די קינדער זײַנען געװען באַפֿרײַנדעט, נאָר אױך די עלטערן, און אָפּטלעך, אונטער אַ נױט, געהאָלפֿן אײנער דעם אַנדערן.

צום ברעג בוזשאָק איז עליע ניט געגאַנגען — געלאָפֿן. און אָט האָבן אָפּגעהילכט אױף דעם בריקל זײַנע טריט, און ער האָט פֿאַרקערעװעט צום עק װאַלד. אַהין, צום טופּיקל, װוּ עס איז געשטאַנען אונטער אַ שװאַרצער סטריכע די באַקאַנטע כאַטע.

מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ איז עליע צוגעגאַנגען צום נידעריקן געפּלאָכטענעם פֿון לאָזע פּלױטל. דער הױף איז געװען פּוסט — קײן סימן פֿון קײן כודאָבע, אױפֿעס. די ברײטע טיר פֿון דער כאַטע איז געװען צוגעשלאָסן. עליע האָט אָנגעקלאַפּט, נאָר קײנער האָט ניט געענט־פֿערט. ערשט שפּעטער, װען די זון האָט אָנגעהױבן פֿאַרגײן, ליגנדיק אױסגעצױגן אױף גראָז און אַרױסקוקנדיק מיט אומגעדולד אױף די באַלעבאַטים, האָט ער דערהערט גיכע טריט, אַ שװערן הוסט, װאָס האָט זיך דערנענטערט אַהער, און ער האָט זיך אױפֿגעהױבן פֿונעם אָרט. איװאַן זאַרענקאָ און דוניע האָבן זיך אומגעקערט פֿונעם פֿעלד, פֿון דער אַרבעט.

מע האָט זיך אײַנגעקוקט, זשמורענדיק די אױגן, אין דעם מיליטערמאַן. דערנאָך אָנגע־הױבן לױפֿן, מײנענדיק, אַז עמעצער פֿון די זין האָט זיך אומגעקערט פֿון דער מילכאָמע. נאָר דערנענטערנדיק זיך צו דעם פּלױט, געבליבן שטײן אַנטױשטע. נײן, עפּעס אַ ניטבאַקאַנטער מענטש.

אַרײַנגעקומען אין הױף, האָט דוניע די ערשטע דערקענט עליען און מיט אַ ביטערן גע־װײן זיך געװאָרפֿן צו אים.

— אַליק! אַליק, ייִיצכאָקס זון. דאַנקען גאָט, װאָס איך זע דיך אַ לעבעדיקן! איװאַן, װאָס שטײסטו, װי אַ באָק? װאָס זשע, האָסט אים ניט דערקענט? דאָס איז דאָך אַליק פֿרענקיס... װאָס זשע, געדענקסט דען ניט, װי דו פֿלעגסט אים טרײַבן פֿון אונדזערע עפּלבײמער? אַזאַ גאַסט!

דער געפּאַקטער, שטאַרק פֿאַרברױנטער פּױער מיטן אָפּגעבליאַקעװעטן רעקל אױף די אַקסל האָט נאָך אַ לאַנגע רעגע זיך אײַנגעקוקט, אַ שמײכל געטאָן און זיך געלאָזט צום גאַסט מיט אַן אױסגעשטרעקטער האַנט:

— זאָל איך אַזױ לעבן, אַליק, װי איך האָב דיך ניט דערקענט! װעסט רײַך װערן.

ער האָט אים אַרומגענומען, און מע האָט זיך צעקושט.

דער אַלטער איז געװאָרן זשװאַװער און אײנצײַטיק אױך אומרױִקער, זיך באַמיט צו־קלײַבן פֿאַר דעם גאַסט די נײטיקע װערטער:

— קום אַרײַן אין כאַטע, װאָס שטײען מיר דאָ אינמיטן הױף? דו װאַרטסט שױן לאַנג, אַליק? און מיר זײַנען געװען אױפֿן הײ־שניט. קום אַרײַן! דערצײל זשע, טײַערער. פֿון דער מילכאָמע, זע איך, קומסטו? און אונדזערע כעװרע זײַנען דאָרט... און װער װײסט, צי װעלן זײ קומען...

דוניע האָט געווישט די פײַכטע אויגן. דערהערט די רייד וועגן אירע זין, האָט זי אַראָפּגענומען פון דער וואנט א גרויס געגלעזט רעמל און עס דערלאנגט דעם גאסט.

עליע האָט זיך אײַנגעקוקט אין די דרײַ סאָלדאטן מיט די געשוירענע קעפּ און אָנגעשטרענגטע בליקן. יאָ, געוויס געדענקט ער יעדן איינעם! וויפל האָט מען געפירט מילכאָמע, זיך געשפּילט אָף די ווענט פונעם שלאָס?

— זיי שרײַבן? ווּ זײַנען זיי? — האָט אומגעדולדיק געפרעגט עליע.

דוניע האָט זיך נאָך שטארקער צעוויינט, און איוואן זארענקאָ, צוזעצנדיק זיך שווער אָף דער ברייטער דעמבענער באנק, וואָס לענגויס דער וואנט, האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— אָף צוויי זײַנען געקומען פּאָכאָראָנקעס... און וואסיע, דער מיטעלער, פארפאלן „בעז וועסטי”...

דער אלטער האָט א זיפץ געטאָן, פארדרייט און פאררייכערט א גראָבן מאכאָרקע־ציגאר און א ווונק געגעבן צו דער אלטער:

— וואָס שטייסטו? דערלאנג עפּעס צום טיש. דער גאסט קער זײַן הונגעריק, און איך וואָלט שוין אויך עפּעס איבערגעכאפּט, און א גלעזל וועלן מיר מיט עליען באלד אויך אויסטרינקען — זא פּאָמין דושי...

— באלד, באלד! אזא טײַערער גאסט. ווען איך ווייס, וואָלט איך מיטן וועג צוגעכאפּט א פלעשל קאזיאָנקע, — האָט דער באלעבאָס זיך אופגעהויבן פון אָרט און ארויסגענומען פונעם שאפקעלע א בוטל. — נישקאָשע, א גלעזל „מאריִע דעמטשענקאָ” איז אויך ניט שלעכט.

ער האָט זיך ווידער צוגעזעצט, גענומען שנײַדן שטיקער ברויט און סאלע, וואָס דוניע האָט געשטעלט.

— דאנקען גאָט, וואָס דו האָסט זיך אומגעקערט. אזויפיל מענטשן זײַנען ניט געקומען פון דער מילכאָמע! און מיר, וואָס האָבן מיר דאָ ניט איבערגעלעבט! צוויי מאָל האָט מען מיך ארויסגעשלעפּט פון דער כאטע צום וואלד שיסן, געפּאליעט פון אווטאָמאטן איבערן קאָפּ: „זאָג, אלטער שוויַן, האָבן זיי געשריגן, די קאטן, ווּ זײַנען דײַנע דרײַ זין־באנדיטן? בא די פּארטיזאנער, צי אין ארמיי? אויב דו וועסט ניט זאָגן, וועסטו פּייגערן!” און וויפל מאָל האָט

מען מיך געשלעפּט אין קעלער אין פּאָליציע, געשלאָגן, געמיימעסט ביז טויט! די לונגען האָבן זיי מיר אָפּגעשלאָגן.

איוואַן זארענקאָ האָט זיך שטאַרק פאַרהוסט און לאַנג ניט געקענט קומען צו־זיך. ער האָט זיך עטוואָס בארויִקט, פאַריכט מיט דער האַנט די לאַנגע וואָנצעס און אָנגעגאָסן פונעם בוטל פולע גלעזער עפּעס אַ שטאַרקן און ביטערן געטראַנק, וואָס האָט געשמעקט מיט בורעקעס.

דער אַלטער איז געזעסן מיט דער גלאָז אין דער ציטערנדיקער האַנט, געקוקט אין דער ווײַט, פאַרטראַכט, פאַרטאָן אין זײַנע שווערע געדאַנקען, דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— נו, אַליק, לאָמיר אויסטרינקען פאַר אונדזער באַגעגעניש, פאַר מײַנע זין, פאַר דײַן מוטער און די שוועסטער, פאַר אַלע גוטע מענטשן, וואָס איז ניט באַשערט געווען דערלעבן ביז היטלערס וויסטן סאָף.

ער האָט אויסגעטרונקען, אָפּגעווישט מיט דער האַנט די ליפּן, אָפּגעקניפּט אַ שטיק ווייך ברויט, און קײַענדיק, איבערגעפירט דעם בליק אַף דעם פאַרומערטן גאַסט.

דער אַלטער האָט גוט געפילט, אַז עליע וואַרט, מע זאָל אים דערציילן, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען מיט דער מוטער, מיט די שוועסטער, מיט זײַנע אייגענע און נאָענטע. און זארענקאָ האָט זיך לאַנג געמאַטערט, ניט געקאָנט אָנהייבן זײַן דערציילונג, טרערן האָב אים געשטיקט. אָבער איצט, נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעטרונקען און זיך עטוואָס בארויִקט, מיט אַ געפאַלענער שטים אָנגעהויבן:

— גאָט ווייסט דעם עמעס, איך און מײַן אַלטיטשקע האָבן דאָס לעבן אײַנגעשטעלט אַף צו ראַטעווען דײַן מוטער און די שוועסטערלעך, נאָר וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן, אַז מיר זײַנען אַליין געווען אין געגנעם, פאַרמישפּעטע צום טויט. אונדז האָבן אַרומגערינגלט היצליעס, בייזע שלענג און ניט געלאָזט אָטעמען. יאָ, אָט דאָ, ווען די קאַטן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין שטעטל, האָבן זיי געמאַכט אַ שרעקלעכן פּאָגראָם, געהאַרגעט, געמיימעסט, געראַבעוועט און געצונדן. מע האָט קיינעם ניט געשאַנעוועט, ניט קיין קליינע, ניט קיין גרויסע. יאָ, אָט ווען זיי האָבן באַפוילן אַלע ייִדן פון מעדזשיבאָזש זיך צונויפנעמען אַפן פּלאַץ און אָנגעהויבן זיי טרײַבן צו די גריבער, אַהין, פון יענער זײַט שטאָט, האָט דאָס האַרץ מיר אונטערגעזאָגט, אַז מע טרײַבט אַלעמען צום טויט. נאָר מענטשן האָבן ניט געקאָנט גלייבן, אַז די פאַשיסטן זײַנען ערגער פון כײַעס, אַז זיי וועלן צעשיסן אומשולדיקע ווײַבער, זקיינים, קינדער, אומבאַוואָפנטע אומגליקלעכע מענטשן. פאַרוואָס? פאַר וועלכע זינד? איך בין מיט מײַן דוניען אַוועקגעלאָפן צו אײַך אַהיים. „מאַלקע, — האָב איך געזאָגט דײַן מאַמען, — מאַלקע, סע איז ביטער, גלייב ניט די היינט, אַז זיי פירן אײַך צו דער סטאַנציע, קעדיי אָפּשיקן אין אַן אַנדער שטאָט, ווו אײַערע וועלן מעגן וווינען. מע טרײַבט אײַך אין בויניע אַרײַן, מאַלקע! פאָלג מיך! נעם די טעכטערלעך דײַנע און קום צו אונדז. איך וועל אײַך באַהאַלטן אין אַ זיכער אָרט. וואָס עס וועט זײַן מיט אונדז, דאָס וועט זײַן מיט אײַך. גיכער, מאַלקע, קיין איבעריקע מינוט טאָר מען ניט פאַטערן!" און זי, דײַן מאַמע, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, האָט געזאָגט, אַז זי וועט ניט גיין. „וווהין אַלע, — האָט זי געזאָגט, — אַהין מיר..." מײַן דוניע איז געפאַלן צו אירע פיס, געבעטן, געוויינט. און מיר האָבן די מאַמע מיט דײַנע שוועסטערלעך מיט גוואַלד אַרויסגעשלעפּט פון דער שטוב און אַוועקגעפירט, קיינער זאָל ניט זען, מיט די זײַטיקע טעדער און גערטנער צו אונדז. איך האָב פאַר זיי אין קעלער בײַ מיר געמאַכט אַ גוטע באַהעלטעניש און זיי געטראָגן עסן און טרינקען. מיר האָבן שפּעטער דאָ געהערט דאָס שיסערײַ, די גוואַלדן פון די אומגליקלעכע מענטשן, וואָס די קאַטן האָבן פאַרטריבן צו די גריבער. דאָרטן האָט מען זיי צעשאָסן פון קוילנוואַרפער, לעבעדיקע פאַרשאָטן. אַ שוידער! יאָ... מיר האָבן אָפּגעראַטעוועט דײַן מאַמע מיט די שוועסטער. אַנדערע פויערים האָבן אויך אָפּגעראַטעוועט, אַרויסגעשלעפּט פונעם פײַער נאָך עטלעכע מענטשן, זיי באַהאַלטן. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן אָבלאַוועס... מע איז אויך צו מיר געקומען, געשלאָגן מיך און מײַן דוניען, נאָר מיר האָבן געשוויגן. און די קאַטן זײַנען אַוועק, זיך אָפּגעטשעפּעט פון אונדז. אין זייער באַהעלטעניש זײַנען געזעסן די געראַטעוועטע — דײַן מאַמע מיט די שוועסטערלעך. באַנאַכט האָבן מיר זיי איבערגעפירט אַהער, אין שטוב, זיי זאָלן זיך אויסשלאָפן. גאָט ווייסט דעם עמעס, איך בין ניט געשלאָפן, געהיט, זיך אײַנגעהערט, צי גייט קיינער ניט אַהער. פאַרטאָג האָבן מיר זיי ווידער אָפּגעפירט אין זייער באַהעלטעניש. אַזוי, טײַערער עליע, עטלעכע כאָדאָשים. גאָט ווייסט דעם עמעס. יאָ, אין אַ שטיק צײַט אַרום האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די וויסטע אָבלאַוועס. בײַ וועמען מע האָט געפונען באַהאַלטענע ייִדן, האָבן די קוילער דערשאָסן אַפן אָרט די באַלעבאַטים צוזאַמען מיט די באַהאַלטענע, אונטערגעצונדן די כאַטעס, די קלוניעס, — אַלץ געלאָזט מיטן פײַער. און דײַנע זײַנען געזעסן בײַ אונדז אין קעלער. איך האָב געוווּסט, אַז אויב מע וועט

זיי באמערקן בא מיר, וועט מען אונדז אלעמען הארגענען. און מיר האָבן דײַניקע אין איינער א נאכט ארויסגעפירט אין וואלד און זיי דאָרטן באוואָרנט מיט א גוטער באהעלטעניש, קיינער זאָל ניט קענען אָנפאלן אף זייער שפור. איך מיט מײַן דוניען האָבן געטראָגן אהין עסן און טרינקען, אָנטאָן און אלץ, וואָס זיי האָבן געדארפט. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע פרעסט און ארום איז געוואָרן עטוואָס שטילער, האָב איך זיי ווידער אריבערגעפירט צו זיך. באטאָג אין קעלער און באנאכט אָט דאָרט, אפן ווארעמען אויוון. און אזוי האָבן מיר זיך אלע געמוטשעט, געוועזן אין אייביקן פאכעד און שרעק. אלע טאָג געזען דעם מאלכאמאָוועס פאר די אויגן. מיר האָבן זיך געטיילט מיטן לעצטן שטיקל ברויט, גאָט ווייסט דעם עמעס. יאָ, די פאָליציײַען האָבן מיך ניט געלאָזט עטעמען. אָפט געקראָכן אהער, געפאָדערט, איך זאָל זיי זאָגן, ווו זײַנען מײַנע זין, געטשאטעוועט נאָך מײַן כאטע, געמיינט, אז די זין זײַנען אין דער פארטיזאנקע און וועלן אהער אראָפקומען... מע האָט אלץ צוגענומען פון שטוב, געלאָזט אונדז אין איין העמד, געשלאָגן, געמיימעסט, פארשפארט אין קעלער. אזוי, עליע טײַערער, האָבן מיר געלעבט. עס איז געווען אזא לעבן, אז איך האָב אף זיך טאָג ווי נאכט געבעטן דעם טויט.

דער אלטער איז געבליבן אף א פאָר מינוט שטיל, זיך שטארק פארהוסט, דאָס פולע, פארברוינטע און פארוואקסענע פּאָנעם איז געוואָרן ווי אָנגעשוואָלן, עס האָט זיך געדוכט, אז באלד וועט ער אויסהוסטן זײַנע לונגען. ער האָט זיך שווער אופגעהויבן פון דער באנק, צוגעגאנגען צו דער גרויסער דייזשע, גענומען א קוואָרט וואסער, אויסגעטרונקען, אויסגעווישט מיטן ארבל די ליפּן, די וואָנצעס, און אומגעקערט זיך אף זײַן אָרט, שטילערהייט פאָרגעזעצט:

— יאָ, העכער צוויי יאָר האָבן מיר זיי אויסבאהאלטן בא זיך און אין וואלד. אלע מאָל געביטן די באהעלטעניש, מע זאָל ניט אָנפאלן אף זייער שפור. מיר האָבן שוין געגלייבט, אז זיי וועלן דערלעבן דעם טאָג, ווען אונדזער ארמיי וועט זיך אהער אומקערן. און עס איז שוין געווען נאָענט. עס האָט שוין ניט ווײַט געטראכקעט די רוסישע ארטילעריע. אעראָפּלאנען מיט רויטע שטערנס אף די פליגלען זײַנען געפלויגן איבער אונדז. די פאשיסטישע קאטן זײַנען אָפּגעטראָטן, געלאָפן. און אונדזערע פארטיזאנער האָבן אונטערגעריסן די בריקן, די אײַזנבאן־ליניע. נאָר דאָ איז דורכגעגאן א באטאליאָן עסעסן, שרעקלעכע קוילערס. מע האָט געשאָסן מענטשן אף די וועגן, געהאנגען, געשלאָגן. יאָ, אָסיען איז דאָס געווען. דארף טרעפן אין וואלד אן אומגליק. דײַן קלענערע שוועסטער איז קראנק געוואָרן אף טיפוס. נו, וואָס וועסטו מאכן אין ערדשטיבל, אין טיפן וואלד? א מאמע בלײַבט א מאמע. אז איר קינד איז אין געפאר, מיט וואָס רעכנט זיך א מאמע? זי פארגעסט דעמלט אין אלע געפארן, וואָס הענגען איבער איר, און גייט ראטעווען דאָס קינד פונעם אומגליק. אין איינער א נאכט האָט זי אײַנגעוויקלט די קראנקע מיט שמאטעס, מיט וואָס עס האָט זיך געמאכט, און זיך פארשלעפּט אין שטעטל. דאָ האָט זי פארהאלטן א פאטרול. נו, און פון זייערע הענט האָט קיינער זיך ניט געקענט ארויסרײַסן. מע האָט זיי אפן צווייטן טאָג אוועקגעטריבן צו די גריבער, אהין, ווו מע האָט אומגעבראכט אלע מעדזשיבאָזשער. יאָ, דרײַ וואָכן אָדער א כוידעש פאר דעם, ווי אונדזערע זײַנען אהער געקומען, האָט מען זיי צעשאָסן... ווען ניט דער אומגליק, ווען זי ווערט ניט קראנק, וואָלטן מיר איצט מיט זיי געזעסן בא אָט דעם טיש. ניט באשערט, עליע... אזוי־פיל צײַט זיך אָפּגעמוטשעט, און ווען די זון האָט שוין געשײַנט, איז זי פלוצעם פארלאָשן געוואָרן פאר זיי.

באגעגנט זיך מיט עליעס פײַכטן בליק, האָט זארענקאָ צעפירט מיט די הענט:

— שטארק זיך, זינו, וואָס קאָנסטו מאכן? מיט גאָרניט וועסטו זיי שוין ניט העלפן, ניט לעבעדיק מאכן, פונקט ווי איך מיט מײַן דוניען קאָנען ניט לעבעדיק מאכן אונדזערע דרײַ זין. זאָלן זיי דאָרטן רויִק ליגן, זאָל די ערד זיי ווייך זײַן.

אויסגעטרונקען דאָס רעשט, וואָס פון דער גלאָז, האָט זארענקאָ צוגעגעבן:

— יאָ, גאָט ווייסט דעם עמעס, דאָס איז שרעקלעך, ווען די עלטערן לעבן איבער זייערע קינדער. און מיר מיט דוניען איז נאָך שווערער. מיר וויסן אפילע ניט, ווו עס זײַנען די קוואָרים פון אונדזערע זין. דײַנע זײַנען דאָרטן, — האָט דער אלטער א ווײַז געטאָן אין דער ריכטונג, ווו עס געפינען זיך די גריבער.

עליע איז געזעסן מיט אן אראָפּגעלאָזטן שווערן קאָפּ און געפילט, ווי דאָס בלוט זײַנס זידט פון צאָרן און ווייטעק. דאָס, וואָס זארענקאָ האָט דערציילט, האָט אים דערשיטערט. ער האָט די גאנצע צײַט ניט געקענט ארויסברענגען קיין וואָרט.

עליע האָט פון מאָל צו מאָל אופגעהויבן דעם פארומערטן בליק אף דער סטעליע, ארויס־געקוקט דורכן פענצטער אף דער סטעזשקע אין הויף, וואָס האָט זיך געשלענגלט אהין צום קעלער און געפירט אין וואלד ארײַן, און מיט ווייטעק געטראכט, אז דאָ האָט געשפּאנט די מאמע, די שוועסטער, אוועקגייענדיק אין זייערע באהעלטענישן.

ער האָט לאַנג געשוויגן, ראַנגלענדיק זיך מיט די טרערן, וואָס האָבן אים געשטיקט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט, צוגעגאַנגען צום אַלטן, אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און געזאָגט:

— אַ גרויסן דאַנק אײַך, איוואַן פּעטראָוויטש, פֿאַר אײַער גוט האַרץ. און אײַך, מומע דוניע, אַ גרויסן דאַנק. איך פֿאַרנייג זיך נידעריק פֿאַר אײַך, פֿאַר דעם, וואָס איר האָט געטאָן פֿאַר דער מאַמען, פֿאַר די שוועסטער. איך ווייס אַפֿילו ניט, וויאַזוי זאָל איך אײַך אָפּדאַנקען פֿאַר אײַער גוטסקײַט.

דער אַלטער האָט אָנגעקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— וואָס רעדסטו, זינו! פֿאַרוואָס דאַנקסטו אונדז? מיר האָבן געטאָן בלויז דאָס, וואָס מענטשן האָבן געדאַרפֿט טאָן אין אַזאַ אומגליק, אויב מע איז מענטשן! און ווען מיט אונדז טרעפֿט אַזאַ אומגליק, וואָלטן דײַנע דען ניט געטאָן פֿאַר אונדז דאָס זעלבע? מע איז דאָך ניט קיין כײַעס!

— איך פֿאַרשטיי...

— נו, אויב דו פֿאַרשטייסט, זאָלסטו מער אַזוינס ניט ריידן. עס איז נאָר אַ ווייטעק, וואָס זיי האָבן ניט דערלעבט ביז דער באַפֿרײַונג. אַזוי זיך אָנגעמאַטערט און צום סאָף... — האָט מיט טיפֿן ווייטעק פֿאַרענדיקט דער אַלטער, אויפֿגעשטאַנען פֿונעם טיש, אָנגעטאָן זײַן רעקל, אַ וווּנק געטאָן צו דער אַלטער, זי זאָל זיך אויך אָנטאָן.

— וווּהין? — האָט זי דערשראָקן זיך אָנגערופֿן.

— וואָס הייסט, וווּהין? — האָט ער אָף איר מיט פֿאַרוואָרף אַ קוק געטאָן, — מירן זיך דורכגיין מיט עליען צו די גריבער. נעם, אַלטע, דאָס מעסער און שנײַד אָן אַ ביסל בלומען, מירן אַוועקלייגן אויף זייער קייווער.

אַ געריירטער פֿון די ווערטער, האָט עליע זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און מיט דאַנקבאַרקײַט געקוקט אויפֿן אַלטן.

אינדרויסן האָט מען זיך געלאָזט מיט געלאַסענע טריט צום עק שטעטל, אַהין צו די יאַרעס. מע איז לאַנג, שווײַגנדיק געשטאַנען איבער די שרעקלעכע גריבער און געקוקט אויף די רויטע בלומען, וואָס דוניע האָט אָקאָרשט אַוועקגעלייגט אויף דער ערד — רויטע בלומען, ווי פֿרישׁ בלוט...

עליע האָט זיך אַרומגעקוקט. אַ שטאַרקער ווינט האָט געשויבערט זײַנע האָר. דאָס האַרץ האָט אין אים געוויינט, און ער האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. ער האָט געשוויגן, פּונקט ווי זײַנע באַגלייטער. וואָס האָט מען געקאָנט נאָך זאָגן איינס דעם צווייטן? דוניע האָט זיך אַלץ געפּאָרעט מיט די בלומען, וואָס דער ווינט האָט געוואָלט צעווייען. זי האָט געגאָסן טרערן, געוויינט, דערשטיקנדיק אין זיך דעם געיאָמער.

עס איז שוין געווען פֿינצטער אין דרויסן, ווען זיי האָבן פֿאַרלאָזט דעם שרעקלעכן קייווער פֿון אַ גאַנץ שטעטל מענטשן, דעם קייווער פֿון מעדזשיבאָזש.

זיי זײַנען געגאַנגען שווײַגנדיק, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי מע זאָל אין עפּעס געווען זײַן שולדיק. דער ווינט האָט געהווילט, געפֿײַפֿט אין די אויערן, און עליען האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט דאָס געוויין פֿון זײַן מוטער, פֿון זײַנע שוועסטער, פֿון די קדושים, וואָס זײַנען געלעגן אין יענע שרעקלעכע יאַרעס. אים האָט זיך געדאַכט, אַז וויפֿל ער וועט לעבן, וועט אים באַגלייטן דער געוויי, און דערוויַל האָט ער געפֿילט, ווי דאָס האַרץ וויינט אין אים.

ער האָט באַגלייט זײַנע פֿרײַנט, איוואַן זאַרענקאָ און די מומע דוניע, ביז זייער שטוב און זיך געזעגנט מיט זיי. מע האָט אים געבעטן, ער זאָל איבערנעכטיקן. וווּהין וועט ער גיין אין אַזאַ כוישעך, עס רײַסט זיך אויף אַ רעגן, נאָר ער האָט אָפּגעדאַנקט. שימשן בעקער, באַ וועמען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, וועט זיך באַאומרויִקן, אַרויסקוקן אויף אים. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט מאָרגן ווידער קומען, און זיך געלאָזט אין שטעטל.

כאָטש די קעלט האָט אים אַרומגעכאַפּט און דער רעגן האָט שטאַרקער אָנגעהויבן גיסן, איז ער געגאַנגען מיט די פּוסטע געסלעך ניט געײַלט. שווערע געדאַנקען האָבן אים באַגלייט אין זײַן ביטערן וועג.

אין שטוב באַם בעקער, אויפֿן טישל, האָט געטשאַדעט דאָס לעמפּל. דער באַלעבאָס איז געשמאַק געשלאָפֿן אויף דער קאַנאַפּע, געלעגן אין דעם אָנטאָן, זעט אויס, לאַנג געוואַרט אויפֿן גאַסט און זיך ניט דערוואַרט. אויפֿן טישל איז געשטאַנען די וועטשערע אָן אָפּגעקילטע. עליען האָט געמאַטערט די מידקײַט, דער גרויסער ווייטעק פֿונעם איבערגעלעבטן פֿאַרן טאָג. ער איז פֿאַרזיכטיק צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פֿינגער צום צוגעגרייטן געלעגער און זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג. נאָר ער האָט געוווּסט — די נאַכט וועט ער ניט קענען שלאָפֿן, מעגלעך, אַז ניט בלויז די נאַכט. אין דער קאַנאַפּער שײַן האָבן געגלאַנצט שימשן בעקערס ברילן.

א גוטער שמייכל האָט געשפּילט אַף זײַן פּנעם. עליע האָט געוווּסט, אַז שימען וואָלט אים ניט געלאָזט זיך לייגן שלאָפן אָן וועטשערע, ער וואָלט אים געזאָגט דאָס באַליבטע ווערטל: „וואָס זשע, דו ווייסט דען ניט, אַז אַ מענטש לייגט זיך שלאָפן אַ הונגעריקער, פליט אַרום די גאַנצע נאַכט זײַן נעשאָמע איבער דער קיך צווישן די טעפּ?"...

עליע וואָלט אים דעמלט געענטפערט: „איך ווייס, דאָס האָט אַמאָל געזאָגט אונדזער הער־שעלע אַסטראָפּאַליער. אָבער איצט זעט אויס אַלץ גאָר אַנדערש. פון איצט אָן וועט די נע־שאָמע די גאַנצע צײַט אַרומלויפן איבער די שווידערלעכע גריבער און זיך ניט קענען אָפּ־שטעלן, זיך באַרויִקן..."

פאַרטאָן אין שווערע מאַכשאָווּעס, איז עליע געלעגן מיט אָפענע אויגן, און כאָטש אים האָט געמאַטערט אַ מוירעדיקע מידקײַט, האָט ער שלאָפן ניט געקאָנט. ער האָט אַפילע ניט באַמערקט, ווי דער פרימאָרגן איז אָנגעקומען. דער בעקער האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף, דערזען די וועטשערע אַפן טיש, דערנאָך ערשט באַמערקט זײַן גאַסט אַפן געלעגער. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך געלאָזט צום אויוון.

וואָס עס זאָל ניט געשען, נאָר אײַנהייצן דעם אויוון און אָפּבאַקן אַ ביסל ברויט פאַרן אוילעם דאַרף מען. ביז די קאָאָפּעראַציע וועט זיך נעמען צו דער אַרבעט און קענען באַ־זאָרגן מיט אַלעם נייטיקן די מענטשן, וועט דערווײַל דער פּאַטאָמסטווענער בעקער באַזאָרגן דעם אוילעם מיט ברויט. און דערנאָך וועט ער פאַרלעשן זײַן אויוון און אוועק אַף אָפּרו, ער האָט עס פאַרדינט. שימשן בעקער איז געווען אַף זײַן פּאָסטן, און קאַלזמאַן דער אומבײַט וועט ניט קומען זיך שטעלן באַם אויוון אַף זײַן אָרט, וועט ער די לאָפּעטע ניט אוועקוואַרפן.

עליע האָט פון זײַן געלעגער געקוקט, ווי דער בעקער האָוועט אַרום דער קאַרעטע טייג, וויִאַזוי ער רוקט אַרײַן דאָס ברויט אינעם אָנגעגליטן אויוון, ווי ער אײַלט, אַז דאָס ברויט זאָל ווערן פאַרטיק צו דער צײַט, ווען מענטשן וועלן אופשטיין און זיך גרייטן גיין צו זייער אַרבעט.

די טאָגטעגלעכע מי איז געווען דער באַרוף פון שימשן דעם בעקער. עליע האָט געזען, ווי דעם אַלטנס אויגן שײַנען, בעשאַס ער גרייט דאָס ברויט.

עטלעכע טעג האָט עליע פאַרבראַכט אין זײַן היימשטאָט. אַ צערוּיִנירטע, אַ צעשעדיקטע, נאָר דאָך זײַן היימשטאָט, צו וועלכער ער וועט שטענדיק קומען. ער וועט שטענדיק, וויפל ער וועט לעבן, קומען צו די גריבער. ער וועט קומען צו שימשן בעקער, צו איוואַן דוניע זאַרענקאָ, קעדיי באַ די האַרציקע מענטשן געפינען אַ טרייסט.

דער ערשטער לימעד

דער דירעקטאָר פון דער מיטלשול לידזשע סטעפּאַנאָוונאַ, וווהין עס איז געקומען דער לע־רער פון דײַטש און אַריפמעטיק איליא פרענקיס, האָט זיך דערפרייט מיט אים, ווי מע דער־פרייט זיך מיט אַן אייגענעם טאַטן.

און פאַרוואָס טאַקע ניט?

אין שול איז ניט געווען קיין איין לערער קיין מאַנצבל. ווי מע וואָלט זיך צונויפגערעדט, האָבן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט בלויז לערערנס — פרויען. אַפילע דער ווירטשאַפט־פאַרוואַלטער, דער נאַכט־וועכטער — אַלע פרויען; און מעגלעך דערפאַר האָט דאָ, אין די קלאַסן, געהונקען די דיסציפּלין און אַף די לימודים איז טאָמיד געווען גאַנץ רוישיק.

ערשט ניט לאַנג האָט אין דער שול זיך אָנגעצונדן שײַן. אַלע מילכאָמע־יאָרן איז קיין עלעקטריע ניט געווען. ערשטנס, דערפאַר, וואָס די אָקופּאַנטן האָבן אַפילע ניט געטראַכט לערנען די קינדער. צווייטנס — ווײַל די שול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַל.

און אַט דאָ ניט לאַנג, ווען מע האָט מיט גרויסע מאַטערנישן אַ ביסל אָפּגערעמאָנטירט די געבײַדע, געבראַכט צו אַ טאָלק די קלאַסן, צונויפגענומען אַהער די שילער, וואָס זײַנען געווען אָפּגעוווינט פון זייער שול, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַהער איז געקומען אַ כאַליאַ־סטרע כעווּרעלײַט, מיט וועלכע מע וועט דאַרפן אַ גוטן האָרעווע טאָן, ביז זיי וועלן ווערן עכטע שילער.

די לערערקעס זײַנען, נעבעך, אַרומגעגאַן הייזעריקע, ניט געקאָנט זיך ספּראַווען מיט די שילער. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס, וואָס מע האָט אַהער אָפּט אַרויסגערופן די עלטערן, זיי זאָלן צוימען אַ ביסעלע זייערע קינדער.

די טאַטעס זײַנען, מערסטנס, געווען אַף דער מילכאָמע. אַ סאַך וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן — צופיל „פּאַכאַראָנקעס" זײַנען אָנגעקומען... די כעוורע האָבן זיך געפּילט, ווי פּרײַע פויגלען, די מאַמעס געהערט, ווי דעם פּאַראַיאַריקן שניי.

איז טאַקע אין שול געווען פריילעך!

דער דירעקטאָרן איז אויסגעקומען לויפן פון איין קלאַס אין צווייטן, אײַנשטילן דעם טומלדיקן אוילעם מיט גוטס און מיט שלעכטס, נאָר דאָס האָט ניט טאָמיד געהאָלפן.

זי האָט געטרוימט, עס זאָלן קומען אין שול עטלעכע לערער־מאַנצבלען, געוועזענע פראָנטאָוויקעס — פאַר יענע וועלן די כעוורע האָבן דרעכערעץ.

טאַקע דערפאַר האָט די דירעקטאָרן זיך אַזוי דערפרייט, ווען עס איז געקומען אין שול דער סימפּאַטישער און ענערגישער לערער אין זײַן אָפיצערישן מונדיר.

זי האָט פון דעם מענטשן ניט געלייקנט, אַז עס וועט אים די ערשטע צײַט זײַן ניט גרינג, אַז מיט דיסציפּלין האַלט עס נאָך שוואַך, אַז ניט גרינג וועט אים זײַן זיך ספּראַווען מיטן „סאַמע שווערן" קלאַס, וווהין זי וועט אים שיקן. און, דעריקער, די קינדער ווילן ניט לערנען די דײַטשישע שפּראַך, ווי מע וואָלט זיך צווויפגערעדט! אַלע שפּראַכן — יאָ, אָבער ניט קיין דײַטש, איז זי, נעבעך, נאָכן ערשטן לימעד אַנטלאָפן. די קינדער האָבן אופגעהויבן אַ טומל, אַז זיי ווילן ניט די שפּראַך, אַף וועלכער עס האָבן גערעדט די אָקופּאַנטן.

דער נײַער לערער האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט, אומבאַמערקט אונטערגעשמייכלט, ווי איינער רעדט „מירן זען..." און צום סאָף געזאָגט, אַז גראַדע אין אַזאַ שווערן קלאַס גלוסט זיך אים אַרבעטן.

דער דירעקטאָרן איז פון דער ערשטער מינוט געפעלן געוואָרן דער באַשיידענער און ענערגישער לערער, וועלכער האָט נאָך אַ ביסל אונטערגעהונקען.

דעם ערשטן אינדערפרי, ווען ער איז געקומען אין שול, און שטייענדיק בײַ דער טיר דער־הערט, וואָס אין קלאַס טוט זיך, איז ער דערשטוינט געוואָרן. ער האָט האַסטיק אָן עפן געטאָן די טיר. אַ פּאָר צענדליק היטלען זײַנען, ווי אַ טשאַטע פויגלען, געפלויגן צו דער סטעליע. עטלעכע יינגלעך זײַנען געשטאַנען אַף די פּאַרטעס און געפּרווט איינער דעם אַנדערן אַראָפּ־שטויסן... ווען די שילער האָבן דערזען דעם נײַעם לערער, איז דער טומל נאָך שטאַרקער גע־וואָרן. עמעצער האָט היסטעריש געלאַכט און געקוויטשעט.

אַ פּאָר מינוט האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אוועקגעשטעלט אין ווינקל זײַן שטעקל, ניט געײַלט און ניט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט, צוגעגאַן צום טישל, אָנגעהויבן בלעטערן דעם זשורנאַל. דער טומל האָט געדויערט, דער נײַער לערער האָט צעשפּיליעט דעם קאָלנער פון דער גימנאַסטיאָרקע, באַטראַכט די סטעליע, די ברייטע פענצטער, ערטערווײַז פּאַרקלאַפּטע מיט קאַרטאָן. ער האָט זיך געפירט, ווי אַ זײַטיקער מענטש, וואָס איז אהער צופעליק אַרײַנ־געקומען און עס רירט אים ניט אָפּילע בײַ דער לינקער פּיאַטע דאָס, וואָס ער זעט פאַר זיך.

די צײַט איז געגאַנגען, נאָר ער האָט אַלץ געשוויגן. און דאָס האָט איבעראַשט די כעוורע. ביסלעכווײַז איז מען שטילער געוואָרן, זיך אויסגעזעצט אַף די ערטער, קוקנדיק מיט אינטע־רעס אַף דעם מענטשן אין די מיליטערישע קליידער. מאָדנע! פאַרוואָס שרײַט ער ניט אַף זיי? פאַרוואָס זידלט ער זיי ניט?

די כעוורע האָבן געשוויגן. ער האָט געקוקט אַף זיי און אויך געשוויגן. מע האָט שוין מיט אומגעדולד געוואַרט, ער זאָל עפּעס זאָגן. נאָר ער האָט זיי אופמערקזאַם באַטראַכט און אונטערגעשמייכלט.

ענדלעך האָט עליע זיך אָנגערופן:

— איר שטעלט זיך ניט פאָר, מײַנע טײַערע כעוורע, ווי איר זײַנט מיר אַלע געפעלן געוואָרן! און ניט אַזוי איר, ווי אײַערע שטימען, אײַערע קונצן, איך וועל זיך ווענדן צו דער דירעקטאָרן, זי זאָל אָפּשאַפן אַנדערע לימודים און פון אײַער קלאַס אָרגאַניזירן אַן אַנסאַמבל פון געזאַנג און טענץ.

אַלע האָבן זיך פריילעך צעלאַכט, נאָר גלײַך שטיל געוואָרן.

— יאָ, שיר ניט פאַרגעסן, — האָט ער פאַרגעזעצט, — כוץ געזאַנג, דאַרף מען צוניפנעמען די אַלע, וואָס שפּרינגען גוט איבער די פּאַרטעס און שלײַדערן די היטלען, דאָס וועט שוין זײַן ניט קיין אַנסאַמבל, נאָר אַ צירק־גרופּע. ווען איך בין געגאַנגען צו אײַך אין קלאַס, האָט מיר עמעצער געזאָגט, אַז איך גיי ניט אין קיין געוויינלעכן קלאַס, וווּ קינדער לערנען זיך, ווילן דערגרייכן די הייכן פון קולטור, וויסנשאַפט, קעדיי ווערן מענטשן, נייטיקע בירגער פאַרן פאָ־טערלאַנד, נאָר אין אַ שטיקל צירק... יאָ, מע האָט מיר איבערגעגעבן. איז דאָס דער זיבעטער קלאַס? אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועלן געוויס אַ סאַך פון אײַך וועלן אָנקומען אין אינסטיטוט, אין אוניווערסיטעט, קעדיי ווערן גוטע ספּעציאַליסטן. איר ווייסט דאָך, וויפל הונדערטער טויזנטער

אונדזערע סאָלדאטן, אָפּיצערן האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן, קעדיי איר זאָלט לעבן פרײַ, קענען שטודירן, ניט וויסן פון קיין הונגער און נויט. און יענע, אונדזערע געפאַלענע ברידער און פּאַטערס, דאַרפט איר דאָך פאַרבײַטן. הײַנט שטעלט איר זיך פאָר, וואָס וועט פון אײַך אויסוואַקסן, אַז איר וועט פאַרוואַנדלען דעם קלאַס אײַערן אין אַ באַלאַגאַן?

אין קלאַס איז געוועזן שטיל. אַלע בליקן אַנגעשטרענגטע, נײַגעריקע זײַנען געווענדעט געווען צום מיליטערמאַן.

— איך וועל זײַן אײַער לערער. איך וועל מיט אײַך לערנען אַריפמעטיק, מאַטעמאַטיק, הייסט עס, און די דײַטשישע שפּראַך... דער ערשטער לימעד הײַנט וועט זײַן דײַטש...

אַ שטאַרקער טומל האָט זיך אופגעהויבן. די שטימונג באַ די כעוורע איז גלײַך קאַליע געוואָרן. פון אַלע זײַטן האָבן זיך דערהערט אומצופרידענע אויסגעשרייען:

— מיר ווילן ניט די שפּראַך! גענוג! די פאַשיסטן האָבן גערעדט אַף דער שפּראַך!

אַ ווייטעקלעך שמייכעלע איז איבערגעלאָפן איבערן לערערס אַנגעשטרענגטן פּאָנעם. ער האָט מיט דער האַנט פאַריכט די צעפאַלענע האָר און צוגעוואַרט, ביז די כעווּרע וועלן זיך באַרויִקן.

— איז וואָס זשע, מײַנע טײַערע, וועלן מיר עפּשער אָנשטאָט דעם לימעד עפנען אַ מיטינג? אַ דיסקוסיע וועגן שפּראַכן, וועגן דעם, וואָס איר ווילט און וואָס איר ווילט ניט? אויסגעצייכנט! איז אויב אַזוי, ווײַלט אויס אַ פּרעזידיוּם.

די קינדער האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, און ווען זיי האָבן זיך ווידער באַרויִקט, האָט ער פאָרגעזעצט:

— איז אָט, וואָס איז שײַעך דער דײַטשישער שפּראַך, וועל איך אײַך זאָגן: עס זײַנען ניטאָ אַף דער וועלט קיין גוטע שפּראַכן און קיין שלעכטע שפּראַכן, פונקט ווי עס איז ניטאָ קיין שלעכטע פעלקער און גוטע פעלקער — אַלע זײַנען באַ אונדז גלײַכבאַרעכטיקט. עס קאָנען באַ דעם אָדער יענעם פאָלק זײַן שלעכטע מענטשן, פאַרברעכער, הענקער, ווי דער פאַרהאַסטער היטלער מיט זײַנע פאַשיסטישע קאַהאָרטעס, וועלכע די סאָוועטישע אַרמיי האָט אָקאָרשט צעשמעטערט, פאַרניכטעט. נאָר קיין שלעכטע פעלקער זײַנען ניטאָ! די דײַטשישע שפּראַך איז ניט שולדיק, וואָס מיט איר האָבן זיך באַנוצט די נאַציסטן. אַף דער שפּראַך האָבן גערעדט און וועלן ריידן מיליאָנען טײַערע, גוטע מענטשן. דאָס איז די שפּראַך פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס... דאָס איז די שפּראַך פון געטען און שילערן, פון בעטכאָווענען און באַכן, פון קאַרל ליבקנעכט און הענריך הײַנע... קלאַרע צעטקין און ראָזע ליוקסעמבורג... די שפּראַך איז ווי אַלע שפּראַכן. עס וואַקסן אַמאָל אויס באַ אַ פאָלק פאַרעטער, דעספּאָטן, טויגעניכצן און אַף אַ צײַט גיט זיך זיי אײַן פאַרכאַפּן די מאַכט. אָט זײַנט איר געווען איידעס פון דעם, וואָס היטלער האָט באַקומען פאַר זײַנע פאַרברעכנס.

איז דען שולדיק די רײַכע, שיינע דײַטשישע שפּראַך, וואָס אַ שטיק צײַט האָבן זיך באַנוצט מיט איר די פאַשיסטן?

ער האָט אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן, און מיט זײַן שיינער קלינגעוודיקער שטים געגומען לייענען „לאָרעליי”.

די קינדער האָבן געהערט אופמערקזאַם. דער לערער האָט אַפילע באַמערקט, ווי עמעצער שעפּטשעט מיט די ליפּן די ווערטער פון דער ליד.

— שפּראַכן דאַרף מען גוט דערלערנען, — האָט ער פאָרגעזעצט, — דאָס איז די פאַרבינדונג פון פעלקער. מיר האָבן פאַרניכטעט דעם גרעסטן סוינע פון דער מענטשהײַט, דערלאַנגט אים אַזוי, אַז מער וועט ער ניט וואַגן אופהייבן אַף אונדזער לאַנד די בלוטיקע האַנט. מיר האָבן באַפרײַט אַלע פעלקער פון דער פאַשיסטישער פעסט. מיר פירן איצט אַ קאַמף פאַר שאָלעם אין דער וועלט, די פעלקער זאָלן לעבן אָן מילכאָמעס, אין פרידן. קעדיי זיגבאַר פירן דעם קאַמף, דאַרפן מיר קענען שפּראַכן. און די דײַטשישע שפּראַך איז ניט קיין אויסנאַם. אויב איר ווילט, וועל איך אײַך דערציילן, ווי איך האָב אויסגענוצט דאָס קענען די דײַטשישע שפּראַך, ווען איך בין געווען אַפן פראָנט.

די שילער זײַנען שוין איצט געזעסן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, האָבן זיך געסטאַרעט ניט דורכלאָזן קיין איין וואָרט. מע האָט אַף דעם לערער געקוקט מיט אַכטונג, הערנדיק זײַן דערציילונג, און ער, עליע, האָט מיט באַגײַסטערונג גערעדט און ניט אַראָפּגענומען דעם בליק פון די גלאַנצנדיקע אויגן, פון די פאַרפלאַמטע פּענעמער.

קיין סאַך האָט ער וועגן זיך ניט דערציילט, ער האָט אַרײַנגעמישט אין זײַן לימעד די לידער פון הײַנען, געטען, שילערן...

ער האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס, וואָס ער לייענט, ווי אויך דאָס, וואָס ער האָט די קינדער דערציילט, האָט ניט קיין דירעקטן שײַכעס צום פּלאַן פֿון זײַן ערשטן לימעד, נאָר ער האָט געפֿילט, ער האָט געצווּנגען די קינדער זיך פֿאַרטראַכטן וועגן זייער וויכטיקע זאַכן.

אין דער זעלבער צײַט איז בא זיך אין קאַבינעט געזעסן די דירעקטאָרן, פֿאַרטאָן אין אירע איניאַנים, גערעדט אין טעלעפֿאָן, זיך געערגערט, וואָס זי איז באַגאַן אַ פֿעלער — געוווּן געדאַרפֿט, האָט זי געטראַכט, גיין מיטן נײַעם לערער אַף זײַן ערשטן לימעד, פֿאָרשטעלן דעם מענטשן פֿאַר די שילער, באַקענען זיי מיט אים. זיי וועלן אים באַגעגענען מיט אַ טומל, מיט אַ ראַש, אים אויספֿײַפֿן, און ער וועט אַנטלויפֿן פֿונעם קלאַס, ניט וועלן זיך אומקערן.

זי האָט געוואָרפֿן דעם בליק אַפֿן זייגער, זיך אופֿגעהויבן און אַוועקגעלאָפֿן אַרויף, צום 7־טן קלאַס, עפּשער וועט זי נאָך באַווײַזן אײַנשטילן די כוואַרע, העלפֿן דעם נײַינקן, אײַנ־שטעלן אַ קאָנטאַקט צווישן אים און די שילער.

פֿון די זײַטיקע קלאַסן האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען, אַ טומל, אַ געלעכטער, בייזע געשרייען פֿון אַ לערערקע, וואָס האָט ניט געקענט באַהערשן דעם טומל. נאָר לידיִע סטעפֿאַ־נאָוונא האָט שוין אַף דעם ניט געלייגט קיין אַכט. זי האָט געאײַלט צום „שווערן קלאַס", צו דעם נײַעם לערער. צוקומענדיק צו דער טיר, האָט זיך איר פּנים אויסגעצויגן פֿון פֿאַרוווּנ־דערונג: וואָס איז געשען? אין קלאַס איז שוין קיינער ניטאָ? מע איז זיך פֿאַנאַנדערגעלאָפֿן, און דער לערער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ערגעץ אַוועק?

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אײַנגעשטערנגט דעם געהער. אין קלאַס איז געווען שטיל, רויִק. עס האָט געקלונגען בלויז דעם לערערס ווייכע שטים. עס האָבן זיך געגאָסן די ווערטער:

„איך ווײַס ניכט, וואָס זאָל עס בעדויטען,
דאָס איך זאָ טראַוריק בין..."

יאָ, זי האָט ניט דערקענט דעם קלאַס, זי האָט ניט דערקענט די קינדער. ווען זי האָט עט־וואָס געעפֿנט די טיר און אַרײַנגעקוקט אַהין דורך דער שפּאַרונע, האָט זי זיך פֿאַרלוירן: אַזוי גיך האָט זיך אים אײַנגעגעבן באַהערשן אַזאַ קלאַס, אײַנשטעלן מיט אַזעלכע שווערע שילער אַ קאָנטאַקט, געפֿינען אַ שליסל צו זייערע הערצער.

און זי האָט פֿאַרזיכטיק צוגעמאַכט די טיר, קעדיי ניט שטערן דעם נײַעם לערער פֿירן זײַן ערשטן לימעד אין „שווערן קלאַס".

גוטסקײַט פֿאַרגעסט זיך ניט

די צײַט איז געגאַן אומגעהייער שנעל.

מע האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי אַ יאָר איז דורכגעלאָפֿן. און נאָך אַ יאָר, און נאָך... עליע האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי אַף זײַן קאָפּ האָט זיך באַוויזן דער ערשטער שניי.

שוין לאַנג, זייער לאַנג האָט ער אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם אָפֿיצערישן קיטעל, דעם שינעל. און קיין זאַך האָט שוין ניט דערמאָנט אין דעם, אַז דאָס גייט אַ מיליטערמאַן, וואָס איז דורכגעגאַן אַזאַ שווערן וועג בעשאַס דער מילכאָמע.

די וווּנדן האָבן שוין ניט געמאַטערט אַזוי. עמעס, ערעוו אַ רעגן, ווען דער הימל כמורעט זיך שטאַרק אָן און לאָזט ניט קיין שפּאַרונע, די זון זאָל אַ שײַן טאָן, הייבט אָן עפּעס דרייען, ברעכן, און דעמלט דערמאָנט ער זיך אין זײַנע וווּנדן.

נאָר צו דעם איז ער שוין געווען צוגעוווינט און זיך באמת ניט אַרויסווײַזן זײַנע כאַלאַסן.

דער באַשיידענער לערער פֿון מעדזשיבאָזש האָט ניט ליב געהאַט, ווי אַנדערע, דערציילן וועגן זיך און וועגן דער מילכאָמע, ווי אויך וועגן דעם, וואָס אים איז אויסגעקומען אויסשטיין.

אַפֿילע דער אייגענער פּרוי האָט ער גאָרנישט ניט דערציילט, ניט די קינדער זײַנע, וועלכע זײַנען געוואַקסן, ווי אַף הייוון, און שטאַרק ליב געהאַט לייענען ביכלעך וועגן מילכאָמע, קוקן קינאָפֿילמען... מע איז אָפּט צוגעשטאַנען צום פֿאָטער, ער זאָל דערציילן, וואָס ער האָט געטאָן אַף דער מילכאָמע, וויאַזוי ער האָט זיך געשלאָגן מיטן סוינע. נאָר ער האָט זיך ווי ווײַט מעג־לעך אָפּגעטרייסלט. וואָס, אייגנטלעך, איז געווען צו דערציילן, האָט ער זיך געטראַכט? ווען דער גורל האָט זיך אַ דריי געטאָן, ווי עס טרעפֿט אַף אַ מילכאָמע, און ער איז אַ שווערפֿאַר־וווּנדעטער אַרײַנגעפֿאַלן אין די לאַפּעס פֿון די פֿאַשיסטן, האָט ער אין די שרעקלעכע באַדינ־

גונגען, ווען די האַק איז געהאַנגען איבערן קאָפּ, ניט פאַרלוירן דעם מוט און געפונען קויכעס, ער זאָל בלײַבן דער זעלבער טרײַער שלאַכטמאַן און טאָן אַלץ פאַר דעם פאָטערלאַנד, פאַר זײַנע מענטשן.

אויך איצט האָט ער געלעבט, ווי אַלע — פאַרטאָן אין זײַן אַרבעט, אין זײַנע דאגות, אין זײַנע טרוימען און באַגערן. ער האָט ליב געהאַט די פאַרשײַטע קינדער זײַנע, די געמיטלעכע שטוב און די גוטע מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. שפּעטער, ווען ער האָט זיך צע־שיידט — נאָך אַ שווערער קרענק — מיט זײַן שול און אַוועק אַרבעטן אויף אַ קאָאָפּעראַטיווער זאַוואָד, האָט ער זיך אויך זייער גיך באַפרײַנדעט מיט אָן אַ שיער מענטשן. זיי האָבן געאַכטעט און ליב געהאַט דעם באַשיידענעם, לעבנסלוסטיקן מענטשן.

אויף דער וועלט איז געווען שטיל, רויק. דאָס לעבן איז זיך געגאַן, ווי עס האָט געדאַרפט גיין, און קיין שום זאַך האָט ניט געקאָנט צעשטערן זײַן שטיל גליק, זײַן פרײַנטשאַפט מיט מענטשן, זײַן צוגעבונדנקייט צו זיי און גרייטקײַט יעדע רגע קומען זיי צו הילף, ווען זיי האָבן זיך אין עפּעס גענייטיקט. מיט דער פרוי האָט מען זיך אויסגעלעבט שיין, פרײַנטלעך, מיט גרויס אַכטונג איינער צום אַנדערן. קיין זאַך האָט ניט פאַרנעפּלט זייער גליק.

יאָ, שיין, שטיל און געמיטלעך, פריילעך האָט זיך געלעבט זײַן קליינינקער מישפּאָכע.

אין איינעם אַ שטילן סאָף טאָג, ווען עליע איז געקומען פון דער אַרבעט, אַ פאַרמאַטער־טער פון דער היץ, זיך נאָך ניט באַוויזן אַרומוואַשן, קומען צו־זיך, ווי דאָס ווײַב, וואָס איז געזעסן אויפן דיוואַן און עפּעס געשטריקט, האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בייזן בליק און אַפילו ניט געענטפערט אויף זײַן באַגריסונג.

וואָס איז מיט איר הײַנט געשען? וואָס איז זי אַזוי אָנגעבלאָזן? וואָס קוקט זי אויף אים אַזוי?

ער האָט באַמערקט, אַז אין אירע גרויסע ליכטיקע אויגן בלישטשען טרערן. און זיך אינ־גאַנצן פאַרלאָרן.

— עפּשער וועסטו מיר דערקלערן, וואָס איז געשען? — האָט ער שוין דערשראָקן אַ זאָג געטאָן. — נעם ניט אַרויס די נעשאָמע, זאָג שוין גיכער!

זי האָט זיך אַ הייב געטאָן פונעם בענקל, אַ קוק געגעבן אויף אים מיט אַ דורכדרינגעוודיקן בליק און מיט קאַס זיך אָנגערופן:

— עפּעס האָסטו מיר קיינמאָל ניט דערציילט וועגן דײַנע סאָלדאַטישע ליבעס... ניט אומ־זיסט זאָגט מען: שטילע וואַסער גראָבט טיף. — זי איז צוגעגאַנגען צום טישקעסטל, אַרויסגע־נומען אַ בריוו און זי אַ שלײַדער געטאָן אויפן דיל.

— נעם. לייען! אַלץ, ווי דו זעסט, שווימט אַרויף, ווי בוימל אויף וואַסער. נאָר פאַרוואָס האָסטו מיר קיינמאָל גאָרנישט דערציילט? — זי איז אַוועק אין צווייטן צימער, פאַרהאַקט נאָך זיך די טיר.

עליע איז אַ לאַנגע רגע געשטאַנען, פאַרוווּנדערט געקוקט אויף דער צוגעמאַכטער טיר, אויפגעהויבן די בריוו און שנעל גענומען לייענען.

„וואָס פאַר אַ כעס בין איך באַגאַנגען, האָט ער געפרעגט בײַ זיך אַליין. ניט אומזיסט האָט הערשעלע אַסטראָפּאַליער אַמאָל געזאָגט: „אַזויפיל שיינע, באַשיידענע מיידלעך לעבן אויף דער וועלט, גוטע און האַרציקע, כאָטש לייג זיי צו צו אַ מאַקע, נאָר, גאָטעניו, פונוואַנען זשע נעמען זיך בייזע ווײַבער?"

עליע האָט אַ קוק געטאָן אויפן לעצטן זײַטל פון דער בריוו און דערזען דעם אונטערשריפט: „קלאַווע".

ער האָט זיך פאַרטראַכט, אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן. „וואָס? קלאַווע? וואָס פאַר אַ קלאַווע?"

דאָס פּאָנעם זײַנס האָט זיך מיטאַמאָל צעשײַנט: „קלאַווע!" ער האָט זיך דערמאָנט: ווינטער 1943, דאָס דאָרף ניקאָלײַעווקע, וואָס ליגט ניט ווײַט פון טאַגאַנראָג און ראָסטאָוו. קלאַווע... ווי־אַזוי האָט זי מיך אָפּגעזוכט נאָך אַזויפיל יאָרן? זי לעבט, קלאַווע?

דאָס ווײַב איז אַרײַנגעקומען, זיך צוגעזעצט צום טיש, שפּירנדיק, ווי עליעס פּאָנעם האָט זיך צעשײַנט, ווי ער לייענט פיבערדיק די שורעס.

זי האָט געמיינט, אַז ער וועט לייענען פאַר זיך, שטילערהייט, נאָר ניין, ער האָט אָנגעג־הויבן לייענען אויף אַ קאָל, און יעדער וואָרט האָט אים דערפרייט, ער האָט זיך גאָרניט פאַר־לוירן. פאַרקערט, ער לייענט מיט שטאָלץ די בריוו!

און, אַ מאָדנע זאַך, מיטאַמאָל, ווי מע וואָלט זי פאַרביטן. ערשט צוריק מיט אַ פּאָר מינוט האָט זי אים באַגעגנט מיט אַ שטורעם. פאַר אַלע יאָר, זינט מע לעבט צוזאַמען, האָט ער זי נאָך אַזאַ אויפגערעגטע ניט געזען. און איצט איז זי געוואָרן עפּעס ווייכער, מילדער, און די טרערן פון אירע אויגן זײַנען אויסגעטריקנט געוואָרן.

מעגלעך, אַז זי האָט זיך באַנאַרישט, אומזיסט זיך צעפּאַליעט, דער רועך ווייסט וואָס. זי האָט שוין כאַראָטע געהאַט.

עליע האָט אין איר זײַט ניט געקוקט. די בריוו האָט אים אופגערודערט. געררירט ביז טרערן. סאַראַ ווונדערלעכע מענטשן לעבן אַף דער ערד! וויאַזוי האָט קלאַווע אים אָפּגעזוכט אין אַזוי־פיל יאָרן ארום?

„גוטמאָרגן, איליאַ איסאַקאָוויטש! — האָט ער אָנגעהויבן לייענען פון אָנהייב, אַף אַ קאָל, — איך שרײַב אײַך די בריוו פון דאָרף ניקאָלײַעווקע, איר האָט געוווינט באַ דער באַבקע אוליאַנע און פלעגט אָפט ארײַנגיין צו אונדז, מיך רופט מען קלאַווע. איר האָט דעמלט געטראָגן דעם נאָמען ערנסט גרושקאָ.

מײַן ברודער וואַסיע איז אין יענער צײַט געווען שטאַרק קראַנק, און איר האָט אים אָפּ־געראַטעוועט פונעם טויט. אַ גרויסן דאַנק אײַך דערפאַר. מיר דערמאָנען אײַך דאָ זייער אָפּט. די מאַמע לעבט, נאָר זי איז זייער קראַנק. באַ וואַסיען זײַנען שוין פאַראַן צוויי קינדער — באַריאַ און וואַניאַ. ווען ניט איר, וואָלט ער, מײַן וואַסיע, דעמלט אומגעקומען פון די פאַשיס־טישע הענט. נאָר איר האָט אים אָפּגעראַטעוועט. ער איז דערנאָך אויך געווען אַפן פראָנט, באַקומען אַ מיליטערישע פּראָפעסיע — אַ לופט־שיסער, אַ ראַדיסט.

מײַן פאַמיליע איז איצט כאַרטשענקאָ. איך האָב אַ גוטן מאַן. ער אַרבעט אַף דער אײַזנבאַן. איר האָט מיר דעמלט איבערגעלאָזט צוויי בריוו און געבעטן אין שטאָב די ערשטע ריוטאַרמייער, וואָס וועלן ארײַנקומען צו אונדז אין דאָרף. איך האָב אויסגעפּילט אײַער באַ־קאָשע מיט גרויס פאַרגעניגן. פון אײַערע בריוו האָב איך זיך דערוווּסט, וואָס פאַר אַ מענטש איר זײַנט, און אַט ביז איצט געדענק איך אײַך. איין בריוו אײַערע האָט מען דעמלט איבער־געשיקט, לויט אײַער ביטע, קיין מאָסקווע און די צווייטע — אין דאָרעם־מײַרעוודיקן שטאָב פון פראָנט.

דורך אַ נעס האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אײַך. איר האָט אַ סאַך גוטס געטאָן אונדזערע מענטשן. שרײַבט מיר אָן אַ בריוו, ווי לעבט זיך אײַך? גיט איבער אַ גרוס אײַער פאַמיליע פון אונדז אַלעמען.

איך דערמאָן זיך, ווי גוט עס איז געווען אַ קוק טאָן אַף אײַך, ווען איר פלעגט ארײַנקומען צו אונדז און אַף אײַך איז געווען אונטערן שינעל אַ רוסיש־אַפּיצערישע גימנאַסטיאָרקע און אַ רימען מיט אַ פּריאַזשקע, אַף וועלכער עס איז געווען אַ פינפעקיקער שטערן. עס איז געווען זייער גוט צו קוקן אַף אײַך — אַ רוסישן און טײַערן מענטשן. איר האָט געזען, ווי די דײַטשן האָבן זיך איזדעקעוועט איבער דעם פאָלק. ווען איר זײַנט אוועקגעפאָרן, איז אינגיכן צו אונדז געקומען אַ פּאָליצײַ מיט אַ ביקס און אוועקגעטריבן וואַסיען, ער איז נאָך געווען שטאַרק קראַנק, קיין סאָנבאַק אַף דער פאָדערשטער פּאָזיציע פון די דײַטשן. נאָר ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן. אים האָט נאָך אָפּגעגליקט. און איינעם אָן אונדזעריקן האָבן זיי אופגעהאַנגען דער־פאַר, וואָס ער איז אַנטלאָפן פון סאָנבאַק. די פאַמיליע פון יענעם איז סטוקאָן יעפּים. און מיר האָבן פאַר וואַסיען געקראָגן אַ צײַגעניש, אַז ער איז אַ טשעסאָטאָטשנער. (ער האָט ווירקלעך אויסגעזען שרעקלעך).

טײַערער איליאַ איסאַקאָוויטש! מיך האָט מען אויך געטריבן אונטער דער ביקס אַף אַרבעט. עמעצער האָט מיך געמאַסערט, אַז איך בין אַ קאָמסאָמאָלקע. אַף דער שרעקלעכסטער אַרבעט האָט מען מיך געטריבן. אַזויפיל איבערגעלעבט, ניט צום דערציילן און ניט צום באַשרײַבן. אויב נאָר איר געדענקט אונדזער הויף, איז אין סעדל געווען אַ זומער־קיך. אַ סאַך אונדזערע רוסישע קריגסגעפאַנגענע האָב איך אויסבאַהאַלטן אין יענער זומער־קיך! און שפּעטער האָב איך צוזיפעקליבן אָנטאָן, זיי איבערגעטאָן און ארויסבאַגלייט — באַנאַכט אָדער גאַנצפרי — ווער וווּהין עס האָט געדאַרפט. מיר האָבן אַלץ איבערגעלעבט, עס זאָל זיך מער ניט איבערכאַ־זערן אַזאַ אומגליק!

איליאַ איסאַקאָוויטש! רופט זיך אָפּ! און איך וועל אײַך דעמלט באַשרײַבן מײַנע פריידן אוןליידן.

אַ גרוס אײַך פון דער מאַמען, איר דאַרפט זי געדענקען, אַ גרוס פון וואַסיען, מײַן ברודער, און פון מיר אַ גרויסן גרוס! איך וואַרט אַף אײַער בריוו!

איך האָב שוין גערעכנט, אַז איר זײַנט ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, איר זײַנט דאָך לאַנג געווען אין געפערלעכע באַדינגונגען. וויאַזוי זײַנט איר אוועק אין זאַפּאַס? אין וואָס פאַר אַ טשין? איך געדענק, אַז איר זײַנט געווען אַ רוסישער אָפּיצער. שרײַבט, ווי איז אײַער געזונט, ווו אַרבעט איר? איך בעט אַנטשולדיקן מיר, וואָס איך באַאומרויִק אײַך. קומט צו אונדז צוגאַסט. מיר וואַרטן מיט אומגעדולד.

זײַט געזונט. איך וואַרט אַף אײַער בריוו. איך געדענק אײַך, איר זײַנט געווען אַ בלאָנדער, אַ קוטשעראַווער, אַ שײנער.

פון אַלע אײַנוווינער פון אונדזער דאָרף אַ גרויסן גרוס!

קלאַוואַ".

עליע האָט פאַרענדיקט לײענען די רירנדיקע בריוו און איבערגעפירט דעם בליק אַף דער פרוי, וואָס איז געזעסן אַ פאַרשעמטע און אים ניט געקאָנט קוקן אין די אויגן. איר געזיכט האָט זיך אײנגאַנצן געענדערט. פון איר פּאָנעם, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געררויטלט, איז פאַר־שוווּנדן יעדער סימען פון פאַרדראָס, זי האָט זיך געשעמט, לעמײַ זי האָט אים אָפּגעשפּילט אַזאַ כאַסענע, געטראַכט וועגן אים דער רוען ווייסט וואָס...

אָבער עליע האָט זיך ניט באַליידיקט אַף איר און, אַרויסגענומען פונעם קאָנווערט נאָך אַ היפּשן בויגן פּאַפּיר, דורכגעלאָפן די ערשטע שורעס מיט די אויגן און גוטמוטיק זיך צע־שמייכלט. דער בריוו איז געווען געווענדעט ניט צו אים, נאָר צו דער רעדאַקציע פון אַ גרויסער מאָסקווער צײַטונג, צו וועלכער קלאַווע און אַ גאַנצע רײ אײַנוווינער פון ניקאָלײַעווקע האָבן זיך געווענדעט מיט אַ באַקאָשע.

די בריוו איז געווען געשריבן מיט אַ צעשויבערטן קסאַוו:

„אַ בריוו אין רעדאַקציע

(וועגן אַ העלדנטאַט פון אַ רוסישן אָפיצער)

כאָשעווער רעדאַקטאָר!

אונדז, סאָוועטישע מענטשן, האָט שטענדיק געדעגט און מיר וועלן נאָך לאַנגע יאָרן מיטן גרעסטן אינטערעס און אופמערקזאַמקײַט לײענען וועגן די העלדנטאַטן פון די סאָ־וועטישע מענטשן אין היגטערלאַנד פונעם סוינע. אונדזערע באַליבטע ביכער זײַנען געוואָרן „און אײנער אין פעלד איז אַ שלאַכטמאַן", „יונגע גוואַרדיע" און אַנדערע.

וועגן דעם העלדנטאַט פון אַ סאָוועטישן אָפיצער וויל איך דערציילן, אײדעס פון דעם זײַנען געווען די אײַנוווינער פון אונדזער דאָרף ניקאָלײַעווקע, ראָסטאָווער געגנט.

דאָס איז געווען ווינטער 1943 יאָר. באַ אונדז אין דאָרף האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף ווינטער־קוואַרטיר אַ דײַטשישע קאָמאַנדע. אין דער שטוב פון דער אַלטיטשקער אוליאַנע פון קאָמאַראָווקע זײַנען אײַנגעשטאַנען עטלעכע דײַטשן פון אַ ווירטשאַפט־קאָמאַנדע און צווישן זײ אײנער, וואָס האָט גוט גערעדט אַף רוסיש און אַף דײַטש און זיך אָנגערופן ערנסט גרושקאָ. דער דאָזיקער ערנסט האָט אונדז באַרויקט, געזאָגט, אַז אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, אַז קײנער פון די אײַנוווינער אין דאָרף וועט ניט לײַדן. און אַזוי איז טאַקע געווען. קײנער פון די דאָרף־אײַנוווינער האָט ניט געליטן אין דער צײַט, ווען דאָ איז געווען גרושקאָ. ער האָט געהאַט אַ ווירקונג אַף די דײַטשן. כוץ דעם, איז דאָס דאָרף געווען באַשיצט פון רויבערײַ און טעראָר פון די אַנדערע פאַרבײַגײענדיקע טײלן, ווי אויך פּאָליצײַען.

אָט אַזוי האָט ערנסט גרושקאָ אַף זײ געווירקט און געהאַט איבער זײ די מאַכט. אײניגיכן האָט ער דאָ אָנגעהויבן דורכפירן געהײמע שמועסן, דערציילט, ווי מע האָט צע־שמעטערט די דײַטשן באַ סטאַלינגראַד. אַז עס איז געקומען אַן אַנדער צײַט, האָט ער דער־ציילט, אַז די רוסישע אַרמײען זײַנען אומעטום איבערגעגאַנגען אין אָנגריף און אַז אײנ־גיכן וועלן אויך אונדזערע ראַיאָנען באַפרײַט ווערן.

מיט טרערן אין די אויגן האָבן מיר געהערט זײַנע רייד. הערן דעם עמעס אין אַזעלכע באַדינגונגען איז געווען אַ גרויסע זאַך. דאָס איז געווען אַ גרויסע העלדישקײַט פון זײַן זײַט. ער האָט אונדז גערופן, מיר זאָלן זײַן וואַכזאַם, ניט אַוועקגײן מיט די דײַטשן, ניט גלייבן דער דײַטשישער פּראָפּאַגאַנדע, אַז קלוימערשט, די רויטע צערעכענען זיך אַכזאָ־ריעסדיק מיט יענע, וואָס זײַנען געבליבן אַף דער אָקופּירטער טעריטאָריע. אַ סאַך אַנדערע אײיצעס האָט ער אונדז געגעבן.

אין ערנסטס פּערזאָן האָבן מיר געזען אַן עמעסן פרײַנט. מיר האָבן אָנגעהויבן גלייבן אין אונדזער גיכן ניצאָכן, אין אונדזער באַפרײַונג. אַ סאַך מענטשן האָבן באַ אונדז זיך אַראָפּגעשלאָגן פונעם גלײַכן וועג דורך דער דײַטשישער פּראָפּאַגאַנדע און זײערע פאַלשע בלעטלעך. ערנסט האָט געמאַכט צונישט פון דער געבעלס־פּראָפּאַגאַנדע. ער איז געווען אַ שרעקלאָזער אַגיטאַטאָר. אײנמאָל האָט ערנסט בײס אַ שמועס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס דײַטשישע רעקל, און מיר האָבן דערזען אַף אים אַ גימנאַסטיאָרקע פון אַ סאָוועטישן

אָפּיצער, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם רימען מיט אַ פּינפּקאַנטיקן שטערן אויף דער פּריאַזשקע. אַט דעמלט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אונדזערער אַ לײַבלעכער מענטש אין הינטערלאַנד באַם סוינע.

אָט אַזאַ האָב איך אים פאַרגעדענקט אויפן גאַנצן לעבן. ערנסט האָט זיך באַנוצט דער־מיט, וואָס ער איז געווען באַגלייבט בײַ אַ טייל דײַטשישע סאָלדאַטן, דעריבער האָט ער געקענט שרעקלאָז טראָגן דעם עסן צו אונדזערע מענטשן, ריידן וועגן אונדזער לײַבלע־כער פּאַרטיי און ראַטנמאַכט. באַזונדערס שיין האָט ער אונדז אויסגעמאָלט דאָס לעבן, וואָס וועט קומען נאָך דעם זיג איבער די היטלערישע האָרדעס. אין די באַדינגונגען פון אָקו־פּאַציע איז ערנסט געווען דער סימבאָל פון האָפענונג. ניט איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט: „די דײַטשן פאַרגיבן מיר פראַגן — וואָס וועט ווײַטער זײַן? ווער וועט זיגן? זיי פאָדערן פון מיר, איך זאָל זיי דערציילן, וויאַזוי די רוסן באַגייען זיך מיט די קריגסגעפאַנגענע”. ווי ער האָט דערציילט, ערנסט, האָט ער אַלץ אויפגעקלערט די דײַטשן.

מיר האָבן אים אַלע ליב באַקומען. מײַן אַלטיטשקע מאַמע, מאַריאַ וואַסיליעוונאַ, האָט געזאָגט: „גיב גאָט אָט דעם „גוטן דײַטש” אַ סאַך געזונט און אַ סאַך יאָרן”. אויפן גאַנצן לעבן זײַנען מיר אים געבליבן דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס ער האָט געראַטעוועט פונעם טויט מײַן ברודער וואַסיען. ערנסט האָט אים מאַמעש אַרויסגעריסן פון די נעגל פון טויט. איצט לעבט מײַן ברודער וואַסילי מאַקסימאָוויטש מיט זײַן פאַמיליע, אַרבעט אויף אַ זאַוואָד אין טאַגאַנראָג. מיט גרויס דאַנקבאַרקײַט דערמאָנט ער דעם גוטן דײַטש — ערנסטן.

ווער זשע איז דער ערנסט, דער „גוטער דײַטש”? ער לעבט! איך האָב אים אָפּגעזוכט אין צוואַנציק יאָר אַרום נאָך דער באַגעגעניש. עס איז געקומען די צײַט, ווען די דײַטשי־שע קאָמאַנדע, וואָס איז געשטאַנען אין דאָרף, האָט זיך געקליבן אין וועג, צוזאַמען מיט זיי איז אויך אַוועק ערנסט. פאַרן אָפּפאָרן האָט ער מיר געזאָגט: „קלאַווע, זאָג מיר צו, אַז דו וועסט אויספּילן מײַן איינציקע באַקאַשע. דיר פאַרטרוי איך אַ געהיימע זאַך, וועגן דעם טאָר אַפילו די אייגענע מאַמע ניט וויסן”.

איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל אַלץ אויספּילן, עס מעג מיך אַפילו קאָסטן דאָס לעבן. ערנסט האָט מיר איבערגעגעבן צוויי בריוו און געזאָגט: „וועסט די בריוו אָפּגעבן אין אַ שטאַב פון דער רויטער אַרמיי, מע זאָל זיי אָפּשיקן לויט די אַדרעסן, ווען צו אײַך וועלן קומען די רוסישע. פון די דאָזיקע בריוו וועסטו זיך שפּעטער אויך דערוויסן, ווער איך בין. אַציינד באַהאַלט זיי גוט, די בריוו, און נאָך דער באַפרײַונג וועט דיר אַלץ ווערן קלאָר”.

ווי דאָס אויג אין קאָפּ האָב איך געהיט די בריוו און ווי נאָר אונדזער דאָרף ניקאָ־לײַעווקע איז באַפרײַט געוואָרן, האָב איך די בריוו אָפּגעגעבן אין שטאַב. איין בריוו איז געווען אַדרעסירט קיין מאָסקווע, און די צווייטע — אין שטאַב פון דאָרעם־מײַרעווודיקן פראָנט. פון די דאָזיקע בריוו האָב איך זיך טאַקע דערוווּסט, וואָס פאַראַ מענטש דאָס איז געווען: אַז ער איז אַ סאָוועטישער אָפּיצער, אַז ער איז ניט קיין דײַטש, בלויז געקענט גוט ריידן דײַטש, זײַן עמעסע פאַמיליע.

אין די בריוו האָט ער באַשריבן, וואָס פאַר אַן אַרבעט ער האָט דורכגעפירט, אין וועלכע אומשטאַנדן איז ער אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן. ניט אַלץ האָב איך דעמלט פאַר־געדענקט. די בריוו זײַנען געווען געצאַסמעט: לייטענאַנט איליאַ איסאַקאָוויטש פרענ־קיס — מיליטערישער איבערזעצער.

אויפן גאַנצן לעבן האָב איך פאַרגעדענקט דעם דאָזיקן מענטשן און זײַן עמעסע פאַמי־ליע. אַלע יאָר נאָך דער מילכאָמע האָב איך זיך געבראָכן דעם קאָפּ, וויאַזוי געפינט מען דעם מענטשן? ווי דערוויסט מען זיך צי לעבט ער, און אויב יאָ, וויאַזוי געפינט מען אים?

אָבער ווו איז ער געבוירן, ווו איז זײַן געבורט־שטאָט ווייס איך ניט.

און עס איז געשען אַ נעס.

דעם 22 יוני 1961 יאָר, ווען עס איז געוואָרן צוואַנציק יאָר, זינט עס האָט זיך אָנגע־הויבן די מילכאָמע, בין איך געזעסן באַם טעלעוויזאָר. וועגן אַ סאַך העלדישע טאַטן איז דערציילט געוואָרן. איך האָב זיך שטאַרק געערגערט, לעמײַ מע דערציילט גאָרניט וועגן ערנסטן. ריכטיקער געזאָגט, וועגן פרענקיסן? לייענענדיק דעם בוך „און איינער אין פעלד איז אַ שלאַכטמאַן” האָב איך געטראַכט, אַז איליאַ פרענקיס האָט אויך אַזוי געהאַנדלט. איך האָב אָנגעשריבן קיין מאָסקווע אין שוץ־מיניסטעריום פון פּססר אַ בריוו. אָנגעשריבן אַלץ, וואָס איך האָב וועגן אים געוווּסט, און וואָס מיינט איר, אין עטלעכע טעג אַרום באַ־

קום איך אָן ענטפער: „דער אָפּיצער אין זאַפּאַס איליאַ איסאַקאָוויטש פרענקיס לעבט אין קיִעוו אַף טורגעניעוו־גאַס" און דעם נומער פון זײַן שטוב, די דירע און אַלץ!

מײַן פרייד איז ניט צו באַשרײַבן. דאָס איז יענער זעלבער ערנסט, וועלכער איז אײַנגעשטאַנען בײַ אונדז ווינטער 1943 יאָר, און ניט אומזיסט האָט ער זיך אַף אַ צײַט אויסגעקליבן דעם נאָמען פון דעם גרויסן דײַטשישן מענטשן — ערנסט טעלמאַן.

טײַערע רעדאַקציע, אָט וואָס איך האָב געוואָלט דערציילן וועגן דעם סאָוועטישן אָפּיצער. נאָר ערנסט האָט נאָך אַ שטיק צײַט געלעבט אין דער נעסט פונעם סוינע, און מיר ווילן זייער ויסן זײַן ווײַטערדיקן גורל, זאָלן וועגן זײַן העלדישקײַט ויסן אַלע. אַף די זײַטלעך פון אונדזער באַליבטער צײַטונג בעט איך דערציילן אין פּאַרזעצונגען וועגן איליאַ פרענקיסן, וועלכער האָט בײַ אונדז געוווינט אונטערן נאָמען ערנסט גרושקאָ.

ניקאָלײַעווקע, ראַסטאָווער געגנט.

קלאַווא קראַסנאָוואַ און נאָך אַ סאַך אונטערשריפטן".

ריטע האָט אויסגעהערט די בריוו ביזן סאָף און אינגאַנצן זיך פאַרלוירן. ניט געוווּסט, ווו באַהאַלטן דאָס פּנים פון בושע און ביזאָיעו.

זי איז צוגעלאָפן צו אים, אַרומגענומען, אָנגעהויבן קושן און זיך בעטן בײַ אים:

— אַליק, זײַ מיר מויכל. דו ביסט אַליין שולדיק. פאַרוואָס האָסטו מיר קיינמאָל ניט דערציילט וועגן דעם? און די קינדער וויסן קימאַט גאָרניט וועגן דעם אַלץ.

ער איז נאָך אַלץ געווען אונטערן אײַנדרוק פון דעם אָקאַרשט איבערגעלייענטן. דאַכט זיך, ווידער איבערגעלעבט אַלץ, וואָס אים איז אויסגעקומען אין די מילכאָמע־יאָרן איבערלעבן. ער איז געווען אופגערודערט און געטראַכט: „סאַראַ ווונדערלעכע מענטשן! אַזויפיל יאָרן אַוועק און אַלץ געדענקט מען".

וויסנדיק, אַז ריטע וואַרט אַף זײַן ענטפער, האָט ער געזאָגט, צונויפלייגנדיק די בריוו, ווי אַ טײַערע רעליקוויע:

— וואָס האָב איך דיר געדאַרפט דערציילן? איך האָב קיינעם ניט דערציילט.

— פאַרוואָס? אַזעלכע זאַכן דאַרפן אַלע ויסן! אַלע!

אָן אומרויִק שמייכעלע איז דורכגעלאָפן איבער זײַן עטוואָס פאַרוואָקסן, פאַרברוינטן פּאַנעם:

— נו, איצט ווייסטו.

און נאָך אַ קליינער פּאַוזע אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— ווען מע וואָלט וועלן אַלץ באַשרײַבן, וואָלט קיין פּאַפּיר ניט געקלעקט. אַ געוויינלעכע זאַך אַף דער מילכאָמע. אַלץ טרעפט.

— נאָר זיי בעטן דיך קומען צוגאַסט צו זיי, — האָט ריטע געזאָגט, וועלנדיק אויסקויפן די זינד פאַרן מאַן. — דו דאַרפסט אומבאַדינגט צופאָרן צו די מענטשן. אָט וועסטו באַקומען אורלויב אַפּן זאַוואָד, דאַרפסטו זיך דורכפאָרן אַהין אַף עטלעכע טעג. איך אַף דײַן אָרט וואָלט זיך אַפּילע ניט פאַרטראַכט!

— געוויס וואָלט מען געדאַרפט צופאָרן. נאָר מירן נאָך זען. — און, קוקנדיק דער פרוי אין די אויגן, האָט ער מיט פאָרוואָרף געזאָגט:

— נו, מײַן טײַערע, איצט זעסטו, וועגן קיין מענטשן טאָר מען קיין שלעכטס ניט טראַכטן. זיי זײַנען ניט אַזעלכע שלעכטע, ווי דו טראַכסט וועגן זיי...

— איך בעט דיך, טשעפּע מיך ניט! — האָט זי זיך בײַ אים געבעטן, — דער רועך ווייסט עס, וואָס עס איז מיר געקומען אין קאָפּ. זיך באַנאַרישט. עס טרעפט.

זי איז אַוועקגעלאָפן אין קיך אָנוואַרעמען דעם וואַרמעס.

עליע איז אַרויס אַפּן באַלקאָן און זיך אײַנגעקוקט אין דער גרינער באַרגיקער שטאָט, וואָס האָט פון זײַן דריטן שטאָק אויסגעזען, ווי אַן אומענדלעכער געדיכטער וואַלד. דאָס האַרץ האָט זיך שטאַרק געשלאָגן. זיך דערמאָנט אין די מענטשן, מיט וועלכע דער גורל האָט אים צונויפגעפירט אין די שווערע און אומפאַרגעסלעכע יאָרן. ער האָט דערפילט אַ נויטווענדיקײַט וואָס גיכער צו פאָרן קיין ניקאָלײַעווקע, צו יענע מענטשן, זיך זען מיט אַלעמען, דערמאָנען אין פריידן יענע יאָרן. ווי גוט איז אים איצט געווען אַפּן האַרצן, כאָטש ער איז געווען שטאַרק אופגערודערט. ער וואָלט, דאַכט זיך, איצט צופוס אַוועקגעגאַנגען אַהין. מאָרגן וועט ער אַרײַן צום דירעקטאָר פון זאַוואָד בעטן, מע זאָל אים געבן אורלויב, ער זאָל צופאָרן צו זײַנע פרײַנט. ער מוז זיך דורכפאָרן צו זיי! ער דאַרף זיך מיט זיי דורכריידן.

יאָ, ער וועט שוין הײַנט, זעט אויס, ניט רוען, ניט שלאָפן. ער וועט זיך אַרומוואַשן און איבערכאַפּן, גלײַך זיך זעצן שרײַבן אַן ענטפער.

מענטשן האָבן א גוטן זיקאָרן

שוין לאַנג איז בא אים ניט געווען אזוי גוט אפן האַרצן, אזא געהויבענע שטימונג.

די פּראָסטע, רירנדיקע ווערטער פון קלאָוועו, וואָס האָט אזוי־פיל יאָרן אים געזוכט, ניט געקענט אים פארגעסן; איר נאַיווע ווענדונג צו דער רעדאַקציע, מע זאָל וועגן דעם ערנסטן שרײַבן און אומבאַדינגט אין פאַרזעצונגען, ווי מע שרײַבט וועגן אַנדערע העלדן, האָט אַרויס־גערופן בא אים א גוטמוטיקן שמייכל.

ער האָט זיך קיינמאָל ניט געהאַלטן פאר קיין העלד. ער האָט קיינמאָל ניט געטרוימט, מע זאָל וועגן אים שרײַבן אין די בלעטער. אזעלכע, ווי ער, האָט ער געטראַכט, זײַנען פאראַן ניט ווייניק.

און דאָך האָט ער דערפילט עפּעס א מאָדנעם צופלוס פון פרייד און אומרו. וואָס וועסטו לאַנג ברײַען — עס איז גוט, ווען מענטשן פארגעסן ניט אין דיר, ווען מע האַלט דיך אין זי־קאָרן, ווען מע וואַרט אף דיר. ער איז שטאָלצער געוואָרן בא זיך, געפילט עפּעס א גרויסע באַפרידיקונג.

די גאַנצע צײַט זײַנען פאר זײַנע אויגן געשטאַנען די קאָמסאָמאָלקע קלאָוועו, איר ברודער וואַסיע, וועלכן ער, ערנסט, עליע, הייסט עס, האָט אַרויסגעריסן פונעם קעלער צוזאַמען מיט א גרויסער גרופּע פּיוערים, וועלכע די דײַטשן וואָלטן געוויס אַרויסגעפירט הינטערן דאָרף און צעשאָסן. אים איז געשטאַנען פאר די אויגן זײַן אַלטיטשקע גוטע באַלעבאָסטע אָליאַנע, וועלכע האָט אים גערופן ניט אַנדערש, ווי דער „גוטער דײַטש", און ווען ער האָט פארלאָזט איר שטיבל, האָט זי אים מיט טרערן באַגלייט, איבערגעצײלעמט אפן וועג, צוגעווונטשן, ער זאָל לאַנג לעבן און געזונט זײַן.

א סאַך, א סאַך מענטשן זײַנען אים איצט געקומען אפן זיקאָרן און אים האָט אַלץ שטאַר־קער געצויגן צו זיי. בא צוואַנציק יאָר אַדורך, און מע האָט אים ניט פארגעסן!

עטלעכע טעג איז עליע פּרענקיס אַרומגעגאַנגען אונטערן אײַנדרוק פון דער בריוו, און די כאַווײרים אף דער אַרבעט האָבן ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן בא אים, פאַרוואָס איז ער אזוי אומגעוויינלעך פריילעך און אופגערעגט?

ביכלאַל האָט אים נאָך דאָ קיינער ניט געזען קיין פאַרומערטן, קיין אומעטיקן. מע האָט אים דאָ ליב געהאַט פאר זײַן אָפּנהאַרציקייט, מונטערקייט. פאר דעם, וואָס בא אים איז שטענ־דיק געווען אף דער צונג א כאָכמע, א גוטער וויץ, א לעבעדיקע געשיכטע און מיט אים איז טאָמיד און אומעטום געווען גוט און פריילעך. נאָר אזא, ווי איצט, האָט מען אים נאָך ניט גע־זען און זיך ניט געקאָנט דערפרעגן, וואָס איז אף אים אָנגעפאַלן. דערציילן די מענטשן וועגן דער בריוו, וועט עס גלײַך באַוווּסט ווערן איבערן גאַנצן צעך, און ער האָט עס ניט געוואָלט. אָבער וואָס קאָן מען טאָן, — אַלציינס וועט אויסקומען גיין צום דירעקטאָר בעטן אורלויב, און ער וועט מוזן דערקלערן די סיבע פון דער דרינגענדיקער רײַזע.

און עליע האָט לאַנג באַקלערט, וויאַזוי דורכפירן דעם איניען.

עטלעכע טעג איז אַדורך, און דאָס ווײַב האָט אים באַגעגנט מיט נאָך א בריוו.

עליע האָט געעפנט דעם קאָנווערט און אָנגעהויבן לייענען. און ווידער האָט זיך צעשײַנט זײַן פּאָנעם.

„א גרוס פון קריוואָי ראָג פון מעדניק וואַסילינע", — האָט ער געלייענט די צעפּאָרענע אויסיעס אפן בייגעלע פּאַפּיר פון א העפט. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן, באַמיִע־דיק זיך דערמאָנען די קאָלווירטלערן פון א קליין דערפל בא קריוואָי ראָג, ווו ער איז אַמאָל געשטאַנען א קורצע צײַט. דאָס פּאַשעטע בריוול מיט די פּראָסטע ווערטער האָט אים גע־רירט בא דער נעשאָמע.

„א גוטמאָרגן, טײַערער כאַווער איליא, און אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, וועל איך אײַך רופן לויט דער אַלטער געוווינהײַט, ווי דעמלט — פּעטראָ לאָזוטין. אוי, וויפל צײַט איז שוין אוועק פון יענע טעג פון אונדזערע גרויסע צאָרעס!

ביז איצט געדענק איך נאָך, וויאַזוי איר מיט עטלעכע כאַווערע האָבן שפּעט באַנאַכט בא מיר אין קלוניע געקוילעט א בעהיימע און דאָס פליש איבערגעשיקט צו די פּאַרטי־זאַנער אין וואַלד און וויאַזוי איר האָט געמאָלט מעל פאר די נעקאָמענעמער. סאָראַ געפּאַר דאָס איז געווען! האָט מען אײַך כאַטש געגעבן א גוטע באַלוינונג דערפאַר, וואָס איר האָט געפירט אזא שווערן קאַמף קעגן סוינע, דערפאַר, וואָס איר האָט אַלץ אזוי גוט אָרגאַני־זירט? און ווער פון אײַערע כאַווײרים, וואָס האָבן אײַך געהאָלפן, איז געבליבן לעבן? און מיט וואָס האָט מען אײַך באַלוינט פאר אײַער העלדישער אַרבעט? שרײַבט מיר ענטפער.

און שרײַבט מיר, ווי לעבט זיך אײַך און אײַער פֿאַמיליע? איך וווין אין קריוואָי ראָג, אויף קימאָווסקע־גאַס, אַרבעט איצט אויף דער באַזע נומער 17. די טאָכטער ווינט ניט ווײַט פֿון מיר, און דער זון דאַרף זיך שוין אינגיכן אומקערן פֿון מיליטערישער דינסט. אַ טאַנקיסט איז ער, אַ סערזשאַנט. איך קרענק אויף סקלעראָז פֿונעם האַרצן, ווײַזט אויס, פֿון די צאָרעס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דער מילכאָמע־צײַט אונטער דער אָקופּאַציע...״

ער האָט צוויי מאָל מיט פֿאַרגעניגן איבערגעלייענט די בריוו פֿון דער קאָלווירטלערן. געטראַכט, אַז פֿאַר אַזעלכע גוטע, פּראָסטע און האַרציקע מענטשן, וואָס פֿאַרמאָגן אַזאַ גוטן זיקאָרן, איז קעדײַ געווען אײַנשטעלן דאָס לעבן, זיך מאַקריוו זײַן, גיין אין פֿײַער און אין וואַסער.

ער האָט נאָך ניט באַוויזן ענטפֿערן אויף דער בריוו וואַסילינע מעדניק, ווי עס איז אָנגעקומען נאָך אַ בריוו. פֿונעם דאָרף רוזשעווקע, וואָס ליגט ניט ווײַט פֿון אומאַן, ווו ער מיט זײַנע כאַווײרים האָבן „געבויט״ די אײַזנבאַן־צווײַג.

איצט האָט אים געשריבן ליובע בראַוועץ, גנאַטס טאָכטער, וועלכע מע האָט דעמלט געוואָלט אוועקשיקן קיין דײַטשלאַנד, און ער, זייער קוואַרטיראַנט, דער איבערזעצער פּעטראָ לאַזוטין, האָט זי אָפּגעראַטעוועט. און געשריבן האָט זי ניט בלויז אין איר נאָמען, נאָר אין נאָמען פֿון איר פֿאָטער, גנאַטן, און אין נאָמען פֿון אַ סאַך שכיינים, אײַנוווינער פֿון רוזשעווקע, וואָס, לאָזט זיך אויס, געדענקען אים נאָך גוט און וואַרטן מיט אומגעדולד, ער זאָל זיי אָנטאָן דעם קאָוועד און פֿאַרגעניגן און קומען צו זיי צוגאַסט, ווו מע וועט אים, ווי ליובע שרײַבט, אופֿנעמען, ווי מע נעמט אויף אַן אייגענעם ברודער.

ער האָט געלייענט די בריוו און טרערן זײַנען אים געשטאַנען אין די אויגן.

„גוטמאָרגן, כאָשעווער איליאַ איסאַקאָוויטש, פּעטראָ לאַזוטין! מיט האַרציקע גרוסן ווענדן זיך צו דיר דײַנע געוועזענע באַלעבאַטים, גנאַט בראַוועץ, דאַשע אַרכיפּאָוונאַ און ליובע. אַנטשולדיק, וואָס מיר ווענדן דיך רופֿן, אַזוי ווי מיר זײַנען געווען געוווינט דיך רופֿן: פּעטראָ לאַזוטין. פּעטראָ, מיר זײַנען שטאַרק אויפֿגערודערט, און פֿון טיפֿן האַרצן צופֿרידן, וואָס דו לעבסט, און מיר קענען דיר שרײַבן אַ בריוו. מיר האָבן אַזוי לאַנג גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן דיר, ניט געהערט. אָפּט, זייער אָפּט, דיך דערמאָנט און דערמאָנען דיך. מיר דערמאָנען זיך אין יענעם גליקלעכן אָפּדערנאַכט, ווען דו האָסט אונדז געבראַכט אַ צײַטונג, ווו מיר האָבן צום ערשטן מאָל פֿאַר אַזאַ צײַט דערזען אַ סאָוועטישן סאָלדאַט מיט פּאָגאָנעס אויפֿן בילד. דערנאָך איז אונדז זייער אָפּט אויסגעקומען פֿאַרהאַקן די טיר, פֿאַרהענגען די פֿענצטער און לייענען סאָוועטישע נײַס פֿונעם פֿראָנט, וואָס דו האָסט אונדז געבראַכט, און לייענען עס אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע, ווו עס האָבן געוועלטיקט די דײַטשן, איז פֿאַר אונדז געווען אַ גרויסע פֿרייד.

מיר דערמאָנען דײַן העלדישקײַט, ווי דו האָסט דורך די נעכט איבערגעשיקט פֿאַר די פּאַרטיזאַנער ברויט, פֿלייש, מעדיקאַמענטן און אַלץ...

אַלץ האָבן מיר זיך דערמאָנט און, טראַכטנדיק, אַז דו ביסט שוין אויף דער וועלט ניטאָ, געזאָגט: זאָל דיר גרינג זײַן די ערד. אָבער עס לאָזט זיך אויס, אַז מיר האָבן אַ טאָעס געהאַט! דו לעבסט! דו ביסט אומשטערבלעך!

דיר, פּעטראָ, פּאַסט ניט שטאַרבן. אַזויפֿיל גוטס האָסטו געטאָן פֿאַר מענטשן! דאַרפֿסט לעבן און געניסן פֿון דער פּרוכט פֿון דײַן העלדישקײַט.

וועגן דעם, ווער דו ביסט און וואָס פֿאַר אַ מענטש דו ביסט, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן. שפּעטער האָט מיר וועגן דיר דערציילט מײַן ברודער, דער לערער יורקאָ בראַוועץ. מיר האָבן געוווּסט און געשוויגן. נאָר פֿאַרוואָס, זײַענדיק געזונט און שטאַרק, האָסטו זיך נאָך דער מילכאָמע דערלויבט שווײַגן אַזאַ צײַט? דאָס וועלן מיר דיר ניט מויכל זײַן. וועסט קומען צו אונדז, וועלן מיר דיך צווינגען אויסטרינקען שטראָף.

איז אָט וואָס, הער אויס, פּעטראָ! אַלץ וועסטו ניט באַשרײַבן, נאָר מיטן גאַנצן האַרצן ווילט זיך באַגעגענען מיט דיר, זיך דורכשמועסן וועגן איבערגעלעבטן און איצטיקן לעבן. איך בעט דיך, און אַלע בעטן דיך, קום צו פֿאָרן צו אונדז קיין רוזשעווקע, זײַ אַזוי גוט!

איך בעט דיך, ווען דו וועסט באַקומען אונדזער בריוו, איז שאַבעס, דאָס הייסט, דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן סענטיאַבער, פֿאָר אַרויס צו אונדז אָדער מיטן אויטאָבוס, אָדער מיט אַ טאַקסי ביז אומאַן, און פֿון אומאַן גייט אַן אויטאָבוס צו אונדז אין דאָרף אַכט מאָל אַ טאָג.

קום צו פאָרן! מיר וואַרטן זייער אויף דיר, מירן זײַן גליקלעך דיך באַגעגענען. מיר וואַרטן, מיר וואַרטן, מיר וואַרטן אויף דיר!

מיט האַרציקן גרוס צו דיר און דײַן פאַמיליע דײַנע גנאַט, דאַשע.

געשריבן ליובע בראַוועץ.

רוזשעווקע".

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען צו אים בריוו פון פאַרשיידענע שטעט און דערפער, און ער, עליע פרענקיס, האָט ניט באַוויזן ענטפערן יעדן איינעם. ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וויאַזוי און ווען ער וועט קענען אויספילן אַלע באַקאַשעס, אַלץ באַשרײַבן און דעריקער דערינגענד קומען צוגאַסט.

אַלע טאָג, קומענדיק פון דער אַרבעט, האָט ער געטראָפן אויפן טיש נײַע און נײַע בריוו, וואָס האָבן געפרייט, געררעגט, געמונטערט, גערירט, געוועקט דעם זיקאָרן און פאַרפולט דאָס האַרץ מיט אַ יאַם גליק.

זיך דערוווּסט פון דער שוועסטער דעם אַדרעס, האָט אָנגעשריבן יורקאָ בראַוועץ, וועלכער האָט געוווינט ערגעץ אויף פּאַלטאַוושטשינע.

און געענדיקט האָט זיך די בריוו, ווי שטענדיק:

„קום צו פאָרן. מע דאַרף זיך באַגעגענען. אַ סאַך דאָ וואָס דערמאָנען, וואָס צו ריידן. קום גיכער צוגאַסט. איך וואַרט!"

עליע פרענקיס איז געווען פאַרטאָן אין זײַן אַרבעט, אין זײַנע גרעסערע און קלענערע דײַגעס, געהאַט אָנגעהויבן צו פאַרגעסן אין דער מילכאָמע, נאָר די בריוו האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן פרידלעך לעבן און געבראַכט דערמאָנונגען, צעיאַטערט די אַלטע וווּנדן, און ער האָט פאַרגעסן אין שלאָף — עס האָבן זיך אים ווידער אָנגעהויבן כאַלעמען קאָשמאַרן.

עס איז געווען אינמיטן זומער, און אַרבעט אויפן זאַוואָד איז געווען אַ יאַם. וועגן אורלויב, רײַזעס, וועגן פאָרן אין געסט האָט דערווײַל ניט געקענט זײַן קיין רייד, נאָר עליעס פרײַנט האָבן זיך ניט באַרויקט, ניט אויפגעהערט שרײַבן, בעטן קומען צוגאַסט, און ער אַליין האָט פאַרשטאַנען, אַז אָפּלייגן די רײַזע איז פּאַשעט אַן אַכזאָריעס פון זײַן זײַט.

איינעם אַן אינדערפרי האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און אַרײַנגעקומען צום דירעקטאָר אין קאַבינעט.

יענער האָט אויסגעהערט די באַקאָשע פון דעם באַשיידענעם, שטענדיק לעבעדיקן און פריילעכן מענטשן און, צעפירט די הענט, געזאָגט:

— וואָס זשע, מײַן טײַערער איליאַ איסאַקאָוויטש, דו ווייסט דען ניט, אַז מיר האָבן ניט אויסגעפילט דעם פּלאַן, און קיינער קאָן איצט ניט באַקומען קיין אורלויב? געוויס ווייסט ער! נאָר וואָס קאָן ער, עליע, מאַכן, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ וויכטיקע סיבע.

ער האָט זיך לאַנג געקווענקלט, נאָר באַוויזן די בריוו.

דער דירעקטאָר, אַ באַיאָרטער, פולבלעכער מענטש אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ גרײַזן קאָפּ און צוויי דורכדרינגעוודיקע גרינע אויגן, האָט אויפגעהויבן דעם פאַרווונדערטן בליק, איבערלייענענדיק די בריוו, און געזאָגט מיט פאַרוואָרף:

— ע, ברודערקע, דאָס טויג אויף קאַפּאָרעס! אַזויפיל יאָרן אַרבעטסטו בא מיר, און ניט איך, קיינער ווייסט ניט ווער דו ביסט! ווי פאַרשווײַגט מען אַזאַ זאַך? מיר האָבן ניט געוווּסט, אַז בא אונדז אַרבעט אַזאַ העלד.

עליע פרענקיס האָט זיך פאַרויטלט, אָפּגעקערט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— כאַווער דירעקטאָר, וואָס רעדט איר? איך בין אַ געוויינלעכער מענטש, געווען אויף דער מילכאָמע אַזאַ סאָלדאַט, ווי אַלע.

— נו, נו, ווי אַלע! ווען אַלע וואָלטן געווען אַזאַ ווי דו! דײַן באַשיידנקײַט ווייסן מיר. וואָס זשע ביסטו צו מיר גלײַך ניט געקומען? אומבאַדינגט דאַרפסטו פאָרן! אָן שום רייד! צען טעג וועט זײַן גענוג פאַר דיר? נייז, פּופּצן!

דער דירעקטאָר איז געווען פאַרגאַפּט, קוקנדיק אויף דעם באַשיידענעם מענטשן. אָנגעגקוועטשט אויפן גלעקל, האָט ער אַרײַנגערופן די סעקרעטאַרן און איר געגעבן אַ פאַראָרדענונג וועגן אורלויב פאַר פרענקיסן. דערבײַ געבעטן אַרויסרופן דעם בוכהאַלטער.

דער דירעקטאָר האָט אויסגעטאָן די ברילן, זיי אַוועקגעלייגט אויף די פּאַפּירן, וואָס האָבן פאַרוואַלגערט דעם גלאַנציקן טיש, אויפגעהויבן זיך פון אָרט, צוגעגאַנגען צום פאַרויטלטן און פאַרלוירענעם מענטשן, אַרומגענומען און אָפּגעגאַן מיט אים צום ברייטן, צעעפנטן פענצטער:

— אײַ, אײַ, אײַ, איליא איסאַקאָװיטש! שמײַסן דאַרף מען דיך! קײנער האָט ניט געװוּסט, סאַרא סאָלדאַט דו ביסט געװען! איך האָב ניט געװוּסט, װער עס אַרבעט בײַ מיר אױפֿן זאַװאָד! װעסט קומען צו פֿאָרן, װעלן מיר אין קלוב צונױפֿרופֿן אונדזער אױלעם, זאָלסט אַלץ דער־צײלן. זאָלן די מענטשן װיסן. דעריקער, די יונגע כװורע. באַלד װעל איך באַפֿױלן דעם פֿי־נאַנס־מיניסטער פֿון זאַװאָד, ער זאָל דיר אױסשרײַבן אַ ביסל געלט פֿונעם דירעקטאָר־פֿאָנד.

— צוליב װאָס?

— שטיל! רויק! — האָט דער דירעקטאָר איבערגעשלאָגן, — דו פֿאַרסט דאָך צוגאַסט. איך שטעל זיך פֿאָר, װאָס פֿאַר אַ באַגעגענישן עס װעלן דאָרטן זײַן. איז אָט, װעסטו פֿאַר דײַנע פֿרײַנט אײַנקױפֿן מאַטאָנעס, סװועניר... אַ קלײניקײַט, צװאַנציק יאָר זיך ניט געזען! גײ, באַקום די פּרעמיע. דו האָסט דאָס בײַ אונדז ערלעך פֿאַרדינט מיט דײַן אַרבעט אױפֿן זאַװאָד און ביכלאַל. ניט קײן סאַך אַזעלכע, װי דו, װעסטו איצט באַגעגענען.

— אַ דאַנק, כאַװער דירעקטאָר, — האָט שטיל אַרױסגעבראַכט עליע, — אַ דאַנק.

— אַ־אַ! הער נאָר, אַ דאַנק, זאָגט ער, — האָט מיט פֿאַרװוּרף איבערגעשלאָגן דער דירעק־טאָר, — דיר, איליא איסאַקאָװיטש, קומט פֿון אונדז אַלעמען אַ גרױסן דאַנק, אָט אַ טײַװל! און מיר האָבן גאָרניט געװוּסט.

דער דירעקטאָר האָט אים אַרױסבאַגלײט פֿון קאַבינעט.

— אָט װאָס, איליא איסאַקאָװיטש, װען דו װעסט זיך אומקערן, זאָלסטו גלײַך קומען צו מיר. אָן שום רײד. און אױב מײַן גאָסקאָנטראָל, די סעקרעטאַרן, װעט דיר זאָגן, אַז איך נעם ניט אױף, בין שטאַרק פֿאַרנומען, זאָלסטו ניט לײגן קײן אַכט. קום גלײַך אַרײַן!

— אַ גרױסן דאַנק.

— װידער אַ דאַנק? איך זאָל דאָס מער ניט הערן. דיר קומט אַ דאַנק!

װען עליע פּרענקיס איז געגאַן צום װאָקזאַל נאָך אַ בילעט, האָט ער זיך אַ ביסל פֿאַר־לױרן, ניט װיסנדיק װוּהין פֿריִער דאַרף ער פֿאָרן — קײן ניקאָלײַעװוּקע, קריװאָי ראָג, קײן רוזשעװוּקע, און עפּשער גאָר קײן אַנאַניעװ, װוּ ער איז דורכגעגאַן מיט זײַן פּאַרטיזאַנישער גרופּע און אומדערװאַרט, אין טיפֿן װאַלד, אָנגעטראָפֿן אױף אַ באַהעלטעניש, װוּ ער האָט באַ־געגנט עטלעכע ייִדישע מישפּאָכעס — פֿרױען מיט קינדער, עטלעכע אַלטע לײַט, װעלכע האָבן זיך דאָרט אױסבאַהאַלטן.

יאָ, ער װעט װי־ניט־איז געפֿינען אַ פּאָר טעג אױף אַראָפּכאַפּן זיך אױך קײן אַנאַניעװ, זיך באַגעגענען מיט יענע מענטשן, כאָטש קײן בריװ פֿון זײ האָט ער ניט געהאַט.

דערװײַל האָט ער באַשלאָסן פֿאָרן קײן ניקאָלײַעװוּקע.

זיצנדיק אין װאַגאָן, האָט ער זיך געװאָלט פֿאָרשטעלן, װי װעט זײַן די באַגעגעניש נאָך אַזאַ צײַט צעשײדונג? צי װעט ער דערקענען די מענטשן? דאָס האַרץ איז געװען איבערפֿולט מיט אומרו. ער איז ניט געװען געװױנט צו פֿײַערלעכקײַטן, ניט ליב געהאַט קײן טומל. ער האָט בלױז אָנגעשריבן, װען ער פֿאָרט אַרױס, דערבײַ געבעטן, מע זאָל אים ניט באַגעגענען.

דער צוג קומט דרײַ באַנאַכט, און פֿון דעם פּאָלוסטאַנאָק ביז ניקאָלײַעװוּקע איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג. ער װעט איבערזיצן אױפֿן פּאָלוסטאַנאָק ביז עס װעט ליכטיק װערן און זיך דערנאָך דער־קלײַבן צום דאָרף צופֿוס. דעם װעג געדענקט ער גוט.

די שײנע אױסגעשטערנטע נאַכט האָט געשװעבט איבער דעם לױפֿנדיקן צוג, און אינעם צעעפֿנטן פֿענצטער האָט זיך פֿון מאָל צו מאָל אַרײַנגעריסן אַ מעכײַעדיק װינטל און געבראַכט אַ פֿאַרשיקערנדיקן גערוך פֿון ברײטן סטעפּ און צײַטיקע ברױטן.

די שכײנים פֿון װאַגאָן זײַנען שױן לאַנג געשלאָפֿן און אונטערגעכראָפּעט אױף אַלע אױפֿאַ־נים. בלױז ער, עליע פּרענקיס, איז ניט געשלאָפֿן. קײן אױג ניט געקאָנט צומאַכן. אױפֿן פּאָלו־סטאַנאָק פֿאַרהאַלט זיך דער צוג אײנגאַנצן צװײ מינוט, אױב ער פֿאַרשפּעטיקט ניט.

עפּעס האָט זיך די נאַכט געצױגן זײער לאַנג. צו לאַנגזאַם באַװעגט זיך דער צוג. ער איז געפֿאָרן, װי מע פֿאָרט צו דער אײגענער יוגנט, צו זײַן װײַטן אַמאָל, צו מענטשן, װעלכע ער האָט געזען אין די שװידערלעכסטע טעג פֿון זײער לעבן.

דער אומגעדולד האָט אים אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געמאַטערט. נאָר ביזן פּאָלוסטאַ־נאָק דאַרף שױן זײַן ניט װײַט. נײַן, ער װעט ניט װאַרטן ביז טאָג. די נאַכט איז אַ לױטערע, אָן אױסגעשטערנטע. ביז ניקאָלײַעװוּקע איז אַ קילאָמעטער זיבן, אַכט. װאָס זעט עס זיך אָן באַ אַ געװײנטעם סאָלדאַט? ער װעט זיך דורכגײן מיטן װוּנדערלעכן סטעפּ, צװישן דער הױ־כער, רױשיקער און שמעקנדיקער טװוּע. װאָס קאָן זײַן בעסער?

דער צוג איז געפֿלויגן מיטן גלײַכן סטעפּ, פּונקט ווי הונדערט רוכעס וואָלטן אים אונטער־געטריבן. די ווײַזערס פֿונעם זייגער האָבן זיך דערנעענטערט צו דרײַ. דער צוג האָט דורכ־געטראַסקעט איבער א הויכער בריק, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן איבער א טיפֿער באַלקע. אָט האָבן זיך דורכגעטראָגן א פּאָר סטויפּעס מיט לאַמטערנס אף די שפּיצן, דאָס בײַדל פֿון א סטרעלאָטשניק, עס האָבן געגומען סקריפּען די טאָרמאָזן, און דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

בלויז ער איינער האָט זיך געלאָזט איבערן קאָרידאָר צום טאַמבור, גרייטנדיק זיך אראָפּ־קריכן.

עליע האָט פּלוצעם דערהערט א טומל. מעשענע בלאָז־אינסטרומענטן האָבן פֿריילעך גע־בומען שפּילן. א מעכטיקער פּויק האָט אזוי געגומען פּויקן, אז די פּאסאזשירן אין די וואַגאָנען האָבן זיך אופֿגעכאַפּט און זײַנען צוגעפֿאַלן צו די פֿענצטער, ניט פֿארשטייענדיק וועמען איז אזוי פֿריילעך אינמיטן דער נאכט?

עליע, פּונקט ווי אלע, איז געשטאַנען א פֿארוווּנדערטער, ניט פֿארשטאַנען, וואָס קומט דאָ פֿאָר. עפּשער עפּעס א סימכע?

פֿון יענער זײַט פֿענצטער האָט זיך געהערט א געלויף, א טומל, אויסגעשרייען. מענטשן זײַנען ארומגעלאָפֿן, זיך געשטויסן.

עליע האָט פֿארגיכערט דעם טראָט, זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט פֿאר דער פּאָרענטשע, קעדיי אראָפּשפּרינגען פֿונעם הויכן וואַגאָן־טרעפּל, און דערהערט:

— ערנסט גרושקאָ! ערנסט גרושקאָ!

— ווער איז דאָ ערנסט גרושקאָ? ערנסט, מיר וואַרטן אף דיר.

די געשרייען האָבן זיך פֿארשטאַרקט, און דער ווינט האָט זיי אונטערגעכאַפּט, אוועק־טרײַבנדיק זיי אין סטעפּ, וואָס האָט גערוישט מיט זײַנע צײַטיקע ברויטן. דער אָרקעסטער האָט הילכיק געשפּילט, פֿארטויבנדיק די געשרייען.

אין וואַגאָן האָט מען געוואָרטשעט:

— וואָס פֿאר א טומל אינמיטן דער נאכט? פֿארוואָס לאָזט מען ניט שלאָפֿן?

— זעט אויס, עפּעס א שיקערע קאָמפּאַניע.

— און עפּשער א כאַסענע?

— וואָס זשע, איז מען פֿארקראָכן אזש אהער?

עליע פֿרענקיס האָט זיך דערשראָקן, דערזעענדיק לענגויס דעם צוג אזויפֿיל טומלדיקע מענטשן.

בא דער זײַט זײַנען געשטאַנען עטלעכע מאַשינעס, מאָטאָציקלעטן, וועלאָסיפּעדן. ער האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אז די אלע מענטשן זײַנען ארויסגעפֿאָרן אינמיטן דער נאכט אים באַ־געגענען.

ער איז פֿלינק, וווילוינגעריש אראָפּגעשפּרונגען פֿונעם הויכן וואַגאָן־טרעפּל, און עס האָבן זיך צו אים א לאָז געטאָן מענטשן פֿון אלע זײַטן.

דער אָרקעסטער האָט נאָך הילכיקער געגומען שפּילן. דער צוג איז נאָך אלץ געשטאַנען אפֿן אָרט, כאָטש די פּאָר מינוט זײַנען שוין אדורך. פֿון די פֿענצטער און טענדערס האָבן זיך ארויסגערוקט פּאַסאַזשירן. די מאַשיניסטן, באַמיִענדיק זיך פֿארשטיין וואָס איז געשען, וואָס פֿאר א גאַסט באַגעגנט מען אזוי ראַשיק, האָבן זיך דורכגערעדט.

דער צוג האָט גערירט, אינגיכן פֿארשוווּנדן געוואָרן מיט זײַן רויש און טראַסק. שטיל איז געוואָרן דער אָרקעסטער, און די מענטשן האָבן אונטערגעכאַפּט אף די הענט דעם לאַנגדער־וואַרטן גאַסט און מיט הילכיקע פֿריילעכע אויסגעשרייען אָנגעהויבן אים אונטערוואַרפֿן אינ־דערלופֿטן. מע האָט אים געדריקט די האַנט, געהאַלדזט און געקושט, און ער האָט זיך אינגאַנצן פֿארלוירן, זיך אײַנגעקוקט אין די צעשײַנטע פּנעמער, סטאַרענדיק זיך דערקענען די אלטע באַקאַנטע זײַנע.

אָט האָט מען פֿאַנאַנדערגעצויגן דעם קרײַז און אן אלטע פֿויערטע מיט א גרויסער וואָלע־נער שאַל אפֿן קאָפּ האָט זיך געלאָזט צו אים. ער האָט גלײַך דערקענט קלאַוועס מוטער און קלאַוועס, וואָס האָט זי באַגלייט.

— זינו טײַערער, — האָט די אלטע געזאָגט, און טרערן פֿון פֿרייד זײַנען געפֿלאָסן איבער איר צעקאַרבט פּאָנעם, — דאַנקען גאָט, וואָס דו ביסט צו אונדז געקומען. איך האָב דיך גלײַך דערקענט. מײַן זון וואסילי איז אויך געקומען. דו דאַרפֿסט אים געדענקען. דו האָסט אים אָפּגעראַטעוועט פֿונעם טויט. וויפֿל מיר איז באַשערט צו לעבן, וועל איך עס ניט פֿארגעסן, כ'וועל ניט פֿארגעסן דײַן גוט האַרץ. געדענק זשע, מײַן זון, איליא איסאַקאָוויטש, פֿון יענעם טאָג, ווען דו האָסט געראַטעוועט מײַן וואַסילן און א האַלב דאָרף מאַנצבלען, רעכן איך, אז איך האָב צוויי זין — דיך, איליא טײַערער, און וואַסילן...

און די אלטיטשקע מאריא וואסיליעוונא, קלאוועס מוטער, האָט זיך נידעריק פארנייגט פארן גאסט.

עליע פרענקיס האָט זיך פארלוירן, צוגעגאנגען נעענטער און ארומגענומען די אלטיטשקע, צוגעדריקט צו זיך:

— מאמאשע, וואָס רעדט איר? — האָט ער געזאָגט. — ניט איך האָב אָפּגעראטעוועט אייער זון, די סאָוועטישע ארמיי האָט אים, און אלע איבעריקע, געראטעוועט.

— רעד ניט, זינו! — האָט די אלטע אים איבערגעשלאָגן, — געוויס, איך פארשטיי, נאָר די ארמיי איז געווען זייער ווייט פון אונדז, און דו ביסט געווען נאָענט... זאָל דיר גאָט געבן א סאך גליקלעכע יאָר און געזונט.

ער איז געווען גערירט פון דער אלטערס רייד און ניט געוווסט וואָס איר צו ענטפערן. ער האָט אָפּגעדאנקט, זיך פארנייגט פאר איר.

— וואָס שטייען מיר! — האָט זיך אָנגערופן קלאווע, נאָך דעם, ווי זי האָט זיך הארציק געגריסט מיטן גאסט און געזען, אז ער וועט זיך פונעם אוילעם ניט ארויסרייסן ביז טאָג, — וואָס שטייען מיר? מיר וועלן פארמאטערן אונדזער גאסט. לאָמיר פאָרן אהיים. דאָרטן וואַרט מען די גאנצע נאכט...

דער אָרקעסטער האָט ווידער זיך צעהילכט, באגלייטנדיק דעם אוילעם צו די מאשינעס.

אין דאָרף איז קיינער ניט געשלאָפן. יענע, וואָס האָבן ניט געקענט פאָרן צו דער סטאנציע, האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט לעבן קלאוועס הויז.

די רוישיקע קאָלאָנע, באגעגנט פון א גרויסן אוילעם, האָט זיך אָפּגעשטעלט. אויך דאָ האָט מען אונטערגעכאפּט דעם גאסט אף די הענט און געגומען אונטערוואַרפן.

דער באגינען־נעפּל איז א ביסל צעפלאָסן געוואָרן אונטער דער שיין פון די ערשטע זונשטראלן.

אינעם געדיכטן סאָד בא קלאווען, אונטער די אלטע עפּלביימער זיינען געווען אויסגעשטעלט לאנגע טישן, אָנגעשטעלט מיט שמעקנדיקע, געשמאקע געקעכצן.

דער אוילעם האָט אָנגעפילט די גלעזער. די פרויען האָבן געזען, עס זאָל גאָרנישט ניט אויספעלן. מע האָט זיך אויסגעזעצט ווו עס האָט זיך געמאכט. א טשאטע יינגעלעך און מיידעלעך האָבן זיך געשטויסן, געזוכט, ווו זיך איינאָרדענען, מע זאָל זען דעם בארימטן גאסט, וועגן וועלכן מע האָט זיך אזויפיל אָנגעהערט און צוליב וועלכן מע איז ניט געשלאָפן די גאנצע נאכט. מע האָט מוירע געהאט, מע זאָל עפּעס ניט דורכלאָזן, און ארופגעקראָכן אף די ביימער און פּלויטן, אפן דאך און מיט פארטייען אָטעם זיך איינגעהערט, אָנגעצילט די פארגאפטע בליקן אף דעם גאסט.

מע האָט נאָך ניט אָנגעהויבן די יאָמטעוודיקע סודע. געוואַרט ביז אלע וועלן זיך ווי־ניט־איז איינאָרדענען און נעמען די גלעזלעך אין די הענט. אָט איז געקומען די באבקע אוליאנע א פארפוצטע אין איר שענסטן קאָפּטיכל. עליעס געוועזענע באלעבאָסטע, די נײַנציקיאָריקע אוליאנע, איז געקומען אָן קיינעמס הילף. אליין האָט זי זיך דערקליבן צום אויבנאָן און זיך באזעצט באנאנד מיטן גאסט. זי האָט זיך צעקושט מיט איר געוועזענעם קוואַרטיראנט און געזאָגט, האלטנדיק אין די ציטערנדיקע אויסגעהאָרעוועטע הענט די גלאָז מיט ווײַן:

— טײַערער ערנסט, טפו, וואָס זאָג איך! אָט א פארשטאָפּטער קאָפּ! טײַערער איליא איסאקאָוויטש, טײַערע שכיינים, א גרויסן דאנק אייך, וואָס איר האָט מיך גערופן אהער. א גרויסן דאנק דיר, איליא, וואָס דו ביסט צו אונדז געקומען. די אלטע אוליאנע האָט געמיינט, אז זי וועט שטאַרבן און ניט באוויזן דיך זען...

איר פּאָנעם, דאָס באדעקטע מיט א געדיכטער נעץ קנייטשן, האָט געשײַנט פון גליק. טרערן זײַנען געפלאָסן איבער אירע באקן.

זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם גאסט, פארלוירן אף עטלעכע רעגעס דאָס קאָל, פארגעסן פון וואָס זי האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן, נאָר זיך געכאפּט און פאָרגעזעצט:

— טײַערע מענטשן, טײַערער זון מײַנער, איליא, מיר האָבן ניט פארגעסן, וואָס פאר א גוטער מענטש דו ביסט. און איך זע, אז דו ביסט אף שטענדיק געבליבן אזא, לויט דײַנע אויגן זע איך דאָס. האָב איך אײַך אלעמען געוואָלט זאָגן, קינדער, איצט, אז גאָט האָט מיר געגעבן יאָרן, איך זאָל דערלעבן צו דעם שיינעם פרימאָרגן, וועל איך שוין קענען רויק שטאַרבן.

דער גאסט, וואָס איז א ביסל געקומען צו־זיך נאָך דער וואַרעמער באגעגעניש, פון וועלכער ער איז געווען גערירט ביז טרערן און לאנג ניט געקענט זיך באהערשן, האָט זיך גלײַך דערפילט, ווי בא זיך אין דער היים.

ער האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט, ארומגענומען די אלטע, זי באַרויִקט און זיך אָנגע־
רופן:

— באָבעניו! וואָס רעדט איר? אזוי טויג ניט! אויב אזוי, וועל איך גלײַך אוועקפאָרן. איך
בין געקומען און וויל, איר זאָלט לעבן! וויפל שווערע יאָרן, סאַראַ שרעקלעכע צײַטן האָט איך
איבערגעלעבט! איז אָט די שווערע יאָרן וועלן מיר אײַך ניט פארעכענען. מירן רעכענען בלויז
די גוטע. וויבאַלד אזוי, זײַט איר אלט ניט מער, ווי פערציק יאָר. עס איז נאָך ניט די צײַט פון
שטאַרבן! לעבן דאַרפט איר! איז פאַר אײַער געזונט, טײַערע באָבעשי. פאַר אײַך, מײַנע טײַערע
פרײַנט! איך בין געווירט פון אײַער פרײַנטשאַפט. איך טרינק פאַר אײַערע גוטע הערצער, פאַר
אײַער לויטערן זיקאָרן! איר אלע, אײַערע קינדער און אייניקלעך, אײַערע אור־אייניקלעך זאָלן
קיינמאָל ניט וויסן פון קיין מילכאָמעס, קיינמאָל ניט איבערלעבן דאָס, וואָס אונדז אלעמען
איז אויסגעקומען איבערלעבן. אָט פאַר דעם לאָמיר אויסטרינקען!

הילכיקע אויסגעשרייען האָבן זיך געטראָגן פון אלע זײַטן. רוישיקע אפּלאָדיסמענטן האָבן
געהערשט אינעם געדיכטן סאַד, ווו קימאַט דאָס גאַנצע דאָרף — קליין און גרויס — איז זיך
צונויפגעקומען אף דער באַגעגעניש.

מאַנצבלען און פרויען, יונגע און אלטע האָבן זיך אלע מאָל אופגעהויבן פון די ערטער
און אויסגעדריקט זייערע געפילן אין די וואַרעמע טאָסטן.

דעם גאַנצן טאָג האָט געדויערט די אומגעוויינלעכע באַגעגעניש. דערוווּסט זיך, ווער עס
איז געקומען צוגאַסט קיין ניקאָלײַעווקע, האָבן זיך אהער א לאָז געטאָן מענטשן פון די ארו־
מיקע דערפער.

מע האָט דעם גאַסט ניט געלאָזט רוען, גערופן פון איין שטוב אין דער אנדערער, געפירט
באַווײַזן די ווירטשאַפט, די באַלעבאַטישקײַט, אלץ, וואָס מע האָט באַוויזן אויסבויען און אופ־
שטעלן נאָך דער מילכאָמע, און צוזאַמען זיך געפרייט.

טעג און נעכט זײַנען געגאַנגען. מע האָט דעם גאַסט נאָך אלץ ניט געלאָזט רוען און אליין
ניט גערוט. אזויפיל האָט מען געדאַרפט ריידן, זיך דערמאָנען, באַטראַכטן! עס איז געקומען די
צײַט, ווען ער האָט זיך געדאַרפט געזעגענען, נאָר מע האָט אים ניט אָפּגעלאָזט, זיך ניט
געקענט מיט אים צעשיידן.

אָבער ווי עס איז ניט געווען שווער זיך צעשיידן, איז דאָך געקומען די נאַכט, ווען מע
האָט זיך געדאַרפט לאָזן צום באַקענטן פּאַלוסטאַנאָק.

און ווידער איז ארויסגעגאַן דאָס גאַנצע דאָרף באַגלייטן דעם גאַסט, וואָס איז פאַר אלעמען
געוואָרן צענופאָך טײַערער, נעענטער און ליבער.

און ווידער האָט זיך איבערן אומענדלעכן סטעפּ אויסגעצויגן א ריי מאַשינעס, מאָטאָציק־
לען, וועלאָסיפּעדן פּונקט אזוי, ווי דעמלט, ווען מע האָט אים באַגעגנט.

די מוזיק האָט געהילכט אין אָט דער אומגעוויינלעך־לויטערער אויסגעשטערנטער נאַכט,
באַגײַסטערטע אויסגעשרייען האָבן זיך געטראָגן פון די איבערפולטע מיט באַגלייטער מאַשינעס.
דער קליינינקער פּאַלוסטאַנאָק איז ווידער פאַרפלייצט געווען מיט גערויש, געלעכטער,
קלאַנגען פון אָרקעסטער, באַגײַסטערטע אויסגעשרייען.

דער צוג איז צוגעקומען מיט זײַן געוויינלעכן טומל. ווידער האָבן זיך דורך דעם גע־
זעגענונגס־גליאַרעם אופגעכאַפּט די פּאַסאַזשירן פון די גלעגערס און אומצופרידענע, דער־
שראָקענע, צוגעוואַקסן געוואָרן צו די פענצטער, זיך ביז האַלב ארויסגערוקט, וועלנדיק באַ־
גרײַפן, וואָס פאַר א יאָמטעוו איז היינט בא די צעטומלטע מענטשן, וואָס פאַר א געשרייען,
וואָס פאַר א באַגריסונגען, ווען מען באַגלייט מען עס אזוי פײַערלעך ארויס?

די לעצטע געזעגענונגס־ווערטער האָבן אָפּגעהילכט, די הארציקסטע ווונטשן האָבן זיך
געהערט.

מענטשן האָבן געפאָכעט מיט די היטלען, פאַטשיילעס, מיט די הענט. אפן הויכן וואַגאָן־
טרעפּל איז געשטאַנען דער באַגײַסטערטער גאַסט, געפאָכעט צום אוילעם מיט דער האַנט און
אף זײַנע אויגן האָבן געגלאַנצט טרערן פון פרייד.

א גליקלעכער האָט ער זיך אומגעקערט אהיים. אים האָט זיך געדאַכט, אז דאָס איז געווען
א ווונדערלעכער כאַלעם. ער האָט זיך גאָרניט געריכט אף אזא קאַוועד, אף אזעלכע באַגע־
געניש.

אָפּט האָבן דערמאָנט אין זיך די ווונדן, זיי האָבן אָנגעהויבן דערקוטשען, מאַטערן, אָבער
ער האָט איצט דערפילט, אז די בריוו, די גוטע ווערטער, וואָס ער האָט אויסגעהערט, איבער־
געלייענט, האָבן געהיילט בעסער, ווי אלע רעפואָס. עס האָבן ניט אופגעהערט אָנקומען אלע

מאָל נײַע בריוו, רירנדיקע, האַרציקע בריוו פון אַ סאַך ערטער, ווּהין דער מילכאָמע־ווּיכער, דער סאָלדאַטישער גורל זײַנער, האָט אים פאַרוואָרפן.

ער האָט נאָך רעכט ניט באַוויזן זיך אָפּרוען נאָך זײַן רײַזע, נאָך אַלע באַגעגנישן, ניט באַוויזן דערציילן דער פרוי און די קינדער וועגן זײַן ערשטן אַרויספאָר צו זײַן סאָלדאַטישער יוגנט, קומען צום דירעקטאָר, וועלכער האָט געבעטן דערציילן, ווּיאַזוי עס איז „דאָרטן" געווען, ווי עס איז אָנגעקומען אַ נײַע בריוו פון ניקאָלײַעווקע, וואָס האָט אים געריִרט ניט ווייניקער, ווי די באַגעגעניש מיט זײַנע אַלטע פרײַנט. קלאַווע האָט אין נאָמען פון אַלעמען באַדאַנקט פאַר זײַן באַזוך. דאָס איז געווען אַ גרויסע האַרציקע בריוו, וואָס האָט געצוווּנגען דאָס האַרץ זיך שלאָגן שטאַרקער.

קעטע אײַנאַרד לאָזט זיך הערן

ער האָט זי קיינמאָל אין לעבן ניט געזען, פראַו קעטע אײַנאַרד פון טיורינגיע, נאָר עפּעס געפילט, אַז דאָס דאַרף זײַן אַ גוטע, ערלעכע פרוי, וואָס האָט בעשאַס דער מילכאָמע פונקט אַזוי געוויטעקט, זיך געמוטשעט, געגאָסן טרערן, ניט געשלאָפן די נעכט, זיך געסטאַרעט ווי מיליאָנען אַנדערע מאַמעס און פרויען אויף דער ערד.

דאָס איז געווען דעם שאָפערס האַנס אײַנאַרדס פרוי, מיט וועמען דער גורל האָט עליען צונויפגעפירט אין יענעם שוידערלעכן זומער, ווען ער איז געלעגן אַ שווער פאַרוווּנדעטער.

ביידע זײַנען זיי געלעגן אין איין געצעלט — אַ בעטל לעבן אַ בעטל אין פעלד־שפּיטאָל.

דעמלט איז דער לייטענאַנט עליע פּרענקיס, וועלכער האָט זיך צוגעטראַכט דעם נײַעם נאָמען, ערנסט גרושקאַ, געלעגן נאָך דער שווערער אָפּעראַציע. צען מאָל אַ טאָג האָט ער זיך געזעגנט מיטן לעבן. אַלע מאָל געקומען אויף אַ פּאָר מינוט צום באַוווּסטזײַן און אים ווידער פאַרלוירן, פון ווייטעק געריסן מיט די ציין די קישן, און שפּעטער, ווען ער איז אַ ביסל געקוּמען צו־זיך, דערזען לעבן זיך, אויף פונקט אַזאַ סקריפּענדיק בעטל, אַ פאַרוווּנדעטן דײַטשישן סאָלדאַט, וואָס האָט אויף אים געקוקט מיט מיטלײַד, דערלאַנגט אַ קווערטל וואַסער און שטילערהייט אײַנגערוימט, אַרומקוקנדיק זיך מיט פּאַכעד:

— קאַמראַד, שטאַרק זיך, האַלט זיך נאָך אַ ביסל. דו וועסט לעבן...

און ער האָט מיט אַ האַנטעך אָפּגעווישט פון עליעס שטערן דעם שוויים.

— קאַמראַד, רויִקער, — האָט ער פאַרגעזעצט, — רעד ניט פונעם שלאָף. דו זידלסט אין שלאָף דעם פיורער, און דאָס קאָן זיך שלעכט ענדיקן. וועגט האָבן אויערן...

עליע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געדאַנקט פאַרן טרונק וואַסער, פאַר די גוטע ווערטער. יאָ, דאָס איז געווען אַ דײַטש! נאָר אָט דער פאַרוווּנדעטער דײַטש מיט זײַנע גרויסע טונקעלע אויגן און טונקל־בלאָנדע האָר איז עפּעס אינגאַנצן ניט ענלעך געווען אויף די שלענג, וואָס ער האָט באַגעגנט אין שלאַכט און דערנאָך, ווען מע האָט אים געטראָגן צום אָפּעראַציע־טיש.

— קאַמראַד, — האָט יענער זיך דערנעענטערט צו אים, איבערצײַגנדיק זיך, אַז אַלע פאַרווּנדעטע שלאָפן, — פאַר מיר דאַרפסטו ניט מוירע האָבן, — האָט ער אים געשעפּטשעט אויפן אויער, — איך בין פונקט אַזאַ, ווי דו, אַ שאָפער. ניט קיין עסעס. איך וועל דיר קיין שלעכטס ניט טאָן. האַנס אײַנאַרד הייס איך. אויב דו וועסט עפּעס דאַרפן, ביטע, זאָג מיר, שעם זיך ניט. איך וועל דיר העלפן, קאַמראַד.

עליע האָט ברייט צעעפנט די אויגן, געמיינט, אַז די דאָזיקע ווערטער הערט ער אין חאָלעם. נאָר ניין, עס האָט זיי נאָרוואָס אַרויסגעבראַכט אַ דײַטש, אַ פאַרווּנדעטער. יענער וואָלט געקאָנט אויסגיסן אויף אים, אויף עליען, זײַן ביטער האַרץ, דערשטיקן, דערהאַרגענען אים, און קיינער וואָלט אים, דעם דײַטש, קיין שלעכטס וואָרט ניט געזאָגט. נאָר אָנשטאָט דעם טײַנעט ער צו אים, ווי אַ גוטער פרײַנט...

„וואָס זשע הייסט עס, — האָט געטראַכט עליע, — זײַנען נאָך באַ זיי, באַ די דײַטשן, פאַרבליבן מענטשן, עכטע ערלעכע מענטשן?".

און, קוקנדיק אויף דעם שאָכן, באַשלאָסן — יאָ, עס זײַנען נאָך פאַראַן אַזעלכע אַפילו דאָ.

עס זײַנען אַדורך נאָך עטלעכע מינוט. דער שאָכן האָט אַרויסגענומען פון אונטערן בעטל אַן אַקוראַט קעסטעלע, עפּעס אַ היימישס, ניט קיין קאַזיאָנע, און פאַרזיכטיק אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ שטויביק געבעקסל און עס דערלאַנגט דעם שאָכן.

— נעם, קאמראַד, פּאַרזוך, — האָט ער מיט אַ שמייכל שטילערהייט געזאָגט, — פון דער היים צוגעשיקט מײַן קעטע. זי מוטשעט זיך דאָרטן אַליין, נאָר אַלע וואָך שיקט זי מיר צו מײַנע באַליבטע קיכעלעך. זיי זײַנען געשמאַק, פּאַרזוך.

— דאַנקע, — האָט עליע קוים אַרויסגעבראַכט, און כאָטש ער האָט ניט געהאַלטן באַם עסן, עס איז אים ניט געקראָכן אין האַלדז אַרײַן, גענומען קײַען און ניט פאַרגעסן ווידער צו באַדאַנקען דעם שאָפער.

— מײַן קעטע, קעטע איינאַרד, האָט מיר צוריק מיט פיר כאַדאָשים, ניין, פיר כאַדאָשים מיט צען טעג, געבוירן אַ מיידעלע. אונדזער ערשטלינג. איך האָב עס נאָך אַפילו ניט געזען. דאָריס האָט קעטע אָנגערופן אונדזער טאָכטער. דאָריס...

ער האָט אַרויסגענומען פון אונטערן קישעלע אַ קליינינקע פאָטאָ און זי אונטערגעטראָגן דעם שאָכן. דאָס איז געווען אַ כיינעוודיקע פּרוי, וואָס האָט געהאַלטן אויף די הענט אַ פּיצל קינד.

דער ווייטעק האָט עליען געמוטשעט, נאָר ער האָט אַ רעגע זיך אײַנגעקוקט אין קאַרטעלע און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „אַ גוטע פּרוי באַ דיר און אַ טײַער טעכטערל".

אַזוי צוביסלעך, ליגנדיק אַ בעטל באַ אַ בעטל, האָט מען זיך באַפרײַנדעט — האַנס איינאַרד און ערנסט.

דער שאָפער האָט זיך שוין אַרומגעשלעפּט אויף זײַנע מיליצעס, האָט ער דעם שאָכן געהאָלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, ניט געלאָזט, די שכיינים זאָלן אים באַליידיקן, „דעם רוסישן טײַוול". פאַרזיכטיק געהאָדעוועט און פאַרלאָפן אים אַלע וועגן.

האַנס האָט, ליגנדיק אויף זײַן בעטל, קימאַט אַלע טאָג געשריבן בריוו דער פּרוי און דערבײַ דערציילט וועגן זײַן אומגליקלעכן שאָכן ערנסטן.

דער שאָפער האָט זיך אַ סאַך פריִער פאַר ערנסטן אויסגעשריבן פון שפּיטאָל און מע האָט אים ווידער איבערגעלאָזט דינען אין דער קאָמאַנדע, באַם רודער פון דעם נאַטשאַלניקס מאַשין.

האַנס איז אָפּט געקומען צו זײַן באַקענטן, געבראַכט, וואָס עס האָט זיך געלאָזט פון דעם, וואָס די פּרוי האָט אים צוגעשיקט. זעט אויס, אַז דאָס האָט ער, האַנס, געפּועלט באַם שעף, אַט דער פאָלקסדויטש זאָל בלײַבן, ווי אַן איבערזעצער, אָפּטלעך אַרײַנגעוואָרפן עטלעכע גוטע ווערטער וועגן דעם ערנסטן, און דער שעף האָט אָנגעהויבן צוביסלעך צוגעווינט ווערן צו אים, זיך באַצויגן אַ ביסל מילדער, ווי צו די איבעריקע קריגסגעפאַנגענע, וועלכע האָבן געאַרבעט באַ דער קאָמאַנדע אויף אַלע שווערע און געפערלעכע אַרבעטן.

האַנס האָט שווער איבערגעלעבט דאָס, וואָס ער געפינט זיך אַזוי ווײַט פון דער היים, ווי אויך דאָס, וואָס דאָרטן איז געבליבן די פּרוי מיט דער קליינינקער דאָריס אין אַ האַלב־צע־באָמבירטן הויז, אָן שום מיטלען צום לעבן, און ער האָט זיי מיט גאָרנישט ניט געקאָנט העלפן. ער האָט שוין ניט באַהאַלטן פון ערנסטן זײַנע קראַמאָלע געדאַנקען.

קאָלזמאַן האַנס איז געווען אין דער קאָמאַנדע, האָט זיך ערנסט געפילט זיכער. יענער האָט ניט געלאָזט, מע זאָל אים באַליידיקן, ניט איין מאָל אַרויסגעראַטעוועט פון אַ שווערער לאַגע, פון אַ מעסירע.

די פרײַנטשאַפט מיט דעם פראָסטן שאָפער האָט דעם איבערזעצער שטאַרק מיטגעהאָלפן. זעענדיק, אַז דעם שעפס שאָפער איז אַזוי נאָענט מיט דעם ערנסטן, האָבן די סאָלדאַטן אויף אים אָנגעהויבן קוקן גאָר מיט אַנדערע אויגן.

ניט איין מאָל האָט דער שאָפער אים דערמאָנט, אַז אויב מיט אים, מיט האַנסן, וועט גע־שען אַן אומגליק, זאָל ער, ערנסט, אומבאַדינגט אָנשרײַבן דער פּרוי קעטען און דעם טעכטערל, און אים פאַרטרויט זײַן אַדרעס. האַנסן האָט די גאַנצע צײַט געמאַטערט אַ שווערער פאַרגע־פיל, אַז ער וועט ניט אַרויס קיין לעבעדיקער פון דער מילכאָמע, אַז ער וועט קיינמאָל ניט זען זײַן טאָכטערקע דאָריס.

האַנס האָט אַלץ געוווּסט וועגן זײַן כאַווער, זיך אָנגעשטויסן, אַז ער איז אַ רוס און, דאַכט זיך, אַפילו אַ ייִד פון אוקראַיִנע, פון פּאָדאָליע, נאָר ער האָט דאָס באַהאַלטן טיף אין זיך, אַפילו מוירע געהאַט אַן איבעריק מאָל אַ טראַכט טאָן וועגן דעם.

שווער איז געוואָרן ערנסטן אויפן האַרצן, ווען עס איז געקומען די צײַט זיך צעשיידן מיט זײַן כאַווער, וועלכן מע האָט אוועקגעשיקט אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. ערנסט האָט זיך אַפילו ניט פאַרגעשטעלט, וואָס ער זאָל שרײַבן דער פּרוי קעטען וועגן איר מאַן? ווי האָט ער געקענט וויסן, וואָס מיט יענעם איז געשען דערנאָך?

נאָר ער האָט אויף שטענדיק פאַרהיט דעם אָנבליק פון דעם אופריכטיקן, באַשיידענעם שאָ־פער האַנס איינאַרד, אָפּטלעך אים דערמאָנט, און זיך ניט געקענט פאַרשטעלן, ווי אַזוי וועט ער זיך דערוויסן וועגן יענעמס ווײַטערדיקן גוירל.

ער האָט ניט אויסגעפּילט האַנס׳ באַקאַשע. ניט אָנגעשריבן קעטען וועגן איר פאַרפאַלנגע־וואַרנעם מאַן, ניט געוואָלט צעיאַטרענען אירע ווונדן.

די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, און אין דעם רושיקן לעבנס־מישמאַש האָט עליע פּרעג־קיס פאַרגעסן דעם כאַווערס אַדרעס, גאָרניט אָנגעשריבן האַנס׳ פרוי.

די צײַט איז געגאַנגען, און עליע האָט זיך געבײַזערט אַף זיך אַליין, וואָס ער האָט ניט אויסגעפּילט דעם כאַווערס באַגער. זאָל זײַן שפּעט, נאָר ער מוז אָנשרײַבן, זיך נאָכפרעגן, זיך דערוויסן. אָבער ווי ער האָט ניט אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן, האָט ער זיך ניט געקאָנט דער־מאָנען דעם אַדרעס פון קעטען און ווו זיך אָנפרעגן, האָט ער אויך ניט געהאַט קיין פאַרשטע־לונג.

ערגעץ איז באַ אים דער אַדרעס, עמעס, געווען פאַרצייכנט, נאָר דעמלט, ווען ער איז דאָס לעצטע מאָל שווער פאַרווונדעט געוואָרן, איז פאַרלוירן געגאַן זײַן פעלד־טאַש און צוזאַמען מיט אים אַלע זײַנע פּאַפּירן און אַדרעסן. נאָר זעט אויס, אַז ניסים טרעפן דאָך אַף דער וועלט!

אין איינער אַ האַרבסטיקער נאַכט, ווען עס איז זיך שלעכט געשלאָפן, און שווערע כאַ־לוימעס האָבן זיך געבאָמבלט אין מויעך, איז אים געקומען אַפן געדאַנק זײַן כאַווער האַנס. ער איז געשטאַנען איבער זײַן געלעגער און געשעפּטשעט: „ערנסט, אויב מיט מיר וועט עפּעס שלעכטס געשען, שרײַב אָן מײַן קעטען, דאַריסן. פאַרגעס ניט... פאַרגעדענק דעם אַדרעס״. און אין דער מינוט האָט זיך עליע אופגעכאַפּט פונעם געלעגער. זיך דערמאָנט דעם אַדרעס! אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, האָט ער געכאַפּט אַ בלײַער, אַ שטיקל פּאַפּיר, און גלײַך פאַרשריבן. ער זאָל שוין מער אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

און איַנגיכן האָט ער אָנגעשריבן און אָפּגעשיקט קעטען אַ בריוו. אַ לאַנגע צײַט איז אַדורך. קיין ענטפער איז ניט געווען. עליע האָט זיך געערגערט. זעט אויס, טאַקע ניט באַשערט אויס־פּילן דעם כאַווערס באַקאַשע. דער אַדרעס, וואָס איז אים געקומען אין כאָלעם, איז געווען, מינאַסטאַם, ניט קיין פּינקטלעכער, און קעטע האָט זײַן בריוו ניט באַקומען.

עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז כאָטש דער אַדרעס איז געווען אַ ביסל איבערגעפּלאָנ־טערט און די בריוו האָט לאַנג געוואַנדערט איבער דײַטשלאַנד, האָט זי דאָך געפונען דעם אַדרעסאַט!

און נאָך דער רײַזע זײַנער קיין ניקאָלײַעווקע איז אָנגעקומען אַ בריוו, און עליע איז איבעראַשט געוואָרן, איבערלייענענדיק אַפן קאָנווערט אַ באַקאַנטן נאָמען מיט אַ פאַמיליע „קעטע איינאַרד״...

דאָס האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן. ניט זײַן כאַווער האָט געשריבן דעם בריוו, נאָר די פרוי, עפּשער זײַן אַלמאָנע? — האָט אַ שניט געטאָן אין מויעך. און ער האָט שנעל, אומרויִק צעעפנט דעם קאָנווערט און זיך פאַרטיפט אין די אַקוראַטע שורעס:

„טײַערער ערנסט!

מיט גרויסער פרייד און אומרו האָבן מיר געלייענט אײַער בריוו. יאָ, ווי וואָלט זיך געפרייט מײַן האַנס, ווען ער וואָלט געהאַט די מעגלעכקײַט, נאָך אַזאַ מילכאָמע, באַקומען פון אײַך אַ פריידיקע יעדיִע, אַז איר לעבט!

צום באַדויערן, איז ער שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. דעם 8 מאַרט 1945 יאָר איז ער אומגעקומען, בוכשטעבלעך, ערעוו דעם סאָף פונעם קריג.

אָך, ווי ער האָט געטרוימט זיך אומקערן אַהיים! באַזונדערס האָט ער שטאַרק גע־בענקט און געטרוימט זען זײַן קליינינקע טאָכטער דאַריס.

און איצט ווענדע איך זיך צו אײַך, מײַן ליבער ערנסט, — דערלויבט מיר אויך אַף ווײַטער אַזוי אײַך אָנרופן.

איר זײַנט פאַר אונדז גאָרניט קיין פרעמדער מענטש. וועגן אײַך האָט מיר אַ סאַך דער־ציילט מײַן מאַן האַנס, ווען ער איז דאָס לעצטע מאָל געווען אין אורלויב סאָף 1944 יאָר. ער האָט מיר וועגן אײַך געשריבן אין יעדער בריוו. איר זײַנט דעמלט געווען נאָך זייער יונג און זייער שיין. איר האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַף מײַן מאַן און אַף זײַנע פרײַנט. אַלץ איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, וואָס איר האָט זיי געזאָגט.

איך בין באַזונדערס שטאָלץ געווען און באַגײַסטערט דערפון, וואָס איר האָט מיר געשריבן, אַז מײַן מאַן און זײַנע פרײַנט האָבן אײַך געראַטעוועט דאָס לעבן.

צום באַדויערן, האָב איך ניט די אַדרעסן פון מײַן מאַנס פרײַנט, און איך קאָן אײַך די אַדרעסן ניט צושיקן. מעגלעך, עס וועט זיך אײַנגעבן עמעצן פון זיי געפינען, דעמלט וועל איך גערן אײַך געבן צו וויסן.

כאָטש איך האָב אײַך קיינמאָל ניט געזען און עס זײַנען אַוועק אַ סאַך יאָרן זינט יענער צײַט, ווען איר האָט זיך צעשיידט מיט מײַן מאַן, דאָך קען איך אײַך גוט. צווישן

א סאך פאָטאָגראַפיעס, וואָס האַנס האָט מיר צוגעשיקט, איז פאַראַן איין פאָטאָ, ווו איר שטייט באַנאַנד מיט מײַן מאַן. איך שיק אײַך אַרויס אַ קאָפּיע.

איין זאַך וווּנדערט מיך, לעמײַ האָט איר צוואַנציק יאָר געשוויגן און ניט געגעבן צו וויסן וועגן זיך? שטענדיק וועל איך מיט אומגעדולד וואַרטן אַף אײַערע בריוו. אַנטשול־דיקט, וואָס איך שרײַב אײַך אַף דער דײַטשישער שפּראַך. איך גלייב, אַז אײַך וועט ניט שווער זײַן צו לייענען.

מיר שיקן אײַך אַ האַרציקן גרוס. איך וואַרט אַף אײַער ענטפער.

קעטע אײַנאַרד".

עליע פרענקיס האָט פאַרזיכטיק צונויפגעלייגט די בריוו און זי אַרײַנגערוקט אין טיש־קעסטל. ער איז לאַנג געזעסן פאַרטאָן אין זײַנע אומרויִקע געדאַנקען.

יאָ, ניטאָ, הייסט עס, האַנס. אומגעקומען ערעוו דעם סאָף פון מילכאָמע.

דער טײַוול ווייסט עס, אויפּיל פרעכע פאַרבערעכער, עססעסאָווצעס, וועמענס הענט זײַנען אויסגעווייקט אין אומשולדיק בלוט, האָבן זיך אומגעקערט אהיים, שפּאַצירן אַרום איבער די גאַסן און פּאַרקן, עטעמען מיט פרישער לופט, לעבן אַ מעשוגענעם טאָג, טרוימען וועגן נײַע מילכאָמעס און נײַע טויט־לאַגערן, און ער, דער ערלעכער שאָפער האַנס אײַנאַרד, ליגט אין דער ערד.

שווערע מאַכשאָוועס האָבן אים באַלאַגערט און ער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. זיך געלאָזט גיין מיט דער גרינער אַלייע אַראָפּ באַרג, צום טאַל, ווו עס טראָגן זיך טאָג ווי נאַכט שנעלע צוגן אַף מײַרעוו. ער האָט לאַנג געבלאָנקעט, געטראַכט, געווייטעקט, און ווען עס איז גוט פינצטער געוואָרן, זיך אומגעקערט אהיים.

די פרוי און די קינדער זײַנען אײַנגעשלאָפן. און ער, צוזעצנדיק זיך צום טיש, האָט גע־נומען שרײַבן אַ בריוו דעם כאַווערס פרוי. ער האָט געדאַרפט אָנשרײַבן קעטען אַלץ וועגן איר מאַן, זאָגן סאַראַ מענטש דאָס איז געווען, זאָלן זיי — זי און איר טאָכטער, דאָס וויסן. ער האָט געבעטן, זיי זאָלן אויסקלײַבן צײַט, ווען עס וועט זיי זײַן באַקוועם, און קומען צוגאַסט, מע דאַרף זיך באַקענען. זיך גוט דורכשמועסן. ער דאַרף זיי זייער אַ סאַך דערציילן וועגן האַנסן. כאָטש ער האָט זיי קיינמאָל ניט געזען, קעטען און דאָריסן, נאָר ער קען זיי פון לאַנג. עס איז ניט געווען קיין טאָג, האַנס זאָל ניט געווען אים דערציילן וועגן זיי, ניט לייע־נען קעטעס בריוו, ניט מעכאַבעד זײַן אים מיט זײַנע קיכעלעך, געבעקסן, וואָס זי האָט אַזוי אָפט אים צוגעשיקט פון דער היים. ווען זיי וועלן קומען, וועט ער, ערנסט, זיי באַגעגענען, ווי עכטע פרײַנט, ווי אייגענע, און ווי אין רוסלאַנד איז אָנגענומען באַגעגענען גוטע מענטשן, וואָס קומען אהער מיט גוטע קאַוואָנעס.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט אים קעטע אײַנאַרד פרײַנטלעך אָפּגעדאַנקט פאַר זײַן האַרציקער און רירנדיקער בריוו, ווי אויך פאַר דער אײַנלאַדונג קומען צוגאַסט.

לײַדער, האָט זי געשריבן, וועט זי זיך ניט קענען באַנוצן מיט זײַן ליבער אײַנלאַדונג, ווײַל זי איז שוין ניט אין די יאָרן, ווען מע איז אַ לײַכטער פּאַסאַזשיר. זי קרענקט גאַנץ אָפט און מוז זײַן נאָענט לעבן די דאָקטוירים און אַפּטייקן. דער טויט פון איר מאַן האָט בײַ איר אָפּגענומען דאָס לעצטע ביסל געזונט. נאָר ווען איר טאָכטער דאָריס, אַ לערערקע, און איר מאַן הענריך, אַ מעכאַניקער אַף אַ פּאַרפאַר־זאַוואָד אין קאַרל־מאַרקס־שטאָדט, וועלן באַקומען אורלויב, וועלן זיי גערן, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן באַנוצן זיך מיט דער אײַנלאַדונג און קומען צוגאַסט, קעדײַ זיך באַקענען פערזענלעך מיט אים, מיט זײַן פרוי און קינדער, מיט אוקראַיִנע, וואָס איז, ווי זי האָט געהערט, פּרעכטיק.

איר ענטפער האָט עליען דערפרייט. ער וועט וואַרטן מיט אומגעדולד אַף די געסט. ער וועט כאָטש אין אַ קלײנינקער מאָס אָפּדאַנקען דאָריס פאַר איר פאָטער.

...אָט דאָ ניט לאַנג, אין אַ שיינעם זומער־פאַרנאַכט, נאָך אַ שטאַרקן שלאַקסרעגן, ווען אַרום איז געווען מעכײַעדיק־פריש, און דער אַרום האָט מאַמעש פאַרשיקערט מיט זײַנע רייכעס פון בלומען און זאַט־אָנגעטרונקענע ביימער, האָבן מיר געבלאָנקעט איבער דער פאַרשטאָט פון די שיינע קיִעווער גאַסן און געסלעך.

די שטאָט האָט זיך שוין געגרייט צו איר געשמאַקן שלאָף נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג. די גאַסן זײַנען געווען פוסט, און זעלטן־ווען האָט מען דאָ און דאָרט געקאָנט באַמערקן אַ מענטשן.

מיר זײַנען אַזוי פּאַמעלעך און אומבאַמערקט אַרויסגעגאַנגען אַף טשאַקאַלאָווקע.

ערגעץ דאָ, האָב איך זיך דערמאָנט, דאַרף ווױנען מײַן באַשײדענער העלד — הערשעלע אַסטראָפּאָליערס אײניקל. און איך ווײס אַלײן ניט, פאַרוואָס איך האָב באַשטימט אַרײַנקומען צו אים אין אַזאַ שפּעטער שאָ.

ווױנען וווינט ער אין אײנעם פון די סטאַנדאַרטנע פינפשטאָקיקע הײַזער, וואָס מע האָט דאָ אַמאָל אָנגעפּלאָדיעט. זײ זײַנען ענלעך אײנס אַפן צווײטן, ווי אײן מאַמע וואָלט זײ געבאָרן, און מע קאָן גרינג זיך פאַרפּלאָנטערן און אַרײַנפאַלן אין גאָר אַן אַנדער דירע...

נאָר אָפּטרעטן איז שוין געווען שפּעט. מיר האָבן זיך גוט צוגעקוקט צו די באַקענטע איוועס, וואָס זײַנען געשטאַנען מיט פאַרנײגטע טשופּרינעס בײַ די אַרײַנגאַנגען.

און וואָס מײנט איר, אונדזער אַקשאָנעס האָט געזיגט, און מיר האָבן אָפּגעזוכט דאָס הויז אין דעם גרינעם געפּלאָנטער פון בײמער און קוסטעס.

אַפן דריטן שטאָק, ווו עס וווינט עליע פרענקיס, האָבן געברענט אַלע לעמפּ, און פון דאָרטן האָבן זיך געהערט פרײלעכע שטימען, אַ געלעכטער, און דאָס איז געווען דער בעסטער סימען, אַז מע קלײַבט זיך דאָרט נאָך ניט לײגן שלאָפן.

בײַם אַרײַנגאַנג האָב איך באַמערקט אַן אווטאָמאָביל, אַ פאַרשטויבטן און פאַרבלאָטיקטן, זעט אויס, אַקאָרשט פון ווײַטן וועג. זיך בעסער צוגעקוקט, האָב איך אַף דער מאַשין באַמערקט ניט אונדזערע — אויסלענדישע נומער־צײכנס, אַפּאָנעם פון דײַטשלאַנד...

נאָר מאַלע־ווער עס בלאָנקעט אַרום איבער אונדזערע גאַסן. ווײניק טוריסטן קומען טאָגטעגלעך באַטראַכטן אונדזער שײנע שטאָט, דעם דניעפּער, די מוזײען און פּאַלאַצן! אַ געוויינלעכע זאַך. איך האָב זיך אויפגעהויבן אַפן דריטן שטאָק, צו דער באַקענטער טיר.

לאָזט זיך אויס, אַז פון דער שטוב האָט זיך געטראָגן ניט בלויז קײן פרײלעכער געלעכטער, נאָר אויך דער געקלאַנג פון קויסעס.

זעט אויס, מע פּראַוועט אַ מאָלצײַט, אַ מישפּאָכע־יאָמטעוו, און איך בין געקומען ניט צו דער צײַט. ווײַבאַלד אַזוי, איז נאָך ניט שפּעט אַוועקגײן, ווײַל ווער ווײסט עס ניט דאָס אַלטע ווערטל וועגן דעם ניט געבעטענעם גאַסט...

אַזוי בין איך געשטאַנען אַ פּאָר מינוט, געטראַכט, וואָס מע טוט.

דער געלעכטער און די געשרײען זײַנען מיטאַמאָל שטילער געוואָרן, און איך האָב דערהערט אַ באַקאַנטע שטים:

„יאָ, איז ווו האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט? אַ, יאָ, אונדזער הערשעלע אַסטראָפּאָליער איז אַמאָל אין מעדזשיבאָזש אַרײַנגעקומען צו אַ רײַכן באַלעבאָס אין שטוב און זיך אויסגעצויגן, ווי אַ פּאָרעץ, מיט די שטיוול אַפן ווײכן דיוואַן, באַפוילן דעם רײַכן און קאַרגן סויכער דערלאַנגען ווײַן און פאַרבײַסעכץ...”

איך ווײס אַלײן ניט פאַרוואָס איך האָב גראַדע אין דער מינוט אָנגעקלונגען אין גלעקל, דערהערט שנעלע טריט. די טיר האָט זיך ברײט צעפּראַלט, און איך האָב דערזען פאַר זיך מײַן פרײַנט. זײַן פּאָנעם איז געווען פאַרפּאַליעט, די שמײכלענדיקע אויגן עטוואָס פאַרזשמורעט.

— אָ, סאַראַ גאַסט! פּונקט צו דער צײַט זײַט איר געקומען. ביטע, קומט אַרײַן!

דער באַלעבאָס פון שטוב איז געווען עטוואָס צעשטרײט, געזוכט אַ באַקוועם אָרט בײַם ענגן טיש, ווו בײַזעצן דעם פאַרשפּעטיקטן גאַסט, אָנגעגאָסן ווײַן, און ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט, געזאָגט:

— אַנטשולדיקט. איך האָב זיך ניט געגרײט. עס איז אויסגעקומען אַ מין עקספּראָמט. מײַנע געסט האָבן מיר ניט מיטגעטײלט, ווען זײ קומען.

און דאָ האָט ער זיך פאַרכאַפּט, זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן:

— גאָר פאַרגעסן. באַקענט זיך, — האָט ער אָנגעוויזן אַף אַ פולבלעכער כײנעוודיקער יונגער פרוי מיט גרויסע טונקעלע אויגן און מיט אַן אַקוראַט פאַרקעמטן קאָפּ האָר. — דאָס איז מײַן גאַסט, דאָריס אײנאַרד, פון דײַטשלאַנד. און דער קאַמראַד הײסט הענריך, — איר מאַן, אַ מעכאַניקער. דאָריס, האַנס אײנאַרדס טאָכטער, מײַן פראָנט־כאַווער. נו, און אָט די כאַווײרים קענט איר — מײַנע לאַנדסלײַט פון מעדזשיבאָזש.

מיר האָבן זיך געגריסט העפלעך, און עליע האָט צוגעגעבן:

— יאָ, שיר ניט פאַרגעסן. און איך בין עליע פרענקיס, — און דערבײַ זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואַרום! — איז אויפגעשפּרונגען דאָריס און איר אָפן פולבלעך פּאָנעם איז געוואָרן קינדערש־צאַרט, — איר זײַנט ערנסט. ערנסט גרושקאָ!

אין אײן רעגע איז עליעס פּאָנעם געוואָרן אָנגעשטרענגט, ערנסט, ער האָט זיך פאַרטראַכט און מיט אַ זיפץ צוגעגעבן:

— דאָס איז אָבער געווען דעמלט, שוין זייער לאַנג. איצט בין איך ווידער דער זעלבער, וואָס געווען — איליא פּרענקיס. דער לערער פון מעדזשיבאָזש, ווי דער אוילעם איז געוווינט מיך רופן, כאָטש שוין א צײַט ווי איך האָב זיך צעשיידט מיט דער שול.

קעדיי איבערפירן דעם געשפּרעך אף אן אנדער וועג, האָב איך זיך אַרײַנגעמישט.

— אפילע ווען איר זאָגט ניט, אז איר זײַנט עליע פּרענקיס, וואָלטן מיר געוווּסט. ווען איך בין געשטאַנען הינטער דער טיר, האָב איך געהערט, ווי איר דערציילט א געשיכטע וועגן אײַער הערשעלע אָסטראָפּאָליער. איר האָט, דאַכט זיך, ניט געענדיקט, איך האָב אײַך איבערגעשלאָגן, זעצט פאַר.

— נישקאָשע, — האָט זיך פאַרוויטלט דער באַלעבאָס, — די געסט זײַנען ערשט הײַנט גע־קומען, און איך וועל זיי נאָך דערציילן. זיי האָבן קיינמאָל ניט געהערט וועגן אונדזער באַ־רימטן מעדזשיבאָזשער לעץ... און דאָס זײַנען פרייליכע כעוורע. זיי האָבן ליב לאַכן.

— אַ, דאָס איז זייער גוט. לאַכן, זאָגט מען, איז געזונט. און איינער א באַרימטער פילאָסאָף האָט אַמאָל געזאָגט: „דער טאָג, וואָס איך האָב ניט געלאַכט, איז א פאַרפאַלענער טאָג...״

אינגיכן זײַנען מיר געוואָרן היימיש. דעריקער האָבן זיך געפילט גוט די יונגע געסט און דעם באַלעבאָס׳ כיינעוודיק טעכטערל, די סטודענטן, און דער זון, דער יונגער אינזשעניער. זיי זײַנען געזעסן נאָענט לעבן די געסט, גערעדט, געלאַכט, געשטיפט. עס האָט זיך געדאַכט, אז מע איז שוין באַקאַנט ווייסעך וויפל צײַט. און מיר, עלטערע, האָבן געקוקט אף די יונגע און געטראַכט, אז זיי האָבן שוין, זעט אויס, לאַנג פאַרגעסן, אז עס איז געווען א שרעקלעכע מיל־כאָמע, און די פאָטערס פון די געסט זײַנען אהער, אף דער דאָזיקער ערד, געקומען ווי אָקור פאַנטן, אונטערצינדער, און די דאָזיקע ערד איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט אומשולדיק בלוט.

נאָר ניין, לאָזט זיך אויס, אז דאָריס און איר יונגער מאַן געדענקען אלץ. באַ זיך אין קאַרל־מאַרקס־שטאָדט זײַנען זיי אַקטיווע אַנטיפאַשיסטן, זיי זײַנען צווישן די לײַדנשאַפטלעכע קעמפער פאַר שאָלעם אף דער וועלט, פאַר דעם, עס זאָל זיך מער קיינמאָל ניט איבערכאַזערן דער שוידערלעכער קאָשמאַר, וואָס דער דײַטשישער פאַשיזם האָט געבראַכט דער וועלט.

מיר האָבן געהערט די יונגע אופגעלעבטע געסט און געטראַכט, אז זיי זײַנען ניט פאַראַנט־וואָרטלעך דערפאַר, וואָס זייערע פאָטערס און זיידעס האָבן געבראַכט דער וועלט. און כאָטש די כעוורע האָבן דאָס גוט פאַרשטאַנען, נאָר דאָך געפילט א גרויסע אכרײַעס, און איצט זיך באַמיט טאָן אלץ, קעדיי מיט זייער האָרעוואַניע, מיט דער גאַנצער טעטיקײַט פון דערוואַקסענע, כאָטש מיט וואָס־ניט־איז אויסקויפן די זינד פון דײַטשלאַנד.

מיר זײַנען נאָך לאַנג אזוי געזעסן און גערעדט וועגן דעם באַנײַטן דײַטשלאַנד, וועגן דער יוגנט און ניט באַמערקט, ווי די צײַט איז דורכגעגאַנגען.

די שטאָט איז שוין געווען אײַנגעהילט אין שפּעטער נאַכט. פונוואַנעס האָבן זיך אהער קוים דערטראָגן די לעצטע שטימען פון די טראָלייבוסן, וואָס האָבן שוין געײַלט אף זייער אָפּרו.

מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען אפן באַלקאָן.

צויבערדיק־פריש איז געווען דער גרינער אַרום. דער הימל יאָמטעוודיק־אויסגעשטערנט, און א פולע, לויטערע לעוואָנע, וואָס האָט פאַמעלעך געשוועבט צווישן די לײַכטע קוים באַ־מערקבאַרע וואָלקנדלעך, זיך געטוקט אין זיי און ווידער אַרויס אף דער בלויער ראַכוועס.

אָן אויסגעצוואָגענע און אויסגעוואַשענע, אָן אָפּגעפרישטע פון דעם שלאַקסרעגן, וואָס האָט זיך פאַרנאַכט דאָ דורכגעטראָגן, איז דער אַרום געווען מעכײַעדיק פריש, אָנגעפילט מיטן דופט פון ליפּעס.

מיט מיליאָנען עלעקטרישע ליכט איז געווען באַצירט די באַנאַכטיקע שטאָט, אירע גאַסן און פּלעצער, וואָס האָבן געלויכטן צווישן געדיכטן גרינס.

דאָריס האָט זיך פאַרכלינעט פון פאַרגעניגן, באַטראַכטנדיק דעם אַרום:

— מײַן גאָט! — האָט זי צוגעמאַכט מיט די הענט די אויגן, — סאַרא וווּנדער, סאַרא פּראַכט. קיִעוו! איך בין שוין געווען אין א סאַך שטעט און לענדער פון אייראָפּע, נאָר אזוינס, דאַכט מיר, זע איך צום ערשטן מאָל! און וואָס טראַכסטו, הענריך, — ביסט מיט מיר אײַנשטימיק?

— געוויס. געוויס, א ווּנדערלעכע שטאָט! איך האָב זייער א סאַך געהערט וועגן איר און געלייענט.

— און איך האָב א פאָרשלאָג! — האָט דאָריס זיך אָנגערופן. — איך לייג פאָר, מיר זאָלן זיך איצט אַרײַנזעצן אין הענריכס מאַשין און זיך דורכפאָרן באַטראַכטן די באַנאַכטיקע שטאָט.

— נאָר עס איז דאָך אזוי שפּעט!

— אָט ווײַל עס איז שפּעט, וואָלטן מיר זיך געדאַרפט דורכפאָרן, — איז זי באַשטאַנען אף אירן.

— איר זײַנט געוויס פאַרמאַטערט פונעם וועג.

— מאַכט ניט אויס! מיר זײַנען אהער ניט געקומען רוען, — האָט זי איבערגעשלאָגן. — מיר דאַכט זיך, אַז נאָך אַזאַ שײַנע נאַכט וועט שווין אַזוי גיך ניט זײַן.

און זי האָט אָנגעשטעלט איר כּיינעוודיקן בליק אַפֿן שטוב־באַלעבאָס.

— איר זײַנט מײַנע געסט, — האָט עליע זיך אָנגערופֿן, — און אַלע אײַערע פֿאַרלאַנגען וועל איך גערן אויספֿילן. אויב איר ווילט, קאָן איך זײַן הײַנט אײַער באַגלייטער, אײַער גיד. און ער איז אַוועק אין צווייטן צימער זיך אָנטאָן.

— הענריק, דו ביסט גרייט?

— געוויס בין איך גרייט! מיט פֿאַרגעניגן וועלן מיר זיך דורכפֿאָרן!

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אונדזער פּולגעפּאַקטע מאַשין געפֿלויגן איבער די אײַנגעשלאָפֿענע גאַסן און פּלעצער פֿון דער הויפּטשטאָט.

דאָריס האָט זיך אַרויסגערוקט פֿונעם פֿענצטערל, זי איז מאַמעש געוווּן פֿאַרגאַפֿט פֿון דעם, וואָס זי האָט געזען אַרום, און, דאַכט זיך, גרייט געווען אַרויסשפּרינגען פֿון דער מאַשין און זיך לאָזן צופֿוס איבער די אויסגעוואַשענע טראָטואַרן.

זי האָט זיך ניט געקאָנט אָנליבן, מאַמעש באַצויבערט געווען פֿון דער שטאָט. און דאָס האָט אונדז, וואָס זאָלן מיר לייקענען, געפֿרייט.

און ווען די מאַשין איז דורכגעפֿאָרן דעם באַלויכטענעם קרעשטשאַטיק און פֿאַרקערעוועט אַראָפּ, זיך געלאָזט לענגויס דעם דניעפּער, איבער וועלכן עס זײַנען געהאָנגען די הויכע בריקן, האָט זי געבעטן העגריכן זיך אָפּשטעלן. ניין, דאָ טאָר מען ניט דורכפֿאָרן שנעל. און בכלל וועט זי אויסקלײַבן אַ טאָג, ווען זי וועט זיך לאָזן צופֿוס איבער די קיִעווער בערג און גאַסן. אַזוי איז גלײַכער. דאָס איז כּאַפּט מער, און דו זעסט יעדער אײנצלהײַט אינעם גאַנצן פּראַכט.

עליע פֿרענקיס האָט געשוויגן. ער וואָלט דעם מיידל און איר יונגנמאַן גערן דערציילט, וואָס ער האָט דאָ געטראָפֿן, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פֿון שפּיטאָל, אין וועלכע רוּינעס די שטאָט איז געלעגן, נאָר ער האָט איצט ניט געוואָלט קיינעם פֿאַטערן די שטימונג, ער האָט ניט געוואָלט צעיאַטערן די אַלטע ווונדן.

דאָריס איז שטיל געבליבן, און מיטאַמאָל איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן דער שמייכל פֿון איר פּאָנעם. זי האָט זיך פֿאַרטראַכט און זיך אָנגערופֿן:

— איך שטעל זיך פֿאָר, וויפֿל האַרעוואַניע האָבן אַרײַנגעלייגט די קיִעווער אײַנוווינער, ביז זיי האָבן אופֿגעשטעלט פֿון די רוּינעס, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אופֿגעבויט די שטאָט אַפֿסנײַ! סאַראַ גוטע מענטשן לעבן דאָ, מאַמעש עס גלייבט זיך ניט, אַז נאָך אַלעמען, וואָס די דײַטשישע פֿאַשיסטן האָבן דאָ געטאָן, נעמט מען אונדז אויף אַזוי פֿרײַנטלעך. עמעס, אונדזער דאָר איז אַף יענע אינגאַנצן ניט ענלעך און וועט קיינמאָל ניט ענלעך זײַן!

זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און נאָך אַ קורצער פּאַוזע פֿאָרגעזעצט:

— עס לייגט זיך ניט אַפֿן זינען — ווי האָט עס געקאָנט געשען, אַז מיליאָנען דײַטשן האָבן זיך געלאָזט אָפּנאַרן און פֿאַרפֿירן פֿון היטלערן, געגומען געווער און געגאַן פֿאַרטיליקן רוסלאַנד! דאָס איז אַ מעשוגאַס געווען, צי דער טײַוול ווייסט וואָס. איז דען ניט גלײַכער געווען קומען אהער, ווי גוטע פֿרײַנט?

זי האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן וועגן איר פֿאָטער, נאָר זיך פֿאַרכאַפּט, דערמאָנט זיך, אַז די מענטשן, וואָס פֿאָרן מיט, ווייסן גוט, ווער עס איז געווען איר פֿאָטער.

הענריק, וואָס איז די גאַנצע צײַט אַ שווײַגנדיקער געזעסן באַם רודער, האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— געוויס, דאָריס, ביסט גערעכט. כּאָטש מיר זײַנען דעמלט נאָך אַף דער וועלט ניט געווען, אָדער געלעגן אין די ווינדעלעך, נאָר מיר האָבן אויך געפֿילט דעם טאַם פֿון דער מילכאָמע, וואָס היטלער האָט געבראַכט אַף דער ערד. ווי האָט עס טאַקע געקאָנט געשען, וואָס אונדזערע פֿאָטערס און זיידעס זאָלן זיך לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון אַ מאַניאַק? אַ גוילעם? מיר זײַנען דערין אַבסאָליוט ניט שולדיק און דאָך, אַז דו טרעפֿסט זיך מיט די רוסישע קאָלעגן, פֿרײַנט, איז דיר שווער זיי קוקן אין די אויגן. און, זעט אויס, נאָך גענוג יאָרן דאַרפֿן אַדורך, מיר זאָלן אויסקויפֿן פֿאַר די רוסן, ייִדן, פּאָליאַקן, ווײַסרוסן די זינד. צוריק מיט אַ צײַט זײַנען מיר מיט דאָריס, מיט אירע שילער געפֿאָרן קיין פּוילן — געווען אין אָשווענטשים, טרעבלינקע, מײַדאַנעק און אַלץ געזען מיט אונדזערע אויגן. הונדערטער טויזנטער דײַטשישע יוגנטלעכע, שילער פֿאָרן אַהין, צו די געוועזענע שוידערלעכע טויט־לאַגערן, קעדיי זען די שרעקלעכע פֿאַרברעכנס...

ער איז אַנשוויגן געוואָרן, אים איז שווער געווען וועגן דעם צו ריידן.

דאָריס האָט געקוקט אַף העגריכן. אַ שווײַגער, אַ שעמעוודיקער, האָט ער זיך זעלטן אַרײַנגעמישט אין געשפּרעך, נאָר דאָ האָט ער ניט אויסגעהאַלטן.

— גוט האָסטו, העניריך, געזאָגט!

די מאַשין איז אַלץ געפלויגן לענגויס דעם דניעפּער, דעם באַלויכטענעם פון דער זילבערנער לעוואָנע, שטערן און טויזנטער לאַמטערנס. זי האָט פּאַרקערעוועט אַרויף באַרג אַף דער פּעטראָווער אַלייע און זיך אָפּגעשטעלט אויבן, פונוואַנען מע האָט אָנגעזען אַ האַלבע שטאָט, וואָס איז געלעגן באַצירט מיט מיליאָנען פינקלענדיקע לעמפּלעך. פאַר די אויגן איז געלעגן, ווי אַף דער דלאָניע, דער דניעפּער, דער דאַרניצע, און רוסאַנאָווקע און נאָך אַ סאַך פאָרשטעט, פון דער שיינקייט און ראַכוועס האָט זיך דער קאָפּ געקאָנט פאַרדרייען.

דער קייווער פונעם אומבאַוווּסטן סאָלדאַט.

פון ביידע זײַטן גייען צום שטאָלטנעם פּאָסטאַמענט, וואָס דערגרייכט שיִר ניט די וואָלקנס און וואָס שטייט, ווי אַן אייביקער וועכטער איבער דער שטאָט, שטרענגעביימער, קוסטעס. באַם צופוסנס פון דעם גראַניט־אָבעליסק האָט געבושעוועט דער פלאַם־פײַער, וואָס ווערט קיינמאָל ניט פאַרלאָשן, און פון זײַנע אָנגעגליטע טשוהונענע פּליטעס טראָגט זיך דער אומפאַרגעסלעכער רעקוויִעם אין אָנדענק פון די סאָלדאַטן, געפאַלענע אין די שלאַכטן.

דאָס פײַער האָט געבושעוועט אין דער באַנאַכטיקער שטילקייט אַף דער הויכער דניעפּער־קרוטשע, געבושעוועט, געצאַפּלט, זיך געשלאָגן, ווי דאָס האַרץ פונעם סאָלדאַט, וואָס איז אויסגעשטאַנען אַלע ניסיוינעס, אָפּגעראַטעוועט די פרײַהייט און ערע פון אָט דער אומשטערבלעכער שטאָט.

פאַרנייגט די קעפּ, זײַנען געשטאַנען באַם צעבושעוועטן פײַער אַף די ברייטע גראַניטענע טרעפּ, דאָריס און העניריך, זיך קיין ריר ניט געטאָן, ווי זיי זאָלן מוירע האָבן צעשטערן די רו פון אָט דעם שטיקעלע הייליקער ערד.

איבער די באַקן פון האַנס איינאַרדס טאָכטער זײַנען געלאָפן טרערן, און זי האָט זיי ניט געפּרוּווט אָפּשטעלן.

אין דער רעגע האָט זי זיך ניט געוואָלט באַגעגענען מיט קיינעמס בליק. זי האָט קיין איין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט, פונקט ווי זי וואָלט דאָך געפילט אַף זיך עפּעס אַ שולד. און, מעגלעך, אַזוי איז דאָס געווען. אָט דאָ, אַף דער וווּנדערלעכער דניעפּער־קרוטשע, צווישן דעם יאַם גרינס, ווו עס וואָלט געקענט געווען אויסוואַקסן אַ שיינער פּאַרק, ווו קינדערלעך וואָלטן זיך געשפּילט און זיך געפרייט, געזונגען, געטאַנצט און געלאַכט, האָט געדאַרפט אויסוואַקסן אַ טרויער־אָרט מיט אַ פּאָסטאַמענט דעם אומבאַוווּסטן סאָלדאַט, וועלכער האָט אָפּגעראַטעוועט זײַן לאַנד, זײַן פאָלק, זײַן לײַבלעכע ערד.

מיר זײַנען אַלע געשטאַנען, ווי פאַרשטיינערטע, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, באַמיט זיך ניט אָנרירן די הייליקע רויִקייט פון דעם אָרט. קיינער האָט ניט באַמערקט, וויפל מיר זײַנען אַזוי געשטאַנען. פונקט, ווי מיר האָבן ניט באַמערקט, וויִאַזוי ווײַט־ווײַט פון אָט דער קרוטשע האָט דער הימל זיך אַ מינע געטאָן און דער באַגינען האָט דערמאָנט אין זיך.

...עליע פרענקיס. דער לערער פון מעדזשיבאָזש...

איר וועט אים זעלטן זען אַרומשפּאַצירן אָן אַ ציל און אָן אַ נויט איבער זײַן שטילער צעגרינטער גאַס. שטענדיק איז ער פאַרטאָן, פאַרהאָוועט, פאַרנומען מיט וויכטיקע איניאָנים — באַ זיך אַף דער אַרבעט און דערנאָך אין דער היים. שפּעט, ווען די פרוי און די קינדער שלאָפן געשמאַק, זיצט ער באַ זײַן טישל און שרײַבט בריוו, ענטפערט זײַנע פּילצאָליקע פרײַנט, וועלכע מערן זיך פון טאָג צו טאָג. אָפט קומען זיי צו אים אין נעסט, און ער נעמט זיי גערן אויף. דאָס דאַרף ער אײַלן אין אַפּטייק קריגן רעפּועס פאַר אַ פראָנט־כאַווער, אַן איינזאַמען, וואָס איז צוגעשמידט צום בעט. עס וואַרט שוין אַף אים דעם שאָכנס יִנגעלע, וועלכער איז געקומען, אַז איליאַ איסאַקאָוויטש זאָל אים העלפן מאַכן די לימודים אַף דײַטש... עס איז געקומען צו לויפן אָן אַ נעשאָמע די אַלטיטשקע שכיינע פון דער צווייטער פאַראַדנע, דער שאָכן זאָל זיך מאַטריִען זײַן זיך אַרײַנכאַפּן צו איר — אינמיטנדערינען איז קאַליע געוואָרן די עלעקטרישע שײַן, און זי זיצט אין דער פינצטער... באַגינען דאַרף מען זיך אָוועקלאָזן מיט די אַרבעטער פון צעך אין קאָלווירט צו די שעפן העלפן בויען נײַע שטאַלן, אַראָפּנעמען די גערעטעניש אין סאָד. און אָט דערנעענטערט זיך דער יאָרטאָג פון די פאַרשניטענע קדושים אין מעדזשיבאָזש, און מע דאַרף זיך צונויפשרײַבן מיט די לאַנדסלײַט, וועלכע וווינען אין פאַרשיידענע עקן פון דער רעפּובליק, מע זאָל פאָרן צוזאַמען אַף קייווער־אָוועס, זיך פאַרנייגן פאַר די קוואָרים, פאַר די קאָרבאָנעס פון פאַשיזם.

דערצו נאָך דאַרף ער באַזוכן אין מעדזשיבאָזש זײַנע אַלטיטשקע פרײַנט שימשן דעם

בעקער און דעם קאָלווירטישן האַניק־ציכטלער, דעם פּאַסיטשניק איוואַן זאַרענקאָ און זײַן פרוי.

די צײַט גייט שנעל, מע עלטערט זיך, און די מענטשן נייטיקן זיך אין זײַן הילף. אַן אומרויִקער מענטש. צו קיין שום זאַך אַף דער ערד — אַ גרויסער אָדער קליינער — איז ער ניט גלײַכגילטיק. אַלץ רעגט אים, צו אַלץ און אַלעמען האָט ער אַ שײַכעס. אַפילע דערצו, וואָס אַ שיקערער שאָפער איז דורכגעפאָרן און אַרויף מיט איין ראָד אַף אַ קלומבע מיט בלומען, געמאַכט פון איר טיל־טעל און דערצו נאָך צעבראָכן אַ יונגע בערעזקע.

ניין, ער קאָן אַזוינס ניט פאַרלײַדן. דאָס מוטשעט אים, און ער גייט ניט דורך רויִק פאַרבײַ. ווען רופט דער מענטש, ווען שלאָפט ער, אַז ער איז שטענדיק אין וועג, אין באַוועגונג? דאָס איז שווער צו זאָגן. אין יעדער צײַט איז ער גרייט קומען צו הילף מענטשן אונטער אַ נויט.

שוין אַ באַיאָרטער מענטש מיט לעבעדיקע, פריילעכע אויגן, אַ פעסטער און לעבנסלוסטי־קער, איז ער שטענדיק מיליטעריש־אונטערגעצויגן, באַוועגלעך, ענערגיש און זעט נאָך אויס גאַנץ יונג, פונקט ווי די שווערע דורכגעלעבטע יאָרן וואָלטן אים ניט פאַרטשעפּעט.

גאַנץ מעגלעך, אַז שנעל עלטערן זיך לאָזט ניט דעם מענטשן די שטענדיקע טעטיקײַט. איר וועט אים קיינמאָל ניט זען אַליין. שטענדיק מיט מענטשן אַרומגערינגלט. זיי האָבן זייער ליב הערן זײַנע וויצן, זײַנע פריילעכע געשיכטעס, מיט וועלכע ער צעשיידט זיך ניט אַפילע דעמלט, ווען עס איז אים שווער אַפן האַרצן.

קוקנדיק אַף דעם מענטשן, דעם וווּקסיקן, גרויען, מיט די יונגע אויגן, וועט איר פאַרשטיין, אַז די מעדזשיבאָזשער האָבן אים ניט אומזיסט געגעבן דעם צונעמעניש „הערשעלע אָסטראָ־פּאָליערס אייניקל".

אין די בריוו, וואָס ער באַקומט פון ניקאָלײַעווקע, זאַפּאָראָזשיע, קריוואָי ראָג, פון פאַרשיי־דענע דערפער, ווו ער איז געווען בעשאַס דער מילכאָמע, פרעגט מען זיך נאָך, פאַרוואָס זײַנען וועגן אָט דעם מענטשן — דעם שלאַכטמאַן און סאָלדאַט ניט אָנגעשריבן קיין ביכער. מע הערט גאָרניט וועגן אים אין ראַדיאָ. און דאָס איז דאָך אַזאַ מענטש, וואָס...

איך ווייס ניט, צי מע שרײַבט וועגן אים ביכער, צי גיט מען איבער וועגן זײַנע טאַטן אין ראַדיאָ — מיר פאַרזענלעך איז דער מענטש פון לאַנג געפעלן, און איך האָב באַשטימט אײַך דערציילן זײַן קורצע לעבנסגעשיכטע, אַזוי ווי זי גייט און שטייט.

די מעדזשיבאָזשער טווישווים דערציילן דאָך, אַז אַמאָל האָט דער כאַכעם, דער הערשעלע אָסטראָפּאָליער, געזאָגט, אַז עס איז גלײַכער דערציילן די געשיכטע פון איין גוטן, פריילעכן, מוטיקן און לעבנסלוסטיקן מענטשן, איידער וועגן צען פּאַסקודניאַקעס, ליידיקגייער, פּלוידער־זעק...

האָבן מיר זיך טאַקע געסטאַרעט צו האַלטן באַ דעם דאָזיקן גאָלדענעם קלאַל.

מ ו י ש ע ה ע ל מ אַ נ ד

טאַטישע מאָטיוון

ווער וועט זאָגן...

— ווער וועט זאָגן, וואָס איז גרויס?
— אונדזער ווײַנגאָרטן איז גרויס,
גרויס איז אונדזער פאָטערלאַנד.

— ווער וועט זאָגן, וואָס איז הויך?
— אונדזער בארג שאַך־דאַג איז הויך,
הויך איז אונדזער פרײַהײַט־זון.

— ווער וועט זאָגן, וואָס איז הייס?
— אונדזער לאַנד פון בערג איז הייס,
הייס איז אונדזער פאַקל־האַרץ.

— ווער וועט זאָגן, וואָס איז טיף?
— אונדזער קאַספּי־יאַם איז טיף,
טיף איז אונדזער ליבע־קוואַל.

— ווער וועט זאָגן, וואָס איז שטאַרק?
— אונדזער בלוט און מאַרך איז שטאַרק,
שטאַרק איז אונדזער קרעמל־פעלדז.

— ווער וועט זאָגן, וואָס איז שיין?
— אונדזער העלדס געשטאַלט איז שיין,
שיין איז אונדזער העלדישקײַט.

— ווער וועט זאָגן, וואָס איז שטײַף?
— אונדזער וועבער־קנופּ איז שטײַף,
שטײַף איז אונדזער ברודערשאַפט.

— ווער וועט זאָגן, וואָס איז העל?
— אונדזער יאָמטעוו־טאָג איז העל,
העל איז אונדזער גרויסער זיג.

ס׳זאָגט דער זאָקן כיזקיִאָ

און הויך און מעכטיק קלינגט מײַן קאָל:
ס׳וועט שוין די וועלט א נײַע זײַן!
פאַרלענדט איז דער, וואָס האָט געוואָלט,
א מענטש זאָל ווי א כײַע זײַן!

אַף דער יאַבאָשע און אין יאַם
האָט לענין מיט א זײַל א פלאַם
געפירט צו גליק אַי פאָלק, אַי שטאַם,
ער וועט אונדז אייביק טײַער זײַן.

ס׳שטייט אונדזער פרײַהײַט־טורעם פעסט,
די ערד שלינגט אײַן די בייזע פעסט,
א פלאַם פאַרברענט דעם שפּאַרבערס נעסט,
א שויפעט קאָן דאָס פײַער זײַן!

ס׳גייט אין מײַן לאַנד א נײַ געוועט
פאַר נײַעם גליק אין נײַע שטעט,
און שאָף און רינד וועט ווערן פעט,
ס׳וועט ווידער פול דער שפּײַער זײַן!

און ס׳זאָגט דער זאָקן כיזקיִאָ:
מיט אונדז איז טאָמיד לענין דאָ,
מיר אַלע ווינטשן אים: זיגהאָ,
אָ, ס׳וועט די וועלט א פרײַע זײַן!

פון דער דיכטערישער ירושע.

מאדזשאַליס

מיגוויל ליגוויל,
מיגוויל ליגוויל,
פון אן אאול צו אן אאול
און ביזן אלטן מאדזשאַליס,
אהין, ווו אונדזער בארג־שטאָט איז!

אן אלטע שטאָט געווען איז דאָרט,
איצט איז דאָרט אלט דאָס הייליק אָרט,
אף די מאצייוועס יעדער אָס —
פון צײַט צעגעסן, גרין ווי גראָז.

מידאף לעדאף,
מידאף לעדאף
דערציילט דיר אלץ דער פינקעס־קסאוו,
דער קסאוו איז גלײַך, די שטיינער — קרום,
נאָר קיינער איז פון זיי ניט שטום.

מעיר לעיר,
מעיר לעיר
קיין מאדזשאַליס, קיין דאָרעם פיר,
צום הויכן בארג, צום אלטן גרײַז,
ווו ס'שטייען סאקליעס טרעפּלעכווײַז.

די ווענט — אי ווײַס, אי געל, אי גרוי,
נאָר טיר און פענצטער — הימל־בלוי,

ווי צו א יאָמטעווו אויסגעפּארבט,
ווער זאָגט: די אלטע בארג־שטאָט שטארבט?
דו גיי און גיי,
דו גיי און גיי,
די גאנצע הויפּט־גאס — אן אליי,
ווי אָט די היים, ווי אָט דער טרוים,
איז זיס דער נוס פון יעדער בוים.

אין סאָד, אין פעלד און בא די פּי
איז יונג דאָס פאָלק אין יונגן פּרי,
ס'האָט מאדזשאַליס א יונג געשטאלט,
און ייִנגער ווערט דאָרט, ווער ס'איז אלט.

אָ מאדזשאַליס,
אָ מאדזשאַליס!
ס'איז יונג דײַן קאָפּ, כאָטש אלט די פּיס,
אף אלטן שטיין — א נײַע שטאָט,
באם הייליק אָרט עלעקטרע־דראָט.

יישוווים ארום בארג — א טוץ,
די שפּײַכלער — פול מיט אלדאָס גוטס.
זע! ס'טראָגן מיך אליין די פּיס
קיין מאדזשאַליס,
קיין מאדזשאַליס!

פאַרוואָס

אף א פלעשל א טײַערס
בא א סויכער אין קלייטל
דעם אפילע, וואָס קויפט ניט,
לאָזט מען אויכעט א קוק טאָן.

בא א גוויר אינעם גאָרטן
אף א רויז אף א שיינער

יעדן שלעפער אפילע
לאָזט מען אויכעט א קוק טאָן.

כ'וועל קיין גוטס ניט פארמאָגן,
דיר ניט טראָגן קיין רויזן,
נאָר פאַרוואָס זשע פארווערט מען
מיר אף דיר צו קוקן?

* * *

פרײַנט, דו ביסט פריִער געווען מײַן בארג־זײַל,
מײַן בעסטער אָנשפּאר, מײַן העכסטע פעסטונג,
פרײַנט, דו ביסט פריִער געווען מײַן בארג־טײַך,
מײַן בלויע וואסער, מײַן קלאָרסטער שפּיגל.
נאָר ס'האָט דער בארג־זײַל געטאָן א ציטער —
דער הויכער בארג איז א טאָל געוואָרן,
נאָר ס'איז דער בארג־טײַך געוואָרן אומריין —
דער קלאָרער טײַך איז א זומפּ געוואָרן.

גיוזעל

איך זוך דיך אין פעלד און איך זוך דיך אין סאַד,
אין בערג און אין טאָלן איך בענק נאָך דײַן טראָט,
בא זון און בא שטערן איך קלער נאָר פון דיר,
מײַן הארץ און מײַן לעבן געהער נאָר צו דיר.
א רעגע אָן דיר קאָן ניט לעבן מײַן זעל,
אַ, דיך האָב איך ליב, ווי מײַן בארג־לאַנד,
גיוזעל!

איך ווײס, אז סע וואַקסט ניט אָן נאָדלען א רויז,
ס'צעבלוטיקט די פינגער, ווער ס'רײַסט זי ארויס.
צעבלוטיקט זאָל ווערן אפילע מײַן הארץ,
נאָר ברענען אין פלאַם און ניט ווערן פארשווארצט.
דו ביסט ווי א בארג־רויז א צונטערע העל,
כ'האָב ליב דײַנע ליכטיקע שמייכלען,
גיוזעל!

איך קוק צו דיר גלײַך אין די אויגן ארײַן,
ס'באַלויכט מיר אזוי ווי א בליץ זייער שײַן,
זיי זײַנען מיט ליבע פארפולט ביזן ראַנד
און טיף ווי דער הימל, ווען ס'טאָגט אין מײַן לאַנד.
די ווײַנטרויבן פאלן אראָפּ צו דײַן שוועל,
כ'האָב ליב אָט די גליקלעכע טרויבן,
גיוזעל!

צו מיר האָט די רויז אירע רייכעס געשפּרייט,
און מיר האָט דער פרילינג געטראָגן זײַן פרייד.
צעשפּרייט דײַנע אָרעמס, מײַן דופטיקע רויז,
און נעם מיך, מײַן פרילינג, צו זיך אין דער שויס.
סע קענ'ען פאר דיר אלע זאנגען אין פעלד,
כ'האָב ליב אָט די פאָרכטיקע זאנגען,
גיוזעל!

ניטאָ אזא רויז, וואָס זאָל שמעקן, ווי דו,
ניטאָ אזא טרוים, וואָס זאָל רעגן, ווי דו,
אָן דיר, אָן מײַן טרוים, וועל איך אויסגיין פון פײַן,
נאָר דו קאָנסט א היילונג, א רעטונג מיר זײַן.
דו שווימסט, און סע האַלדזט דיך און קושט דיך די וועל,
כ'האָב ליב אָט די צערטלעכע וועלן,
גיוזעל!

נײַע וויגליד

נענעם־נענוי,
מײַן טײַער קינד!
ס'איז רײַף דער ווײַנשל, דער מאראנץ,
דער גאנצער קאנט וועט גיין א טאנץ,
ווען דו וועסט אויסוואקסן, מײַן קינד!

נענוי־נענעם,
מײַן טײַער קינד!
דו ווענדסט אף שפּילעכלעך דײַן בליק,
אין שפּיל, אין ליכט, אין פרייד, אין גליק
דו וואקסט דאָ, ווי א צווײַג, מײַן קינד!

נענעם־נענוי,
מײַן טײַער קינד!

וועסט זײַן א גוואר, וועסט זײַן א ריז,
וועסט אויסוואקסן א קאָמוניסט,
הילײ'לס און אייניקל, מײַן קינד!

נענוי־נענעם,
מײַן טײַער קינד!
א טרײַער קריגער וועסטו זײַן,
גרייט פארן לאנד אין שלאכט אריין,
וועסט זײַן א גרויסער העלד, מײַן קינד!

נענעם־נענוי,
מײַן טײַער קינד!
פיל זײַנען זין אין לאנד פאראן,
דער בעסטער זײַ אין דײַן וואטאן,
זײַ לעבינען די ווערט, מײַן קינד!

כאסענע־ליד

דאָס געזינד דאָס גאנצע וואַרט,
ס'וויינט די טאָכטער אין דער נאכט,
אוי, דעדעו!
אוי!

מאָרגן בלײַבט דאָס הויז אליין,
נאָכן כאָסן דארף זי גיין,
אוי, דעדעו!
אוי!

ניט דערגייט דער מאַמעס קלייד,
דעם טאַטנס היטל ניט דערגייט,
אוי, דעדעו!
אוי!

ס'איז דאָס פּעלעכל פון שאָף
ניט דערגייט נאָך ביזן סאָף,
אוי, דעדעו!
אוי!

פארן שוועסטערל די שאל
אין געבליבן אָן א פאלד,
אוי, דעדעו!
אוי!

נאָר ווי נייט מען דעם באציר,
ס'שטייט דער שאדכן אין דער טיר,
אוי, דעדעו!
אוי!

איך וועל שוין דעם אדעראָף
ניט דערגרייען ביזן סאָף,
אוי, דעדעו!
אוי!

צי די מאמע וועט דערגרייען?
צי דאָס שוועסטערל אליין?
אוי, דעדעו!
אוי!

נאטע לוריע

א גוטער פרײַנט

יעפים ארנאָלדאָוויטש איז געווען שטארק דערשלאָגן. אין קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ, ווו ער האָט געארבעט, האָט ער פאר א גאנצן טאָג ניט אויסגערעדט קיין וואָרט, קיין שמייכל ניט געטאָן, געווען פארומערט, ווי ס'וואָלט בא אים געטראָפן עפּעס אן אומגליק.

— יעפים ארנאָלדאָוויטש, וואָס איז מיט אײַך? וואָס איז געשען? — האָבן געפרעגט די מיטארבעטער.

יעפים ארנאָלדאָוויטש האָט געשוויגן. עס האָט אים געטאָטשעט אונטערן הארצן, ווי א וואָרעם וואָלט זיך פארקליבן אהין און דערגרייט אים דאָס לעבן. און ערגער פאר אלץ, — ער קאָן אפילע קיינעם ניט דערציילן, זיך אויסריידן דאָס הארץ. וואָס זאָל ער זיי דערציילן, אז זײַן נאָענטער כאווער, אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטש, מיט וועמען ער לעבט בישכיינעס אף איין גאס און ארבעט שוין אזויפיל יאָר צוזאמען מיט אים דאָ אין קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ, האָט קאָנסטרויִרט א נײַעם טאָקער־ווערקשטעל. וואָסי, אליין ווייסן זיי עס ניט?

אזא הארצווייטעק, ווי איצט, האָט יעפים ארנאָלדאָוויטש שוין לאנג ניט געפילט. א קלייניקײַט עפּעס — אזא דערפינדונג! אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטש וועט ווערן איצט דאָס אייבערשטע פון שטייסל. הײַנט וואָס פאר א פּרעמיע וועט ער באקומען!

בא יעפים ארנאָלדאָוויטשן איז פארביטערט געוואָרן דאָס לעבן. קיין שום זאך האָט אים איצט ניט געפרייט: ניט די נײַע קווארטיר אפן צווייטן שטאָק, ניט די אומזיסטע פּוטיאָווקע אין אָפּרו־הויז, ניט דאָס שיינע מעבל, וואָס ער האָט אײַנגעשאפן. ער איז דורך די נעכט ניט געשלאָפן, פארלאָרן דעם אפּעטיט. אזוי אויך א קליינטשינקער, א דארער, א קווארער, איז ער געוואָרן נאָך מער אײַנגעטריקנט, דאָס געלבלעכע פּאָנעם — נאָך מער צעקנייטשט, און די לענגלעכע נאָז האָט נאָך מער ארויסגעשטארצט.

— לעמײַ זאָל איך אזוי איבערלעבן צוליב דעם? — האָט יעפים ארנאָלדאָוויטש אײַנגעטײַנעט מיט זיך אליין, — וואָס גייט דאָס מיר אָן? וואָס ארט עס מיך?

נאָר עס האָט אים געארט. ער האָט דאָך אליין אויך געפּרווט קאָנסטרויִרן עפּעס און דערווײַל האָט זיך בא אים גאָרנישט ניט באקומען. עמעס, ס'איז נאָך א פראגע, צי ס'וועט זיך באקומען בא אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשן...

נאָר וויפל יעפים ארנאָלדאָוויטש האָט זיך ניט געטרייסט, האָט אים ניט געהאָלפן. טיף אין הארצן האָט בא אים אָנגעהויבן וואקסן א ניט גוטער געפיל צו אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשן. שוין פון לאנג, נאָך פון די סטודענטישע יאָרן, האָבן זיי זיך גערעכנט פאר נאָענטע, אפילע פאר גאָר נאָענטע פרײַנט. ניט איין מאָל האָט אלעקסאנדער אים אונטערגעזאָגט עפּעס וויכטיקס, געהאָלפן אים אויספילן אן ארבעט. יעפים פלעגט אָפט ארײַנגיין צוגאסט צו זײַן נאָענטן כאווער. נאָר איצט האָט זיך אלץ געענדערט. יעפים האָט אופגעהערט צו אים ארײַנקומען. געסטארעט זיך, ווי ווײַט מעגלעך מיט אים זיך ניט באגעגענען. עס פעלט אים נאָך, אז אלעקסאנדער זאָל זיך אָנהייבן טיילן מיט אים וועגן זײַנע דערפאָלגן, און ער זאָל נאָך דארפן מיט א פריילעכן פּאָנעם צושמייכלען. ניין, ער וויל מער ניט הערן וועגן יענעמס גליקן.

די מיטארבעטער האָבן אָבער אלץ אָפטער גערעדט וועגן אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשעס דערפינדונג. נאָך דער ארבעט איז יעפים ארנאָלדאָוויטש געקומען אהיים שטארק א דערשלאָגענער.

— יעפים, כ׳האָב פאַר דיר אַ גוטע בסורע,— האָט דאָס פּולבלעכע ווײַב זײַנע, ערנעסטינאַ סאַמוילאָוונאַ, אים אַ פּריידיקע באַגעגנט,— מיר האָבן אויסגעוווּנען... הונדערט רובל!.. נאַ, זע!..

יעפים האָט כמורנע אַ קוק געטאָן דורך די ברילן אַף דער אָבליגאַציע און זיך צוגעלייגט אָפן דיוואַן. דאָס האַרץ האָט באַ אים גענאָגט, ווי קיינמאָל.

— זיך דערפרייט!.. אַ הונדערטער...— האָט ער אַ קרעכץ געטאָן,— יענער וועט עפּשער אַ טויזנטער אַרײַנכאַפּן...

— זע, וואָס האָסטו זיך מיטאַמאָל צוגע־לייגט?— האָט אַ באַומרו׳קטע געפרעגט ערנעס־טינאַ סאַמוילאָוונאַ.

— אַך, לאָז מיך צורו,— האָט ער פאַר־שטיקט אַרויסגערעדט,— דאָס האַרץ, דאָס האַרץ שטשימעט מיר.

— גאָט מײַנער!.. עפּשער אַרויסרופן אַ דאָקטער?..

— נאָך אַ דאָקטער פעלט מיר איצט! מע דאַרף ניט,— האָט יעפים אַרנאָלדאָוויטש אויפ־גערעגנט אויסגערופן,— קיין שום דאָקטער דאַרף איך ניט...

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט, אַרומגענומען דאָס קישעלע און שטאַרק צוגעדריקט צום האַרצן, ווי ער וואָלט וועלן שטילן דעם נאָגנדיקן ווייטאָג.

— וואָס האָט מיר געפעלט פריִער,— האָט ער פאַרומערט געטראַכט,— ווי גוט ס׳איז גע־ווען. איז נאָ דיר אַזאַ צאָרע!..

* * *

יעפים אַרנאָלדאָוויטש האָט זיך אופגעכאַפּט מיט עפּעס אַן אומקלאָרער האָפענונג, זיך גיך אָנגעטאָן און אוועקגעאײַלט אַף דער אַרבעט.

— נישקאָשע,— האָט ער זיך געטרייסט,— ניטאָ וואָס זיך אויסעסן דאָס האַרץ. ס׳איז נאָך אַ פראַגע, צי באַ אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשן וועט זיך עפּעס באַקומען...

אַ גאַנצן טאָג האָט ער געוואַרט, אַז עמעצער פון די מיטאַרבעטער זאָל פאַרפירן אַ רייד וועגן זײַן פרײַנט. נאָר קיינער האָט, ווי אָפּ־צולאָכעס, ניט דערמאָנט וועגן אים. יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זײַנס. יעפים אַרנאָלדאָ־וויטש איז אַ פאַרזאָרגטער געזעסן באַ זײַן קאָנסטרוקטאָר־טיש, געפרווּט עפּעס טאָן, נאָר זײַנע געדאַנקען זײַנען פאַרנומען געווען איצט מיט איינס — מיט זײַן כאַווערס דערפינדונג. אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש וועט ווערן אָפּגע־גאַלטן,— האָט ער מיט פאַרביטערונג גע־טראַכט,— ער וועט שוין ניט וועלן זיך כאַווערן אַפילע.

און אַרום האָבן אַלע, ווי שטענדיק, רויִק געאַרבעט.

„מאָדנע מענטשן!”— האָט יעפים אַרנאָלדאָ־וויטש געקנייטשט מיט די ביינערדיקע, דאַרע אַקסלען.

צום סאָף טאָג האָט זײַן געדולד זיך אויסגע־שעפּט. ער איז מער ניט בעקויעך געווען צו שווײַגן.

— נו, וואָס זאָגט איר?— האָט ער מיט אַ פריילעך־געמאַכטן פּאָנעם זיך געווענדט צו זײַ־נע קאָלעגן.— אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש איז שוין קאָנטיק אָפן פערד... דער ווערקשטעל איז דאָך באַ אים שוין אָט־אָט פאַרטיק!..

יעפים אַרנאָלדאָוויטש האָט געוואַרט, אַז מע וועט אים דערווידערן, דערווײַזן, אַז ס׳איז נאָך ווײַט צום געלעכטער, נאָר זײַנע ווערטער האָבן גאָר דערפרייט די כאַוויירים. דאָס האָט יעפים אַרנאָלדאָוויטש לאַכלוטן ניט געקענט פאַרשטיין. צי דען קימערט זיי עס ניט, עס פאַרדריסט ניט? נו, אויב אַזוי, וועט ער צושיטן אַ ביסל זאַלץ, וועלן זיי, דאַכט זיך, אופהערן זיך פרייען...

— און וויפל ער וועט באַקומען פאַר דעם, האָט איר געהערט? ניט ווייניקער פון עטלעכע טויזנט... וואָס זאָג איך עטלעכע? ער וועט אַרײַנכאַפּן אַ סאַך מער... געוויס! זיכער!.. וואָסי, איר וועט עפּשער זאָגן, אַז ער האָט עס ניט פאַרדינט? אַזאַ ווערקשטעל! עפּעס אַ קלייני־קייט?!— האָט יעפים אַרנאָלדאָוויטש מיט היץ פאַרגעזעצט. זאָל זיי אויך קרענקען.

נאָר די מיטאַרבעטער האָבן זיך גאָר דער־פרייט.

— ער האָט ניט ווייניק געהאָרעוועט. ער־לעך פאַרדינט!

— איז לאָמיר, אויב אַזוי, אַרײַן צו אים...

— קומט, וועלן מיר אים באַגריסן,— האָבן זיי אַ רוף געטאָן יעפים אַרנאָלדאָוויטשן.

— איך... איך קאָן איצט ניט...— האָט ער פאַרלוירן אַ שטאַמל געטאָן.

— אָן אײַך איז פּאַשעט ניט באַקוועם. איר זײַנט דאָך נאָענטע פרײַנט...

— נו, יאָ, אַוודע. נאָר איצט קאָן איך ניט... איך דאַרף אַרײַנגיין צום בוכהאַלטער. ער ליגט צו בעט שוין, נעבעך, דעם צווייטן טאָג. צו אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשן האָט איר איצט ניט וואָס צו גיין, איר וועט אים אין דער היים ניט טרעפן.

דאָך זײַנען די אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָרן אוועק צו אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשן. יעפים אַרנאָלדאָוויטש איז אַ ווײַלע געשטאַנען, ניט קענענדיק באַשטימען, וואָס צו טאָן, און זיך געלאָזט גיין אַראָפּ־גאַס, צום בוכהאַלטער.

נאָך קיינמאָל האָט יעפים אַרנאָלדאָוויטש ניט געהאַט אַזאַ פאַרגעניגן, ווי דעמלט, ווען אים איז אויסגעקומען עמעצן מעוואַקער כוילע

זײַן, טרייסטן בעשאַס אַן אומגליק. ווען יענעם איז געווען שלעכט, איז אים גרינגער. ער איז דעמלט אופגעלעבט געוואָרן און פאַרגעסן אָן זײַנע אייגענע צאָרעס. נאָר ניט אף לאַנג. ווי נאָר ער איז פאַרבליבן מיט זיך אַליין, האָט אים ווידער אָנגעהויבן טאַטשען דער וואָרעם.

* * *

שפּעט אין אָוונט האָט יעפים אַרנאָלדאָוויטש זיך אומגעקערט אַהיים. ער האָט זיך פאַרוקט אין ווינקל פונעם העל־באַלויכטענעם טראַמוויי, געקוקט אין פענצטער, און געטראַכט האָט ער וועגן איינס און דאָס זעלבע:

„עפשער איך א פּרווו טאָן? נאָר פון וואָס אָנהייבן? פאַר וואָס זיך נעמען? ניין, איצט איז שוין שפּעט. ווען אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש פאַרלויפט אים ניט דעם וועג, וואָלט ער מיס־טאָמע עפּעס צוגעטראַכט. עפשער נאָך א בע־סערן ווערקשטעל... נאָר גיי טו איצט, אז יענער האָט שוין אויסגעכאַפּט. פאַרפאַלן! דער בוכהאַל־טער האָט געזאָגט, אז מע האָט שוין אַפילע אויסגעטיילט א קאָמיסיע אף אויספּרווון דעם ווערקשטעל..."

יעפים אַרנאָלדאָוויטשן איז מיטאַמאָל ענג געוואָרן דער קאָלנער. ער האָט א דריי געטאָן דעם קאָפּ און אומגעריכט דערזען אין צווייטן עק פונעם וואַגאָן אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשן. יעפים אַרנאָלדאָוויטש האָט זיך האַסטיק אופגע־הויבן און גענומען זיך דורכשטופּן צום הינ־טערשטן אַרויסגאַנג. שטייענדיק שוין בא דער טיר, האָט ער פון דער זײַט געכאַפּט א קוק און באַמערקט, אז אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש איז שטאַרק פאַרזאָרגט. דאָס פּנים איז בא אים אויסגעבלייכט, די באַקן אײַנגעפאַלן, ניט גע־גאָלט.

„עפּעס האָט מיט אים שוין געטראָפן", — איז בא יעפים אַרנאָלדאָוויטשן דורכגעלאָפן א געדאַנק, און ס'איז אים גלײַך לײַכטער געוואָרן אפן האַרצן. ער איז שוין פון טראַמוויי ניט אַרויס, זיך גענומען דורכשטופּן צוריק, צו זײַן כאַווער.

— און איך האָב זיך שוין געקליבן אַרײַנגיין צו דיר, — האָט ער זיך צוגעזעצט לעבן אַלעק־סאַנדער סעמיאָנאָוויטשן, — נו, וואָס? מע זאָגט, אז בא דיר איז אַלץ אין אָרדענונג, — האָט ער מיט ניט קיין זיכערער שטים א פרעג געטאָן, ווי ער וואָלט מוירע האָבן פאַרן ענטפער.

— איך הייב שוין אַליין ניט אָן צו וויסן, — האָט אים געענטפערט אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָ־וויטש.

יעפים אַרנאָלדאָוויטש האָט דערפילט, אז עפּעס איז געשען, עס באַקומט זיך, קאָנטיק, בא אים ניט.

— נו, נו!.. זײַ ניט אַזוי באַשיידן, — האָט ער א פּאַטש געטאָן יענעם איבערן אַקסל, — איך באַגריס דיך.

— באַגריסן איז דערווײַל נאָך ניטאָ מיט וואָס, — האָט טרויעריק א שמייכל געטאָן אַלעק־סאַנדער סעמיאָנאָוויטש.

— וואָס הייסט, ניטאָ מיט וואָס? — האָט אים צעשטרייט אָנגעקוקט יעפים אַרנאָלדאָוויטש.

— דער ווערקשטעל אַרבעט ניט.

— ער אַרבעט ניט?! — האָט אויסגעשריִען יעפים אַרנאָלדאָוויטש, — וואָס רעדסטו? ווי קאָן עס זײַן?.. דו האָסט דאָך אַלץ פּינקטלעך אויס־גערעכנט...

— אויסגערעכנט איז אַלץ ריכטיק, און אָט... איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין... פון די קויכעס זיך אַרויסגעשלאָגן...

— אָט האָסטו דיר!.. — יעפים אַרנאָלדאָוויטש האָט מיטאַמאָל דערפילט א האַרציקע צוגע־בונדנקייט צו זײַן אַלטן פרײַנד. ער איז אים, דוכט זיך, נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי טײַער, אַזוי ליב, ווי איצט.

— אַזאַ פאַרדראָס! אַזאַ האַרצווייטיק! — האָט זיך ניט געקענט באַרויִקן יעפים אַרנאָלדאָ־וויטש, — נאָר וואָס קאָן מען טאָן? פאַרפאַלן. עס טרעפן גרעסערע אומגליקן און נישקאָשע, מע בלײַבט אויך לעבן. הער אוף טראַכטן וועגן דעם. עפשער נייטיקסטו זיך אין עפּעס? שעם זיך ניט!.. דו האָסט דאָך מיר ניט איין מאָל אַרויסגעהאָלפן. זאָג, אויב ס'איז נייטיק עפּעס.

אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשן זײַנען אָט די רייד געווען ניט צום האַרצן. אים האָט זיך גע־וואָלט וואָס גיכער זיך אָפּטשעפּען פון דעם צו־פיל געטרײַען כאַווער.

— ס'איז גאָרנישט ניט נייטיק, — האָט ער טרוקן געענטפערט.

— נו, דאָס איז שוין מײַן זאַך, — האָט זיך אָנגערופן יעפים אַרנאָלדאָוויטש, — און דאָס ווײַב, וואָס? זי ווייסט נאָך ניט? מע דאַרף איר דערווײַל ניט זאָגן... צוליב וואָס זי מעצאַער זײַן? און דו ערגער זיך ניט. דאַרפסט זיך אויס־רוען. קומען צו זיך. איך וועל זיך צו דיר אַרײַנ־כאַפּן.

דער טראַמוויי האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אָפּשטעלן, איז יעפים אַרנאָלדאָוויטש אַראָפּגע־שפּרונגען און א צופרידענער אוועקגעשפּאַנט.

אַהיים איז ער געקומען שטאַרק אופגעלעבט. ערבעסטינאַ סאַמוילאָוונאַ האָט זיך פּאַשעט פאַר־וווּנדערט. זי האָט אים שוין לאַנג ניט געזען אין אַזאַ גוטער שטימונג.

— וואָס איז געשען?

— גאָרניט... אַך, סאַראַ ווונדערלעכער אָוונט! שוין לאַנג ניט געווען אַזוי גוט אין

דרויסן, ווי הײַנט... — יעפים ארנאַלדאָוויטש איז צעשטריט זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, א נעם געטאָן א צײַטונג, פאַנאַנדערגענומען זי, נאָר גלײַך זי אוועקגעלייגט אָן א זײַט. ער האָט געכאַפּט א בליק אין שפּיגל, א גלעט געטאָן זיך דעם נאַקעטן קאָפּ און געבליבן זייער צופרידן מיט זיך. אלץ איז אין דעם אָוונט געווען גוט. די קוואַרטיר האָט שוין לאַנג ניט אויסגעזען אים אַזוי געמיטלעך, ווי איצט. אַפילו דאָס פּולבלעכע ווײַב האָט אים אויסגעזען שענער, שלאַנקער.

צום אָוונטברויט האָט יעפים ארנאַלדאָוויטש, אופהייבנדיק זיך אף די שפּיץ פינגער, ארויסגעקראָגן פון דעם אַלטמאָדישן בופעט א פאַרשטויבט בוטל היימישן ווישניק, צו וועלכן ער האָט זיך לאַנג ניט צוגערירט, און מיט א ברייטער האַנט אָנגעגאָסן זיך און דעם ווײַב צו פולע קעלישעקלעך.

— וואָס פאַר א יאָמטעוו איז הײַנט? — האָט ערנעסטינא סאַמוילאָוונא זיך פאַרוווּנדערט. — מע האָט דיך עפּשער פּרעמירט? צי דו האָסט באַקומען א העכערע שטעלע?

יעפים ארנאַלדאָוויטש האָט מיט פאַרגעניגן אויסגעטרונקען דאָס קעלישעקל און צוגערוקט בעסער צו זיך דעם טעלער מיט קנישעס. ער האָט שוין לאַנג ניט געגעסן מיט אַזאַ אַפּעטיט.

— נו, און וועגן אונדזער דערפינדער האָסטו שוין געהערט? — האָט ניט געײַלט זיך אָנגערופן יעפים ארנאַלדאָוויטש, נעמענדיק זיך פאַר דער יויך, — אבי דו האלטסט אין איין טײַנען, אַז איך טויג צו גאָרנישט, אַז אַלע שטײַגן, אַלע, אויסער מיר... וואָס וועסטו איצטער זאָגן? — האָט ער א בליץ געטאָן מיט די ברילן.

— וואָסי? צי דען איז מיט אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשן עפּעס געשען? — האָט דערשראָקן געפרעגט דאָס ווײַב.

— איך האָב פריִער געוווּסט, אַז אַזוי וועט זײַן. א ראַכמאָנעס אף אים. א גרויסער ראַכמאָנעס, — האָט א זיפץ געטאָן יעפים ארנאַלדאָוויטש.

— דערצייל שוין, וואָס איז געשען?

— גאָרניט. אויס דערפינדונג. אויס גליקן. דער װערקשטעטל ארבעט ניט. איך האָב אים ערשט געזען. שוואַרץ, ווי די ערד. מעגסט שוין זײַן ווײַב ניט מעקאַנע זײַן. געמיינט, אַז שוין אָט, אָט כאַפּט מען אָפּ די גרויסאַרטיקע פּרעמיע. נאָר פון דער פּרעמיע זײַנען געבליבן נאָר קײַלעכדיקע נולן. נולן און מער גאָרניט. מע דאַרף אים אומבאַדינגט אײַנלאַדן אף מיטיק. זאָל ער זיך א ביסל צעשטרייען. אַלעקסאַנדער איז דאָך א גאָלדענער מענטש, ער וועט די נעשאָמע יענעם אוועקגעבן. ס'טוט מיר פּאַשעט ווײ דאָס האַרץ פאַר אים...

יעפים ארנאַלדאָוויטש האָט מיט אופגערעגטע טריט גענומען ארומשפּאַנען איבערן צימער. אים האָט זיך פאַרוואָלט ארויסגיין אין דרויסן, באַגעגענען באַקאַנטע, זיך דורכריידן וועגן אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשעס דורכפאַל. א כאַפּ געטאָן די שליאַפּע, האָט ער זי ארופגערוקט אפן פליכעוואַטן קאָפּ און אוועק.

ביז שפּעט אין אָוונט האָט ער, ניט מיד װערנדיק, ארומגעשמײַעט איבער די גאַסן פון דער גרויסער רוישיקער שטאָט. ער האָט זיך געהויבן אף די עטאַזשן, געקלונגען, האָט ניט דורכגעלאָזט קיינעם פון זײַנע באַקאַנטע, געווען אַפילו בא יענע, מיט וועלכע ער איז געווען אין ניט איבעריקס גוטע באַציִונגען, און יעדן מיט א טרויעריקער מינע דערציילט וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט אומגעריכט געטראָפן זײַן נאָענטסטן פרײַנט, זײַן בעסטן כאַווער נאָך פון די סטודענטישע יאָרן — אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשן.

* * *

אף מאָרגן, אינעם אָפּרו־טאָג, האָט יעפים ארנאַלדאָוויטש זיך ריין ארומגעראַזירט, אָנגעטאָן דעם נײַעם אָנצוג, געהייסן דעם ווײַב צוגרייטן קיבעד פאַר די געסט און אין א געהויבענער שטימונג אוועק צו אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשן. „עפּשער נאָך עמעצן א רוף טאָן", — ער איז א ווײַלע געבליבן שטיין. נאָר באַלד איבערגעטראַכט. זאָל אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש זיך איבערצײַגן, ווער ס'איז אים אַן עמעסער פרײַנט... ווען בא אים איז אַלץ געגאַנגען, ווי אף פּוטער, האָבן אַלע געטאַנצט ארום אים, און אַז עס האָט געטראָפן א צאָרע, אַן אומגליק, ווער איז געקומען טרייסטן אים? נאָר ער, יעפים ארנאַלדאָוויטש!

אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשן האָט ער אין דער היים ניט געטראָפן. אין שטוב איז געווען אַן אומאָרדענונג. אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשעס פרוי, אָלגע באָריסאָוונא — שטענדיק א געמיטלעך־אופגעלייגטע, א גאַסטפרײַנטלעכע, איז איצט געווען פאַרומערט.

— א ליכטיקן גוטמאָרגן אײַך, — האָט שטיל זיך אָנגערופן יעפים ארנאַלדאָוויטש. ער האָט פּאָרזיכטיק געמאַכט עטלעכע קליינינקע טריט און, ווי ער וואָלט מוירע האָבן צעשטערן די שטילקײַט, מיט א פאַרטויבטער שטים א פרעג געטאָן, — ווו איז אַלעקסאַנדער?

— איך הייב ניט אָן צו וויסן, — האָט זי פאַרזאָרגט געענטפערט, — אוועק פאַרטאָג און אָט... ביז איצט ניטאָ...

— וווּהין זשע איז ער אוועק?

— איך ווייס? הײַנט איז דאָך אָן אָפּרו־טאָג, איז ער, הייסט עס, ניט אף דער ארבעט. א

גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפן, און ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן שאַריִען, ניט געפרישטיקט, קיין גלאָז טיי ניט אויסגעטרונקען, אַנטלאָפן — און ביז איצט ניטאָ... איך ווייס שוין ניט, וואָס איבערצוטראַכטן...

— ער וועט באַלד מיסטאָמע קומען, — האָט יעפים אַרנאָלדאָוויטש זיך געסטאַרעט זי באַרויִקן, — וועמען האָט גאָר געקענט קומען אַפן זיִנען, אַז דער ווערקשטעל וועט ניט אַרבעטן, — האָט ער אַ זיפץ געטאָן, — וואָס האָט אײַך פריִער געפעלט? צוליב וואָס האָט ער געדאַרפט זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַ דערפינדונג?

— וואָס איז איצט שײַעך צו ריידן, — האָט מיט אומצופרידנקײַט אַ זאָג געטאָן אָלגע באַריסאָוונאַ.

— נו, יאָ, אַוודאי... דעם עמעס געזאָגט, האָב איך גלײַך פאַרשטאַנען, אַז אַזוי וועט זיך באַקומען. איך האָב אים נאָך דעמלט געוואָלט זאָגן, אַז ס׳איז ניט קעדײַ זיך נעמען פאַר דעם. אַזויפיל צײַט געפּאַטערט, אַזויפיל קויכעס אוועקגעלייגט...

— נאָר וווּ זשע קאָן ער זיִן? — האָט אָלגע באַריסאָוונאַ צעטראָגן אַ קוק געטאָן אין פענצטער.

— באַומרויִקט זיך ניט. ס׳האָט מיט אים גאָרנישט ניט געטראָפן. זיך פאַרהאַלטן מיסטאָמע בא באַקאַנטע. אַז אַפן הארצן איז ניט וואָזשנע, זיצט זיך ניט אין דער היים... ס׳איז, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסער האַרצווייטעק, נאָר וואָס קאָן מען טאָן? ווייסט איר וואָס, איך וועל אַרויסגיין דערוויסן זיך, ווּו ער איז, — האָט ער געזאָגט און ס׳האָט אים האַנאָע געטאָן, וואָס ער קאָן מיט עפּעס באַהילפיק זיִן, ווען יענעם איז שלעכט.

יעפים אַרנאָלדאָוויטש האָט אַרופגערוקט אַפן קאָפּ די שליאַפּע און זיך געלאָזט צו דער טיר, נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערהערט באַקאַנטע טריט.

— ער! — האָט אויסגערופן יעפים אַרנאָלדאָוויטש, — איר זעט, וואָס האָב איך אײַך געזאָגט?.. טשעפּעט אים איצט ניט... איך וועל אים באַרויִקן, עס טרעפן גרעסערע אומגליקן און מע בלײַבט אויך לעבן, מיילע, איז ניט קיין ווערקשטאַט...

עס האָט זיך האַסטיק געעפנט די טיר און אָן אופגערודערטער, אַ פריילעכער איז אַרײַן אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש.

— איר קאָנט מיך באַגריסן, — האָט ער אַ צופרידענער געזאָגט, — דער ווערקשטעל אַרבעט אויסגעצייכנט!..

יעפים אַרנאָלדאָוויטש האָט דערפילט, ווי מע וואָלט אים געגעבן מיט עפּעס איבערן קאָפּ. די פיס האָבן בא אים זיך אונטערגעבראָכן, ער האָט אָנמעכטיק זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן בענקל, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ס׳האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם, און ער איז ניט בעקויעך געווען אַרויסברענגען קיין וואָרט...

ר ו ו ן פ ו ס ט י ל נ י ק א ו ו

לּיִע

א בענקעניש נאָך מאריקן האָט לּיִע דערפילט, ווען זי איז שוין נאָכן פאַרענדיקן דעם טעכניקום געפאָרן אין דאָרף אַרײַן זיך געזעגענען מיט איר כאוורטע זינע. געקומען אַהין, איז זי גלײַך אוועק אין סטעפּ, ווו זי האָט זיך צום ערשטן מאָל באגעגנט מיט מאריקן. אפן טאָפּאָל האָט זיך נאָך גאנץ בוילעט געזען דאָס, וואָס מאריק האָט אויסגעשניטן: „לּיִע — מאריק״. זי האָט זיך געזעגנט מיטן בוים, ווי מיט איר יונגער מיידלשער ליבע. אָן אָפּגעבראָכן צווײַגל פונעם בוים האָט זי דעמלט געבראַכט קיין בראַסלאוו און פארפלאנצט אפן הויף פון איר טאַטע־מאמעס היים.

מאריק האָט אין איר שטענדיקער פאָרשטעלונג געלעבט אזא, ווי זי האָט אים דערזען דאָס ערשטע מאָל אונטער יענעם בוים. איצט, ווען זיי זײַנען געשטאנען איינער אנטקעגן אנדערן דאָ, אין קאבינעט פון דעם דירעקטאָר, האָט זי דערזען, ווי ער האָט זיך געענדערט. די דרײַ יאָר האָבן אים פארעלטערט, זײַן ברוין פּאָנעם — פארוואקסן מיט א באָרד, פון אונטער די געדיכטע ברעמען האָבן אף לּיִען ארויסגעקוקט ערנסטע, מידע אויגן. פון פרייד, וואָס ער האָט זי אזוי אומגעריכט דאָ געטראָפן, האָט אים עפּעס געשטיקט אין האלדז, און ער האָט ניט געקאָנט אָפּזוכן די געהעריקע ווערטער אף ארויסזאָגן, וויאזוי ער איז צופרידן פון אָט דער באגעגעניש.

— זיץ, — האָט ער אָנגעוויזן אף א ווייכן לעדערנעם דיוואן.

און אין א ווײַלע ארום:

— איז פארוואָס ביסטו גלײַך ניט פארפאָרן צו מיר?

— צו דיר? — האָט זי איבערגעפרעגט. — ניין, ניט צו דיר. איך בין געקומען פון מײַן שוד־פאבריק אָפּקלײַבן לעדער אין אײַער לעדער־זאוואָד. אָט זײַנען מײַנע נאריאדן, — זי האָט ארויסגענומען פונעם טיש עטלעכע פּאפּירלעך.

מאריק האָט זיך פארוואונדערט:

— אויב די מיינסט, אז איך בין שוין דער דירעקטאָר פונעם זאוואָד, האָסטו א טאָעס. איך בין דערווײַל דער שעף פונעם אָפּטייל פון טעכנישן קאָנטראָל. ער האָט א קוק געטאָן אף די נאריאדן. — דו ארבעטסט שוין לאנג אין ארטיאָמאָווסק?

— שוין דרײַ כאדאָשים, — האָט זי געענטפערט און א טראכט געטאָן, אז מיסטאמע זעט זי אויס זייער מיד — א גאנצע נאכט אין צוג ניט געשלאָפן. א פּאָר מאָל האָט זי געעפנט און ווידער פארמאכט איר האנט־טאש, ניט געקאָנט זיך אָנעמען מיט מוט ארויסצונעמען דאָס שפּיגעלע און כאפּן א קוק אף זיך.

מאריק האָט ארויסגענומען א ציגאַר.

— דו רייכערסט? — האָט לּיִע זיך געוווּנדערט.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט, — און דאָס איז שוין דײַן שולד...

לּיִע האָט א שמייכל געטאָן:

— נו, און די באָרד, וואָס דו האָסט זיך פארלאָזט, איז אויך מײַן שולד? — זי האָט אָנגענומען זײַן באָרד, ווי געפּרוּווט מיט אירע פינגער זי צעקעמען.

— אויב דיר, לּיִע, געפעלט ניט, קאָן איך די באָרד אָפּשערן, — האָט ער זיך צוגערוקט צו איר אפן דיוואן נאָך נעענטער.

— מע דארף ניט, מאריק, עס קאָן נאָך עמעצער אָנקומען.

— דו ביסט מיד פון וועג, קום, וועסטו זיך בא מיר אויסרוען.

— און מיטן לעדער? איך דארף אים וואָס גיכער איבערשיקן אין מײַן שוד־פאבריק.

— ווּעסט נאָך באַווײַזן.

ליִע האָט דערווידערט:

— איך, מאַריק, בין נאָך אַף מײַן אַרבעט אַ נײַער מענטש, אָבער מע קען מיך שוין דאָרט. מע ווייסט, אַז אויב איך בין געפאָרן נאָך לע־דער, וועל איך ברענגען צו דער צײַט...

ער האָט אַ קוק געטאָן אַף איר מיט כידעש:

— מאָרגן איז אויך ניט שפּעט. מאָרגן וועל איך דיר העלפן וואָס גיכער איבערשיקן דאָס לעדער. און הײַנט לאָמיר אָפּשפּאָרן אַ ביסל צײַט פאַר זיך, זיך דורכשמועסן. שוין דרײַ יאָר זיך ניט באַגעגנט. סײַוויסײַ איז איצט דער די־רעקטאָר ניטאָ.

זיי זײַנען אַרויס אַף דער גאַס. זומער איז זעקס אַזייגער אָפּדערנאַכט נאָך ליכטיק.

— מיר וועלן פריִער גיין עפּעס איבערכאַפּן? אָט דאָ ניט ווײַט איז פאַראַן אַ קאַפע, — האָט ער פאָרגעלייגט.

ס'האָט זיך איר ניט געוואָלט פאַטערן קיין צײַט אַף ווערטער, און באַ איר אין רענצל זײַנען געווען גאַנץ געשמאַקע זאַכן.

— נו, גוט, — איז ער אײַנגעגאַנגען, — ווי דו ווילסט. איז עפּשער וועלן מיר טאַקע אַרײַנגיין צו מיר?

— ווײַנסט איינער אַליין? — האָט זי זיך אײַנגעשטעלט אים צו פרעגן.

— אָט, ווי דו זעסט, — האָט ער אַ דריק גע־טאָן איר עלנבויגן. — האָסט פאַרגעסן, אַז ווען מיר האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל געזעגנט, האָב איך דיר געזאָגט, אַז לאַנג, לאַנג וועל איך ניט קאָנען דיך פאַרבײַטן אַף אַן אַנדערער?

זײַנע ווערטער האָבן זי דערפרייט.

— יאָ, מאַריק, — האָט זי געזאָגט, — אָבער וויפל וואַסערן האָט שוין אונדזער טײַך בוג פאַר דער צײַט איבערגעטראָגן...

— און איך האָב דיך, ליִע, אַלע טאָג געזען... אַלע טאָג...

— אַלע טאָג? יאָ, איך ווייס, דו ביסט דאָך אַ שטיקל קינסטלער, און קינסטלער פאַנטאַזירן שטענדיק...

ער האָט אַראָפּגעשלונגען, ווי ניט באַמערקט, איר שטאָך, און זיך אָפּגערופן:

— נו, אָט, מיר זײַנען לעבן מײַן שטוב, — ער האָט אָנגעוויזן אַף אַ צווייִשטאָקיק הויז. — וועלן מיר אַרײַנגיין?

ליִע האָט זיך אַ קווענקל געטאָן:

— ווען איך בין אַלט געווען זיבעצן, האָב איך ניט מוירע געהאַט צו גיין מיט דיר באַנאַכט אין דאָרף, איצט איז נאָך ליכטיק, און מיר איז שוין אינגיכן איין און צוואַנציק...

ווען מאַריק האָט אופגעשלאָסן די טיר, און ליִע האָט איבערגעטראָטן די שוועל, האָט זי דערפילט אַ רייעך פון פרישן גיפּס. אין מאַריקס צימער איז געווען כּוישעכדיק, דער דיל — אין



די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסט הארציק אונדזער באַשטענדיקן אויטאָר און געזעל־שאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל ראַוון פּאָסטילניקאָוון מיט זײַן 70־טן געבוירנטאָג און ווינטשט אים געזונט, אַריכעס יאָמים און שעפערישע דערפאָלגן

ווײַסן קרײַד, אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט אָפּשניצלעך פון סיגאַרעטן.

— ווי נאָך אַ פּאָגראָם! — האָט ליִע אויסגע־שריגן.

— ניטאָ קיין פרײַע מינוט, — האָט מאַריק זיך גענומען פאַרענטפערן, — אָט קום אַרײַן אין צווייטן צימער, וועל איך דיר באַווײַזן, ווי דו פעלסט מיר אויס...

— ניין, מאַריק, דײַן קונסט וועל איך נאָך באַווײַזן זען, פריִער פאַר אַלץ דאַרף מען אופ־ראַמען. — זי האָט אופגעעפנט איר רענצל, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ כאַלאַט, אים אָנגע־טאָן פון אויבן אַפן קליידל, אַראָפּגעוואָרפן פון די פיס די סאַנדאַליעטן און אָנגעטאָן שטעקשיך. — גיב אַהער אַ בעזעם, — האָט זי גענומען אונטערײַלן מאַריקן.

ווען זיי האָבן ביידע אופגעראַמט דעם צי־מער, האָט ליִע אוועקגעלייגט אַפן טיש אַן אָפּ־געקאָכטע הון, וועלכע זי האָט מיטגענומען מיט זיך אין וועג אַרײַן. זיי האָבן אָפּגעגעסן.

— איצט וועל איך דיר באַווײַזן, מיט וואָס איך פאַרנעם זיך, — מאַריק האָט אופגעעפנט די טיר פונעם צווייטן צימער. דאָרט זײַנען געשטאַ־נען עטלעכע סקולפּטורן. ער האָט אין איינעם פון די ווינקלעך פאַרהויבן אַ פאָרהאַנג, און ליִע האָט זיך גלײַך דערקענט אין דער סקולפּטור. זי איז געשטאַנען אַפן טיש מיט באָרוועסע פיס, די

האָר צעפּאטלט, דאָס קאפּטעלע צעשפּליטעט. זי האָט גלײַך זיך דערמאָנט, אז אזוי האָט זי אויסגעזען, ווען מאריק האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען אונטערן בוים, ווען עס האָט געגאָסן א רעגן. זי האָט לאנג געקוקט אַף דער סקולפּטור, דערנאָך איז זי צוגעגאנגען צו מאריקן, צוגעטוליעט איר קאָפּ צו זײַן ברוסט, אין אירע אויגן האָבן זיך באוויזן טרערן.

מאריק האָט געגלעט אירע האָר... זיי האָבן אים לאנגע יאָרן געמאטערט, ער האָט פיל געקלערט, וויאזוי ליִעס זײַדענע האָר באווײַזן אין דער סקולפּטור — איצט פילט ער זיי מיט זײַן האנט אזוי נאָענט.

— און ווער איז אָט דער קלעזמער מיטן פידל? — האָט ליִע אָנגעוויזן אַף א צווייטער סקולפּטור.

— דאָס איז מײַן זיידע. ער שפּילט אַף זײַן פידל צום לעצטן מאָל פארן וועג קיין סיביר, וווּהין די קניאגיניע האָט אים פארשיקט, ווײַל ער האָט ניט געוואָלט זיך בוקן צו אירע פיס...

— און וואָס איז דאָס פאר א ביוסט?

— דאָס איז מײַן באלעבאָס, דער דירעקטאָר פון דעם לעדער־זאוואָד.

— מיט וואָס האָט ער אזוי פארדינט? — האָט ליִע געפרעגט.

— פאר מיר האָט ער געטאָן א סאך... ער באפרײַט מיך אפילע פון דער ארבעט אַפן זאוואָד.

— אזוי גאָר? — האָט ליִע זיך געכידעשט. — ווי איך פארשטיי, קויפסטו אויס דײַנע זינד מיט דײַן קונסט? דײַן דירעקטאָר וויל זיך בויען אן אָנדענק בא זײַן לעבן?

ס'האָט זיך דערהערט א קלונג אין טיר. מאריק האָט זי אופגעעפנט און זיך אומגעקערט צוזאמען מיט עפּעס א מאנצבל.

— זײַט באקאנט, דאָס איז מײַן דירעקטאָר, לעאָניד מארקאָוויטש שאלאָמינסקי.

דער דירעקטאָר האָט געגעבן ליִען די האנט, זיי האָבן זיך באגריסט.

— ווער איז אָט דאָס פײַנע מיידל? — האָט שאלאָמינסקי געפרעגט.

— פון דער ארטיאָמאָווסקער שוך־פאבריק, א טעכנאָלאָג, זי איז געקומען אָפּקלײַבן לעדער.

— פארוואָס זשע איז זי פארפאָרן גלײַך צו דיר?

— מיר זײַנען שוין לאנג באקאנט, — האָט מאריק דערקלערט.

— א־א, עפּשער אן אלטע ליבע?

— איר האָט געטראָפן, — האָט מאריק געענטפערט.

— ווײַזט אהער אײַערע נאריאדן, — האָט דער דירעקטאָר זיך געווענדט צו ליִען.

ליִע האָט אים געגעבן די נאריאדן, און ער האָט זיי אונטערגעשריבן.

— איצט קום, מאריק, באווײַז מיר, ווי איך זע אויס אין דער קונסט.

מאריק האָט ארײַנגעפירט דעם דירעקטאָר אין צווייטן צימער. שאלאָמינסקי האָט געקוקט אַף זיך מיט נײַגער.

— אינטערעסאנט, אינטערעסאנט, פּונקט צום יובילײ פון אונדזער זאוואָד וועט מען אָט דעם ביוסט קאָנען ארויסשטעלן.

און צו ליִען:

— אין מאריקס יאָרן האָב איך אויך פארמאָגט א שווארצן קאָפּ האָר, און איצט, זעט איר...

— נו, איז וואָס, — האָט זי געענטפערט, — ווען בא א מענטשן איז אין קאָפּ פּוסט, וועלן קיין האָר ניט העלפן...

— אוי, ווי קלוג, זייער קלוג! — האָט שאלאָמינסקי אויסגערופן און איבערגעכאזערט ליִעס ווערטער.

ער האָט זיך א צופרידענער געזעגנט און איז ארויס פון שטוב.

— א מאָדנער מענטש איז דײַן דירעקטאָר, — האָט ליִע געזאָגט.

— ווען דו זאָלסט וויסן! — האָט מאריק זיך גענומען פארענטפערן, — דו מיינסט, אז איך טו עס פונעם גאנצן הארצן? ס'איז נאָר דערפאר, וואָס איך האָב ניט פארלוירן די האָפענונג אָנקומען אין קונסט־אינסטיטוט...

— מיט וואָס קאָן איך דיר העלפן?

— העלפן? דײַן הילף — ניט זײַן ווײַט פון מיר און ווארטן, ביז איך וועל פארענדיקן דעם אינסטיטוט...

ליִען האָבן מאריקס ווערטער פארדראָסן. עפּעס האָט איר שוין ווי באנק געטאָן, וואָס זי האָט אזויפיל געטרוימט וועגן אָט דער באגעגעניש.

— מאריק, פארוואָס דארף איך אַף דיר ווארטן? כ'האָב דאָך דיר קיינמאָל ניט געזאָגט, אז איך האָב דיך ליב...

— און איך וועל דיר איצט זאָגן.

ליִע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— ניין, מאריק, מע דארף ניט... איך בין זייער מיד. טו בעסער א קלער, ווו איך וועל הײַנט איבערנעכטיקן.

— נעם דעם שליסל פון מײַן צימער. מאָרגן אכט אזייגער וועל איך ווארטן אַף דיר אַפן זאוואָד.

אין סקלאד פון פארטיקער פּראָדוקציע האָט ליִע באקוקט דאָס לעדער, אַף יעדער פעל איז געשטאנען דער שטאמפּ פון ערשטן סאָרט.

— דאָס איז דײַן ארבעט? — האָט זי אָנגעוויזן אַף די שטאמפּן.

— יאָ, איך בין דאָך דער טעכנישער קאָנטראָל.

— עפּעס געפעלט מיר ניט דײַן קאָנטראָל, — האָט זי גענומען איבערוואַרפן איין פעל נאָך דער אַנדערער.

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו מיינסט...

— און איך פאַרשטיי, — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט באַדויערונג. — אויסגעבן דעם דריטן סאָרט פאַרן ערשטן... ס'איז דאָך געפעלשט!

מאַריק האָט אַ מורמל געטאָן:

— אויב דו וועסט ניט נעמען די סכוירע, איז פאַר מיר אַ געפאַר...

— אַ געפאַר, זאָגסטו? פאַר דיר? און עפּשער גאָר פאַר יענע, וואָס וועלן טראָגן די שיך? און ווו זײַנען געווען דײַנע אויגן?

מאַריק האָט שוין אַ קוק געטאָן אויף איר אָפן:

— דאָס איז מײַן שולד... מײַן שולד. נאָר די שטאַמפּן האָב ניט איך געשטעלט.

— ניט דו? — האָט זי זיך פאַרוווּנדערט.

— יאָ, קאָנטראָלירן די קוואַליטעט פון דעם לעדער איז מײַן פליכט, נאָר, צום באַדויערן, טו איך דאָס זעלטן.

ליזע האָט ניט פאַרשטאַנען.

— אָפּטמאָל... אַליין דער דירעקטאָר... אין דער צײַט, וואָס איך אַרבעט איבער זײַן ביוסט, באַפרײַט ער מיך פון די פליכטן אויפן זאַוואָד.

— אָ, איך האָב ניט געוווּסט, אַז דו ביסט פעיִק האַנדלען מיטן געוויסן, — האָט ליזע געזאָגט מיט פאַרביטערונג.

מאַריק איז אַזש פאַרציטערט געוואָרן:

— איך האָב ניט געוווּסט, אַז דער דירעקטאָר וועט ניט זײַן ערלעך באַם אָפּשאַצן די קוואַליטעט פון דעם לעדער.

— ער איז איצט באַ זיך?

— יאָ. נאָר איך בעט דיך, ליזע, פאַרפיר ניט מיט אים קיין קריג, — האָט ער זיך געבעטן באַ איר.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פאַרוואָרף:

— עפּשער וואָלט בעסער זײַן אָן דײַנע אייצעס? — און זיך געלאָזט גיין.

— איך וועל אויך גיין מיט דיר צום דירעקטאָר, — האָט מאַריק געזאָגט.

— ניין, דו טו זיך דײַן אַרבעט, פאַר וועלכער דו באַקומסט געהאַלט, און צום דירעקטאָר וועל איך שוין אַליין גיין.

ווען ליזע איז אַרײַן אין קאַבינעט, האָט שאַלאָמינסקי זיך ווי דערפרייט:

— אוי, איך האָב שוין געקלונגען אויפן סקלאַד, מע זאָל אײַך צו דער צײַט אַרויסגעבן די סכוירע, נאָר עפּעס האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר, ליבער טעכנאָלאָג, האָט דערזען כעסרוינעס...

— די כעסרוינעס וואָלט איר אויך באַדאַרפט דערזען.

— איך? — האָט דער דירעקטאָר ווי זיך פאַרוווּנדערט. איך האָב ערנסטערע אויפגאַבן. איך דאַרף אויספילן דעם פּלאַן!

— און די קוואַליטעט פון דעם לעדער, וואָס איר אַרבעט אויס, גייט ניט אַרײַן אין אײַער פּלאַן?

דער דירעקטאָר האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן שטול:

— זאָגט מיר קאָנקרעט, וואָס פאַר אַ כיסאָרן האָט איר דערזען אין די כראָמען?

— פון די כראָמען, וואָס איר האָט מיר פאַרגעלייגט, וועט מען קיין שיך ניט קאָנען אויסאַרבעטן, דאָס איז נאָר אויף רימענדלעך.

— אויף רימענדלעך? — האָט שאַלאָמינסקי זיך צעבייזערט. מיט וואָס געפעלן אײַך ניט די פעלן?

— דערמיט, וואָס זיי זײַנען איבערגעטריקנט און די פאַרב פון זיי וועט אײַנגיכן אַראָפּקריכן.

— זאָגט איר זיך אָפּ צו נעמען די סכוירע?

— יאָ. קאַטעגאָריש זאָג איך זיך אָפּ! — האָט ליזע באַשטעטיקט.

דער דירעקטאָר האָט געלאָזט אין גאַנג דאָס לעצטע מיטל:

— נאָר איך דאַרף אײַך וואָרענען: אויב איר וועט פאַרבראַקירן די כראָמאָווע פעלן, וועט מען אײַער מאַריקן איבערן קעפּעלע ניט גלעטן.

— אײַך וועט מען דערפאַר אויך ניט לויבן, — האָט ליזע געענטפערט.

ליזע האָט שוין געוואָלט זיך געזעגענען מיט שאַלאָמינסקין, נאָר ער האָט זי פּלוצעם פאַרהאַלטן. ער האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפע פּיר פעלעכלעך־דובליאַנקעס:

— אָט, טוט אַ קוק, זיי זײַנען אויך אויסגעאַרבעט אויף אונדזער זאַוואָד.

ליזע האָט באַטראַכט די דובליאַנקעס, זיי זײַנען איר געפעלן געוואָרן.

— זייער גוט אויסגעאַרבעט. און וועמער איז דער קליִענט פון אַזעלכע דובליאַנקעס? — האָט זי געפרעגט.

— איר ווילט וויסן, פאַר וועמען מיר אַרבעטן אויס די סכוירע? אוואַדע צעכאַפּט מען זיי, — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אַ לאַקריצזיסן שמייכעלע. — אויב אײַך געפעלט, וועל איך זיי אײַך באַלד אײַנוויקלען.

— וואָס זאָל דאָס באַטײַטן?

— וואָס? — אויפן דירעקטאָרס פּאָנעם האָט זיך באַוויזן אַ פרעך שמייכעלע. — איר זאָלט אויך אויף די כראָמאָווע פעלן קיין כעסרוינעס ניט געפינען.

ליזע האָט ניט געוואַרט אויף אַזאַ גאַנג. זי האָט די דובליאַנקעס אַ שמיץ געטאָן אויפן דיל און איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס. זי האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן ווײַטער. לויפן אויפן וואָקזאַל? זי

האָט זיך דערמאָנט, אַז איר רענצל איז בא מאַ־ריקן.

ווען זי איז אַרײַן אין מאַריקס צימער, האָט זי געכאַפּט פון קאָס א שווערן האַמער און האָט אַ זעץ געטאָן איבערן דירעקטאָרס ביוסט. שאָ־לאָמינסקיס קאָפּ האָט זיך צעשאָטן אַף שפּלי־טערס. זי האָט ארומגעכאַפּט די סקולפּטור פון איר געשטאַלט און זיך צעוויינט.

ווען מאַריק האָט זיך דערוווּסט, וואָס עס איז מיט ליִען פאָרגעקומען באַם דירעקטאָר אין קאַ־בינעט, איז ער טייקעף געלאָפן צו זיך אַהיים. אַרײַן אין שטוב, האָט ער דערזען, ווי דעם די־רעקטאָרס ביוסט וואַלגערט זיך אַ צעבראָכענער אַפן דיל. ער האָט גאָרניט געזאָגט ליִען. זיי זײַ־נען געשטאַנען שווײַגנדיק איינער אנטקעגן דעם אַנדערן.

די ערשטע האָט די שטילקייט איבערגעריסן ליִע:

— דו זעסט, מאַריק, — האָט זי אָנגעוויזן אַף זײַן זיידנס סקולפּטור. — אָט שטייט דײַן זיידע פאַרבייגן דעם קאָפּ פאַר דער קניאַגיניע, ניט מיטן פידל אין האַנט. ער האָט ניט געוואָלט פאַרקויפן זײַן קלעזמערישע נעשאָמע. און דו? ווילסט שאַפן די סקולפּטור פון א פאַלשן מענטשן?

מאַריק האָט גלײַכגילטיק א קוק געטאָן אַף די שערבלעך, וואָס זײַנען געבליבן פון שאָלאָ־מינסקיס ביוסט:

— איך האָב דיך פאַרשטאַנען, ליִע, און איך באַדויער ניט, וואָס דו האָסט די סקולפּטור צע־בראָכן. פאַרקערט, האָסט היינט בא מיר באַקו־מען נאָך מערער כיין...

— אָבער ווער עס קאָן פעלשן אין דער קונסט, דער קאָן פעלשן אויך אין ליבע.

— זאָג ניט, זאָג ניט אַזוי, — האָט ער אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ.

ליִען איז געווען א ראַכמאָנעס אַף מאַריקן. זי האָט געפילט, אַז ער ליִגט ניט. צוגעגאַנגען צו אים, האָט זי אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אַף זײַן ברוסט. דאָס ערשטע מאָל האָט זי גע־הערט, ווי דאָס האַרץ זײַנס קלאַפּט. זיי האָבן ביידע שווײַגנדיק געקוקט אַף דער סקולפּטור פונעם זיידן, ווי זיי וואָלטן זיך אײַנגעהערט אין זײַן שפּילן...

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער

מע לאָזט ניט רוען אירע ביינער...

...דער דאָזיקער געריכט־פּראָ־צעס האָט אַרויסגערופן א גוואַל־דיקן אינטערעס ניט בלויז אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד. עס האַנדלט זיך וועגן דעם פּראָצעס אין פראַנקפורטער געריכט, ווו מע האָט געמישפּעט דעם... „טאָגבוך פון אנע פראַנק״.

אין דער שטאָט אַדענהויזען איז הײַנט ראָט פיל מאָל אַרויסגע־טראָטן אַף די זײַטן פון דער אַר־טיקער פרעסע מיט אַרטיקלען, ווו ער האָט געשריבן, אַז אַנע פראַנקס בוך איז א פעלשונג. ער האָט זיך געפּרוּווט דערוויַזן, אַז דער אוטאָר איז אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, וואָס האָט געשריבן לויט דעם, ווי ס׳האָט אים דער־ציילט אַנע פראַנקס טאַטע.

אינעם באַשלוס פונעם פראַנק־פורטער געריכט ווערט געזאָגט: פאַר אינסינואַציעס און פאַלשער באַשולדיקונג צומישפּעטן הײַנץ ראָטן צו באַצאָלן א שטראָף — פינף הונדערט טויזנט מאַרק; אין פאַל, אויב ער וועט ניט באַצאָלן, אַרײַנזעצן אים אַף זעקס כאָדאָ־שים אין טפיסע.

אַן אָרדנטלעכער פּרוּוו צו רייני־וואַשן די פאַשיסטישע פאַר־ברעכנס איז אויך דאָס מאָל דורכ־געפאַלן.

■ ■ ■

אונדזער רעפּליק

וואָס פֿאַרשטייט איר ניט?

כאַווײרים פֿון דער פּאַריזשער צײַטונג „נײַע פּרעסע"! לאָמיר גיין מיט די וועגן פֿון לאָגיק. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אײַערע לייענער זאָל פֿאַרגעבן אײַך אַזאַ פֿראַגע:

צי איז עמעס, אַז די רעגירער פֿון דער ייִדישער מעדינע האַלטן זיך בענעגייע דער אַראַבישער באַפעלקערונג באַ דער ליניע פֿון „פֿאַרהיטן די ריינקײַט פֿון דער ראַסע" און „ליקווידירן די אומגעווונטשענע עלעמענטן"; אַז עס איז אָנגענומען אַ קורס פֿון ענדגילטיק פֿאַרטרײַבן פֿון ייִסראָעל די אַראַבער, דעהײַנע — די צאָל פּאַלעסטינער פּלייטים האָט שוין צום 1949 באַטראָפֿן (לויט די אָנגאַבן פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס) 940 טויזנט מענטשן — קימאַט אַ מיליאָן! — און אין מעשעך פֿון 30 יאָר ווערן ניט געשאַפֿן קיין באַדינגונגען, קעדיי די מענטש זאָלן זיך אומקערן אַף זייער ערד; אַז די ערד, וואָס האָט פֿון קאַדמוינים געהערט צו די אַראַבישע טוישווים, ווערט דעראָבערט מיצאַד די מאַכט-אָרגאַנען און פֿאַרשיידענע עקסטרעמיסטישע קערפּערשאַפֿטן אין ייִסראָעל מיט דער הילף פֿון אָפֿענעם קויעך — טעראָר און קאָנפֿיסקאַציעס, — זיי האָבן בלויז אין דער ערשטער צײַט רעקווירירט 7.800 אַראַבישע אונטערנעמונגען, מאַגאַזינען, האַנדל-פֿירמעס, קימאַט דעם גאַנצן באָדן, וואָס מע קאָן באַאַרבעטן (לויט אָפֿיציעלע יעדיעס באַטרעפֿן די פֿאַרמעגנס און די ערד פֿון די פּאַלעסטינער, וועלכע די ציעניסטן האָבן פֿאַרכאַפּט, לעפּיערעך 16 מיליאַרד אַמעריקאַנער דאָלאַרן; אַז די פּעריאָדישע קאָנפֿיסקאַציעס פֿון די אַראַבישע באָדנס ווערן באַצייכנט מיצאַד דער ציעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע אַלס „רעטונג פֿון דער ערד"; אַז אין רעזולטאַט פֿונעם אָנגענומענעם אין 1952 געזעץ וועגן ייִסראָעל-בירגערשאַפֿט (וועגן שאַפֿן אַ ריין ייִדישע מעלוכע) האָבן טויזנטער פּאַלעסטינער, וועלכע לעבן אין לאַנד, פֿאַרלאָרן זייער בירגערשאַפֿט און זײַנען אין זייער אייגן היימלאַנד פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אויסלענדער; אַז, אָקופּירנדיק די דערפֿער פֿון די פּאַלעסטינער, רײַסן דאָרט אויף די ייִסראָעל-זעלנער וווין-הײַזער, קינדער-שולן, שפּיטאָלן (אין אַראַבישן דערפֿל זעיט, דעם 11 יון 1967, האָבן סאַפּיאָרן אויפֿגעריסן קימאַט אַלע שטיבער, די אָרטיקע שול, דעם שפּיטאָל, וועלכן ס'האָט אויסגעבויט דער צווישנפֿעלקערלעכער קירכן-ראַט; אין אַלט-יערושאָלאַים זײַנען אויפֿגעריסן געוואָרן טויזנטער הײַזער, אינעם פּעריאָד פֿון 1967 ביז 1975 זײַנען אַף די אָקופּירטע טעריטאָריעס אָראָפּגעטראָגן געוואָרן אינגאַנצן גענומען 20 טויזנט אַראַבישע הײַזער, בלויז אינעם ראַיאָן פֿון ראַפֿיאַך האָט מען נאָך דעם 1972 יאָר אַרויסגעזעצט איבערגעוואַלד פֿון די היימען 1.530 אַראַבישע געזינדן; די אָקופּאַנטן פֿאַרשיטן די ברינעמער אַדגל.); אַז דער ראַסיסטישער גאַלילי-דאָקומענט, לויט וועלכן די אָקופּאַציע-אָרגאַנען באַקומען די נייטיקע פֿולמאַכטן אַף צו ענדערן מיט צוואַנגס-מיטלען די דעמאָגראַפֿישע סטרוקטור אַף די אָקופּירטע טעריטאָריעס, איז אָנגענומען פֿון דער קנעסעט; אַז פֿון די 370 ייִשווים, וואָס זײַנען פֿאַר דעם פּעריאָד פֿון 1948 ביז הײַנט געשאַפֿן געוואָרן, געפֿינען זיך 350 אַף דער ערד פֿון די אַראַבער, דערבײַ זײַנען 94 פֿון זיי — מיליטאַריזירטע, און דאָס איז אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון דער פּאָליטיק, וועלכע דער לידער פֿון דער „באַוועגונג פֿאַר גאַנץ ערעץ-ייִסראָעל" בען-פּאָראַט האָט פֿאָרמולירט אַזוי: „עס קאָן ניט זײַן קיין ציעניזם, עס זאָל ניט זײַן קיין קאָלאָניזאַציע און קיין מעלוכע-ייִסראָעל, ווען מיר זאָלן ניט פֿאַרטרײַבן די אַראַבער, ניט קאָנפֿיסקירן און באַהערשן זייערע טעריטאָריעס"... און ב. דימור (דעמלט — אַ מיניסטער אין דער ייִסראָעל-רעגירונג) האָט פֿאַרפֿינקטלעכט מיט די ווערטער: „אויב די אַראַבער וועלן זיך אַקשענען, וועלן מיר זיי שלאָגן, שטויסן, טרעטן מיט די פֿיס, ביז מיר וועלן זיי צווינגען אָפּצוטרעטן"...; אַז די אַראַבישע באַפעלקערונג אַף די אָקופּירטע טעריטאָריעס האָט קימאַט קיינע פּאָליטישע רעכט ניט; אַז אין אַזעלכע שטעט, ווי קאַרמעל, נאַזאַרעט, האַצער, איליט, מיציעך, ראַמאָן און אין 13 קוואַרטאַלן פֿון יערושאָלאַים איז די אַראַבער פֿאַרבאָטן צו באַזעצן זיך, 70 טויזנט אַראַבער, וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן אין ייִסראָעל, האָבן ניט קיין בירגער-רעכט, בלויז 10 פּראָצ. פֿון דער אַראַבישער באַפעלקערונג האָט רעכט אָנטייל צו נעמען אין די וואַלן; אַז די גרעסטע מערהײַט אַראַבישע ייִשווים פֿאַרמאָגט לאַכלוטן ניט קיין מעדיצינישע באַדינונג און סאָציאַלע פֿאַרזיכערונג, די האַכנאָסעס פֿון די אַראַבישע אַרבעטנדיקע זײַנען, אַלס קלאַל, דורכשניטלעך אַף 40 פּראָצ. נידעריקער פֿון די האַכנאָסעס פֿון די ייִדן, וועלכע אַרבעטן אַף די זעלבע פּאָסטנס און אין די זעלבע געביטן, די אַראַבער האָבן אויסצושטיין פּאָליציישע רעפּרעסיעס, מאַסן-אַרעסטן, עס ווערן דורכגעפֿירט אַקציעס איבער פּאַלעסטינער אונטערן כּשאַד, אַז זיי

העלפן דער ווידערשטאנד־באוועגונג, אין רעשוס פון די שטראָף־אָרגאנען געפינט זיך א סיסטעם פון דערנידעריקן די מענטשלעכע ווירדע: קאָלעקטיווע שטראָף־מיטלען, צוואנג־דעפּאָרטאציע פון גאנצע דערפער, פארבאָט ארויסצופאָרן פונעם דאָרף און ענלעכע רעזשים־אַקציִעס, וואָס זײַנען כאראקטעריסטיש פאר א געטאָ אָדער רעזערוואציע אין א צײַט פון אָפענעם קריג קעגן זיי; אז טויזנטער אראבער מאטערן זיך אין די טפיסעס אָן א געריכט, בלויז אין רעזולטאט פון אדמיניסטראטיוון באפעל, און עס ווערן צו זיי אָנגעווענדט גרויזאמע פּײַניקונגען און איזדעקענישן; אז לויט די פאראָרדענונגען פון די קריגס־אָרגאנען אין ייִסראָעל ווערט גערעכנט אלס א פארברעכער ניט בלויז דער, וואָס קעמפט מיט געווער אין האנט קעגן דער אָקופּאציע, נאָר אויך דער, וואָס זאָגט זיך ארויס לעטויוועס דעם דאָזיקן קאמף. אין דער ייִסראָעל־פּרעסע ווערן געבראכט פיל פאקטן, ווען די אָקופּאציע־אָרגאנען שיסן אין פרידלעכע דעמאָנסטראציעס פון דער אראבישער באפעלקערונג, און אָקופּאנטישע קוילן טרעפן אויך אין פרויען, קליינע קינדער און זקיינים; אז דער אראבישער טייל פון פּאלעסטינע איז פאקטיש פארוואנדלט געוואָרן אין א ריזיקן קאָנצענטראציע־לאגער (א לעצטער בײַשפּיל דערויף: די גוואלד־איבערוואנדערונג אין יאנואר 1976 פון א טייל באפעלקערונג פון דער שטאָט שכעם — נאבלוס און די אכזאָרישע צערעכענונג מיט די דעמאָנסטראציעס אף דער טעריטאָריע פונעם מײַרעוור־ברעג, וואָס זײַנען געווען א צייכן פון סאָלידאריטעט מיט די קאָרבאָנעס פונעם טעראָר); אז פאר פארשיידענע נאציאָנאלע סוויוועס זײַנען אין ייִסראָעל גילטיק פארשיידענע געזעצן (עס האנדלט זיך, לעמאָשל, וועגן „כאק האשאווא", דעם געזעץ וועגן אומקערן זיך, וואָס איז אין טאָך א ראסיסטישער, ווײַל אין דער צײַט, ווען יעדער ייִד, וועלכער איז געבוירן און לעבט אין א באליביק לאנד פון דער וועלט, מעג אימיגרירן קיין ייִסראָעל, האָט א פאלעסטינער פּאָליט, א געבוירענער אף דער ערד, ווו ס'איז איצט ייִסראָעל, קיין רעכט ניט אומצוקערן זיך צו זיך אהיים; וואָס שײַעך ספּעציִעל דער אראבישער נאציאָנאלער סוויווע, האנדלט זיך דאָ אינעם געזעץ וועגן פּרעווענטיוון ארעסט, אינעם געזעץ וועגן איבערגעלאָזטן פארמעגן אא.), — די פראגע צו אײַך, וואָס עס קאָנען ארויסשטעלן אײַערע לייענער, איז: צי אנטשפּרעכט דאָס אלץ דער ווירקלעכקײַט, צי איז דאָס עמעס?

כאווײרים פון דער „נײַער פּרעסע"! מיר בעטן, איר זאָלט אונדז אנטשולדיקן, וואָס מיר גיבן אײַך איבער מיט אזויפיל פּראָטים די דאָזיקע פראגע, האָגאם ס'איז דערווײַל בלויז א האשאָרע, אז זי קאָן געשטעלט ווערן. אין איר זײַנען ארײַנגעפּאסט די ארגומענטן, פארוואָס מע מוז זיך מיט איר באשעפטיקן און ניט אוועקמאכן זי מיט דער האנט. אזוי צי אזוי, נאָר מיר גלייבן, אז איר וואָלט אף דער ביז גאָר וויכטיקער פראגע געגעבן אָן איינציקן ענטפער: יאָ, אלץ איז דאָ דער ריינער עמעס! און דאן איז קיין סאָפעק ניט, אז די לייענער — מיר האָבן אין זינען פּראָגרעסיווע ייִדן — וועלן אויסשרײַען מיט גרויס ווייטעק און אופגעבראכטקײַט: דאָס זײַנען דאָך די זעלבע מעטאָדן, מיט וועלכע די היטלעריסטן האָבן באהאנדלט אונדז, ייִדן! איר זײַנט ניט מאסקים מיט דעם, כאָשעווע כאווײרים? ניין, מיר ווייסן, אז איר זײַנט אף דער זײַט פון אזא לאָגיק (קעדיי מע זאָל ניט אופוואַרפן די לייענער דאָס, וואָס זיי האָבן גלאט ניט אין זינען צו זאָגן, ווײַזן מיר גלײַך אָן, אז אין זייער פארגלײַך, בייס זיי זײַנען ווייטעקדיק אופגעבראכט קעגן די ציִעניסטישע עקסטרעמיסטן, איז ניט פאראן קיין אָנדײַט אף דער „ענד־לייזונג", אף דער פארניכטונג פון מיליאָנען מענטשן דורך אָפּסאמען, שיסן, הענגען. בלויז א בייזוויליקער פלאָנטערער קאָן אזוינס באהויפּטן! ניין, די לייענער האָבן פּינקטלעך אָנגערופן באם נאָמען דאָס, וואָס זיי האָבן אין זינען, און בלויז צו דעם האָט א שײַכעס זייער אויסגעשריי: דאָס זײַנען דאָך די זעלבע מעטאָדן!..)

אין נאָכאמאָל, כאווײרים פון דער „נײַער פּרעסע"! צי זײַנט איר מאסקים מיטן אויספיר, וועלכן ס'וואָלט געמאכט (אין דעם צווייפלען מיר ניט) דער פּראָגרעסיווער ייִדישער לייענער? און אויב יאָ, וועלן מיר אײַך בעטן, איר זאָלט באטראכטן פון אָט דעם קוק־ווינקל די רעדאקציִאָנעלע נאָטיץ „א פארגלײַך, וואָס איז ניט דערלאָזבאר", וועלכע איר האָט אָפּגעדרוקט אין דער „נײַער פּרעסע" פארן 8, 9, 10 יול ד. י.

איר שרײַבט, אז אין יון־נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד" „זעט מען צווישן אנדערע צוויי פּאָטאָס — איינע, ווו עס־עס־סאָלדאטן שרײַען צו ייִדן „הענדע האָך!", און א צווייטע, ווו ייִסראָעלדיקע מיליטערלײַט שרײַען צו אראבער „הארעם יאדאִים! (די הענט אין דער הייך!); אָדער צוויי אנדערע פּאָטאָס, — איינע, ווו מע זעט „שטעכלדראָט פאר ייִדן", און א צווייטע — מיט „שטעכלדראָט פאר אראבער". און דערפון איז געדרונגען, אז די שריט „בענעגייע די אראבער" זײַנען געגנוי דאָס זעלבע, ווי די נאצישע שריט „בענעגייע די ייִדן"! לאָמיר גלײַך זאָגן, אז מיר האלטן אזא פארגלײַך פאר אומדערלאָזבאר און מיר פארשטייען ניט, וויִאזוי דער זשורנאל האָט אים געקאָנט מאכן".

וואָס פארשטייט איר ניט, כאווײרים פון דער „נײַער פּרעסע"? יעדנפאלס, לאָמיר זיך פאנאנדערקלײַבן.

קוידעמקאָל זײַנען מיר גרייט אופצונעמען נאָך א גרעסערע שטראָף פון אײַך און זיך מוידע זײַן, אז אויסער אָט די צוויי פּאָר פארגלײַך־פאָטאָגראפישע דאָקומענטן זײַנען אף די זעלבע זײַטן אין זעלבן נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד" געבראכט נאָך צוויי פּאָר: 1) די כורוועס פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט ווארשע נאָכן באפרײַען זי פון דער דײַטשיש־פאשיסטישער אָקופּאציע; די כורוועס פון דער סירישער שטאָט קונייטרע נאָכן באלעבאטעווען דאָרט פון די ייִסראָעלדיקע זעלנער — שרעקלעכע צוויי בילדער, ענלעכע ווי צוויי טראָפּנס; 2) א געטאָ־טויער פאר ייִדן (קאָוונע, 1941) און א געטאָ־טויער פאר אראבער (שכעם, 1978) — געטאָ־טויערן זײַנען שטענדיק געטאָ־טויערן...

לאָמיר גיין מיט די וועגן פון לאָגיק, מיט די וועגן פון עמעס. די געבראכטע פאָטאָ־דאָקומענטן זײַנען דען צוגעטראכטע, געפעלשטע? מיר צווייפלען ניט, כאווײרים פון דער „נײַער פּרעסע": איר וועט באשטעטיקן, אז אלץ איז עמעס.

זײַנט איר, הייסט עס, ניט מאסקים מיטן אויספיר, וועלכן ס'האָט געמאכט דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד".

לאָמיר פריִער פאר אלץ אָפּווארפן מיט דער גאנצער קאטעגאָרישקייט אײַער באשולדיקונג, אז, קלוימערשט, „סאָוועטיש היימלאנד", פובליקירנדיק די אויבנדערמאָנטע פאַטאָס, האָט אויך אין זינען צו פירן א פאראלעל צווישן די האנדלונגען פון די ייִסראָעל־רעגירער מיט „מאסן־עקזעקוציעס, ווו נאָר דאָס האָט זיך געלאָזט; מאָרד־פאבריקן, ווו די גאזקאמערן און קרעמאטאָריעס האָבן געארבעט טאָג און נאכט; א גענאָציד איבער א גאנץ פאָלק; די אויסמאָרדונג פון 6 מיליאָן ייִדן, מענער, פרויען און קינדער, אלטע און קראנקע, ניט שוינענדיק קיינעם. וויִאזוי קאָן מען פויעלן בא זיך צו זאָגן, אז מע כאזערט איבער „דאָס זעלבע" אין ייִסראָעל בענעגייע די אראבער?".

אף וויפל דעם אווטאָר פון דער נאָטיץ איז לאכלוטן ניט וויכטיק, וויִאזוי עס וועט פון אזא שעקער באשמוצט ווערן דער זשורנאל פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער „סאָוועטיש היימלאנד", מוזן מיר זאָגן אָפן, אז דער אווטאָר נוצט אויס באוווסטזיניק פעלשונג צוליב באשמוצונג. דאָס, וואָס ער מיינט, מיינען מיר ניט. מיר זאָגן ניט, אז די ייִסראָעל־רעגירער האָבן אוועקגעשטעלט גאז־קאמערן, מאָרד־פאבריקן, קרעמאטאָריעס, ווו זיי פארניכטן דאָס אראבישע פאלעסטינער פאָלק. באוועגטע פונעם געפיל פון טיפן מיטגעפיל צו דיליידן פון אן אנדער פאָלק, צו די ליידן, וואָס זײַנען אזוי ענלעך אף די ליידן פון אונדזער אייגן פאָלק אונטער דער הערשאפט פון פאשיזם, ברענגען מיר, סאָוועטישע שרײַבער, אין אונדזער זשורנאל פאַקטאָ־דאָקומענטן, וועלכע באווײַזן, אז די שולדיקע פון פײַניקן דאָס אנדערע פאָלק זײַנען, צו אונדזער גרויסן ווייטעק, רעגירער אין דער ייִדישער מעלוכע. בא אן ערנסטן און ערלעכן צוגאנג צו דעם איניען וואָלט מען אונדז געקאָנט באשולדיקן בלויז דאן, ווען די פאָטאָגראפיעס זאָלן זײַן געפעלשטע. אויב עמעצן גרילצט אין אויער די הארבע וואָרענונג וועגן דעם היטלעריסטישן כאראקטער פון די האנדלונגען קעגן די פאלעסטינער אראבער, אייצענען מיר אים איבערלייענען דאָס ארטיקל „זײַן וואכזאם, איידער עס איז שפעט" פון א. יודין, גענעראל־סעקרעטאר פון דער העלדישער ווידערשטאנד־אָרגאניזאציע אין פראנקרײַך „אוניִאָן", וועלכע איז דער ארויסגעבער פון דער צײַטונג „נײַע פרעסע". דאָס ארטיקל וועט מען ניט דארפן זוכן אין ווײַטע נומערן פון דער צײַטונג, ווײַל ס'איז (סארא איראָניע!) פארעפנטלעכט אף דער זעלבער צײַטונג־זײַט, מאמעש צוזאמען מיט דער נאָטיץ „א פארגלײַך, וואָס איז ניט דערלאָזבאר". אין כאווער יודינס ארטיקל לייענען מיר: „די דעמאָקראטן, און באזונדערס ייִדן (...) דארפן ניט ווארטן, טאָרן ניט ווארטן, נאָר דארפן שטיין אף דער וואך און אליארמירן בא יעדער פאשיסטישער דערשײַנונג. ניט מעסטן און וועגן די דאָזיקע דערשײַנונג, צי איז זי שוין גענוג שטארק, גענוג גרויס און געפערלעך, נאָר געדענקען קעסיידער, אז מאָרגן קאָן זײַן שפעט. ניין! רופן צו וואכזאמקײַט הייסט ניט איבערטרײַבן. דאקעגן, דאָס פרובירן מינימיזירן די געפאר הייסט, אָביעקטיוו גענומען, העלפן די פאשיסטן".

מע קאָן אונדז אָנווײַזן, אז אין דעם ארטיקל פון א. יודין רעדט זיך וועגן אנדערע פאשיסטישע דערשײַנונגען, אין אנדערע לענדער, ניט אין ייִסראָעל. אָבער צי דען רופט דער גענעראל־סעקרעטאר פון דער ייִדישער ווידערשטאנד־אָרגאניזאציע „אוניִאָן" צו קעמפן קעגן פאשיסטיש־ראסיסטישע האנדלונגען בלויז אין „פרעמדע" נאציאָנאלע סוויוועס, ניט אין דער „אייגענער"?

איז עפשער די „נײַע פרעסע" ניט מאסקים מיטן „אוניִאָן"? ניין, מע קאָן ברענגען אָן א צאָל ציטאטעס פון דער צײַטונג, ווו עס רעדט זיך מיט פארורטיילונג וועגן די זעלבע פאשיסטישע האנדלונגען אין ייִסראָעל — אמאָל טוט זי עס אין אייגענעם נאָמען, אן אנדערש מאָל, פארופנדיק זיך אף קוועלן. אזוי, לעמאָשל, דרוקט די „נײַע פרעסע" איבער מיט רעכט אין איינעם פון אירע נומערן אן ארטיקל פונעם ציִעניסטישן פובליציסט, דעם געוועזענעם ריכטער ראבי, וועלכער וואָרנט אין דער פאריזשער בורזשואזער צײַטונג „לע מאָנד" די ייִסראָעל־עפנטלעכקײַט פונעם „צוקוקן פאסיוו, שטיל און עפשער מיט א געווויסער צופרידנקײַט, יעדנפאלס מיט אן עמעסן גײַסט פון צושטימונג, צו א טראגעדיע, וואָס וועט קאָנען אין א געוויסן טאָג ווערן איר אייגענע טראגעדיע", „וואָרעם די זעלבע ווערטער קומען איצט ווידער צוריק און קלאפן אין די ווענט פון דער געטאָ פון אונדזער זיקאָרן — די זעלבע ווערטער, וואָס מיר קאָנען גוט געשיכטלעך צוליבן איבערכאזערן זיי ביז צום איבלען (...), אָדער דאָס „אוניווערסאלע שווײַגן" אין אָנבליק פון א שכיטע פון א גאנץ פאָלק, דאָס אפעלירן, שטענדיק אומזיסט, צום „אוניווערסאלן געוויסן", און, צולעצט, די אומעגלעכקײַט צו גלייבן אין „מענטשלעכן וואָרט". אמאָס קענאן האָט לעצטנס געזאָגט, אז אוישוויץ איז נעגייע דער גאנצער מענטשהײַט און ניט בלויז די ייִדן. הײַנט בין איך גענייגט צו זאָגן, אז טעל אל זאטאר (א ייִשעוו אין דאָרעם־ליוואַן, ווו די ייִסראָעלדיקע מיליטער־קויכעס האָבן אײַנגעאָרדנט א שוידערלעכע שכיטע) איז נעגייע ניט בלויז דער אראבישער וועלט, אָט דער גענאָציד איז נעגייע אלעמען — ייִדן און קריסטן"...

הייסט עס, אז די „נײַע פרעסע" אליין, ווי עס ווערט געזאָגט דראמאטיש אין דער נאָטיץ „א פארגלײַך, וואָס איז ניט דערלאָזבאר", וויל ניט „פארדעקן און פארמינערן דעם פאקט פון דיסקרימינאציעס און רעפרעסיעס בענעגייע די פאלעסטינער אין די אָקופירטע געביטן און אויך בענעגייע די ייִסראָעלדיקע אראבער". אין וואָס זשע גייט דאָ?

עס גייט אין דער מאָדע צו ארויסשטעלן זיך ווי פאָליטישע גוווערנאנטקעס אין באצוג צו דעם וואָרט (אָדער טאט), וואָס קומט פונעם סאָוועטנפארבאנד, עס גייט אין דעם, וואָס אינעם פארביטערטן אידעאָלאָגישן קאמף, וואָס קומט פאָר, פרווון אייניקע מענטשן, קראנק־געוואָרענע מיטן קאָמפלעקט „לײַטישקײַט", אײַנפירן פארן סאָוועטישן צאד א רעזשים פון די בארימטע פאנסיאָנען פון ווילגעבירטיקע מיידלעך: זעענדיק און הערנדיק די געפערלעכע נײַדערטרעכטיקײַטן, וואָס קומען פאָר באם קעגנער,

ניט זאָגן, כאָלילע, קיין שארף, קיין עמעסדיק וואָרט... מיט דער געקווייטלטער שפּראַך פון „לע מאָנד" ווערט דערלאָזט צו ריידן געגוי דאָס זעלבע, אָבער ניט אזוי אָפן, ווי „סאָוועטיש היימלאנד", אז אופריַסן שטעט אין אן אנדער לאנד, אוועקזעצן מענטשן פון אן אנדער פאָלק הינטער שטעכלדראָט, מאכן אָבלאוועס מיט „הענדע האָך", שאפן פארשפּארטע באַציִאָנאלע געטאָס, אזוינס טוען די רעגירער פון ייִסראָעל, איבערכאזערנדיק דאָס, וואָס די היטלעריסטן האָבן געטאָן בענעגייע די ייִדן. פע, עס איז ניט דערלאָזבאר אזוי איבערטריַבן („ניין! רופן צו וואכזאמקיַיט הייסט ניט איבערטריַבן!" — א. יודין אינעם ארטיקל „זיַין וואכזאם, אָדער עס ווערט שפּעט!").

די נאָטיץ „א פארגליַיך, וואָס איז ניט דערלאָזבאר" אנטהאלט נאָך אן אָרט, וואָס זאָגט איידעס, אז דער אווטאָר שטעלט זיך באַוווּסטזיניק דעם ציל צו פאָרשטעלן מיט פאלשע מיטלען אין א קרומען שפּיגל דאָס פּובליקירן מיצאד „סאָוועטיש היימלאנד" דאָקומענטאלע פאָטאָגראפיעס וועגן דעם איבערוף פון די האנדלונגען, וועלכע די ייִסראָעל־רעגירער ווענדן אָן צו די פּאלעסטינער אראבער, מיט די היטלעריסטישע מאָסמיטלען קעגן די ייִדן. דער אווטאָר פון דער נאָטיץ שרעקט אָט אף אזא אויפן דעם לייענער־אוילעם מיט די פאָלגן פון פּובליקירן אזעלכע פאָטאָגראפיעס: „נאָך מער: אזעלכע פארגליַיכן פארמינערן דעם גרויל פון די נאַצישע פארברעכנס: וויבאלד די היטלעריסטן האָבן דאָך געטאָן „דאָס זעלבע", וואָס עס טוען היַינט די רעגירער פון ייִסראָעל"... עס דערמאָנט זיך א פראָצעס איבער א פראנצויזישן גאלעך קיורע אין א דאָרעמייִשעוו פון פראנקריַיך, וועגן וועלכן ס'האָבן געשריבן די ציַיטונגען מיט אן ערעך א יאָר צוריק. דער קיורע האָט באגאנוועט דאָס געבעט־הויז, ווו ער איז ארויסגעטראָטן אלס גיַיסטיקער פאָטער. אפן פראָצעס האָט דער אדוואָקאט געוואָרנט: אויב איר וועט דערקלערן אונדזער גיַיסטלעכן פאר א גאנעוו, קאָן עס ווערן א פרעצעדענט אף צו דערקלערן אויך גאנאָווים פאר גיַיסטלעכע...

און לעסאָף — אזא זאץ אין דער נאָטיץ, וואָס האגאם מיר האָבן געפּרווּט מיט אלע קויכעס פאנאנדערפלאָנטערן דעם סטיליסטישן פלאָנטער אין אים און פּרווּון עפּעס פארשטיין, זיַינען מיר בלויז בעקויעך געווען אויסצופירן, אז ס'איז דער אקאָרד פון פלאָנטערן מיט דער צונג אין א צושטאנד פון אומפּאראנטוואָרטלעכקיַיט. אָט איז דער זאץ אין זיַין נאטירלעכן אויסזען: „דאקעגן זיַינען די דאָזיקע פארגליַיכן שעדלעך גראָד פאר די אין ייִסראָעל, וואָס באקעמפן די דערמאָנטע דיסקרימינאציעס און רעפּרעסיעס, וויַיל דאָס דערמעגלעכט די פאראנטוואָרטלעכע פאר זיי (פאר די דיסקרימינאציעס און רעפּרעסיעס? — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") עס אויסנוצן (אויסנוצן דאָס פארגליַיכן די רעפּרעסיעס מיט די מעטאָדן פון די היטלעריסטן? — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד"), ווי א דיווערסיע, קעדיי זיי (די דיסקרימינאציעס? — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") צו פארטוישן און ארונטעריַיסן די, וואָס שטעמפּלען זיי"... ווי ס'איז א שטייגער צו זאָגן באם רעדאקציע־טיש: מע דארף ניט קיין פּאראָדיסט, דער מאטעריאל גופע איז א פּאראָדיע...

כאוויירים פון דער „ניַיער פרעסע"! ס'איז באוווּסט, אז בעשאס דער היטלערישער אָקופּאציע האָט די ציַיטונג פונעם ווידערשטאנד פון די ייִדן אין פראנקריַיך אָנגעווענדט צום אָקופּאנט א גאנץ הארבלאָשן פון קאמף קעגן זיַינע האנדלונגען. צי וואָלט זי גערעדט ווייכער מיטן אָקופּאנט, ווען יענער זאָל ניט איַינפירן טויט־לאגערן, ניט פארניכטן דאָס ייִדישע פאָלק אין גאז־קאמערן, „בלויז" ארויפטריַיבן די ייִדן פון זייערע וווין־ערטער, איַינפירן פאר זיי געטאָס און קאָלערליי פארפאָלגונגען; ווען ער זאָל געווען פארכאפּן, לעמאָשל, פּאלעסטינע, ארויסטריַיבן פון דאָרט די ייִדישע איַינוווינער, פארוואנדלען זיי אין היימלאָזע, דערצו נאָך אוועקזעצן די פארבליבענע אף א באלאגערונגס־רעזשים?

מיר ווייסן, איר וועט פּאטעטיש אויסרופן, אז די „ניַיע פרעסע" פארורטיילט די האנדלונגען פון די ייִסראָעל־אָקופּאנטן בענעגייע די אראבער, נאָר זי פארגליַיכט זיי ניט מיט די היטלער־האנדלונגען. איז דאָס איַיער זאך, כאוויירים פון דער „ניַיער פרעסע". אָפּטרעטנדיק עמעצן אנדערש דעם אָרעאָל פון מאָראליסטן, ווען עס גייט א רייד וועגן די אומענטשלעכע ליידן פונעם פּאלעסטינער אראבישן פאָלק, וועלכע ווערן ארויסגערופן מיצאד די צעווילדעוועטע ציִעניסטישע עקסטרעמיסטן, בעטן מיר קיינעם ניט נעמען אף זיך די מי צו אויסקליַיבן פאר „סאָוועטיש היימלאנד" די ווערטער, וויאזוי די ראסן־האנדלונגען אָנצורופן.

---

35 יאָר „אוניאָן"

די פּראָגרעסיווע ייִדישע געזעלשאפטלעכקיַיט פון פראנקריַיך און פון דער גאנצער וועלט פיַיערן איצט דעם 35־יאָריקן יובילעי פון דער ווידערשטאנד־אָרגאניזאציע „אוניאָן", וואָס האָט אין די גרויל־יאָרן פון דער היטלערישער מעמשאָלע גערופן די בעסטע זין און טעכטער פונעם ייִדישן ייִשעוו אין פראנקריַיך אונטער די שלאכט־פאָנען, וועלכע ס'האָט צעוויקלט דער קעמפנדיקער אוואנגארד פונעם פראנצויזישן פאָלק — די קאָמוניסטישע פּארטיי. נאָך דער מילכאָמע האָט „אוניאָן" ניט איין מאָל באוויזן א ביַישפּיל פון סאָלידאריטעט מיט די קויכעס פון פּראָגרעס און סאָציִאלער גערעכטיקיַיט, קעמפנדיק קעגן נעאָ־נאציזם און ראסיזם, קעגן די אונטערצינדער פון א ניַיער מילכאָמע.

מיר ווינטשן דעם „אוניאָן" דערפאָלג אין דער וויכטיקער ארבעט לעטויוועס די אינטערעסן פונעם ארבעטנדיקן פאָלק.

רעדאקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד"

פונדעם שרײַבערס נאָטיץ־בוך

הירש בלאָשטײן

פון „מײַן לעבעדיקן אַרכיוו"

מע קען אַלץ אויסטאַנצן

אין גאָר אַן אַלטן העפט מײַנעם פון די ייִנגל־שע יאָרן האָב איך פאַרשריבן:

„אַמאָל, אַז דאָס שטעטל לאַכט, טוט עס מיר אַזוי וויי, ווי ביים עס וויינט. דאָס שטעטל איז אָבער אין זײַן אָפּגעשטאַנענקײַט פּונקט אַזוי „שולדיק", ווי אין זײַן ווייסטער, אָפּט הונגעריקער,— אין סאַמע פּראָסטן טײַטש פונעם וואָרט — אָרעמקײַט. אָדער ווי גיטקע, גיטעלע, ווי מע רופט זי אין שטעטל, — אין דער דראַמע פון איר ניט אויסגעלייזטן טאַנץ".

די דאָזיקע נאָטיץ האָב איך געמאַכט, ווי איך דערמאָן זיך, נאָך דעם, ווי איך האָב זיך אומגע־קערט פון איינער אַ כאַסענע. ס'איז שוין געווען פאַרטאָג, אַ פאַרטאָג פון מיטן זומער, און מיר האָט זיך סײַווי ניט געשלאָפן. דער פאַרטאָג האָט געקוקט אַף מיר, אַפן שטעטל מיט האַלב־אָפענע, אַ ביסל גערויטלטע אויגן. ערגעץ ווײַט־ווײַט הויך האָט דער שוין קימאַט געקומענער טאָג געלאָשן די קלייניקע נאַכט־לעמפּעלעך זײַנע — די שטערן, און די נאַכט־פאַרכאָלעמטקײַט איז געוואָרן אַלץ ליכטיקער און ניכטערער. דאָס באַגינען־ווינטעלע האָט זיך קוים געפילט — און געשמעקט, אַן ארומגעוואַשנס מיט טוי. ס'איז מיר געווען גוט, און... ס'האָט מיר וויי געטאָן פאַר גיטעלען, מײַן נאָענטער קרויווע, און טאַקע אויך פאַר מײַן אָרעמער „סמילגער" גאַס.

גיטעלע — אַזוי טאַקע האָט מען זי גערופן אין שטעטל. ניט גיטקע, ניט גיטל, נאָר גיטעלע. מיט ליבשאַפט און גוט־ווינטשעניש. זי האָט אַלע כאַסענעס באַשײַנט. מיט איר טאַנצן, מיט אירע, אַליין צוגעטראַכטע, אַליין געשאַפענע טענץ. און מיט איר שיינקײַט אַליין טאַקע אויך.

עטוואָס העכער פון מיטלוואוקסיק, שלאַנק, מיט ווייכע האַלבלופּטיקע באַוועגונגען. מיט גרויסע טיף־שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט מיט אַזאַ ווייכן ליכט פונעם געדיכטן וואַלד שוואַרץ־זײַדענע האָר אירע. אַ שטענדיק שמייכ־לענדיקע מיט די האַלב־אָפענע, פריש־ראָזיקע ליפּן אירע, וועלכע האָבן קיינעם ניט אָפּגעזאָגט צו טאַנצן מיט אים. זי איז געווען די שענסטע און די בעסטע טענצערן אין שטעטל.

נאָר דאָס מאַזל אירס איז געווען זייער ניט קיין לוסטיקס, זייער ווײַט אַפילו פון פּראָסטער גוטגעוויגטקײַט. נאָך אין פינפיאָריקן עלטער האָט זי שוין געניאַנטשעט די קלענערע פון איר. געקערט, געראַמט, אַרויסגעטראָגן דאָס מיסט צום ברעג פונעם נאָענטן סמילגע־טײַכל, אַרײַנגעטראָגן ברויט פון סענדער דעם בעקער, וואָס האָט געגעבן אַף באָרג. און וואָס ווײַטער האָט זי אַלץ מער און אַלץ שווערערע פליכטן גענומען אַף זיך. זי האָט עס געמוזט, אַף שפּילן זיך האָט זי קיין צײַט ניט געהאַט. זי האָט גע־דאַרפט העלפן אויסהאַלטן די שטוב. דעם טאַטנס פאַרדינסטן זײַנען געווען זייער ווײַט פון ראָ־טשילדס, לעמאָשל. וויפל, מישטיינסגעזאָגט, קאָן פאַרדינען אַ גאָר פּראָסטער שנײַדער, וואָס אַרבעט מיט נאָך אַזעלכע, ווי ער, פאַר פּײַווקע דעם טאַנדעטניקס קלייט פון פאַרטיקע קליידער פאַר די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. פיר־פינף אַזעלכע זאַלמענס (גיטעלעס טאַטן האָט מען גערופן זאַלמען דער קריכער — פאַר זײַן שוין צו פּאַמעלעך אַרבעטן) דאַרפן דאָך אויס־האַלטן פּײַווקעס צווייזײַטיקע שטוב, כאַסענע מאַכן זײַנע פיר טעכטער, קויפן צירונג פאַרן ווײַב, און זומער אַרויספירן די גאַנצע מישפּאָכע אַף דאַטשע.

גיטעלע איז געווען די ייִנגסטע. זי איז גע־

בוירן געוואָרן דאָן, ווען די דרײַ עלטערע ברי־
דער האָבן שוין געאַרבעט בא די בעסערע
שנײַדער.

און באַסיע, גיטעלעס מאַמע, איז געווען אַ
ייִדענע אַ בראַנד־בעריע, האָט זי אונטערגע־
שפּאַרט מיט איר פרײַ־געבױגענער פלייצע די
שטוב. געשטאַנען אין מאַרק מיט אַ „טישל", אַ
קײַלעכדיק יאָר פאַרקויפט עפּל און באַרן; אַליין
געשטאַמט פון אַ דאָרף, האָט זי געוווּסט דעם
„סאָד" ווי אויסצוהאַלטן פּרוכטן אַ גאַנץ ווינ־
טער אין קעלער און ניט נאָר זיי זאָלן אַלעמאָל
זײַן פריש, אָן קיין שום פלעקעלע אויף זייער
עלאַסטיש לײַב, נאָר זיי זאָלן אַפילו זייער
זומערדיקן רייעך ניט אָנווערן. שלעפּנדיק צוזאַ־
מען מיט זאַלמענען דעם שווערן וואָגן פון דאָ־
לעס, האָט באַסיע פרײַטיק, באַם ליכט־בענטשן,
זיך גוט אויסגעוויינענדיק, געבעטן דעם ריבונע־
שעלוילעם, איר גיטעלע זאָל האָבן אַ בעסער
מאַזל, עס זאָל איר בלײַבן כאָטש אַ ביסל פון
דער מאַמעס אַמאָליקער שיינקייט — גיטעלע
איז דאָך געווען אַ קאָפּיע פון דער מאַמען —
אַזוי זאָגן די, וואָס געדענקען נאָך זי, באַסיען,
ווען זי איז דאָס ערשטע מאָל געקומען מיט
זאַלמענען אין שטעטל... און זי, באַסיע, איז דאָך
נאָך, אייגנטלעך, אַ יונגע. קימאַט אַלע יאָר דער־
לאַנגט זי דער איינציקער טאָכטער אויף די הענט
אַ נײַ שרײַערל... באַסיע זיפצט אויף: דער גרע־
סטער טייל שרײַערלעך איז אָסן בעסוילעם
אוועק.

גיטעלע האָט שטאַרק געוואָלט זיך לערנען.
זאַלמען האָט אויך שטאַרק געוואָלט, זײַן באַ־
סיקעדע זאָל קאָנען שרײַבן כאָטש אַ בריוול
אָן גרײַזן און לייענען אַ ביכל. „הײַנטיקע צײַטן,
פלעגט ער זאָגן, טאָר מען ניט זײַן פינצטער.
אַז ניט, דאַרף מען נאָכדעם אַ גאַנץ לעבן אָפּ־
פינצטערן"... אָט האָבן דאָך די זין, אַלע דרײַ,
זיך אַליין אויסגעלערנט לייענען ביכלעך, און
ווייסן טאַקע, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, און
גיטעלע וואַקסט, וואַקסט גוט, ס'איז אַ מעכײַע
אויף איר צו קוקן. ניט ער זאָגט עס, כאַלילע,
נאָר אַלע, וואָס זעען זי און קענען זי, קאָנען
זיך פון איר ניט אָפּלויבן. נאָר וואָס קומט אַרויס
פון אָט די גוטע זאָגענישן. פון טאַנצן אַליין
וועט דאָך קיין טאָלק ניט זײַן. גוטע, ערלעכע
באַכערים, אַפילו שנײַדער, לאָזן זיך הײַנטיקע
צײַטן טײַער באַצאָלן. און גיטעלע איז דאָך שוין
אָט־אָט, אין אַ פּאָר כאַדאָשים אַרום וועט זי
שוין זיבעצן!

דורך די נעכט פלעגט גוט שלאָפן בלויז גי־
טעלע, אַ פאַרמאַטערטע פון טאָג. באַסיע און
זאַלמען זײַנען זייער שלעכט געשלאָפן. איינער
פון זיי האָט זייער אָפט שווער געזיפצט און
דערמיט געוועקט דעם צווייטן.

אוי, גיטעלע, סאַראַ גוטע, טײַערע, טרײַע
טאַטע־מאַמע דו האָסט געהאַט! נאָר ס'מאַזל האָט
זיי געמיטן...

אין מײַן שטעטל און אין די ליטווישע שטעט־
לעך ביכלאַל — אין די אַלע שאַטיס, טראַסקאָ־
ווע, יאַשוּוענס, באָבטס, דאַטנעוועס און אַנדע־
רע — זײַנען די אָרעמע באַלמעלאָכעס פון
אַלערליי פאַכן ניט געווען קיין גרויסע גאָטס־
גלויבער. זיי האָבן געוווּסט, געזען מיט די איי־
גענע אויגן, אַז אַ הימל איז דאָ און „מיסטאַמע"
זיצט דאָרט דער, וואָס פאַרוועט מיט דער וועלט,
אָבער אויף קיין גוטס פון אים האָבן זיי ניט גע־
וואַרט. זיי וואָלטן שוין געווען צופרידן, ער זאָל
זיי לאָזן צורו, פאַרגעסן אין זיי. ניט אומזיסט
זײַנען אין די ליטווישע שטעטלעך געבוירן גע־
וואָרן אַזויפיל ווערטלעך, וואָס, ווען דער רי־
בוינעשעלוילעם הערט זיי, וואָלט ער קיין גרויס
האַנאָע פון זיי ניט געהאַט. אָט זײַנען עטלעכע
פון אָט דעם אַפּיקאָרסישן פאָלקלאָר: „גאָט איז
אַ גוטער מײַסטער פאַר די, וואָס האָבן אַ גראָבן
טײַסטער"; „ריבוינעשעלוילעם, דו מיינסט, איך
בין אַ גוילעם"...; „דו שטאָפּסט אַלץ אין לאַנגער
גאַס[1], און מיר זײַנען דאַר און בלאַס"; „סידער,
סידער! וואָס האָב איך פון דײַנע לידער, אַכוץ
ברעכעניש אין אַלע גלידער"... „איך האָב ניט
מוירע פאַר קיין אײַנהאָרע". „גאָט שיקט אַ צאָ־
רע אויף אַ צאַרע" און אַזוי ווײַטער.

נאָר אַמאָל טרעפט, אַז אויך אין סמילגער
געסל פאַלט אַראָפּ גאָר אומגעריכט אַ שטיקל
גליק. ווײַזט אויס, זאָגן די סמילגער, אַז דאָס איז
דעמלט, ווען גאָט איז פאַרנומען מיט עטלעכע
גווירים מיטאָמאָל, נוצט זיך דערווײַל אויס מיט
דער מינוט אַ גוטער מאַלעך...

און אַזאַ מינוט האָט געטראָפן באַ אונדזער
באַקאַנטן זאַלמען דעם שנײַדער.

ער האָט געפונען אַן אויצער? — יאָ, שפּעטער
אַ ביסל האָט ער, שמייכלענדיק אין דער שוין
קימאַט אײַנגאַנצן גרויער באָרד אַרײַן, געזאָגט:
— אַן אויצער, זאָגט איר? צו וואָס דאַרף איך
אויצרעס? איך זאָל אײַביק ציטערן, מע זאָל זיי
ניט אוועקגאַנווענען? מײַן אויצער איז, ווי דאָס
לידל זינגט: „וואָס דאַרף איך גאָלד און זילבער,
אַז גאָלד בין איך אַליין"...

און געטראָפן האָט דער אויצער גלײַך צו אים
אין שטוב אַרײַן. און פּאַסירט, אויף ווי ווײַט איך
געדענק עס, האָט אַזוי:

ס'איז געווען פאַרעפנטלעכט מײַנס אַן איבער־
דערציילט פאָלקסמײַסעלע אין פערזן: „טאַנכום־
לייב דער באַלעגאָלע". געדרוקט אין ווילנער
זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט". אין דעם מײַ־
סעלע האָט זיך טאַקע דערציילט וועגן אַן אוי־
צער, וואָס טרעפט צו אַן אָרעמען הונגערלײַ־
דער־באַלעגאָלע טאַקע גלײַך אין שטוב אַרײַן —
אָנשטאָט אים צו דערהאַרגענען...

ס'איז געווען פרײַטיק פאַרנאַכט. איך האָב
זיך געקליבן צו אַ באַקאַנטער פאַמיליע מײַנער
אויף דער כאַסענע פון זייער אַ טאָכטער. איך
בין שוין געווען אָנגעטאָן, אויסגעפּוצט. קלאַפּט
מען פלוצעם אָן אין טיר. דאָס ערשטע טו איך
אַ טראַכט: „גראַד ווען מע דאַרף ניט, טראָגט
דער טײַוול עמעצן אָן!" איך עפן. אַפן שוועל
שטייט דער „באָכער לערער". מיר האָבן זיך

---

[1] אין אָט דער גאַס האָבן געוווינט די גווירים און געשעפטסמאַכער.

מיט אים א ביסעלע געקענט. „א ביסעלע״ הייסט: עפּעס געוווּסט וועגן אים. זומער פלעגן מיר, עטלעכע נעענטער באַקאַנטע ייִנגלעך און מיידלעך, גיין פאַרברענגען דעם שאַבעס־טאָג אין באַרער וואַלד. אין סאָסנע־וואַלד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן קימאַט הארט בא דער באַן־סטאַנציע אונדזערער, האָבן געוווינט עטלעכע ייִדן. ווער ס'האָט זיך פאַרנומען מיט טרייַבן דזעגעכץ, ווער מיט האָלץ־האַנדל און ווער ס'האָט געצויגן זייַן פּאַרנאָסע פונעם פאַרדינגען זייַן שטיבל אפן גאַנצן זומער די קראַנקע אַף שווינדזוכט. אזעלכע זייַנען אין שטעטל געווען איבערגענוג — פאַרן זיך היילן אין די מאַריענבאָדס און אין אַנדערע „באָדס״ איז ניט געווען פאַר זייערע קעשענעס. און ראַטעווען זיך פון טויט האָט מען געוואָלט, ווי דאָס לעבן! דערצו האָט נאָך דער דאַטשע־פאַרדינגער א בעהיימע אויך, האָט מען געקענט טרינקען וואַרעמע מילך, נאַרוואָס פונעם אייַטער...

מייַן אומגעריכטער גאַסט, צאַלעל בינדער, האָט געאַרבעט אין וואַלד דעריקער ווינטער און א ביסעלע זומער אויך — בא די דאַטשניקעס. ער איז געווען א לערער אַף „קאָנדיציעס״, ווי מע האָט עס גערופן. אונטערגעצויגן, געגרייט די רייַכערע קינדער אין גימנאַזיע אַרייַן, און דערבייַ געשפּאַרט געלט אַף „מיט דער צייַט״ צו פאָרן קיין שווייץ ערגעץ אַנדערש שטודירן פילאָסאָפיע. א באָכער א הויכער, א ברייטפּלייציקער, מיט א געדיכטער טשופּרינע בלאָנדע האָר, וועלכע ער פלעגט מיט א לאַנג־געוווינטער באַוועגונג, אליין עס ניט באַמערקנדיק, פאַרוואַרפן אַהינטער, וואָס ווייַטער פונעם הויכן שטערן. די קוטשמע פלעגט אים פאַלן אַף די גרינלעך־בלוילעכע אויגן. ער האָט, כוץ דעם לערנען, אויך א סך געלייענט, און פאַר א פּאָר קורצע שמועסן אין וואַלד האָב איך פאַרשטאַנען, אז דער דאָזיקער בינדער קען זייער גוט פאַרבינדן אַן אינטערעסאַנטן שמועס וועגן א דורכגעלייענטן בוך אָדער אַן אַנדער אינייַען.

נאָך באַם שוועל שטייענדיק, האָט ער גענומען זיך אַנטשולדיקן:

— איך זע שוין, ניט געקומען צו דער צייַט. איר אייַלט זיך צו גיין ערגעץ, און אינמיטנדערינען — נא דיר א גאַסט...

— ערשטנס, בין איך זייער צופרידן אייַך צו האָבן פאַר א גאַסט. און, צווייטנס, מיסטאָמע, אז איר קומט אין אזא שלעכטן וועטער, אין א נאַסן שניי, און גייט פון אזוי ווייַט, דאַרפט איר עפּעס צו מיר!.. זאָג איך אייַך פּאַרויס: איך בין אבסאָליוט אין אייַער רעשוס. זיצט! — האָב איך אים אונטערגעשטעלט א שטול.

— ניין, — ער האָט זיך ניט געזעצט. — קיינע באַזונדערע איניאָנים צו אייַך האָב איך ניט... איר ווייסט דאָך, אז א מענטש ווינט אין וואַלד, מיט מענטשן ניט פון זייַן סוויווע, פילט ער אמאָל פּאַשעט א נויטווענדיקייַט צו ריידן מיט א מענטשן פון אַן אַנדער וועלט... הייַנט האָב איך באַקומען דעם זשורנאַל און זיך דערוווּסט, אז איר שרייַבט און — דרוקט! אייַער פאַלקסמייַסע...

איך האָב זיך אַנטשולדיקט פאַרן איבערשלאָגן אים און געזאָגט:

— איך וויל אייַך עפּעס פּאָרלייגן. אויב איר וועט מיר ניט אָפּזאָגן, וועל איך זייַן זייער צופרידן, פּאַשעט דאַנקבאַר! איך גיי צו מייַנער א קרוווישער מישפּאָכע אַף א כאַסענע. קומט מיט מיר. איך גאַראַנטיר אייַך, אז לאַנגווייַליק וועט אייַך ניט זייַן. און דערצו, אויב איר טאַנצט נאָך אויך, איז דאָך אוואַדע גוט! נעכטיקן וועט איר בלייַבן בא מיר. נו? ס'גייט?

ער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף יאָ:

— און טאַנצן? ווער קען עס הייַנטיקע צייַטן ניט טאַנצן?

נאָך איינעם א סאָלאָ־טאַנץ גיטעלעס האָט צאַלעל מיט היספּייַלעס געפרעגט זי:

— וואָס האָט איר געטאַנצט? ווי הייסט אָט דער טאַנץ?

— איך ווייס ניט.

און איך האָב געענטפערט פאַר איר, אָנהייבנדיק מיט א פראַגע:

— ס'איז דייַן אייגענער? — זי האָט זיך פאַררויטלט. — וועמען האָסטו געטאַנצט? עפּעס גאָר ניט קיין פריילעכס.

— וועמען? — האָט זי א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען. — דו ווייסט דאָך: זיך אליין. יעדער מענטש האָט אין זיך טענץ, פריילעכע און אומעטיקע. ניט יעדערער אָבער קען טאַנצן... דו פאַרשטייסט דאָך, פּונקט ווי ניט יעדערער קען שרייַבן, אפילע א בריוו.

ארום אונדז האָט זיך צונויפגעקליבן א גאַנצע כעוורע ייִנגלעך און מיידלעך, זיך נייַגעריק צוגעהערט צום שמועס אונדזערן. צאַלעל דער „באָכער״ האָט אָבער דאָך געוואָלט וויסן, ווי עס הייסט אָט דער טאַנץ, וואָס האָט אים אזוי געגומען. און גיטעלע האָט נאָך אליין ניט געהאָט קיין נאָמען פאַר איר נאַרוואָס געבוירענעם נייַעם טאַנץ. האָט זי געענטפערט סטאַם אזוי עטלעכע ווערטער:

— אלעמען און אלץ קען מען אויסטאַנצן. אפילע דעם טרויער־מאַרש.

— וועמענס? — האָט צאַלעל אַרייַנגעשטעלט.

נו, שאַפּענס, — האָט גיטעלע געזאָגט, און צוגעגעבן: — אפילע דעם טויט קען מען טאַנצן!

און דאָ האָט איינער א „קאַוואַליער״, וואָס איז שוין געווען א ביסל אונטערן גלעזל, זיך הויך צעלאַכט:

— דעם טויט?! דערווייַל זייַנען מיר אַף א כאַסענע, קום בעסער מיט מיר, גיטענקע, אויסטאַנצן א פריילעכס, אז די פּאַדלאָגע אליין זאָל מיט אונדז מיטשפּרינגען...

דער אוילעם ארום האָט געלאַכט, באַזונדערס, ווען גיטעלע האָט א נעם געטאָן דעם „קאַוואַליער״ און אין אזא האַסטיקן טעמפּ אים א פיר געטאָן, אז ער האָט זיך קוים געקענט האַלטן אַף די פיס. ווען זי האָט זיך אומגעקערט צו צאַלעלן, האָט ער זי גענומען בא דער האַנט, מער געגלעט די פינגער אירע, ווי געדריקט:

— איך וועל זיך פילן גליקלעך אײַך צו זען נאָכאַמאָל אין זעלביקן טאַנץ. איך האָב, דוכט זיך, געזען און געהערט, ווי יעדער פינגער האָט עפּעס צו ווײַזן און צו זאָגן. איר ווייסט אַליין ניט, ווער איר זײַט. אין אײַך וואַקסט אַן עמעסע באַלערינע!

— עפּשער געוואַקסן, מיט אַ סאַך יאָרן צוריק... אין מײַנע יאָרן וויל מען נאָר... ניין, מע וויל אַפילו אויך ניט. די ביינער בלײַבן שוין ווי פאַרמויערטע אויף זייערע ערטער...

אַלץ איז געווען, ווי ס'האָט געדאַרפט זײַן: דער „באָכער" האָט אָפּטער גענומען אַרײַנקומען צו זאַלמענען אין שטוב. און געענדיקט האָט זיך עס מיט אַ כאַסענע. און דער אייביק ביז צו זאַט ניט געגעסענער עליע מיט די דרײַ שיטערלעכע בלאָנדע בערדלעך — צוויי שטיקלעך אויף די באַקן און איינס אויף דער שאַרפער געמבע — עליע דער שוכוואַקסמאַכער, וואָס איז צוגלײַך אויך שליִע דער קאַלכער, עליע דער ווײַסער (ער ווײַסט קיילים און פאַרשווייסט די לעכלעך אין זיי), האָט אָט דער שטענדיקער וויצלער געזאָגט: „איך בין זיכער, אַז אין דער מינוט, ווען דער באָכער לערער איז צום ערשטן מאָל אַרײַן צו זאַלמענען אין שטוב, האָט דער ריבוינעשעלוילעם אַ ווײַלינקע געכאַפּט אַ דרעמל — און דערווײַלע האָט דער גוטער מאַלעך גענומען די לייצעס אין זײַנע הענט..."

צאַלעל האָט געקראָגן „אוראָקן" אין פאַרמעגלעכע הײַזער (ווײַבאַלד ס'האָט שוין פון אים געווייעט מיט שווייק!). אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, אַ שיינס, אַ געראָטנס, אַ טענצערן, זי האָט דאָס הילצערנע וויגעלע שיר ניט צעטראָגן מיט אירע שפּרינגענישן...

...נאָר דאָ האָבן זיך שוין אין הימל געביטן די מאַלאָכים, און שטעטל האָט געזאָגט: „אַז איינעם גייט גוט, קיין אײַנהאָרע, וואַרט אויף אים אַ צאָרע".

און די צאָרע איז געווען גאָר־גאָר אַ גרויסע. אַ וועלט־צאָרע. אויגוסט 1914 — ערשטע וועלטמילכאָמע. 5 מײַ 1915 — גייִרעש ליטע. גיטעלעס ברידער צוגענומען אין אַרמיי. צאַלעלן — דערווײַל נאָך ניט: אַ „בלויער בילעטניק" מאַכמעס דער שוואַכער ריִע זײַנער. טאַטע־מאַמע האָבן געזאָגט: „קינדער, לאָמיר פאָרן, צי גיין צוזאַמען: זאַלמען האָט אַ „וועלט מיט באַקאַנטע" אין די אַרומיקע דערפער, פאַר ווּעמען ער גייט. וועט מען דאָרטן קענען איבערוואַרטן אַ שטיקל צײַט... עס מוז דאָך ווערן בעסער! אָבער צאַלעל האָט זיך אײַנגעשפּאַרט: ניין און ניין! „וואָס וועט זײַן, — האָט ער געזאָגט, — מיט קלאַל־ייִסראָעל, זאָל זײַן אויך מיט רעב ייִסראָעל". און זיי האָבן מיט זייער גייִרעש־עשעלאָן געטראָפן קיין מאַריופּאָל, געדונגען אַ צימערל, געקראָגן עפּעס אַ בוכהאַלטערשע אַרבעט; און גיטעלע מיט איר געשמאַק און מיט די גאָלדענע הענט האָט גענומען נייען,

און וואָס ווײַטער — אַלץ מער קלײַנטן באַקומען.

און ס'האָט זיך געדוכט, אַז ווידער האָט גענומען די לייצעס אין די הענט דער גוטער מאַלעך. דער ריבוינעשעלוילעם אַליין איז דאָך געווען פאַרנומען מיט שפּילן זיך מיט ביקסלעך און האַרמאַטלעך.

...גאָר אומגעריכט, אַ לאַנגע צײַט פריִער, ניט האָבנדיק פון אים, פון כאַצקלען, דעם ייִנגסטן ברודער, קיין אײַנגעטונקטע פּען, קיין בריוול, קיין גרוס אַפילו פון דער היים, פון טאַטע־מאַמע, אַזוי אַז גיטעלע האָט אים שוין קימאַט אָפּגעוויינט, — אין אַ מיטן טאָג, אַ הייסן, קומט פּלוצעם צו דער אײַנציקער שוועסטער זײַנער כאַצקל. עפנט שטיל די טיר, אויף די פּלייצעס — די סאָלדאַטסקע שינעל — אין אַזאַ היץ! — און אויפן גרויען פּאָנעם — טאַקע דאָס פּאָנעם איז געווען גרוי, אויסגעדאַרט, און אויף די בלייכע ליפּן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך סײַ צו אַ שוואַכינקן שמייכעלע, סײַ צו אײַנגעהאַלטענע טרערן.

און אַז גיטעלע כאַפּט אַראָפּ פון אים די שינעל, טוט זי אַ געשריי און האַלט זיך קוים אײַן אויף די פיס: דער ברודער האָט איבערגעלאָזט ערגעץ אויפן פראָנט אין אַ שפּיטאָל זײַן רעכטע האַנט — זײַן ליבע, שיינע, גוטע רעכטע האַנט, וועלכע פלעגט אַזוי אָפט איר, גיטעלען, גלעטן די האָר! איצט שטייט זי אַ פאַרגליווערטע, די ליפּן ציטערן, און זי קען קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען. מינוטן לאַנג. ערשט רײַסט זי איבער די דראָענדיקע שטילקײַט, אַזאַ מין שטילקײַט, וואָס קומט פאַר אַ שטאַרקן דונער.

— אַבי דו לעבסט, וועט אַלץ נאָך זײַן גוט... — מער קען זי ניט ריידן. זי פאַלט אַרויף דעם ברודער אויפן האַלדז און פאַרגייט זיך אין געוויין. און ער גלעט, ווידער ווי אַמאָל, זי איבערן קאָפּ, און ער זאָגט:

— כ'האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר! כ'פלעג דיך אַלע נאַכט זען אין כאָלעם. דו האָסט דאָך מיך אויף די פיס געשטעלט... אַזוי רעדט זיך... נאָר קיין האַנט קענסטו ניט צונייען, זי זאָל זיך האַלטן... האָסט שוין געזען ערגעץ אַ שנײַדער אָן אַ רעכטער האַנט?.. דערפאַר אָבער איז מיר עפּעס לעבן האַרצן יאָ צוגעקומען — אַ קויל, וואָס די דאָקטוירים האָבן ניט געקענט אַרויסנעמען, אָדער ניט געוואָלט זיך אייסעקן מיט מיר... געווען נאָך ערגערע פון מיר... און איך האָב אַזוי געאײַלט צו דיר, זיך געוואָלט געזעגענען... מיט דיר, מיט אונדזער קרוין פון שטוב. מיט צאַלעלן אונדזערן, זיך געזעגענען...

גיטעלע האָט זיך ראַש אויפגעהויבן, מיט צעשראָקענע האַלב־ווילדע אויגן אַ קוק געטאָן אויף אים:

— וואָס פּלוידערסטו? וואָס זיך געזעגענען, מיט וועמען? מיט מיר?! אָט וועסטו זען: אַלץ וועט נאָך זײַן גוט... פאַרוואָס פרעגסטו עפּעס אויף קיינעם ניט? אויף צאַלעלן, אויף אונדזער מיידעלע? זי שפּילט זיך דאָ אין הויף. באַלד וועט זי קומען. זי וועט זיך דערפרייען, כ'האָב איר

אזויפיל דערציילט וועגן דיר, אז דו קענסט מאכן...

— פערדעלעך, מענטשעלעך פון האָלץ? יאָ, געקענט אמאָל...

— פאל נאָר ניט אראָפ בא זיך! מענטשן לערנען אויס די לינקע האנט צו ווערן א רעכטע... אבי דו לעבסט!

...עטלעכע טעג האָט כאצקל קימאט זיך בארויקט. געגעסן. גערעדט מיט מענטשן. זיך געשפילט מיט כאנעלען, געגאנגען אין גאס ארויס קויפן פאפיראָסן, רעפּוס אין אפטייק־פלעשלעך, פראָשקעס, גערעדט אָפטער וועגן טאטע־מאמע, וואָס זײַנען געבליבן דאָרט ערגעץ אין דער ליטע, אין דאָרף נאוואָטשעבע, דוכט זיך.

גיטעלע האָט זיך שוין בארויקט, נאָר גענייט האָט זי דערווײַל ניט: כאצקל וועט דאָך ווידער זאָגן דאָס סאמע פײַנלעכע פאר אים און פאר איר אויך:

— האָסט שוין געזען ערגעץ א שנײַדער אָן א רעכטער האנט?

און אָפן פינפטן טאָג אינדערפרי, שוין א ביסל שפעטלעך, ארום עלף אזייגער האָט גיטעלע אים געוואָלט אופוועקן: מע דארף דאָך עפעס אָפעסן אויך! — האָט זי אים געוועקט, געוועקט, וואָס ווײַטער אלץ שטארקער און דערשראָקענער — און האָט זיך ניט דערוועקט...

דער דאָקטער האָט באשטעטיקט דעם טויט און האָט דערבײַ נאָך געבייזערט זיך אָף גיטעלען: אזא מענטש לאָזט מען ניט אליין ארויס אָף דער גאס און אוואדע ניט אין אפטייק, ווו מע פארקויפט אזעלכע פראָשקעס — צו שלאָפן און אײַנצושלאָפן אָף אייביק... אָט זעט זי דאָך, די הויכגעשעצטע פרוי, אז אלע פראָשקעס זײַנען ליידיק!

די לעווײַע איז אומגעריכט געווען א גרויסע. כוץ אלע שכיינים, קונדן, סטאם באקאנטע און ניט באקאנטע פון די אזויגערופענע „ווילטעטיקע אנשטאלטן", איז געגאנגען באלד נאָכן קאסטן מיטן מעס א גרויסע גרופע סאָלדאטן — קאליקעס, ווער אָן א האנט, ווער אָף קוליעס, אָן פיס... קיינער האָט ניט געוווסט, ווער עס האָט אָט די צענדליקער אומגליקלעכע צונויפגערופן און אָרגאניזירט. זיי זײַנען געגאנגען צו עטלעכע אין א ריי, אלע אָן היטלען, מיט אראָפגעלאָזטע קעפ און געשוויגן. נאָר פון צײַט צו צײַט האָט עמעץ פון זיי אויסגערופן: „ווער וועט נעקאָמע נעמען פאר אונדז, פאר אונדזערע ווײַבער און קינדער!" אָדער: „א טויט די טויט־מאכער!"

גיטעלען האָט אונטער איין אָרעם געפירט דער מאן, אונטערן צווייטן — עפעס א יונגינקער פאָרוטשיק אָף צוויי קוליעס. גיטעלע האָט די גאנצע צײַט געשוויגן, ווי א פארגליווערטע אָדער טויב־שטומע. און אזוי איז זי געשטאנען באם אָפענעם קייווער, ביז מע האָט אהין דעם קאסטן אראָפגעלאָזט. דערנאָך האָט זי זיך א וואָרף געטאָן אָפן בערגל מיט א ווילדן קוויטש, זיך גענומען רײַסן די האָר אָפן קאָפ, און גענומען מאכן עפעס מאָדנע באוועגונגען. אָט לאנגזאממע, אָט האסטיקע... זי האָט זיך קוים געהאלטן אָף די פיס, נאָר די באוועגונגען זײַנען געוואָרן אלץ שטארקער, אלץ מער אויסדריקלעכער...

צאלעל האָט זי געוואָלט אָפציִען פון קייווער, גערעדט צו איר מיט די טיפסטע הארציקע ווערטער... געבעטן — זי האָט אויך ניט געהערט און ווײַטער געמאכט א שלאל פארשיידענע באוועגונגען...

עמעץ פון אוילעם האָט א זאָג געטאָן גאנץ הויך, ווי א באפעל:

— נעמט זי אוועק פונעם קייווער! זי האָט זיך דאָך געריִרט... גיכער אהיים, און נאָך א דאָקטער!

נאָר קיינער האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט: דער אוילעם — א סאך פון אים — האָבן געוויינט אָפן קאָל. פרויען זײַנען געפאלן אין כאלאָשעס. נאָר קיינער האָט קיין קויעך און קיין ווילן ניט געהאט אוועקצוגיין.

ס'איז געווען שרעקלעך, איימעדיק און — ווונדערלעך רירנדיק, יעדע באוועגונג האָט גערעדט, געוויינט, געקלאָגט... איינע א פרוי, וואָס האָט גיטעלען נאָך געקענט פון דער היים, האָט געזאָגט:

— אלץ קען מען אויסטאנצן. אפילע דעם טויט...

די דאָזיקע פרוי איז געווען אָף דער כאסענע, ווו דער „באכער לערער" האָט צום ערשטן מאָל דערזען גיטעלען.

ווער ווייסט דאָס ווערטל: „א וואָרט באשטייט, א פאטש פארגייט"? בא אונדז אין שטעטל האָט מען דאָס ווערטל פאריכט — צי קאליע געמאכט? עליע דער כאמעץ־פארברענער (אלץ דער זעלבער עליע!) האָט אנשטאָט א פאטש אוועקגעשטעלט א וווּנד, מיסטאמע דערפאר, וואָס אין סמילגער גאס האָט מען זיך זייער זעלטן געפאטשט, אָבער ווונדן האָט קימאט יעדערער געהאט, בייס דער הונגער און דאלעס האָבן גענומען אָפרײַסן די קינדער פון די עלטערן און זיי פארטרײַבן „זוכן גליקן" (פראָסט־פאָשעט הייסט עס ארבעט, וואָס צו עסן). איז ווער פון די טאטע־מאמעס האָט ניט געהאט קיין ווונדן! עליע האָט נאָר צוגעגעבן: „א ווונד פארגייט ניט". מיילע, איז ניט צום גראם...

ס'איז ניט פארגאנגען די ווונד זייער לאנג אויך בא גיטעלען. נאָר לעבן מוז מען דאָך, לעבן דארף מען דאָך. און וועגן כאנעלען דארף מען דאָך אוואדע טראכטן. דאָס קינד וואקסט, א ווילדס, א געראָטנס, יעדע באוועגונג אירע איז נאָר אָף אויסצוקושן. פון איר וועט עפעס ארויסקומען. אזוי איז זיכער ניט נאָר זי, די מאמע, נאָר אויך די דאמען, וואָס קומען צו גיטעלען זיך נייען און וואָס האָבן געמאכט גיטעלעס נאָמען אין דער שטאָט באוווסט און געשעצט. אויך זיי, אָט די „ווילטעטיקע" דאמען, האָבן געהאלטן אין איין טײַנען מיט גיטעלען, אז דאָס קינד, כאנעלען, דארף מען פירן אין פעטראָגראד צי אין מאָסקווע, צו די גרויסע מעווי־

נים אף באַלעט. זיי דאָרטן וועלן שוין זאָגן, וואָס מע דאַרף טאָן מיטן קינד, און עפּשער וועלן זיי אַליין זיך נעמען טאָן עפּעס פאַר דעם. און וואַרטן לאַנג טאָר מען ניט. די ביינער קע־נען זיך צו שטאַרק אײַנוואַקסן. זיי, די דאַמען, זײַנען זיכער, אַז פון דעם קינד וועט אַרויס אַ גרויסע באַלערינע. זיי אַליין, די דאַמען, האָבן דאָס קינד ניט גערופן מיטן פּראָסטן ייִדישן נאָ־מען כאַנעלע, נאָר אַנאַטשקאַ, אָדער, מיט אַ שמייכל דערבײַ, פּאַשעט אַננאַ. און עמעץ פון זיי האָט דאָס קינד געכאַפּט אף די הענט, גע־הויבן אינדערלופטן און גערעדט צו דעם, ווי דאָס זעקסיאָריק קינד וואָלט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מע רעדט אַזוינס: „אַנאַ פּאַוולאָוואַ ווייי־סטו? ניין? וועסטו וויסן“...

און געלט אף הויצאָעס וועט ווערן, כאָטש מאָרגן, אויב מע דאַרף. און אין לאַנד איז שוין רויִק. מע שפּילט אָפּערעס, מע לערנט קינדער טאַנצן. פאַראַן אַזעלכע שולן: כאָרעאָגראַפּישע הייסן זיי. מע צאָלט נאָך צו די קינדער. „וואָס איר וועט ניט זאָגן וועגן די באָלשעוויקעס — אָט דאָס טוען זיי אַ גרויסע זאַך“... — מאַכט איינע פון די דאַמען, אַליין אַ קליינינקע, מיט האַסטיקע באַוועגונגען, נאָר ווײַט ניט קיין מײַ־עסע, האָט שיינע לאַנגע פינגער. נאָר זיי זעען זיך קוים אַרויס פון אונטער די סאַך רינגען און שטיינער. ניין, זאָגט זי, זי האָט צו די באָלשע־וויקעס גאָרנישט. דער מאַן איז אַ גרויסער ספּעציאַליסט אף בויען באַנען. און דערווײַל פירט ער אָן מיטן פאַריכטן די ליניעס, די לאָ־קאָמאָטיוון. ער איז אַוועק דער ערשטער אַר־בעטן... ער וויל ניט לײַדן, אַז מע זאָגט „צו זיי“...

און אַ צווייטע גיט צו: „איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלייבט, ווען איך אַליין וואָלט דאָ ערשט ניט לאַנג צוריק ניט געווען באַ דער טאָכטער אין מאָסקווע. דער אייגענער טאָכטער גלייב איך, כאָטש איך פיל, אַז זי אַליין איז שוין אויך אַ שטיקל באָלשעוויטשקע. זי האָט מיר דער־ציילט, אַז אָט דער דזערזשינסקי, וואָס שיסט און זעצט אין טורמעס, איז גאָר אַ שטיק זײַד, אַ גאָלדענער מענטש. ער נעמט צונויף פון די גאַסן די עלנטע, פאַרהונגערטע, צעלאָזענע קינ־דער און גיט זיי אַלדאָס גוטס, און מאַכט זיי פאַר גוטע מענטשן.

— איז גענומען און געפאָרן, אַנאַטשקע... מירן נאָך גיין צו דיר אף די אָפּערעס, — פאַר־ענדיקט די צווייטע דאַמע, וואָס האַלט איצט כאַנעלען אף די הענט. און דערווײַל טוט זי זיך אַ כאַפּ: — זעט, מיר זײַנען דאָך געקומען זיך מעסטן די קליידלעך, און מיר זײַנען גאָר אַוועק מיט אַנאַטשקען אין אָפּערע.

די דאַמען האָבן צונויפגענומען געלט. און מע איז געפאָרן. און אַלץ איז געווען, ווי מע האָט פריִער פאַנטאַזירט. כאַנעלע מיט דער מאַמען זײַנען נאָך געבליבן אף אַ פּאָר וואָכן אין מאָסקווע. נאָר די דאַמען זײַנען פריִער געקומען צוריק. דערציילט, אַז די לערערקעס פון טענץ האָבן פּאַשעט געקוואָלן פון אַנאַטשקען.

און די ביידע דאַמען אַליין האָבן זיך אויך אומגעקערט ווי „שטיקלעך באָלשעוויטשקעס“... די קליינינקע האָט געזאָגט:

— נו, וואָס זאָגט איר? פאַר ניקאָלײַקען וואָלט אויך געקענט אַזוינס טרעפן?!

אידל דעם כאַזנס

— נו, און וואָס איז געווען ווײַטער? — וועט פרעגן דער נײַגעריקער לייענער. איך האָב דאַפקע ליב דעם לייענער, וואָס וויל וויסן, וואָס ס'איז געווען ווײַטער. נאָר מײַן „לעבעדיקער אַרכיוו“ קען ניט דערציילן קיין לענגערע מײַ־סעס. איך האָב ניט געפירט קיין טאָגביכער. ניט אַלעמאָל, — ריכטיקער וועט זײַן צו זאָגן: שטענדיק — זײַנען ניט געווען די געהעריקע באַדינגונגען צום פאַרשרײַבן. און אַ גרויסער טייל פון דעם, וואָס איך האָב יאָ פאַרנאָטירט, דאָס הייסט, לויפיק פאַרצייכנט מיט געציילטע ווערטער, איז געבליבן אין בוענאָס־אײַרעסער פּאַסטקע און פרײַער — נאָך אַ באַנאַכטיקן באַ־זוך באַ מיר פון יאַנעוועער (ליטע) „זשוואַלגי־בע“.

מײַן „לעבעדיקער אַרכיוו“ האָט נאָר פאַרהיט דעם אויסזען פון מענטשן, ברעקלעך פון שמועסן, אָפּקלאַנגען פון געשעענישן. געשעע־נישן פון ווײַט־פאַרלאָפענע צײַטן. זיי, די מענטשן, לעבן שוין אַוודאי לאַנג ניט, נאָר באַ מיר — אַפילע אין שוין היפּש אָפּגעטעמפּטן זי־קאָרן — לעבן זיי, יונגע, לעבנסלוסטיקע, פּאָזי־טיווע, נעגאַטיווע, און — כ'בענק נאָך זייער אָפּט נאַרישער, אָפּן ווינט אַוועקגעלאָזטער יוגנט. און דאָס איז דאָך גראָד געווען די צײַט אויך פון מײַן יוגנט...

און די יוגנט פאַרגעסט זיך ניט, קימאַט ווי די קינדהײַט. און זי בלײַבט איז „לעבעדיקן אַר־כיוו“. וועגן אייניקע פון זיי וועל איך נאָך דער־ציילן, אויב ס'וועט מיר בלײַבן צײַט. 82 איז ניט קיין 28. דאָס איבערזעצן דעם 8 אף רעכטס און דעם 2 אף לינקס וועט דאָ גאָרניט העלפן. ...אָט שטייט פאַר מײַנע אויגן אידל — דער זון פונעם רויטן כאַזן פון דער גרינער קלויז אין קיידאַן. דער „רויטער“ כאַזן האָט געקראָגן אָט דעם נאָמען צוליב דער רויטער באָרד זײַ־נער. די „גרינע“ קלויז אף סמילגער גאַס פלעגט מען פּאַשעט, שוין לויט דער טראַדיציע, ווײַזט אויס, פאַרבן אף גרין. און אידל איז, גיכער פון אַלץ, געווען אַ שוואַרצער (ניט נאָר לויט זײַנע האָר, וואָס זייער קאָליר געדענק איך ניט, ווײַל אידל האָט געטראָגן אַ שוואַרצע הוט מיט זייער ברייטע ראַנדן). ער איז געווען שוואַרץ אינ־ווייניק, שוואַרץ, ווי די פּעלערינע, מיט וועל־כער ער פלעגט זיך ניט צעשיידן אַפילע גייענ־דיק מיטן טאַטן זײַנעם... אַגעוו, דער טאַטע איז געווען ניט נאָר אַ כאַזן, נאָר אויך — און עפּ־שער דעריקער — אַ מעלאַמעד. דער זון האָט געלערנט ערגעץ אין דײַטשלאַנד אף אַ מאָ־דערנעם ראַבינער. דעריקער — אף נאַדאַן.

שטעלט מיך אַמאָל אַף אינמיטן גאַס די „פּע־
לערינע", באַגריסט זיך, פרעגט, וואָס שרײַב
איך, פון וואָס לעבט מען און אַזוי ווײַטער. ער
פרעגט, פאַרשטיי איך, ווײַל ער וויל ווײַזן זיך.
ענטפער איך קורץ. איך זאָג דאָך, אַז קיין לאַנגע
ענטפערס דאַרף ער ניט.

— און באַ אונדז, — זאָגט ער, — ווייסט איר,
וואָס פאַר אַ פּראָבלעמען מע באַהאַנדלט? אַט,
לעמאָשל, אַזאַ פראַגע: צי דער מענטש איז אין
די הענט באַם לעבן, דאָס הייסט, דאָס לעבן טוט
מיט אים אַלץ, וואָס עס פאַרווילט זיך? צי פאַר־
קערט: דאָס לעבן איז אין די הענט באַם
מענטשן? איר פאַרשטייט, מײַן יונגער פרײַנט,
דאָ איז די האַרבע פראַגע פון ברייריע, צי דער
מענטש האָט די ברייריע צו טאָן, וואָס ער וויל,
צי ניט...

און ער נעמט מיר ווארפן נעמען — אַן עמע־
סער האָגל פון פילאָזאָפישע נעמען און טעאָ־
ריעס! און דעריקער, זאָגט ער מיר, איז דער
ווילן. האָסטו אַ שטאַרקן ווילן, ווּעסטו אַלץ
דערגרייכן!

דער טאַטע — דער כאַזן־מעלאַמעד — קוועלט,
זע איך, פאַר נאַכעס. נאָר איך קוק מיך אײַן
אַפן זייגער, און טו אַ זאָג:

— מיר איז זייער אינטערעסאַנט אײַער
שמועס, נאָר איך פאַרשפּעטיק אַף מײַן „אָר־
ראַק". — און בײסיסמײַסע פאַרגעס איך גאָר, מיט
וועמען איך שטיי דאָ, און באַם געזעגענען זיך
נעם איך אַראָפּ דאָס היטל. פאַרגעסן, אַז דאָס
אַראָפּנעמען דאָס היטל אונטערן פרײַען הימל
הייסט בעגילוי ראָש (מיטן נאַקעטן קאָפּ, הייסט
עס). און שוין אוועקגייענדיק אַ פּאָר טריט,
הער איך, ווי דער רויטער כאַזן־מעלאַמעד „רע־
קאָמענדירט" מיך פאַרן געפעלעריינעטן זון
זײַנעם:

— אויסגעוואַקסן אַן אַפּיקוירעס...

מיט עטלעכע טריט ווײַטער קומט מיר אַנט־
קעגן עליע. אַלץ דער זעלביקער עליע! איך
דערצייל אים וועגן מײַן באַגעגעניש מיט אייד־
לען און מיטן טאַטן זײַנעם. עליע הערט מיך
אויס און זוכט ניט קיין ווערטער. ער געפינט
זיי באַלד, ער האָט זיי, דוכט זיך מיר, אין אַלע
קעשענעס...

— דו ווייסט, ער איז גערעכט! — זאָגט ער
האַלב ערנסט, האַלב שפּאַסיק, — דער איקער איז
דער ווילן. אַט ווּעסטו זען, אַז ער וועט מיט
זײַן ווילן דערגרייכן אַ רײַכע קאַלע פון יײַכעס.
אין דעם וועט אים העלפן די פעלערינע און
מיסטאָמע וועט ער אַרײַנבראַקן וואָס אָפּטער
דײַטשישע ווערטער, מיט פילאָזאָפן און מיט
„פּראָבלעמען"...

מענטשן

און איצט וויל איך דאָ נאָך, אין איין קליינינ־
קער ווײַלע, דערציילן עפּעס וועגן צוויי
מענטשן, וועלכע האָבן פאַרדינט, זיי זאָלן
בלײַבן אין מײַן לעבעדיקן אַרכיוו. כאָטש איי־
נעם פון זיי האָב איך קימאַט ניט געזען, גע־
רעדט נאָר מיט אים אַ מינוט, אָדער העכסטנס
צוויי; און דעם אַנדערן — קימאַט אַ גאַנצע נאַכט
געהאַט לעבן זיך, און די גאַנצע נאַכט מיט אים
גערעדט.

דאָס איז געווען אין דער צײַט פון דער גרוי־
סער פאָטערלענדישער מילכאָמע. איך האָב גע־
וווינט אין איסיק — אַ ראַיאָנישער צענטער פון
אַלמאַ־אַטאַער געגנט. איסיק האָט אַן אויסגע־
צייכנטן קלימאַט און... שיינקײַט: עס ליגט האַרט
צופוסנס באַ די אייביק ווײַסקעפּיקע בערג אַלאַ־
טאַו. פאַרוואָס דערצייל איך עס? ווײַל מײַן
פרוי, וואָס איז געפערלעך קראַנק געוואָרן אַף
אַ שווערער מאַליאַריע, האָט זיך גענייטיקט אין
אַזאַ עכט־קוראָרטישן קלימאַט, ווי איסיק. דאָ
האָט זי זיך דערפילט בעסער... אָבער דאָ האָט
זי גראָד געטראָפן דער בויך־טיפוס, וואָס איז
אין אַלמאַ־אַטאַער געגנט געוואָרן אַן עמעסע
עפּידעמיע.

מיט עסנוואַרג איז געווען זייער ענג. ברויט
האָט מען ביכלאַל באַקומען עפּעס אַזוינס, וואָס
האָט נאָר געהייסן „ברויט", אָבער אינדערעמעסן
איז עס געווען אַ געמיש פון קלײַען, איבערגע־
פרייעטע ביטערע ווייץ־מעל און אַנדערע צומי־
שונגען. און אַזאַ שווער קראַנקע, ווי מײַן פרוי,
האָט שוין געהאַט דעם דריטן רעצידיוו פונעם
בויך־טיפוס. פלעג איך אַ פּאָר מאָל אין וואָך
זיך „דורכגיין" קיין אַלמאַ־אַטאַ. דאָרטן האָט
מיך שוין דער שרײַבער־פאַרבאַנד באַזאָרגט
מיט ווײַס ברויט און מיט אַנדערע גוטע זאַכן,
אין וואָס אַ קראַנקער מענטש נייטיקט זיך. פון
איסיק קיין אַלמאַ־אַטאַ איז 50 וויאָרסט. גוט
איז, אַז ס'פּאַרט אונטער אַ מאַשין און נעמט
דיך אַרויף. אָבער אין יענער צײַט האָט אַזאַ
גליק גאָר זעלטן געטראָפן. איז וואָס זשע טוט
מען? — פרעגט זיך. ענטפערט מען: אַף וואָס
האָט אַ מענטש פיס? — פלעג איך מיך גאַנץ
אָפט דורכגיין דעם שפּאַציר... ס'איז געווען זו־
מער, קען מען עטלעכע מאָל זיך אָפּזעצן ערגעץ
אַף געדיכטן שמעקנדיקן גראָז... איז עלעהיי
מ'איז אַף דאַטשע און מע אָטעמט מיט גוטער
לופט. אַפן מיטן וועג צווישן אַלמאַ־אַטאַ און
איסיק איז דאָ אַ היפּשער ישעוו, אויך אַ ראַיאָ־
נישער צענטער טאַלגאַר, דאָ קען מען נאָך
אוואָדע זיך אַרײַנכאַפּן אין עפּעס אַזוינס, וואָס
איז ענלעך אַף אַ טראַקטיר, אויסטרינקען עפּעס
זייער אַ טונקעלן טיי און צובײַסן מיטן פון
שטוב פאַרכאַפּטן שטיקל ברויט. איז דאָך שוין
פּאַשעט טאַם־גאַנײדן!

אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, אַז צוליבן
האַלבן ווײַסן ברויטל האָב איך מיך געמוזט
פאַרהאַלטן אַן איבעריקע פּאָר שאָ און אַרויס
צוריק אַפן וועג אַהיים שוין שפּעטלעך. עמעס,
גיין באַנאַכט איז געווען גאָרניט אַזוי שלעכט,
נאָכן סאַרפּענדיקן טאָג. קומט מען אַהיים אײנ־
מיטן דער נאַכט, איז אויך ניט קיין צאָרע... נאָר
די צאָרע איז דאָס מאָל באַשטאַנען אין דעם,
וואָס ס'האָט גענומען גיסן אַזאַ געדיכטער און
דערצו האַסטיקער רעגן, אַז טאַלגאַר — דאָ האָט

מיך געפּאַקט דער גוסרעגן, שטענדיק א מילד, גוט שטעטל, האָט מיך באַגעגנט שוין באַנאַכטפינצטער. אין מײַן פּעקל ליגט דאָס טײַערסטע, וואָס איך טראָג: א גאַנץ ווײַס ברויטל! ס׳וועט דאָך אינגאַנצן צעווייקט ווערן!

קלאַפּ איך אָן אין איין טיר: — עפנט, זײַט אזוי גוט, — בעט איך אַף רוסיש און כאַזער גלײַך איבער אַף ייִדיש. אוואַדע. דאָ וווינט א ייִד. א גאַנצע מישפּאָכע. נאָר ארײַנלאָזן מיך וויל ער ניט. „בא מיר איז ניט קיין האַכנאָסעס־אָרכים”, — זאָגט ער. — גייט גלײַך, וועט איר טרעפן. איר האָט שוין אזוי אויך מיר אָנגעשלעפּט בלאָטע!”

בעערעך אָן ענלעכן ענטפער קריג איך אין א צווייטער שטוב, אין א דריטער...

גיי איך ווײַטער. עס וועט דאָך און עס מוז דאָך זײַן א טיר, וואָס זאָל זיך עפענען. ס׳קען דאָך ניט זײַן, אַז אַלע זאָלן האָבן מוירע ארײַנצולאָזן א פרעמדן.

גיי איך מיר אונטערן גוסרעגן, וואָס ווערט וואָס ווײַטער אַלץ געדיכטער. קומט מיר אַנטקעגן, אונטער א שירעם, א הויכער, א ברייטער אָפּיצער — דעם ראַנג זײַנעם ווייס איך ניט, נאָר לויט דער שינעל דערקען איך: ניט קיין פּראָסטער סאָלדאַט. אַנטשולדיק איך זיך, שטעל אים אָפּ און פרעג, ווו איך קען מיך אַהינטאָן אַף באַנאַכט. ענטפערט ער מיר:

— גאַנץ פּראָסט. גייט אזוי, אָט אזוי, רעכטס, דערנאָך א ביסל לינקס, וועט איר אזוי דערגיין צום „קאָלכאָזנעם הויז”, דאָרט קענט איר נעכטיקן.

באַדאַנק איך אים און גיי ווײַטער — און געדענק שוין ניט, ווו מע דאַרף נעמען רעכטס, ווו לינקס...

פלוצעם דערהער איך:

— טאָוואַרישטש, סטאָיטיע! — שטעל איך מיך אָפּ. מיסטאַמע וויל ער פרעגן אַף א פּאַספּאָרט, ווער איך בין אזא, וואָס שלעפּט זיך אַרום אינמיטן אזא מאַבלדיקער נאַכט.

גייט צו דער אָפּיצער און נעמט מיך אונטערן אָרעם, און זאָגט:

— איך זע, אַז איר קענט פאַרבלאָנדזשען, איז דאָס בעסטע — איך וועל אײַך אַליין אָפּפירן, וועט איר געוויס טרעפן.

ער האָט מיך צוגעפירט ביז צו דער טיר.

נו, קען מען אזא מענטשן פאַרגעסן? ביז הײַנטיקן טאָג, ווען נאָר איך דערמאָן זיך אין אים, גייט מיר דורך אזא וואַרעמקײַט איבערן האַרצן. איך ווייס ניט זײַן נאָמען. ניט איך האָב געפרעגט, ניט ער האָט געזאָגט. איך רוף אים נאָר מענטש, און אַלע אויסיעס פון אָט דעם וואָרט וואָלט איך געשריבן גרויסהאַנטיק און מיט גאָלד, וואָרעם ער האָט דאָך אָן עמעס גאָלדן האַרץ!

...און אָט איז דער צווייטער:

איך בין אַרײַן אין דעם „דאָם קאָלכאָזניקאַ”. די פּאָר צימערן, כאָטש גאַנץ גרויסע, זײַנען געווען געפּאַקט מיט מענער, פרויען, קינדער. א טומל, א געשריי, א קריגערײַ. און דאָ שטיי איך, א מידער ביז טויט, א דורכגעגאָסענער. ס׳קען זײַן, אַז אין דרויסן איז שוין דער רעגן שטילער געוואָרן, נאָר איך אַליין בין דאָך א גוסרעגן... נאָר ווי־ניט־איז שפּאַר איך זיך דורך ביז א וואַנט און שטיי דערווײַלע אזוי מיטן פּעקל צו דער וואַנט...

עס עפנט זיך די טיר, און ס׳גייט ארײַן דער אויפזעער אין דעם מין „האַכנאָסעס־אָרכים”. יעדעס מאָל, ווען ער דערהערט, אַז עס עפנט זיך די טיר, גייט ער באַלד ארײַן — זיך באַקאַנען מיטן נײַעם „גאַסט”, פרעגן א דאָקומענט און נעמען באַצאָלטס פאַרן פּלאַץ, וואָס... יענער האָט ניט. אָט אזא איז זי שוין, דעם אויפזעערס אַרבעט.

ער גייט צו צו מיר, טוט מיר מיטן פּאָנאַרל א לײַכט אין פּאָנעם ארײַן, בעט א דאָקומענט. איך דערלאַנג אים מײַן פּאַספּאָרט. ער גיט א קוק און זאָגט באַפעלעריש:

— אַנו, שוין גענומען די זאַכן, און הײַדאַ מיט מיר!

מײַן בעטן זיך העלפט ניט. ער גייט פאָרויס, און איך שלעפּ מיך נאָך...

ער עפנט די טיר צו זיך אין צימער. אוי, בין איך מעקאַנע! דאָרטן איז ליכטיק, ריין, מענטשלעך... אוי־אוי־אוי...

און דאָ פלוצעם צעלאַכט ער זיך הויך, גוטמוטיק און שטרעקט מיר אויס די האַנט. די רעכטע. די לינקע האָט ער שוין, ווײַזט זיך אַרויס, קימאַט מיט א יאָר צוריק ערגעץ אַף א וויסטן פעלד איבערגעלאָזט. און, האַלטנדיק מײַן, נאָך אַלץ צעשראָקענע, קאַלטע האַנט, זאָגט ער:

— שאָלעם־אַלייכעם, כאַווער בלאָשטיין! איך האָב אײַך דערקענט, פאַרשטייט זיך, ניט בלויז לויטן פּאַספּאָרט. איך האָב געלייענט אָן אַנדער דאָקומענט אײַערן — „אָן א היים”, כ׳בין דאָך אַליין א לייענער, געווען פריִער, ביז דער מילכאָמע א לערער פון ליטעראַטור... טוט זיך אויס, מירן אײַנהייצן דאָס אייוועלע, איר וועט זיך אַרומטריקענען, און הײַדאַ — שלאָפן. מאָרגן באַגינען פאָר איך צוליב מײַנע איניאָנים אין אײַערע מעקוימעס, אין קאָלווירט „סאָציאַליזם”, שטעל איך אײַך צו ביז צו אײַער טיר.

איך נעם אים אַרום. ער דריקט מיך שטאַרק צו זיך. און שעמען זיך איז דאָ ניטאָ וואָס: איך האָב געלאָזט א טרער. פונוואַנען קומען זיי, אָט די באַזונדערע טרערן, ניט ווי אַלע, ווער ווייסט!

ליידער האָבן מיר זיך מער קיינמאָל ניט געזען.

ער איז געבליבן אין מײַן „לעבעדיקן אַרכיוו” מיט א גוטער מילדער שײַן אין די אויגן און מיט א ליכטיקן האַרציקן געלעכטער.

ארן ווערגעליס

נאָטיצן אָן א סיידער

פּאָעזיע. באַגײַסטערונג

די זעלטנסטע און גליקלעכסטע רעגעס פון פּאָעזיע לעבן איבער יענע מענטשן, וואָס זײַנען באשאָנקען מיט א ניט געוויינלעכער זעל. אויב ס'איז געשען מיט אזא מענטשן דאָס, וואָס דער רוסישער דיכטער רופט אָן „טשודנאָיע מגנאָוועניע", און פון דעם איז פארבליבן אן „אָפּדרוק" אף פּאפּיר אָדער אן „אויסהויך" אף קלאנגען־טאשמע, דאַן מעג מען זאָגן, אז עפּעס איז צוגעקומען דער וועלט־פּאָעזיע.

מע קאָן ניט שאפן פּאָעזיע, זי זאָל זײַן פונקט אזא, ווי עס ווילט זיך פון פריִער, און זי זאָל קומען פונקט דאַן, ווען מע וויל. דאָס איז אומעגלעך, ווײַל אין באַגײַסטערונג איז באַלעבאָס ניט דער זינען. אן עכטער פּאָעט וועט ניט זאָגן, אז ער קלײַבט זיך פארפאסן א ליד. אויב א דיכטער דערציילט אײַך, אז ער „ארבעט אף א ליד", זאָלט איר עס פארשטיין אזוי, אז אין א שוין „געבוירענעם" ווערק שטעלט ער איבער א וואָרט, מאכט אנדערש א שורע, און דאָס איז בעפּיירעש ארבעט, טאקע נייטיקע ארבעט, ווײַל נאָך דעם אויגנבליקלעכן אופלויכט פון באַגײַסטערונג קאָן מען זיך ארומזען און פאריכטן עפּעס־וואָס אין די אויסדרוק־מיטלען (גאָט זאָל אָפּהיטן, אז די פּען, וואָס בעסערט אויס, זאָל אָנרירן אויך דעם אומיטלבארן „אָפּדרוק" פון דער טשודנאָיע מגנאָווועניע!).

דער שאפנדיקער מענטשן־גײַסט איז געגליכן צו טליִענדיקע קוילן, וועלכע הייבן אָן מיטאמאָל צו „עטעמען", קיינער ווייסט ניט, ווער אָדער וואָס עס „בלאָזט" אף זיי; אָט בליצן זיי אוף, גיסן זיך איבער פון בלוי־פּיִאָלעט ביז פונצער־רויט, שטעקן ארויס צינגער, צעטרעשטשען זיך, מאכן פון די פלעמעלעך יאָ־גלייבלעכע און ניט־גלייבלעכע בילדער־פאנטאזיעס, און אוי־וויי, אָט פאלן זיי שוין אײַן (סע הערט אוף צו „בלאָזן"), און די רעגע איז אויס.

אונדזער באַוווּסטזײַן איז ניט בעקויעך פּאָרויסצוזאָגן, ווען די שעפערישע באַגײַסטערונג וועט זיך באַווײַזן און ווען פארשווינדן. אויב ס'וואָלט זיך אײַנגעגעבן מיט עפּעס א מיטל צו סטאביליזירן זי, איז איינס פון די צוויי — אָדער די מענטשהײַט וואָלט באקומען קיינמאָל ביז איצט נאָך ניט עקזיסטירנדיקע אין אזא מאסשטאב גײַסטיקע אויצרעס, און דאָס וואָלט זי געפירט צו א לאכלוטן נײַער, ניט פאָרויסגעזעענער ציוויליזאציע, אָדער עס וואָלט פּאָרגעקומען א קאטאסטראָפאלע דעוואלוואציע פון פּאָעזיע.

אין דער דערשײַנונג שעפערישע באַגײַסטערונג איז פאראן איינער א מאָמענט, וואָס אָפט פארגעסט מען אין אים, דעהײַנע: דער דיכטער הייבט אָן פארפאסן בייס די באַגײַסטערונג האלט שוין בא אים אין „קילער" ווערן, זי גייט לעיִבעד. דאָס באטײַט, אז אפילע די גרעסטע מוסטערן פון דער וועלט־פּאָעזיע זײַנען מערסטנס בלויז שוואכע רעאליזירונגען פון דעם דיכטערס באַגײַסטערונג.

אייניקע פּראָטים

(עליִיאָהו באָכער)

מעגלעך, אז עליִיאָהו באָכער איז דער עררשטער שריפטשטעלער, וועלכער איז ארײַן אין מײַן באַוווּסטזײַן. זײַן פּאָפּולערקײַט בא דעם שטעטלשן מאסן־מענטש אין דער נײַער צײַט שטאמט, דוכט מיר, ניט בלויז פון ליטעראַרישע מאָטיוון, נאָר קוידעמקאָל פון דער צופעליקײַט, וואָס עס זײַנען צונויפגעפאלן קלאנגלעך און לויטן עצעם אינהאלט די ווערטער „באָוואַ־מײַסעס" און „באָבע־מײַסעס", האגאם בא עליִיאָהו

זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 8, 1977.

באָכער קומט ניט „באָווא" פון דער ייִדישער באָבע, נאָר פון איטאַליענישן „באָווא" (די אייבערגעדיכטעטע מיצאַד עליִאָהו באָכער איטאַליענישע ווערסיע פון דער ענגלישער ריטערדערציילונג „Sir Bevis of Hamton" הייסט „Buovo d'Anton").

אין אָנהייב האָט מיך פּראַקטיש מער גאָרנישט ניט אינטערעסירט. שפּעטער אָבער האָב איך זיך דערוווּסט אַזוינס, וואָס האָט מיך מאָמעש געפּלעפט. דער „באָווא־בוך" איז, ווייַזט זיך אַרויס, בלויז אַן עפּיזאָד, און ניט דער סאַמע וויכטיקער, אין דער אויסטערלישער לעבנסדראַמע און אין טיטאַנישן אויפטו פון אַ בעעמעס גרויסער שעפּערישער פּערזענלעכקייַט.

אָט זייַנען אייניקע פּראָטים.

ווען דער יונגער געלערנטער עליִאָהו בען אָשער האַלייווי אַשקענאַזי לעוויטאַ איז אין די ערשטע נייַנציקער יאָרן פונעם פופצנטן יאָרהונדערט געקומען קיין פּאַדואַ (איטאַליע) פון זייַן דייַטשישער געבוירנשטאָט נייַשטאָט, איז ער שוין געווען באַוווּסט אַלס אייַנער פון די אַמערסטן ערנסטע טאַנאַך־פאָרשער און קענער פונעם העברעיִשן דיקדעק. ער איז אין די אייטאַליענישע שטעט פּאַדואַ, ווענעציע, רוים געווען, לויט די הייַנטיקע באַגריפן, אַ פּעדאַגאָג, אָדער פּראָפעסאָר — געלערנט קאַטוילישע גייַסטלעכע העברעיִש (אייַנצייַטיק — טאַנאַך, קאַבאָלע) און אַליין, שוין דער טאַלמיד, זיך געלערנט באַ זיי גריכיש, לאַטייַן און אַלגעמיין וויסן. פאַר די שילער זייַנע האָט ער איבערגעזעצט פון העברעיִש אַף לאַטייַן אויסצוגן פון „ספר היצירה", געשריבן פּיירושים צו אַנדערע ספאָרים. אין ווענעציע האָט ער, כוץ אַ ריי פּיירושים און כיבורים, געשאַפן זייַן פּאָפּולערן סייפער „מסורת המסורות", אין וועלכן ס'ווערט פאַר די קומענדיקע דוירעס אָנגעגעבן די ריכטיקע אויסשפּראַך און דער אויסלייג פונעם ביבלישן טעקסט און ס'איז פאַרטייַטשט די מעסוירע פון טאַנאַך. אין ווענעציע האָט ער אָנגעשריבן דעם סייפער וועגן די טאַלמוד־אַפּאָריזמען „התשבי", איבערגעזעצט אַף דייַטש איִעוו און טהילים, געשאַפן ווערטערביכער פון אַראַמעיִש. ער איז דער אווטאָר פונעם ערשטן ייִדיש־העברעיִשן ווערטערבוך. דעם סייפער טהילים האָט ער איבערגעזעצט אַף ייִדיש.

און באַוווּסט און באַרימט איז ער געוואָרן אַדאַנק גאָר אַ „זייַטיק שטיקל אַרבעט" — דער איבערדיכטונג פון אַ בוך פאַרכאַפּנדיקע ניט געשטויגענע געשיכטעס. ער האָט דערגרייכט דאָס, וואָס עס קאָנען זיך ווינטשן די סאַמע אָנגענומענע באַם פאָלק מעכאַבערים: פון „באָוואַ־מייַסע" איז געוואָרן „באָבע־מייַסע", און דאָס ערשטע האָט אַזוי צוגעטראָפן צום צווייטן, אַז דער פאָלקס־אויסדרוק וועגן דער באָבעס מייַסעס ווערט שוין אין מעשעך פון יאָרהונדערטער צוגעשריבן דעם „באָווא־בוך". ביכלאַל איז, דוכט זיך, קיין איין ייִדישער שרייַבער ניט געווען אַזוי פּאָפּולער אין פאָלק, ווי עליִאָהו באָכער. עפּשער בלויז שאָלעם־אַלייכעם קאָן זיך מיט אים אין דעם זין פאַרגלייַכן. די מערהייַט פאָרשער צווייפלען אָבער אין דעם...

עליִאָהו באָכערס פּערזענלעך לעבן איז פול מיט אויסטערלישע געשעענישן. ס'איז אַ דערשיטערנדיקער ראָמאַן מיט דורכויס טראַגישע צוזאַמענשטויסן, מיט אַזעלכע מיספאַרשטייענישן און אומגעריכטע קאָליזיעס, אַז מאַמעש עס גלייבט זיך ניט.

געווען איז עליִאָהו באָכער אַן אייַנגעקאָרעניִעטער לאַמעדוואָוניק, אַן אַסקעטישער אָפּהיטער פון די מיצוועס פון דער טוירע (שומר תורה ומצבות), געהיט און געפּלעגט די ייִדישע עמונע. און דאָך האָט ער דאָס גאַנצע לעבן געהערט פאָרוואָרפן און געהאַט אויסצושטיין פאַרפאָלגונגען פון די רעליגיִעזע מאַנהיגים, ווײַל ס'איז ניט געווען געפעלן זייַן צוזאַמענאַרבעט מיט קריסטלעכע טעאָלאָגן, גאַלאָכים אַדגל.

באַזונדערס האָט ניט געלאָזט רויִק שלאָפן די אָבסקוראַנטן עליִאָהו באָכערס פרייַנטשאַפט מיטן קאַרדינאַל אַדזשעטאַ דע וויטערבאַ. אין רוים האָט דער העברעיִשער לערער און פּאָעט געלעבט צען יאָר אינעם קאַרדינאַלס הויז. וואָס האָט ער דאָרט געטאָן? מיט וואָס זיך פאַרנומען? צי איז ער ניט ניכשל געוואָרן פון די קאַטוילישע פּאָסטולאַטן? ניין, האָט אָפּגעוואָרפן יעדן כשאַד דער גאָטספאָרכטיקער לאַמעדוואָווניק. ער לערנט מיטן קאַרדינאַל לאָשנקוידעש, זעצט איבער צוליב אים פּיירושים פון „ספר היצירה". באַזונדערס נייַגעריק איז דער קאַטוילישער גייַסטלעכער צו קאַבאָלע, — פאַרוואָס ניט מיטהעלפן אים אין דעם? אַגעוו, האָט עלייִאָהו בען אָשער האַלייווי אַשקענאַזי לעוויטאַ טאַקע דאָ, אינעם קאַרדינאַלס שטוב, זיך דערוואָרבן דעם צונאָמען „באָכער", פאַרפאַסנדיק פאַר אַדזשעטאַ דע וויטערבאַ אַ סייפער אונטערן טיטל „הבחור" (אָדער „דקדוק אליהו").

ווען אין 1511 יאָר איז קיין רוים אָנגעקומען מאַרטין לוטער, דער גרינדער פון דער קריסטלעכער רעפאָרמאַציע, האָט אַדזשעטאַ דע וויטערבאַ זיי צוזאַמענגעפירט, און ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן ווי גרויסמאַסשטאַביק און פאַרכאַפּנדיק ס'איז געווען דאָס בילד, בייס דער נייַשטאַטער פּערציקיאָריקער ייִד האָט געקנעלט לאָשנקוידעש מיטן גרעסטן דייַטש פונעם מיטלאַלטער.

די אָבסקוראַנטן קאָנען ביז הייַנט ניט מויכל זייַן דעם געלערנטן. איך דערמאָן זיך אַזאַ פאַל. אין פאַריזש האָב איך זיך אַנומלטן געטראָפן מיט אַ ראָוו, וואָס האָט זיך מיר געשווירן, אַז

ער האָט מיט א וואלגערהאַלץ א קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ זײַן אייגענעם זון, וועלכער האָט גע־וואָלט זיך שמאַדן, און האָט געמאַכט אים טויב. „ווי קומט עס, — האָב איך געפרעגט דעם ראָוו, — איר זאָלט אַזוינס טאָן?" און דער ענטפער איז געווען: „איך וויל ניט האָבן נאָכן טויט דאָס מאַזל פון עלייאָהו באַכער..." „וואָס זשע פאַר א מאַזל האָט ער געהאַט?" דער ראָוו האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ: „אָף אַלע מײַנע סאָנים געזאָגט געוואָרן... עמעס, עלייאָהו באַכער האָט עס קאָשער פאַרדינט, ווײַל ער האָט פונקט ווי אָפּגעשמאַדט די אייגענע נעשאָמע, האָבנדיק צו טאָן דאָס גאַנצע לעבן מיט גאַלאַכים..." איך האָב געהאַלטן פאַר איבעריק צו רעאַביליטירן דעם ליכטיקן גאָון פון דער ערשטער העלפט פון XVI יה. אין די אויגן פונעם פינצטערן אָבסקוראַנט פון דעם סאָף פון XX יה. אָבער פאַרשטאַנען האָב איך, מיט וואָס דער ראָוו איז זיך נויקעם אין עלייאָהו באַכער, דערמאָנענדיק וועגן יענעמס „מאַזל נאָכן טויט".

און ס'איז טאַקע ניטאָ אָף וואָס מעקאַנע צו זײַן. ווען רוים האָט איבערגענומען בא שפּאַניע די אינקוויזיטאָרישע רעדיפעס אָף ייִדן, וועלכע זײַנען באַגלייט געוואָרן מיט ברענען ביכער, האָט זיך אין די פויפּסטלעכע קאַנצעליאַריעס פון יוליוס דעם דריטן און שפּעטער פון פּאַוועל דעם פערטן באַוויזן דער עקלהאַפּטער טיפּ מאַסרים, מעווינים אין די „שוואַרצע פינטעלעך" פון צווישן די מעשומאָדים. די געשיכטע ווייסט צוויי באַזונדערס גרויסע אַרגיִעס פון דעם מין: דאָס עפנטלעכע פאַרברענען טאַלמודישע ספאָרים דעם 9 סענטיאַבער 1553 אין רוים אָפן סקווער קאַמפּאָ דע פיאָרי און דעם ביכער־שײַטער אין פינף יאָר אַרום אין דער צאָפן־איטאַליענישער שטאָט קרימאָנאָ. אין ביידע פאַלן זײַנען צווישן די הויפּט־מאַסרים, וועלכע האָבן געגעבן „באַווײַזן", אַז די ייִדישע ספאָרים זײַנען פול מיט באַליידיקונגען קעגן דער קריסטלעכער רעליגיע, געווען צוויי יונגע מענטשן, לײַבלעכע ברידער, וואָס האָבן נאָכן שמאַדן זיך אָנגענומען די נעמען דזשיאָוואַני באַטיסטאַ און וויטאָריאָ עליאַנאַ — די אייניקלעך פונעם גרויסן ייִדישן שרײַבער און געלערנטן עלייאָהו באַכער.

דאָס זעלבע, וואָס א ליכט אָן א שנויץ

וואָס איז אַזוינס א ליד אָדער א פּראָזע־שאַפונג, וועלכע האָבן ניט קיין סימאָנים פון דער הײַנטצײַטיקײַט?

פּאַראָן צו דעם א פאָלקס־מאָשל.

א ייִד אין שטעטל האָט געפונען אָפן בוידעם אַן אַלטן קאַסטן מיט ביילעוו־ליכט, א פּאַרקלאַפּטן. האָט ער אים פּאַרקויפט א צווייטן ייִד. ניט אויפפּעפנענדיק, און דער קוינע האָט צוליב א ביסל רעוועך אים ווײַטער פּאַרקויפט, ווען ס'איז אונטערגעקומען א באַלן. אַזוי איז דער קאַסטן מיט ליכט איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, געבנדיק קעסיידער רעוועך. איינער א קוינע האָט אָבער פון נײַגעריקייט געעפנט א ברעטל, אַרויסגענומען איין ליכט און געפּרוווט זי אָנצינדן. זעט ער, אַז קיין שנויץ איז ניטאָ, אַזוי האָט מען אַלפי־טאָעס די פּאַרטיע סכוירע געגאָסן, און ניט אומזיסט איז דער קאַסטן געשטאַנען אָפן בוידעם. סטײַטש, האָט דער לעצטער קוינע זיך אַרופגעוואָרפן אָף דעם לעצטן פּאַרקויפער, די ליכט קאָנען דאָך ניט לײַכטן! יענער האָט אים אָנגעקוקט, ווי א מעשוגענעם: א האַלבע שטאָט האָט שוין אײַנגעהאַנדלט דעם קאַסטן און ווידער אים פּאַרקויפט מיט רעוועך, און קיינעם איז אַפילע ניט געקומען אין קאָפּ א קוק צו טאָן אָף דער סכוירע, ווײַל דאָס זײַנען ליכט צום האַנדלען, און ניט צום לײַכטן...

א ליד אָדער א פּראָזע־שאַפונג, וועלכע האָט ניט קיין סימאָנים פון דער הײַנטצײַטיקײַט, איז ליטעראַטור צום דרוקן, ניט צו ברענגען נוצן דער געזעלשאַפט.

א פּסאַק־דין פון דער צײַט

מע דאַרף ניט פאַרמאַכן די אויגן אָף דער אומגעהייער טראַגישער לאַגע אין דער ליטעראַטור אָף ייִדיש הײַנט צו טאָג, א לאַגע, וואָס איז ניט קיין רעזולטאַט פון קינסטלעך בײַגעטראָגענע סיבעס. גיכער פון אַלץ איז דאָס א פּסאַק־דין פון דער צײַט. שווער איז דער מאַצעוו פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַלע לענדער, ווו זי איז נאָך פאַראַן. שווער, שווער, זייער שווער. איינער א מענטש האָט מיר געזאָגט:

ס'איז מעגלעך א פאַרגלײַך מיט א שטאָט, אין וועלכער קיינער ווערט ניט געבוירן און נאָר מע שטאַרבט. דער פאַרגלײַך וואָלט געווען בא יעדערן אָף דער צונג, ווען אַזאַ שטאָט זאָל זײַן אָף דער וועלט. עס קומט אויך אויף די אַסאָציאַציע מיט א דעמאָגראַפישער שאַגרען־הויט. טאָג נאָך טאָג ווערט די שטאָט, אין פּראַט פון מענטשן, קלענער און ווייניקער. דערבײַ בלײַבט אַלץ ווי געווען, פונקט ווי ס'וואָלט קיין וועזנטלעכס ניט פּאָרגעקומען. אין שטאָט ברענט ליכט. עס אַרבעט די וואַסערלייטונג, די קאַנאַליזאַציע. אָף די פּלעצער שטייען דענקמעלער און ס'הענגען זייגערס. מענטשן פּראַווען יאָמטויוויִם, קומען זיך צונויף אָף קיידוער־אָוועס, וויינען און לאַכן. מע שטעלט אַרויס פּענער, מע מאַרשירט, מע קריגט זיך און מע פּראָקלאַמירט אידייען. אַלץ איז אָף אַן אָרט, ווי אין יעדער שטאָט. די

טראמוויַען גייען. די זייגערס ווײַזן די צײַט. אף די ראָגן רעגולירט מען די באַוועגונג פונעם טראנספּאָרט און פון די פוסגייער. ווי נאָר סע יאָוועט זיך אף דער וועלט עפּעס נײַס אין דער ארכיטעקטור, אינעם באַלײַכטן די גאסן, אין די קליידער־מאָדעס, — פירט מען עס אײַן אויך דאָ. די צאָרע איז אָבער, וואָס די מענטשן אין דער שטאָט שטארבן אויס. קיינער ווערט ניט גע־בוירן. — סארא ווונדער! — האָב איך געענט־פערט. — פאַראן נאָך מענטשן. און אין שטאָט אין אָרדענונג?

געמיינזאמער ריטם

אמשטארקסטן פילט איר דעם געמיינזאמען ריטם, צוקוקנדיק ווי צוויי אָדער מער פידלער שפילן צוזאמען לויט איין פּאַרטיטור. דאָס איז דערפאַר, ווײַל דער צונויפאַלנדיקער קלאַנגען־גאנג ווערט באַשטעטיקט און אונטערגעהאַלטן פון אלציינס זיך באַוועגנדיקע סמיטשיקעס. בא א פאַרליבט פּאָרל פאַלט צונויף דאָס גע־מיינזאמע קלאַפּן פון די הערצער מיט דעם אַל־ציינעם „שפּילן" פון די אויגן.

א ליטעראַרישער מענאַכעם־מענדל

מיט איינעם א שריפטשטעלער — לאָמיר אים געבן א צוגעטראַכטן נאָמען סאַנטיקאָווסקי — איז געשען גאָר פּרי דער אומגליק פון שעפערי־שער אימפּאָטענץ. איך וועל דאָ ניט באַהאַנד־לען די סיבע: פאַרוואָס. דאָס אליין, וואָס ער האָט אופגעהערט צו שאַפן פונקט אין מאָמענט פון דעם איבערבראָך, ווען די סאָוועטישע לי־טעראַטור האָט זיך אָפּגעקערט פונעם גראַדלי־ניקן מעטאָד „אויב ניט שווארץ, איז ווײַס, אויב ניט גוט, איז שלעכט", זאָגט אונטער דעם ענטפער אף דער פראַגע. די פאַרעפנטלעכטע ווערק פון אָט דעם אווטאָר אין זײַנע יונגע יאָרן פאַרמאָגן דעם כיין פון האמעטנעקײַט, וואָס מע האָט דעמלט געקאָנט אופנעמען ווי א סימען פון האַמויגישן אַרט אויסדריקן זיך. ס'האָט אפילע אימפּאָנירט, וואָס זײַנע פּערסאָנאַזשן זײַנען גע־ווען אָדער „ברייטפלייציקע", אָדער „שמאָל־פלייציקע"; אָדער „הויכוווקסיקע", אָדער „קליינ־וווקסיקע" (גיכער פון אלץ קליינקעפּיקע, שווערקעפּיקע, טעמפּקעפּיקע, גראָבקעפּיקע, שוואַכקעפּיקע, פלאַכקעפּיקע, הארטקעפּיקע, שמאָלקעפּיקע, קרומקעפּיקע); שמועסנדיק מיט עמעצן פּאָנעם־על־פּאָנעם, האָבן זיי יענעם גע־קלאַפּט מיט דער האַנט איבער דער פּלייצע, אָנשטאָט איבער אַן אַקסל, דערבײַ מיט דער צווייטער האַנט געקראַצט בא זיך די פּאָטילני־צע אאוו. אדגל. צײַטן האָבן זיך אָבער געביטן, און מע האָט שוין ניט געקאָנט אופנעמען סאַנטיקאָווסקיס שרײַבעכץ, עס האָט אויס־געזען אזוי, ווי אין א הײַנטוועלטיקן שטראָם פון אווטאָמאָבילן זאָל זיך באַווײַזן א אייזל־געשפּאַן, וועלכער רופט דאַפקע ארויס מיט־לײַד, נאָר מאַכן פון דעם אייזל אַן אווטאָ איז ניט מעגלעך. שפּעטער האָט סאַנטיקאָווסקי געפּרווּט פאַרבײַטן דעם מאָטאָר פון שאַפונג מיט אָנקלאָגעס אף די רעדאַקציעס, אָבער אויך דאָס איז, ווי באַוווּסט, אומזיסטע טירכע. איז ער געפאַלן אף א האַמצאָע.

ער האָט זיך גענומען „רײַבן" אין די קולור־ארן א סאַך מער, ווי א פאַרנומענער ליטעראַ־טאָר קאָן דאָס. צוערשט האָט ער „אײַנגענומען" די פּאָליקליניק, וואָס געפינט זיך אין פילשטאָ־קיקן הויז, ווו ס'וווינען שרײַבער. גאַנצפרי, אופגעשטאַנען פון שלאָף, זעצט ער זיך ניט צום שרײַבטיש, נאָר שאַרט זיך ארײַן אין קאָרידאָר מיט די האַרטע בענק און באַשילדלטע טירן. דאָרט דערציילט ער א גוטן צענדליק רוסישע שריפטשטעלער קאָלערליי געהויבענע געשיכ־טעס וועגן זײַנע אַמאָליקע ווערק און וועגן דעם, אז איצט האָבן זײַנע פערזענלעכע סאָנים פאַר־כאַפּט די רעדאַקציע־טישן. אין מעשעך פון טאָג כאַזערט ער איבער דאָס זעלבע אין שרײַבער־קלוב, אין א פּאָר פאַרלאַגן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט ארויסגעבן יידישע אווטאָרן אין דער רוסישער איבערזעצונג און אף דער מוטער־שפּראַך, פּאַשעט אין גאַס. ס'האָט אים צוגע־שפּילט, וואָס די רעדאַקטאָרן פון יידישע ווערק אין די יידישע אויסגאַבעס, זײַענדיק, אויסער דעם, פאַרנומען מיט שרײַבן אייגענע ווערק, האָבן קיין צײַט ניט געהאַט אים נאָכצוגיין, קע־דיי אָפּרופן זײַנע רייד, דערצו נאָך האָט יעדער שריפטשטעלער ארום זיך, ווי געווײַנלעך, ניט־פאַרגינער, גלאַט נײַגעריקע און, גאָט זאָל אָפּ־היטן, סאָנים. סאַנטיקאָווסקי האָט דאָס אלץ מײַסטעריש אויסגענוצט, און שטעלט אײַך פאָר:

ניט שאַפנדיק שוין אין מעשעך פון א דרײַ־פיר יאָרצענדליק קיין איין זאַך, וואָס פאַרדינט געדרוקט צו ווערן, האָט סאַנטיקאָווסקי ארום זיך א גאַנץ היפּשע אַנדערש־לאָשנדיקע סוויווע פון מיטפילנדיקע און באַרעמהאַרציקע, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין איין שורע זײַנע ניט געלייענט, נאָר גלייבן אים אפּן וואָרט, און איי־ניקע מאָלן פאַר זיך אפילע די יידישע ליטעראַ־טור ווי א פאַרמעסט, ווו אף איין זײַט פון דעם קאַנאַט שטייט דאָס גאַנצע ליטעראַטור־געזינד און אף דער צווייטער זײַט—סאַנטיקאָווסקי. דעם ליטעראַרישן מענאַכעם־מענדל דוכט זיך שוין אויס, אז ער וועט זיך באַגיין אָן דער יידישער ליטעראַטור...

צו דער פֿאַרשונג: אַן אוניקאַל ווינקעלע פון ייִדישער שאַפונג — די באַדכאָנישע דיכטונג

דער באַדכן און די ייִדישע פֿאָלקסליד. די פּאַרהעלטעניש צווישן דעם באַדכאָנישן שטייגער און דער פֿאָלקסליד — איז אַ פּראָבלעם, וואָס איז נעגייע אונדזער גאַנצער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג, אָנהייבנדיק פון די שפּילמאַנס (די „נאַרן", די „פֿריילעכע ייִדן") און ביז הײַנטיקן טאָג.

דער באַדכן איז אַ כאַסענע־דיכטער. ער האָט געזאָלט מעסאַמייעך זײַן דעם עולם אַף דער כאַסענע. זײַן פֿונקציע איז אומעטום די זעלבע. אָבער ניט געקוקט דערויף, איז אַ באַשטימטע דיפֿערענציאַציע צווישן די באַדכאָנים געווען. אייניקע האָבן „געלאַכט", אַנדערע האָבן „געזיפֿצט" (אויב מע זאָל זיך סכעמאַטיש אויסדריקן). אַ טיפּישער „זיפֿצער" איז געווען בערל בראָדער. ער איז דער עמעסער פֿאָרגייער פֿונעם „טרערן־מיליאָנער" מאָריס ראָזנפֿעלד, אויך אין אַ געוויסער היניזיכט פון אוראַם רייזינען.

ווען מע זאָל שטעלן די פֿראַגע אין ליטעראַרישן פּלאַן וועגן דעם באַדכנס האַשפּאָע, מוז אָנגעוויזן ווערן, אַז ניט אַקסענפֿעלדס געגראַמטע האַקדאָמעס צו די פּיעסן און צום שטערנטיכל, ניט א. מ. דיקס האַקדאָמעס און גראַמען (לעמאָשל, „אַלטע ייִדישע זאַגען") און אויך ניט עטינגערס מעשאָלים קאָנען ניט געשטעלט ווערן דורכויס איסער דעם קרײַז פון דער באַדכאָנישער ווירקונג. פון דער צווייטער זײַט, האָט דער באַדכן געמוזט אָנעמען דעם מאָשל, די פֿאַבל, קעדיי ווי־עס־איז פֿאַרבלײַבן באַם געבאָט, אַז מע דאַרף קיינעם ניט באַליידיקן, אָבער אין דעם מאָשל האָט מען געהאַט צו טאָן מיט „כאַראַקטערן", ווי בערל בראָדער זאָגט, און דאָס איז גראַדע געווען עטינגערס שניט. דער באַדכן איז, הייסט עס, אַליין געווען ווי אַ שוואָם, אײַנזאַפּנדיק אין זיך אַלערליי ווירקונגען. ער איז אין אַ געוויסער מאָס דער באַראָמעטער פֿאַר די שטימונגען אין דער ליטעראַטור פון זײַן צײַט. עס מוז אָבער געפֿונען ווערן אויך די פֿונקציע, וואָס דער באַדכן האָט בענגייע דעם פֿאָלקלאָר.

צי האָט דער באַדכן געגומען פֿונדאָרטן דאָס קריגן זיך מיט דער וועלט? געוויס ניט. פֿאַר דער פֿאָלקסליד איז ביכלאַל געווען אַקטועל גאָר עפּעס אַנדערש. די פֿאָלקסליד איז געבויט געוואָרן אַף אַ לירישן פּלאַן. בלויז אין די פֿאַלן, ווען דער באַדכן האָט זיך געהאַלטן באַ דעם אינטימען געפֿיל, האָט ער אָרגאַניש זיך דערנעענטערט צו דער פֿאָלקסליד. ער האָט געקאָנט קומען צום פֿאָלקס־נוסעך אויך דורך אַן אומוועג: דורך היסטאָרישע לידער, כראָניקעס (אַזוי געפֿינט ער אויך באַ אַקסענפֿעלדן די באַשרײַבונג פֿון מינסקער סרייפֿעס).

דער לירישער מאָטיוו באַ דעם באַדכן. אין אָט דער פּראָבלעם מוז דער פֿאָרמעלער אַנאַליז גיין באַנאַנד מיטן פֿאַרגלײַך פֿון דער טעמאַטיק. ס'איז קלאָר, אַז דער באַדכן האָט זיך געשאַפֿן זײַן קרײַז טעמעס. ער האָט, לעמאָשל, זייער ווייניק אָפּגעגעבן זיך מיט ליבע. באַדכאָנישע לידער אַף דער טעמע טרעפֿן זיך זעלטן אַפֿילע באַ דעם באַהעמיש־געשטימטן וועלוול זבאַרזשער. אויך די פֿאַמיליען־ליריק, דער מאָטיוו שטיפֿמוטער, שוויגער אַדגל. האָט ווייניק פֿאַרנומען אָרט אין באַדכאָנישן שטייגער. ווי געזאָגט, האָט דער באַדכן מער געהאַט צו טאָן מיטן „כאַראַקטער", דאָס הייסט מיט דער אָביעקטיווער שילדערונג פון געוויסע סאָציאַלע גרופּן, איידער מיט אַרויסברענגען זײַנע סוביעקטיווע איבערלעבונגען.

פֿאַראַן נאָך איין פֿאָרם פון ליריזם באַם באַדכן — דער אינטים־איראָנישער נוסעך. רעדנדיק קלוימערשט אין נאָמען פון אַ העלד, לאַכט דער באַדכן אים אויס. לעכאַטכילע, באַ בערל בראָדער, האָט די דאָזיקע אויטאָכאַראַקטעריסטיק פון די העלדן געזאָלט האָבן אַ לירישן כאַראַקטער, דערפֿאַר פֿלעגט בערל בראָדער אָנהייבן אַלעמאָל מיטן נוסעך: „איך, נעבעך, אָרעמער שוסטער" און אַזוי. אָבער שפּעטער, באַ די איבעריקע באַדכאָנים, איז אַלץ ווייניקער און ווייניקער פֿאַרבליבן פון אָט דעם נוסעך, און אויב עס פֿלעגט נאָך ריידן אַ קוואָרעס־מאַן, איז בלויז קעדיי צו שילדערן די פֿאַרגענגליכקייט פֿונעם לעבן איבערהויפּט און ניט דאָס לעבן פֿונעם קוואָרעס־מאַן ביפֿראַט.

דער ליריזם פֿונעם באַדכן איז געווען דאָסראָוו מאַגידיש. ער האָט אָנטהאַלטן אַ סאַך מוסער, וואָס האָט אָפֿט אָנגעגרירט געזעלשאַפֿטלעכע טעמעס. אין אַזעלכע פֿאַלן איז דער באַדכן געווען אַ מין פֿאָלקס־פּובליציסט. דאָ האָט שוין דער ליריזם געמוזט אָנעמען אַן אַנדער כאַראַקטער. ער האָט געמוזט פֿון איין זײַט ווערן ברייטער, אידייִשער, פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער איז ער געוואָרן בלאַסער, פֿאַרלאָרן די אומיטלבאַרע קראַפֿט. דער „בייזער מאַרשאַלעק" האָט אַרויסגעשטויסן דעם באַהעמע־מענטש, דעם בראָדער זינגער. דאָס האָט געפֿירט צו עליאָקום צונזערס שטייגער־מאָטיוו.

באַדכאָנישע דיכטונג אין די 70־ער יאָרן. די באַדכאָנישע דיכטונג איז ערשט אין די 60־ער יאָרן, באַזונדערס אין די 70־ער יאָרן געקומען צום לייענער. מיסטאַמע האָבן דערבײַ מיטגעווירקט אויך געוויסע אָביעקטיווע פֿאַקטאָרן, לעמאָשל די דרוק־מעגלעכקײַטן. אַזוי, האָבן מיר די באַדכאָנישע ווערק אין אָדעס אין אַ פֿיל קלענערער צאָל איידער אין ווילנע. ליטע האָט

איבערהויפּט אַרויסגערוקט מער באַדכאָנים־אַנאָנימען איידער אוקראַיִנע. אין אוקראַיִנע האָבן זיי זיך קימאַט אַלע דערהויבן צו דער מאַדרייגע פון ליטעראַרישע פּערזענלעכקייטן. אין דער ליטע זײַנען זיי געבליבן נאָר באַדכאָנים (מיט קליינע אויסנאַמען). דערבײַ איז מערקווירדיק, וואָס מיר ווייסן אַזוי ווייניק וועגן פּוילישע באַדכאָנים, האַגאַם אין דער לעקסיק פון די ווילנער באַדכאָנים זעט מען גאַנץ אָפּט שפּורן פון פּוילישער אָפּשטאַמונג.

באַדכאָנישע דיכטונג אין די 80־ער יאָרן. אין 1887 יאָר האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן: „קיין באַדכן אין פֿאַלקסבלאַט וויל איך ניט זײַן". ווײַזט אויס, אַז צו יענער צײַט איז שוין אין דעם באַגריף „באַדכן" געווען אַ היפּשע מאָס פון וווּלגאַרישקייט. שאָלעם־אַלייכעם האָט טאַקע דער ערשטער אָנגעהויבן פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף מיט די באַדכאָנים. ער האָט עס געמוזט טאָן דערפאַר, ווײַל דער באַדכאָנישער שטייגער איז געוואָרן דער מאָקעם־מיקלעט פאַר אויסגעשעפּטע ליטעראַטן.

צי שטייט ניט די יערידע פונעם באַדכאָנישן שטייגער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּרעסע־אַנטוויקלונג? מעגלעך, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע. ס'איז דאָך קיין צופאַל ניט, וואָס אין „קול מבשר", ווי איבערהויפּט אין דער פּרעסע פון די 70־ער און 80־ער יאָרן, איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן קיין זאַך פון די באַדכאָנים. די באַדכאָנים האָבן ניט באַשאַפן דעם פעליעטאָן, כאָטש ווי עס דאַכט זיך, איז ער פאַר זיי געווען ווי אָנגעמאָסטן (ר. מאָרדכעלע).

אַלנפאַלס, איז דאָס אַן אינטערעסאַנטע פראַגע: צי זײַנען ניט די באַדכאָנים געוואָרן איבעריק דאַן, ווען ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אינעם יידישן ייִשעוו די פּרעסע?

וויִאַזוי האָט ער דאָס געמאַכט, אַז קיינער זאָל וועגן דעם ניט וויסן

אַ גראַפאָמאַן קומט צו זײַן באַקאַנטן, אַ פאַרלעגער, וועלכער זאָגט זיך געווײַנלעך אָפּ אָפּילע צו באַקאַנען זיך מיט די קסאַוויאַדן, וואָס יענער ברענגט צו טראָגן.

— דו ווייסט, איך האָב אָנגעשריבן אַ נײַעם בוך און אים אַ נאָמען געגעבן „וויִאַזוי האָב איך עס געמאַכט, אַז קיינער זאָל ניט וויסן"...

— וואָס זשע האָסטו דאַרט אַזוינס געמאַכט?

— דאָס קאָן איך דיר ניט זאָגן.

— און אויב איך וועל אַליין דורכלייענען?

— וועסטו אויך ניט וויסן.

— טשיקאַווע... טראָג אַרײַן דעם קסאַוויאַד.

וואָס זשע?

אַ באַנאַלע טעמע: אַיִ, פרעגט מיך ניט, ווי שווער עס איז צו שרײַבן. בעסער ניט רעדן וועגן דעם...

און מע רעדט, און מע כאַזערט איבער נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, אַז מע גייט אָפּ מיט שווייס, אַזוי איז שווער...

אפילע ערנסטע שרײַבער פאַרנעמען זיך אָפּט מיט אָט דער באַנאַלער טעמע. מע שרײַבט אַראָפּ איינער באַם אַנדערן עטלעכע פּאָפּולערע פאַקטן פון דער שריפטשטעלערישער פּראַקטיק. גאָגאָל האָט פאַר זעקס יאָר „קאַטאָרזשנער אַרבעט" געמאַכט 6 וואַריאַנטן פון „מיאָרטוויִע דושי"; „רעוויזאָר" האָט ער געשריבן 16 יאָר. גאָנטשאַראָוו האָט געהאָרעוועט איבערן ראָמאַן „אָבריוו" 20 יאָר. לעוו טאָלסטאָי האָט די דערציילונג „סאָן" איבערגעשריבן 29 מאָל... אַאַוו. אַדגל.

וואָס זשע? עפּעס אַזוי פּאַשעט „מאַכן זיך" געניִאַלע ווערק?

אַ פאַרגלײַך

אַ ליטעראַטאָר, וואָס שרײַבט אַף ייִדיש, אויסמײַדנדיק דעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו, דעם קאָלאָריט פון דער ספּעציפישער סוויווע, די טראַדיציאָנעלע לעקסיק און פראַזעאָלאָגיע אוכעדוימע, קאָן זיך ניט רעכענען פאַר אַ ייִדישן שרײַבער איבער דער זעלבער סיבע, פאַרוואָס עס קאָן ניט זײַן אַ ייִדישער קלויסטער, צי אַ פּראַוואָסלאַוונע סינאַגאָגע.

ווער איז אַ פּאָעט

צוזאַמען מיט דער וועלט פון רעאַליטעטן טראָגט מיט זיך דער פּאָעט אַ וועלט פון ניט רעאַלע, אויסגעדאַכטע, פאַנטאַסטישע, מעטאַפיזישע „שטאָפן" און אויסמעסטונגען. דערבײַ איז אָפּגעהיט אַזאַ באַדינג: דאָס רעאַלע און דאָס אויסגעדאַכטע זײַנען באַם פּאָעט האַרמאָניש צונויפגעבונדן און קעגנזײַטיק באַווירקט, אַלדאָס רעאַלע ווערט טראַנספאָרמירט אין פאַנטאַזיע און די פאַנטאַזיע איז אָפּן גרענעץ פון רעאַלן.

ווידער — פאַרגעסענע לידער

„ווידער" — ווײַל איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל פאַרצייכנט באַ זיך אָט די דאָזיקע טעמע. עס איז געגאַנגען אַ רייד וועגן מײַנע לידער, וועלכע זײַנען געווען געדרוקט אין זשורנאַלן און

ציַיטונגען און כ'האָב זיי שפּעטער, אָן א סיבע דערצו, ניט אײַנגעשלאָסן אין די דערשינענע זאמלונגען (לידער־„שטיפקינדער").

איצט איז געקומען די ריי פאר אזעלכע לידער, וועלכע איך האָב איבער צופעליקע טײַמים ביכלאַל ניט פארעפנטלעכט.

אין מיטן פון די זעכציקער יאָרן איז באַהאנדלט געוואָרן די אידיי וועגן דעם, אז אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" זאָל „גיין צוגאסט" צו דער ייִסראָעלדיקער פּערטליאַרשריפט „די גאָלדענע קייט", דאָס הייסט, אז א גאנצער נומער פון דער „גאָלדענער קייט" זאָל אויסגעטיילט ווערן פאר נײַע ווערק פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. וועגן דעם דאָזיקן איניען האָב איך זיך דורכגעשריבן מיטן ייִסראָעלדיקן רעדאקטאָר־קאָלעגע א. סוצקעווער, און מע האָט אָפּגעמאכט, אז אזוי זאָל זײַן. ס'האָט אָבער אויסגעבראָכן די „זעקסטאָגיקע מילכאָמע", און לעמאַן האָעמעס דארף איך זאָגן, אז ניט „סאָוועטיש היימלאנד" האָט צוריקגעוויזן די צונויפגערעדטקײַט...

צווישן די מאטעריאלן פארן ספּעציעלן נומער פון דער „גאָלדענער קייט", וועלכע מיר האָבן אָפּגעשיקט קיין טעל־אוויוו, איז געווען מײַנע א ליד, איך ברענג זי דאָ אָן קופּיורן:

א בריוו צו אן אוועקגעגאנגענעם

איר זײַנט פון אלטן שטאם א צווײַג,
איר שטאמט פון גאָלעס דאָך אוואדע.
און איך בין אומרויִק און שווײַג,
ווען איר
פאר אונדז
זײַנט זיך מיסוואדע.

כ'בין דעמלט אויך געווען אין וועג,
און שווער געטראָפן האָט אונדז ביידן.
נאָר פון דעם וועג זײַנט איר אוועק —
אוועק, קעדיי מיט מיר זיך שיידן.

איר זאָגט: דרײַ טויזנט יאָר מיט גוואלד
געצויגן זיך צום ברונעם האָט איר.
און איך בין אויך אזויפיל אלט! —
איך ענטפער אײַך.
און שוין? און פאָטער?

עס איז אין אויג מײַנעם דער ווײי
פונקט ווי דער צאָפן־יאם פארפרוירן.
איך בין אין רוסלאנדס הויכן שניי
אין דעם אָקטאָבער־יאָר געבוירן.

און איר זײַנט אויך געווען אין וועג.
דער קריג געטראָפן האָט אונדז ביידן.
נאָר פון דעם וועג זײַנט איר אוועק —
אוועק, קעדיי מיט מיר זיך שיידן.

די ווערטער מײַנע איצט איך שפּאָר,
ווײַל ס'שרײַט ארויס פון אלע פענצטער:
אין זכוס פון דרײַסיק הונדערט יאָר —
די לעצטע פּופּציק ניט צעטרענצלען!

איר זײַנט פון אלטן שטאם א צווײַג,
איר שטאמט פון גאָלעס דאָך אוואדע.
און איך בין אומרויִק און שווײַג,
ווען איר
פאר אונדז
זײַנט זיך מיסוואדע.

„אן אלעגאָריע" איז א ליד, וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין גאנג פון ליטערארישער פּאָלעמיק, אלס אָפּרוף אף א קאָנקרעטן שמועס מיט א קאָנקרעטן שרײַבער, וואָס אָנרופן דאָ זײַן נאָמען איז איבעריק.

אן אלעגאָריע

ס'איז אן אײַנגעשטעלטער סיידער:
א געזונטער, יונגער בוים
האָט ניט מוירע, ס'זאָל א צווייטער
אָפּנעמען בא אים דעם רוים.

רונד־ארום מיט כיישעק ווילדן
וואקסן ביימער — פול דער וואלד.
איינער וואקסט מיט גוטן ווילן
און אן אנדערער — מיט גוואלד.

און דעם גוואר איז ליב און אייגן
אלץ, וואָס לעבט מיט בלי־און־דראנג:
מערער ביימער — מערער פייגל,
מערער פייגל — מער געזאנג...

אין א זײַט, פון וואלד אנטלאָפן,
א טרוכליאווער זאָקן שטייט.
ס'הוילע פעלד איז פאר אים אָפן,
נאָר פארשטעלט
פון וואלד די פרייד.

ער וואָלט געבן זיך א ניידער
זײַן ווי יענער יונגער בוים,
האָט ער מוירע: ס'וועט א צווייטער
אָפּנעמען בא אים דעם רוים.

און אָט זײַנען עטלעכע לירישע לידער. זיי זײַנען אלע געשריבן אין איין צײַט. די דרוקמאשין אף זיי אָפּדרוקן איז, ווי מע זאָגט, „געווען פארנומען מיט אנדערע ארבעטן", און פארשטעקנדיק זיי אין א ווײַטן שופלאָד, האָב איך מיט דער צײַט ביכלאל פארגעסן אין זיי.

א ליד וועגן שיינקייט

עס טאנצן צוויי גימנאסטקעס,
זיי טאנצן גוט און שיין.
איך קוק אף זיי פונוויַיטן —
דאָס פּאָנעם נאס, איך וויין.
וואָס גיס איך הייסע טרערן?
ס׳איז שרעקלעך דען? ס׳טוט וויי?
ס׳איז שווער דען אפן הארצן,
ווען ס׳טאנצן מיידלעך צוויי?
אָן אומגליק האָט געטראָפן?
א צאָרע ווארט אף זיי?

עס טאנצן צוויי גימנאסטקעס,
איך קוק אף זיי און וויין.
און וואָס איז דען פארלאָפן?
אָך, פרעגט מיך ניט, ס׳איז שיין...

.1958

די מיִעסע

קומסט אריַין — א שיינע. אויסגעכאָליעט,
צוגעפוצט, פארצויגן
אין געפרעסטע זיַידענע צי וואָלענע בעגאָדים.
קומסט אריַין — א שיינע, מיט א ריינעם גליַיכ־
גילט אין די אויגן,
און דו ווארטסט, איך זאָל דיך אָפּשאצן, ווי דעם
רעקרוט באם „גאָדיען”.

און די שיינקייַט דיַינע — ניט פאר גאָט, און ניט
פאר ליַיט און ניט פאר קיינעם,
ווי דאָס גאָלד בא די נעגידים — אף ארויסשטעלן
און אף פארשליסן.
קומסט צו גיין, און כיינדלסט זיך און פרעגסט:
איך בין א שיינע?
— ניין, ביסט קיין שיינע. ביסט א מיִעסע.

אלץ, וואָס יעדן מענטש פארשיקערט מיט
פארדראָס, געוויין און שמייכל:
די פארליבטקייַט, און דער אייפער, און דער
קוש, און די געפילן,
אלץ איז וואָכעדיק בארעכנט אין דיַין
אויסמושטירטן סייכל —
אָך, לעמאנעשעם געווינען... אָך, כאָלילע ניט
פארשפּילן...

כ׳וועל די פוסטקייַט און דעם גליַיכגילט אויס־
ברעכן פון דיַינע אויגן,
ווי מיט קלאפּ פון פוס מע זעצט ארויס א טיר
פון די זאוויסעס.
ס׳איז א ליגן. ס׳איז א פוסטער כאָלעם. ניט גע־
שטויגן, ניט געפלויגן.
דו ביסט ניט קיין שיינע. ביסט א מיִעסע.

.1957

א בילדל

אין דער לופטן שיט און שור׳וועט,
פליט און פאלט געדיכט א שניי —
אויסגעגאָסן פון דער אורוועלט,
ווי א וויַיסעכל פון איי.
אף דעם פלאַץ פון די וואָקזאלן
שטייט א טשערעדע טאקסי.
די וואָקזאלן — פונקט ווי שטאלן,
די מאשינעס — פונקט ווי פי...

גיי איך צו צום בלויען היטל
און איך זאָג אים: — הער מיך אויס,
איידער די אספאלטן היטן,
בעסער וואָלסטו שוין דאָס הויז
מיט די פענצטער, ווי וויטרינעס,
מיט די זאלן — הויך און ברייט —
אופגעפראלט פאר די מאשינעס,
וועלכע גליווערן פארשנייט...

נאָר עס קומט א פולער צוג אָן,
און פון זיך ער ווארפט ארויס
פרייד און ראש, און שפּיל און יוגנט,
פאסאזשירן — קליין און גרויס.
יעדער איינער איז א באלן
א טאקסי פארכאפּן פרי׳ר.
די מאשינעס — פונקט ווי שטאלן
און די מענטשן — פונקט ווי פי.

און אין סאמע־סאמע מיטן,
אף א קליינעם פיעדעסטאל,
רויִק שטייט דאָס בלויע היטל
מיטן פּאָנעם צום וואָקזאל.
ווי א פאסטעך, מיטן שטעקל
טוט ער קישעפדיק א וויַיז.
די מאשינעס זיך דערשרעקן
און צעלויפן זיך ווי מיַיז.

כ׳ווארט א גאנצע שאָ און מערער,
ביז צוריק זיי קומען אָן —
פרישן שניי געבראכט אף דעכער,
דרעמלען איַין באניַיס א קאָן.
אף דעם פלאַץ פון די וואָקזאלן
שטייט א טשערעדע טאקסי.
די וואָקזאלן — פונקט ווי שטאלן,
די מאשינעס — פונקט ווי פי...

.1958

א ליגן

דער אָנהייב פון יאַמטעוו איז וואַכעדיק פּראָסט:
מע נעמט זיך אַראָפּ אויף דער פּיאַטע א מאָס,
דאָס הייסט, אַז מע גרייט שוין די פיס צו דעם
טאַנץ,
צום טרעטן דעם יאַמטעוו מיט סקריפּ און מיט
גלאַנץ.

באַצײַטנס באַשטעלט מען א נײַעם קאַמזויל,
מע בויטעט דעם בוטל מיט בראַנפן: „ווויל"...
באַ בענקלעך און בענק דעם געזעס וואַשט
מען אָפּ,
באַ זיך וואַשט מען אָפּ דאָס געזיכט און דעם
קאָפּ.

אויף יאַמטעוו פאַרשפּאַרט מען דאָס פּי אין דער
שטאַל,
די געסט — מעכוטאָנים פאַרנאַרט מען אין זאַל,
מע שיקט נאָך די קלעזמער...
און גלײַך מע פאַרגעסט
דאָס האָוען, דאָס לויפן.
מע זאָגט צו די געסט:

„איך זיץ זיך אַזוי און דערזע, אַז איר גייט...
צו מיר? —
ס'איז מײַן טיש פאַר אײַך שטענדיק געגרייט!
א דאַנק פאַר דעם קאָוועד. נאָר שאַט, ס'איז
דאָך הײַנט...
ס'א יאַמטעוו באַ מיר דאָך... א דאַנק, מײַנע
פרײַנט".

(אַן אָנשטעל מע מאַכט,
אַז מע האָט ניט געוואַרט...)
דעם ליגן פאַרענדיקט מען ליבלעך און צאַרט:
„דער אָנהייב פון יאַמטעוו, איר זעט דאָך, איז
פּראָסט:
אין יאַמטעוו דערמאָנט מען זיך ערשט באַ דעם
טאָסט..."

1957.

רעב כאַנאַן דער באַרעמהאַרציקער האָט מיר געזאָגט...

דאָס פאָרן אין פּאַדקאַלאַקאַלני־געסל צו
רעב כאַנאַן דעם באַרעמהאַרציקן איז שוין באַ
מיר אַרײַן אין דער טעווע. פּרי'ער האָט צוליב
דעם געדאַרפט זײַן א סיבע. איצט מאַכט זיך,
אַז די סיבע טראַכט איך צו, אַבי זיך א ביסל
אָפּפּרישן מיט הערן די רייד און מיט זען די
אויפירונגען פון אָט דעם ליבן מענטשן.

דאָס מאָל האָט מיר אָפּגעגליקט: כ'האָב גע־
טראָפן באַ רעב כאַנאַנען אין שטוב א פּרוי.
געוועזן איז דאָס זײַן שוועסטער, וועלכע איז,
ווײַזט זיך אַרויס, אַראָפּגעקומען פון אַן אַמאָ־
ליק יידיש שטעטל אויף דער אוקראַיִנע, ווו זי
איז א לערערין פון מוזיק. אין מעשעך פון די
פּאָר שאָ, וואָס איך האָב פאַרבראַכט באַ רעב
כאַנאַנען, האָט ער זי קיין איין מאָל ניט אָנ־
גערופן באַם נאָמען, און מיר איז ניט געווען
באַקוועם זיך אָנצופרעגן, דעריבער ווייס איך
ניט, וויאַזוי מע רופט זי. מער ניט, אין זײַנע
שפּאַט־רייד וועגן איר האָט א קלונג געטאָן
דער טרעפלעכער, ווי ס'האָט זיך מיר אויסגע־
דוכט, צונאָמען סענדעריכע די יידענע, און
ווײַטער וועל איך זי טאַקע רופן סענדעריכע.

א גוטהאַרציקע, אַן אויסגעשפּראָכענע ווײַ־
בערשע נעשאָמע, מע קען זי אָרום א פינגער
אַרומוויקלען, איז סענדעריכע אומגעוואַקלט
אין איינס: זי גלייבט, אַז דאָס יידישע שטעטל
איז ניט אויף אייביק פאַרשוווּנדן, ס'וועט נאָך
קומען א צײַט... וווּנעדיק דאָרט, ווו עס איז
געווען אַמאָל א שטעטעלע, פאַרנעמט זי זיך,
אויסער לערערײַ אין אַן אוקראַיִנישער שול,
מיט פאַרשרײַבן לויטן זיקאָרן און אופזוכן
יידישן פאָלקלאָר. כאַנאַן האַלט זי פאַר א צאַפּ
אָן א קאָפּ.

שמועסנדיק, דערמאָנען מיר זיך וועגן דער
אײַנרייידעניש, אַז א ליקע־כאַמע איז א שלעכ־
טער סימען פאַר יידן. מישט זיך סענדעריכע
אַרײַן:

— וואָס איז מיר סטראַשנע? ס'איז מיר ניט
סטראַשנע. איך קאָן אָנצינדן די עלעקטרי־
טשעסטווע...

כאַנאַן קוקט אויף איר עטלעכע רעגעס, און,
אורעקשטעלנדיק זיך צווישן איר און מיר, זאָגט
ער אַן קאַס און אָן קיינע שום אַנדערע עמאָ־
ציעס:

— מע שרײַבט אין די גאַזעטן, אַז עס זײַ־
נען פאַראַן ווײַבלעך פּרעמיער־מיניסטאָרן. זאָג
איך אײַך: דאָרט, ווו אַזוינס האָט געטראָפן, קאָן
געמאָלט זײַן, אַז פערד זאָלן מאַכן א רעוואָליו־
ציע צוליב בעהיימעס...

סענדעריכע פאַרשרײַבט סגולעס, רעפּועס,
לידער מיט מעלאָדיעס, ניגונים, וויצן, ווערט־
לעך, מײַסעס, אײַנרייידעניש, צײלעניש. דאָס,
וואָס זי פאַרשרײַבט, איז אַמערסטן שוין באַר־
ווסט. און דאָך — ווי שיין זי איז אין איר באַר־
שעפטיקונג! „איך קאָן אײַך געבן א באַשווע־
רונג", — זאָגט זי און הייבט אָן גיך־גיך שטעפּן
מיט דער צונג: „האַקן, באַקן, בראָטן, ברענען,
ווער עס וועט אָפּנאַרן, דער וועט ליגן אין גער־
הענעם"... דערנאָך מאַכט זי צו מיר גאַנץ

ערנסט: „זאָגנדיק עס, זאָלט איר נעמען די ציי־
צעס אין דער האַנט פאַר אַן איידעס"...

זי ווײַזט אונדז מיט קינדערשער אומיטל־
באַרקײַט, וויאַזוי אַמאָל פלעגט מען שפּילן אין
באַלעבאָסטעס, אין כאַסן־קאַלע, אין קיצלען
זיך; וויאַזוי מע האָט זיך אַרומגעדרייט אין אַ
קאַראַהאָד, זינגענדיק: „האַקמעסער, בראָקמע־
סער, מיר איז גוט, דיר איז נאָך בעסער".

„די שפּיל אין קיצלען זיך. איינער דערציילט
אַ מײַסעלע, און אַלע איבעריקע אילוסטרירן
די פּאַסירונגען מיט די פינגער. יעדער פינגער
שפּילט די ראָל פון אַ פּערזאָן אין דער מײַסע.
באַם דערמאָנען אַ פּערזאָן רירט מען אָן מיט
די פינגער פון דער רעכטער האַנט דעם באַ־
טרעפנדיקן פינגער פון דער לינקער האַנט, אָדער
מע פירט דורך די געהעריקע באַוועגונגען
לויטן אינהאַלט פונעם מײַסעלע. די ווערטער
זײַנען אַזעלכע:

— די שוואַרצע קאַניע האָט געקאָכט אַ
גריץ. האָבן אַלע קינדערלעך געהאָלפן. ס'האָט
דער עלטסטער (מע באַרירט דערבײַ דעם ווײַז־
פינגער) געבראַכט האָלץ, דער מיטלסטער גע־
בראַכט וואַסער (דעם מיטלסטן פינגער), דער
דריטער געמאַכט פײַער (דעם געהעריקן —
דריטן — פינגער), און איצעלע־פּיצעלע האָט
געקוקט (דעם קליינעם פינגער). נאָר דער
גראָבער כאַזער האָט גאָרניט געוואָלט טאָן. אַז
די גריץ איז געוואָרן פאַרטיק, האָט די שוואַר־
צע קאַניע געגעבן מיר אַ פול שיסעלע, דיר אַ
ביסעלע, אים נאָך ווייניקער פון אַ ביסעלע,
און איצעלע־פּיצעלען האָט זי נאָך גאָרניט גע־
געבן. דערווײַל איז געקומען דער גראָבער כאַ־
זער און אויפגעגעסן די גאַנצע פאַן מיט גריץ
(די אָנטיילנעמער פון דער שפּיל באַוועגן דעם
גראָבן פינגער פון דער לינקער האַנט איבער
דער דלאָניע און זאָגן „האַם, האַם, האַם!"). איז
די שוואַרצע קאַניע געוואָרן זייער אין קאַס
און גענומען אַ מעסער און געקוילעט דעם גראָבן
כאַזער (די אָנטיילנעמער פידלען מיטן קאַנט
פון דער רעכטער דלאָניע איבערן גראָבן פינגער
פון דער לינקער האַנט און זאָגן „קיזעלע, מי־
זעלע, כיק, כיקו!"). די אָנטיילנעמער אין דער
שפּיל הייבן אָן צו קיצלען איינער דעם אַנדערן."

ס'איז צו זען, אַז רעב כאַנאָן האָט ליב סענ־
דעריכען. בײַס זי רעדט און לייענט פון איר
העפטל, קרימט ער זיך, ווי פון אַ מאַראַנץ,
וואָס איז צו ווײַניק, נאָר עס ווילט זיך נאָך.
יעדע רעגע בייגט ער זיך אָן צו מײַן אויער
און זאָגט עפּעס, צוערשט: „קאָלאָקאָטשעט ווי
אַ גאַנדז", שפּעטער מיט נײַגער: „וואָס עמעס
איז עמעס" און „פּראָסטע זמאָסטע"; און לע־
סאָף:

— זי האַלט אויס די פּראָבע, האַ?

איך הייב אָן צו לויבן סענדעריכען, ווערט
ער ווידער קיסלע:

— עט, אַ פּיסקל ווי אַ שויר האַניסקל...

סענדעריכע טוט אַ פליעסקע מיט די הענט
און צעלאַכט זיך, כאַטש לויט די רייד, וואָס
זי וועט באַלד אַרויסברענגען, וואָלט מען אויך
געקאָנט זיך פאַנאַנדערוויינען. זי זאָגט:

— ריבוינעשעלוילעם... שויר האַניסקל איז
דאָך אַן אָקס, וואָס האָט געטייט אַ מענטשן...

און רעב כאַנאָן פאַרענדיקט דעם געדאַנק,
טוענדיק אַ פיר מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט
אונטערגעכאַסמעט אַ פּאַפּיר:

— און פאַר דעם, מײַן טײַערע סענדעריכע
די יידענע, האָט מען דעם אָקס פאַרורטיילט
פאַרשטיינט צו ווערן.

ווי זײַן טעווע איז, הייבט רעב כאַנאָן אָן
צו „גראָבן טיפער". ער נעמט אַרויס פונעם
ביכער־שראַנק אַ באַנד פון וולאַדימיר כליעבני־
קאָוון און לייענט פאַר אונדז דורך אַ נאָטיץ
וועגן קישעף־לאָשן. דאָרט ווערט געזאָגט, אַז
די פאַרעדעניש (заговоры) און פאַרשפּרעכע־
ניש (заклинания), אָט די „שאַגאַדאַם, מאַגאַ־
דאַם, פּיץ, פּאַץ, פּאַצו" זײַנען אין טאָך אַרויס־
געבראַכטע אויף אַ קאָל ווערטער־טראַפּן, וואָס מע
שרײַבט זיי דעם קויעך צו פּאַרקישעפן
דעם מענטשן.

— און זעט, וואָס פאַר אַ געניאַלן פאַרגלײַך
עס מאַכט כליעבניקאָוו, — שרײַט אויס רעב
כאַנאָן און לייענט ווײַטער: — „אויב אָנעמען,
אַז אין דער נעשאָמע זיצט אַ רעגירונג פון דעם
זינען און דאָרט איז פאַראַן אַ ברויזנדיק פאָלק
פון געפילן, דאַן זײַנען די פאַרעדעניש
(заговоры) און דאָס פאַרשטעלטע לאָשן אַ
מין ווענדונג איבערן קאָפּ פון דער רעגירונג
דירעקט צום פאָלק פון די געפילן..."

ערשט צום סאָף פונעם שמועס קומט צו
רייד, אַז סענדעריכע איז דאָך אַ לערערן פון
מוזיק, דאַרף זי עפּעס אויסזינגען פון יידישער
נעגינע. ווען מע זאָגט עס איר, טוט זי אַ
פליעסקע מיט די הענט און צעלאַכט זיך. נאָר
אָט ווערט זי אײַנגאַנצן ערנסט און פרעגט:

— אַ טפילע? אַ קינע? אַ זעמער?

רעב כאַנאָן שלאָגט זי איבער:

— עפּשער פּאָרגי ענד בעסז?..

זי פאַרויטלט זיך אַזש:

— ריבוינעשעלוילעם... גערשווין איז דאָך
אַ הײַנטיקער.

דערנאָך רופט זי אויס, אַזוי ווי פאַר שילער
אין קלאַס:

— פאַראַן פאַרשיידענע נוסכאָעס. נוסעך אשקענאַז...

עפּעס ווי פאַרשעמענדיק זיך, וואָס זײַן באַ־ליבטע שוועסטער — א זעכציקיאָריקע שוין, א גראַבלײַביקע, אײַנגעהאָרבעטע, פּילגעווידער־טע, שטאַרק שלאָפּע — וועט זיך אוועקשטעלן זינגען פאַר א פרעמדן מענטשן, האָט רעב כאַ־נאָן אין איין רעגע געמאַכט א סאַך צום ספּעק־טאַקל:

— אָדער דו גיסט אונדז א גלאָז טיי, אָדער מיר גייען אראָפּ אין סעדל עטעמען מיט לופט...

סענדעריכע האָט א פּליעסקע געטאָן מיט די הענט און זיך צעלאַכט אזוי אומבאַהאָלפן־נעבעכדיק, אז דאָס האַרץ האָט בא מיר אזש גענומען ווי טאָן.

סידי טאַל

דאָס איז געווען מיט פיל יאָרן צוריק, און ווען אין יענעם אָפּדערנאַכט וואָלט איך גע־שמועסט מיט עמעצן אנדערס, ניט מיט מיכאָ־עלסן, איז א גרויסער סאָפק, צי ס'וואָלט איצט מעגלעך געווען אופצושטעלן אין זיקאָרן די פּראַטים פונעם שמועס. מיכאָעלס האָט גערעדט מיט אזא אײַנגעבוירענעם כיין, אז עס איז גע־נוג זיך דערמאָנען זײַן געשטאַלט, ווי די רייד הייבן אָן צו קלינגען אליין.

מיר זײַנען געגאַנגען פונעם טעאַטער, וועל־כער געפינט זיך אין מאָסקווער שטאָטישן סאָד „ערמיטאַזש", נאָך א קאָנצערט פון סידי טאַל. די אַקטריסע האָט שוין אין דער פאַרמילכאָ־מעדיקער רומעניע געהאַט דעם שעם פון אן אופגייענדיקן שטערן, און דעם נײַעם, סאָווע־טישן צושויער האָט זי מאַמעש באַצויבערט. בא אלעמען אף די ליפּן זײַנען געלעגן אירע טמימעסדיקע ארײַנזאָגעכצן. ס'איז שטאַרק גע־פעלן געוואָרן דאָס האַרטלעכע און מעלאָדישע לאָשן פון דער יידישער גאַליציע, די אומגע־קינצלטקײַט — א מין פאַרשטעלן זיך מיט קינ־דערשער נאַיווקײַט און מיט ווײַבערשן פּראָ־ווינציאַליזם.

איך האָב דעמלט אָנגעפירט מיט די יידישע טראַנסליאַציעס פון דער אלפאַרבאַנדישער ראַ־דיאָ. אין יענעם אָפּדערנאַכט איז פאַרגעשטאַ־נען צו פאַרשרײַבן אין דער סטודיע א ספּעק־טאַקל פונעם גאָסעט, און כ'האָב צוזאַמען מיט מיכאָעלסן זיך אוועקגעלאָזט גלײַך פונעם קאָנ־צערט צום הויז פון ראַדיאָ־קאָמיטעט.

מיכאָעלס איז געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט שווערע טריט, ווי אף בינע־ברעטער, ווען מע דאַרף אזוי גיין לויט דער רעמאַרקע. וויסנדיק, אז דער סקווער צווישן פּעטראָווקע און דעם פּושקין־פּלאַץ איז נאָך פול מיט צושויער פונעם קאָנצערט, וועלכע קערן זיך אום אהיים, האָט ער טאַקע צוערשט פּאַזירט א ביסל, נאָר ריידנ־דיק וועגן סידי טאַל, זיך אזוי באַגײַסטערט, אז דאָס, וואָס מע קוקט אף אים פון דער זײַט, האָט שוין אף אים ניט געווירקט.

זײַנע אָפּשאַצונגען זײַנען געווען ריין פּראָ־פעסיאָנעלע: ווען די אַקטריסע פאַלט ארײַן אין דער ראָל, איז שווער פון דאָרט זי ארויס־שלעפּן, זי רײַסט ניט קיין קוליסן, שפּילט ניט פאַר דער גאַליאָרקע, נעמט דעם אוילעם אף זיכער אדגל. ער האָט געמאַכט א פּאָר דינע באַמערקונגען וועגן די מיטלען, מיט וועלכע ס'ווערט דערגרייכט די איבערגעשטאַלטונג ניט בלויז פון דער אַקטריסע, נאָר פונעם צושויער אויך. איך בין מאַסקים געווען מיט אים, אָבער איין זאַך זײַנער האָט זיך פאַרענדיקט מיט א צווייפלהאַפטן פאַרשלאַג.

— איר לאָשן! איר גאַליציאַנער יידיש! מיר, דאָ אין מאָסקווע, האָבן דאָך שוין לאַנג ניט געהערט אזא ניגון אין דעם לאָשן, אזא מאָדו־ליאַציע, דאָס דריקן דאָ און דאָס דריקן דאָרט. איר פאַרשטייט, וואָס איך מיין? סידי טאַל איז ניט קיין יענטע, קיין לעפּטשיכע, אין מײַרעוו זאָגט מען א קאַלאַקאַטקע, א קלאַפּאָטשיכע, אויב איר ווילט — א קוואָקלע ווי די מומע צוואָקלע. זי איז א הײַנטיקע זאַגערקע, וועלכע ווייסט די מויל־מעלאָכע. באַריידעוודיקײַט? מאַנעלאָשן? דאָס רעדן פּיסקאַטע? יאָ, אָבער זי גייט דאָך ארויס מיט לאָשן, קעדיי אויסגיסן דאָס האַרץ! איז אָט, טײַערער מײַנער. צוליב אָפּהיטן פאַר די קומענדיקע דורעס דאָס לאָשן פון די בוקאַרעשטער, טשערנאָוויצער, יאַסער יידענעס, וואָלט איך פאַר אזעלכע זאַגערנס, ווי סידי טאַל, געמאַכט, ווי אף רוסיש הייסט עס, א זאַפּאָוויעדניק, אין יידישן באַגריף — א מין שפּראַך־געטאָ...

איך האָב דערווידערט: נעמען א לעבעדיק לאָשן אינעם מויל פון א הײַנטצײַטיקער קינסטלערן און ארײַנפירן עס אין זאַפּאָוויעד־ניק (דאָס וואָרט געטאָ וויל איך אפילע ניט ברענגען אף די ליפּן)! מיכאָעלס האָט מיר נאָכ־געגעבן, אָבער, ווי מע זאָגט, בלויז לויט דער פאָרם:

— מיילע, לאָמיר בײַטן דעם פאָרשלאָג. איך וואָלט פאַרשרײַבן איר קאָל אף א פּלאַסטינקע... אף צוויי פּלאַסטינקעס, אף דרײַ, אף צען. די דאָזיקע פּלאַסטינקעס קאָן מען איצט דרייען, ווי הויכע קונסט, צוליב פאַרגעניגן, און פאַר די ווײַטערדיקע דורעס וועט דאָס זײַן א מוס־טער פון דער עטנישער סוויווע, אין וועלכער ס'האָט געלעבט די אַקטריסע...

■ ■ ■

ליטעראַטור־קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

מיר זעצן פאָר דאָס פובליקירן א גרעסערע צאָל נייַע ארבעטן פון די סאָוועטישע יידישע קריטיקער און ליטעראטור־פאָרשער. די רעדאקציע שטעלט זיך א ציל צו סטימולירן דעם קריטישן זשאנער אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראטור אין איינקלאנג מיטן באשלוס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּארטיי פון סאָוועטנפארבאנד פארן 21 יאנואר 1972 וועגן דער ליטעראטור־קריטיק. אין קומענדיקן נומער פון אונדזער זשורנאַל וועט דער שמועס פאָרגעזעצט ווערן.

הערש רעמעניק

וועגן קריטיק

וואָס איז אזוינס קריטיק?

אָף אָט דער פראגע איז ביז הייַנטיקן טאָג קיימאט ניטאָ קיין באשטימטער ענטפער. אמאָל, אינעם אוראלטן גריכנלאנד, פלעג מען זאָגן, אז קריטיק איז א מישפּעט. דער קריטיקער טראָגט ארויס דעם אורטייל איבער דער אָדער יענער קונסט־דערשייַנונג. אין דעם איז פאראן א באשטימטער עמעס. אָבער דאָס איז ווייַט ניט דער גאנצער טאָך פון קריטיק. מיר ווייסן, אז אפילע א געריכט איז בארופן ניט בלויז פארורטיילן.

עס איז ביכלאל ניט בארעכטיקט צו פארגלייַכן קריטיק מיט א מישפּעט, פונקט ווי דער שרייַבער זאָל מיט זייַן שאפן טאָן א פארברעכן, פאר וועלכן מע דארף אים מישפּעטן! איך מיין, אז ריכטיקער וועט זייַן, אויב מיר וועלן זאָגן, אז קריטיק, פונקט ווי די קונסט און די וויסנשאפט, האָט איין אופגאבע: זוכן און געפינען דעם עמעס און די שיינקייַט פונעם ווערק. איך האָב אין זינען, פארשטייט זיך, דעם עסטעטישן טאָך און דעם היסטאָרישן עמעס פונעם קינסטלערישן ווערק.

אויב אזוי, שטעלט זיך די פראגע: די קריטיק איז וויסנשאפט, אָדער קונסט? אין אונדזער צייַט איז קריטיק ניט נאָר אָפּשאצונג און אנאליז פון ווערק, נאָר אויך טעאָריע און היסטאָריע פונעם ליטעראַרישן פּראָצעס. די ליטעראטור—אין נאציאָנאלן און אין אלוועלטלעכן מאסשטאב — וואקסט מיט אזעלכע טעמפּן, אז אפילע גיגאנטישע וויסנשאפטלעכע קאָלעקטיוון, מעלוכישע אינסטיטוטן און אקאדעמיעס קאָנען שוין ניט איצט גאָר פאָשעט ארומכאפּן דעם מאטעריאל. די ביבליאָגראפיע, וואָס אָן איר איז ביכלאל ניט מעגלעך קיין ליטעראטור־וויסנשאפט, שטייט אָפּ אזוי שטארק, אז זי פארהאלט די אנטוויקלונג פון דער פאָרשונג.

אין דעם זינען זייַנען די פּינקטלעכע וויסנשאפטן (באזונדערס מאטעמאטיק און פיזיק) אין א מער גליקלעכער לאגע אין פארגלייַך מיט דער ליטעראטור־קריטיק.

אין סאָף 19 און אין 20 יאָרהונדערטער האָט די רוסישע קריטיק געהאט זייער פיל ריכטונגען און שולן. אויב אין מייַרעוו־אייראָפּע איז מער פארשפרייט געווען די קולטור־היסטאָרישע שול פון איפּאָליט טען און געאָרג בראנדעס, אויך די ביאָגראפישע קריטיק פון סענט בעוון, האָט רוסלאנד ארויסגערוקט די רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע מאטעריאליסטישע פּראָגרעסיווע קריטיק פון בעלינסקין, טשערנישעווסקין, דאָבראָליובאָוון און פּיסארעוון. אין 20 יאָרהונדערט האָט דעם אויבנאָן אָנגעהויבן פארנעמען די מארקסיסטישע קריטיק (לענין, פּלעכאנאָוו, וואָראָווסקי, לונאטשארסקי, אָלמינסקי אא.).

וואָס איז שײַך דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק, איז זי אין 19 און אין 20 יאָרהונדערטער געווען ענג פאַרבונדן מיט דער רוסישער און האָט זיך געפונען אונטער איר דירעקטער ווירקונג. מע קאָן דעריבער מיט דער פולער זיכערקײַט זאָגן, אַז אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק האָט פּרעוואַלירט די אויפקלערערישע שול פון בעלינסקין און טשערנישעווסקין. מענדעלע מויכער־ספֿרים איז אין זײַנע ווערק „משפט שלום" („מישפּאָט שאָלאָם" — דער געריכט פון שאָלעם, 1860) און „עין משפט" („איין מישפּאָט" — מיט א קריטיש אויג, 1867) געווען אויפקלעריש און דורכגעדרונגען מיט רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטישע אידייען. די זעלבע אידייען כאַראַקטעריזירן אויך די ארבעטן פונעם „ייִדישן פּיסאַרעוו" אווראָם־אורי קאָוונער „חקר דבר" („כעקער דאַבאַר" — א באַטראַכטונג פון דער זאַך, 1865) און „צרור פּרחים" („צעראָר פּעראַכים" — א בינטל בלומען, 1868) און פונעם „ייִדישן בעלינסקי" — א. י. פּאַפּערנאַ „קנקן חדש מלא ישן („קאַנקאַן כאָדאַש מאָלע יאַשאַן" — א נײַ קריגל פול מיט אַלטן, 1867).

די ווירקונג פון דער רוסישער אויפקלערערישער רעוואָליוציאָנערער און דעמאָקראַטישער קריטיק אַף דער ייִדישער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַפילע אין סאָף פון די 80־ער יאָרן האָט זי שוין פאַרנומען דעם אויבנאַן. ווען שאָלעם־אַלייכעם איז אין דער צווייטער העלפט פון די 80־ער יאָרן אַרויסגעטראָטן מיט זײַן פּאַמפלעט „שאָמערס מישפּאָט" און מיט דער סעריע אַרטיקלען „דער ייִדישער דאַלעס אין די ווערק פון אונדזערע בעסטע פאָלקסשריפטשטעלער", איז ער פולשטענדיק געווען אונטער דער ווירקונג פון בעלינסקיס און טשערנישעווסקיס קריטיק.

שאָלעם־אַלייכעם איז פאַקטיש דער ערשטער קריטיקער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, ווײַל מענדעלע מויכער־ספֿרים, אווראָם־אורי קאָוונער און פּאַפּערנאַ האָבן געשריבן זייערע ליטעראַריש־קריטישע ווערק ניט אַף ייִדיש, נאָר אַף העברעיִש אָדער רוסיש. שאָלעם־אַלייכעמס ליטעראַטור־קריטיק איז געווען דער מאַניפעסט פון קאַמף פאַר רעאַליזם און פאָלקסטימלעכקײַט.

י.־ל. פּערעץ איז געווען דער גרונטלייגער פונעם ראָמאַנטיזם און פונעם מאָדערניזם אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור באַזונדערס אין אָנהייב 20 יאָרהונדערט. אונטער זײַן מעכטיקער ווירקונג האָט באַקומען א פאַרשפּרייטונג דער דעקאַדאַנס סײַ אין דער ליטעראַטור גופא, סײַ אויך אין דער קריטיק.

נאָך די קלאַסיקער — מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם, י.־ל. פּערעץ — האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקײַט די ערשטע ייִדישע פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער באַלמאַכשאָוועס, שמועל ניגער און אויך דאָוויד פרישמאַן, וועלכער האָט, עמעס, געשריבן מער אַף העברעיִש, אָבער אויך אַף ייִדיש.

באַלמאַכשאָוועס איז געווען א געטרײַער אָנהענגער פון איפּאָליט טענס ליטעראַטור־קריטישער און עסטעטישער סיסטעם, וועלכע איז באַוווּסט מיט אירע דרײַ גרונט־עלעמענטן: „ראַסע", „סוויווע", „מאָמענט". אריבערפירנדיק אָט די עלעמענטן אַף אונדזער הײַנטצײַטיקן לאָשן, קאָן מען דעם באַגריף „ראַסע" פאַרשטיין אַלס דאָס נאַציאָנאַלע אין דער ליטעראַטור, דעם באַגריף „סוויווע" (אָדער „מיליע") אַלס דאָס סאָציאַלע און דעם באַגריף „מאָמענט" — אַלס דאָס הײַנטצײַטיקע. טען איז געווען דער גרונטלייגער פון דער קולטור־היסטאָרישער שול, וועלכע איז פאַרגעזעצט און ווײַטער אַנטוויקלט געוואָרן אין דער שאַפונג פון געאָרג בראַנדעסן און איז געווען פּראָגרעסיוו פאַר איר צײַט, אַף וויפל די מאַרקסיסטישע עסטעטיק און ליטעראַטור־קריטיק איז דעמלט נאָך געווען ווייניק פאַרשפּרייט.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט באַלמאַכשאָוועס דער ערשטער פון די פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער אָנגעהויבן אָנווענדן אין זײַנע אַנאַליזן און אָפּשאַצונגען דעם סאָציאַלן מעטאָד און די סאָציאַלע כאַראַקטעריסטיק בנוגע דער שאַפונג פון שרײַבער און בנוגע באַזונדערע ווערק. זײַענדיק ערודירט אין געביט פון געשיכטע און סאָציאָלאָגיע און האָבנדיק א שאַרפן עסטעטישן געפיל און געשמאַק, האָט ער באַשטימטע פאַרדינסטן אין דער אָפּשאַצונג פון די קלאַסיקער און פון א ריי דערשײַנונגען אין דער געשיכטע פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. אַלס בורזשואַזער שרײַבער, האָט ער אָבער געהאַט סימפּאַטיעס צום ציִעניזם, און דאָס האָט אין א היפּשער מאָס פאַרמינערט די באַדײַטונג פון זײַן ליטעראַריש־קריטישער שאַפונג און אויך געבראַכט אים צו ניט ריכטיקע, נאַציאָנאַליסטישע סענטענצן.

שמועל ניגער איז געקומען שפּעטער פון באַלמאַכשאָוועסן. ער האָט אָבער געלעבט מער און דעריבער לענגער און דויערנדיקער געווירקט אַף דער ליטעראַטור. באַלמאַכשאָוועס איז אין טאָך געווען דער קריטיקער פון די קלאַסיקער. ווען די קלאַסיקער זײַנען געשטאָרבן, איז ער קימאַט געוואָרן אויס קריטיקער. אַף דער נאָכקלאַסישער עפּאָכע, אַפן נײַעם דאָר שרײַבער, האָט ער שוין ניט געווירקט.

שמועל ניגער געהערט צו דער אַזויגערופענער עסטעטישער ריכטונג אין דער קריטיק. נאָך באַלמאַכשאָוועסן האָט ער שוין געקאָנט אָפּגעבן מער אַכט ניט בלויז דעם סאָציאַלן אַנאַליז, נאָר אויך און דעריקער דעם קינסטלערישן אַנאַליז פונעם שרײַבערס שאַפן און דעם קינסטלערישן אַנאַליז פונעם ליטעראַרישן פּראָצעס אינגאַנצן גענומען. אין זײַנע ווערק „וועגן ייִדישע שרײַבער", „שמועסן וועגן ביכער", „דערציילערס און ראָמאַניסטן" און אין זײַנע „געזאַמלטע ווערק" האָט ניגער איבערגעלאָזט א רײַכע ירושה, וואָס איז פאַקטיש דער יעסאָד פאַר א געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19 און אין 20 יאָרהונדערט. באַזונדערס וויכ־

טיק זײַנען די קאפּיטאלע ארבעטן וועגן מענדעלע מויכער־ספֿאָרים, שאָלעם־אלייכעם, י.־ל. פּערעץ, שאָלעם אש און ה. לייוויק. ניגער איז אָבער געווען דורכגעדרונגען מיט א נאַציאָנאַליסטיש־קלײנבירגערלעכער אידעאָלאָגיע און אין זײַנע ארבעטן זײַנען פֿאראן בולטע שפּורן פֿון אָט דער אידעאָלאָגיע, דערפֿאר דארף זײַן יערושע אופגענומען ווערן שטרענג קריטיש. וואָס איז שײַעך דער סאָוועטישער ליטעראטור, איז ניגער געווען א קעגנער אירער, באזונדערס אָנהייבנדיק פֿון די דרײַסיקער יאָרן, ווען ער האָט מערסטנטייל געקעמפֿט קעגן איר, צום אונטערשייד פֿון די ערשטע יאָרן פֿון דער רעוואָליוציע, ווען ער האָט נאָך אליין אָנטיילגענומען אינעם שאפֿן די סאָוועטישע נײַע קולטור און האָט זי מער אָדער ווייניקער פּאָזיטיוו אופגענומען. דאָס אלץ איז באזונדערס צו זען אין זײַן בוך, וואָס איז דערשינען שוין נאָך זײַן טויט, „ייִדישע שרײַבער אין סאָוועטנפֿארבאנד“.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט געגעבן אזא מין אופבלי פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראטנפֿארבאנד, וועלכער האָט קיין גלײַכן ניט צו זיך אין דער גאנצער געשיכטע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. אין פֿארלויף פֿון די 20־ער און 30־ער יאָרן איז געשאפֿן געוואָרן אויך א נײַע, א וויסנשאפֿטלעכע, מארקסיסטיש־לענינישע ייִדישע סאָוועטישע קריטיק און ליטעראטור־וויסנשאפֿט, וואָס האָט אויסגעבויט לאכלוטן א נײַע קאָנצעפּטואליסטישע סיסטעם פֿון דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראטור און גאָר נײַע אָנשווינגען און אידייען וועגן דעם טאָך און דעם אינהאלט פֿון דער ייִדישער קולטור און ליטעראטור. פֿאר די זעכציק יאָר ראטנמאכט האָט די צאָל ייִדישע קריטיקער און ליטעראטור־היסטאָריקער דערגרייכט העכער פֿיר צענדליק, צווישן זיי אזעלכע באדײַטנדיקע, ווי מ. ליטוואקאָוו, מ. ווינער, נ. אויסלענדער, נ. שטיף, י. דאָברושין, מ. עריק, י. בראָנשטיין. באנאנד דערמיט האָט זיך אנטוויקלט אויך אין אויסלאנד א פּראָגרעסיווע מארקסיסטישע קריטיק, וועלכע האָט צוזאמען מיט דער סאָוועטישער געקעמפֿט פֿאר א נײַער פּראָגרעסיווער און רעוואָליוציאָנערער ייִדישער ליטעראטור (מ. אָלגין, מ. קאץ, נ. מײַזיל, צ. בליק, פּ. טאָביאַש, ל. בערגער, ש. בעליס און אנד.).

וואָס זשע איז אזוינס קריטיק: קונסט אָדער וויסנשאפֿט? אלס כּלל קאָן מען זאָגן, אז די „עסעיִסטישע קריטיקער“ זײַנען כּמעט אלע גענייגט צו באטראכטן די קריטיק אלס קונסט, דאָס הייסט, עמאָציאָנעלע בילדערישע שאפֿונג, בײַס די „אקאדעמישע קריטיקער“ באטראכטן זיך אליין אלס לאָגיש דענקענדיקע שעפֿער. איך קלײַב זיך ניט קעגנשטעלן איין מין קריטיקער דעם צווייטן און אוואדע ניט שטעלן צווישן זיי א וואנט. אלע מינים קריטיק זײַנען נוצלעך, אויב זיי זײַנען אידייִש־פּראָגרעסיוו און האָבן אין זינען די אינטערעסן פֿון דער פֿאָרגעשריטענער ליטעראטור. זעלבסטפֿארשטענדלעך, די עסעיִסטישע קריטיק קאָן זײַן אויך וויסנשאפֿטלעך. און פֿארקערט, די שטרענג וויסנשאפֿטלעכע קריטיק קאָן זײַן אײַנצײַטיק עמאָציאָנעלבילדעריש, אפֿילע קינסטלעריש. אלץ איז אָפּהענגיק פֿון דער אינדיווידואליטעט פֿונעם קריטיקער, פֿון זײַן באגאבונג, ערודיציע, טעמפּעראמענט און פֿון זײַן אידייִש־היסטאָרישער און אידייִש־פּאָליטישער וועלט־אָנשויונג.

דער קריטיקער האָט, אָדער ער דארף פֿארמאָגן, קינסטלערישע באגאבונג, קעדיי פֿארשטיין, דערפֿילן דעם עסטעטישן ווערט פֿון דעם אָדער יענעם ווערק. ער דארף אויך באזיצן די געהעריקע קינסטלערישע אנאליטישע מיטלען אף צו אנאליזירן, אופקלערן דאָס, וואָס ער האָט דערזען און דערפֿילט אין אָט דעם ווערק. אָן אזעלכע פֿילזײַטיקע אייגנשאפֿטן וואָלט דער קריטיקער ניט אנטשפּרעכט זײַן באַרוף. ער וואָלט געשאפֿן לאנגווײַליקע טראקטאטן, אָפּשרעקנדיק דעם לייענער פֿון דער ליטעראטור. אויסער דעם, וואָלט אזא קריטיקער געווען ענלעך צו טשעכאָווס פּערסאָנאַזש — פּראָפֿעסאָר סערעבריאקאָוו (פֿון דער פּיעסע „דיאדיא וואניא“), וועלכער האָט אלע זײַנע יאָרן געלייענט לעקציעס וועגן קונסט, געשריבן ביכער וועגן קונסט און וועגן קונסט קיין אנונג ניט געהאט.

די דאָזיקע געפֿאר לויערט מער אף דער אקאדעמיזירטער קריטיק, וועלכע פֿאלט ניט זעלטן ארײַן אין ווולגאריזאציע, אין טעמפּן פּעדאנטיזם און דאָגמאטיזם און איז פּעיִק אָפּטויטן א קונסט־ווערק. וועגן אזא מין קריטיק האָט נאָך אלעקסאנדער בלאָק געשריבן:

Когда под забором в крапиве
Несчастные кости сгниют,
какой-нибудь поздний историк
Напишет внушительный труд...

Вот только замучит, проклятый,
Ни в чем не повинных ребят
Годами рожденья и смерти
И ворохом скверных цитат...

Печальная доля — так сложно,
Так трудно и празднично жить,
И стать достояньем доцента,
И критиков новых плодить...[1]

---

[1] ווען הינטער א פּלויט אין דער קראָפּעווע
וועלן פֿוילן די אומגליקלעכע ביינער,
וועט עפּעס א פֿארשפּעטיקטער היסטאָריקער
אָנשרײַבן א וויכטיקע ארבעט...

ער וועט בלויז פֿארמוטשען, דער פֿארשאָלטענער,
די אין גאָרנישט ניט שולדיקע כעוורע
מיט יאָרן פֿון געבוירן און שטארבן
און מיט א מענגע שלעכטע ציטאטן...

א טרויעריקער גוירל — אזוי ביטער,
אזוי שווער, פּוסט־און־פּאס צו לעבן,
און ארײַנפֿאלן צו א דאָצענט,
און נײַע קריטיקערס פּלאָדיען...

(ווערטערלעכע איבערזעצונג)

אָבער אויך פאר דער עסטעטישער קריטיק שטייען ניט קיין קלענערע געפארן. דער עסעיִסטישער קריטיקער, אויב ער באטראכט זיך אלס קינסטלער, שטרעבט צו אנטפלעקן ניט דעם אָביעקט פונעם אנאליז, דאָס הייסט, ניט דאָס קונסט־ווערק, אָדער די שאפונג פונעם קינסטלער, נאָר זיך גופא. אויב אזוי, מוז ער זײַן סוביעקטיוויסטיש און ער קאָן דערגיין צו ווילקיר. איך רייד שוין ניט דערפון, אז די עסעיִסטישע קריטיק איז גענייגט צו קינסטלעך צוגעטראכטער פאראדאָקסאלער פראזעאָלאָגיע, צו מאנירלעכקײַט און צו פרעטענציִעזקײַט. אין רעזולטאט איז זי, די עסעיִסטישע קריטיק, אין א ריי פאלן פארורטיילט אף מעווינעס, אף פארשיידנערליי סוואָרעס, וואָס ווערן ארויסגעבראכט ניט אפן סמאך פון אנאליז אָדער פון ליטעראטור־היסטאָרישע פאקטן, נאָר אף אויבערפלעכלעכער שיין־שרײַבערײַ און וואסערדיקע כקירעס.

די קריטיק דארף זײַן אי קינסטלעריש, אי וויסנשאפטלעך. די עסטעטישע קריטיק איז מערסטנטייל ניט וויסנשאפטלעך, דעריבער איז זי ניט זעלטן אויבערפלעכלעך און פאָשעט אמעראציש. דער קריטיקער קאָן ניט באהאנדלען א קינסטלערישע דערשײַנונג, אויב ער ווייסט ניט אלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן איר ביז אים. ער איז פארורטיילט צו אנטדעקן שוין לאנג אנטדעקטע אמעריקעס.

ניט געקוקט דערויף, וואָס די קריטיק אנטהאלט אין זיך עלעמענטן פון קונסט, איז זי אָבער לויט איר נאטור מערער וויסנשאפט, ווי קונסט. זי איז צוגעפעסטיקט צו א באשטימטן געביט פון מענטשלעכן לעבן, פון מענטשלעכן באוווסטזײַן, און בלויז צו דעם דאָזיקן געביט, נעמלעך, צו דער קונסט. די קריטיק קאָן זיך ניט פארנעמען מיט עפעס אנדערש אויסער קונסט, בייס די קונסט פארנעמט זיך מיט אלץ, וואָס האָט א שײַכעס צום לעבן פון מענטשן און פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט. אויסער דעם, איז די קריטיק באגרענעצט נאָך דערמיט, וואָס זי איז אָפהענגיק ניט דירעקט פון די לעבנס־דערשײַנונגען, נאָר פון זייער אָפשפיגלונג אין דער קונסט. ענדלעך, דארף מען אנערקענען, אז די קריטיק האָט יעדעס מאָל און שטענדיק א קאָנקרעטן ציל, בייס די קונסט שטרעבט צו „פארקערפערונג פון וועלטן". די קריטיק קאָן שאפן ווערק, וואָס זײַנען מײַסטעריש לויט זייער קינסטלערישן אנאליז, לויט זייער שפראך, לויט די געדאנקען, לויטן געבוי, דערמיט איז זי קונסט. זי קאָן אָבער ניט שאפן קיין געשטאלטן, קיין טיפן און כאראקטערן, זי אָפערירט ניט מיט באדינגלעכע קאטעגאָריעס, פארמאָגט ניט, ווי די קונסט, קיין עלעמענטן פון שפיל, זי באנוצט זיך ניט מיטן קויעך־האדימיען, נאָר בלויז מיט רעאלע פאקטן, ווי די וויסנשאפט, דעריבער איז די קריטיק גיכער וויסנשאפט, ווי קונסט.

די אקאדעמיזירטע דאָגמאטישע קריטיק איז בא אונדז אין לאנד שוין פון לאנג אוועק אין דער פארגאנגענהײַט, איר שעדלעכקײַט איז פון אלעמען אנערקענט. אין טאָך גענומען, גייט דאָ א רייד וועגן געוויסע פאָרורטיילן אין דער קריטיק פון א באשטימטן פעריִאָד ביזן 20 פארטיי־צוזאמענפאָר. איצט איז די אופגאבע — ניט דערלאָזן קיין רעצידיוון פון סעקטאנטישקײַט, דאָגמאטיזם, קיין ליטקאָמאנדע און דורבינקע־קריטיק.

פון דער צווייטער זײַט, ווי עס ווערט אָנגעוויזן אינעם באשלוס פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער פארטיי „וועגן דער ליטעראריש־קינסטלערישער קריטיק", זײַנען אין דער ליטעראטור ניט זעלטן טענדענצן פון דער קאָמפלימענטארער קריטיק, וואָס זינגט לויבגעזאנגען אלץ און אלעמען, ברענגענדיק דערמיט שאָדן סײַ דעם שרײַבער, סײַ דער ליטעראטור אינגאנצן גענומען.

אין שײַן פונעם באשלוס פון צק וועגן קריטיק זײַנען קלאָר פאר אונדז די אופגאבן אפן איצטיקן עטאפ אין דער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. פריִער פאר אלץ דארף גיין א רייד וועגן הײַנטצײַטיקײַט. די קריטיק איז שטענדיק הײַנטצײַטיק. זי קאָן ניט זײַן ניט הײַנטצײַטיק, ווײַל זי וואָלט דעמלט אופגעהערט צו זײַן קריטיק. די קריטיק דארף שטעלן און לייזן אקטועלע, ברענענדיקע אופגאבן פון דער ליטעראטור. אינעם באשלוס פון צק וועגן דער ליטעראריש־קינסטלערישער קריטיק ווערט אָפגעמערקט, אז „מע האָט אָנגעהויבן דרוקן מער אינהאלטסרײַכע ארטיקלען, וועלכע זײַנען דורכגעדרונגען מיט זאָרג וועגן דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער קונסט פונעם סאָציִאליסטישן רעאליזם".

אין דער זעלבער צײַט, ווײַזט אָן די באשטימונג פון צק פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד, אנטשפרעכט נאָך ניט דער צושטאנד פון דער קריטיק אין דער פולער מאָס דער וואקסנדיקער ראָליע, וואָס די קינסטלערישע קולטור שפילט אין דער קאָמוניסטישער בויונג.

דאָס אלץ האָט א דירעקטע שײַכעס צו דער ייִדישער ליטעראטור און צו דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער קריטיק, וועלכע אנטוויקלט זיך הויפטזאכלעך אף די שפאלטן פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד".

די ייִדישע ליטעראטור אין סאָוועטנפארבאנד פארמאָגט איצט בא א האלבן הונדערט דיכטער און פראָזאיִקער, צווישן זיי — געניטע, הויך טאלאנטירטע מײַסטערס. עס דערשײַנען ראָמאנען, זאמלונגען, דערציילונגען און נאָוועלן, לירישע לידער־זאמלונגען, פאָעמעס. די קריטיק האָט נאָך ניט געזאָגט איר וואָגיק וואָרט וועגן א ריי פון אָט די דערשײַנונגען. עס זײַנען נאָך ניט אָנגעשריבן און ניט פובליקירט געוואָרן קיין גענויע כאראקטעריסטיקעס וועגן דער שאפונג פון אייניקע אקטיווע שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. די

קריטיק דאַרף זײַן פילבאַר, נאָכשפּירן די דערפאָלגן פון דער ליטעראַטור און פון יעדן מײַסטער באַזונדער, ריכטן די ליטעראַטור און דעם שעפער אַף באַדײַטנדיקע אופטוען. זי דאַרף אומדערמידלעך און אומופהערלעך פילן דעם פולס פון דער ליטעראַטור, פירן און ריכטן דעם ליטעראַרישן פּראָצעס אַף די וועגן פון האַרמאָנישער פאַרבינדונג מיט די פּראָצעסן פון בויונג און שאַפונג פונעם פאָלק איבערן גאַנצן לאַנד.

עס שטייט איצט אַ וויכטיקע אופגאַבע — שאַפן אַ צוזאַמענהענגענדיקע געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ס'מוז געשטעלט ווערן אַ דענקמאָל די גרויסע אופטועץ פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור פאַר די העכער זעכציק יאָר ראַטנמאַכט. דאָס איז אַן אַקטועלע אופגאַבע, וועלכע איז שוין פאַרווירקלעכט אין דער גרעסטער מערהײַט פון די סאָוועטישע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן. ניט געקוקט דערויף, וואָס די צאָל ייִדישע קריטיקער איז איצט שוין אַ גאַנץ קליינע, זײַנען אָבער פאַראַן אַלע נייטיקע מאַטעריאַלן און פאָראַרבעטן, וועלכע געהערן סײַ צו די עלטערע, סײַ צו די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע קריטיקער און גיבן אַ מעגלעכקײַט צו שאַפן אַזאַ געשיכטע.

עס דאַרף אויך אָנגעשריבן ווערן די וויסנשאַפטלעכע געשיכטע פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור אין 19־טן און אין 20־טן יאָרהונדערטער. די דאָזיקע אַרבעט איז פאַרבונדן מיט אַ סאַך פּראָבלעמען. פאַר דער פאָרשונג שטייען אַזעלכע טעאָרעטישע און היסטאָרישע פראַגן, ווי פעריאָדיזאַציע, אַנטוויקלונג פון מעטאָדן און סטילן, אַנטוויקלונג פון פאָרמען און זשאַנרען, דאָס נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, די פּראָבלעם פון טראַדיציע און נאָוואַטאָרישקײַט.

אַ ביז גאָר שווערע פּראָבלעם איז די עקסטעריטאָריעלקײַט אין דער געשיכטע פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. האַגאַם אירע גרונט־ווערק זײַנען געשאַפן אין רוסלאַנד, זײַנען אָבער אין אַ דער עפּאָכע אויסגעבילדעט געוואָרן באַדײַטנדיקע ליטעראַטור־צענטערס אויך אין פוילן, אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אַן עכט וויסנשאַפטלעכע געשיכטע וואָלט געדאַרפט אַרומכאַפן דעם גאַנצן פּראָצעס, די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַלע לענדער. ס'איז אָבער אַן אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירטע פראַגע, און איצט קאָן פּראַקטיש שטיין אַפן טאָגסיידער דאָס שאַפן די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד. דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז די פאַסיקע באַזע אַף אויסצופילן אָט די וויכטיקע אַרבעט.

וועגן דער ווירקונג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור אַף דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד איז שוין געגאַנגען אַ רייד ניט איין מאָל. פון דער צווייטער זײַט, איז ניט ווייניק געשריבן געוואָרן וועגן דעם קאַמף, וואָס די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור און די קריטיק האָט געפירט און פירט אויך איצט קעגן די סאָנים פונעם ראַטנפאַרבאַנד און פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אָט די דאָזיקע פּראָבלעם שטייט פאַר אונדז, פאַר אונדזער קריטיק אויך איצט.

נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן האָט מ. ליטוואַקאָוו אָנגעשריבן זײַן באַוווּסט אַרטיקל „ירושה און העגעמאָניע", אין וועלכן ער האָט קאַטעגאָריש באַהויפּטעט, אַז „די העגעמאָניע" אין דער ייִדישער ליטעראַטור געהערט דער סאָוועטישער ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַן ענטפער ה. לייוויקן, ווען יענער האָט געשריבן, אַז די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור געפינט זיך „אַפן ראַנד פון אָנהייב", זי האָט נאָך ניט קיין גענוגנדע קינסטלערישע און שעפערישע דערפאַרונג און וויל זיך ניט לערנען בײַ די קלאַסיקער, ווײַל זיי זײַנען, קלוימערשט, שוין פאַרעלטערט; די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור, האָט געמיינט לייוויק, האָט מוירע זיך צו לערנען בײַ די „עלטערע ברידער", בײַ די פּאָעטן פון ניו־יאָרק און וואַרשע.

מ. ליטוואַקאָוו האָט ריכטיק דערווידערט לייוויקן און אויך אַנדערע ליטעראַטן פון אויסלאַנד. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור זאָגט זיך ניט אָפּ פון ליטעראַרישער ירושה בכלל און אַוודאי ניט פון אונדזער פאָרגעשריטענער קלאַסישער ירושה. „מיר, אין ראַטנפאַרבאַנד, באַציִען זיך ניט מיט ביטל צו אונדזער ליטעראַרישער ירושה. קאָמוניסטן באַציִען זיך איבערהויפּט ניט מיט ביטל צו קולטור־ירושה, אַף וויפל עס ליגן טאַקע אין איר אָנגעזאַמלט ווירקלעכע קולטור־ווערטן. צוגיין צו קולטור־ירושה מיט אַ מאַרקסיסטישן אַנאַליז און אופדעקן איר סאָציאַלע אָפּשטאַמונג און באַדײַט, הייסט ניט אָפּלייקענען זי, נאָר אַדרבה פאַרפעסטיקן פאַר איר אַ באַשטימט אָרט אינעם קולטור־באַוווּסטזײַן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן".[1]

ליטוואַקאָוו האָט ריכטיק געלייזט די פּראָבלעם וועגן ירושה, האַגאַם ער האָט אינעם זעלבן אַרטיקל זיך נאָך געהאַלטן בײַ דער „פאַרשפּעטיקונג־טעאָריע" פון דער ייִדישער ליטעראַטור. וואָס איז שײַך דעם טעזיס וועגן העגעמאָניע, מיין איך, אַז איצט שטעלן מיר ניט אַזוי די פראַגע, ווי ליטוואַקאָוו האָט זי דעמלט געשטעלט. איבעריקנס, האָט ליטוואַקאָוו אַליין פאָרויסגעזען אין אַנדערע באַדינגונגען אַן אַנדער אַספּעקט. ער האָט געשריבן:

„און וועט די ייִדישע ליטעראַטור אין אויסלאַנד — די ליטעראַטור און ניט בלויז איינצלנע ליטעראַטן — אַרופטרעטן אַפן וועג פון מאָסקווע און וועט אַף אים דערגרייכן גרויסע רעזולטאַטן, וועלן מיר זיך פרייען צוזאַמען מיט איר, און ווען זי וועט דאָס פאַרדינען, וועלן מיר זיך

[1] מ. ליטוואַקאָוו. אין אומרו, צווייטער באַנד, פאַרלאַג „שול און בוך", מאָסקווע, 1926, זז. 6—7.

אפילע מיט איר פאר העגעמאָניע ניט שפּאַרן...״[1]

איצט, נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, ווען דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אָפּגעהאַלטן די אַלוועלטלעך־היסטאָרישע ניצכוינעס, ווען דער סאָציִאַליזם האָט געזיגט אין א ריי לענדער פון מיִרעוו־אייראָפּע, אזיע, לאַטײַן־אַמעריקע און אפריקע, איז די ווירקונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור אומפאַרגלײַכלעך שטאַרקער אין דער גאַנצער וועלט. די קריטיק דאַרף אין די נײַע באַדינגונגען נאָך מער פאַרשטאַרקן אונדזער האַשפּאָע אף דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד און נאָך שאַרפער פירן דעם קאַמף קעגן אַלערליי אַנטיסאָוועטישע נאַציִאָנאַליסטישע אַרויסטרעטונגען און טענדענצן אין דער ייִדישער בורזשואַזער קולטור און ליטעראַטור. מע דאַרף פאַרזעצן דעם קאַמף, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט די גאַנצע צײַט געפירט קעגן די „סאָוועטאָלאָגן״, רעאַקציִאָנערע ליטעראַטור־פאָרשער אין בורזשואַזן אויסלאַנד, וועלכע פאַרקריפּלען דעם טאָך פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור און פון דער ליטעראַטור־געשיכטע אין דער פאַרגאַנגענהײַט.

די צאָל ייִדישע קריטיקער בא הײַנטיקן טאָג איז שוין א קליינע. עס זײַנען פון אונדז אוועק בלויז פאר די יאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ ב. אויסלענדער, א. האָלדעס, כ. לויצקער, מ. נאָטאָוויטש, ה. אַלעקסאַנדראָוו. הײַנט איז נייטיק, אז די שריפטשטעלער פון אַנדערע זשאַנרען זאָלן אויך זיך מיִען אינעם קריטישן צעך. פאַראַן, צום באַדויערן, אין אונדזער סוויווע אַזעלכע, וואָס מיינען, אז דער קריטיקער דאַרף זײַן בלויז א באַזינגער פונעם שרײַבער. די העכסטע אינטערעסן פון דער קריטיק זײַנען די אינטערעסן פון דער ליטעראַטור, און דאָס באַטײַט אויך די אינטערעסן פון די שעפער. די קריטיק, ווי געזאָגט, דאַרף זיך פרייען מיטן דערפאָלג פון יעדן שרײַבער באַזונדער, שטיצן און באַגײַסטערן אים אף ווײַטערדיקע דערגרייכונגען און דערפאָלגן. זי וועט אָבער ניט זײַן קיין קריטיק און וועט ניט אויספילן אירע אויפגאַבעס, אויב דער קריטיקער וועט צוליב „גוטע באַציִונגען״ מיטן אווטאָר פאַרשווײַגן מאַנגלען און פעלערן. אינעם באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט „וועגן דער ליטעראַריש־קינסטלערישער קריטיק״ ווערט געזאָגט: „ערנסטע כעסרוינעס זײַנען פאַראַן אין דער רעצענזיע־פּראַקטיק. די פאַרעפנטלעכטע רעצענזיעס טראָגן אָפט אן איינזײַטיקן כאַראַקטער, אַנטהאַלטן אומבאַגרינדעטע קאָמפּלימענטן, באַגרענעצן זיך מיט איבערדערציילן דעם אינהאַלט פונעם ווערק, גיבן ניט קיין פאָרשטעלונג וועגן זײַן רעאַלן באַטײַט און ווערט״. דאָס קאָן געזאָגט ווערן אויך אין שײַכעס מיט דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק.

אינעם באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פונעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד איז אָנגעוויזן, אז אין דער קריטיק ווערן נאָך ביז איצט „ניט גענוג אַנאַליזירט די אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור און קונסט, די קעגנזײַטיקע באַרײַכערונג און דערנענטערונג צווישן די קולטורן פון די סאָציִאַליסטישע נאַציעס״.

די דאָזיקע פּראָבלעם האָט א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פאר דער גאַנצער סאָוועטישער קולטור, פאר אַלע סאָוועטישע נאַציִאָנאַלע ליטעראַטורן און, נאַטירלעך, אויך פאר דער ייִדישער סאָוועטישער קריטיק און ליטעראַטור. אף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ זײַנען געדרוקט געוואָרן מאַטעריאַלן און אַרטיקלען וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אף רוסיש אין 19־טן יאָרהונדערט, וועגן דער ווירקונג פון דער רוסישער ליטעראַטור אף דער ייִדישער, וועגן דער ווירקונג פון נעקראַסאָוון אף דער ייִדישער דיכטונג, פון שטשעדרינען און טורגעניעוון אף מענדעלען, שאָלעם־אַלייכעמען, לינעצקין, וועגן גאָרקיס ווירקונגען און פאַרבינדונגען מיט דער ייִדישער ליטעראַטור (שאָלעם־אַלייכעם, בערגעלסאָן און אַנד.), וועגן די ווירקונגען פון בלאָקן, מאַיאַקאָווסקין, יעסענינען אף די ערשטע דוירעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג (האָפשטיין, קושניראָוו, קוויטקאָ, מאַרקיש, קולבאַק, פינינבערג, רעזניק, כאַשטשעוואַצקי און אַנד.), וועגן שאָלאָכאָווס ווירקונגען אף דער ייִדישער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור. עס זײַנען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אויפצודעקן די פאַרבינדונגען פון אַזעלכע שרײַבער, ווי דאָסטאָיעווסקי און דער ניסטער, אַנאַליזירן די פאַרבינדונגען פון לעוו טאָלסטאָי מיט דער ייִדישער ליטעראַטור און זײַן ווירקונג אף איר.

אָבער דאָס אַלץ איז ניט גענוג. עס דאַרף נאָך גענוי באַטראַכט ווערן דער גאַנצער סכום פראַגן וועגן די ליטעראַריש־שעפערישע צוזאַמענהאַנגען פון דער ייִדישער און רוסישער ליטעראַטורן, וועגן די פּראָבלעמען, וואָס קרייצן זיך איבער אין אָט די ליטעראַטורן. מע דאַרף באַווײַזן, אז די נײַע ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט און דערגרייכט איר העכסטע שטופּע ביז און נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אין די ענגסטע שעפערישע קאָנטאַקטן מיט דער קלאַסישער און סאָוועטישער רוסישער ליטעראַטור.

פאר דער ייִדישער סאָוועטישער קריטיק שטייט אויך די פראַגע וועגן די פאַרבינדונגען פון דער ייִדישער ליטעראַטור מיט דער דעמאָקראַטישער און פּראָגרעסיווער אוקראַיִנישער, ווײַסרוסישער, ליטווישער, מאָלדאַווישער, לעטישער ליטעראַטורן, מיט דער גאַנצער קולטור פון די ברידערלעכע פעלקער, מיט וועלכע די ייִדישע מאַסן לעבן צוזאַמען אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער. דאָ האָט דערווײַל די קריטיק ווייניק אויפגעטאָן. אָט ריידן מיר, לעמאָשל, וועגן שאָלעם־אַלייכעמען און וועגן זײַנע פאַרבינדונגען מיט דער רוסישער ליטעראַטור. עס איז אָבער זיכער, אז ער האָט געהאַט פאַרבינ־

[1] דאַרטן, ז. 28.

דונגען מיט דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור. אַ ספּעציִעלע אויספאָרשונג וואָלט, אָן סאָפעק, פעסטגעשטעלט די נאָענטקייט פון שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר מיטן הומאָר פון די אוקראַיִנישע קלאַסיקער, באַזונדערס פון אַזעלכע באַוווסטע אין שאָלעם־אַלייכעמס צייטן אוקראַיִנישע דראַמאַטורגן און קאָמעדיִאָגראַפן, ווי סטאַריצקי, סאַדאָווסקי, קראָפּיווניצקי, קאַרפּענקאָ־קאַרי און אַנד.

דער קריטיק שטייט פאַר אויסצופאָרשן די ליטעראַרישע באַציִונגען פון די יִדישע סאָוועטישע שרייבער אין אוקראַיִנע (האָפשטיין, פּעפער אאַ.) מיט די אוקראַיִנישע סאָוועטישע שרייבער (טיטשינאַ, רילסקי אאַ.). עס איז אויך איסער שום סאָפעק, אַז אַזעלכע שרייבער, ווי כאַריק, טייף, אַקסעלראָד, קאַמענעצקי און נאָך פיל אַנדערע זיינען אָפּן ענגסטן אויפן פאַרבונדן מיטן ווייסרוסישן פאָלקלאָר און מיט דער ווייסרוסישער ליטעראַטור. אָבער דאָס אַלץ דאַרף אויסגעפאָרשט און אַנאַליזירט ווערן.

אין אויסלאַנד מאַכט מען אָפט פּרוּוון צו פאַרקלענערן אָדער אינגאַנצן אָפּלייקענען די באַדייטונג פון דער קריטיק, ווייל דער קריטיקער איז דאָך ניט קיין שרייבער, וואָס זשע האָט ער צו טאָן אין דער ליטעראַטור? אין אַן אַרטיקל „דער קאַמף מיטן קריטיקער” האָט דער באַוווסטער אַמעריקאַנער יִדישער דיכטער און עסעיִסט יאַנקעוו גלאַטשטיין געשריבן:

„באַם צוזאַמענפאָר פון „פען” אין לאָנדאָן האָט מען האַיאָר גענומען אָף דער האָצקע, ווי מע פלעגט זאָגן אין פּוילן, דעם קריטיקער, מע האָט אים פּאָשעט געמאַכט אומבאַקוועם צווישן די פּאָעטן, עסעיִסטן און נאָוועליסטן און אָפּגעפרעגט זיין נוצלעכקייט; מע האָט פאַקטיש געוואָלט וויסן, וואָס דער דאָזיקער דאַרמאָיעדניק טוט צווישן אָנשטענדיקע שרייבער”...[1]

יאַנקעוו גלאַטשטיין אַליין איז גרייט אָפּצושאַפן ניט בלויז די הײַנטצײַטיקע קריטיק, נאָר אויך די שאַפונג פון די גרעסטע ליטעראַטור־קריטיקער און זייער ווירקונג אָף דער ליטעראַטור. אינעם דערמאָנטן אַרטיקל שרייבט ער:

„געווען אַ צייט, ווען בעלינסקי, טען, אָדער אַ סענט בעוו האָבן געשריבן קריטישע אָפּהאַנדלונגען. יעדע אָפּהאַנדלונג איז געווען אַזוי גרינטלעך, אַזוי צעגראָבן און אַזוי ברייט אַרומגערעדט, אַז ביז דער ספּעציִעלער פאַרזיכטיקער לייענער האָט די לאַנגע קריטישע אַרבעט גוט צעקייט און גוט פאַרדייט, האָט דאָס בוך פונעם מעכאַבער, וועגן וועמען דער כאַשעווער אָפּהאַנדלער האָט טיפזיניק געדאַרשנט, זיך דערווייל אינגאַנצן פאַרקויפט, דאָס בוך האָט געלעבט אַ באַזונדער לעבן, און דער קאַבינעט־קריטיקער האָט זיך געלעבט זיין לעבן”.

די סאָוועטישע, די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קריטיק איז אינגאַנצן אַן אַנדערע, ווי די, וועלכע גלאַטשטיין שטעלט זיך פאָר. עס איז אויך ניט ריכטיק פאַרגעשטעלט מיצאַד אים די פּראָגרעסיווע קריטיק אין 19־טן יאָרהונדערט. די רעוואָלוציִאָנערע, דעמאָקראַטישע און באַזונדערס די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קריטיק איז שטענדיק געווען ווירקנדיק, פונקציִאָנעל און קעמפעריש. זי האָט אויפגעדעקט פאַר דער ליטעראַטור נייע וועגן און געפירט צו נייע צילן.

אין באַשלוס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד ווערט אָנגעוויזן, אַז „די ליטעראַריש־קינסטלערישע קריטיק איז באַרופן צו מיטהעלפן פאַרברייטערן די אידייִשע וועלט־אָנשויונג פונעם קינסטלער און פאַרפולקומען זיין מייַסטערשאַפט. אַנטוויקלענדיק די טראַדיציעס פון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטער עסטעטיק, דאַרף די סאָוועטישע ליטעראַריש־קינסטלערישע קריטיק פאַרייניקן פּינקטלעכקייט פון די אידייִשע אָפּשאַצונגען, טיפקייט פונעם סאָציִאַלן אַנאַליז מיט שטרענגקייט פון די עסטעטישע פאָדערונגען, מיט זאָרגפולער באַציִונג צו די פּרוכטבאַרע שעפערישע זוכונגען”.

אַזאַ איז די סאָוועטישע קריטיק, אַרייַנגערעכנט די יִדישע סאָוועטישע קריטיק.

די קריטיק איז אויפגעקומען צוזאַמען מיט דער ליטעראַטור אַלס אירער אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל. אין פאַרלויף פון איר גאַנצער געשיכטע האָט די ליטעראַטור זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיט דער קריטיק. דער וועג פון דער ליטעראַטור איז דער וועג פון דער קריטיק.

---

[1] יאַנקעוו גלאַטשטיין. אין טאָך גענומען. עסייען. 1949—1959, בוך איינס, בוענאָס־איירעס, 1960.

ריווקע רובין

פּאַשעט און פּראָסט? אוי, ניין...

און עפּשער דײַן וועלט איז אין וועג נאָך?

דאַוויד האָפשטיין

דער „אוי, ניין” האָט זיך בא מיר ארויסגעכאַפּט נאָך איידער איך האָב זיך געזעצט שרײַבן וועגן קיפּניסן. נאָך איידער כ'האָב גענומען אפּדאָסנײַ לייענען און אײַנזאַפּן אין זיך דאָס דערציילטע פון אים. עס זײַנען מיר גאָר געקומען אונטער דער האַנט אייניקע פאָטאָגראַפיעס דעם שרײַבערס. די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט קיפּניס גערן באַשאָנקען זײַנע פרײַנט מיט פאָטאָגראַפיעס. אָט אַזוי, אין גוטן מוט, פאָטאָגראַפירט ער זיך פּלוצלינג אָפּ און אלס פרײַנט־לעכן גרוס שיקט ער אײַך זײַן פּאָנעם, ס'הייסט, — אָט אזא בין איך. קוק מיך אָן. איך ווינטש דיר אלדאָס גוטס. ער שטעלט אוועק א דאַטע לויט דער אַלטער יידישער צײַט־ציילונג און כאַסמעט זיך, ווי עס פּאַלט אים אײַן — דײַן אָדער אײַער יִצחאָק און אמאָל איציק, און אמאָל איציק קיפּניס. ס'טרעפט אויך י. קיפּניס. א נאַפּקעמינע. „בא מיר קומט אויס — רופט מיך „טיש”, רופט מיך „בענקל” — אַבי איר האָט אָף מיר ניט קיין שלעכט הארץ” („וואָס מיר האָט זיך געכאָלעמט די נאַכט און יענע נאַכט”).

„איך האָב ליב זיך שפּילן אין קאַרטאָטש־קעס” האָט קיפּניס ניט איין מאָל זיך מוידע געווען פאַר זײַנע נאָענטע. ניט נאָר שפּילן, נאָר, ניט אָפּגעוויגן, ניט אָפּגעמאָסטן, יינגלש אומבאטראַכט צעשיקן זיי אין אַלע עקן. זײַנען, דאַכט זיך, שוין אָט די עטלעכע ווערטער, וואָס איך האָב דאָ אָנגעשריבן וועגן קיפּניסן, גענוג אָף צו איבערצײַגן זיך אין זײַן פּאַשטעס. דערצו האָב איך דאָך אים פּערזענלעך געקענט. א שטילן, א באַשיידענעם און א וווּנדערלעך אופריכטיקן. אלס אזא האָט אים אופגענומען קימאַט יעדערער, ווער עס האָט געשריבן ניט נאָר וועגן זײַן פּערזענלעכקײַט, נאָר אויך וועגן זײַן שאַפן. און נאָך האָט מען מיט רעכט וועגן אים געשריבן סײַ בא אונדז, סײַ אין דער וועלט, אז אין זײַנע ווערק איז קיפּניס אווטאָביִאָגראַפיש און אווטאָפּאָרטרעטיש. מעגלעך, אז דערפאַר האָט זיך מיר אזוי פאַרוואָלט, איידער איך זעץ זיך שרײַבן וועגן אים, אופשטעלן פאַר די אויגן זײַן לעבעדיק געשטאַלט. מיר האָבן זיך ניט אזוי אָפט געזען, איבערהויפּט אין די לעצטע יאָרן. אונדזער באַקאַנטשאַפט איז געווען דעריקער אַן עפּיסטאָליאַרע. איז אָט, האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו קיפּניסעס פאָטאָגראַפיעס, סײַ פאַרעפנטלעכטע, סײַ פּריוואַט צוגעשיקטע.

איך קלײַב זיך גאָרנישט ניט צופּוצן (קיפּניס אליין האָט עס ניט ליב געהאַט). אייניקע פאָטאָגראַפיעס זײַנען געוויינלעכע. א באַקאַנט פּאָנעם. עס זײַנען דאָ אָבער אויך ניט ווייניק גאַנץ כאַראַקטעריסטישע. פון עם סאַמע אָנהייב „פּענסיע־עלטער” קוקט אָף אונדז אָפּט א מענטש, וואָס האָט אין זײַן לעבן פאַרזוכט אי קאַלטס, אי ווארעמס. לאָמיר זאָגן אָפן, אַן אויסגעמאַטערטער עלטערער מענטש, א טרויעריקער, א פאַרזונקענער אין זיך, א מענטש, וואָס האָט אָף א ווײַלע פאַרגעסן, אז ער איז איציק קיפּניס און איז דעריבער מעכוייעוו אויסצוזען „באָדרע”.

פון קיין קינסטלערישע פּאָרטרעטן קיפּניסעס ווייס איך ניט, צום באַדויערן. האָט מיך מוירעדיק איבערראַשט איינע א פּראָפיל־פאָטאָגראַפיע, אַן עטלעכע מאָל פאַרעפנטלעכטע. פרעג איך זיך באַלד אָן בא קיפּניסעס טאָכטער בעבע, אין וועלכן יאָר און ווער האָט עס געמאַכט. ענטפערט זי מיר, אז פאָטאָגראַפירט האָט איר פאָטער אין 1959 יאָר זײַנער א פּלעמעניק, ניט קיין ספּעציִאַליסט. טראַכט איך, אָף אַלע ספּעציִאַליסטן געזאָגט געוואָרן.

זאָגן, אז קיפּניס זעט דאָ אויס יונג? ניין, קיפּניס, זינט איך האָב אים געקענט, סײַ אין לעבן, סײַ אָף די פאָטאָגראַפיעס, האָט קיינמאָל ניט אויסגעזען ייִנגער פון זײַן עמעסן עלטער. די שיינקײַט אָבער פון זײַן פּאָנעם... ווארט נאָר, ווי שרײַבט קיפּניס אליין וועגן האָפשטיינען: „האָפשטיינס בליק, האָפשטיינס אויגן זײַנען דאָך נישט צום באַמאָלן, נאָר... צום דערפילן”. אָט־אָט, „צום דערפילן...” ס'איז יעדערן באַוווּסט, ווי זעלטן ס'איז צו באַגעגענען א שיינעם

פּראָפיל, אפילע בא מענטשן פערציקיאָריקע, דרײַסיקיאָריקע, א פּראָפיל איז דאָך א פּאָנעם, געטײלט אף דער העלפט, און ארויסלײענען דארפן מיר פון אים דאָס גאנצע. איז אָט קיפּניס פארמאָגט אין דער עלטער א פּראָפיל, וואָס ער אלײן וואָלט געמעגט זאָגן: „א געזונט זאָל ער זײַן". ווײַסע האָר, פארקעמט אף ארוף איבערן הויכן שטערן, א ברײט צעעפנט אויג מיט א פולן שווארצאפּל אונטער א געדיכטער ברעם, וואָס אײַלט זיך ניט אין הינזיכט פון ווײַסקײַט צו דעריאָגן דעם קאָפּ, און ביכלאל, אלע געזיכט־צוגן געטאָקטע. נאָר דעריקער, דער שטעל פונעם קאָפּ אף די אקסלען, מאמעש מאיעסטעטיש, און דאָס מויל, די צוגעשלאָסענע פולע ליפּן — זײ רײדן וועגן מענטשלעכער ווירדע.

אויב קיפּניס שרײַבט אין אָנהײב פון זײַן שאפן: „ווײַט איז אונדזער שטעטל פון דער וועלט, פופציק וויאָרסט ביז א באן. קײנער איז בא אונדז ניט ארויס אין דער וועלט, קײן אײן טוער, קײן אײן געלערנטער" („אין א פארוואָרפן ווינקל"), זאָגן מיר: מײלע, ווען פונעם שטעטל וואָלט ארויס „אין דער וועלט" אײן קיפּניס, וואָלט שוין געווען גענוג. איז זײַן עלטערלעך פּאָנעם שײן און רויִק, און ווירדיק. עס בעט זיך מאמעש, מיר זאָלן פון דעם אראָפּלײענען: „איך קלײַב זיך ניט באַרימען פאר אײַך, נאָר מאכן זיך קלײן איז אויך ניט קעדײַ". אזוינס, אָדער ענלעכס צו דעם, וואָלט עפּשער געזאָגט קיפּניס אלײן. אונדז ווילט זיך אָבער דאָ עפּעס צוגעבן. פּונקט ווי דער שרײַבער, ווײסן מיר, אז קײן אוניווערסיטעטן האָט ער ניט געענדיקט, קײן דיסערטאציעס ניט געשריבן און ניט פארטײדיקט. וועגן זײַן לער האָט דערצײלט אין אירע דערינערונגען קיפּניסעס עלטערע שוועסטער, די דיכטערן דינע ליבקעס. כײדער, פּריוואטע לערער פון רוסיש, קורסן, אף וועלכע אים און זײַן שוועסטער האָט געשיקט אין 1921 יאָר דער הײמישער סלאָוועשנער פּראָפּארײַן. און ווײַטער איז געלײענט, געלײענט און אלײן געלערנט. און דער פּראָפיל קיפּניסעס איז פון א געלערנטן, פון א שרײַבער, א דענקער פון אײראָפּעיִשן שניט. ס'איז א פּראָפיל פון א גרויסן מענטש.

און ער איז ווירקלעך געווען א גרויסער מענטש, האגאם צו זײַן גרויסקײַט איז ער געקומען אינטויִטיוו. ווי יעדן קינסטלער, האָט קיפּניסן פארשאפט נאכעס, ווען מע האָט געלויבט זײַנע אופּטועס. ווען עמעצער זאָגט אים אָבער אָט אזוי, גלײַך אין פּאָנעם ארײַן: „איר זײַט א גרויסער מענטש!", וואָלט עס אים אויסגעזען, מעגלעך, פּריקרע. מיר אָבער מעגן אזוי זאָגן, און קײנער וועט צו אונדז דערפאר קײן טײַנעס ניט האָבן.

טויזנט מאָל איז גערעכט דאָוויד בערגעלסאָן, ווען ער זאָגט, אז קיפּניס גיט די טראגישע געשעענישן אף אוקראַיִנע אין די יאָרן 1919 — 1920, „ווי א פאָלקס־דערצײלער, ווי א מין אוקראַיִנישער „קאָבזאר"... „ער דערצײלט מיט אזא אופּריכטיקער הארציקער פּאשטעס, אז ארום אים קאָנען זיך אויסשטעלן אין גאס פּאָשעטע מענטשן און הערן".

טאקע אזוי. צווישן די יונגע סאָוועטישע פּראָזאיקער, וואָס זײַנען געקומען אין דער ליטעראטור אין די 20־ער יאָרן, איז קיפּניס דער סאמע שטילער, פּאָשעטער, ניט פּרעטענציעזער. ניט צופעליק האָט ער זײַנע „כאדאָשים און טעג", וואָס האָבן אים באלד געשאפן א נאָמען אף דער וועלט, באצײכנט ניט אלס ראָמאן, ניט אפילע אלס „גרעסערע דערצײלונג", וואָס פארבײַט דערווײַל אין אונדזער שפּראך דאָס רוסישע וואָרט „פּאָוועסט", נאָר אלס א כראָניק, ניט מער. מיט זײַן באצײכענונג האָט קיפּניס אונדז אלעמען באלד פון אָנהײב אײַנגעשמועסט, אז אלץ איז געווען פּונקט אזוי, ווי ער באשרײַבט. אָט אזא איז ער — וואָס ער זעט, באשרײַבט ער. נאָר א מאָדנע זאך: אין דער ייִדישער ליטעראטור נעם איך זיך ניט אָנרופן א צווײטן שרײַבער, וואָס גיט זיך אזוי ניט אונטער קײן אנאליז, ווי דער זײער „פּאָשעטער" קיפּניס. זײַן שרײַבן ווערט אופגעגנומען אומיטלבאר. ווען דאָס דאָזיקע שרײַבן פּרעסט צונויף דעם גאָרגל, אָדער אונדזערע ליפּן גיט א ריר אָן איראָניע, אָדער אונדזער פּאָנעם צעשײַנט זיך פלוצלינג פון גליק, פרעגן מיר זיך אלײן מיט פארווונדערונג: „מיט וואָס דערגרײכט ער עס? מיט וואָס נעמט ער אונדז? ער שרײַבט דאָך בעעמעס פּאָשעט, אָן קונצן, צי דען טאקע נאָר מיט דער „כראָניק", דאָס הײסט מיט די פאקטן?"

וועגן קיפּניסן האָט מען געשריבן גאנץ היפּש. קײנער האָט קײנמאָל ניט געצווײפלט אין זײַן טאלאנט. די אנערקענונג איז אָבער אָפט ארומגעשטעלט געוואָרן מיט אזויפיל באוואָרענישן, אז זי האָט זיך קימאט ווי ניט אָנגעזען. בא דאָוויד בערגעלסאָנען האָט קיפּניסעס אופּטריט אין דער פּראָזע ארויסגערופן א ווונדערלעך־שײנע קינסטלערישע וויזיע: ער האָט דערזען אין דעם געשטאלט פונעם יונגן קיפּניסן גופע שאָלעם־אלײכעמס „מאָטל פּײסי דעם כאזנס". „דער טאלאנטפולער אָרעמער יאָסעם, — שרײַבט בערגעלסאָן, — איז ניט פארפאלן געוואָרן ערגעץ אין אמעריקע און איז ניט אומגעקומען אין דער צײַט פון פּאָגראָמען און פון בירגערקריג. ער האָט נאָר באקומען ארום זיך א נײַע סוויווע און האָט באוויזן א ווונדערלעך־גרויסע בעריעשאפט: ער האָט זיך אויסגעלערנט דערצײלן וועגן זיך און וועגן ארומיקע מיט זײַן אײגענעם מויל, אָן דער הילף פון דעם גרויסן קינסטלער שאָלעם־אלײכעמען". אינמיטן פונעם פײַערלעכן באָרעכהאבא, מיט וועלכן בערגעלסאָן האָט באגעגנט קיפּניסן, האָבן זיך, ווי א דיסאָנאנס, ארײַנגעריסן די באהויפּטונגען, אז די געשעענישן, וועלכע עס שילדערט דער יונגער שרײַבער, „בלײַבן איזאָלירט — קלײנע, קאסרילעווקער", אז מיט סלאָוועשנע ענדיקט זיך בא אים „די וועלט". די סטירעס אין דער ארויסזאָגונג פון אזא גרויסן מײַסטער, ווי בערגעל־

סאָן, זײַנען אַן און פאַר זיך אײדעס פון דעם, אַז קיפּניסעס שאַפן איז אַ האַרט ניסל. גאָר ניט אַזוי פּאַשעט.

ווען מיר כאַפּן אַ רעטראָספּעקטיוון קוק אַף קיפּניסעס שוין פאַרענדיקטן שעפערישן וועג, זעען מיר, אַז קײן שום באַוואָרענישן האָבן ניט געשטערט קיפּניסן אין זײַן שרײַבן. אין זײַנע וויכטיקסטע ווערק בלײַבט ער שטענדיק זיך טרײַ. אַנדערש האָט ער ניט געקענט. פּונקט אַזוי טרײַ איז ער זײַן מענטשלעכער נאַטור. גרינג איז אים ניט געווען. אַ ליטעראַריש ווערק, מאַכט זיך, לעבט אײביק. דער שעפער אָבער פון דעם ווערק, דער שרײַבער אַלײן, איז, צום באַדויערן, ניט קײן אײביק וועזן. ער זיצט ניט, ווי דער קאַוויאָכל אין די הימלען, אָנגעלענט אַף די וואָלקנס. שאַדט ניט, מע זאָל אים פאַרגינען אַ ביסל נאַכעס אַף דער זינדיקער ערד.

קיפּניסן האָט מען אופגעוואָרפן קלײנשטעטלדיקײַט. וואָס איז דאָ געווען אופצוּוואַרפן, בײַס דער שרײַבער האָט אַלײן וועגן זיך געשריבן: „און איך, וואָס בין אײַנגעטונקען אין קלײנשטעטלדיקײַט״... נו, איז מאַ ראַש? די ייִדישע ליטעראַטור וואָרצלט אַלס קלאַל אין שטעטל, פּונקט ווי די רוסישע — אין דאָרף. שלעכט איז, ווען אַ מענטש איז טרוקן, ווי אַ פּלאָקן, ווען אַ שרײַבער איז אין גאָרנישט „ניט אײַנגעטונקען״. ווען אָבער עס נעמען אים אַרום די פרישע וואַסערן פון לעבן, זאָל זײַן אין שטעטל, אין דאָרף, אין שטאָט, אין די פּיִאָרדן, אָט דאַן ערשט שאַפט ער זײַן אײגענע וועלט.

קיפּניסעס לירישן העלד אײַזיקן, מיט וועלכן ער האָט זיך זעלטן געשײדט אין זײַנע ווערק, האָט מען אופגעוואָרפן, און אין אײן גאַנג אויך דעם שרײַבער אַלײן, קלײנבירגערלעכקײַט. דאָ מוז קוידעמקאָל געזאָגט ווערן: יאָ, אײַזיק איז שטאַרק ענלעך אַף זײַן שעפער, אַף איציק קיפּניסן, ער איז אָבער ניט אינגאַנצן ער. די מאָלעקולן פון פאַרשטעלעניש, וועלכע בילדן אויס געוויינלעך דאָס געשטאַלטיקע קעמערל, זײַנען אײגן אויך קיפּניסן. איז ווער איז זײַן לירישער העלד — אַ קלײנבירגער, אַן אײגנטימער, וואָס איז פאַרזונקען אין אײגננוץ? הערט נאָר אויס אײנעם אַ מאָנאָלאָג (קיפּניס באַווײַזט זײַן העלד קימאַט שטענדיק מיט דער הילף פון יענעמס מאָנאָלאָג) פון דעם דאָזיקן „קלײנבירגער״, בײַס ער וויגט זײַן פאַריאָסעמט טעכטערל און געדענקט, אַז הינטער דער וואַנט געפינט זיך אַ צווייט פאַריאָסעמט קינד:

„און מיר דוכט זיך: „גיט מיר אַהער „זײַן״ וויגעלע אויך״. מיר איז „זײַן״ וויגעלע אויך ניט שווער. איך וועל זיך אַף אים ניט בײזערן, טאָמער וועט ער וויינען. און גיט מיר ביכלאַל אַהער וויפל וויגעלעך איר ווילט, אַלץ מיט אַזעלכע קינדערלעך, באַ וועמען ס׳פעלן זײערע נאָענטסטע, באַ וועמען ס׳פעלן „די״, וועלכע קענען אַ גאַנצע נאַכט וויגן און ניט שרײַען. גיט מיר אַהער די אַלע ייִנגעלעך מיט די מײדעלעך. איך וועל שוין וויסן, ווי־אַזוי אַרום זײ אַרומצוגײן״. („כאַיעלע און פּיניעלע״).

דאָס רעדט דאָך אַ מענטש, וואָס גײט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס צו דער וועלט.

כאָטש ער שרײַבט קעסײדער וועגן שטעטל, איז קיפּניס אַלס קינסטלער ניט „קלײנשטעטלדיק״ און ניט „קלײנבירגערלעך״. ער איז אויך ניט „נאַציאָנאַל־באַגרענעצט״, ווי עס האָבן געטײַטשט אים אײניקע קריטיקער, ווען ער בלוטיקט פאַר דער ווירדע פון זײַן פאָלק, ווען ער דעקט אויף די בלינדע אינסטינקטן באַ געוויסע פאַרשווינען פון דעם האַמוין. סײַ בולגאַקאָוו, סײַ באַבעל, סײַ די גלענצנדע פּלעיאַדע רוסישע שרײַבער, וואָס איז אופגעקומען נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, האָבן באַוויזן דעם פאַרהיסטאָרישן, כײַישן אַטאַוויזם, פאַר וועלכן אומרויִקע צײַטן שאַפן אַ גינסטיקן באָדן. קיפּניסעס אויסגעשפּראָכן נאַציִאָנאַל שאַפן טראָגט אין זיך דאָס אַלמענטשלעכע, וואָס מיר געפינען באַ יעדן באַדײַטנדיקן שרײַבער.

קיפּניסעס דערציילערישער נוסעך, דער שטילער, דער פאָלקסטימלעך פּאַשעטער, וואָס האָט אַזוי אומדערוואַרט אַ שטראָם געטאָן פונעם סאַמע אינגעווייד פון דער בירגערקריג־טראַגעדיע, האָט געצוווּנגען, און ס׳לאָזט זיך פילן אויך איצט אין פאַרשיידענע אַרבעטן וועגן קיפּניסן, אומבאַדינגט געפינען פאַר אים ליטעראַרישע אָוועס. די אָוועס האָט מען סראָוו געפונען, ניט זוכנדיק. קיפּניס האָט צו דעם געהאַט אַ באַזונדער „מאַזל״. קוידעם איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גראָדע ליניע פון שאָלעם־אַלייכעמען צו קיפּניסן, און ס׳האָט זיך דאַפקע געלייגט אַפן סייכל — שטעטל, מאָנאָלאָג, פּאַשטעס. אָט, האַלעמײַ זאָל איך לייקענען, האָב איך אַלײן געשריבן אין 1940 יאָר אין אײנעם אַן אַרטיקל: „אַז קיפּניס געפינט זיך אונטער שאָלעם־אַלייכעמס ווירקונג, איבערהויפּט אינעם ערשטן פּעריִאָד פון זײַן שאַפן, איז קלאָר פאַר יעדערן״.

נאָכן דערשײַנען פונעם ראָמאַן „אונטערוועגנס״, איז אַוועק אַ רייד וועגן בערגעלסאָנס ווירקונג אַף קיפּניסן. און ווידער לויט רײן אויסערלעכע סימאָנים — בערגעלסאָן האָט געשריבן וועגן ייִדן־יאָרדים און אין „אונטערוועגנס״ איז אויך באַשריבן אַ יאָרדישע מישפּאָכע.

איך קלײַב זיך דאָ ניט אָפּפרעגן די ליטעראַרישע ווירקונגען. איך פרעג אָפּ די אויבערפלעכלעכע פאָרהאַנאָכע, מיט וועלכער מע גײט טײלמאָל צו צו די ליטעראַרישע ווירקונגען אַף קיפּניסן. אויב עס האַנדלט זיך ניט נאָר אינעם אָביעקט פון שאַפן — טעמע, סוויווע — נאָר אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס, וואָס בילדעט אויס די אַטמאָספער פונעם ווערק — שפּראַך, געשטאַלטלעכקײַט, געמיט — וועלן מיר באַ קיפּניסן געפינען פּערעצן עפּשער ניט ווייניקער פון שאָלעם־אַלייכעמען, איבערהויפּט אין זײַנע מײַסעס פאַר קינדער און ניט נאָר פאַר קינדער („אין יענעם אַנומלטן, נאָך אַמאָל״...). האַגאַם איך צווייפל, צי האָט קיפּניס אין דער יוגנט געלייענט האַמסונען, מיין איך, אַז צו האַמסונען איז

ער עפשער ניט וויניקער שוטעף, ווי צו בערגעלסאָנען.

ס׳איז באוווּסט דאָסטאָיעווסקיס באפליגלטער זאָג: «Все мы вышли из-под гоголевской шинели»[1] דאָס איז א זאָג וועגן דער רוסישער פראָזע, וואָס האָט באזונדערס אופגעבליט אינעם נײַנצנטן יאָרהונדערט און באפרוכפערט ביז איצט די ליטעראטור פון דער גאָרער וועלט. קיין שום קונסט קומט ניט אוף אף קיין פוסטן אָרט. יעדער שרײַבער האָט זײַנע פאָרגייער און מיטשעפער. פון אזא שטאנדפונקט איז ניט שווער פעסטצושטעלן, אז ניסטער איז גיכער פון אלץ פערעצעס יורעש, אין דער צײַט, ווען אין בערגעלסאָנס שאפן האָט זיך איבערגעקרייצט די ווירקונג פון די צוויי גרעסטע אנטיפאָדן אין דער ייִדישער ליטעראטור, וועלכע האָבן טיילמאָל אָפגעלייקנט איינער דעם אנדערן ביז צונישט מאכן — פערעץ און שאָלעם־אליכעם. ניט נאָר דער שטילשטאנד, נאָר די קעגנזײַטיקע אנערקענונג פלעגט אופבליצן סײַ בא פערעצן, סײַ בא שאָלעם־אליכעמען, ווען עפשער אומבאמערקט פאר זיך אליין, פלעגן זיי דערפילן, ווי טרײַ ס׳האָט זיי ביידן געדינט מענדעלעס קליאטשע באם ערשטן ארויספאָר אין דער ליטעראטור. דאָס אויבנגעזאָגטע פארמינערט אף קיין האָר ניט דעם ווערט פון פערעצן און שאָלעם־אליכעמען, פון דעם ניסטער און בערגעלסאָנען. בא עכטע שרײַבער ווערט די ווירקונג פון די פאָרגייער אסימילירט אין זייער שאפן אלס אײַנגעזאפטע קולטור, וואָס העלפט זיי ארויסזאָגן זייער אייגן וואָרט. אגעוו, קומען אפילע סטיכייִשע טאלאנטן, אזעלכע, לעמאָשל, ווי דער גרוזינישער קינסטלער, דער שילדן־פארבער פיראָסמאנישווילי אויך ניט אף קיין פרוכטלאָזן באָדן. זיי אקומולירן אין זייער קונסט דאָס פאָלקס־שאפן, וואָס גייט אָרגאניש ארײַן אין דעם אוצער פון יעדער נאציאָנאלער קולטור. די געזעלשאפטלעכע און קולטור־יערושע איז אין א געוויסער מאָס געגליכן צו די גענען אין א לעבעדיקן אָרגאניזם. ניט דאפקע אין דעם נאָענטסטן דאָר דארף מען זיי זוכן. זיי לאָזן פון זיך צו וויסן גאנץ אָפט פונדערווײַט. אייבערהויפט, ווען עס האנדלט זיך וועגן ליטעראטור — איינעם פון די העכסטע אויסדרוקן פונעם מענטשלעכן גײַסט — איז ניט קעדײַ צו אײַלן זיך דורכצופירן גראָדע ליניעס.

וועגן דעם, אז שאָלעם־אליכעמס ווירקונג אף קיפניסן איז שטארק איבערגעטריבן האָט מיט רעכט ארויסגעזאָגט זיך דער קריטיקער שלוימע בעליס. איך וועל צו דער פראגע שפעטער זיך אומקערן. און דערווײַל... ווי׳אזוי זײַנען מיר עס דורכגעגאנגען פארבײַ דער פראָבלעם קיפניס — האָפשטיין. מיטצײַטלער, מיטשעפער...

לאָמיר זיך קוידעמקאָל דערמאָנען, אז קיפניס האָט אָנגעהויבן פון לידער („אָקסן" — 1922). עס האָט אים אויך ניט אויסגעמיטן די מאָדערנע אין דער יונגער סאָוועטישער ליטעראטור ריטמיזירטע פראָזע. טראָץ דער אָנגענומענער ווערסיע, אז קיפניס איז באלד פון אָנהייב ארויסגעשפרונגען אף דער ליכטיקער שײַן פון דער קינסטלערישער ראכוועס אזוי לײַכט און נאטירלעך, ווי עס פיקט זיך אויס אָן אייפעלע פונעם איי־שאָלעכץ, איז ניט שווער צו ברענגען בײַשפילן, ווו קיפניס איז נאָך ניט קיפניס. גענוג צו דערמאָנען די קאָנטורארטיק, האגאָם מיט גרויס סימפאטיע, געשילדערטע געשטאלט פון מוישע ראָזמאנען („אין א פארוואָרפן ווינקל"), די ריטאָרישע פיגורן אין דער שפראך, דעם באדינגלעך־האסטיקן ריטם, ווי אויך דאָס באנוצן דעם סובסטאנטיוו אָן דעם ארטיקל, ווי אין דער דערציילונג „קארעלן" (1922):

„טאָג נאָך טאָג האָבן מאכנעס אָפגעצויגן פון היים און דאָרף, ניט צונויפגערעדט און ניט געזעגנט. געלאָזן שטאלן ניט צוגעמאכט און ברעט ניט צוגעשטעלט. געמיינט ווי נעכטן און ווי אלע נעכטנס אף נאכט מיט גאנצער טשערעדע צוריק זיך שלעפן, זיך צושטעלן צו דארן הויף און צו שטובס טונקעלע, אומגעטרײַע ווענט".

צי איז עס געשריבן מיט טאלאנט? נאָך א מין... אָבער ענלעכס צו דעם האָט געקאָנט אָנשרײַבן אויך דער יונגער גאָדינער.

עמעס, טוט קיפניס נאָר א זאָג, אז דער קאנט האָט זיך „פארכמארעט מיט פעטליורען" („אין א פארוואָרפן ווינקל"), איז ער שוין אזא, ווי ער איז, אזוי האָט געקענט זאָגן נאָר קיפניס און ניט קיין אנדערער. שוין די איינע פראזע איז קוילעל אין זיך דאָס כאראקטעריסטישע פארן שרײַבערס וועלט־אופאסונג — א כמארע איז פינצטער, זי איז אָבער ניט אייביק. זי פארגייט. און ווידער — א כמארע איז שטענדיק אין דער מיט פון ליכטיקײַט. פאר איר אָנקומען איז ליכטיק און פונקט אזוי איז ליכטיק נאָך איר פארגיין.

קעדיי צו געפינען זיך, איז קיפניסן, פונקט ווי אנדערע, אויסגעקומען דורכשלאָגן זיך א וועג דורך דער מאָדערנער פאר זײַן צײַט סטיליזאציע, וועלכע האָט אויך געהאט אירע אָוועס. די יונגע סאָוועטישע ליטעראטור האָט, אָפשטויסנדיק זיך פון דעם רוסישן סימבאָליזם (מאיאקאָווסקי האָט געפרווּט ניט נאָר די סימבאָליסטן, נאָר אפילע פושקינען אראָפוּוארפן „פון דער שיף פון הײַנטצײַטיקײַט"), האָט אויך פיל פון דעם סימבאָליזם פארייגנט.

קיפניסן האָט זיך אײַנגעגעבן גאָר שנעל צו געפינען דעם ריכטיקן טאָן אדאנק דער אָרגאנישקײַט פון זײַן נאטור. ער האָט ניט זיך, ניט קיינעם ניט געשטרעבט איבערראשן. ער האָט, ווי מיר שײַנט, אף קיין איין רעגע ניט פארטראכט זיך איבער דעם, צי איז ער א נאָוואטאָר, צי ניט קיין נאָוואטאָר. א דערשיטערטער פון דעם, וואָס איז אים אויסגעקומען צו זען און איבערלעבן, האָט ער גענומען דערציילן. און דאָס, וואָס ער האָט דערציילט און ווי׳אזוי

[1] מיר זײַנען אלע ארויסגעקומען פון אונטער גאָגאָלס שינעל.

ער האָט דערציילט, האָט אָן קיין שום בעקיוונדיקײַט דורכגעקלונגען נײַ.

און דאָ קומט פֿאָר א מערקווירדיקע דערשײַנונג. דער פּראָזאַיִקער קיפּניס, וועמעס קינסטלערישע אָרגאַניק זאָגט אים אונטער זײַן אויסערלעך געלאסענע דערצייל־מאַניר, פֿילט זיך מאָדנע קרוויוויש צו דעם פֿילאָזאָפֿיש־דערהויבענעם דיכטער דאָוויד האָפשטיין מיט זײַן געפּרעסטן וואָרט און בילד. וואָס פֿאַר א פֿליויִדן, ווי ס'איז איצט אָנגענומען צו זאָגן, גייען עס קעסיידער פֿון האָפשטיינען צו קיפּניסן? לויטן סימען פֿון ענלעכקײַט, צי, פֿאַרקערט, פֿון קאָנטראַסט? צוציִען קען דאָך אויך דאָס קעגנזעצלעכע, ניט אויסגעשלאָסן אויך דאָס אַנטאַגאָניסטישע.

„אפֿילע איצטער שײַנט אין מיר אוף לויטער גליק, וואָס איך פֿיל אין אים דעם ליבסטן טאַם אַלע מאָל, ווען איך האָב די מעגלעכקײַט זיך דערמאָנען אין די מינוטן און שעהן, וואָס איך בין מיט אים געווען צוזאַמען, סײַ בא א מעסיבע, סײַ אין שטוב (בא זיך אָדער בא אים), ווי אויך אין וואַגאָן, אַף דער גאַס און ווו ס'זאָל ניט זײַן".

אַזוי שרײַבט קיפּניס וועגן האָפשטיינען אין יאַנוואַר 1962.

און ווײַטער:

„איך האָב אים ליב אָן א ברעג.

איך האָב ליב פֿון אים דערציילן, וועגן אים הערן, לייענען פֿיל מאָל זײַנע שוין געלייענטע ווערק פֿאַר זיך, פֿאַר פֿרײַנט און פֿאַר כאַווייריִם".

קיפּניס נוצט גערן אויס האָפשטיינס א שורע, א פֿערז, אַלס מיטל פֿון פֿאַראַלגעמיינערונג פֿון דעם אייגענעם געדאַנק. עס לאָקט אים האָפשטיינס אַפֿאָריסטישקײַט.

קיפּניס שרײַבט וועגן האָפשטיינס „צוויי ווערוויקלעך": „וויפֿל מאָטאָס און עפּיגראַפֿן האָב איך פֿונדאַנעט גענומען צו מײַנע ווערק, און איך בין זיכער, אַז ס'איז דאָס שענסטע, מיט וואָס מײַנע ווערק קענען זײַן באַצירט!"

אָט אַף אַזאַ אויפֿן פֿירט אונדז קיפּניס מאַמעש בא דער האַנט פֿון זיך צו האָפשטיינען. און מע קאָן דאָ ניט פֿאַרבײַגיין קיפּניסעס אָרנטלעכע אַניוועס דערבײַ. ניט יעדן שרײַבער וואָלט געסטײַעט מוט צו דערציילן וועגן דעם עפּיזאָד מיט די „צוויי ווערוויקלעך", וואָס איז געשען מיט קיפּניסן אין אָנהייב פֿון זײַן שאַפֿן. וויִאַזוי ער איז געקומען צוגאַסט צו שימען דאָבינען און א זאָג געטאָן „מיט אומגעריכטער זיכערקײַט: — בא האָפשטיינען טרעפֿן זיך אויך שוואַכע זאַכן!.." טאַקע וועגן די „צוויי ווערוויקלעך" האָט ער עס געזאָגט. און שימען דאָבין האָט אים דערויף געענטפֿערט: „טײַערער קיפּניס... האַלעוואַי אין צען יאָר אַרום, כאָטשבי א העלפֿט, אַף אײַך געזאָגט געוואָרן!.."

ריידנדיק וועגן האָפשטיינען, דערמאָנט קיפּניס אַלעקסאַנדער בלאָקן, וועלכער האָט געלויבט די געציילטע איינציקע דיכטער, וואָס הערן די שטים פֿון פֿאָלק. בא ייִדן, מיינט קיפּניס, איז איינער פֿון די דאָזיקע „געציילטע" דאָוויד האָפשטיין. ער ציטירט:

האַר פֿון מײַן לעבן ווייסט,
ווי איך האָב אַף רויִנען
זוכן געקענט און געפֿינען
ליכטיקײַט און טרייסט.

ליכטיקײַט און טרייסט האָבן געטראָגן מיט זיך די גרעסטע גײַסטער פֿונעם פֿאָלק.

ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ:

טרייסט מײַן פֿאָלק, עס דאַרף די טרייסט...

שמועל האַלקין:

וועלן ווייען ווערן לינדער,
וועלן ווידער וואַקסן קינדער...

איציק קיפּניס:

„די וווּנדן וועלן זיך פֿאַרהיילן... עס וועט ווערן ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך..."

איין פֿאַרלאַנג בא אַלע דרײַ, נאָר יעדערער פֿון זיי דריקט אים אויס אַף זײַן אויפֿן. בא פּערעצן, באַנאַנד מיט דער ליבע צום פֿאָלק, לאָזט זיך פֿילן דאָס אינטעלעקטועלע — מאַנהיגישע („עס דאַרף די טרייסט"), בא האַלקינען איז די טרייסט אײַנגעהילט אין דעם אַרטיסטיזם גופֿע פֿון זײַנע שורעס, אין די פּרעכטיקע אַליטעראַציעס. ווי א מילד ווינטל ווייען בא אים די וואָרט און קיפּניס — אַזוי איינפֿאַך, אַזוי שטייגעריש: „עס וועט ווערן ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך". אַזוי האָט געקענט זאָגן א ייִד פֿון א גאַנץ יאָר? געקענט. שאַפֿן אָבער דעם נוסעך פֿון דעם ייִדן פֿון א גאַנץ יאָר און דערהייבן זײַנע רייד צו א הויכער געדאַנקלעכער און עמאָציאָנעלער מאַדרייגע, דאָס איז די קענטעניש פֿון א גרויסן שרײַבער.

האָפשטיין האָט געזוכט און געפֿונען ליכטיקײַט און טרייסט אַף רויִנען. קיפּניסעס טאַלאַנט איז אַליין ווי א מין ליכטיקײַט, אויפֿגעקומען און פֿאַנאַנדערגעבליט זיך אַף רויִנען. זײַן שטילע שטים האָט זיך דורכגעריסן דורכן בלוטיקן שטורעם און טאַקע אַדאַנק איר שטילקײַט זייער גוט דערהערט געוואָרן.

איך קלײַב זיך דאָ ניט פּאָלעמיזירן מיט די איניקע, וועלכע האָבן ניט געוואָלט „פֿאַרשטיין און פֿאַרגעבן" קיפּניסן זײַנע שוואַכקײַטן, אַף וועלכע ער איז טיילמאָל געשטרויכלט געוואָרן. מיר ווילט זיך מיט טיפֿן דערעכערעץ צו די אַלע, וואָס האָבן געפּרוּווט אַרײַנדרינגען אין קיפּניסעס וועלט, עפּשער עפּעס אָפּפֿרעגן, עפּעס צוגעבן און עפּשער אַף עפּעס שוין געפֿונענעם שטעלן דעם טראָפּ.

„איניקע אַנדערע, — שרײַבט קיפּניס, — ווען זיי קומט אויס ריידן פֿון רעציכעס, פֿון אומשולדיקע פֿאַרפּײַניקטע קאָרבאָנעס, קענען זיי ניט אויסמײַדן דעם טערמינאָלאָגיע־אַרסענאַל פֿון גרויזאַמקײַטן". קיפּניס האָט געקראָגן א שעם אַף דער וועלט מיט זײַן „כראָניק" פֿון אַכזאָריעסן. אָבער זײַט א בעריע און פּרוּווט בא אים

געפינען דעם „טערמינאָלאָגיע־ארסענאַל" פון גרויזאַמקײַטן".

אין באבעלס „רײַטער־ארמיי" איז דאָ א דערציילונג, וואָס הייסט „א בריוו". א יונג ייִנגל שילדערט אין א בריוו, וואָס ער שיקט דער מאַמען אין דאָרף, וויאַזוי זײַן פאָטער און איר מאַן, א געוועזענער סטראַזשניק, וואָס דינט אין דער דעניקינישער ארמיי, האָט געקוילעט זײַן אייגענעם זון פעדיע. דערנאָך האָט א צווייטער זון נעקאָמע גענומען פארן ברודער און געקוילעט דעם פאָטער. אזא בריוו לאָזט איבער אן אייביקע וווּנד אף דער נעשאָמע ניט נאָר באַם לייענער, נאָר, גאַנץ מעגלעך, אויך באַם שרײַבער. יאָ, ס'איז טראַגיזם פון א גרויסער קראַפט, און מע דאַרף זײַן א גוואַלדיקער קינסטלער אף אויסצודריקן אזוי בעצימצעם אף עטלעכע זײַטלעך, ווי דאָס האָט געטאָן באבעל, די גרויזאַמקײַט פון דעם צעפלאַקערטן בירגערקריג. דאָס איז זײַן טראַגיזם, דער טיפּיש־באבעלישער. א טראַגיזם, בייס וועלכן דער שרײַבער גופא, אָף ארויסצוברענגען אים, דאַרף פארפרעסן זײַן אייגן האַרץ אין א פויסט. און עפשער אפילע באַם שרײַבן ווערן אף א ווײַלע אליין אן אכזער.

אָט אזוי איז בא באבעלן.

בא קיפּניסן איז אנדערש. סײַ באבעל מיט זײַן הויכער אייראָפּעיִשער קולטור, סײַ קיפּניס מיט זײַן גאָר ניט גרויסן באגאַזש פון וויסן, זײַנען אין זייער זען און אויך שרײַבן אף קיינעם ניט ענלעך. בא באבעלן האָט עס זייער טרעפלעך באמערקט איליא ערענבורג אין דעם פאָרוואָרט צו באבעלס „אויסדערוויילטס" (1957). וואָס איז שייַעך קיפּניסן, איז אפילע אין פריוואטע שמועסן, אין בריוו, אין צוויי ווערטער אף דער לינקער זײַט פון א צוגעשיקטער „קאַרטאָטשקע", איז ער שטענדיק אייגנאַרטיק.

דעם ערשטן בריוו פונעם דאַן אומבאַקאַנטן קיפּניס האָב איך באקומען אין 1940 יאָר. דאָפּקע ער, „דער פּראָסטער גארבער־יונג", ווי מע האָט אים באקרוינט, האָט באמערקט, אז איך וואַרף אָף די אָנגענומענע פּעריאָדיזאַציע פון אן אבסאָליוט פּראָגרעסיוון פּערעץ און א רעאַקציאָנערן פּערעץ. דער גרויסער געלערנטער עליע ספּיוואַק (איך פארנייג דעם קאָפּ פאר זײַן אָנדענק) האָט מיר אָנגעשריבן וועגן דעם מיט עטלעכע טעג שפּעטער. עמעס, ס'איז, ווי ס'זעט אויס, געווען צווישן זיי אן אָפּגערעדעטע זאַך. קיפּניס אָבער בלײַבט קיפּניס. ווינטשט ער מיר „א געזונט אין קאָפּ". אגעוו, מיט אכט יאָר שפּעטער, אף מאָרגן נאָך דעם, ווי איינער א גרויסער שרײַבער האָט ביז אין טאָג ארײַן געלויבט מײַנע א דערציילונג, האָב איך, א באַפליגלטע, גענומען זי לייענען קיפּניסן. האָט ער, מײַן גאַסט, בא מיר אין שטוב, א זאָג געטאָן מיט א ראכמאָנעסדיק פּאָנעם באלד נאָך דער ערשטער פראַזע: „אוי, לייען בעסער אן אנדער דערציילונג. איך קען ניט, אז מע הייבט אזוי אָן..." ביז איצט פארשטיי איך ניט, וואָס האָט געמיינט דערמיט קיפּניס, נאָר אלציינס האָב איך שוין אפילע מיט יאָרן שפּעטער די דאָזיקע דערציילונג אין מײַן בוך ניט אײַנגעשלאָסן. עס האָט מיך דערהאַרגעט קיפּניסעס אומיטלבאַרקײַט. און ווידער האָב איך דאָך געוווּסט, אז פּונקט אזוי אופּריכטיק קען איך ארויסזאָגן מײַן אומצופרידנקײַט אים, דעם גרויסן מײַסטער, ער וועט אָף מיר קיין האָר ניט פאריבל האָבן. צום באַדויערן, האָב איך אזוי ניט געקענט. איך האָב געמוזט מאָטיווירן... כאָטש איך האָב געוווּסט, אז אָף קאַפּאָרעס האָט ער געדאַרפט מײַן, אָדער וועמענס־ניט־איז מאָטיווירונג. אלציינס וועט ער טאָן אזוי, ווי ער פילט.

קיפּניס איז א דערציילער. דאָס דאַרפן מיר ניט דערווײַזן. „ארום אים קאָנען זיך אויסשטעלן אין גאַס מענטשן און הערן". די אייגנאַרטיקײַט פון זײַן דערציילן באשטייט אָבער אין דעם, וואָס ניט קיין מײַסע דערציילט ער, ער „דערציילט" געפילן. די „כראָניק" איז בא קיפּניסן איינע פון זײַנע קינסטלערישע פּאַרשטעלענישן. די פּײַן פון זײַן לירישן העלד, ווי אויך פון אנדערע פּערסאָנאַזשן, שטראָמט צו אונדז שוין פון זיי אן אויסגעווייטעקטע, א שטילע, אן איידעלע, אן אײַנגעהאַלטן אויסגעקלאָגטע און דערפאר א באזונדערס דערשיטערנדיקע. אָט, לעמאָשל, אין „אונטערוועגנס" זעען מיר ניט, וויאַזוי דער באַלאַכאָוועץ האָט דערהאַרגעט אָשערן. מיר זעען אָבער די ליידיקײַט, די עמפּינדונג פון דעם ערשט פארלאָרענעם אף ניט אומצוקערן די ניט אָפּגעקילטע געפלעפטקײַט פון ווי קען עס געמאָלט זײַן. דער אָרנטלעכער, אומשולדיקער „שוסטערשער פארטעך", וועלכן אָשער האָט ניט באַוויזן אויסצוטאָן, און די ניט ארויסגעזאָגטע טײַנע פון דער אלמאָנע... „א גאַנצע שטאָט — און מע קאָן איר ניט אומקערן איין־און־איינציקן אָשערן" — דאָס איז געפיל אין אן אָנשוילעכן לעוווש.

האָפּשטיינס טראַגיזם איז פּאַטעטיש. עס שפּילט די איידעלע „וויאָלאָנטשעל", פון וועלכער עס נידערן טענער פון צאַר, פאַלן אין אָפּגרונט. און אײַנצײַטיק קלינגט אין זיי א מעכטיקײַט, א מין שײַן־פארפלייצונג פון דער גאַרער וועלט, דערהויבנקײַט, וואָס דערגייט צו דער אבסטראַקציע פון א פילאָזאָפישן צייכן, א סימבאָל. האָפּשטיינס דיכטונג דערמאָנט מיט איר אינווייניקסטער אויסגעוואָרעמטער פײַערלעכקײַט באכס מוזיקאַלישע שאַפונגען. דאָס איז גאָר א הויכע מאַדרייגע. און קיפּניס קלײַבט זיך ניט אויסצובאַהאַלטן פון מענטשן, וויאַזוי ער פאַרגײַסט דעם קאָפּ צו האָפּשטיינען. אדרעראַבע, מיט זײַנע „מאָטאָס און עפּיגראַפן" שטרײַכט ער אונטער די פילאָזאָפישע הייך, אף וועלכער עס שטייט האָפּשטיין. ס'איז אָבער דאָ אויך צו פילן די פארבאָרגענע שטאָלץ פון קרוויועשאַפט, פון ברידערלעכקײַט.

אָט אין דעם גייט עס טאַקע, וואָס אויך קיפּניס איז ניט פּאַשעט און ניט פּראָסט. דאָס, וואָס האָפּשטיין דערגרייכט מיט זײַן דערהויבענעם דיכטערישן וואָרט, דערגרייכט קיפּניס מיט א

שטייגערישער דעטאל, מיט א באשרײַבונג אזוי זיך, פארבײַגייענדיק, אין זײַן צופוסנדיקן „אונטערוועגנס".

„גלייבט איר שוין, — שרײַבט קיפּניס אין „כאדאָשים און טעג", — אז אונדזער שטעטל האָט, ווי אלע אנדערע שטעט, „אויסוועגן אין אלע פיר זײַטן" (ווידער האָפּשטיין).

אויסוועגן... — «Вправо поедешь — коня потеряешь: влево поедешь — самому живу не быть»[1]. ווי אָפּט עס שטייט פאר דער דאָזיקער דילעמע פון דעם רוסישן „איוואנושקא דוראטשאָק" דער פאָלקס־מענטש אין פארשיידענע צײַטן בא פארשיידענע פעלקער. און עפּשער איז דער מיין פון דער מײַסע נאָך ברייטער — פאר יעדן מענטשן שטייט דער אויסוואל פון וועגן און אומוועגן. און ניט שטענדיק איז ער דער באלעבאָס אינעם אויסוואל. דער פאָלקס־אָפּטימיזם פירט אָבער ארויס איוואנושקען אפן ריכטיקן וועג. עס נעמט אים ניט קיין מאכעשייפע, ניט קיין דראקאָן. ער לעבט, ווײַל דאָס פאָלק, יעדעס פאָלק וויל לעבן.

אין די בלאָנקענישן פון קיפּניסעס העלד צווישן איין שטעטל און דעם צווייטן, ווו פון אלע זײַטן, פון די היימישע ליבע פעלדער און וועלדער, פון הײַזער, באקאנטע פון געבוירן אָן, לאָקערט דער דראקאָן, איז אויך, בא דער גאנצער אינערלעכער געפאלנקײַט פונעם געמיט, פארקערפערט דער ווילן צו לעבן. אלץ, וואָס עס איז געשען אין דער יוגנט מיט אײַזיקן, איז געשען מיט קיפּניסן אליין. און דאָך איז זײַן העלד קנאפּער פון אים. ער איז נאָך דערווײַל ניט קיין שרײַבער. ס'איז אָבער דאָ אויך אזוינס, מיט וואָס ער כיטרעוועט איבער דעם שרײַבער, אָט דער דאָזיקער אײַזיק, דער ייִדישער „איוואנושקא דוראטשאָק".

קיפּניס האָט געזאָלט זײַן א שרײַבער פון גליק. אלס אזא איז ער מאמעש פארפּראָגראמירט געוואָרן פון דער נאטור. פרייד פון זײַן, פון וווּקס, פון ליבע, דער זיסער טײַנעג פון שווערער האָרעוואניע — ווי אָרגאניש דאָס איז פאר קיפּניסן. די אויסארבעטונג פון לעדער, וואָס פון די רייכעס דערבײַ מעג מען זיך פארשטעלן מיט ביידע הענט די נאָז, וואקסט אויס בא אים אין א פּאָעמע. מענטשן ארבעטן. זיי זײַנען געזונט, קרעפטיק און קענען זייער מעלאָכע. זיי טוען זי אזוי, ווי אלץ, וואָס זיי טוען, מיט האסמאָדע, נאָר אָן איבעריקן ראש, שטיל און באשיידן. טאָ האָט פאר זיי דערעכערעץ, צו דעם רופט אונדז קיפּניס. און האָט דערעכערעץ פאר זייערע ריין צוגעראמטע שטיבער אום שאבעס און יאָמטעוו, און פאר זייער איבערגעגעבנקײַט צו קאָרעוו און שאָכן, און פאר זייערע גרייטע אופצונעמען יעדן גוטן מענטשן, פון וואָס פאר אן אויסזען און פון וואָס פאר אן אומע ער זאָל ניט זײַן, גאסטפרײַנטלעכע שוועלן, און פאר זייער ליבע האָט דערעכערעץ, פאר דער צוגעבונדנקײַט צו ווײַב און קינד!

קיפּניס ווערט פארכלינעט פון גליק, ווען ער באשרײַבט, לעמאָשל, א בייזן פראָסט. ס'איז אים גוט אפן הארצן פון דעם פראָסט. אין דעם פראָסט הילכט די הארמאָניע פון דער וועלט, פון לעבן:

„אין דרויסן איז דעמלט געשטאנען א ווינטער — א בער! מיט סקריפּקעס אונטער די פּיס, מיט פרעסט אין די פּאכוועס. פרעסט מונטערע און פריילעכע". און אָט זײַנען מענטשן און אָט איז זייער מי אין די דאָזיקע פריילעכע פרעסט:

„די שליטנס, וואָס זײַנען געפאָרן נאָך היי, די גרויסע פּראָסטע באלעבאטישע שליטנס, זײַנען נאָכגעלאָפן גרינג נאָך די אויסגערוטע פערדלעך און געשליטלט די האמעטנע אָנגעטאָנענע באלעבאטים העט אהין צו די קריִעס און צו די פארקאָוועטע בלאָטעס נאָך היי" („אָפּנהארציק").

קיפּניס האָט ניט ליב, ווען מע מאכט דער פרייד „כיינדלעך פונדערווײַטנס". ער אליין איז געניגט צו שעפּן פון איר מיט פולע זשמעניעס און צו שטילן מיט איר דעם דורשט פון יעדן נויטבאדערפטיקן. ער איז ברייטהארציק. ער איז גרייט צו טיילן זיך מיט יעדן. דעריבער איז ער אזוי עמפינדלעך אין די סאמע טראגישע אומשטענדן, זאָל זײַן נאָר צו א שמייכל, צו א געשענקטן לעבל ברויט בייס מילכאָמע, צו אן אײַנלאדונג אין אן אָרעמער, נאָר ציכטיקער פּויערישער שטוב. די מינדסטע מענטשלעכע לײַטזעליקײַט פילט אים אָן מיט גליק.

דער שרײַבער איז זייער פילבאר צו פרויענשיינקײַט: „איך וואָלט געשטאנען בא איר אונטערן פענצטער, און איך וואָלט געקוקט, ווי זי גייט שלאָפן. איך וואָלט געקושט די שויב, וואָס לאָזט מיך זען אזעלכע, און איך וואָלט עפּשער אויסגעגאנגען אף דער שויב הענגענדיק, ווי א פליג, וואָס לאָזט ארויס איר הויך" („אונטערוועגנס"). די פילע פארליבענישן, אָפּט אף א ווײַלע, וואָס מאכן זיך אין דעם אונטערוועגנס פון לעבן, זײַנען מילדע, ניט קיין טיפע, טיילמאָל ייִנגלש־שטיפערישע. אָפּט הערן מיר דאָס לײַכטזיניקע „א ווײַבל אין גוטן לײַב". נאָר, אפילע אין „א קאשע אף א מײַסע", א דערציילונג א דורכויס עראָטישע, געפינען מיר ניט קיין עראָטישע סצענעס. דאָס ייִנגל, זײַן רויט פערדל, דער וואלד, דאָס פעלד, דער טײַך — אלץ איז אָנגעזאָפּט מיט גלוסטעניש. די אָנגעשטרענגטע גלוסטעניש ווערט אויסגעלאָדן אין די נאטור־שילדערונגען, ווי א געזאנג דעם אייביקן לעבן אף דער ערד, אינדערלופטן, אפן הימל.

„זײַן שטים האָט א רייעך און א קאָליר פון ווארעמער, לײַכט־אײַנגעברוינטער מילך, אויב איר ווילט מיר גלייבן, אָדער כאָטש נאָכגעבן, אז א שטים קאָן האָבן א רייעך מיט א קאָליר" („וועגן איינער אן אָפּרישונג...").

מיר דארפן ניט נאָכגעבן — מיר גלייבן. ליכט, דופט, פארב, קלאנג — דאָס אלץ גיסט זיך בא

[1] פאָרסטו אף רעכטס — פארלירסטו דאָס פערד, פאָרסטו אף לינקס — וועסטו אליין מיטן לעבן ניט ארויס.

קיפניסן צונויף אין שטיל־שאלנדיקער ליכטיקײַט, אין ליבע־לעכצעניש. אלץ איז צו זען, צו פילן, צו דערהערן. דער שרײַבער באשענקט אונדז מיט דער ברייטער האנט מיט דעם אלעמען, וואָס עס נעמען אוף זײַנע צעעפנטע כושים.

„פלוצעם דערהערסטו א צוויטש פון א פייגעלע, און דו דערפילסט, אז ס׳געפינט זיך ערגעץ נאָענט לעבן דיר א לעבנדל, וואָס באָברעט צווישן קוסט און טוט דאָרט עפּעס א באהאלטענע ארבעט. און אָן־אָ האָט זיך אָנגעזעצט א ביינעלע אף א געל קווייטעלע און ארבעט מיט אלע איווּרים: מיטן בײַכל, מיטן שנוקל, מיט די מאָכיקע פיסלעך און מיט אלע כושים. דאָס קווייטעלע הוידעט זיך אפן דינעם שטענגל, און עס פילט, אז אָט־אָט גייען אים אויס אלע כּוחות פון אזויפיל לײַדנשאפטן, וואָס דער גאסט ווײַזט לעבן אים ארויס, און ער זאָל כאָטש לאָזן אָפּרוען א ביסעלע, איז ער שוין אָבער פאר היינטיקן פרימאָרגן שוין דאָס דריטע מאָל, און אויב מע וועט דארפן, וועט ער קומען דאָס פערטע און דאָס פינפטע מאָל אויך. אניט, וועט דען קלעקן קויכעס אים אָפּזאָגן? אז סע גלוסט זיך אזוי ארומנעמען און זײַן ארומגענומען. און אלץ די זון. מער פון אלעמען איז זי אין דעם פארמישט. זי גליט עס אָן מיט אזויפיל רייצעוודיקײַט, מיט אזויפיל לוסט יעדן און אלץ" („א קאשע אף א מײַסע"). „יעדן און אלץ"... „אלץ און יעדן" — איך בעט מעכילע בא דעם לייענער פאר דער דאָזיקער קליינער אינווערסיע. יאָ, יעדן, דעם מענטשן אויך. אָט האָט א פילדערפארענע פרוי פונקט אין אזא רייצעוודיקן זונען־טאָג, ווען יעדעס לעבנדל איז מאָלע כיין אין זײַן מי און אין זײַן לוסט צו שאפן נײַע לעבנדלעך, האָט די פרוי געהייסן דעם יונגן באָכערל פון סלאָוועשנע צעוואשן די פיס אין א שיסל וואסער און... אלץ, ווי אין דער נאטור. ס׳איז אָבער ניט באשריבן. אָנשטאָט דעם:

„טאטעלע, מע האָט אונדז באגאנוועט! — האָבן בא מיר א כליפּע געטאָן פון טיפן הארצן אזעלכע אָדער ענלעכע ווערטער. — מע האָט אונדז באגאנוועט".

דאָס יינגל איז א מענטשן־קינד, וועלכן זײַן אורפאָטער אָדאָם האָט איבערגעלאָזן בעיערושע דעם פײַגן־בלאט. איז אים באשערט צו בענקען נאָך ליבע, נאָך עכטער. נאָך אזא, ווי דער שרײַבער איציק קיפניס האָט באשריבן בא זײַן לירישן העלד אײַזיק אין „כײַעלע און פּיניעלע", אין „כאדאָשים און טעג", אין „אונטערוועגנס" און אנדערע ווערק. ווי א סנאָפּ שײַן, האָט קיפניס דורכגעטראָגן דורכן גאנצן לעבן איין־און־איינציקע ווונדערלעכע ליבע — די ליבע צו בוזיען.

ס׳איז געווען אווירקלעכע בוזיע. איציק קיפניסעס ערשטע פרוי, א שטארק אָפּגעשוואכטע נאָכן איבערגעלעבטן אומגליק — די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן פארשניטן איר מוטער און צוויי שוועסטערלעך — האָט זי ניט אויסגעהאלטן דעם טיפוס און איז א בלוט־יונגע אוועק פון דער וועלט (אין דער דערציילונג „כאיעלע און פּיניעלע" הייסט זי בא קיפניסן בראָכעלע). די אויסגעווייטעקטע בענקשאפט נאָך בוזיען, וואָס אין איר פריצײַטיקן טויט האָט זיך אָפּגעשפיגלט דער גרויסער פאָלקס־אומגליק, האָט געמאכט קיפניסן, דעם שרײַבער פון גליק, פאר א דראַמאטישן שרײַבער. קיפניסעס דראמאטיזם איז אופגעגאנגען אף די הייוון פון גליק.

צי קען מען באטראכטן דאָס ליכטיקע, דאָס פריידיקע אין קיפניסעס ווערק אלס הומאָר? אויב אפילע יאָ, איז עס אלנפאלס ניט פון שאָלעם־אלייכעמס שניט. בא קיפניסן איז ניט צו טרעפן דעם אָפּשפּאָטנדיקן הומאָר, אפילע פון אזא אומשולדיקן מין, ווי אין שאָלעם־אלייכעמס „קאָנקורענטן" אָדער אן „אייצע", שוין אָפּגערעדט פון „קאסרילעווקער פּראָגרעס", לעמאָשל, וואָס שטייט אפן ראנד פון סאטירע. פאראן בא קיפניסן אויך הומאָריסטישע דערציילונגען און דאפקע געלונגענע, ווי לעמאָשל, „שײַע הירשמאן און זײַנע נײַע קאלאָשן", „א שלעכטער כאראקטער"... מע זאָל זיך אָבער קאטשען פון געלעכטער פון קיפניסעס א דערציילונג, ווי פון שאָלעם־אלייכעמס — דאָס ניט. זאָל דאָ, אגעוו, געזאָגט ווערן, אז דאָס שטעטל בא קיפניסן איז אויך ניט קיין שאָלעם־אלייכעמיש. ס׳איז ניט קאסרילעווקע מיט איר אומבאהאָלפנקײַט, מיט אירע קאָנוואָלסיווע באמיִונגען ווייניט־איז אויסקומען מיטן שטיקל ברויט. קיפניס האָט באוויזן א שטעטל מיט ייִדן — באלמעלאָכעס, געזונטע האָרעפּאשניקעס, דאפקע צוגעפּאסטע צום לעבן.

שטראלעכלעך ליכט, שמייכלדיקע גוטסקײַט, לײַכטע איראָניע („א בערדל, ווי א שמאָל פארטעכל פארן פּאָנעם") — געוויס איז עס הומאָר, אָבער גאָר פון א באזונדערן מין. קיפניסן גיבן זיך אײַן דערציילונגען, ווו עס הערשט א גוטער געמיט („אין א פרײַער שאָ"). און טאָמער א מענטש געפינט זיך אין א שלעכטן געמיט, טאָמער ס׳האָט אים אפילע געטראָפן אן אומגליק, אײַלט זיך דער שרײַבער אומקערן יענעם צום לעבן („די צײַט גייט"). און אויב פרייד, איז עס בא קיפניסן אן אקטיווע פרייד, א פולבלוטיקע, טאקע גאָר אָן שפּאס. „איך האָב ליב מענטשישע פּענעמער". (אין אן אנדער אָרט גיט קיפניס א שפּיל אף אזא אויפן: „איך האָב ליב מענטשן, מענטשיכעס און קינדער". ציטירט פון בוזי מילערס אן ארטיקל.) „איך האָב ליב זען, מיט וועמען איך געפין זיך אין קלוב, אף דער גאס, אין סטאָלאָווע אָדער ווו עס מאכט זיך נאָר". מיט אזא ליבע צו מענטשן איז באזונדערס שווער איבערצוטראָגן יעדע מין רישעס. דער שרײַבער איז באהערשט פון טיפן ראכמאָנעס און אויך טיפער אכטונג צו דעם מין „מענטש". „ווי טרויעריק־זיס איז מענטש צו זײַן", ציטירט ער פון האָפּשטיינען. אויסער אויסגעשפּראָכענע רעשאָיִם, באנדיטן, קוילערס זײַנען בא קיפניסן קימאט ווי ניטאָ קיין נעגאטיווע פערסאָנאזשן.

דער שרײַבער באציט זיך ציטעריק צו יעדנס לעבן. און ס׳איז אים גוט פון דעם, וואָס יענעם

איז גוט. ער מיִעסט זיך ניט מיט קיין קלייניקן פאַרגעניגן, מיט א ווײַלע פון גליק. אדעראבעה, זאָל א מענטש האַנאָע האָבן פון א גוטן זיסן קאַוון, זאָל ער זיך פילן א מומכע אין אויסקלײַבן דעם קאַוון, אויב ער האָט פון דעם האַנאָע. איין מענטש האָט זיך געפעלט, טוט עס דעם שרײַבער וויי. („א גאַנצע שטאָט און קיינער קען איר ניט אומקערן איר איין אָשערן"). „איין אָשערן", ווי אָבער, אז מע קוילעט א סאַך אָשערס? און נאָך מער: מע פאַרניכטעט גאַנצע שטעט, לענדער, פעלקער („פון מײַנע טאָגביכער", „באַבי יאַר")? עס קומען אום מענטשן, עס ווערט פאַרניכטעט מענטשלעך גליק. און וועגן וואָס דען אַנדערש האָבן געטרוימט די גרעסטע גײַסטער פון דער וועלט, אויב ניט פון מענטשלעך גליק? די, וואָס האָבן אופגעוואָרפן קיפּניסן, האַלעמײַ אין א בלוטיקער צײַט מעסט זיך א יונג פּאָרפאָלק שטיפעריש די נעזער, וועמעס איז לענגער, האָבן לאַכלוטן ניט פאַרשטאַנען דעם טאָך פון קיפּניסעס דראַמאַטיזם. ער איז אופגעקומען אף די רויִנען פון זײַן ליבע מיט בוזיען און געלאָזט וואָרצלען אין דער טיף.

ס'איז אינטערעסאַנט אָפּצומערקן, אַז בא דער גאַנצער ציטעריקײַט איבער יעדן איינציקן מענטשלעכן לעבן, איז קיפּניסעס באַציִונג צום טויט א העכסט פילאָזאָפישע, ווי צו יעדער נאַטור־דערשײַנונג. אײַזיקס אָפּטע באַזוכן פונעם סלאָוועשנער בעסוילעם וועקן טיפן דערעכערעץ צום סאָף פון דעם מענטשלעכן וועג, צו דער געהיימניס פון טויט. די אַלגעמיינע טאָנאַלקײַט וואָלט איך כאַראַקטעריזירט, ווי פאָרכטיקע שטילקײַט („כאַיעלע און פיניעלע", „אונטערוועגנס"). „דאָ איז פאַרגעבונג און אייביקע רו" („ס'פעלט א מענטש"). דערבײַ גלייבט קיפּניס און מאַכט אונדז גלייבן אין דעם אייביקן לעבן פון די באַזונדערס נאָענטע אים, פון די פאַרשניטענע אין די פּאָגראָמען, פון די אומגעקומענע אף די פראָנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אָן דעם מינדסטן סימען פון רעליגיִעזער יענוועלטיקײַט געפינט ער אַזעלכע פּאָשעטע, פאָלקסטימלעכע און דאָך סאַמע אייגענע ווערטער.

ס'האָבן נאָך ניט אָפּגעהילכט די לעצטע שאָסן אף די בלוטיקע פעלדער פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, קומט די רעוואָליוציע אין רוסלאַנד. זי דערגייט צו סלאָוועשנע, ווי אַן אָפּהילך פון די גרויסע געשעענישן, ווײַל „ווײַט איז אונדזער שטעטל פון דער וועלט". און דערווײַל, צווישן דעם אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי — דער רעטערן—און די אָנפליִען פון די פּעטליורישע, בולאַק־באַלאַכאָווישע באַנדעס, צי די ווײַס־פּאָליאַקישע כאַיאָלעס, איז מען שוין פּאָגראָמירט, זיצט מען שוין, „ווי א ציגל", אָן א שטאָך אַרבעט, אָדער מע ליגט „צעלייגט אף די בעטלעך און אף די קאַנאַפּעס און מע קאָכט זיך אין טיפוס" („אונטערוועגנס").

און בראָכעלע ליגט „אַן אָפּגעשוירענינקע", „אַן אײַנגעדעקטינקע"... ווער רעדט אף אַזא אויפן, מיט אַזעלכע צערטלעכע פאַרקלענערונגס־ווערטער וועגן א בארמינען. א פּראָסטע שטעטלדיקע ייִדענע בלויז קען, דאַכט זיך, אַזוי באַקלאָגן א טויטן. יאָ, א פּראָסטע שטעטלדיקע ייִדענע און דער גרויסער וואָרט־מײַסטער איציק קיפּניס. דאָס האָט ער אונטערגעזאָגט דעם יונגן אײַזיקן די דאָזיקע פּראָסטע ווערטער, דאָס האָט ער געלאָזט אײַזיקן אונדז דערציילן וועגן זײַן גרויסער באַרויבטער ליבע. דאָס האָט ער אויסגעלערנט אײַזיקן צו מעסטן לעבן און טויט מיט צײַט־קאַטעגאָריעס. טויט איז אַן אָפּגעמאָסטענע צײַט, אַן אָפּגעשטעלטער ווײַזער.

„און איך, אַזוי ווי איך האַלט איר האַנט, בראָכעלעס, אַזוי זיך, אָן שום דאָקטאָריעס, האַלט איך זי בא דער האַנט, דערפיל איך אָבער פּלוצעם, אַז עפּעס א זייגערל דאָרט האַלט זיך באַם אָפּשטעלן, א שייַנינק און ציכטיק זייגערל טוט א קלאַפּ, און די איבעריקע דרײַ קלעפּ פאַרשווײַגט עס... טוט נאָך א קלאַפּ, און ס'שווײַגט שוין אינגאַנצן" („כאַיעלע און פיניעלע").

אינעם שילדערן די ליידן פונעם מענטשן, פון דעם יאָכיד (ווי געזאָגט, איז יעדער יאָכיד פאַר קיפּניסן — אָהאָ־האָ), אינעם פירן זײַן פּערסאָנאַזש פון איין שטאַפּל צאַר צום צווייטן, אין די אײדלסטע ענדערונגען פון געמיט, זע איך ניט קיין אַנדער ליטעראַריש ווערק, וואָס מע קאָן שטעלן באַנאַנד מיט דער שילדערונג פון זעליקשע ליידן בא קיפּניסן, אויסער קנוט האַמסונס „הונגער", ווו עס ווערן געשילדערט זײַנע, דעם שרײַבערס, הונגער־ליידן אין דער יוגנט.

ווער איז בוזיע אין קיפּניסעס פּריִע ווערק? א פּאָשעטע אַרבעטס־מיידל, א יונגס, א פריילעכס, א פאַרליבטס. זאָל דאָ, אַגעוו, געזאָגט ווערן, אַז אויסער דעם נאָמען, האָט זי קיין שום שײַכעס ניט צו דער ציטעריקער פאַרטרוימטער באַסיעכידע פון שאָלעם־אַלייכעמס אויסערסט פּאָעטישן „שיר האשירים". ווער איז בוזיע אין „אונטערוועגנס"? דאָס זעלבע מיידל, וואָס אָט, דאַכט זיך, איז זי, מע קאָן שוין אָבער ניט זײַן מיט איר באַנאַנד. זי איז די זעלבע לאַכערקע, די טרערן פון צאַרטער פרוויִשקײַט, און זי איז א שאָטן. זי איז ניטאָ. ווערט זי פאַרייביקט אין קיפּניסעס ווערק אַלס אײַזיקס ליכטיקער טרוים, שטראַלט זי אויס שײַן אויך נאָכן טויט:

„בוזיעס „שטיבל"... איז דאַפּקע געמאַכט פון פּראָסט האָלץ, צונויפגעקלאַפּט פון פּראָסטע, ניט געפאַרבטע ברעטלעך, נאָר א שטעל איז בא דעם עפּעס ווי פון א מאַלכעסדיק געבײַ. סע גייט עפּעס פון דעם א יונגשאַפט און א פריילעכקײַט".

„א פריילעכקײַט"... פונעם „שטיבל" אָפן בעסוילעם... האָט איר ווען געהערט אַזוינס, טײַערער לייענער? דאָ איז שוין, עמעס, שווער צו אונטערשיידן, ווו איז דער יונגער גאַרבער אײַזיק און ווו איז דער צוקינפטיקער שרײַבער איציק קיפּניס, וואָס האָט ליב צו פאַרשטעלן זיך אין זײַן פּערסאָנאַזש. דער שרײַבער, דער דיכטער, דער „יונגערמאַן אין די שענסטע און בעסטע קויכעס", וועלכער פאַרנעמט זיך, ווי עס טראַכט זײַן פאָטער, מיט פּוסטע זאַכן: „מע פאַרקאַ־

טשעט דעם שטערן און מע שרײַבט געדאנקען", בלײַבט אליין שטיין פארכידעשט פון דעם געזאנג, וואָס „גייט צו אים פון איינעם א מיידעלע מיטן נאָמען בוזיע, וואָס זי איז שוין דערמאָנונג. איך וועל שוין לעבן איר קיינמאָל ניט זײַן, און דאָך לויפן צו איר שורעס, וואָס זינגען זיך אליין אויס. פארוואָס איז עס? פונוואנען זאמלט זיך עס אזא פרייד? אזא מין זומערדיקע זוניקע ליבשאפט?" („אונטערוועגנס").

אָט דאָ קומען מיר צו צו דעם קנוּפּ פון דעם ראָמאן „אונטערוועגנס".[1]

„צוריק מיט א יאָר אָנדערהאלבן האָב איך ענדלעך אויסגעטראָגן דעם ראָמאן „אונטערוועגנס". האָב אים די טעג אָפּגעשיקט צו מישען (דווירלס ברודער) קיין סיביר. דאָרטן וועט ער עפּשער זײַן מער פארהיט". („פון מײַנע טאָגביכער").

און אין א צווייטן אָרט פון דעם זעלבן ווערק: „מיט עמעסער בענקשאפט ציט מיך צו מײַן קסאוויאד „אונטערוועגנס", וואָס איז נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט און שטייט איצט אין סאָקאָנע, ווײַל צוזאמען מיט די שטוב־זאכן קאָן עס פארפאלן גיין. ווען מע שטעלט פאר מיר דעם אויסוואל: איך זאָל בלײַבן, אָדער דער קסאוויאד זאָל בלײַבן גאנץ, וואָלט איך געבעטן, דער קסאוויאד זאָל בלײַבן גאנץ".

די „טאָגביכער" האָט קיפּניס געבראכט צו א טיקן ערשט אין די זעכציקער יאָרן, אָבער אלץ, וואָס אין זיי איז פארנאָטירט, האָט ער פארשריבן טאָג נאָך טאָג אין צײַט פון מילכאָמע — 1941—1945, דאָס הייסט, אז געשריבן זײַנען זיי געוועזן פאר זיך. די האָפענונג אף געדרוקט צו ווערן איז דאן געוועזן זייער א קנאפּע. און ווען אפילע ניט אזוי, וואָלטן מיר אויך געגלייבט דעם שרײַבער בעעמונע שליימע, אז ווי ער האָט פארשריבן, אזוי איז עס. ער האָט זיך אָפּגעגעבן א קלאָרן דין־וועכעזשבן וועגן דער באדײַטונג פון דעם ראָמאן „אונטערוועגנס" מיט זײַן אייגנארטיקער סטרוקטור. אויך אין „אונטערוועגנס" ווערן „דערציילט" געפילן, נאָר פיל טיפער, ווי אין די פריִערדיקע ווערק. דער „פּראָסטער" קיפּניס טרעט דאָ ארויס אלס ראפּינירטער מײַסטער פונעם אינערלעכן מאָנאָלאָג, וועלכער האָט דאפקע איצט, אין די לעצטע עטלעכע יאָרצענדליקער, באקומען אזא גרויסע פארשפּרייטונג אין אונדזער ליטעראטור.

אײַזיק זעט אין כאָלעם בוזיען: „זי שטייט א זומערדיק באָרועסע, מיט פארקאטשעטע ארבל, און זי שײַערט עפּעס אזעלכע קופּערנע קעסלען, ניט קיין גרויסע און ניט קיין קליינע... קופּערנע קעסלען זײַנען שיין, ווען זיי זײַנען אויסגעשײַערט, אנטקעגן דער זון..." אָט אזא לעבעדיקע, אין דער שײַן פון קופּערנע קעסלען אף דער זון, מיט זײַן גאנצער שפּירעוודיקײַט צו דעם גלי פונעם זוניקן טאָג, צו דעם „ווינטער — א בער", דערזעט אײַזיק אין כאָלעם זײַן בוזיע.

[1] א גרויסער טייל פון דעם דאָזיקן ווערק איז געווען פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד", נומ. 1, 1965.

און ווי שווער ס'איז דאָס אומקערן זיך צו דער וואָר. דאָס גליק צערינט זיך און „דאָס הארץ ווערט מיר פארקילט", ווײַל „די גרענעץ, וואָס איז געשאפן געוואָרן צווישן מיר מיט בוזיען, איז צו אייביק, איך זאָל זי זײַן אימשטאנד בײַצוקומען".

און א צווייטער כאָלעם, נאָענט צום סאָף פונעם ראָמאן. אײַזיק איז שוין אין קיִעוו, און ער דרוקט זיך שוין אין די בלעטער און איז אינגאנצן אײַנגעטונקען אין א נײַ פריידיק לעבן, צו וועלכן ער ציט זיך מיט אלע כושים. אָבער ווײַטלעך פון קיִעוו איז געבליבן „היטן סלאָוועשנע" א יונגע, א קלוגע און, ווי ס'ווײַזט אויס, אפילע עפּשער א שיינע פרוי, פּאָליע, אָט די פּאָליע, וועלכער מע מוז אָפּגעבן דאָס גערעכט, ווען זי שרײַבט וועגן דער דאָזיקער סלאָוועשנע אין א בריוו צו איר שוועסטער: „ווי קלערסטו, עפּשער האָט זי געמעגט ברענען, איידער איך האָב זי דערקענט?"

דעם צווייטן כאָלעם ווידמעט קיפּניס א גאנצן קאפּיטל אונטערן קעפּל „פּאָרגעפּיל". קעדיי דער לייענער זאָל דערפילן די גרויסע קינסטלערישע הייך פונעם דאָזיקן קאפּיטל, וואָלט מען אים באדארפט איבערשרײַבן פון אָנהייב ביזן סאָף, וועל איך זיך דאָ בלויז דערלויבן טיילן מיט א פון מיר זעלבסט איבערגעלעבטן עפּיזאָד.

ווען איך האָב זיך געזעצט שרײַבן די ארבעט וועגן קיפּניסן, וואָס איך לייג דאָ פאָר דעם לייענער, באקום איך א בריוו פון בעבע קיפּניס, ווו עס זײַנען בײַגעלייגט אייניקע מאטעריאלן, וואָס זײַנען מיר געווען נייטיק, צווישן אנדערן אַן אויסצוג פון קיפּניסעס ביבליִאָגראפיע, געשריבן מיט זײַן האנט: „יול 1941 האָט אים (דעם ראָמאן „אונטערוועגנס" — ר. ר.) דער „עמעס"־פארלאג אָפּגעקויפט צום דרוק נאָך צוויי גוטע רעצענזיעס פון רובינא און דאָברושין. צי איז דאָ ערגעץ דער קסאוויאד ניט באוווּסט. דער ייִדישער אנטיפאשיסטישער קאָמיטעט האָט אים אָפּגעקויפט, באצאָלט און אָפּגעשיקט קיין אמעריקע צום איקוף"[1]. דער ראָמאן „אונטערוועגנס" איז דערשינען ערשט אין 1960 יאָר. דעם וועג אף צו דערזען די ליכטיקע שײַן האָבן אים פארשטעלט פיל בלוטיקע געשעענישן.

און אָט איז דער ראָמאן בא מיר אין דער האנט. איך הייב ניט אָן צו געדענקען, אז איך האָב ווען־ניט־איז געשריבן אף אים א רעצענזיע, רעקאָמענדירט צום דרוק. איך לייען און וווּנדער זיך — מיר איז דאָ אלץ באקאנט. קלער איך: ס'איז דאָך קיפּניס. ער לאָזט זיך דערקענען. ווען איך דערגיי אָבער צו דעם קאפּיטל „פּאָרגעפּיל", נעמט מיך ארום קימאט א מיסטישער ציטער: גוואלד געשריִען, פונוואנען ווייס איך דאָס אלץ? איך האָב דאָך שוין אמאָל געזען די פור מיט די „רויטע צוויי אָקסן", ווו עס „ליגט איבערגעדעקט א ברייט און א לענג פון א מענטשן" און דער דאָזיקער מענטש איז א

[1] איך נוץ דאָ אויס די געלעגנהײַט הארציק צו באדאנקען בעבע קיפּניס פאר אלץ, וואָס זי האָט מיר דערציילט מינדלעך און שריפטלעך.

פרוי, וואָס הייסט פּאָליע. און דעם ייִדן, וועלכער גייט נאָך נאָך דער פור האָב איך שוין אַמאָל געזען, דעם ייִדן מיט דער שוואַרצער באָרד, וואָס איז יאָ ענלעך און ניט ענלעך אַף אײַזיקס פּאָטער, און אײַזיקן אַליין אונטער דער וואָך פון עפּעס א „קירפּאַטע סטראַזשניקל״. בעקיצער, ס׳האָט אין מיר אופגעלעבט די גאַנצע כאָלעם־דעפאָרמאַציע פון דערווירקלעכקײַט, וועלכע באַלײַכט טיילמאָל די טיפסטע טיפענישן פון דער מענטשלעכער נעשאָמע. דאָס אַלץ האָט אין מעשעך פון איבער צוואַנציק יאָר, אומבאַוווּסט פאַר מיר אַליין, געלעבט אין מײַן זיקאָרן. אַזעלכע פּסיכאָלאָגישע אופבליצן טרעפן מיר נאָר בײַ זייער גרויסע קינסטלער, און דאָס איז ניט צו פאַרגעסן. די וואָר פון „אונטערוועגנס״ געפינט פאַר זיך אַן אָרט צווישן די צוויי כאַלוימעס, אַף וועלכע איך האָב זיך דאָ אָפּגעשטעלט.

איך האָב בײַ עמעצן געלייענט, אַז איציק קיפּניס האָט דעם גאַנצן לעבן געשריבן איין ראָמאַן — דעם ראָמאַן וועגן זיך און בוזיען... ס׳איז אַזוי און ניט אַזוי. די ליבע צו בוזיען איז טאַקע אייביק. באַטראַכטן אָבער „אונטערוועגנס״ בלויז אַלס פאָרזעצונג פון „כאַיעלע און פּיניעלע״ און „כאַדאָשים און טעג״ איז ניט ריכטיק. „אונטערוועגנס״ איז זייער א מערקבאַרער ווײַטערדיקער עטאַפּ אין קיפּניסעס שאַפן. אין „אונטערוועגנס״ איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די פּלאַסטיק פון אויסדרוק, די מײַסטערשאַפט פון קאָמפּאָזיציע. אויך די טעמע איז דאָ א נײַע, דאָס שווערע, פּײַנלעכע אומקערן זיך צום לעבן שוין נאָכן פּאָגראָם. געפּאַלנקײַט און „ראָבינזאָנאַדע״, אין וועלכער ס׳איז אויסגעדריקט דער קויעך פון לעבן. ווען פאַרן שרײַבער וואָלט ניט געווען אַזוי אָרגאַניש דאָס געפיל פון גליק, פון ליבע, ניט בלויז צווישן מאַן און פרוי, נאָר צווישן מענטש און מענטש, דער קעסיידערדיקער פאַרלאַנג „אַרומנעמען״ און פון עמעצן „אַרומגענומען ווערן״, וואָלט זיך אים ניט אײַנגעגעבן מיט אַזא קינסטלערישער קראַפט צו ווײַזן, ווי אַזוי אומענטשן צעטרעטן דאָס גליק פון מענטשן. צו דער דאָזיקער טעמע קערט זיך קיפּניס אום אין זײַנע „טאָגביכער״, וווּ ס׳איז אויסגעדריקט דער ווייַ פון זײַן שיינער, ליכטיקער שטאָט קיִעוו, וועלכע עס האָבן באַטראָטן שטיוול פון אומענטשן בײַס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

אויב „כאַיעלע און פּיניעלע״ און „כאַדאָשים און טעג״ זײַנען ווערק וועגן א גרויסער ליבע אונטער דער ווײַסגוואַרדייִשער האַק, איז „אונטערוועגנס״ א ראָמאַן וועגן א שוידערלעכן טאָג, וועגן א ליבע „אָן טאַם״, וועלכע איז אופגעקומען אַף א טראַגישן באָדן פון ניט קיין פאַרהיילטער וווּנד. אייגנטלעך, האָבן מיר דאָ דעם טראַדיציאָנעלן „דרײַעק״ אין אַזא וואַריאַנט: ער, זי און נאָך א „זי״. אײַזיק און פּאָליע זײַנען א יונג פּאָרפּאָלק, וואָס זייער בונד איז אַפילע פאַרשריבן אין זאַגס. די צווייטע „זי״ איז א שאָטן, א דערמאָנונג. דאָס איז בוזיע. און זי, די ווילע, די ליבלעכע, וועלכע לײַכט זיך מיט אַזא וווּנדערלעכער שײַן, שטייט, ווי א מעכטיקע וואַנט, ווי דער שיקזאַל אַליין, צווישן אײַזיקן און פּאָליען. דער אורקוואַל פון דעם כאָלעם וועגן בוזיען, איז ליכט, שײַן, ליבע, דעריבער איז אַזוי פּײַנלעך דאָס אופוואַכן, וואָס לעבט אוף דעם טראַגיזם פון דעם געשעענעם. דער אורקוואַל פון דעם כאָלעם וועגן פּאָליען, איז טויט, פאַרטיליקונג, די טראַגעדיע, אַף וועלכער עס איז אופגעקומען די ליבע „אָן א טאַם״. ליגט באַם אופוואַכן, ווי א שטראָף פון געוויסן, פּאָליעס בריוול אַפן בענקל לעבן אײַזיקס אײַזערנעם בעטל. אײַזיק פאַרשטייט זײַן שולד קעגן פּאָליען. דער ווילן צו העלפן איר און אויך זיך אַרויסצורײַסן זיך פון דעם טראַגישן קרײַז, אין וועלכן ס׳האָט זיי אײַנגעשלאָסן די גרויליקע צײַט, קען ניט אויסקויפן די שולד. אײַזיק שטעלט זיך פאָר אַפילע אין דימיען זײַן טאַטן, וועלכער „האָט א דינטוירע מיט א זון״: „דו ביסט דאָך א הײַנטיקער, איר שלאָגט זיך דאָך פאַרן עמעס. ווּ איז דײַן עמעס?״

פרוי און קינד זײַנען בײַ קיפּניסן קימאַט, ווי סינאָנימען. אָט ווי אײַזיק רעדט וועגן זײַן ערשט פאַרשטאָרבענער יונגער פרוי אין „כאַיעלע און פּיניעלע״.

„איך ווייס, אַז דאָס קינד איז נאָך א וואַרעמס. דאָס בעטגעוואַנט און דער מאַנטל, מיט וועלכן זי איז אײַנגעדעקט, זײַנען נאָך וואַרעמע, און דאָס קינד איז נאָך אַזוי פריש, אַז די באַקן בליִען איר, איז דאָך נאָך פאַראַן אַלץ, וואָס מע דאַרף, אַז אַלץ זאָל ווערן צוריק יאָ״.

וואָס פאַרא קוואַל פון צאַרטקײַט עס שלאָגט פון די דאָזיקע שורעס! און אַזוי קעסיידער, אין פרייד און אין לייד. ס׳איז, דאַכט זיך, ניטאָ אַזא שולד, וואָס אײַזיק, קיפּניסעס לירישער העלד, זאָל ניט זײַן פייִק צו פאַרגעבן א פרוי. נאָר ניט אין „אונטערוועגנס״. נאָר ניט פּאָליען, וואָס איז אַליין שטענדיק גרייט אים צו פאַרענטפערן און אַלץ פאַרגעבן, ווײַל זי האָט אים ליב. און ער ווייסט עס זייער גוט. אַפילע אין כאָלעם זעט ער פּאָליעס „טויט פּאָנעם, וואָס האָט, דוכט זיך, געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר זיך גלײַך צוריקגעהאַלטן, ווי איינער מיינט: „מיילע, סײַווי ווועט מײַנס מוזן איבערגיין״. און אַזוי איז זי טאַקע אוועק פון דער וועלט, פּאָליע, מיט איר ניט אַרויסגעזאָגטער טײַנע.

„מיר האָבן זיך אַרײַנגעצויגן אין אונטערוועגנס, און מיר האָבן קימאַט ווי אַרויסגעלאָזט פונעם געדאַנק דאָס, וואָס מיר גייען אוועק פון דער היים, ווײַל עס דאַרפן אהער קומען מענטשן („מיט גאָלדענע פּאָנאָנעס״ — באַמערקט אין אַן אַנדער אָרט אײַזיק. — ר. ר.), וואָס האָבן אונדז פײַנט, איידער זיי האָבן אונדז געזען, אוועלכע מיר זײַנען״. אײַזיקס באַגעגעניש מיט פּאָליען גייט אָרגאַניש אַרײַן אין דעם „אונטערוועגנס״־קאָמפּלעקס. ס׳איז דערשלאָגנקײַט, געפּאַלנקײַט, שוצלאָזיקײַט.

דעם אונטערוועגנס באַגלייט בײַ קיפּניסן קעסיידער א מין, ווי ער רופט עס אַליין אָן, „ראָבינזאָנאַדע״. „מע זאַפּט אין זיך אַרײַן אַזויפיל

צאָרעס, מיט אומדערטרעגלעכע ליידן, און מיר טויגן נאָך אַלץ צום לעבן".

דאָס יונגע פּאָרפאָלק קלײַבט זיך אַריבערפאָרן פון סענדעריווקע קיין סלאָוועשנע. קומט אײַזיק פאַרויס א קוק טאָן, וואָס הערט זיך אין דער היים. ער וויל זיך „שטעלן ארבעטן אין אַר־טעל". קומט ער ניט אין קיין היים, נאָר אין א פּוסטקע. און פון א צווייטער זײַט גאַנוועט זיך ארײַן אין זײַן אייגענער שטוב דער טאַטע. ווײַזט זיך ארויס, אז דאָ האָבן ווידער געבאַלע־באַטעוועט די באַלאַכאָוועצעס. און דער טאַטע, דער „ראַבינזאָן", וואָס „קאָן אַלצדינג טאָן, מיט דער האַק און מיטן הובל, מיטן פאַלץ און מיטן מעסער", טוט אזוי רוּיִק א זאָג צו זײַן זון, זײַן „פּרײַטיק": „קום, לאָמיר מאַכן א שטיקל לאַד, וועלן מיר האָבן ווו צו איבערשלאָפן". און אָט ברענגט מען שוין א קריגעלע מילך פון אוליי־טען, און אָט קאָכט מען א קאַשע אָן א פּענדל אַפּילע.

„מיר האָבן זיך רוּיִק גענומען צו דער גע־שמאַקער קאַשע. די שמעקנדיקע סאָסנאָווע לאָ־פּעטקעס זײַנען אונדזערע לעפל, דער טיש איז געווען אי א טיש, אי א טעלער". און עטוואָס פריִער: „מיר איז איצט אַלץ אזוי ליב, און נײַ, און טשיקאַווע, פונקט ווי איך וואָלט אַלט גע־ווען זעקס יאָר (די איבעריקע צוואַנציק מעג מען דערווײַל ניט רעכענען, אז מע וויל), און דעריקער, אַבי מיטן לעבן, איז אַמאָל נאָך לי־בער שטיין און צוקוקן, וויאַזוי אַלץ הייבט זיך אָן פונסנײַ".

אַלץ, נאָר מיט פאַליען האָט זיך קיין „פונס־נײַ" ניט באַקומען. דאָ איז ניט שײַעך געווען קיין שום „ראַבינזאָנאַדע".

„אַפן וועג זײַנען אייניקע רויטאַרמייער ארוּף, אייניקע אראָפּ, אַנדערע זײַנען איבערגעגאַנגען פון איין וואַגאָן אין צווייטן, און דאָ איז אונדז אומגעריכט אָנגעגאַנגען אַנטקעגן קיִעוו — א שיינער, א וואַרעמער, א באַרגיקער, א ליכטי־קער". אין אָט דער ליכטיקייט איז אַרײַן אײַזיק, און פאַליע איז פאַרבליבן אינעם „אונטער־וועגנס" אַף ליידן און אומקום. זי אַליין האָט געוווּסט פון סאַמע אָנהייב, אז זי גייט „פון אומגליק צו בראָך".

„פון מײַנע טאָגביכער" טיילט אָפּ פון „אונ־טערוועגנס" לויט דער טעמע עטלעכע צענדליק יאָר. אָנגעשריבן איז עס אָבער קימאַט איינס נאָך איינס. דער הויפּט־פּערסאָנאַזש איז דאָ שוין ניט אײַזיק, נאָר אַליין דער שרײַבער, וועלכן ס'איז באַשערט געווען דורכמאַכן א נײַעם אונטערוועגנס אין די יאָרן פון דער גרוי־סער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. די מאַסשטאַבן פון דעם פאַלקס־אומגליק זײַנען אומפאַרגלײַכ־לעך מיט די, בא וועלכע דער שרײַבער איז בײַגעווען אין דער יוגנט.

„י.־ל. פּערעץ האָט געזאָגט אַף דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, — שרײַבט קיפּניס, — אז זי האָט איין פאַרדינסט: צוליב דער גרויזאַמקײַט און די לעבנס־פאַרלוסטן וועלן שוין מענטשן מער קיין מילכאָמע ניט פּראָוון. אַנאַטאָל פראַנס איז אויך געווען בא דער זעלבער מיינונג. האָבן זיי ניט געטראָפן... ווען זיי לעבן און טוען א קוק אַף דער איצטיקער סרייפע!!!"

אין די „טאָגביכער", ווו קיפּניס טרעט ארויס אין זײַן אייגענעם נאָמען, איז ער שוין א מאַן אין די מיטעלע יאָרן, א שרײַבער. דאָ איז עוואַ־קואַציע, באַגעגענישן מיט באַרימטע אוקראַיִני־שע שרײַבער אין א שווערער צײַט פאַר זייער היימלאַנד, יעדיִעס וועגן שרײַבער, אומגעקומענע אַף די פראָנטן, און נאָך און נאָך... ס'איז אָן אויסערסט אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל — פאַר־שריבן טאָג נאָך טאָג. דעם וועג פון קיִעוו ביזן ווײַטן הינטערלאַנד מאַכן דורך צוזאַמען מיטן שרײַבער זײַן פרוי, זײַן טאָכטער און דער זון. דער זון איז נאָך גאָר א קינד. איז אַף אים אויסגעגאָסן אָן א שיר ליבע. די טאָכטער איז א דערוואַקסענע און א געוואַגטע, ווערט צו דער ליבע צוגעמישט אויך שטאָלץ: „אגעוו, איז זי באַלוינט מיט א מעדאַל פאַר פאַרטיידיקן די גרויסע וואָלגעשטאָט.

מײַן קינד!..."

דער שרײַבער קיפּניס גייט האַנט בא האַנט מיט א פרוי, וועלכע ער רופט דווירל, די מו־טער פון זײַן זון. מיט איר צוזאַמען קומט ער איבער אַלע שווערקייטן פון דעם מילכאָמע־שטייגער, מיט איר צוזאַמען געניסט ער פון דער גוטסקייט פון מענטשן אין די קאַזאַכישע סטאַ־ניצעס, מיט איר צוזאַמען שליסט ער דעם „אונ־טערוועגנס" פון די מילכאָמע־יאָרן און קערט זיך אום אין זײַן געליבטן קיִעוו. זיי זײַנען מאַן און ווײַב. באַנאַנד מיט זייער זון און מיטן שרײַ־בערס טאָכטער פון דער ליבע „אָן א טאַם" בילדן זיי דאָס קעמערל, וואָס הייסט „פאַמיליע". און א פײַנע, אָן אָנשטענדיקע פאַמיליע. עס הערשט אין איר שאָלעם־באַיִס. די ליבע־טעמע האָט אָבער אין די „טאָגביכער" ניט געפונען פאַר זיך קיין אָרט. זי איז פאַרשווונדן צוזאַמען מיטן טמימעסדיקן אײַזיק. צי איז עס פאַרבונדן מיטן עלטער פון דעם שרײַבער? אָדער אין די מילכאָמע־יאָרן איז ניט געלעגן אין קאָפּ צו שרײַבן וועגן ליבע? נאָר ליבע, ווי מיר ווייסן, האָט געלעבט אויך אַף די פראָנטן, אין די פאַר־טיזאַנער־וועלדער, אַפּילע אין די געטאָ־בונ־קערס...

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו פאַליען. דאָס האָט דאָך איר געשטאַלט געבוירן די ווערסיע וועגן בערגעלסאָנס ווירקונג אַף קיפּניסן. אויב עס גייט אין מירעלע הורוויטש, איז פאַליע אין פיל הינזיכטן איר היפּעך. מירעלע וויל ניט און קען ניט קיינעם ליב האָבן. ס'איז איר אַפּי־לע דערווידער יענעמס ליבע צו איר. פאַליע איז דורכויסיק זעלבסט־אָפּפערונג און ליבע. מי־רעלע קען ניט שאָלעם מאַכן מיטן געדאַנק פון ווערן א מוטער. פאַליע טרוימט וועגן דעם קינד, וואָס איז נאָך ניט געקומען אַף דער וועלט, וועגן דעם קינד, פאַר וועלכן זי וועט אַמאָל קע־נען „אויסריידן דאָס האַרץ". און ס'איז ניט צו־פעליק, וואָס, אומקומענדיק אַליין, לאָזט זי איבער נאָך זיך א קינד. אין מירעלעס הערלעך

געשטאַלט פילט זיך, ווי פון געבוירן אָן, פאַרורטיילטקייט (ניט דאָ איז דאָס אָרט צו ריידן וועגן דער סיבע דערפון). פאַליע איז א פאַשעט קליינשטעטלדיק מיידל, וואָס איז פון דער נאַטור באַשאַנקען מיט סייכל און טאַקט. זי האָט געקענט אָרגאַניש אַרײַן אין א נײַעם לעבן. איז אויסער עלנט, הונגער און נויט איר באַשערט געווען נאָך אַן אומגליק. אונטערוועגנס האָט פאַרבלאָנדזשעט צו איר א יונגערמאַן — אַן אַלמען מיט זײַן ניט אויסגעלעבטער בענקשאַפט נאָך דער פאַרשטאָרבענער בוזיע און מיט... „אַף קיין גוט לעבן ריכט איך זיך ניט“...

פאַליע, די אָרעמע פאַליע, זי האָט זיך שוין אויסגעלערנט מעלקן די קו און האַלטן ציכטיק די שטוב. זי האָט זיך שוין אַפילע אויסגעלערנט אומגיין אַרום פרעמדע קינדער־יעסוימים אינעם קינדערהיים און האַנאַע האָבן פון דער אַרבעט און ווען אײַזיקן וואָלט באַשערט געווען א ווײַטערער וועג, ווי פון סענדעריוקע ביז סלאָוועשנע (דאָס „קירפּאַטע סטראַזשניקל“ פונעם כאַלעם איז דאָך אויך „פאָרגעפּיל“), וואָלט פאַליע גרייט געווען נאָכצוגיין אים ביז עק וועלט. איז פאַרוואָס האָט אײַזיק ניט אַרײַנגענומען זי אין דער „ראָבינזאָנאַדע“, אין זײַן נײַ לעבן?

דער דאָזיקער „פאַרוואָס“ קומט אוף ניט זעלטן בא אײַזיקן גופע:

„צוויי שטילע, ווילע, פיל־לײַדנדיקע מענטשן דערגייען פלוצעם צו געשפּעט און צו פּײַניקן איינער דעם צווייטן, אין דער צײַט, ווען זייער קאוואָנע איז געווען העלפן איינער דעם צווייטן, אַרויסווײַזן אין טאַט די אַכטונג, וואָס זיי פילן איינער צום צווייטן“.

יעדע טראַגעדיע לאָזט איבער נאָך זיך אַזא מין „פאַרוואָס“. אומקום, וויי, כאַראַטע — אין שעקספּירס טראַגעדיעס איז עס אַפילע קאַנאָניזירט.

די אומיטלבאַרע, פאָלקסטימלעכע דערציילמאַניר פאַרהיט קיפניס ביזן סאָף פון לעבן. אָט דערציילט ער אין די „טאָגביכער“ שוין אין אייגענעם נאָמען, אלס שרײַבער איציק קיפניס, וועגן הערשעלען, וואָס איז אומגעקומען אַפן פראָנט. אין דער קינדהײַט איז ער פלוצעם קראַנק געוואָרן אַפן האַרץ. ער איז שוין דאַן — דערציילט קיפניס — „געווען א גרויסינקער, א לאַנגלעכער, ווי א פישעלע, א געלינקער, אַן איידעלער (דערמאָנט זיך „אַן אײַנגעדעקטינקע, אַן אָפּגעשוירענינקע“. — ר. ר.). גראָד א געקרעפּטיקטן האָט אים אַרויסגעריסן די פײַנטלעכע קויל“.

פונקט אַזוי פאַשעט גיט קיפניס א זאָג וועגן דעם אוקראַאִנישן שרײַבער מאַקסים רילסקי, אַז ער „פאַרמאָגט אין זיך ליכטיקײַט“ און דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי אים, קיפניסן אַליין, האָט „געריירט ביז טרערן“ שאָסטאַקאָוויטשעס 7־טע סימפאָניע. און אָט איז באַטײַסק, און אָט איז סעסטראָרעצק... קאַזאַקישע פויערים — מענער, פרויען און קינדער נעמען אוף די אָנגעקומענע עוואַקוירטע. מע גרייט טישן. די פויערטעס, וואָס דערלאַנגען, ווײַזן אונדז א שיין פאַנעם: „נאַט, עסט, קאַרגט אײַך ניט. ס'איז דאָ“ און פלוצעם אַזא פראַזע: „באַקומען פון בוזי מילערן 200 רובל, וואָס האָבן לאַנג געבלאָנדזשעט איבער דער וועלט“. האָט אים שוין, הייסט עס, מילער געוויזן „א שיין פאָנעם“. איז עס בא אים מער אָנגעלייגט, ווי דאָס געלט גופע, וואָס איז אים אין יענע שווערע טעג געווען, ווי מע קען זיך פאָרשטעלן, ניט איבעריק. די בענקשאַפט נאָך דער פאַרלאָזטער היים, נאָך דער שיינער שטאָט קיִעוו, „וואָס איז אונדז נאָענט, ווי דאָס אייגענע העמד אַפן לײַב“, ווערט אויך באַוויזן אַף א ריין קיפניסישן אופן. די בענקשאַפט, וואָס כאַפּט אָן באַם האַרצן, איז פערזאָניפיצירט אין די „בריוו ניט קיין געעפנטע און ניט קיין געלייענטע“, אין די פעק צײַטונגען דאָרט, אין דעם היימישן בריוו־קעסטל. דאָס איז פון דעם מין דעטאַלן, ווי אין „כאַיעלע און פיניעלע“ דאָס פלעשעלע מילך, וואָס פלאַצט אָן איבערגעוואַרעמטס אין אויוון, ווען דאָס קינד אָן א מוטער גייט אויך אויס און בעמיילע נייטיקט זיך עס שוין ניט אין דער מילך. דאָס געפלאַצטע פלעשעלע ווירקט שטאַרקער פון דעם מעכטיקסטן דונער. און דאָ קומט נאָך צו דעם טאַטנס, אין דער מאַכט פון לעבנס־אינערץ: „יאָ, איז וואָס זשע וועלן מיר טאָן אָן א פלעשעלע?“

איך בין זיכער, אַז ווען קיפניס נעמט זיך שרײַבן וועגן א מײַדאַנעק, אָן אָשווענטשים, וואָלט ער אויך פאַר דער דאָזיקער גלאָבאַלער טראַגעדיע געפונען זײַן אייגענעם אינטימען נוסעך.

צו מײַן באַהויפּטונג, אַז קיפניסעס דראַמאַטיזם איז אופגעגאַנגען אַף די הייוון פון גליק, ווילט זיך מיר צום שלוס צוגעבן, אַז פונקט ווי די זון קוקט אַרויס דורך א כמאַרע, איז דער צאַפּל פון גליק, די האַרמאָניע פון מענטש, נאַטור, וועלט אין קיפניסן קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן געוואָרן.

דער אָנהייב פון ראָמאַן „אונטערוועגנס“:

„סײַ פון פאָרן, סײַ פון גיין ערגעץ איז ניט געווען שײַעך צו ריידן און אַפילע צו טראַכטן.

איך בין געזעסן אַף איין אָרט, ווי א ציגל, ווי א שפּאָן, אַן אָפּגעבראָכענער פון שטאַם, וואָס וואַלגערט זיך אין וואַלד־געדיכטעניש און קיין שום באַלן זוכט זיך אַף דעם ניט אָפּ“.

איז וואָס קאָן שוין זײַן ערגער?

א ביסל ווײַטער גייט שוין אײַזיק יאָ פון איין שטעטל אינעם צווייטן. ער שטעלט „ניט קיין שטאַרק גיכע טריט, ווײַל די שיך האַלטן זיך קוים“... „נאָר סײַווי איז מיר גוט אַפן האַרצן. איך שמייכל, און אַלץ אַרום מיר שמייכלט. ניין! די וועלט קאָן נאָך זײַן זייער א גוטע, און איך זאָל אין דער דאָזיקער וועלט אויך ניט פאַרפאַלן ווערן“.

דאָס קעפּל „אונטערוועגנס“ דינט קיפניסן ניט בלויז אַלס כאַראַקטעריסטיק פון א באַשטימטן צײַט־אָפּשניט אין דעם לעבן פון זײַן העלד. ניט אומזיסט, ווי דאָס האָט אויסגעזען פאַר זײַטיקע, האָט אײַזיקן געוואָרפן פון שטעטל צו שטעטל. אין „אונטערוועגנס“ געפינען מיר היפּש אָנדײַ־

9—487

טונגען אַף דעם, וויאַזוי, שוין דאַן, אין די יאָרן פון בירגערקריג, האָט אין אײַזיקן גערײַפט דער טאַלאַנט פון דעם צוקינפטיקן שרײַבער. אַף די וועגן האָט ער „געקראָגן שפּײַז, אַזאַ שפּײַז, וואָס מע פאַרשפּאַרט צו איר שופלאָדן און פּאָליצעס". וויפל שיינע טרוימען זײַנען בא אים אופגעקומען אונטערוועגנס.

„אין דער היים וועל איך טרעפן געזונט אַלע מײַנע פרײַנט און וועל מיט זיי ריידן און דערציילן פאַרשיידענע זאַכן. נאָר אין די שאָען, ווען איך וועל זײַן מיט זיך אַליין, וועל איך זיך געפינען א ווינקעלע אַף שטעלן דעם טינטער, אַף אויסשפּרייטן א בויגן פּאַפּיר; מיט אים, אַז איך טייל זיך, מאַכט ער מיך קיינמאָל ניט צום נאַר. ער זוכט אַף מיר קיינמאָל ניט קיין כעסרוינעס. פאַרקערט, ער העלפט מיר זיך שטאַרקן. און ניט איין מאָל רוימט ער מיר אײַן גלײַך אין האַרצן אַרײַן: נאַרעלע, קלער ניט אַזוי, פאַל בא זיך ניט אַראָפּ. פאָלג מיך, דו ביסט ניט ערגער פון לײַטן..."

אין אַזעלכע שטעלן גיסט זיך דער פּערסאָנאַזש בעעמעס צונויף מיטן שרײַבער, וועלכער האָט זיך גאָר איניגיכן קוינע־שעם געוועזן אַלס דער שרײַבער איציק קיפּניס.

בעבע קיפּניס שרײַבט מיר אין א בריוו, אַז די דאָקטוירים און די קראַנקן־שוועסטער אין שפּיטאָל, ווו ס'האָט פאַרענדיקט זײַנע טעג איר פאָטער, האָבן אים געהאַלטן פאַרן סאַמע רויִקן און באַשיידענעם כוילע. זיי האָבן אים גערופן „דער פילאָסאָף". ער האָט גאָרנישט ניט געפאָדערט. קיינמאָל צו קיינעם קיין טײַנעס ניט געהאַט. ווען די פלאָגן פון זײַן שווערער האַרץ־קראַנקהײַט פלעגן אים אָפּלאָזן, פלעגט ער זיך נעמען דערציילן וועגן ליטעראַטור און קונסט.

קיפּניס איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו דער נאַטור, ביפּראַט פון אוקראַיִנע. אים איז טײַער געווען יעדעס סטעזשקעלע צווישן שטעטל און דאָרף, יעדער נעסט אַף א בוים און דער בוים גופא. שוין לעבנדיק אין דער גרויסער שטאָט, פלעגט ער, ווי ער דערציילט אַליין, „אין די גאַנצפרײַען אָפּשטיין שאָענווײַז אַף דער גאַס און ציילן די מילכיקערנס, וואָס ציִען זיך פון וואָקזאַל צי פון האַפן מיט די בידאָנעס מילך אַף די קאַראָמיסלעס". אין דער פאַרשטעלונג האָט ער איינצײַטיק געזען די דאָזיקע מילכיקערנס „אין פעלד און אין גאָרטן, אין סאָד און אַפן באַשטאַן, לעבן די גרינע לאָנקעס"... ער האָט ליב געהאַט ציכטיקײַט, שיינקײַט, פרייִלעכקײַט. דעריבער, מיסטאַמע, האָט ער אין די לעצטע טעג פון זײַן לעבן קיינעם, אויסער דער טאָכטער, צו זיך אין פּאַלאַטע ניט צוגעלאָזט. און אָט אַזוי א מילדער, א שטילער איז ער אויסגעגאַנגען 7 פאַרנאַכט דעם 16 אַפּרעל פון 1974 יאָר.

פונקט ווי פון בוזיעס „שטיבל" אַפן הייליקן אָרט, שטראָמט פון קיפּניסעס טרויער א ליכטיקײַט. אין אונדזער שטורמישער צײַט, מיט איר ראַש, מיטן גערודער, מיט די אומרויִקע דערוואַרטונגען, מיטן מוירעדיקן מאַנגל אין צײַט, וואָס שטערט אונדז אָפט אַרומצוקוקן אַרום זיך און אַרײַנקוקן אין זיך, ווירקט באַזונדערס קיפּניסעס שטילקײַט, איידלקײַט, זײַן ליריש־דערציילערישער נוסעך, וואָס איז אַן אָפּשפּיגלונג פון זײַן האַרמאָנישער נאַטור.

קיפּניס האָט אָנגעשריבן וועגן דעם שטעטעלע סלאָוועשנע אין וואָלינער געגנט, ווו ער איז געבאָרן געוואָרן דעם 12 דעקאַבער 1896 יאָר, נאָך א ווערק, דערווײַל א ווייניק באַקאַנטס, „מײַן שטעטעלע סלאָוועשנע". איצט, ווען מיר האָבן זיך שוין אויסגעלערנט צו שעצן אַלטערטימלעכקײַטן, וועלכע ווערן זאָרגזאַם אָפּגעהיט, האָט דאָס דאָזיקע ווערק גאָר א באַזונדער באַדײַט. דאָס ייִדישע שטעטל האָבן מיר שוין פאַרשפּאַרט אָפּצוהיטן. עס איז אָפּגעמעקט פון דער ערד. לעבן קען עס בלויז אַלס א קינסטלערישער דענקמאָל.

די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט איציק קיפּניס גענאָסן פון רו אין זײַן שיינעם קאַבינעט אין קיִעוו אין דער מעסיבע פון פרײַנט און ביכער.

„טרוקענע געפאַרבטע ברעטער פאַר די ביכערשרענק" — אַזוי הייסט דאָס לעצטע קאַפּיטל פון די „טאָגביכער". א מונטערער, א פרייִלעכער שפּאַנט דער שרײַבער איבער די באַפרײַטע פון די דײַטשן קיִעווער גאַסן און טראָגט אַפן אַקסל א בינטל טרוקענע ברעטער.

„— רעב ייִצכאָק־אײַזיק, דער זון פון נאָכעם־אַריע־לייב, — ווענדט ער זיך אין געדאַנק צו זיך אַליין, — גיי גיב אָפּ קאָוועד דײַנע ביכער.

ביכער זײַנען ליכט... אַף די פּאָליצעס, וואָס איך טראָג פאַר זיי, וועלן מײַנע ביכער זיך אויסשטעלן אין א שיינער אָרדענונג. ס'איז שוין געווען, נאָר אומענטשן האָבן עס צעבראָכן און צעשטאָכן. איצט ביסטו צוריק אין דער היים מיט דײַן קליינינקער מעלוכע און בויסט פונסנײַ אַלץ. טאָ וויש אויס די טרער, געפין פאַר זיך טרייסט און האַלט ערלעך דאָס לעבן... מע דאַרף אַזוי..."

„האַלט ערלעך דאָס לעבן" — אין דעם באַשטייט די זייער פּאַשעטע און די זייער דערהויבענע פילאָזאָפיע פון איציק קיפּניסעס קינסטלערישן וואָרט.

ייסראַעל סערעבריאַני

נײַע נעמען

דער געניטער און דערפאַרענער ייִדישער סאָוועטישער לייענער וועט, מיסטאָמע, איבערלייענענדיק דאָס קעפּל פון אונדזערע נאָטיצן, א ביסל זיך פאַרוווּנדערן און אפן ייִדישן אויפן פרווון אַן אמפּער טאָן זיך מיטן אווטאָר:

— פונוואַנען האָבן זיך גענומען „נײַע נעמען”? א פאָרעך האָט זיי פאַרלאָרן?..

וועלן מיר אים אויך ענטפערן אפן ייִדישן אויפן:

— זעט איר דאָך!..

צי קאָנט איר אָפּלייקענען א פאַקט? עס זײַנען דאָ נײַע נעמען, און אפילע גאַנץ היפּש. שוין אָט א גוטער צענדליק יאָר, אַז קימאַט אין איטלעכן נומער פונעם זשורנאַל באַווײַזן זיך אומבאַקאַנטע נעמען פון אווטאָרן, וואָס דרוקן דאָ קומענטאַלע פּראָזע, לידער, פאַרצייכענונגען, זיכרוינעס.

קיינער פון די לייענער האָט נאָך דערווײַל די דאָזיקע ווערק ניט „אָפּגעטראָגן צוריק” אין זשורנאַל, פאַרקערט, עס זײַנען דאָ אין פאָרטפעל פון רעדאַקציע, אַף וויפל אונדז איז באַוווּסט, גוטע און אפילע באַגײַסטערטע אָפּרופן אַף די נײַע שאַפונגען.

איז לאָמיר פריִער פאַר אַלץ זיך פּרווון פאַנאַנדערקלײַבן אין דער דאָזיקער אויסטערלישער ליטעראַרישער דערשײַנונג.

ווער זײַנען זיי, די דאָזיקע „נײַע נעמען”?

קעדיי אַרײַנטראָגן א קלאָרקײַט אינעם איניען, דאַרף מען די דאָזיקע נעמען צעטיילן אַף צוויי קאַטעגאָריעס: די ערשטע און גרעסטע קאַטעגאָריע באַשטייט פון מענטשן, וועלכע האָבן שוין אַמאָל זיך געדרוקט אין די ייִדישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, נאָר צוליב פאַרשיידענע פּערזענלעכע סיבעס א ריי יאָרן געשוויגן. לויט זייער עלטער געהערן זיי צו די, וואָס מאַכן דורך די „באַוועגונג” (כאָטש מיט גאָר אַנדערע ניואַנסן), וועלכע דער באַוווּסטער אַקטיאָר און שרײַבער אַווראָם מאָרעווסקי האָט אַמאָל אָנגערופן: „אַהין און צוריק!” (זע זײַנע ביכער־מעמואַרן אונטערן זעלבן נאָמען). אַזוינע אייגנאַרטיקע „אָנפאַנגער” פאַרמאָגט בלויז די ייִדישע ליטעראַטור, און דאָס איז איינע פון אירע באַזונדערקײַטן. עס גייט א רייד וועגן אַנטדעקטע „לאַמעדוואָווניקעס”, וועלכע זײַנען שוין פון לאַנג געבאָרן געוואָרן אַלס דיכטער און פּראָזאַיִקער, נאָר זיי האָבן א לאַנגע צײַט געלעבט ווי „ניסטוירים” און ערשט ניט לאַנג צוריק זיך אַרומגעזען, אַז „עפּעס האָבן זיי פאַרלאָרן”, און, ווי עס שטייט אין דער פאָלקסליד, האָבן זיי זיך איצט א לאָז געטאָן זוכן זייערע „יונגע יאָרן”. לאָמיר זיי ווינטשן, אַז די אַמאָליקע יונגע יאָרן זאָלן זיי ניט אָפּזאָגן („ניין, ניין, ניין! מיר וועלן ניט גיין! ס׳איז ניטאָ צו וועמען!”), ווײַל עס איז נאָך דאָ „צו וועמען”...

צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע „נײַע נעמען” געהערן די פּראָזאַיִקער און דיכטער כאַיִם גורעוויטש, פיניע פּלאָטקין, באָריס מאָגילנער, ליפּע העלער, זיאַמע טימענטשיק, וועלוול ווערניק, די אָפּגעזוכטע עטוואָס פריִער מיצאַד „סאָוועטיש היימלאַנד” פּיניע קיריטשאַנסקי, מישע מאָגילעוויטש, מאַקס ריִאַנט און, ווי איך מיין, אפילע... כאַיִםביידער, וועלכער האָט די לעצטע צײַט דורכגעמאַכט אַזא האַסטיקן שפּעריִשן ווּקס אין פאַרשיידענע זשאַנרען, אַז ווערגעליס האָט אים איצט אין זײַנער א נאָטיץ אָנגערופן מיט רעכט אַלס איינעם פון די „רעכטפּלאַנגיקע” אין דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער פּאָעזיע; און דאָך, גאָר ניט לאַנג צוריק איז אין דער „ספּראַווקע” פון דער דיכטערישער זאַמלונג „האָריזאָנטן” (1965) געזאָגט געוואָרן וועגן כאַיִם ביידערן, אַז „ער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1934 און ווױנט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק”, און ווײַטער — א געוויסער „אַנטראַקט”, ביז דער באַגעגעניש פון דעם רעדאַקטאָר מיטן קומענדיקן אווטאָר פונעם זשורנאַל, וועגן וועלכער עס רעדט ווערגעליס אין „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִא” פון 26 מײַ 1978. פאַרשטייט זיך, ביידערס שאַפן איז שוין איצט אַזוי וואָגיק, אַז ס׳איז מאַמעש א כידעש, וואָס ערשט ניט לאַנג צוריק איז ער נאָך געווען צווישן די „נײַע נעמען” אין דער ליטעראַטור.

די דאָזיקע קאַטעגאָריע שרײַבער ביכלאַל מאַכט איצט דורך איר „ווידערוווקס” אַף אַן אַקסעלעראַטיוון אויפן, און זי זעצט פאָר צו שפּאַנען אין דער שערענגע פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ליטעראַטור. אייניקע (נאָכעם פרידמאַן, יאַשע טשערניס, יויסעף איצקאָוו, פייסי יאַנאָווסקי, זיאַמע טימענטשיק) זײַנען שוין איצט ניטאָ מיט אונדז, און אונדזער פריִאָדיק

פאַרעפנטלעכט שוין פון צײַט צו צײַט מאַטעריאַלן פון זייער „ליטעראַרישער ירושה״. אָט אַזוינע „נײַע נעמען״ זײַנען עס! זיי נעמען איבער די „עסטאַפעטע״ אין דער ליטעראַטור און טראָגן זי מיט אַלע זייערע קויכעס, און עפשער מער פון זייערע קויכעס... אייניקע האָבן שוין באַוויזן, אַז ס׳איז „נאָך דאָ צו וועמען״, אַנדערע ראַנגלען זיך נאָך דערווײַל, און אייניקע, ווי מיר זעען, זײַנען שוין אַפילו „געפאַלן אַף די פּאָזיציעס״, און זיי קומט אַ לויב, ווי זאָגט מען, „פּאָסמערטנאָ״. זיי האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן געקענט...

דאָס אַלגעמיין־כאַראַקטעריסטישע פאַר די נײַע דיכטער־נעמען איז דאָס, וואָס אַלע זיי זײַנען געקומען מיט יוגנטלעכע מאָטיוון און טעמעס, מיטן פּאַטאָס פון „אָנפאַנגער״. און ווען מיר ווייסן ניט דעם סאָד פון זייער עלטער, וואָלטן מיר זיכער געמיינט, אַז דאָס זײַנען טאַקע עמעסע יוגנטלעכע, מיט דער „מאַמעס מילך אַף די ליפּן״...

אָט גיט אַף טשיקאַוועס אַ לייען די לידער פון כאַיִם גורעוויטשן (ווי דאָסראָוו נײַע דיכטער, שרײַבט ער אויך פּראָזע):

פון זייער לאַנג פאַראַן בײַ מיר
אַ קלאַל, וועלכן כ׳קאָן קיינמאָל ניט פאַרגעסן:
אויב אַ וויוגע — איז אַזאַ ווי אין סיביר,
אויב אַ געוויטער — איז אַזאַ ווי אין פּאָלעסיע.
אויב אַ וויוגע — איז מיט אָט דער זעלבער
קראַפט,
ווי אין צײַט פון ליבע בײַ אַ יונגער כײַע,
אויב אַ געוויטער — איז דעם הימלשן לאַנדשאַפט
אַ בוראַוועטאָן מיט שטעכנדיקן פײַער...

(„סאָוועטיש היימלאַנד״, 1977, נומ. 1)

ווען איר לייענט ניט איבער דערבײַ די נאָטיץ־באַגריסונג פון דער רעדאַקציע צום 60־טן געבורטסטאָג פונעם דיכטער, וואָלט איר זיך לײַכט טויע געווען אין זײַן עלטער.

יאָ, עס דוכט זיך, אַז דאָס שרײַבט אַ גאָר יונגער פּאָעט. די דעקלאַראַטיווע אַרויסרופערישע אינטאָנאַציע, דער פּאַטאָס פון די שורעס דערמאָנען אונדז די יוגנטלעכע לידער פון מאָטל האַרצמאַן, העניעך שוועדיק, בוזי אָלעווסקי, כאַיִם לעווין און אַנדערע ערעוו־מילכאָמעדיקע יונגע דיכטער.

גיכער פאַר אַלץ איז עס טאַקע ניט קיין נײַע ליד באַם דיכטער כ. גורעוויטש, נאָר אַ קינסטלערישע רעמיניסצענציע פון זײַנע בעעמעס יוגנטלעכע לידער, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך. ער האָט דאָך אויך אַמאָל געשריבן און איז איינער פון די אויטאָרן פון אַ מינסקער לידער־זאַמלונג, וואָס איז אַרויס אין 1940 (מיטן אָנטייל פון כ. גורעוויטש, אי. באַרוכאָוויטש, ס. לעלטשוק און פּ. פּלאָטקין). דער לעצטער געפינט זיך איצט אויך צווישן די „נײַע נעמען״. אויך ער איז באַוואָרנט פון דער רעדאַקציע מיט דער געהעריקער באַגריסונג צו זײַן 60־טן געבורטסטאָג, מיר זאָלן, כאָלילע, קיין טאָעס ניט האָבן.

מיטן זעלבן יוגנטלעכן ברען שרײַבט פּיניע פּלאָטקין וועגן „זײַן קאַנט״:

דו האָסט באַשײַנט מיך און וועסט נאָך באַשײַנען.
ס׳האָט קיינער מיך אַהערצו ניט פאַרנאַרט.
די ראַבינעס און די בעריאָזעס דײַנע
כ׳האָב ליב ביז ווייטעק, אופריכטיק און צאַרט.
מיך פרייט, ווען פרי דער ווינטער גייט אַריבער,
ווען פרי דער פרילינג גוטע רעגנס ברענגט.
איך וועל זיך ניט אַנטווייגען פון מײַן ליבע —
זי איז אין בלוט בײַ מיר, אין מײַן געביין.

(דאָרטן, 1975, נומ. 3)

גלײַכצײַטיק מיט די יוגנטלעכע לײַדנשאַפטן און יוגנט־מאָטיוון, וואָס מיר געפינען קימאַט בײַ יעדערן פון די נײַע דיכטער־וועטעראַנען, באַגעגענען מיר אין זייער שאַפן אָן אַ שיר אַקטועלע מאָטיוון פונעם סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן פון דער הײַנטצײַטיקײַט און באַזונדערס פון די מילכאָמע־יאָרן, וועלכע איטלעכער פון זיי קאָן ניט פאַרגעסן, ווײַל זיי האָבן אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, איבערגעלעבט אירע היסטאָרישע זיגן און גרויזאַמע פאַרלוסטן. אומעטום פילט זיך לעבנס־דערפאַרונג און סאָוועטישע וועלט־אויפפאַסונג. דער זשאַנער פון אָט דער קאַטעגאָריע דיכטער באַשטייט דאָסראָוו פון קליינע לירישע, אַפילו מיניאַטורישע לידער אַף די פאַרשיידנסטע אַקטועלע און פּאָליטישע טעמעס. אָפט זײַנען דאָס דערמאָנונגען און אַסאָציאַציעס, עקסקורסן צו דער ניט ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט. פּיניע פּלאָטקין שרײַבט וועגן דער נאָכמילכאָמע־צײַט („סאָוועטיש היימלאַנד״, 1975, נומ. 3), כאַיִם גורעוויטש — וועגן אַנאַ פראַנק (1974, נומ. 9), ליפּע העלערן כאָלעמט זיך אַלץ די מילכאָמע (1974, נומ. 9), וועלוול ווערניק שרײַבט פאָלקסטימלעכע מאָטיוון, אויך אַ רעפּאָרטאַזש „צוגאַסט אין הײַסין״ (1975, נומ. 6, 12), פּיניע קיריטשאַנסקי לאַדט אונדז אײַן צו זיך אין שטאָט, ווו עס שמעקט מיט ליבע און מיט זומער; דאָרט קומט פאָר אַ מין צוזאַמענפאָר פון בלומען־ציכטלערנס (1975, נומ. 6). מיר באַגעגענען אויך אַנדערע מאָטיוון — פון מילכאָמע און שאָלעם, אַנטיפאַשיסטישע און אַנטי־אימפּעריאַליסטישע טעמעס, לידער וועגן קאַמף פאַר שאָלעם און ליבע צום סאָציאַליסטישן היימלאַנד.

אויסער די אַלגעמיינע מאָטיוון פאַרמאָגט נאָך איטלעכער פון די דערמאָנטע דיכטער זײַנע אייגענע, דעראָבערטע אין די לעצטע יאָרן טעמעס, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט זייער נײַעם וווינאָרט און נײַעם לעבן. באַגלײַך מיט לידער — דערמאָנונגען פון דער אַלטער היים (אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד), שאַפט דער דיכטער געזאַנגען וועגן זײַן נײַער היים, וועגן אירע מענטשן און נאַטור, וועגן דער דאָרטיקער נאַציאָנאַלער פאָלקסשאַפונג (זע כאַיִם גורעוויטשעס „פון מאָנגאָלישן פאָלקלאָר״, „אַ בוריאַטישער מאָטיוו״ אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ נומ. 1, 1971). דאָס טראָגט בעפיירעש אַרײַן עטוואָס נײַס אין דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער לי־

טעראטור, גיט איר צו נײַע פארבן, פארברייטערט די האָריזאָנטן און פארטיפערט אירע אינטערנאציאָנאליסטישע טענדענצן.

מע דארף אויך אָפמערקן, אז א געוויסער טייל פון אָט די שרײַבער האָבן זיך ניט פּראָפעסיאָנאליזירט אינעם ליטעראַרישן צעך. זיי זעצן פאָר זייער ארבעט אף די פאבריקן און זאוואָדן אָדער אין די לערן־אנשטאלטן אלס אינזשעניערן, ארבעטער, מעדיקער, פעדאגאָגן. דאָס טראָגט ארײַן אין זייער שעפערישער ארבעט באזונדערע אייגנשאפטן. איטלעכע פּראָפעסיע אין אונדזער צײַט, דערין די שרײַבערישע (עפשער נאָך מער ווי אנדערע), פאָדערט א סאך ענערגיע און אופמערקזאמקײַט, און אויב דאָס איז ניט מער ווי א „האָבי", קאָן מען פון דעם קיין סאך ניט דערווארטן. עס וואָלט געווען, פארשטייט זיך, לײַכטזיניק פון אונדזער זײַט, מיר זאָלן רעקאָמענדירן די אָנגערופענע אווטאָרן צו ווארפן זייערע פּראָפעסיעס און זיך אָפגעבן אינגאנצן דער ליטעראטור, האגאם ענלעכע פרעצעדענטן זײַנען דאָ (אשטייגער, אזא מין נײַער נאָמען, ווי באָריס מאָגילנער, וועלכער האָט זיך ניט לאנג צוריק, אין מעשעך פון פיל יאָרן, פארנומען מיט פעדאגאָגישער ארבעט און לעצטנס זיך אינגאנצן פּראָפעסיאָנאליזירט ווי א שרײַבער; ער ווײַזט איצט ארויס א גרויסע פּראָדוקטיווקײַט סײַ אין דער דיכטונג, סײַ אין דער פּראָזע, אזוי, אז וועגן אים פאָדערט זיך שוין, פונקט ווי וועגן כאַיִם ביידערן, א ספּעציעלע אָפּהאנדלונג).

ניט לאנג צוריק איז געשטאָרבן זיאמע (שמועל) טימענטשיק פון ריגע, וועלכער איז אויך באקאנט געוואָרן די ברייטע לייענער אדאנק די אָפטע אין די לעצטע יאָרן פובליקאציעס אף די זײַטן פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". אין דער זעלבער צײַט איז קלאָר, אז קיין „אָנפאנגער" קאָן מען אים ניט אָנרופן. מיר האָבן געהאט פאר זיך א שעפער מיט א ליטעראַרישער און פאָליטיש־געזעלשאפטלעכער דערפארונג. לידער האָט ער נאָך אָנגעהויבן שרײַבן אין די יונגע יאָרן. זיי האָבן זיך געדרוקט אין דער לעגאלער און אומלעגאלער פרעסע פונעם בורזשואזן לעטלאנד. דעם עמעסן טיקן אָבער האָט זײַן שרײַבערישער טעמפּעראמענט באקומען אין סאָוועטישן זשורנאל. עס האָט זיך פארגעדענקט טימענטשיקס פארצייכענונג וועגן ריגע „אין מילכאָמע־פלאם" (1977, נומ. 11), זײַן פאטריאָטישער לידער־ציקל „ס'איז פיל מיר געגעבן" (1974, נומ. 5), די „סאטירישע פערזן" (1977, נומ. 9).

ענדלעך, ווי א באזונדערע דערשײַנונג, דארף מען שוין דאָ דערמאָנען דעם דיכטער אלעקסאנדער בעלאָוסאָוו, א רוס לויט דער נאציאָנאליטעט, וועלכער דרוקט זיך סיסטעמאטיש אין זשורנאל, אָנהייבנדיק פון 1969. וועגן זײַנע לירישע לידער האָט מען שוין געשריבן בא אונדז און אין אויסלאנד. ער איז אפילע ארײַן אלס ייִדישער דיכטער אין לעקסיקאָן, וועלכער ווערט צוגעגרייט מיצאד דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". בעלאָוסאָוו איז בעעמעס א נײַער נאָמען און א טשיקאווע דערשײַנונג אין דער ייִדישער ליטעראטור. דער דיכטער איז נאָך יונג. געבוירן געוואָרן אין 1948.

נײַע נעמען פון דער צווייטער קאטעגאָריע געפינען מיר הויפּטזאכלעך צווישן די אויסגעשפּראָכענע פּראָזאיִקער, דה., אזעלכע, וועלכע שרײַבן ניט קיין לידער, בלויז פּראָזע. דאָס זײַנען ייִנגערע לויטן „סטאזש" שרײַבער, וואָס האָבן ביזן דערשײַנען פון „סאָוועטיש היימלאנד" אָדער ביכלאל זיך ניט געדרוקט, אָדער ניט געדרוקט זיך אין ייִדיש.

טאקע אינגאנצן נײַע נעמען און בעעמעס יונגע זײַנען בראָכע און ארן בורשטיין. ענדלעך האָט זיך אויך אין דער ייִדישער ליטעראטור, „ווי בא לײַטן", באוויזן א קאָלעקטיווער אווטאָר (ווי, אשטייגער, אילף און פעטראָוו און די ברידער טור אין דער רוסישער ליטעראטור. מיר ווינטשן דעם צווילינג בורשטיין ניט קיין ערגער ליטעראַריש מאזל, ווי בא די אויבנדערמאָנטע). דער אָנהייב איז בא זיי א גוטער, א צוזאָגנדיקער, ווײַל זיי זײַנען גלײַך געקומען מיט אייגנס און ווילן עס באווײַזן דער וועלט.

אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" האָבן די בורשטיינס מאמעש אָקאָרשט זיך באוויזן מיט א ציקל „ניט קיין אויסגעטראכטע דערציילונגען" (נומ. 11, 1976 און נומ. 7, 1977). דאָס איז אַן אווטאָביִאָגראפישע געשיכטע פון אַן „אינטעליגענטער ייִדישער מישפּאָכע", וועלכע האָט באם אויסברוך פון דער מילכאָמע איבערגעוואנדערט פון א שטאָט בא דער מײַרעוו־גרענעץ אין א ווײַט דאָרף פון צאָפן־סיביר. די געשיכטע דערציילט אונדז א יונגע פרוי, איצט א וויסנשאפטלעכע טוערן, וואָס איז דאַן געווען א זיבניאָריק מיידעלע און אזויארום דורכגעמאכט איר גאנצע קינדהײַט און די שול־יאָרן אין שווערע באדינגונגען פונעם דאָרפס־לעבן אין דער צײַט פון מילכאָמע.

לויט דער „ספּראווקע" פונעם זשורנאל, האָבן די אווטאָרן זיך שוין געדרוקט אין אוראלער רוסישע פעריִאָדישע אויסגאבעס, און דאָס איז זייער דעביוט אף ייִדיש. די סיבע, וואָס האָט געשטויסן דאָס פאָרפאָלק בורשטיין, צוויי יונגע אינזשעניערן אפן אוראל, איבערצוגיין צו ייִדיש, איז אונדז ניט באוווסט. מע קאָן זיך נאָר מעשאער זײַן, אז דאָס איז אויך א מין ווארִיאציע פון דעם „אהין און צוריק", — א פארבענקעניש נאָך די פריִע יאָרן, האגאם די בורשטיינס זײַנען נאָך גאנץ יונג, די ייִנגסטע אין אונדזער ליטעראטור (אגעוו, ברענגען טאקע די אווטאָרן אין א שפּעטערדיקער דערציילונג אויסצוגן פון דער אויבנדערמאָנטער אין אַן ענלעכן קאָנטעקסט פאָלקסליד; זע „שפּײַז פאר א גאָלדן פישעלע", וואָס איז געבויט אף א דערמאָנונג פון די ראָמאנטישע „יונגע יאָרן").

דער קער צו ייִדיש איז, ווי ס'איז צו זען סײַ פונעם אינהאלט און סײַ פון דער שפּראַך אין די פובליקירטע ווערק, ניט קיין צופעליקער,

ווען מיר נעמען אין אכט די געבורט־שטעט פון די אוטאָרן — טשערנאָוויץ און קיִעוו. דאָס זײַנען שטעט מיט ייִדיש־ליטעראַרישע טראַדיציעס. די פאָלקסטימלעכע ייִדישע שפראַך איז די בורשטיינס אפּאָנעם גאַנץ נאָענט, כאָטש עס טרעפן זיך בא זיי דערווײַל אויך אייניקע קוריאָזן, וואָס מאכן אפילע א קאָמישן אײַנדרוק (ווען, אשטייגער, אַן אכטיאָריק מיידעלע ווענדט זיך צו א רוסישן דאָרף־ייִנגעלע פונעם זעלבן עלטער מיט אזא מין העברעיִשן וואָרט ווי „האיִטאָכן״: — ליאָנקע, האיִטאָכן? וואָס הייסט, כ׳וועל גיין אין דײַנע וואָליקעס״?).

אזעלכע בײַשפּילן וואָלט מען געקענט ברענגען ניט ווייניק. די אוטאָרן באנוצן זיך אמאָל מיט העברעיִשע ווערטער דאַן, ווען מע קאָן זיך באגיין אָן זיי, עס טרעפט, אז דער דאָזיקער מאנגל פארקריפּלט דעם געדאנק און דאָס בילד. עס מאכן זיך אויך אייניקע ניט באַרעכטיקטע רוסיציזמען. אָבער דאָס אלץ פארמינערט ניט די אלגעמיינע קינסטלערישע ווערט פון די דערציילונגען, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן אין א נאָרמאלער און פאָלקסטימלעכער שפּראַך, מיט א סאך אָרגאנישע ייִדישע פאָלקסווערטלעך, פארגלײַכן, עפּיטעטן.

און נאָך זייער א וויכטיקע אייגנשאפט פון די אוטאָרן און זייערע ווערק: סײַ די אוטאָביִאָגראפישע דערציילונגען, סײַ די פארצייכענונגען און אנדערע שאפונגען זײַנען דורכגעדרונגען מיט וויסן און קולטור, מיט ליריזם, מיט עכטער ליבע און אכטונג צום אָביעקט פון דער שילדערונג.

אין די פינף נומערן פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״, ווו עס האָבן זיך ביז איצט געדרוקט בראָכע און ארן בורשטיינס ווערק — פון 1976 ביז 1978 — האָבן די יונגע שרײַבער אונדז באוויזן מוסטערן פון פארשיידענע פּראָזאִישע זשאנרען: אוטאָביִאָגראפישע „ניט אויסגעטראכטע דערציילונגען״, א רעאליסטיש־ראָמאנטישע דערציילונג „שפּײַז פאר א גאָלדן פישעלע״, א פאָר דאָקומענטאלע דערציילונגען „פּאָדפּאָלקאָווניק פון מיליציע באָריס קריס״ און „צוגאסט בא די קאָמי־פערמיאקעס״, א קינסטלערישע פארצייכענונג „דער באלעבאָס איבערן אופרײַס״.

ניט בלויז די פארצייכענונגען, נאָר אויך די דערציילונגען זײַנען „ניט קיין אויסגעטראכטע״. זיי זײַנען רעאליסטיש, עמאָציִאָנעל און אינערלעך־דאָקומענטאל. קימאט אומעטום נעמען אין זיי אָן אָנטייל די אוטאָרן גופא.

אין די ערשטע דערציילונגען טיילט זיך באזונדערס אויס די ליבע צו די ביז איצט פאר אונדז אומבאקאנטע מענטשן און צו דער סיבירער נאטור, צו די שטוביקע כײַעס און צו דער גאנצער ניט געוויינלעכער פאר דער ייִדישער ליטעראטור ארומרינגלונג. מע וואָלט געקאָנט ציטירן א סאך פון די פּרעכטיקע אָנגעמאָלטע פּייזאזשן, ברענגען מוסטערן, וויאזוי עס ווערט געשילדערט די באלעכאיִם־וועלט — דאָס „קורצזיכטיקע״ אלטע פערד סיערקאָ, דער הונט גניעדקאָ מיט דער אָפּגעברענטער זײַט, די הינקענדיקע וואָראָנוכע און עטלעכע לאָשעקלעך און באזונדערס דאָס טײַכל „טשיזשיק״:

„איך האָב ליב אין דער שטילער צײַט פון מיט טאָג שפּאצירן אפן ברעג פונעם טײַכל, פּאָשעט גיין פון דער אלטער מיל און ווײַטער, אונטער דער טשעריאָמוכע... איך לאָז זיך אראָפּ צום וואסער, גיי ארײַן ביז די קני און דערפיל מאמעש דעם טאם פון גאנעידן. דער זאמדיקער גרונט שפּרייט זיך פרײַנטלעך אונטער די פיס, דאָס וואסער לאשטשעט ווייך און מילד די צעהיצטע הויט, וואסער־גראָזן קיצלען אָנגענעם די פיאטעס. דער רויִקער פלוס פונעם טײַכל שפּארט זיך ווייך אָן אין די פיס, גלײַך ווי ער וואָלט אײַנגעלאדן מיטגיין מיט אים, און איך לאָז זיך גיין. איך גיי פארכאָלעמט, ס׳איז מיר פריילעך און גוט אפן הארצן, און ס׳דוכט מיר, אז כ׳בין איינע אף דער גאנצער גרויסער וועלט, און דאָס טײַכל איז א סוידעספּולער וועג פון וווּנדערבארע אנטדעקונגען...״

דאָס איז בלויז א קליינער פראגמענט, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם טײַכל אין א פארוואָרפן סיבירער דערפל. מע דארף איבערלייענען דאָס גאנצע קאפיטל „טשיזשיק״, קעדיי באקומען דעם פולן עסטעטישן גענוס פון אָט דעם בילד. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן די קאפּיטלען „אונדזער קו״, „ראכמאָנעס״, „סיערקאָ״ און אנדערע פונעם ציקל „ניט קיין אויסגעטראכטע דערציילונגען״.

אין דער דערציילונג „שפּײַז פאר א גאָלדן פישעלע״ איז איבערגעגעבן אַן אלטע ליבע־געשיכטע. לענע פּראָקאָפּטשוק אָדער יענטע ווײַנשלבוים האָט אמאָל ליב געהאט לייענען בלאָקן, איר געליבטער — קאָליע — האָט געשפּילט אף א פידל, און זי האָט געטרוימט וועגן עפּעס א ראָמאנטיש לעבן. איצט וווינט זי אין א דאָרף, איז א לערערן, האָט צוויי קינדער. נאָר אָט פאָרט זי אף א לערער־קאָנפערענץ אין דער שטאָט, ווו עס וווינט איר אמאָליקער געליבטער, און עס פארגלוסט זיך איר אָנקלינגען דעם „שווארצינקן באָכער״. זי האָט זיך טאקע דערקלונגען צו אים און אפילע אָפּגערעדט זיך באגעגענען, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער כאוּוער סאָנדיק (אזוי האָט מען גערופן איר אמאָליקן געליבטן) האָט ניט געקענט קומען, ווײַל ער איז אוועק זוכן שפּײַז פאר זײַן „גאָלדן פישעלע״.

ערשט איצט האָט זי פארשטאנען, אז דאָס אידעאליזירן א ווײַטע סוויווע און זוכן א ניט רעאלע ליבע — דאָס זײַנען „פוסטע כאלוימעס״...

די דערציילונג איז באפארבט מיט קלוגער פאָלקסטימלעכער זעלבסט־איראָניע, אין גײַסט פון דער ציטירטער אין דער דערציילונג באוווּסטער פאָלקסליד:

יונגע יאָרן מיך דעריאָגן
אף דער ברייטער בריק.
יונגע יאָרן, קערט זיך אום,
קומט צו גיין צוריק!...

אין די אנדערע דערציילונגען און פארצייכענונגען פון בראָכע און ארן בורשטיין באגעגענען מיר זיך מיט אייניקע אינטערעסאנטע מענטשן, וועמענס לעבן און אופירונג קאָנען געבראכט ווערן ווי איינער פון די מוסטערן פונעם סאָוועטישן לעבנסשטייגער. אין דער פארצייכענונג „צוגאסט בא די קאָמי־פערמיאקעס" דערוויסן מיר זיך אינטערעסאנטע פראָטים וועגן דעם דיכטער סטעפאן קאראווײַעוו, איינעם פון די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער קאָמי־פערמיאקישער ליטעראטור.

אומעטום ווײַזן אונדז די אווטאָרן מענטשן און דערשײַנונגען אין אן אייגענעם אספעקט, מיט א שארף אויג, מיט פרישע געפילן. זייערע דערציילונגען האָבן שטענדיק א דערקענטעניש־ווערט, ווײַל וועגן וואָס זיי זאָלן ניט ריידן, ווײַזן זיי ארויס קאָמפעטענטקײַט און איבערצײַגנדיקן רעאליזם.

א צווייטער פראָזאִיקער, וועלכער האָט זיך נאָך פריִער פון די בורשטיינס באוויזן אף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאנד", אין דער רובריק פון „נײַע שטימען", איז יאשע רוביאן. אין זײַן ערשטער ארויסטרעטונג, אין אָקטיאבער־נומער פון 1965, געפינט ער זיך אין דער דערמאָנטער רובריק צוזאמען מיט נאָך א ריי אנדערע נעמען פון דיכטער און פראָזאִיקער: נאָסן ראָם, מוישע־דאָוויד כאיעט, בראָניע סינעלניקאָווא, אווראָם שעכטמאן, יעפים קאָלטעניוק, הערשל בארא‌ז. געציילטע פון די אָנגערופענע האָבן פאָרגעזעצט צו האלטן אזוי פעסט די פען, ווי רוביאן. ער דרוקט זיך סיסטעמאטיש, און וואָס ווײַטער אלץ זיכערער און פעסטער, און ער האָט שוין אפילע אויסגעוויילט זײַן אייגענעם זשאנער און מאניר.

יאשע רוביאנס ערשטע דערציילונגען („שיכעלעך", „דער פראָפעסאָר און זײַן מאמע", „דעם קארגנס צוואָע") זײַנען געווידמעט דעריקער טרויעריקע מאָטיוון פון אמאָל און פון דער ניט ווײַטער מילכאָמע־פארגאנגענהײַט, אויך סאטירישע סוזשעטן, ווי „דעם קארגנס צוואָע", ווּ עס ווערן אויך ארויסגעבראכט פערסאָנאזשן פון דער פארגאנגענהײַט. וואָס ווײַטער, גייט דער אווטאָר אלץ זיכערער איבער צום שטייגערישן מאָנאָלאָג, צו דער הומאָריסטישער מאניר, צו נײַע שטייגער־שילדערונגען. די טעמעס זײַנען פארשיידענע — טשיקאווע באגעגענישן און צופאלן, פון וועלכע מיר דערוויסן זיך וועגן דעם לעבן פונעם דורכשניטלעכן סאָוועטישן מענטשן אין דער היים און אף דער ארבעט.

אין די אלע מאָנאָלאָגן, הומאָרעסקעס און דערציילונגען איז אָפגעשפיגלט דעם אווטאָרס רײַכע לעבנס־דערפארונג אלס פעדאגאָג, ארבעטער, אָנגעשטעלטער, אָנטיילנעמער פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

רוביאנס שפראך און סטיל זײַנען טראדיציִאָנעל־פאָלקסטימלעכע, עס פילט זיך שטארק שאָלעם־אלייכעמס אײַנפלוס — אָנהייבנדיק פון די מאָנאָלאָגן, הומאָרעסקעס, ווּ דער עצעם זשאנער איז „אונטערגעזאָגט" פון שאָלעם־אלייכעמען. פאראן בא רוביאנען אויך ניט הומאָריסטישע, לירישע דערציילונגען („בלומען", „דרײַ פלעשער ווײַן", „מײַן געסעלע", „כאָטין", „דרײַביימער" און אנדערע).

די גרעסטע געפאר, וואָס לויערט נאָך אף אָט דעם אווטאָר, דאָס איז באנאלקײַט, א געפאר, וואָס דראָעט א סאך אנדערע הומאָריסטן, פעליעטאָניסטן — „פריילעכע" שרײַבער. אין דעם זין האָט יאשע רוביאן זיך וואָס צו לערנען בא זײַן גרויסן ברודער, דעם דיכטער מאָטל גרוביאן, וועלכער האָט אין זײַן שאפן ניט איבערגעטראָגן שאבלאָן, טראפארעט און באנאלקײַט.

דער דריטער פראָזאִיקער, וועלכער האָט זיך באוויזן קימאט אין איין צײַט מיט די אויבנדערמאָנטע, איז רוּוון פוסטילניקאָוו. (ער גיט זיך אליין אויס פאר א „מויכערספאָרימניק": „אזא מויכערספאָרימניק בין איך..." „סאָוועטיש היימלאנד", נומ. 7, 1977. מיר זעען אין דעם א גוטן אָנזאָג פאר זײַן טעטיקײַט אלס אייגנארטיקער פראָזע־שרײַבער).

פוסטילניקאָוון גיבן זיך גוט אײַן דאָקומענטאלע דערציילונגען, פארצייכענונגען און רעפאָרטאזשן („כמעלניקער וואסער", „מאלאכאָווקער קאָמבײַנען", „לאדיזשינער ליכט", „טריסקאָווקעס", „אונדזערע קינדער", „דער באנקיר"). דער אווטאָר קלײַבט זיך פאנאנדער אין טעכנישע פראגן, געפינט באלד אן „אלגעמיינע שפראך" מיט דער טעכנישער אינטעליגענץ, ווייסט די אטמאָספער פון זאוואָדישן שטייגער, פון סאָוועטישן געזעלשאפטלעכן לעבן. פאראן בא אים אויך א סוזשעטישע דערציילונג, וואָס איז פובליקירט אין ערעוו־יאָמטעוודיקן 10־טן נומער פון פאָריקן יאָר אונטערן נאָמען „מאזלטאָוו אײַך, מײַנע ליבע קינדער!" אין אָט דעם ווערק זײַנען באריִרט די יאָרן פון מילכאָמע, עוואקואציע און הײַנטצײַטיקן פרידלעכן נאָכמילכאָמעדיקן לעבן. די הויפט־פערסאָנאזשן — צוויי כאווײרים, וועלכע האָבן צוזאמען געדינט אין דער סאָוועטישער ארמיי, און איצט האָבן זיי צוזאמען געענדיקט א מעליִאָראטיוון טעכניקום און ארבעטן אין איין בריגאדע. א ייִדישער באָכער — זיאמע און א רוסישער — קאָסטיע. אף פראקטיק האָט מען זיי געשיקט פון זיאמעס גוראלניקס שטעטל בראסלעוו, ווּ זיי האָבן זיך געלערנט, קיין קאזאכסטאן. דאָ באקאנט זיך זיאמע מיט א קאזאכיש מיידל (די מאמע איז בא איר געווען א ייִדישע) און קאָסטיען געפעלט גראדע זיאמעס געוועזענע קאלע פון בראסלעוו, וועלכע שרײַבט זיך מיט אים דורך. און „מאזלטאָוו" גיט אָפ זיאמען מיט זײַן קאזאכיש מיידל איר צווייטע מאמע סאיִטאָווע, דעם מיידלס עלטערן זײַנען שוין ניטאָ. איר פאָטער — דער קאזאך — איז סאיִטאָוועס זון; אין דער צײַט פון דער מילכאָמע איז ער געקומען אהיים אין אורלויב און דאָ זיך פארליבט אין

דעם ייִדישן מיידל, וואָס איז געווען אין עוואַקואַציע.

ווי מיר זעען, קימאַט אַן עקזאָטישע געשיכטע, און דאָך — אַ געוויינלעכע און וואָרהאַפטע פאַר אונדזער צײַט. אַפּאַנעם, אַז אויך רוּוון פּוסטילניקאָוו „קאָן די אַרבעט" און ער וועט זיך נאָך פאַרמעסטן אויך אַף אַנדערע טעמעס און פאָרמען. די שפּראַך איז בא אים אַ גוטע און אַ קלאָרע, מיט טיפּישע פיגורעלע אויסדרוקן פונעם ייִדישן פאָלקס־לאָשן.

אַ נײַע, עכטע שטים אין אונדזער פּראָזע האָט זיך געלאָזט הערן, ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" די קינסטלערישע פאַרצייכענונגען פון יאַשע טשערניס. צום באַדויערן, האָט ער וויניק באַוויזן אופּצוטאָן, ניט לאַנג צוריק איז ער פלוצעם אוועק פון דער וועלט, און דאָך פילן מיר איצט דעם קענטיקן שפּור, וועלכן טשערניס האָט איבערגעלאָזט. מיט זײַנע אין צאָל וויייניקע, אָבער פּרעכטיקע דאָקומענטאַלע פּראָזע־ווערק „אַ רײַזע מיט האַלקינען און גאָדינערן", „אין קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט", „די ערשטע באַגעגעניש", „סאָלדאַטן פונעם לענינישן באַטאַליאָן" און באַזונדערס — „דער וועג קיין קוקאָן", אַ רעאַליסטיש־ראָמאַנטישע שילדערונג וועגן די ערשטע העראָיִשע בויער פון ביראָבידזשאַן אין די שווערסטע אומשטענדן פון דער ברייִשיסדיקער טײַגע־נאַטור.

דער פּראָזאיִקער אַלעקסאַנדער ליזען פון לוואָוו איז אין די לעצטע יאָרן באַקאַנט געוואָרן דעם ייִדישן לייענער מיט זײַנע דערציילונגען, פאַרצייכענונגען און מיט אַ ראָמאַן. ליזען האָט פריִער געשריבן אַף רוסיש און אוקראַיִניש און איז געקומען אין דער ייִדישער פּראָזע מיט אַן אייגענער שעפערישער פיזיאָנאָמיע. זײַן דערציילונג „פון יענעם ברעג פון קאַיאָריקן" דערמאָנט מיט עפּעס קיפּניסעס „כאַדאָשים און טעג", דאָס איז אויך אַ געשיכטע פונעם בירגערקריג, אָבער געוויזן אין אַ גאָר אַנדערן אַספּעקט. דאָס לעבן אין פרײַנטשאַפט פון ייִדישע און אוקראַיִנישע מישפּאָכעס אין אַ דאָרף און אין דער נאָענטער שטאָט איז באַשײַנט מיט די פלאַמען פון פאַרביטערטע שלאַכטן פאַרן קיִעם פון דער נײַער וועלט קעגן די ווײַסגוואַרדייִישע באַנדיטן און פּעטליוראָווצעס. אויך ליזענס ראָמאַן „נאָכעמקע עסרעג" איז אַף אַן ענלעכער טעמע, כאָטש די געשעענישן, קומען דאָרט פאָר אין אַן אַנדער אָרט, נעענטער צו די מײַרעוודיקער גרענעצן, צו די ווײַספּוילישע „קרעסן", ווו עס פירט זיך אַ פּאַרטיזאַנישער קאַמף קעגן די ווײַספּאָליאַקן. ביידע ווערק, ווי אויך די דערציילונג „נויקע, מײַן דרייסטער, מײַן אָרעמער ברודער", זײַנען פּסיכאָלאָגיש פאַרטיפט, ליריש באַפאַרבט.

צו די נײַע נעמען אין דער פּראָזע דאַרף אָן סאָפעק צוגערעכנט ווערן באָרעך שיינגאַוטער. ער האָט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" שוין אָפּגעדרוקט אַ ריי דערציילונגען, פון וועלכע עס איז צו זען, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַן אייגנאַרטיקן פּראָזאיִקער; ער קאָן בויען אַ סוזשעט, צייכענען אַ פּאָרטרעט, מאָלן אַ פאַרשוין און שילדערן, דערציילן וועגן געשעענישן. די דערציילונג „נעליע" אין זעקסטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" היאָר איז שוין ווײַט ניט קיין אָנפאַנגערישע. דאָ זײַנען שוין פאַראַן לעבעדיקע מענטשן, דעטאַלן־מאָלערײַ, אַ פאַרשאַרפטע פּסיכאָלאָגישע קאָליזיע. לאָמיר האָפן, אַז דער אווטאָר וועט ווײַטער אונדז געבן נאָך מער געלונגענע שאַפונגען.

אונדזער קורצער, ווײַט ניט אויסשעפּנדיקער איבערזיכט באַשטעטיקט, אַז אין דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור האָבן זיך בלויז פאַר דעם לעצטן יאָרצענדליק באַוויזן דיכטער און פּראָזאיִקער מיט מאַמאָשעסדיקע שעפערישע דערגרייכונגען. בא אייניקע פון זיי זײַנען דאָס בעעמעס ערשטע טריט פון מענטשן מיט אַ היפּשער לעבנס־דערפאַרונג. זיי האָבן וואָס צו זאָגן און דערציילן. פאַראַן בא זיי אויך קענטיקע ליטעראַרישע נייגונגען צו אַ באַשטימטער מאַניר און סטיל. די שוועריקײַטן פון באַהערשן דעם מאַטעריאַל זײַנען זיי שוין אין אַ געוויסער מאָס איבערגעקומען, און איצט דערוואַרטן מיר פון זיי אַ נײַעם וואָגיקן בײַטראָג.

כאַים לויצקער

שטריכן פון דאָוויד בערגעלסאָנס שפּראַך־סטיל

צוזאַמען מיט דער פּובליקאַציע פון דעם דאָזיקן אַר־טיקל מערקן מיר אָפּ דעם 80־טן געבורטסטאָג פונעם אווטאָר — איינעם פון די אַקטיווסטע סאָוועטישע ייִדישע קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער אין די 30־ער — 60־ער יאָרן. כאַים לויצקערס טעטיקייט איז אויך וויכטיק דערמיט, וואָס ער האָט געמאַכט אַ היפשן בײַטראָג מיט זײַנע אופטועו אינעם אינסטיטוט פון ייִדישער קולטור באַ דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון דער אוקראַיִנישער סאָוועטן־רעפּובליק. ער איז אויסער דעם געווען אַן ערודירטער שפּראַך־קענער. אָנ־הייבנדיק פון 1961, האָט ער גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער ליטעראַטור־באַוועגונג אַרום דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

ווי אַזוי מענטשן ריידן באַ בערגעלסאָנען

אינעם ריידן גיט דער מענטש איבער ניט בלויז דעם אינהאַלט פון זײַנע געדאַנקען, זײַנע פאַרלאַנגען און ווונטשן, ניט בלויז ער אינפאָר־מירט דעם מיטשפּרעכער, — דורך די רייד אַנט־פּלעקט ער אויך די אינדיווידועלע שטריכן פון זײַן כאַראַקטער, ווײַזט אַרויס דאָס באַזונדערע, וואָס טיילט אים אויס פון אַנדערע מענטשן.

וואָס רעאַליסטישער דער שרײַבער שילדערט זײַנע העלדן, אַלץ מיט מער אינדיווידועלע שטריכן באַשענקט ער זיי. (ניט רעאַליסטיש איז יענע קונסט, וואָס שילדערט ניט די געשטאַלטן מיט באַזונדערע, יעדן פון זיי אייגנ־טימלעכע אינערלעכע און אויסערלעכע שטריכן.)

דעם מענטשנס רייד פאַרנעמען זייער אַ גרויס אָרט אין זײַן לעבן, לייגט אַרויף אַ גאַנץ אָנזיכטיקן שטעמפּל אַף זײַן גאַנצן אָנבליק, — און דאָס ריכטיקע, צום לעבן נעענטערע, שיל־דערן דעם אויפן פון מענטשלעכע רייד שפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָליע אינעם פאָרשטעלן די עכטקײַט פונעם גאַנצן קינסטלערישן געשטאַלט; לאָזן דעם העלד אינעם געהעריקן מאָמענט אַרויסברענגען דאַפקע די ווערטער און ניט קיין אַנדערע איז איינע פון די שווערסטע קינסטלערישע אויפגאַבעס. „דער מענטש לעבט מיט ווערטער, דאַרף מען וויסן, אין וועלכע מאָמענטן פון פּסיכאָלאָגישן לעבן וועט באַ וועמען פון אונדז זיך געפינען וועלכע ווער־טער", — אַזוי האָט געזאָגט איינער פון די אָנ־געזעענסטע רוסישע וואָרט־מײַסטערס לעסקאָוו.

אין דיאַלאָג באַקומט די שפּראַך איר עמעסן טיקן.

דיפערענצירטע רייד־סטילן אין דעם ראָמאַן „באַם דניעפּער"

זיך באַפרײַט פון די נאָגנדיק־מאָרעשכוירע־דיקע פּענטעס און אַרויף אַפן ברייטן טראַקט פון רעאַליסטישער שילדערונג, האָט בערגעלסאָן ווי געפּיקט די ציִנגער פון זײַנע פּלאַסטישע געשטאַלטן: אין „באַם דניעפּער", אין „בירא־בידזשאַנער" און אין אַנדערע נאָכאָקטיאַבערי־שע רעאַליסטישע ווערק באַקומען די פאַרשוינען לאָשן, רעדן מיט אַ פולן מויל.

דער דיאַלאָג שפּילט דאָ אַן אומגעהייער וויכ־טיקע ראָליע באַם פורעמען די געשטאַלטן גופע, דעקט אויף די פיזיאָגנאָמיע פונעם פּערסאָנאַזש אינגאַנצן גענומען. פּונקט ווי ס'איז פאַרשיידן

די לאגע, די אופירונג און די פּסיכאָלאָגיע פון די געשטאלטן, אזוי פארשיידן איז זייער שפראך.

צו דער אלגעמיינער כאראקטעריסטיק פון בערגעלסאָנס דיִאלאָג דארף מען זאָגן, אז, בא דער גאָרער רעאליסטישער, צום לעבן אדעקוואטער אויסברייטערונג פונעם דיִאלאָג, איז ער דאָך ניט צעשוואומען, נאָר סינטעטיש־קאָנדענסירט און קינסטלעריש געלײַטערט.

„באם דניעפּער" איז געבויט אף דער שארפער קעגנשטעלונג פון צוויי סאָציִאלע, קלאסן־אנטאגאָניסטישע גרופּעס: פון איין זײַט — דאָס ווײַסע „הויז" מיט זײַנע באלעבאטים־גווירים, און פון דער צווייטער זײַט — די „הינטערגעסלעך" מיט זייערע האָרעפּאשניקעס און אָרעמעלײַט.

מירן אויסטיילן, קוידעמקאָל, אייניקע שפראך־כאראקטעריסטיקעס פון די פאָרשטייער פון אָט די ביידע צדאָדים.

בערגעלסאָנס נעגאטיווע באציִונג צום נאָגיד איז ניט ארויסגעשפּרונגען פון דער העלער הויט ערשט אין „באם דניעפּער". א טיפּ פון א גוויר, וואָס בערגעלסאָן נעגירט, טרעפן מיר נאָך אין „אָפּגאנג". דאָס איז אזריִעל פויזנער. פאר זײַן רייד־סטיל איז כאראקטעריסטיש זײַן ווערטל־רעגילעס „זייער פײַן". דער שרײַבער דעקט אליין אוף דעם זין פון דעם דאָזיקן וואָרט־באהעפט מיט דער אוטאָר־רעמארקע: „אלע האָבן געפונען, אז זיי פּאסטן פאר אים, דעם בעקאָוועדיקן פארמעגלעכן קרעמער" (41). דער שרײַבער דעמאסקירט דעם דאָזיקן גוויר אויך דורך באווײַזן אזריִעלס באציִונג צו זײַן מעשאָרעס — א שטריך, וואָס אנטבלויזט די ניט־אופריכטיקײַט און צוויִעס פונעם אויסדרוק „זייער פײַן", וואָס דארף צודעקן די ווײַט ניט פײַנע מײַסים זײַנע...

גוויריש־לאמדאָנישער נוסעך

רעב מיכאָעל לעווין — דער עלטערער אין „הויז", „א סייפער־ליבהאָבער", איז פארטראכט זייער אָריגינעל און קאָמפּליצירט. כאָטש ער איז אין טאָך א נעגאטיווער פּערסאָנאזש בא בערגעלסאָנען, שילדערט אים דאָך דער אוטאָר ווי א מענטשן, וואָס פארמאָגט אויך גאנץ פּאָזיטיווע פּערזענלעכע שטריכן: ער איז ניט מעגושעמדיק ארײַנגעטאָן אין די געשעפטן, לעבט אין א היפּשער מאָס אף זײַן אויפן מיט א גײַסטיק לעבן, ער פילאָזאָפירט, ער איז אין שטייגער ניט אזוי ברוטאל, ווי די אנדערע באלעבאטים פון „הויז", ער באציט זיך אין טאָך ניט שלעכט צו פּענעקן, דעם טרעגער פונעם אוטאָרס געדאנקענגאנג. דער אוטאָר דעקט אָבער אומעטום אוף דעם קלאסעווון טאָך פון די אלע מידעס בא מיכאָעלן.

דאָס שטענדיקע פארטאָן זײַן אין כקירע, אין פרומלאָמדישער טעאָרעטיזירונג פירט אין מײַכאָלס שפראך צו דער ספּעציפיש־לערנערישער אינטאָנאציע און זאץ־סטרוקטור פון דרינגעניש בא א בלאט געמאָרע, מיט דער געהעריקער העברעיִזירטער לעקסיק:

„— און ווען איז גערעדט געוואָרן, אז מײַסים־טויווים זײַנען עפּעס ווערט. נאָר אין פאל, ווען זיי קומען פונעם סייכל, דעהײַנע: ווען דאָס הארץ הייסט דיר נאָר שלעכטס טאָן, נאָר דו ביסט מיטן סייכל גויווער דאָס הארץ און טוסט גוטס..." (11).

אזוי דיקטירט מיכאָעל א בריוו צו יוינאָסן, וואָס איז אויך א גרויסער לאמדן און מעסוקענער כאקרען. און ווען ס'זאָל אין בריוו מער גאָר ניט זײַן, כוץ אזעלכע פּסיכאָלאָגיש־עטישע אבסטראקציעס, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז רעב מיכאָעל לעווין לעבט מיט הוילע „רוכניעס". לאָזט אונדז אָבער דער שרײַבער הערן צום סאָף פון דעם דאָזיקן בריוו אין א מין קלוימערשט אומבאדײַטנדיקן „פּאָסט־סקריפּטום":

„— אומא שענגייע לישמוינע אלאָפים (און וואָס שײַעך צו די אכט טויזנט. — כ. ל.) קלאפּטער — איז פאראן בא מיר א ווילן צו האלטן זיי און ניט צו פארקויפן. דאָך, ווען מע גיט מיר פאר זיי דעם און דעם מעקעך, וואָלט איך זיך עפּשער מעיאשעוו געווען..." (12).

דאָ איז כאראקטעריסטיש, ערשטנס, דער אינהאלטלעכער קאָנטראסט צווישן דעם גאנצן בריוו, וואָס איז אף דורך און דורך הימלש־פלאטאָניש, און דעם צושריפט, וואָס איז אזוי ערדיש־פּראקטיש; צווייטנס, די סאָכריש־כיטרע באדינג־פאָרמע „ווען מע (דער טאמעוואט־אנאָנימער „מע"!) גיט מיר" מיטן געמאכט־גלײַכגילטיקן „וואָלט איך זיך עפּשער מעיאשעוו געווען".

בערגעלסאָן רײַסט אוף לעווינס „פּאָזיטיווקײַט" דורך באווײַזן דאָס קאָקעטירן זײַנס מיט רוכניעס, אונטער וועלכער ס'זײַנען פארהוילט גאנץ ערדישע זאכן.

ניט שטענדיק איז בא מיכאָעלן אזא רוִיקע פילאָזאָפירנדיקע שפראך. וויפל ער בעריעט זיך ניט און „מענטשלט זיך" ניט, מוז ער דאָך סאָפּקאָלסאָף מוידע זײַן, אז ער איז קראנק און „גלייבט זײַנע ווייטעקן", און ס'הייבן זיך אָן הערן אין זײַן ארט ריידן קרענקלעכע אינטאָנאציעס — סײַ ווען ער רעדט מיט שיינדל דער גרויסער, דער עלטערער טאָכטער זײַנער, וועגן דער גוראלניע („— אָט... ביסט געקומען מיך מוטשען..." (100), סײַ ווען די מוטער קלאָגט זיך אף פּענעקן („— געבוירן געוואָרן אף דער עלטער... ניטאָ ווער זאָל אים אופּציִען..." (237), סײַ ווען ער מוסערט פּענעקן („— פּענעק... איך מיין... וואָלסט זיך באדארפט נעמען אין די הענט ארײַן..." (240) און אוואדע אינעם לעצטן דראמאטישן שמועס מיט שיינדל דער גרויסער („שטארבן איז שטארבן... מע דארף איצט אכטונג געבן... זייער גוט ארײַנקוקן אין די כעזשבוינעס" (232), „ווער פארגעסן? וואָס פארגעסן? א נאכעס: יוינע און שאָלעם — גרויסע

קאָמפּענטשן!" (232). ווו איז אהינגעקומען לערווינס פּריזערדיקע מעיושעוודיקע רוזקײַט, זײַן געלאַסענע הארכאָוואָס־האדאאס?! ניטאָ שוין דאָ קיין זייכער פון זײַן אונטערגעצויגנקײַט, פון זײַן ריידן „אין דער אייביקײַט". דערפילט איבער זיך דעם געפּאָך פונעם מאַלעכהאַמאָוועס, רעדט ער שוין אָן שום אָנגעשטרענגטקײַט, ווי א געוויינלעכער באָסערוועדאָם...

אָן אייגנאַרטיקע עוואָליוציע מאַכט דורך דער גוויריש־לאָמדישער שפּראַך־נוסעך אָף א שפּעטערדיקן עטאַפּ אין אַנדערע באַדינגונגען — אין די 900־טער יאָרן, אין דער גרויסער שטאָט.

אָט ווי עס רעדט דער הויפּט־ראַבינער גאַליצשער („באַם דניעפּער", 2־טער טייל, ז. 358).

„— דאָראָגיִע בראַטיא אי דאָראָגיִע סיאָסטרי! טשעם טעמניעיע נאָטש, טיעם יאַרטשע זוויאָזדי, קאַק נאַם טאָלקאָ־טשטאָ טשיטאַלי וו סוויאַטוי טאָרע: וואַיוימאַר אַדעינוי על מוישע, אי טאַק דאַליעיע, אי טאַק דאַליעיע..."

דאָ איז א מאָדנער געמיש פון אַסימיליאַטאָריש־רוסישער שפּראַך מיטן ראַבאָניש־סידערדיקן העברעיִש. דערבײַ באַקומט זיך א קאָמישער עפעקט פון דער שאַרפער קאָנטראַסטישקײַט, וואָס ווערט אַרויסגערופן סײַ פון דער צווייִשפּראַכיקײַט גופא אין אַזאַ קאָנטעקסט, סײַ דורך דער „אײַנהאַלטלעכער פאַרבינדונג" צווישן דעם „טשעם טעמניעיע נאָטש" און דעם „וואַיוימאַר אַדעינוי על מוישע" מיטן איבערגאַנג ווידער צו רוסיש — „אי טאַק דאַליעיע, אי טאַק דאַליעיע" — אָן אויסדרוק, וואָס זאָגט פּונקט אַזוי גאָרנישט ניט, ווי דער „וואַיוימאַר אַדעינוי"... די דאָזיקע שפּראַכלעכע „אַמאַלגאַמע" פילט בא בערגעלסאָנען אויס די פונקציע פון פּאַראָדירונג, פון אויפדעקן דעם אַנטיפּאָלקישן כאַראַקטער פונעם ראַבינערס אַרט ריידן.

ציִרלעך־מאַניִרלעך־שפּראַך

קיין אויסטערלישע לעקסישע באַזונדערקײַטן געפינען מיר ניט אין די רייד פון שיינדל דער גרויסער, איינעם פון די הויפּט־פּערסאָנאַזשן אין „באַם דניעפּער". קיין באַזונדערקײַטן איז ניט צו געפינען אויך אין איר זאַצבוי. איר שפּראַך איז אָן איבעריקער עמאָציִאָנעלקײַט, האָגאַם זי פאַרמאָגט אין זיך א געוויסע דאָזע פּאַטאָס — געמאַכטן, פאַרשטייט זיך, באַזונדערס ווען זי דאַרף עמעצן „אײַנקאָסקען"... איר שפּראַך דערגאַנצט דאָך אין א געוויסער מאָס איר גאָרן אָנבליק פון א גיריקער קאַפּריזער נעגידעסטע. אָף איר איז יאָ געזאָגט געוואָרן, אַז „די שפּראַך איז געגעבן צוליב דעם, קעדיי צו פאַרבאַהאַלטן די געדאַנקען" (טאַלייראַן). שיינדל איז אָף דורך און דורך פאַלש: „צו מענטשן שמייכלט זי ניט מיטן גאַנצן פּאָנעם, נאָר בלויז מיט איינעם א קנייטשעלע אָף איר נאָז", וואָס „אַז ס'וועט זיך אײַנאַרבעטן, וועט עס מאַמעש באַווײַזן ווונדער — קוקנדיק אָף מענטשן, וועט שיינדל די גרויסע קענען

טראַכטן: — אין דער ערד זאָלסטו אַרײַן! און אין דער אייגענער צײַט וועט אים איר קנייטשעלע זאָגן: „טײַערער!", „ליבינקער!" זי איז „די גרעסטע בעריע אָף מאַכן אָנשטעלן" (429) — לויט פענעקס כאַראַקטעריסטיק. איר בעריעשקײַט באַשטייט אין דעם, וואָס זי פאַרדעקט זייער קונציק און יעזויִטיש־צוויאַקיש אירע גיריק־דעספּאָטישע קאַוואָנעס מיט זיסע גרויסמוטיקע רייד. ווען ניט דעם אווטאָרס אָדער עמעצנס פון די פּערסאָנאַזשנס קאָמענטאַרן און אינטערפּרעטאַציעס, וואָלט מען אָפט געקאָנט מיינען, אַז אירע ווערטער אַנטשפּרעכן אירע קאַוואָנעס...

אָט איז שיינדל די גרויסע אָנגעלאָפן פון איר היים אין „הויז". א קוק געטאָן אָפן פּאָטערס געל־אויסגעמאָגערט פּאָנעם, גיט זי א זאָג דאָס וואָרט „גאָט" עפּשער מיט צען „טעסן": „גאָטטטט". וויפל אַפּישירטע „איבערלעבעניש" דעקט דער שרײַבער אוף מיט אָט דער פּאָנעטיזירונג!

אָט נעמט זי אויספרעגן וועגן דעם געשטאָרבענעם שוואָגער כאַיִם: ווען איז ער געשטאָרבן? מיט וואָס איז ער געווען קראַנק? זי רעדט וועגן כאַיִמען, אַז, ווי דער אווטאָר זאָגט, זי איז ווערט, „מע זאָל זי דערפאַר אויסקושן":

„ — כאַיִם... ער איז דען געווען א שוואָגער? זי האָט געטאָן א זיפץ: כאַיִם איז געווען א ברודער. א צווייטן זיפץ: — כאַיִם איז געווען א פרײַנט. א דריטער זיפץ, שוין א ביסל א פאַרטרערטער: — כאַיִם איז געווען א טאַטע" (91—92).

מין־האַצאַד קאָן מען מיינען, אַז ס'איז גאָלע עמעס, סאַמע ריינע קרויווישע געפילן. אָבער די אינטערפּרעטאַציע איז שוין דאָ פאַראַן גלײַך אָפן אָרט אין די אווטאָר־רעמאַרקעס. דער צוטרוי צו איר איז שוין אונטערגעריסן דורכן אווטאָרס ווערטער פריִער א ביסל: „דאָרט האָט שיינדל די גרויסע, אָן א מינדסטן קרום, ווידער אַרויסגעלאָזט עטלעכע טרערן פון יעדן אויג" (91). א מין „פלאַנמעסיקײַט"! — ס'איז ניט קיין רעפלעקסיווע אַקציע, נאָר יעדע באַוועגונג איז אויסגערעכנט: איין זיפץ, א צווייטער, א דריטער... און די טרערן פליסן ניט סטיכיייִש, פון זיך, נאָר זי „לאָזט זיי אַרויס" מיט א כעזשבן — עטלעכע טרערן פון יעדן אויג!..

צי אַשטייגער: אָט רעדט שיינדל מיטן שוין טויט־קראַנקן פּאָטער. זי איז, דאַכט זיך, אַזוי אידעאַל געטרײַ, טײַנעט אײַן מיט מיכאָעלן, ער זאָל זיך היילן; ער וויל ניט פאָרן מיט דער מוטער, וועט זי, שיינדל, מיט אים פאָרן; ער וויל אינגאַנצן ניט פאָרן, וועט מען אַראָפּברענגען אָן אויסלענדישן פּראָפעסאָר אַהער. דאַכט זיך, קיין שום אייגננוציקע קאַוואָנע. פון קיין כעזשבוינעס וויל זי ניט הערן: „ — איך וויל ניט וויסן פון קיין כעזשבוינעס" (435), — מאַכט שיינדל מיט געוויין. אָבער פענעק האָט „זאַכלעכע באַווײַזן", אַז זי וויל זייער וויסן פון כעזשבוינעס. ער טוט אַזש א טאַפּ דאָס צונויפגעקנייטשטע שטיקל פּאַפּיר מיט שיינדל

דער גרויסערס ציפערן, פון וועלכן ס'איז דאָך צו זען, אַז... זי האָט אַליין היינט אַפּדערנאַכט געמאַכט צוויי מאָל א „כילעק" און איין מאָל א „כיסער" מיט א „כילעק". נאָר צו וואָס פענעק? מיכאַעל אַליין, וואָס באַציט זיך, דאַכט זיך, ניט אַזוי קריטיש צו שיינדעלען, זיין ליבלינג, ווייַזט אויך אַרויס זיין גאָר קליינע עמונע אין איר אָפּריכטיקייט. ער זאָגט:

„— כ'האָב דיך געבעטן: אָן כיינדלעך!" (436).

ווען זי איז געצוואונגען עפענען די קאָרטן, וואַרפט זי אוועק די צירלעך־מאַנירלעך־שפּראַך, טוט אויס, אַזוי צו זאָגן, די שפּראַכלעכע ווייַסע הענטשקעס און הייבט אָן ריידן קלאָרע ניכ־טערע דיבורים, זי אַפּערירט דעמלט פריי מיט דער סאָכריש־געשעפטלעכער לעקסיק:

„— האָסט אַרייַנגעלייגט אין גוראַלניע מייַן געלט און בערישעס געלט... אכצן טויזנט רובל... דו מוזט מיר איצט געבן דאָס וואָרט — אויב ס'וועט זיין העזיק, וועט עס זיין דייַנער און ניט אונדזערער. און פּראָצענט פאַרן געלט וועסטו אונדז אומקערן..." (110).

ס'גייט בא איר דעמלט אוועק א גאַנץ יאָדער־דיקע שפּראַך, פול מיט היימישלעכע עמאָציאָ־נעל־פיגורעלע פאָלקס־אויסדרוקן, אידיאָמען. שיינדל די גרויסע טײַנעט, אַז די גוראַלניע, לעבן וועלכער דער פאָטער האָט זי מיט איר בערישן אוועקגעזעצט, איז אין דער ערד, מע ליגט מיט איר ניַין איילן טיף...

„— דאָס עמעסע געשעפט!.. אַלערליי גוראַל־ניעס זייַנען הייַנט אין דער ערד מיט די ביי־נער. שוועלבעלעך אָף די דעכער ווייסן עס" (110).

איר שלאַנגישע עלאַסטישקייַט ווענדט זי אָן ניט בלויז צו עלטערע פון זיך, נאָר — אויך צו קלענערע, צו אָרעמע.

נאָך א כאַראַקטעריסטישער שטריך פון שיינדל דער גרויסערס שפּראַך — דעמלט ווען זי דאַרף איר שפּראַך ניט מאַסקירן, ווען זי האָט צו טאָן מיט די דינסטן, מיט פענעקן, אָנ־לויפנדיק אין „הויז", ווי עס לויפט אָן איינצו־פירן אָרדענונג א „סטאַנאָוואָי". דעמלט קלינ־גען אין איר שפּראַך טרוקענע, באַפעלערישע אינטאָנאַציעס.

אָט ווי זי רעדט מיט פענעקן:

— קום נאָר אַהער!

— ניט גאָר נאָענט...

— א ביסל וויַיטער...

— אָט אַזוי...

— בלייַב שטיין...

— וואַרט נאָר...

— שטיי נאָר, שטיי...

— ווייַז נאָר די הענט... (92—93).

דער זאַץ אין מאַקסימאַל קורץ, לאַקאָניש, אימפּעראַטיוויש — מאַמעש ווי די קאָמאַנדע פון א מיליטער־קאָמאַנדיר, — ווי אומיסטן קעדיי צו באַרעכטיקן דעם נאָמען, וואָס די קיד־לייַט האָבן איר געגעבן:

— שוין געקומען — דער קאָנאַדיר... אַזוי זאָגט וועגן איר בוני די קעכן.

אמכא־ייד

אין די רייד פון די „הויז"־לייַט איז, ווי מיר האָבן געזען, א גרויסער אייַנרייַס צווישן דעם, וואָס זיי טראַכטן, און דעם, וואָס זיי זאָגן אַרויס. דאָס איז דאָס געמיינזאַמע, וואָס כאַ־ראַקטעריזירט די שפּראַך פון די העכערע שיכטן, בא דעם גאָרן קאָנקרעט־אינדיווידועלן אויפן, אָף וועלכן עס רעדט יעדערער פון זיי באַזונדער.

אַנדערש איז מיט דער שפּראַך פון די פאָלקס־מענטשן: זיי זייַנען ניט פאַרינטערעסירט אין קיין שום פּראַט צו פאַרדעקן זייערע קאַוואָנעס און געדאַנקען, נאָר, פאַרקערט, אַראָפּצורייַסן די אַלערליי מאַסקעס פון די עקספּלואַטאַטאָרס, צו אַנטבלויזן דעם עמעס. דעריבער איז בא זיי, ווי מע זאָגט, אָן אָפּענער זעקס־און־זעכציק, זיי רופן דעריבער אָן יעדע זאַך בא זייער עמעסן נאָמען.

אָבער אַרויסברענגען דעם „נאַקעטן" עמעס קאָן מען ניט מיט א נאַקעטער שפּראַך. מיט א פּראָסטער שפּראַך — יאָ, מיט א פּראָסטער, ווי דער עמעס אַליין. און אַזאַ איז זי טאַקע, די שפּראַך פון די פאָלקסמענטשן. זיי רעדן אָן „פּוצן". די שפּראַך זייערע איז אָבער וויַיט ניט קיין נאַקעטע, קיין אָרעמע, — פאַרקערט, זי איז רייַך און זאַפטיק, פּילפּאַרביק און עמאָציאָנעל — טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז ניט געקינצלט, ניט צווייעסדיק־מאַנירלעך, נאָר אָפּריכטיק און אָר־גאַניש; דעריבער שפּרודלט אַזוי די רייד פונעם געזונטן פאָלקסמענטש מיט געדאַנק און געפיל, מיט שאַרפזין און עקספּרעסיע.

אין „באַם דניעפּער" דרייט זיך די פאַבולע, די האַנדלונג דעריקער אַרום „הויז" און די „הויז"־לייַט. אָבער מערקווירדיק! — רייד פאַלט אויס מער אָף די פאָלקסמענטשן. די דאָזיקע דיספּראָפּאָרץ דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די גווירים רעדן בלויז וועגן זיך און קימאַט אינ־גאַנצן ניט וועגן קאַפּצאָנים (צו וואָס גאָר אַרייַנלייגן די האַנט אין קעשענע?), און די האָ־רעפּאַשניקעס, די פאָלקסמענטשן, רעדן אי וועגן זיך, וועגן זייערע פּערזענלעכע און געמיינזאַ־מע צאָרעס, אי וועגן די גווירים און זייער לעבן א מעשוגענעם טאָג. אַלזאָ, די דאָזיקע דיספּראָ־פּאָרץ איז קינסטלעריש אינגאַנצן באַרעכטיקט.

די גאַלערייַ כאַראַקטעריסטישע רייד־טיפּן איז צווישן די פאָלקסמענטשן פון „באַם דניע־פּער" א גרעסערע, איידער צווישן די „הויז"־פאַרשווינען, און דער רייד־שטאָף פון די „הינ־טערגעסלעך" איז א סאַך א רייַכערער, איידער דער שפּראַך־מאַטעריאַל פון די באַלעבאַטים פו־נעם ווייַסן „הויז".

מיר וועלן פּרוון אַנאַליזירן אייניקע באַזונ־דערע „אמכאָ"־סטילן.

די הינטערגעסלעך הייבן זיך אָן גאָר ניט וויַיט פונעם „הויז" — טאַקע אַרום „הויז" גופ־פע — אין קיך, אין שטאַל, — דאָרט, ווו ס'האָ־רעוון אָף די באַלעבאַטים די פאַרשיידענע באַדינער.

יאנקל פורמאַן. ווער איז ער? באַם אווטאָרס „פולמעכטיקן פאָרשטייער" פענעקן איז יאנקל דער כאָשעווסטער און אווטאָריטעטסטער מענטש. דאָס איז א שארפזיניקער, לעבנסלוסטיקער יונג מיט א קלאָר אויסגעשפּראָכענער סינע צו די לעווינס. אדאנק זײַן אויסגעפרווטער אָרנטלעכקײַט פילט ער זיך אין „הויז" שטארק און דערלויבט זיך אמאָל א רייץ טאָן מיט די באַלעבאַטים. ניטאָ בא אים פאר זיי קיין זייכער אפילע פון אָפּשײַ, פארקערט, ער רעדט וועגן זיי שטענדיק מיט היפש ביטל.

ער גיט זייער טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקעס סײַ מיכאָעל לעווינען, סײַ שיינדל דער גרויסער. ער געפינט פאר זיי שטענדיק דאָס פּאַסיקע געפעפערטע וואָרט:

„— א טשודאַק איז ער... א מענטש, וואָס פערעבענדיעוועט..." (16) — אזוי זאָגט ער וועגן מיכאָעלן, און דאָס דאָזיקע „פערעבענדיעווען" האַלט ער פאר אן אָרגאַנישער אייגנשאַפט פון א נאָגיד, וואָרעם:

„— א גוויר, אז ער פערעבענדיעוועט ניט, איז א שלעכטער סימען" (418).

יאנקל פאַרירט זייער שארפזיניק מיכאָעלס כקירעדיקן „דריי" — אז פענעק זאָל פרווון גוויער זײַן זײַן וועלן גיין אין דרויסן שאַבעס נאָכן וואַרמעס. יאנקל ווענדט אָפּ די דאָזיקע קלוגיטשקע סאָפיסטיק מיכאָעלס דורך פּאַראָדיע און קאַלאַמבור:

„— דער טאַטע דײַנער... אים ווײַזט זיך אויס: אין וועלן „ניט וועלן" איז ער א גאַנצע בעריע. אנו, זאָל ער וועלן „ניט וועלן" זײַן א גוויר..." (232).

אָפּערירנדיק מיטן זעלבן באַגריף „וועלן ניט וועלן", טראָגט יאנקל אריבער דעם אַקצענט פון א קלייניקײַט — אן אומשולדיק־נאַטירלעכן באַגער פון א קינד — א פּרינציפּיעלער פראַגע — אף דער שטרעבונג צו זײַן א גוויר, — און די רעפליק באַקומט א טיפן סאָציִאַלן זין.

יאנקל דער פורמאַן האָט אזוי פײַנט שיינדל די גרויסע, אז זי איז אין זײַנע אויגן „ניט קיין מענטש, נאָר אן אומגליק" (124). איר עגאָצענטרישקײַט און פאַריסנקײַט פאָרמולירט יאנקל בילדעריש־שארפזיניק אזוי:

„— זי גלייבט, מע דאַרף איר צוצאָלן, וואָס זי איז געבוירן געוואָרן" (124).

דאָס שאַרפסטע שפּראַך־מיטל קעגן שיינדלען איז בא יאנקלען איראָניע, מאַמזעריש־קלוגע און בײַסיקע איראָניע:

„— נאָך א גליק, וואָס זי הייסט ניט אויסהענגען א פענדל אפן דאַך" (אף צו באַצייכענען איר קומען. — כ. ל.) (124).

יאנקל סאַבאָטירט דאָס אָפּפירן שיינדלען צו איר אהיים; צוליב דעם פאַרופט ער זיך אף דעם, אז דאָס פערד הינקט. שיינדל פאַרשטייט דעם סאָד פון דעם פערדס „הינקען", פרעגט זי פארביסן: „איז וואָס זשע האָט ער עס אָנגעהויבן עפּעס צו הינקען פונקט הײַנט?" ענטפערט איר יאנקל טאַמעוואַטע:

„— וואָס פרעגט איר בא מיר? — פרעגט באַם פערד..." (159).

דער „פרעגט באַם פערד" איז אין שפּראַכלעכן אַספּעקט אן אַלאָגיזם. דאָ אָבער קלינגט עס ווי „רעד צום לאָמפּ" אָדער „רוף מיך קנאַקניסל" און דריקט אויס יאנקלס פאַראַכטונג צום באַלעבאָס' עלטערער טאָכטער.

יאנקל איז שטאַרק בייז אף די פּרומאַקעס און קלייקוידעש. ער צוימט זיך אָפּ פון זיי, פון גאָט און געטלעכקײַט ביכלאַל:

„— זאָלן טשוווע טאָן יענע, וואָס זײַנען מיט גאָט א גאַנצער פּאַניבראַט. איך בין מיט אים שטענדיק, אזוי געזאָגט, פונדערווײַטנס..." (271).

בוני די קעכן — „א פריילעך־טאַנצנדיקע טוערן, א צאַרטע פרוי מיט מוטער־געפילן צום לעבעדיקן יאָסעם פענעקן". איר שפּראַך איז קאָנקרעט־בילדעריש, זאַפטיק־עקספּרעסיוו, רײַך מיט עמאָציִאָנעלע אינטאָנאַציעס:

„— ראַביינע יוינע: וואָס איך האָב זיך שוין דאָ אין שטוב אָנגעזען!" (56).

„— מאָלט אײַך: אויב צירל בלײַבט אן אַלמאָנע, מעג מען איר שוין אויך ניט מעקאַנע זײַן" (69).

„— איר ווילט ניט, איך זאָל אײַך אָפּבאָדן אין קאָראָטקי וויק, טאָ זײַט אזוי גוט און פאַרנעמט זיך פונדאַנען" (206).

א גרויס אָרט פאַרנעמט אין בוניס רייד־סטיל דאָס שנײַדיק־זידלדיקע און שאַרפע וואָרט, וואָס איז צומאָל אײַנגעפּאַסט אין יאָדערדיקער פאָלקס־מעטאַפאָר:

„בעהיימע, ער שטעקט דיך ארום מיט פּערדערן" (155).

„איז בעט גאָט, ס'זאָל זי א ביס טאָן א רעכטע פליי, וועט זי זיך אופכאַפּן" (127).

„ס'איז אף צו שרעקן די גענדז" (162).

אין בוניס אמכאָ־רייד באַגייט זיך ניט אויך אָן ווולגאַרע, „געפעפערטע" ווערטער און וואָרט־באַהעפטן, וואָס מיט זייער הילף רעדט דער פאָלקסמענטש אראָפּ דאָס האַרץ:

„זייער טינעף... א שפּילעכל! זאָלן זיי עס אליין גיין שמעקן!" (46).

„א גוויר האָט פּאַדווינע פּענצטער. דעריבער הערט מען ניט זײַן נעפֿיִעך אין דרויסן" (530).

אויך בא בונין שטייגערט גאַנץ פעסט דער געמיטלעך־עמאָציִאָנעלער סלאַוויזם: זיך פּרייטאַיעט, בעזנאָסי, פּאָדווינע אדגל. און פאָרט זיך מיטן אייפעמיסטישן העברעיִזם „טינעף", „נעפֿיִעך" אדגל. דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער די געפעפערטקײַט פון איר שפּראַך.

פאָלקלאָרישן כיין גיט צו בוניס שפּראַך דאָס גלײַכווערטל, וואָס איז צומאָל קלאַנגלעך אָרנאַמענטירט מיט א גראַם:

„דאַנקען און לויבן נאָכעם דעם טויבן" (129).

„מע דערמאָנט א מאַלעך, קומט א גאַלעך" (156).

יאַנקל פורמאַן און בוני די קעכן פאַרקערפּערן אין זייערע רייד די אומגאַנג־שפּראַך פון די פאָלקסמענטשן, אין די ראַמען פון זייער היימישער אויסקומעניש.

מיטן יאָדערדיקן פאָלקסוואָרט לאָזן זיך הערן אויך באַזונדערע עפּיזאָדישע, צומאָל אַנאָנימע, פיגורן סײַ אין „באַם דניעפּער", סײַ אין בערגעלסאָנס אַנדערע ווערק.

אַמאָל איז עס אַן אינדיווידועלער שפּראַך־שטריך מיט אַ געוויסער פּראָפעסיאָנעלער כאַראַקטעריסטיק.

„— מעכוטן, גיב מיר פּאָר מײַן באָכער פּופּ־ציק קערבלעך מעלאָכע־געלט" (ב'ד, 36), — אַזוי זאָגט אַלעמאָל יאָסל־הערש דער סטאָליער, ווען ער מאַכט כאַסענע זײַנעם אַ זון.

אָפטער איז עס סטאַם אַן אַמכאָ־וואָרט, וואָס ווײַזט דעם סאָציאַלן פּאַספּאָרט פון די „היבּ־טערגעסלעך" ביכלאַל; ס'איז אָפילע אָפטמאָל, ווי שוין געזאָגט, ניט אָנגעוויזן דער קאָנקרע־טער טרעגער פון די דאָזיקע רייד:

„זע נאָר, ווי ער רירט זיך... אַ בלײַערנער פויגל" (ב'ד, 319), — זאָגט מען וועגן דעם פּאַרמעגלעכן אַנטאָנען.

„— גרויס, ווי אַ פּליי זיצנדיק און האָט דאָך אין זיך עפּעס אַ קויעך" (ב'ד, 180) — אַזוי זאָגט מען אין שטאָט וועגן דעם „אופּראַוו־ליאַיושטשי" פון דער גוראַלניע הערלמאַן.

דאָס אַלץ איז אין „באַם דניעפּער". מיר טרעפן אַנאַלאָגישע שפּראַך־אייגנשאַפטן בײַ פאָלקסמענטשן אויך אין „ביראָבידזשאַנער".

די פאָלקס־פראַזעאָלאָגיע און אידיאָמאַטיק אין די רייד פון „אַמכאָ" ווערט אין אַ געוויסער מאָס דערגאַנצט מיט קלאָלעס — אַ „זשאַנער", וואָס גיט צו רעאַליסטישן קאָלאָריט די געהע־ריקע פערסאָנאַזשן. דעם דאָזיקן טיפּ פאָלקלאָרע טרעפן מיר נאָך אין אייניקע פריִערדיקע ווערק בערגעלסאָנס, אַשטייגער — אין „דרויב". דאָרט אָבער זײַנען די קלאָלעס שטאַמפּירטע, אַלעמען באַוווּסטע, צום בײַשפּיל: אַ רועכ'ן דײַן טאַטן! אַ רועכ'ן דײַן טרייפענער קישקע! אדג.

אין „באַם דניעפּער" זײַנען פאַראַן קלאָלעס אויך פון דעם דאָזיקן מין:

— אַ כאַראָבע אָף זיי! אַן אויסרײַסעניש! אַ מיסע־מעשונע! פון קיין גוטן טאָג זאָלן זיי ניט וויסן?.. (37), — אַזוי לאָזט אויס איר אופּגע־בראַכטקײַט אָף די גווירים דעם פּלעצלמאַכערס יונג ווײַבל.

אויך אין „ביראָבידזשאַנער" קילן זיך אַמאָל דאָס האַרץ מיט אַ קלאָלע אייניקע פּערסאָ־נאַזשן.

גאַנץ אינטערעסאַנט זײַנען די זעלטענערע, אָריגינעלערע, קאָלאָריטפולע קלאָלעס אין „באַם דניעפּער":

„— גאָט זאָל דיך באַשענקען מיט צען קינ־דער און מיט איין העמדו!" (33).

„— עס זאָלן דיר ארויספאַלן אַלע ציין און עס זאָל דיר בלײַבן איין צאָן אָף צאָנווייטעקו!" (33).

די דאָזיקע קלאָלעס צייכענען זיך אויס מיט זייער בילדערישקײַט און שאַרפזיניקער אײַנ־פאַלערישקײַט.

אָט דער אָרט רייד — די געדיכט געזונצטע געפעפערטע און ווולגאַרע אויסדרוקן און די פאַרשיידנאַרטיקע קלאָלעס נעמען זיך ניט פון אײַנגעבוירענער בייזקײַט און נאַטירלעכער גראָבקײַט פונעם ריידער, נאָר פון פאַרביטערט־קײַט, פון פאַרדראָס אָף דער שווערער דאַליע. קיין גווירים שעלטן זיך געוויינלעך ניט: ס'איז זיי גוט אָפן האַרצן. און אָפילע ווען זיי האָבן פאַרדראָס און אַגמעסנפּעס, פאַרוואַלירן זיי עס מיט געהויבענע ווערטער, מיט זיסע ריידע־לעך. דער פאָלקסמענטש, דער אָרעמאַן מאַס־קירט גאָרנישט ניט (מיר האָבן דערפון שוין גערעדט), ס'איז אים ביטער אָף דער נעשאַ־מע, לאָזט ער עס אויס אין אַ קלאָלע; דאָס איז אַ מין רעפלעקס פון אָנמעכטיקײַט צו קילן זיך דאָס האַרץ מיט עפּעס מער מאַמאָ־שעדיקס...

פול מיט זאַסטיקער פאָלקסשפּראַך זײַנען די פאָלקסלידער, וואָס ווערן אײַנגעפלאָכטן אין דער קאָמפּאָזיציע פון „באַם דניעפּער". כוץ אַלגעמיין־באַוווּסטע לידער, ווי „אין דער סאָכע ליגט דאָס מאַזל־בראָכע", „איך גיי אַרויס אָפן גאַנעקל" אדג., טרעפן מיר דאָ אויך אָריגינעלע לידער, סטיליזירטע אין גײַסט פון דער פאָלקס־ליד. אַזאַ איז די ליד „וועגן אונדזער שוועס־טערס זון" (105—106) און, באַזונדערס, „וועגן שליאָמעלע מיט שיינדעלען" (106—107) — אַ ליד, וואָס איז ענג געבונדן מיט דער כאַראַק־טעריסטיק פון שיינדל די גרויסע: שליאָמעלע שווערט, אַז „מע דאַרף גאָר... רײַך ניט זײַן, אַ קאָפּאַרע אַ זאַוואָד", און שיינדעלע, בלײַבנדיק טרײַ איר פּראַקטיציסטיש־געשעפטלערישער טעווע, דערווידערט: „ניין, שליאָמעלע, ניין, כאָכעמל, אַ זאַוואָד איז טאַקע אַ זאַך, פון אַ ליבע לאָזט זיך אַ בוידעם אויס, פון ליבע ווערט אַ טײַך..." (106—107).

די דאָזיקע לידער אונטערשיידן זיך פון די פריִערדיקע פאָלקסלידער מיט זייער סאַטירישן טאָן, אָבער שפּראַכלעך פאַרמאָגן זיי די זעלבע פאָלקלאָר־עלעמענטן — סײַ אין ריטם, סײַ אין שפּראַך: אידיאָמאַטיק, פּרימיטיווער פאַרגלײַך, אייגנאַרטיקע איבערכאַזערונג אאַוו.

ביכלאַל טרעפן מיר אין די רעפליקעס פון די עפּיזאָדישע פאָלקס־פּערסאָנאַזשן אין „באַם דניעפּער" און פון די מאַסן־פאַרשוינען אין בערגעלסאָנס אַנדערע ווערק די זעלבע עלע־מענטן, וואָס אין דער שפּראַך פון יאַנקל דעם פורמאַן און בוני דער קעכן. דאָס פאַרשפּרייטס־טע איז דאָ די רײַכע אידיאָמאַטיק, אָט די אײַנ־טימע זײַט פון די רייד, די פאָלקס־מעטאַפאָר, דער שאַרף־שנײַדנדיקער פאָלקס־פאַרגלײַך, די קלאָלע, די צונעמעניש, דער פאַניבראַטי־שער סלאַוויזם בענעגייע „הייליקע" זאַכן, רעטאָרישער אויסרוף, די עקספּרעסיווע פראַגע.

„ווי ס'זאָגט ראַכמיִעל"

די שפּראַך פון ראַכמיִעל דעם שוסטער איז פון א גרעסערן דיאַפּאַזאָן, איידער יאַנקלס און בוניעס שפּראַך. ראַכמיִעלס שפּראַך פאַרמאָגט אין זיך עלעמענטן פון ברייטערער פאַראַלגעמיינערונג און פון טיפער פאָלקס־כאַכמע. די שפּראַך־מיטלען און רייד־מאַנירן זײַנען אין ראַכמיִעלס שפּראַך א סאַך פאַרשיידנאַרטיקער.

ראַכמיִעל פילט מיט פענעקן, האָט אַף אים ראַכמאָנעס, מיטפילנדיק, דערפרעגט ער זיך בא אים:

„מע שלאָגט דיך אין דער היים? — זאָג דעם עמעס — האָ? מע שלאָגט? מע האָט דיך פײַנט? — נעבעך! וואָס האָט מען צו דיר?" (10).

באַגלײַך מיט אלע אין די „הינטערגעסלעך" האָט ראַכמיִעל א נעקאָמע אין די גווירים, קוקט אַף פענעקן, ווי אַף „א לעבעדיקער גווירישער אווירע". די לעבנס־פּראַקטיק, דאָס קענען גוט די טעווע פון די נעגידים, וועלכע ליגט שוין אין זייער בלוט, צווינגט אים, וואָס „פון זײַן מויל פילט זיך א רייעך פון טאָנעס", צו באַציִען זיך א ביסל מיט אומצוטרוי צו פענעקס אויסנעמלעכקײַט פון די גווירים, און ניט אָן קינע זאָגט ער אים אלעמאָל:

„א ראָסלפלייש, פונדעסטוועגן, עסטו דאָרט? האָ? כאַפּסט אַרײַן, גוטערברודער... אלע טאָג... האָ?.. גוט צו עסן אלע טאָג א ראָסלפלייש, האָ? גוט צו עסן? גוט צו עסן!" (40—41).

די געבראַכטע רעפּליקעס שאַפן צוזאַמען א קעגנשטעלונג, דורך וועלכער ראַכמיִעל דריקט אויס די צווייִיקײַט פון פענעקס לאַגע. אין ביידע רעפּליקעס איז פאַראַן דאָס קינסטלערישע מיטל פון איבערכאַזערונג, וואָס אקצענטירט די ווערטער מיט קעגנזעצלעכן אינהאַלט: „מע שלאָגט" און „גוט צו עסן". די פרעג־זאַצן אין די פאַרשיידענע רעפּליקעס האָבן א פאַרשיידענעם אינהאַלט און אנטשפּרעכיק־פאַרשיידענע אינטאָנאַציע: אין דער ערשטער — איז זי א באַדוירער־מיטפילנדיקע און איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער הומאַנישקײַט פונעם פאָלקס־מענטשן, וואָס האָט ראַכמאָנעס אַפן לײַדנדיקן; און אין דער צווייטער — א סאַרקאַסטישע, גייט אפילע צום סאַף אַריבער אין אן אויסרוף־אינטאָנאַציע, און זי גיט איבער די לעכצעניש פונעם אָרעמאַן נאָך א ראָסלפלייש און די קאָנטראַסטיקײַט צווישן אים און דעם אפילע געקריוודעט נאַגידל, וואָס עסט דאָך אלע טאָג א ראָסלפלייש...

ראַכמיִעל איז באַזונדערס שטאַרק אלס ווערטלזאָגער. ער באַזאָרגט די גאַנצע שטאָט אָרעמעלײַט מיט ווערטלעך אַף א גאַנץ יאָר פאַר יעדן לעבנס־פאַל.

זײַנע ווערטלעך האָבן א טיפן פילאָסאָפישן און סאָציִאַלן אינהאַלט און זײַנען שפּראַכלעך שיין אויסגעפורעמט:

„ווער זאָגט עס: „די וועלט איז קײַלעכיק"? און איך זאָג: די וועלט איז גליטשיק; וואָרן (וואָרעם. — כ. ל.) מע זעצט (מע זעט דאָך. — כ. ל.): מע גייט און מע פאַלט — סע העלפן ניט אפילע קיין גאָלדענע פּאַדקאָוועס" (567).

אַף אזא אויפן נעמט זיך ראַכמיִעל קלויִמערשט אַראָפּ א מוסער פונעם גווירס טויט. דאָס ווערטל „די וועלט איז קײַלעכיק" מאָדיפיצירט ראַכמיִעל אַף זײַנעם אָן אייגענעם אויסדרוק: „די וועלט איז גליטשיק", קעדיי, ניט אָן נעקאָמע־געפּיל, מאַכן דעם אויספיר, אז עס פאַלט, דה. עס שטאַרבט, אפילע א גוויר, אָדער, ווי ער דריקט זיך אויס מעטאַפאָריש פאַרשטעלט: „סע העלפן ניט אפילע קיין גאָלדענע פּאַדקאָוועס".

צוזאַמען מיט אלע אָרעמעלײַט קילט ער זיך א ביסל דאָס האַרץ, וואָס כאָטשבי אינעם איניען שטאַרבן קען דער נאַגיד זיך ניט איבערנעמען קעגן אָרעמאַן, ער ווערט גאָר מיט אים א פאַרניבראַט:

„אז א מענטש שטאַרבט, ווערט ער דאָך מײַן קאָרעווע, וואָרעם איך וועל דאָך אויך שטאַרבן..." (71).

מיט גאָט און מיט זײַנע הייליקע „יאָצערמעשאָרסים" צערעמאָניעט זיך אויך ראַכמיִעל זייער ווייניק:

„ריבוינעשעלוילעם, דו גיב מיר נאָר פאַרנאָסע, א ביסל בראָנפן וועל איך שוין אליין קויפן" (66).

„דאַוונט, לײַדאַקעס!.. האָט מוירע, א רוּעכן אײַער באָטער אַרײַן, וואָרעם ע... אפילע א קאַץ קאָן אויך קאַליע מאַכן, הײַנט ווער שמועסט מוישע ראַבביינו אָדער אפילע דער נעסאַנעטייקעף..." (319).

די גאַנצע הימלשע „קדושע" איז דאָ אַראָפּגעשלעפּט אַף דער ערד און איז פאַרשטייגערט געוואָרן. וואָס קאָן זײַן נאָך א גרעסערער „כילעלהאַשעם", ווי פאַרגלײַכן מוישע ראַבביינו מיט א... קאַץ! מוישע ראַבביינו און דער „נעסאַנעטייקעף" איז בא אים איין קאָנאָניזירטע אַבסטראַקציע, וואָס מע „שרעקט מיט איר די געגנדז"...

פיל מיט לעבנסלוסט, שאַרפזין, לעצאָנעס, וויליונגערישע פריוואָלישקײַט, זאָרגלאָזע אָפּלאַכערישקײַט פון אייגענער אמעראַצעס אין די „קליינע אויסיִעלעך" — איז ראַכמיִעלס פאַרטײַטשן דעם „אימרו לעלויהים" און דעם „יאָשער יאָצאַר". דאָ איז אזא קאָמפּלעקס פון פאַרשיידענע שפּראַך־מיטלען — און הומאָריסטישע דערצו, — אז ס'איז קעדיי צו ברענגען די גאַנצע שטעל ווי זי שטייט און גייט:

„אימרו לעלויהים — רעדט צום לאָמפּ. גינזיי ניסטאָרים — „געגנדזענע סטרונעס". אנשער — אָן אוישער. יאָצאַר — דער יעיצערהאָרע. עס — פּרעס.

האָאַדאָם — אָדאָם האָרישן. בעכאָכמע — ס'א קליינע כאָכמע. אובאָראָ — סע גאָרניט... ס'א גרײַז אין סידער, בוי — פאַרשע בוי. נעקאָווים, נעקאָווים — דאָסן און יענצן... גאָלוי — א גורליע. וועיאָדוע — א יעדיִע..."

די טײַטשן דערמאָנען דאָ שטאַרק אין טעוויע דעם מילכיקנס „טײַטשן". אייניקע פון זיי באַזירן זיך אויף דעם, וואָס עס ווערט פאַרטײַטשט ריכטיק איין וואָרט, און דאָס טײַטש־וואָרט ציט נאָך זיך אַסאָציאַציעס פון אַ באַקאַנטן אידיאָם אָדער פראַזעאָלאָגישן אויסדרוק: אימרו — רעדט, לעליהים — צום לאָמפּ, — און ס'שאַפט זיך אַ שאַרפע גאָטסלעסטערישע פאַרטײַטשונג. פון דעם דאָזיקן טיפּ איז אויך: בעכאָכמאָ — ס'איז אַ קליינע כאָכמע.

די מערהײַט „טײַטשן" זײַנען געבויט אויף דער קלאַנגלעכער ענלעכקײַט צווישן דעם ניט פאַרשטענדלעכן מאַכזער־וואָרט און אַ באַקאַנט אומגאַנג־וואָרט: „גינזיי ניסטאָרעס" — געגנזונע סטרונעס, „אַנשער" — אַן אוישער, אאַוו.

פּאַראַדירנדיק די באַוווּסטע סענטענץ פון פּיירעק „האיום קאַציר, וועהאַמלאָכע מערובאָ" אאַוו., זאָגט ראַכמיעל:

„אוי ווי איז מיר, ווי איז מיר — דער זומערטאָג איז אַזוי לאַנג... און דער ראָסלפלייש — אַזוי קורץ..." (39).

סאָציאַל אָנגעזעטיקט איז דאָ די אַנטאָנימיק אין די ווערטער „לאַנג־קורץ", וועלכע דעקט דאָ אויף דעם גוואַלדיקן אײַנרײַס צווישן לאַנגן אַרבעטסטאָג, פאַר וועלכן ס'קלעקט ניט אויף קיין ראָסלפלייש. און „ראָסלפלייש", אַגעוו, איז דאָ די שיינע, אָבער פיקטיווע „רעפרעזענטאַנץ" פון אַ מאָגערן קוליש אָדער גאָר אַ פּיסנע שטיקל ברויט, ווײַל אינעם לאַנגן זומערטאָג, באַזונדערס אינעם וואָכעדיקן, איז דאָך אינגאַנצן קיין ראָסלפלייש, אַפילו קיין קורצער, אין די „הינטערגעסלעך" ניט געווען...

מיר האָבן באַטראַכט די שפּראַך פון צוויי קעגנזעצלעכע, אַנטאַגאָניסטישע שיכטן פון „באַם דניעפּער" אין גרונט.

די שפּראַך פון די לעווינס באַזיכט זיך אין דער אָדער אין יענער מאָס אָפּן אײַנרײַס צווישן דער שפּראַך און דעם דענקען, שפּיגלט אָפּ די צוויִעס פון די הערשנדיקע קלאַסן, זייער פאַרינטערעסירטקײַט צו פאַרבאַהאַלטן זייערע עמעסע געדאַנקען און קאַוואָנעס.

אין די רייד פון יאַנקל פורמאַן, בוזי דער קעכן און די אַנאַלאָגישע אַנאָנימע ריידער פון „באַם דניעפּער" און טיפּן פון אַנדערע בערגעלסאָנס ווערק זעען מיר די שפּראַך פונעם געזונטן פאָלקסמענטש, ווי מיר האָבן עס פריִער באַטאָנט. אין זייער שפּראַך איז אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע לעבנס־דערפאַרונג, די גאָרע פאָלקס־כאָכמע און שאַרפזין, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין מעשעך פון דוירעס, אויך דער אינערלעכער ווידערשטאַנד קעגן די אונטערדריקערס. דאָס אַלץ דריקט זיך אויס אינעם אײַנגעפונדעוועטן אידיאָם, אינעם אַפאָריסטישן גלײַכווערטל, אינעם לעבנסלוסטיקן פאָלקס־וויץ, אין דער אַנטיגווירישער איראָניע און סאַרקאַזם. דאָס איז אופריכטיקע, אָרגאַניש־קוועלנדיקע פאָלקס־שפּראַך.

עכטע ליטעראַרישע שפּראַך

שוין אינעם 1־טן טייל „באַם דניעפּער" גיט דאַוויד בערגעלסאָן אַן אָנדײַט אויף אַרבעטער־באַוועגונג, און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט — אויך אייניקע שטריכן פון נײַעם שפּראַך־באַוווּסטזײַן און נײַע עלעמענטן אין דער שפּראַך.

אָפּן אַרט ריידן פון אַלטער מייטעסעס ייִנגל נאַכקע, וואָס אַרבעט אין אַ מעבל־פאַבריק, ווײַזט דער אויטאָר, וויאַזוי דער קלאַסן־באַוווּסטזיניקער אַרבעטער באַקומט אַ מער שטײַפע שפּראַך. נאַכקע זאָגט שוין ניט „אַרבעטאָרער", נאָר — „אַרבעטער", ניט „פאַבריקע", נאָר — „פאַבריק": ס'ווערט דאָ אָפּגעוואָרפן די קליינשטעטלדיק־פאַרהיימישטע איבעריקע ענדונג. אַן אָפּשפּיגלונג פון אָרגאַניזירטקײַט און קאָלעקטיוויסטישן באַוווּסטזײַן פונעם אַרבעטער־קלאַס זײַנען די אָפט גענוצטע באַ נאַכקען מערצאָליקע פּערזאָניקע פּראָנאָמען „מיר", „אונדז" — אָנשטאָט „איך", „מיך" אאַוו.

אינעם 2־טן טייל „באַם דניעפּער", ווו ס'ווערט געשילדערט די געזעלשאַפטלעכע, ספּעציִעל די רעוואָליוציאָנערע, באַוועגונג ערעוו דער רעוואָליוציע פון 1905, ווערן אַרויסגעפירט פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פּאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע גרופּעס.

אין די רייד פון די דאָזיקע פּערסאָנאַזשן ווימלט שוין מיט אַ סאַך אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער: רעוואָליוציאָנער, מאַרקסיסט, רעוויִזיאָניזם, קאַפּיטאַליזם, אָרגאַניזאַציע, פּראָלעטאַריאַט, אַבסאָליוטיזם אאַוו.

דער שלאָסער פּערלאָווסקי זאָגט:

„ — די בורזשואַזיע וועט עס פירן פונמײַנעטוועגן דעם פּאָליטישן קאַמף... ס'איז פּראָוואָקאַציע!" (ב'ד, 2, 90).

פון דער „איסקראָוועקע" אָלגע הערן מיר:

„ — און אויס מיט די מײַסעס, אַז „בונד" איז די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, אויס מיט זײַן באַזונדערער

פּראָגראַם, אויס מיט צעברעקלען דעם קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דאָרעם־מײַרעוודיקן קאַנט, ווו ייִדישע אַרבעטער זײַנען אַרײַנגעצויגן אין דער אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס אַלץ איז עכטער נאַציאָנאַליזם" (ב'ד, 2, 133—134).

ניט בלויז אינטערנאַציאָנאַליזמען באַנײַען דאָ די שפּראַך, — ס'שטייגערן דאָ אַזעלכע ווערטער, וואָס די אומגאַנגלעכע רייד־שפּראַך האָט זיך לײַכט געקאָנט באַגיין אָן זיי, אָבער וואָס זײַנען אומבאַדינגט נייטיק אין אַ קאָנדענסירטער אָרגאַניזירטער שפּראַך פון אַן אַקטיוויסט: „קאַמף", „אַלגעמיינע", „עכטע" אאַז״וו.

לויטן זאַצבוי איז די שפּראַך פון אַלגען און איר גלײַכן מאַקסימאַל אָרגאַניזירט. ס'איז דאָ ברייט פאָרגעשטעלט די סובאָרדינירער־סטרוקטור, ס'זײַנען דאָ סימעטריש געבויט די קאָאָרדינירעדיקע זאַצן מיט אָראַטאָריש זיך איבערכאַזערנדיקן „אויס מיט" און מיטן סומירנדיקן שלוס־זאַץ „דאָס אַלץ איז..."

בײַ אייניקע בירָאָבידזשאַנער פּערסאָנאַזשן פאָרט זיך שוין די עלטערע פאָלקס־לעקסיק מיט ווערטער פונעם נײַעם פּאָליטיש־אָנגעזעטיקטן לעבן, אויף וויפל דער נײַער באַוווסטזײַן הייבט אָן באַפאַרבן דעם אײַנגעפונדעוועטן שפּראַך־ און דענקען־פאַרמעג אויך בײַ די מאַסן־מענטשן.

אָנגעזעטיקט מיט אינטערנאַציאָנאַליזמען און באַרײַכערט מיט סאָוועטיזמען איז די רייד פון שימקעס ווײַב. זי רעדט, לויטן אַוטאָרס באַצייכענונג, „אויף דער שפּראַך, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט פונעם קאָלווירט, וואָס הינטער מינסק":

„— אונדזער שעף. דער הויפּט־טעקסטיל־צענטער" (234).

„— ניט קיין פּערזאָנען, נאָר אינסטיטוציעס" (241).

„— סאַבאָטאַזש פון דער העכסטער מאַדרייגע" (251).

„— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן?.. וואָרעם דאָס אַלץ, אַז איר וועט זאָגן אויף אַ פאַרזאַמלונג, וועט עס זײַן זעלבסטקריטיק, און אַז איר זאָגט עס דאָ אין דער שטיל, איז דאָס, האָט קיין פאַריבל ניט אָדער האָט יאָ פאַריבל, די געוויסע שעפּטשערײַ... מיר קענען זי... אַדעראַבע, קומט טאַקע מיט דעם צו אונדז אויף דער אַקטיוואַבערפירונג, און זאָלן מיר דאָרט אַלע וועגן דעם וויסן..." (251).

און אָט איז אַרקעס אַן אַרויסטרעטונג:

„— די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אַרום דער וואָלאָטשײַעווקער סאָפּקע געשלאָגן קאָלטשאַקן, האָבן דאָרט אַ פּאַרט־קעמערל און אַ קאָמיוגקעמערל. זיי האָבן אין זייער צײַט ניט דערלאָזט, די אינטערווענטן זאָלן זיך אַרײַנרײַסן אין אונדזער באָלשעוויסטיש לאַנד, און זיי געגעבן איבער דער טרייפענער מאָרדע..."

דער היימישלעך־פאָלקסטימלעכער באַמערקזאַץ („האָט קיין פאַריבל ניט" אאַז״וו), דער עמאָציאָנעל־מעטאָנימישער פּראָזעאָלאָגיזם („געגעבן איבער דער טרייפענער מאָרדע" אאַז״וו), די אומגאַנגלעכע ריידאַרטיקע פראַגע, וואָס אָפט גיט מען אויף איר גלײַך אָן ענטפער, בכלל די העלע, קאָלאָריטפולע פאָלקסשאַפונג איז אין „בירָאָבידזשאַנער" איבערגעשאָטן מיט אינטערנאַציאָנאַליזמען און סאָוועטיזמען, און דאָס איז געזעצמעסיק. דער נײַער זײַן פורעמט ביסלעכווײַז איבער דעם מענטשנס באַוווסטזײַן. דער נײַער און זיך באַנײַענדיקער באַוווסטזײַן פירט צו נײַע שפּראַך־דערשײַנונגען אין די רייד פון בערגעלסאָנס פּערסאָנאַזשן.

* * *

דאָוויד בערגעלסאָנס שפּראַך איז זייער אַ רײַכע, פילאַרטיקע און, באַזונדערס אין סאָוועטישן פּעריאָד, אַן עכט רעאַליסטישע. רײַך און אינטערעסאַנט איז זײַן בילדערישקײַט. זי שפּילט מיט אַלע קאָלירן פון דער וואָרט־פּאַליטרע: ווו עס פּאַסט — מיט איינאַרטיק־טונקעלע, ווו ס'איז צום אָרט — מיט העלע, בונטע. די שפּראַך פון די פּערסאָנאַזשן איז מאַקסימאַל דיפערענצירט, סאָציאַל אָנגעזעטיקט. בערגעלסאָנס שפּראַך איז די העכסטע שטופע פון דער קריסטאַליזירטער, (געלײַטערטער, הויכקוואַליפיצירטער ייִדישער ליטעראַרישער שפּראַך, אײַנגעשלאָסן די זאַפטיקע און כיינעוודיקע פאָלקלאָר־עלעמענטן, מיט אַלע אירע דערגרייכונגען פאַר דער סאָוועטישער עפּאָכע. בערגעלסאָנס שפּראַך — דאָס איז די רײַכע, סינטעזירטע סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַרישע שפּראַך.

לייב ווילסקער

רוסישע דיכטער אין העברעיִש

וועגן די שוועריקייטן, מיט וועלכע מע טרעפט זיך אָן באַם איבערזעצן פון איין שפּראַך אויף דער צווייטער, האָט געשריבן נאָך אין 12־טן יה. דער באַוווּסטער העברעיִשער דיכטער, שפּראַכקענער, ליטעראַטור־קריטיקער און פילאָסאָף פון שפּאַניע איבן עזרא (1070—1139): „...און אָט געפינט מען זאַכווערטער און ווערבן אין איין שפּראַך, וואָס פעלן אין דער צווייטער, און דער איבערזעצער איז געצוווּנגען אין פּראָצעס פון דער איבערזעצונג באַשרײַבן די ווערטער פונעם אָריגינאַל, איבערגעבן זיי דורך נאָענטע באַגריפן, אָבער ניט אַדעקוואַטע, דעריבער גייט לעיִבעד אין דער איבערזעצונג דער כיין און דער אינהאַלט פונעם אָריגינאַל, ווײַל ס'איז אוממעגלעך, אַז אין אַלע לשונות זאָלן זיך געפינען די זעלבע באַגריפן...”

דער בעסטער איבערזעצער פון רוסיש (און ניט נאָר פון רוסיש) אין העברעיש — א. שליאָנסקי (1900—1973), וועלכער האָט באַרײַכערט דעם העברעיִשן לייענער מיט די ווערק פון גאָגאָלן, פּושקינען, גאָרקין, שאָלאָכאָוון און אַנדערע, האָט געשריבן צו איינעם פון זײַנע קאָרעספּאָנדענטן: „יעדע איבערזעצונג שטעלט מיט זיך פאָר א פאַראַט און א רעצייעך־נעפעש, און נאָר ניסים קענען באַווײַזן דעם ווונדער פון אויסקאָרטשעוועט און איבערפלאַנצן, אויסקאָרטשעווען פון דער קולטור פון איין שפּראַך און איבערפלאַנצן זי אין דער קולטור פון א צווייטער שפּראַך”.

די איבערזעצונגען פון די רוסישע דיכטער, וועגן וועלכע עס גייט דאָ א רייד, געהערן אייגעם און דעם זעלבן יִיסראָעלדיקן אַוטאָר — א. אהאַראָני (אהרוני, געבוירן אין 1923).

נאָך אין 19־טן יה. האָט מען באַוויזן איבערזעצן א טייל פון פּושקינס ווערק אין העברעיִש. אַלנפאַלס, אויב אַפילו נעמען אין אכט בלויז באַזונדערע ביכער, האָט זיך דער העברעיִשער לייענער שוין באַקאַנט מיט פּושקינס שאַפונג קימאַט מיט הונדערט יאָר צוריק. עס האַנדלט זיך וועגן דעם בוך „אהבה נכזבה” („אהאווא ניכזאווא” — אַנטוישטע ליבע), וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין וואַרשע אין 1880.

א. ליבושיצקי האָט אין 1897 געמאַכט זײַן איבערזעצונג פון פּושקינס „א מײַסע וועגן א פישער און א פישעלע”. די בעסטע אַנטפּלעקונגען פון פּושקינען אין העברעיִש אין 19־טן יה. געהערן ד. פרישמאַנען, וועלכער האָט אין 1899 פאַרעפנטלעכט אין פּעטערבורג 24 לידער אונטערן נאָמען „משירי פושקין” (מישירע פּושקין). אינעם בוך זײַנען געווען אײַנגעשלאָסן „דער נאָווי”, „דער דיכטער”, „דער מאַלעך”, „יעהודיס”, „די שיידים”, „פרילינג”, „האַרבסט”, „ווינטער”, „א ווינטערדיקער אָוונט”, „וואָלקנס”, „גאָלד און אײַזן” און אַנד.

די וויכטיקסטע פּובליקאַציעס פון פּושקינען אין העברעיִש פאַלן ערשט אויפן 20־טן יה. ד. שימאָנאָוויטש האָט איבערגעזעצט אייניקע דראַמאַטישע פּאָעמעס און זיי פאַרעפנטלעכט אין וואַרשע אין 1920, מ. בערנשטיין־קאָהען — די פּאָעמע „פּאָלטאַווע” (יערושאָלאַיִם, 1945), מ. וואָלפּאָווסקי — פּושקינס ראָמאַנען און דערציילונגען (1965). אין 1967 גייט אַרויס א באַנד „אויסדערוויילטע לירישע לידער” פונעם גרויסן רוסישן דיכטער אין דער איבערזעצונג פון י. זאַק.

אַמערסטן אָבער דאַרף פאַרדאַנקען דער העברעיִשער לייענער פאַר די פּרעכטיקע איבערזעצונגען פון פּושקינס ווערק א. שליאָנסקין. זײַן „יעווגעני אָנעגין” אין איוורית האָט פון 1937 יאָר אָן אויסגעהאַלטן פיל אויסגאַבעס. אין 1954 דערשײַנען צום ערשטן מאָל שליאָנסקיס איבערזעצונגען פון די קליינע טראַגעדיעס: „דער שטיינערנער גאַסט”, „א מאָלצײַט אין צײַט פון פעסט” און „רוסאַלקע”. אין 1956 באַקאַנען מיר זיך מיט דער איבערזעצונג פון „באָריס גאָדונאָוו”.

און אָט ליגט פאַר אונדז דאָס בוך: „א. ס. פּושקין. שלוש פואמות: גרף נולין. גבריליאדה. בית בקולומניה” („א. ס. פּושקין. דרײַ פּאָעמעס:

די הילעס פון די ביכער פון די רוסישע דיכטער אין דער איבערזעצונג אף העברעיִש.

„גראף נולין". „גאווריליִאדע". „דאָס שטיבל אין קאָלאָמנע"), דערשינען אין טעל־אוויוו אין 1962 אין דער איבערזעצונג פון א. אהאראָני, וועלכער באַגלייט יעדעס ווערק מיט אָנמערקונגען.

אריע אהאראָני האָט איבערגעזעצט אויך אַנדערע רוסישע שרײַבער. אין דער אויסגאַבע פון סערגיי יעסענינס „אנא סנעגינא" איז, אויסער דער דאָזיקער פּאָעמע, אײַנגעשלאָסן נאָך אכט לידער: „מײַן וועג", „אין בלויען אָוונט, אין לעװאָניקן אָוונט", „א בריוו צו דער מאמען", „שנייִקע פלאכן, ווײַסע לעוואָנע", „א בריוו צו א פרוי" און אנד.

א. אהאראָניס איבערזעצונג איז דערשינען אין 1966, בײַס די פײַערונגען פון ס. יעסענינס 70־יאָריקן יוביל (אגעוו, דאַרף מען באַמערקן, אז ס. יעסענין, פּונקט ווי א. פּושקין, איז ווײַט ניט קיין „פּאָנעם כאדאָשעס" אין דער העברעיִשער איבערזעצונגס־ליטעראַטור: נאָך אין 1942 זײַנען אינעם זאמלבוך „מבחר שירת רוסיה" („אויסדערווײילטע פּאָעזיע פון רוסלאַנד") געװוען אײַנגעשלאָסן אייניקע זײַנע לירישע לידער).

„דער וואָלקן אין די הויזן" פון וו. מאיאַקאָווסקי אין דער איבערזעצונג פון א. אהאראָני הייסט אף איווריט „ענן במכנסים". לויט די יעדיִעס, וואָס מיר האָבן פון אהאראָני זעלבסט, שטעלט מיט זיך פאַר די דאָזיקע איבערזעצונג זײַן ערשטן ליטעראַרישן פּרווו.

אונדז איז ניט באַוווּסט, מיט וועלכע לידער מאיאַקאָווסקיס האָט זיך שוין פריִער באַקאַנט דער העברעיִשער לייענער. אלנפאלס, טרעפן מיר אינעם שוין דערמאָנטן זאמלבוך „אויסדערווײלטע פּאָעזיע פון רוסלאַנד" צוויי איבערזעצונגען פון שליאָנסקין: „ואף־על־פּי־כן" („וועאַף־אַל־פּי־כען" — און פונדעסטוועגן) און אַן „אָדע דער רעוואָליוציע". אין דעם זעלבן זאמלבוך איז פאַראַן מאיאַקאָווסקיס „150.000.000" אין דער איבערזעצונג פון א. פּען און אייניקע קאַפּיטלען פון דער פּאָעמע „וועגן דעם" אין דער איבערזעצונג פון ש. ז. און א. פּען. אין 1950 האָט א. פּען פאַרעפנטלעכט זײַן איבערזעצונג פון מאיאַקאָווסקיס אויסדערווײלטע לידער („מבחר שירים" — „מיווכאר שירים"). אין דעם זעלבן יאָר האָט אויך עדנא קאָרנפעלד פאַרעפנטלעכט איר איבערזעצונג פון מאיאַקאָווסקיס „מײַן אַנטדעקונג פון אַמעריקע".

א. אהאראָני איז דער איבערזעצער פונעם בוך „מחרוזות מן השירה הרוסיה הצעירה" („מאכראָזעט מין האשירא הארוסיט האצעיִראַ" — „זאמלונג פון דער יונגער רוסישער דיכטונג"), וואָס איז דערשינען אין 1962. אין דער אַנאָטאַציע צום בוך ווערט געזאָגט: „די אויפגאַבע פון דעם דאָזיקן זאמלבוך איז עפענען א פענצטערל צו דער פּאָעזיע פונעם איצטיקן יונגען דאָר, דעם צווייטן דאָר דיכטער, וועלכער איז אויפגעשטאַנען נאָך דער מילכאָמע און איז קימאַט אומבאַקאַנט אין יִיסראָעל. ווי באַשיידן ס'זאָל ניט זײַן דער פאַרנעם פונעם בוך, גיט ער פונדעסטוועגן וויכטיקע יעדיִעס וועגן די סטעזשקעס, וואָס ווערן געזוכט מיצאַד דער דאָזיקער פּאָעזיע, און אין וואָס עס באַשטייען אירע דערגרייכונגען". אין דער זאמלונג זײַנען אײַנגעשלאָסן די ווערק פון וו. קאַסטראָוו, אי. ליסניאַנסקאַיאַ, וו. סאָלאָוכין, ק. וואַנשענקין, וו. גאָנטשאַראָוו, ר. ראָזשדעסטווענסקי, יו. דרוניִנא, ב. אָקודזשאווא, א. וואָזנעסענסקי, יע. יעוטושענקאָ.

אנדריי וואָזנעסענסקיס „צוואַנציק לידער" האָט אריע אהאראָני אַרויסגעגעבן אין זײַן איבערזעצונג אין 1967. ווי באַוווּסט, איז ניט גרינג איבערזעצן אזא אייגנאַרטיקן דיכטער, ווי א. וואָזנעסענסקי. אינעם פאָרוואָרט צו דער אויסגאַבע באַמערקט דער איבערזעצער, אז כאָטש די טעמעס, אף וועלכע עס שרײַבט וואָזנעסענסקי, זײַנען פילפארביק, ווי דער רעגנבויגן, לאָזן זיך באַמערקן אין זיי צוויי הויפּט־מאָטיוון: די ראָל פונעם דיכטער, וועמענס האַרץ, ווי א פילבאַרע מעמבראַנע, הערט זיך אײַן אין אַלץ, וואָס עס קומט פאָר ארום; דער צווייטער מאָטיוו — דאָס איז די פרוי, אירע ליידן, איינזאַמקײַט און דערנידעריקונגען, וועלכע דער דיכטער פאַרשטעמפּלט אלס א פאַרשוועכונג פון אלדאָס זויבערע, אומשולדיקע און הייליקע. אָט די ביידע טעמעס איז געווידמעט א העלפט פון די איבערגעזעצטע לידער. דאָס זײַנען „די וווּנט פון דער טורמע" (די זיבעטע ליד פון דער פּאָעמע „מײַסטערס"), „קרווינען און וואָרצלען", „די פּאַראַבאָלישע באַלאַדע", „מיר זײַנען פּיל, ס'קאָן זײַן, אז פּיר". און „די באַלאַדע וועגן דעם פּונקט". אינעם צווייטן ציקל זײַנען אײַנגעשלאָסן: „מע שלאָגט א פרוי", „דו זיצסט א שוואַנגערע, א בלייכע", „סטריפּטיז", „איגן, וואָס שטייען אנטקעגן", „א פרוי שלאָגט". און נאָך צען לידער: „אין אומגעהייער ווײַטעקלעכע טעג", „אַנטיוועלטן", „די נעפּלדיקע גאַס", „דער צוריקמאַרש אין מאַרט 1719", „די סרייפּע אין אַרכיטעקטאָרן־אינסטיטוט", „די לעצטע עלעקטרישקע" און אנד.

אין בעלאַ אכמאַדולינעס זאַמלונג האָט דער איבערזעצער אײַנגעשלאָסן, אויסער דער פּאָעמע „א מײַסע וועגן רעגן", אויך אירע לידער „געזעגענונג", „מײַנע כאַווײרים", „דועל", וועלכע ווערן געבראַכט אויך אין אָריגינאַל, באַנאַנד מיט דער איבערזעצונג. א. אהאראָני שרײַבט אינעם פאָרוואָרט וועגן דער פּאָעמע „א מײַסע וועגן רעגן", אז „זי געהערט צו די סאַמע רײַפסטע שאַפונגען, וועלכע ס'האָט געשענקט אין לעצטן יאָרצענדליק די יונגע רוסישע דיכטונג".

א. אהאראָני באַמיט זיך, פון איין זײַט, ווי ווײַט מעגלעך פאַרהיטן דעם גײַסט פונעם רוסישן אָריגינאַל, אזוי, אז פּושקינס פערז זאָל ניט אָנווערן זײַן אייגנאַרטיקײַט, וואָזנעסענסקיס זאָל פאַרמאָגן אין זיך דעם ספּעציפֿישן „טאַם" פון נאָוואַטאָרישקײַט אאַוו. פון דער צווייטער זײַט, רעכנט זיך דער איבערזעצער מיט דער טראַדיציע און מיט די אופנאַמס־פּעיִקײַטן פון זײַנע העברעיִשע לייענער. דעריבער טרעט ער גאַנץ אָפט אָפּ פון דער בוכשטעבלעכקײַט, און דאָס קאָן מען בלויז באַגריסן.

לאָמיר זיך באַנוגענען מיט עטלעכע בײַשפּילן.

דעם נאָמען „בוקאַשקין" אין וואָזנעסענסקיס „אַנטיוועלטן" רופט ער אָן „יתושקין" (פון „יתוש" — יאַטוש — קאָמאַר). און אף אזא מין אופן, פאַרשטייט זיך, גיט ער איבער „אַנטיבוקאַשקין" דורך „אנטיתושקין".

ער באַנוצט זיך מיט אידיאָמען און שטאַמפּן, וועלכע הערשן אין העברעיִש. לעמאָשל:

— „ככברה Продырявленный, точно решето...
מני ראש עד כף רגל" („ווי א רעשעטע פון קאָפּ ביז דער פּיאַטע פון די פּיס").

עס קלינגט אין גײַסט פון העברעיִש, ווען דער איבערזעצער בײַט „קאָפּ" אף „האַרץ", וואָס לויט דער מיטלאַלטערלעכער מיזרעך־ליטעראַטור איז עס דאָס אָרט פון מאַכשאָוועס און דענקען.

...сделал,
Что у каждого есть голова

...שקדת
הלב בצלעות לחשק (מאיאקאָווסקי)

בוכשטעבלעך: „דו האָסט זיך באַמיט, דאָס האַרץ זאָל זײַן אין ריפּן אַרומגעפּעסלט".

ער מײַדט אויס נעמען פון כײַעס, וואָס געפינען זיך ניט אין ייִסראָעל. באַ ב. אכמאַדולינען, לעמאָשל:

Промокшая всей шкурой, как ондатра.

דער איבערזעצער געפינט זײַן אַנאַלאָגיע:

נוטפת כחתול אחר מקלחת.

(„ס'האָט פון איר געקאַפּעט גלײַך ווי פון א קאַץ נאָך א דוש").

א. אהאראָני מײַדט אויס געאָגראַפישע נעמען, כּדיי צו פאַרברייטערן די גרענעצן פון דעם סיפּער־האַמײַסע.

Им надо долго ехать — до Арбата,
до набережной, где их дома ждут.

הרחק צריכים לנסע עד יגיעו
לבתיהם, ששם לם ממתינים (אכמאדולינא).

„אַרבאַט" וואָלט געווען ניט פאַרשטענדלעך אין דער איבערזעצונג.

אָדער:

Прет народ от Коломн и Клязьм.

נדחק העם מפרורי קרתו (וואָזנעסענסקי).

„עס שפּאַרט דאָס פאָלק פון די פאָרשטעט". ווי מיר זעען, זײַנען דאָ אויך ניט געבראַכט די געאָגראַפישע נעמען.

אין דער העברעיִשער פּאָעזיע איז מער איידער אין דער רוסישער אָנגענומען באַנוצן זיך מיט האָמאָנימען און אַליטעראַציע. דאָס קומט בעיִקרושע פונעם טאַנאַך. די דאָזיקע אייגנשאַפטן געפינען מיר אויך באַם איבערזעצער, ביפראַט ווען ער האָט צו טאָן מיט אַליטעראַציע אין אָריגינאַל:

Бьют женщину. Блестит белок.

מכים אשה. בוהק אישון. (וואָזנעסענסקי).

„מע שלאָגט א פרוי. עס בלישטשעט דאָס שווארצאפּל“.

דאָ האָבן מיר א מערקווירדיקן בײַשפּיל, ווען דער איבערזעצער, „פארבײַטנדיק די יאָצרעס“ — דאָס „ווײַסל“ אף „שווארצאפל“, דערגרייכט גראָד די געווונטשענע אליטעראציע, וואָס געפינט זיך אין רוסישן אָריגינאַל.

און אָט איז, לעמאָשל, א שפּיל מיט האָמאָנימען:

...Любых ругателей рогатины
и яростные ярлыки.

של מחרפי ומנגחי. (וואָזנעסענסקי).
...נעוץ סכין, נאוץ דברים

„דאָס שטעכן פון א מעסער. די געמיינע ווערטער פון די, וואָס פארשעמען מיך און שטויסן מיט די הערנער“.

דאָ מוז באמערקט ווערן, אז די מערהײַט לייענער פון העברעיִש אונטערשיידן ניט הײַנט־צו־טאָג צווישן דעם „א“ און דעם „ע“, אזויארום קלינגט „נעוץ“ און „נאוץ“ אלצייגס (ניוץ). און דאָ איז גאַנץ פײַן איבערגעגעבן געוואָרן וואָזנעסענסקיס אליטעראציע מיט דער הילף פון העברעיִשע האָמאָנימען.

אין אייניקע פאלן, צוליב געוויסע טײַמים, וואָס מע קען זיי גאַנץ אָפּט „אָנטאפּן“ (דער גראַם, די לענג פון דער שורע אדגל.), האלט אהאראָני פאר נייטיק פארקירצן די איבערזעצונג, באנוצנדיק זיך דערבײַ מיט צוויי מיטלען.

1. אבּרעוויִאַטורן.

אין אָריגינאַל: что присел заграничный гость

אין דער איבערזעצונג: עד כי שח האורח מחו״ל. (וואָזנעסענסקי).

מחו״ל — מעכול — איז אַן אבּרעוויִאַטור פון מחוץ־לאַרץ (מעכוץ־לאַרעץ — פון אויסלאַנד).

Помещик двадцати трех лет.

עתיר־רכוש בן כ׳ שנה (פושקין).

בוכשטעבלעך: „דער צוואנציקיאָריקער רײַכער אין פארמעגן“. דאָ האָט דער איבערזעצער זיך באנוצט מיט דער ציפערישער באַדײַטונג אין העברעיִש פונעם אָס „קאָף“, וואָס באַטײַט

20. אין דער איבערזעצונג האָבן מיר, אזויארום, צוויי אָפּנייגונגען: דעם באגריף „רוסישער פּאָמעשטשיק“ האָט ער איבערגעזעצט — „דער רײַכער אין פארמעגן“ און דערצו נאָך אים געמאכט ייִנגער אף דרײַ יאָר. דער זין אָבער פון דער פּאָעמע האָט דאָ גאָרניט געליטן.

2. א. אהאראָני מײַדט אויס אייניקע ווערטער פונעם אָריגינאַל. הויפּטזאכלעך אזעלכע, וואָס זייער אָפּוועזנהײַט שטערט ניט דעם אינהאַלט. לעמאָשל.

Приехал ко мне, мол, *веселый*
Один молодой человек

ברנש בא אלי לתארח (יעסענין).

„א יאַט איז געקומען צו מיר צוגאַסט“. דאָס וואָרט веселый איז ניט איבערגעזעצט. באנוצנדיק זיך מיטן אראמעיִשן וואָרט „ברנש“ (באַרנאָש — בוכשטעבלעך „א זון פון א מענטשן“), וואָס ווערט אין העברעיִש באנוצט, ווען מע וויל אונטערשטרײַכן א געוויסע ביטלבאַציִונג, גיט אהאראָני גלענצנד איבער דאָס רוסישע молодой чудак.

אין אייניקע פאלן אָבער דוכט זיך, אז אין דער איבערזעצונג איז עפּעס ניט דערזאָגט געוואָרן אין פארגלײַך מיטן אָריגינאַל:

осенний ветер, мелкий снег
Да вой волков

משב סתוי ושלג דל (פושקין).

דאָ איז да вой волков ניט איבערגעזעצט. א שאָד!

אָדער

лицом по снегу и крапиве

ובסרפד היו פניה (וואָזנעסענסקי).

דער איבערזעצער האָט אינגאנצן איגנאָרירט по снегу און דאָס איז געוויס אויך א שאָד.

עס טרעפן זיך אין דער איבערזעצונג צוגאָבווערטער, ארויסגערופענע דורך פארשיידענע טײַמים, נאָר זיי ענדערן ניט דעם טאָן און דעם אינהאַלט פונעם דיכטערס גרונט־געדאַנק.

דעם איבערזעצער איז אויסגעקומען גאַנץ פיל צו האָרעווען, ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן אף דער מענגע פארמינערונגס־אויסדרוקן אין די רוסישע אָריגינאַלן, ווײַל די עקוויוואלענטן פון דער מערהײַט פון אזעלכע אויסדרוקן איז ניט פאראַן אין קיין שום העברעיִשן ווערטערבוך. אים איז אויסגעקומען א געוויסן טייל פון זיי שאפן אף אייגענער אכרײַעס, אָדער איבעראַנדערשן דעם באַדײַט פון שוין אָנגענומענע אין דער ליטעראַטור.

אהאראָניס שפּראַך איז א גאַנץ רײַכע. ער באַהערשט די לעקסיק פון אַלע פּלאַסטן אין דער ליטעראַרישער העברעיִשער שפּראַך, ווי אויך די מינדלעכע לעקסיק. ברייט נוצט ער אויס אראמעיִזמען און פרעמדשפּראַכיקע אויסדרוקן. פּונקט ווי די ייִדיש־שרײַבער באנוצן זיך דערפאַלגרײַך מיט העברעיִזמען, קעדיי איבערצוגעבן א געוויסע שאַטירונג, אזא אָדער אנדער ניואַנס, באנוצט ער זיך מיט יענע אראמעיִזמען, וואָס האָבן זיך אײַנגעבירגערט אין דער העברעיִשער שפּראַך.

אינטערעסאַנט איז, וויִאזוי עס באַגייט זיך דער איבערזעצער מיט פרעמדשפּראַכיקע ווערטער. לעמאָשל, אין „גראַף נולין“ לאָזט ער איבער אין דער איבערזעצונג דעם פראַנצויזישן עלעמענט, און אין די פּוסנאָטעס ווײַזט ער אָן, וואָס עס באַטײַט. אָפּט לאָזט ער איבער דאָס רוסישע וואָרט אָן אן איבערזעצונג, און דאָס גיט צו דעם העברעיִשן טעקסט דעם נייטיקן קאָלאָריט.

די באַהאַנדלטע איבערזעצונגען זײַנען אָבער ניט ריין פון דעפעקטן. עס הינקט א ביסל צו זייער רעדאַקציע. מערסטנטייל האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט טאָעסן פונעם זעצער.

אין אלגעמיין אָבער קאָנען אָט די גרײַזן ניט פארמינערן די פאַרדינסטן פונעם איבערזעצער, וועלכער „צילט — לויט שליאָנסקין — שאפן ניסים“, איבערפלאַנצנדיק אפן העברעיִשן באָדן קלאַסישע רוסישע און סאָוועטישע ווערק.

ווענגן די פּאָליטישע ספּעקוליאַציעס פונעם ציִעניזם ארום דער אזויגע־רופענער „וועלט־קאָנפערענץ פאר ייִדיש" אין יערושאָלאִים האָבן מיר שוין געשריבן. דאָס ארטיקל פון ש. פישמאַנען ווערט איבערגעדרוקט (מיט קירצונגען) פונעם זשורנאל „ייִדישע שפראך" (באנד XXXV, נומ. 1—3, 1976) מיטן ציל צו באקאנען דעם לייענער מיטן פראָפעסיִאָנעל־שפראכלעכן אס־פעקט פון דער פראָבלעם.

רעד. „סאָוועטיש היימלאנד"

די יערושאָלאִימער „וועלט־קאָנפערענץ פאר ייִדיש און ייִדישער קולטור" פון א סאָציִאָלאָגיש־לינגוויסטיש קוקווינקל

אין מעשעך פון די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר האָט איין צווײַג פון דער שפראך־סאָציִאָלאָגיע זיך היפשלעך אָפּגעגעבן מיט דער פראָבלעם און מיט דער אווודע פון שטארקן שוואכע שפראכן. אלס שוואכע שפראכן ווערן באטראכט אזעלכע, וואָס פארמאָגן ניט קיין נאָרמאלע דעמאָגראפישע אָדער פונקציִאָנעלע אטריבוטן. אָט דער צווײַג, די שפראך־פּלאנירונג, זוכט צו געפינען ענטפערס אף קאָלערליי פראָבלעמען פון שוואכע שפראכן, צווישן אנדערע: אף די פראָבלעמען פון א פארקלענערטער צאָל באניצערס פון אָט די שפראכן (דער איקער, יונגע ניצערס, וואָס זײַנען נאָך אין אן עלטער פון קענען געבוירן און אופציִען אייגענע קינדער) און פון אומקלאָרע אָדער אָפּגעפרעגטע פונקציעס פון אָט די שפראכן (מאכמעס אנדערע שפראכן האָבן זייערע אמאָליקע פונקציעס איבערגענומען אָדער צוגענומען).

איינע פון די טעמעס פון דער שפראך־פּלאנירונג איז טאקע שפראך־קאָנפערענצן, און אויך אָט די טעמע איז שוין נישקאָשעדיק אויסגעפאָרשט געוואָרן פון דער מאָדערנער שפראך־סאָציִאָלאָגיע.[1] שטעלט זיך דעריבער די פראגע,

העיויס, ווי די דעמאָגראפישע און פונקציִאָנעלע לאגע פון ייִדיש איז שוין מעקאמע יאָרן ניט קיין געזונטע, אף ווי ווײַט האָט די לעצטנס אָפּגעהאלטענע „וועלט־קאָנפערענץ פאר ייִדיש און ייִדישער קולטור" (יערושאָלאִים, פון דעם 23־טן ביז דעם 26־טן אווגוסט 1976) זיך אָריִענטירט אין דעם, וואָס די שפראך־פּלאנירונג האָט צו זאָגן אפן סמאך פון איר פראקטיק מיט צענדליקער שוואכע שפראכן זינט דעם סאָף פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. פון דער אנדערער זײַט, פרעגט זיך: ווי זעט אויס די קאָנפערענץ פונעם קוקווינקל פון סאָציִאל־לינגוויסטיק און, דער איקער, פון שפראך־פּלאנירונג, טאקע אדאנק דעם, וואָס די פראָבלעמען פון שוואכע שפראכן (און אפילע די פולעס פון שפראך־קאָנפערענצן) זײַנען אָנגענומענע און לעפּיִערעד גוט דורכגעארבעטע טעמעס אין אָט די פאָרש־פעלדער.

וואָס האָט די קאָנפערענץ געלערנט פון דער שפראך־פּלאנירונג און פון דער שפראך־סאָציִאָלאָגיע ביכלאל?

אין מעשעך פון די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר האָט די שפראך־פּלאנירונג גוט דורכגעארבעט די פראָבלעמען פון פינף שוואכע שפראכן אין אייראָפּע — איריש, וועלשיש, נאָרוועגיש (לאנדסמאָליש), ראָמאנטיש און פריזיש — און פון נאָך פינף פריִער שוואכע שפראכן אין דער אזויגערופענער „דריטער וועלט" (אינדאָנעזיש, אמהאריש, סוואהיליש אין טאנזאניע, הינדי און גווארני). עמעצער, וואָס האָט מיט קאָפּ זיך

[1] די שפראך־קאָנפערענצן, וואָס זײַנען צום אויסשעפיקסטן אנאליזירט געוואָרן, זײַנען דערווײַל די, וואָס האָבן א שײַכעס צו הינדי, איריש, נאָרוועגיש (אי לאנדסמאָל אי ריקסמאָל), וועלשיש, העברעיִש און אינדאָנעזיש. ווענגן דער טשערנאָוויצער ייִדישער שפראך־קאָנפערענץ איז פאראן א שלאָל פון ניט־באארבעטע מאטעריאלן (זע, לעמאָשל: „די ערשטע ייִדישע שפראך־קאָנפערענץ: באריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאנגען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ 1908, ייִדישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט, ווילנע, 1931), מעמואריסטיק, רעטראָספעקטיווע קאָמענטארן, נאָר זייער ווייניק אנאליזן.

צוגעהערט אָדער געלייענט אלע רעפעראטן און רעזאָליוציעס פון דער יערושאָלאיִמער ייִדיש־קאָנפערענץ, וואָלט אָבער ניט באמערקט קיין שום סימען פון אָט דער גאנצער שפראך־סאָציִאָלאָגישער פראקטיק. די קאָנפערענץ איז פלאנירט און דורכגעפירט געוואָרן דורך געזעלשאפטלעכע, פארטייִשע, קולטור־טוערישע און ליטערארישע קויכעס מיקאָל האמינים. געפעלט אין איר האָט אָבער דער וויסנשאפטלעכער קויעך, דאָס זײַן באקאנט דערמיט, וואָס ס׳איז שוין פרובירט געוואָרן בא לײַטן, מיט דעם, וואָס ס׳איז שוין בא לײַטן דורכגעפאלן, און מיט דעם, וואָס ס׳האָט זיך בא לײַטן אײַנגעגעבן אין שײַכעס מיט די צען שפראכן, וואָס וועגן זיי איז פאראן א היפשע ליטעראטור פון נאָכמילכאָמעדיקע פאָרש־באריכטן. פאר דער „וועלט־קאָנפערענץ" ארום ייִדיש און ייִדישער קולטור האָט די שפראך־פלאנירונג ביכלאל ניט עקזיסטירט, און די שפראך־סאָציִאָלאָגיע איז בא איר געווען אן אינטויִטיווע, א פרימיטיווע, אן אליין־אויסגעקלערטע מיצאד שרײַבער, פארטייִ־מינהאָגים און קולטור־טוער, וועלכע האָבן די פראָפעסיִאָנעלע שפראך־סאָציִאָלאָגיע ניט געקענט און פון איר ניט געוווּסט.

ווי שוואך איז ייִדיש?

כוץ אין ייִסראָעל, ווו א צען פראָצענט פון דער באפעלקערונג באנוצט זיך נאָך מיט ייִדיש — אָדער ווי א טאָגטעגלעכער שפראך, אָדער ווי א צווייטע (צוגאָב) שפראך, — ווערט ייִדיש איבער דער וועלט באנוצט ווי אן אָפטע רייד־שפראך פון ניט מער ווי 2—3 פראָצענט פון דער ייִדישער באפעלקערונג.[1] די עלטער־גלידערונג פון די געבליבענע רייִדער און שרײַבער אף ייִדיש איז אזא, אז די קומענדיקע צען יאָר מוזן ברענגען א קאטאקליזמישע פארקלענערונג פון די אקטיווע באניצער פון ייִדיש, צי מיר רײדן וועגן סטאם אָפטע רייִדער פון ייִדיש, צי מיר טראכטן וועגן שאפערס אף דער שפראך[2]. די איינציקע אויסנאמען געפינען מיר אין די שטרענגסטע פרומע קרײַזן בא אשקענאזים, אי אין ייִסראָעל, אי אין די טפוצעס, און אויך בא זיי זײַנען ניט פאראן קיין יונגעלײַט, וואָס זאָלן ניט קענען די לאנד־שפראך און זאָלן אף איר ניט ארבעטן און באקומען א טייל פון זייער אויסבילדונג. קיין שום ציפערן וועגן מוטער־שפראך זײַנען דאָ ניט כאל. א מוטער־שפראך איז ניט קיין רייד־שפראך, אָדער שרײַב־שפראך, אָדער לייען־שפראך. א מוטער־שפראך איז בלויז א פאָטענציִאל. אויב זי ווערט ניט אקטיוויזירט, ווערט זי אטראָפירט. דער פאָטענציִאל פון ייִדיש שטעקט אין דעם, וואָס מער מענטשן קענען די שפראך, ווי ס׳באנוצן זיך מיט איר, און וואָס אָן א שיר מער האָבן זי ליב, ווי ס׳קענען זי. אן עפעקטיווע שפראך־פלאנירונג דארף וויסן, וויִאזוי צו בויען אף אָט די דרײַ עטאפן (באנוצן, קענען און האלטן פון א שפראך) און, דעריקער, פארשטיין אף ווי ווײַט די דרײַ עטאפן זײַנען פארבונדן איינס מיטן אנדערן בא שוואכע שפראכן.

אָט דאָס איז דער „טשוואָק": בא שטארק אָפגעשוואכטע לעשוינעס (לעכאָלהאפאָכעס בא שפראכן, ווו די פראָפּאָרציע באניצער האלט אין פאלן) זײַנען אָט די דרײַ עטאפן זייער שוואך פארבונדן איינס מיטן צווייטן, בייס בא ניט־שוואכע לעשוינעס זײַנען די דרײַ עטאפן ענג געבונדן. בא שוואכע שפראכן דערגייען ניט די פארשיידענע אויפאנים פון פארפירסומען די שפראך צום עטאפ פון באנוצן די שפראך. דעריבער איז אזוי לעבנסוויכטיק, אז פראָיעקטן לעטויוועס שוואכע שפראכן זאָלן קלאָר צילעווען אפן שפראך־באנוץ (און ניט נאָר אפן שפראך־באקען און זיכער ניט דעריקער אף שפראך־פירסום). קעדיי דאָס צו טאָן, דארף מען פון דער אלגעמיינער שפראך־פלאנירונג פעסטשטעלן, וועלכע סטימוליר־מיטלען דערגייען בא שוואכע שפראכן צום שפראך־באנוץ און וועלכע דערגייען ניט, בלײַבנדיק שטעקן בא סטאדיעס, וואָס האָבן לעסאָף א קנאפע ווירקונג, אפילע נאָך 50 יאָר פון אָפיציִעלע באמיִונגען.

שפראך־פירסום און שפראך־מיינונגען

איינע פון די שטריכן פון שוואכע שפראכן איז דאָס, וואָס די עטאפן־קייטלונג ארבעט מער ניט. פון אונטן ארוף ארבעט זי ניט, ווײַל די צאָל באנוצער ווערט קעסיידער נישטיקער און די געזעלשאפטלעכע פונקציעס פון די שפראכן ווערן אלץ מעסופעקדיקער. אָבער אויך פון אויבן אראָפ ארבעטן זיי שוין אויך ניט, טאקע צוליב דער לעצטער סיבע. א שוואכע שפראך איז אין דער בכינע פון מוזיק־ און קונסט־אָפשאצונג אין פארגלײַך מיט מוזיק־ און קונסט־שאפונג. דער אָפשאצער ווערט זעלטן א שאפער. זײַן פאָזיטיווע און ראפינירטע מיינונג גיסט זיך ניט אריבער אין שעפערישקײַט, נאָר בלײַבט ווי אן אווטאָנאָמער אופפיר מיט ייִכעס אצמוי (מיטן אייגענעם ייִכעס). אפן סמאך פון די ניט־מאצלײִעכדיקע שפראכשטארק־פרווון אין אירלאנד, ווילז, האָלאנד (פריזיש), נאָרוועגיע

[1] מע קען אָנעמען, אז ס׳זײַנען אין דער וועלט עפשער פאראן א פערטל מיליאָן ייִדן, וועמענס הויפט־שפראך איז ייִדיש, און עפשער נאָכאמאָל אזוי־פיל, בא וועמען ייִדיש איז אן אָפטע (דאָס הייסט, ניט קיין פאסיווע) רייד־שפראך. די ציפער פון 4,5 מיליאָן ייִדיש־רייִדער, וואָס איז בא דער קאָנפערענץ אין יערושאָלאיִם אָפט דערמאָנט געוואָרן, איז אָן שום סאָפעק א טאָעסדיקע.

[2] דער דורכשניטלעכער עלטער פון שרײַבער האלט איצט בא 70 יאָר. דער דורכשניטלעכער עלטער פון די, וואָס גיבן אָן ייִדיש ווי זייער מוטער־שפראך אין אמעריקע, איז שוין אויך אין די שפעטע 60־ער.

און אין דער ראָמאנטישער שווייץ איז איצט קלאָר, אז מע דארף באטראכטן ווי א בײַטראָג צום שפראך־פירסום אזעלכע באמיִונגען ווי דירעקטער פירסום, ליטעראטור־סובסידיעס, טעאטער־סובסידיעס, זשורנאליזם־סובסידיעס, איבערזעצונגען, דיסקן, ראדיאָ־ און טעלעוויזיע־פראָגראמען און אידעאָלאָגישע אופקלערונגען. די אלע פרוּוון, ווען זיי גיבן זיך אײַן, דערגרייען זיי קימאט בלויז צום עטאפ פון מיינונגען און אינפאָרמאציע בא די, וואָס קענען ניט די שפראך. זיי פירן גאנץ ווייניק צום עטאפ פון אויסלערנען די שפראך און דערגרייען ביכלאל ניט צום עטאפ פון באנוצן די שפראך. דאָס הייסט נאָך ניט, אז זיי זײַנען ארויסגעוואָרפענע פרוּוון, אומנייטיקע און אומנוציקע. א גוטע מיינונג וועגן א שפראך איז זיכער א פאָזיטיווער רעסורס, זיכער א פאָטענציאל אף מער. נאָר דער פאָטענציאל וועפט זיך אויס אין דער זעלבער פראָפאָרציע, ווי ס'פארשווינדט די איידע שפראכניצער. סאָפקאָלסאָף קענען בלויז שפראכניצער פארזיכערן דעם קיִעם פון א שפראך און פון איר קולטור־שעפערישקײַט.

פון איין קוקווינקל איז דער קיִעם פון ייִדיש שוין א פארזיכערטער. דאָס שײַכעס צווישן ייִדיש און טראדיציאָנעלער ייִדישקײַט, צווישן ייִדיש און דער מאָדערנער ייִדיש־נאציאָנאלער אופלעבונג פון שפעטן 19־טן און פריִען 20־טן יאָרהונדערט, דאָס שײַכעס צווישן ייִדיש און דער ייִדישער ליטעראטור — דאָס זײַנען אייביקײַטן, צו וועלכע מעווינים וועלן שטענדיק האָבן א בעסערן צוטריט דורך ייִדיש ווי דורך יעדן אנדערן מעדיִום. אויב אָבער מע וויל די שײַכעסן ווײַטער אנטוויקלען, און דאפקע אף ייִדיש, קען מען דאָס מיט „פירסום" ניט דערגרייכן. דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך ארײַנציִען פרישע באפעלקערונג־גרופעס אין די עטאפן פון קענען און, דער איקער, פון באנוצן ייִדיש. דאָס זײַנען שוין פיל שווערערע עטאפן, ווי די אינטערנאציאָנאלע פראקטיק האָט באוויזן, אפילע ווען רעגירונג־געלטער, רעגירונג־אפאראטן און רעגירונג־דרוק צילעווען דירעקט אין יענע ריכטונגען. צו אונדזער שלימאזל האָט די ירושאָלאיִמער קאָנפערענץ אפילע אין יענער ריכטונג קימאט ווי ניט געצילט. זי האָט ביכלאל זיך ניט אָפגעגעבן קיין דין־וועכעזשבן וועגן די דרײַ עטאפן און וועגן די אונטערשיידן צווישן זיי. דערפאר טאקע זײַנען אירע רעקאָמענדאציעס מער גילטיק פאר א געזונטער, נאָר ניט־אנערקענטער שפראך (ווי, לעמאָשל, ביז לעצטנס, פראנצויזיש אין קוויבעק) ווי פאר א שפראך, וואָס איז אין דער קאטעגאָריע פון די שוואכע.

שפראך־קענטעניש

בא שוואכע שפראכן איז דער עטאפ פון שפראך־אויסלערנונג אויך א וועלט פאר זיך אָן שײַכעסן צו אנדערע עטאפן. ס'קומען פאָר מעשונעדיקע זאכן: פאראן מענטשן, וואָס לערנען זיך די שפראך, וואָס האָבן ניט קיין ספעציִעל געהויבענע מיינונג וועגן איר און וואָס באנוצן זי אפילע ניט. אָפט לערנט מען זיך אויס די שפראך צוליב זייער שמאָלע און באגרענעצטע פונקציעס: צוליב שרײַבן בריוו צו געוויסע קרויווים אָדער באקאנטע, צוליב באקומען א געוויסן פאָסטן, צוליב פארענדיקן א געוויסן קורס, צוליב באגעגענישן מיט א געוויסן מיטשמועסער אאוו. אָט די פונקציאָנעלע ספעציפישקײַט איז א סימען־דאלעס. שמאָלע און ענגע פונקציעס זײַנען זייער ניט קיין סטאבילע. זיי קומען אויף און פארגייען, און מיט זייער פארגיין, פארלירט זיך גיך די שפראך־קענטעניש.

די וועלט־פראקטיק האָט באוויזן, אז דער אָפטסטער מאָקער פון שפראך־קענטעניש בא שוואכע שפראכן איז די שול אָדער די געזעלשאפט מיכוץ דער היים, און ניט די היים, ווי בא געזונטע שפראכן. אָבער די זעלבע פראקטיק האָט אויך באוויזן, אז ניט נאָר דערפירט די שול ניט צום אקטיוון שפראך־באנוץ (ניט ווי א הויפט־שפראך און ניט ווי אן אָפטע שפראך), נאָר אז בא שוואכע שפראכן איז נאָך מער ווי בא אנדערע גילטיק דער באקאנטער קלאל: דרײַ זאכן קען מען זיך אין קיין שול ניט לערנען: גיין, שווימען און ריידן. קעדיי דערגרייכן צו דער מאדרייגע פון אקטיוון שפראך־באנוץ, איז נייטיק אכוץ דער שול אויך א טאָגטעגלעכע שפראך־סוויווע פאר דער גערעדטער שפראך. בא שוואכע שפראכן איז אָט די סוויווע ניט בעניִמצע, און ניט די טעקסטן, ניט די דיסקן, ניט די קורסן, ניט די ביכער, ניט די ראדיאָ־טעלעוויזיע האָבן דעם קויעך צו דינען ווי קעמויִ־סוויוועס (פסעוודאָ־סוויוועס) פאר דאָסראָוו שפראך־לערנער.[1] ווידעראמאָל: פאר שוואכע שפראכן איז דאָס שפראך־לערנען זיכער א רעסורס, א פאָטענציאל. פון קענען די שפראך קאָן מען נאָך עפשער דערגיין צו באנוצן די שפראך און דעריקער צום אופשטעלן א סוויווע, ווו די שפראך איז א מוז. אויב שפראך־פירסום איז דער אייבערשטער גאָרן, וואָס דערפירט בלויז ווען־ניט־ווען צוריק צום שפראך־לערנען, איז דאָס שפראך־לערנען דער מיטלסטער גאָרן, וואָס דערפירט בלויז ווען־ניט־ווען צוריק צום שפראך־באנוץ. טאָמער אָבער בויט מען ניט אויך דעם אונטערשטן גאָרן, דעם פונדאמענט פון א לעבעדיקער שפראך, דעם געזעלשאפטלעכן שפראך־באנוץ, וועט זי אופגעריכט ווערן ניט פון דעם שפראך־לערנען און אוואדע ניט פון דעם שפראך־פירסום. אויב דער אונטערשטער, פונדאמענטאלער גאָרן וועט ניט אופגעשטעלט ווערן, וועלן די אנדערע צוויי (גאָרנס) סאָפקאָלסאָף אײַנפאלן, ווײַל זיי וועלן ניט האָבן

[1] אין שײַכעס מיט אָט דעם איניען איז וויכטיק צו דערזען, אז ניט איוורית (בא ייִדן אין די טפוצעס) און אפילע ניט ענגליש בא די אומעס האָוילאָם זײַנען ניט געוואָרן סטאבילע רייד־שפראכן פון די שמאָלע פונקציעס און פון מאָל־צו־מאָליקע מוטיקונגען, וואָס זײַנען פאר זיי בעדערעך קלאל בעניִמצע.

אף וואָס זיך צו האלטן ווי געזעלשאפטלעכע פענאָמענען.

באַ דער יערושאָלאַימער קאָנפערענץ האָט מען זיך ביכלל מיט לערנען און אויסלערנען ייִדיש צו ווייניק אָפגעגעבן, פון פינף ארבעט־קאָמיסיעס, האָבן פיר זיך פארנומען מיט איניאָנים, וואָס קענען בייס דעם ביז גאָר אָפגעשוואכטן מאצעוו פון ייִדיש דערגרייכן ניט מער ווי דאָס הייבן דעם סאָציִאלן פרעסטיזש פון ייִדיש (פרעסע, איבערזעצונגען, טעאטער און קולטור־פראָיעקטן). בלויז איין קאָמיסיע האָט זיך פארנומען מיט ייִדישער דערציִונג און אפילע זי האָט זיך ווײַט ניט אָפגעגעבן בלויז מיט אויפאנים פון שטארקן די עפעקטיווקײַט און אָפטקײַט פון אויסלערנען די ייִדישע שפראך.[1] מערסטנס איז דאָס געווען צוליב דעם ניט־פארשטיין, ווו ייִדיש האלט אין דער וועלט, צוליב דעם ניט־זײַן־באקאנט מיטן איניען שפראך־פלאנירונג און צוליב דעם ניט־וויסן, אז ס'איז פאראן א גרויסער אונטערשייד צווישן שטארקן א געזונטע שפראך און שטארקן א זייער קראנקע. פאר די אויגן פון די פלאנירער און רעדנער איז געשטאנען די מאָדעל פון דער טשערנאָוויצער שפראך־קאָנפערענץ. וויפל מע האָט ניט געהאלטן אין איבערכאזערן, אז דער מאצעוו פון ייִדיש איז איצט ווײַט אנדערש ווי דעמלט, האָט מען אָבער וואָס שײַעך פראקטישע פלענער, קיין אנדערע מינים פראָיעקטן ניט צוגעקלערט. פראָיעקטן, וואָס קומען צוניץ א שפראך מיט א שטארקער געזעלשאפטלעכער באזע, נאָר זי לײַדט פון א דויכעק אין געזעלשאפטלעכער אנערקענונג, האָבן א קנאפע ווירקונג לעטויוועס א שפראך, וואָס פארמאָגט קיימאט ווי ניט קיין שום זיכערע געזעלשאפטלעכע פונקציעס און א קעסיידער זיך־פארקלענערנדיקע צאָל ריידער און ניצער.

אויב אין פופציק יאָר צײַט האָט די אירלענדישע רעגירונג און דאָס אירישע פאָלק ניט געקענט דערגיין פון שפראך־פירסום און שפראך־קענטעניש צום שפראך־באנוץ, אפילע ניט בייס קעסיידער פארשארפטע אידעאָלאָגישע און פאָליטישע באציִונגען מיט די אנגלאָ־אירלענדער און מיט די ענגלענדער (דה. אפילע ניט בייס באציִונגען, וואָס האָבן געקענט פירן דערצו, אז די אידעאָלאָגישע באזע פון איריש זאָל ווערן נאָך שטארקער), טאָ וויאזוי וועלן די אָרעמע מיטלען און קויכעס, וואָס וועלן שטיין צו דער דיספאָזיציע פון ייִדיש יאָ קענען דערגיין צום שפראך־באנוץ? אָט דאָס איז די געזעלשאפטלעכע הויפט־פראָבלעם פון ייִדיש באַ הײַנטיקן טאָג, ווײַל אָן אָט דעם לעצטן טראָט מוזן אלע באמיִונגען לעסאָף בלויז דינען א קליינעם קרײַז ליבהאָבער און לערנער פונעם אמאָל, פון דעם, וואָס ייִדיש איז געווען. קיין נײַע טקופעס פון ייִדיש־שעפערישקײַט קענען פון אזעלכע באמיִונגען פאר א שוואכער שפראך ניט ארויסוואקסן. פונדאָסנײַ שעפערישע טקופעס קענען בלויז אופקומען אדאנק א געזעלשאפטלעכן איבערבוי, וואָס ברענגט צו אן אינטענסיוון שפראך־באנוץ באַ א קולטור־שעפערישן שפראך־ציבור. שפראך־ליבהאָבער און שפראך־קענער פארזיכערן ניט, צום באדויערן, דעם קיִעם און די שעפערישקײַט פון א שפראך.

שטארקן דעם שפראך־באנוץ הייסט אופבויען א שפראך־ציבור

וואָס האָבן אזעלכע לעפּיערך אָפגעשטאנענע מעדינעס, ווי אינדאָנעזיע, טאנזאניע און עטיִאָפיע יאָ געטאָן פאר די שפראכן, וועלכע זײַנען זיי אָנגעגאנגען (אינדאָנעזיש, סוואהיליש און אמהאריש), וואָס אזעלכע מאָדערניזירטע מעלוכעס ווי אירלאנד, נאָרוועגיע און די שווייץ האָבן ניט געקענט (געוואָלט) טאָן פאר איריש, נאָרוועגיש (לאנדסמאָל) און ראָמאנטיש? די ערשטע האָבן איבערגעבויט זייער געזעלשאפט אף אזא אויפן, אז די שפראכן, וועלכע זיי האָבן געשטיצט, זאָלן האָבן פונקציעס, וואָס קיין אנדערע שפראכן האָבן ניט געקענט אויספילן. געבויט האָט מען טאקע וועגן, אינדוסטריעס, אגריקולטורעלע ראיאָנען, און איבערגעפירט פון איין אָרט אף אן אנדערן (דעריקער פון דאָרף אין שטאָט ארײַן) גרויסע באפעלקערונג־גרופעס, קעדיי די אלע געזעלשאפטלעכע צילן צו דערגרייכן. מיט דירעקטער שפראך־פלאנירונג האָט מען זיך פארנומען בלויז אין שײַכעס מיט די נײַ געשאפענע געזעלשאפטלעכע פאקטן. די נײַע יִשוּווים און אינדוסטריעס האָט מען אײַנגעשטעלט פאר די טראנספערירטע באפעלקערונג־גרופעס בלויז אף די שפראכן, וואָס מע האָט געוואָלט אין זיי אײַנוואָרצלען. האקלאל, מע האָט איבערגעבויט די געזעלשאפטלעכע סטרוקטורן, וועלכע האָבן ארומגענומען מיליאָנען מענטשן, און אינעם איבערבוי־פראָצעס האָט מען אײַנגעפעדעמט די שפראכן, וואָס מע האָט געוואָלט שטארקן. דאָס שטארקן א שוואכע שפראך פאָדערט א געזעלשאפטלעכן איבער־

[1] באַ דער קאָנפערענץ גופע האָט זיך אויך געמערקט א שטארקע אומזיכערקײַט לעגאבע א קאָרעקטן ייִדיש, דה. לעגאבע האָבן אליין ריכטיק אויסגעלערנט זיך די שפראך. אין דער פראָגראם פון דער קאָנפערענץ און אף דער סצענע איז דאָס וואָרט קאָנפערענץ געווען געשריבן פארגרײַזט. די ייִדישע נעמען פון די 16 לענדער, פון וועלכע די דעלעגאטן זײַנען געקומען, זײַנען אף זייערע דעלעגאטן־אָפצייכנס געווען געשריבן פארגרײַזט. דער כוידעש אווגוסט איז אף דער סצענע געווען געשריבן פארגרײַזט. די פראָגראמקעס און רעזאָליוציעס פון דער קאָנפערענץ האָבן ניט אָפגעהיט דעם אייניהײַטלעכן אויסלייג, ניט די ריינקײַט פונעם לאָשן לעגאבע דײַטשמעריזמען און אנדערע אומנייטיקע פרעמדע לײַ־ווערטער. פארשטייט זיך, אז די אָפווײַכן פון דער קלאל־שפראך באל־פּע זײַנען געווען נאָך אָפטער ווי ביקסאוו, אגעוו, איז דער נאָמען פון דער קאָנפערענץ אף דער הילע פון דער קאָנפערענץ־פראָגראם, ווי אויך אף דער בינע, אָנגעגעבן געוואָרן אף אן אויפן, וואָס האָט אויסגעמיטן צו דערמאָנען דאָס וואָרט ייִדיש („כנוס עולמי בישראל למען התרבות היהודית”).

בוי, זאָל זײַן אפילע מיצאד א מינדערהײַט, וואָס זאָל פאר דער שפראך שאפן א שפראך־ציבור.

אויך אין אירלאנד און אין נאָרוועגיע און אין די ראָמאנטישע טאָלן האָבן קליינע גרופעס געטאָן דאָס אייגענע (דעריקער אין די לעצטע צען יאָר, און אפן סמאך פון סאָציאַל־לינגוויסטישער און שפראך־פּלאנירנדיקער דערציִונג). מע האָט זיך באזעצט אין קליינע, קאָמפּאקטע יִשוּוים פון שפראכיקע אקשאָנים און מע האָט אײַנגעשטעלט א לעבן, וואָס גיט אָפּ די בכוירע איריש, צי לאנדסמאָל, צי ראָמאנטיש, כאָטש ענגליש, ריקסמאָל און דײַטש נוצט מען אויך (דעריקער פאר צווישנציבורדיקע אנאנדן). אָפּ דעם סמאך זײַנען פאראן אין די לענדער געגנטן, ווו די קליינע שפראכן ווערן גערעדט און געהיט פון קליין און גרויס, און ווו שולן און דיסקן אָפּ די שפּראכן האָבן אן אָרגאנישן זינען און אן אָרגאנישע ראָליע, אָנשטאָט בלויז א ליבהאָבערישע. פון אָט די געציילטע געגנטן און דערפער וועלן עס ארויסקומען די קומענדיקע שאפער אָפּ אָט די שפּראכן, אויב עס וועלן נאָך זײַן אזעלכע. דער ראָוו־מיניען און ראָוו־ביניען פון דעם פאָלק וועט אָבער בלײַבן בלויז אמאטאָריש פארבונדן מיט אָט די שפּראכן, סײַדן ס׳וועלן דאָרט אופקומען באוועגונגען, וואָס זאָלן אָפּ א מאסיווערן באזיס פירן צו א נײַ לעבן, צו א נײַער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקײַט, וואָס זאָל זיך נאטירלעך נייטיקן אין אן אייגן־שפּראכיקן מעדיִום. שפראך־שטארקונג, פאר שוואכע שפּראכן, איז א רעוואָליריציִאָנערע געזעלשאפטלעכע אונטערנעמונג, אפילע ווען דאָס ווערט געטאָן אָפּ א קליינעם מאסשטאב.

בא דער יערושאָלאיִמער קאָנפערענץ האָט אין שײַכעס מיט דעם עטאפּ געהערשט קימאט א טאָטאל טויט־שווײַגן. מע האָט זיכער ניט באַשלאָסן בלויז זיך אָפּצוגעבן מיט די קומענדיקע עטלעכע יאָר, בייס וועלכע דער איצטיקער עלטערער דאָר יִדיש־טוער וועט נאָך זײַן בא די קויכעס. מע האָט זיכער ניט באשלאָסן, אז נײַע דוירעס יִדיש־נוצער וועלן שוין ניט זײַן.

דער הויפּט־כיסאָרן פון דער יערושאָלאיִמער קאָנפערענץ איז דאָס, וואָס זי האָט אפילע ניט באטראכט דעם איניען פון אופשטעלן נײַע יִדישע שפראך־ציבורס און שטיצן די נאָך פאראנענע. אָן שפראך־ציבורס מוז די שפּראך־שעפערישקײַט און די קולטור־שעפערישקײַט זיך אָפּשטעלן. ניט „פּירסום” און ניט שולן קענען ניט בויען קיין שפראך־ציבורס. אָט די ציבורס דאַרף מען בויען אָדער דירעקט (ווי עס טוען קליינע גרופעס אין אירלאנד) אָדער אומדירעקט, דורך צילעוועץ אָפּ נאָך ארומנעמיקערע געזעלשאפטלעכע יעסוידעס (ווי אין אינדאָנעזיע). אָט דער פונדאמענטאלער עמעס פון דער סאָציִאָלאָגיע פון שוואכע שפּראכן איז, צום באַדויערן, פארזען געוואָרן מאכמעס דעם פעלן פון וויסן.

שיקל פישמאן
יערושאָלאיִם

כראָניק

ביראָבידזשאנער נײַס

גאסטראָלן פונעם אנסאמבל „עלעקטראָן”

אין ביראָבידזשאן איז לעצטנס ארויסגעטראָטן דער עסטראדע־אנסאמבל „עלעקטראָן” פון דער טולער מעלוכישער פילאַרמאָניע. אלע זעקס קאָנצערטן אינעם שטאָטישן קולטור־פּאלאץ זײַנען דורכגעגאנגען בא איבערגעפולטע זאלן. די געסט האָבן אויסגעפילט לידער פון סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן.

דער אנסאמבל איז אויך ארויסגעטראָטן אפן קוראָרט „קולדור”, פאר די אײַזנבאנער פון דער סטאנציע אין. די גאסטראָלן האָט ער פארענדיקט מיט א גרויסן געזעגענונגס־קאָנצערט אינעם שטאָטישן פּארק פאר קולטור און אָפּרו.

פאר דעם פּריז פון דער צײַטונג „קאָמסאָמאָלסקאיא פּראוודא”

עס זײַנען פאָרגעקומען ספּאָרט־פּארמעסטונגען פאר דעם פּריז פון דער צײַטונג „קאָמסאָמאָלסקאיא פּראוודא”, אין וועלכע עס האָבן זיך באטייליקט 70 ספּאָרטסמענער — פאָרשטייער פון ביראָבידזשאן און פון די ראַיאָנען פון דער געגנט.

אינעם געוועט, ווער ס׳וועט בעסער שיסן, שווימען, ווארפן א גראנאטע און לויפן אָפּ 100 און 3000 מעטער, האָבן דאָס ערשטע אָרט אויסגעקעמפט די ספּאָרטסמענער פון ביראָבידזשאן, דאָס צווייטע — פון סמידאָוויטשער ראַיאָן און דאָס דריטע — פונעם ביראָבידזשאנער ראַיאָן.

אויסצייכענונגען פאר די ביראָבידזשאנער ביר־קאָכער

אפן אדרעס פונעם ביראָבידזשאנער ביר־זאוואָד איז אָנגעקומען פון מאָסקווע א יעדיִע וועגן דעם, אז די קאָלעגיע פונעם מיניסטעריום פון דער שפּײַז־אינדוסטריע פון פססר און דער פּרעזידיִום פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון די פּראָפּאריינען האָבן צוגעמישפּעט דער בריגאדע, מיט וועלכער עס פירט אָן מ. ס. גאָרבונאָווא, דעם טיטל „בעסטע בריגאדע פונעם מיניסטעריום פון דער שפּײַז־אינדוסטריע”. מיט אויסצייכענונגען זײַנען אָפּגעמערקט געוואָרן אויך אנדערע ביר־קאָכער פונעם זאוואָד.

ציפערן און פאקטן

פאר צוויי מיט א האלבן יאָר פונעם צענטן פינפיאָר האָט דער סכוירע־אומזאץ פונעם קאָאָפּעראטיוון האנדל אין דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט זיך פארגרעסערט אָפּ 12,7 פּראָצענט. פאר אָט דער צײַט האָבן די אײַנוווינער פון די דערפער אין דער געגנט אײַנגעשאפן פאר זיך 8000 טעלעוויזאָרס, 1900 אײַזקעלטערס, 4500 וואשמאשינעס, 2000 מאָטאָציקלען, 800 אווטאָמאָבילן, 2700 מאגניטאָפאָנען. פאר די לעצטע צוויי יאָר האָבן אין די דאָרפישע ראַיאָנען אָנגעהויבן פונקציאָנירן 16 נײַע מאגאזינען, צוויי גאָרקיכן, יעדערע אָפּ 104 ערטער. עס ווערן געבויט נײַע האנדלס־צענטערס אין יִשעוו ביראקאן, אין די דערפער לאזארעוואָ און קאָלינינאָ.

ביבליאָגראַפֿיע

מ. דאַניעל

א) זײַנע ווערק אין יידיש

ראכמיִעל דער נאכט־שוימער. **כאַרקאָוו, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַיִנע, 1925, 62 ז.**

אַף דער זיבעטער ליניע. **דערציילונג. מאָסקווע, צענטרפאַרלאַג, 1928. 16 ז.**

אַפן שוועל. **מאָסקווע, „שול און בוך“, 1928, 112 ז.**

אין א ציַיט אזא. **דערציילונג. כאַרקאָוו, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַיִנע, 1929, 184 ז.**

לייבקע „בערלינטשיק“. **קינדער־דערציילונג. מאָסקווע, צענטרפאַרלאַג, 1929, 29 ז.**

יולים. געשעעניש. **קיִעוו, „קולטור־ליגע“, 1930, 150 ז.**

פאָרשטעט. **כאַרקאָוו, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַיִנע, 1930, 290 ז.**

דער אָטריאַד. **(פון בוך „יולים“). כאַרקאָוו, אוקר־מעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1932, 24 ז.**

פאַפלאַוועס טאַנצט. **(פון בוך „אַפן שוועל“). כאַר־קאָוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1932, 16 ז.**

4. טעג. (יולים). **העראָיִשע טראַגעדיע אין 3 אַקטן. מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג פון ווײַסרוסלאַנד, 1932, 72 ז.**

צו זאַוואָדישע טויערן. **קינדער־דערציילונגען. מאָ־סקווע, „דער עמעס“, 1932, 80 ז.**

געקליבענע ווערק. **כאַרקאָוו, „ליטעראַטור און קונסט“, 1933, 430 ז.**

יולים. געשעעניש. **ספּעציִעל צוגעגרייט פאַר דער שול מיט אַן אַרײַנפיר און באַמערקונגען פון ש. ק ל י ט ע נ י ק, מאָסקווע, „דער עמעס“, 1933, 149 ז.**

פריידיקע שטעט. **(פון בוך „פאָרשטעט“). כאַרקאָוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1933, 25 ז.**

צו זאַוואָדישע טויערן. **צווייטע פאַרברייטערטע אויסגאַבע, כאַרקאָוו, קינדער־פאַרלאַג, 1934, 85 ז.**

זאַרקי האָט גערעדט. **קינדער־דערציילונג. כאַר־קאָוו, קינדער־פאַרלאַג, 1935, 20 ז.**

דערציילונגען און נאָוועלן. **צווייטער באַנד. כאַר־קאָוו, נאַצמינדפאַרלאַג, 1935, 289 ז.**

זיאַמקע קאָפּאַטש. **פּיעסע אין 3 אַקטן, 7 בילדער. כאַרקאָוו, קינדער־פאַרלאַג, 1936, 106 ז.**

דערציילונגען. **קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1936, 66 ז.**

דערפינדער און קאָמעדיאַנט. **(יאָהאַן גוטענבערג). קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1937, 92 ז.**

דער סאָף פון א יונגער ליבע. **מאָסקווע, „דער עמעס“, 1937, 32 ז.**

די שפּיל הייבט זיך אָן. **פּיעסן. קיִעוו, אוקרמעלו־כענאַצמינדפאַרלאַג, 1938, 230 ז.**

אָקטיאַבער־פּיַערן. **קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינד־פאַרלאַג, 1938, 208 ז.**

מײַן גאָלדענע קינדהיַיט. **מאָסקווע, „דער עמעס“, 1939, 204 ז.**

א טאַטע; צוויי וואַגאָן מעל. **מאָסקווע, „דער עמעס“, 1939, 40 ז.**

אַלע ווערק. **מאָסקווע, „דער עמעס“, 1940, 232 ז.**

דער העלדישער בריווטרעגער. **דערציילונגען. מאָ־סקווע, „דער עמעס“, 1940, 44 ז.**

שלוימע מיַימאָן. **היסטאָרישע דראַמע אין 3 אַקטן, פיר בילדער. „סאָוועטישע ליטעראַטור“, 1940, נומ. 1, זז. 7—21.**

ב) זײַנע אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן ליטעראַטור און קונסט

אַן ענטפער שאָלעם אַשן פון אַן אונטערדריקטן סאָוועטישן שרײַבער. **„אָקטיאַבער“, 1928, נומ. 168.**

די יונגע פאַלאַנגע. **„די רויטע וועלט“, 1929, נומ. 4.**

נאָכאַמאָל וועגן די „אַמעריקאַנער גטטער“ אינעם אוקראַיִנישן ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. **„דער שטערן“, 1928, 4 נאָיאַבער.**

„דער ערשטער ייִדישער רעקרוט“ **(ליפע רעזניקס). שטעלונג אין קיִעווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. „דער שטערן“, 1933, 8 אָקטיאַבער.**

פאַר פאַרביקיַיט אין דער קינדער־ליטעראַטור. **„זײַ גרייט“, 1933, 11 דעקאַבער.**

שלאַכטן אַפן מיַירעוו. **„דער שטערן“, 1933, 20 יאַנוואַר.**

דער היסטאָרישער ווערט פון מאָליערס „קליינ־בירגער אין אַדלטום“. **עטלעכע דיסקוסיאָנס־באַמער־קונגען. „יונגע גוואַרדיע“, 1934, 21 מאַרט.**

פאַרן עפענען דעם פאָרהאַנג **(אייניקע באַמערקונ־גען). „דער עמעס“, 1938, 4 סענטיאַבער.**

ביניאָמין דער דריטער און טעוויע דער ערשטער **(„טעוויע דער מילכיקער“ אין מאָסקווער ייִדישן טעאַ־טער). „דער שטערן“, 1938, 12 דעקאַבער.**

ג) אַרטיקלען וועגן זײַן לעבן און שאַפונג

„יולים“. די נײַע פּרעמיערע פון אָדעסער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. „אָדעסער אַרבעטער“, 1931, נומ. 213.

א ו י ס ל ע נ ד ע ר, נ. דער נײַער ליטעראַרישער עטאַפּ. „נײַערד“, זאַמלבוך נומ. 1, מאָסקווע, 1925. וועגן מ. דאַניִעלן זז. 86—87.

אויסלענדער, נ. דער אומרויִקער דאַניִעל. „אָקטיאַבער", 1940, 19 דעקאַבער.

איווין, אי. א ספּעקטאַקל פון גרויסער אידייִשער קינסטלערישער הויך. „שלוימע מײַמאָן" אין מאָסקווער מלוכישן ייִדישן טעאַטער. „ביראָבידזשאַנער שטערן", 1940, 6 נאָיאַבער.

א פּראָלעטאַריש ווערק. (וועגן דאַניִעלס ראָמאַן „יוליס") — „דער שטערן", 1931, 14 יאַנוואַר.

אַראָנאָוויטש, מ. דאַניִעל — „אַפּן שוועל", „פּראָליט", 1928, נום. 1.

אַשעראָוויטש, א. מ. דאַניִעל. „יוליס", „דער שטערן", 1930, נום. 7—8.

בערגעלסאָן, ד. יונג און רײַף. „אָקטיאַבער", 1940, 19 דעקאַבער.

גאָדינער, ש. „יוליס" — א געווינס. „דער שטערן", 1931, 14 אָקטיאַבער.

גאָדינער, ש. ער האָט זײַן דאָר ניט פאַרשעמט. „אָקטיאַבער", 1940, 19 דעקאַבער.

גאַרנשטיין, ל. א בוך וועגן אונדזערע טעג. וועגן מ. דאַניִעלס „צו די זאַוואָדישע טויערן", „זײַ גרייט", 1932, 8 אווגוסט.

גוזשנאָווסקי, ש. א פעסטער און פרײַדיקער אָנהייב. (וועגן דאַניִעלס פּיעסע („יוליס"). „דער שטערן", 1931, 14 אָקטיאַבער.

דאָברושין, י. אין א צײַט אַזאַ. (וועגן מ. דאַניִעלס שאַפן). „די רויטע וועלט", 1927, נום. 7.

דאָברושין, י. אין א צײַט אַזאַ. (וועגן מ. דאַניִעלס שאַפן). אין זײַן בוך „אין איבערבוי. ליטעראַריש-קריטישע אַרטיקלען". מאָסקווע, 1932, זז. 137 — 149.

דאָברושין, י. וועגן „אַפּן שוועל" און „יוליס". אין זײַן בוך „אין איבערבוי. ליטעראַריש-קריטישע אַרטיקלען". מאָסקווע, 1932, זז. 150—160.

דאָברושין, י. וועגן דאַניִעלס דערציילונגען. „דער עמעס", 1936, 22 דעקאַבער.

דאָברושין, י. דאַניִעלס קינדער-דערציילונגען. „דער עמעס", 1938, 28 פעווראַל.

דאָברושין, י. וועגן דאַניִעלס פּיעסן. „דער עמעס", 1938, 14 סענטיאַבער.

דאָברושין, י. דאַניִעלס לעבן. „אָקטיאַבער", 1940, 19 דעקאַבער.

דאָברושין, י. מ. דאַניִעל (צום פינפטן יאָרצײַט). „אייניקײַט", 1945, 1 פעברואַל.

דונעץ, כ. „א צײַט אַזאַ" מ. דאַניִעלס. „די רויטע וועלט", 1929, נום. 10.

דונעץ, כ. עטאַפּן (מייעראָוויטש) „אין א צײַט אַזאַ". אין זײַן בוך: „אין שלאַכטן". מינסק, 1931. זז. 151—156.

דונעץ, כ. מ. דאַניִעלס „יוליס". „אָקטיאַבער", 1930, 27 אווגוסט.

דרוקער, אי. דער וועג ביז „יוליס". „אָדעסער אַרבעטער", 1931, נום. 157.

דריער, ש. פיר טעג. „ביאַליסטאָקער שטערן", 1940, 17 נאָיאַבער.

הירש, ש. „יוליס" אין קיִעווער ייִדישן מלוכע-טעאַטער. „פּראָלעטאַרישע פאָן", 1932, 28 פעווראַל.

הירש, ש. זיאַמקע קאָפּאַטש. (אוקראַיִנישער קינדער-טעאַטער). „פּראָלעטאַרישע פאָן", 1935, 28 דעקאַבער.

וואָלקענשטיין, ד. מ. דאַניִעל — דער מענטש און שרײַבער. „דער שטערן", 1941, 8 יאַנוואַר.

וואָלקענשטיין, ד. מ. דאַניִעל (שטריכן פאַר א ליטעראַרישן פּאָרטרעט). „סאָוועטישע ליטעראַטור", 1941, נום. 1.

ווײַנערמאַן, כ. דאַניִעלן (ליד). „סאָוועטישע ליטעראַטור", 1941, נום. 3.

זוסקין, ב. אונדזער לעצטע באַגעגעניש (מיט דאַניִעלן). „אָקטיאַבער", 1940, נום. 289.

זשוקאָווסקי, ס. וועגן דאַניִעלס „יוליס". „פּראָליט", 1930, נום. 12. אויך אין זײַן בוך „פּרוּוון". כאַרקאָוו, 1934.

טײַטעלבוים. „יוליס" אין ייִדישן מלוכע-טעאַטער. „דער שטערן", 1931, 20 אָקטיאַבער.

יאָ, מיכאיל. צו דער אופֿירונג פון מ. דאַניִעלס „זיאַמקע קאָפּאַטש". ריגע. „אופבוי", 1941, נום. 11.

יודיצקי, א. שלוימע מײַמאָן און זײַן צײַט (מ. דאַניִעלס „שלוימע מײַמאָן" אין מאָסקווער מלוכישן ייִדישן טעאַטער). „סאָוועטישע ליטעראַטור", 1941, נום. 1. זז. 100—125.

יודיצקי, א. שלוימע מײַמאָן און זײַן צײַט. (מ. דאַניִעלס „שלוימע מײַמאָן"). „דער שטערן", 1940, נום. 264.

כירמאַן, יע. א גרויסער ליטעראַרישער אָונט, געווידמעט דעם אָנדענק פונעם שרײַבער מ. דאַניִעל. „דער שטערן", 1941, 11 יאַנוואַר.

ליבערמאַן, מ. ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער פאַר אונדזערע קינדער. „יונגער לענינעץ", 1931, 10 מײַ, 31 מײַ.

ליבערמאַן, מ. פאַר א הויך-קוואַליטאַטיווער קינדער-ליטעראַטור. מ. דאַניִעל „בא זאַוואָדישע טויערן", „אָקטיאַבער", 1932, 12 יון.

ליבערמאַן, מ. נאָטיצן וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער קינדער-ליטעראַטור (מ. דאַניִעל). „אָקטיאַבער", 1933, 9 מײַ.

ליטוואַקאָוו, מ. „נײַערד". 1925 (רעצענזיע) „דער עמעס", 1925, נום. 127, 135, 143, 144. אויך וועגן דאַניִעלס „ראַכמיִעל דער נאַכט-שוימער".

ליובאָמירסקי, י. „שלוימע מײַמאָן" (אינעם מאָסקווער ייִדישן מלוכע-טעאַטער). „אָקטיאַבער", 1940, נום. 267.

מאַקאַגאָן, א. „יוליס" מ. דאַניִעלס. „די רויטע וועלט", 1930, נום. 9.

מעזשעריצקי, מ. אַפּן שיידוועג. (וועגן מייעראָוויטש — דאַניִעל. א פּרוּוו פון א כאַראַקטעריסטיק). „די רויטע וועלט", 1928, נום. 12.

מעזשעריצקי, מ. מ. דאַניִעל דער נאָוועליסט. „פאַרמעסט", 1937, נום. 4.

מעזשעריצקי, מ. מ. דאַניִעלס „דערציילונגען און נאָוועלן". אין זײַן בוך „ליטעראַריש-קריטישע עטיודן". קיִעוו, 1940, זז. 81—102.

מעזשעריצקי, מ. א גרויסער שעפערישער וועג. „דער שטערן", 1941, 8 יאַנוואַר.

מ. י. א זיג. דאַניִעלס „4 טעג" („יוליס") אין כאַרקאָווער ייִדישן מלוכע-טעאַטער. „דער שטערן", 1932.

נוסינאָוו, י. מ. דאַניִעל „אַפּן שוועל", „די רויטע וועלט", 1928, נום. 2—3.

עפשטיין, שאַכנע. אין די טעג פון „יוליס". „אָקטיאַבער", 1940, 19 דעקאַבער.

פאַלאַטניק, ש. „יוליס", כאַרקאָווער מלוכישער ייִדישער טעאַטער. „דער עמעס", 1932, 30 יון.

פלאַטנער, א. פון דאַניִעלס לעווײַע. „אָקטיאַבער", 1940, 19 דעקאַבער.

פינ'נבערג, ע. דאַניִעלן (א ליד). „אָקטיאַבער", 1940, נום. 289.

פעפער, אי. א רעוואָליוציאָנערער ספּעקטאַקל. „דער שטערן", 1931, 14 אָקטיאַבער.

ציווין, ה. מ. דאַניִעלס שעפערישער וועג. „אַפּן וויסנשאַפטלעכן פראָנט", 1932, נום. 1—2. זז. 118—138.

קאַצנעלסאָן, אי. „שלוימע מײַמאָן" אין מאָסקווער גאָסעט. „דער שטערן", 27 אָקטיאַבער.

קוויטקאָ, ל. דאָס נײַע אין מאָסקווער „גאָסעט" („שלוימע מײַמאָן"). „אָקטיאַבער", 1940, 13 נאָיאַבער.

קוויטקאָ, ל. און נאָך מער ווייטאָק איז. „אָקטיאַבער", 1940, 19 דעקאַבער.

קיטאַי, מ. „זיאַמקע קאָפּאַטש" אין ייִדישן טעאַטער לססר. „אופבוי", ריגע, 1941, נום. 11.

קליטעניק, ש. פון סולקע נאַיאַקער ביז דעם קאָמונאַר יוליס (וועגן דאַניִעלס שאַפונג). אין זײַן בוך: „ווערק און שרײַבער". ליטעראַריש-קריטישע אַרטיקלען. מאָסקווע, 1935. זז. 123—143.

ראָסין, ש. אָט אַזאַ איז ער געווען. „אָקטיאַבער", 1940, 19 דעקאַבער.

ד) זײַנע װערק אין דער רוסישער און אוקראַיִנישער איבערזעצונגען

Юлис. Авториз. пер. с евр. Д. О. Гликмана. Предисл. И. Нусинова. М.—Л., ГИХЛ, 1931, 120 с.

Юлис. Роман. Пер. с евр. под ред. Г. Петникова. М., «Сов. литература», 1933, 135 с.

Чотири дні (Юлис). Героїч. трагедія в 3 актах. З евр. пер. З. Йоффе. Х., «Література і мистецтво», 1934, 84 с.

Юлис. Авториз. пер. с евр. Д. О. Гликмана. Предисл. И. Нусинова. М., Гослитиздат, 1935, 141 с.

Зямка Копач. П'еса на 3 дії 7 карт. Пер. з евр. З. Йоффе і М. Талалаевського. Х.-О. Дитвидав, 1936, 84 с.

Хлопчик (Зямка Копач). Пьеса в 4-х действиях, 7-ми карт. Авториз. пер. Б. Х. Черняка. М., Управление по охране авторских прав. 1939, 88 с.

Винахідник і комедіант. (Йоган Гутенберг). (П'еса): Пер. з евр. М. Талалаевський. (К.—Х). «Мистецтво», 1937, 78 с.

П'еси. Пер. з евр. К.-Х., Держлітвидав, 1937, 250 с.

Хлопчик. Пьеса в 3-х актах 7-ми карт. Авториз. пер. Б. Х. Черняка. М., «Крестьянская газета». 1937, 24 с.

Зямка Копач (Хлопчик). Пьеса в 3-х действиях. Авториз. пер. с еврейского Б. Х. Черняка. М.—Л., «Искусство», 1937. 89 с.

Изобретатель и комедиант (Иоган Гутенберг). Пьеса в 4-х актах 8-ми карт. Русский текст Л. Островера. М., «Искусство», 1938, 92 с.

Изобретатель и комедиант (Иоган Гутенберг). Пьеса в 4-х актах 8-ми картинах. Пер. с евр. Л. Островер. М., «Искусство», 1939, 66 с.

Зямка Копач (Хлопчик). Авториз. пер. с евр. Б. Х. Черняка. (2-ое изд.). М., «Искусство», 1939, 94 с.

Первый раз в кино. (Рассказы). Пер. с евр. под ред. Л. Кассиля. М.—Л., Детгиз, 1940, 68 с.

Четыре дня (Юлис). Героическая драма в 3-х актах. Авториз. пер. с евр. Б. Вакс. М., «Искусство», 1940, 98 с.

Зямка Копач (Хлопчик). Пьеса в 3-х действиях. Пер. с евр. Б. Х. Берняка. М., «Искусство», 1940, 96 с.

ה) אַרטיקלען װעגן זײַן שאַפונג אין רוסיש און אוקראַיִניש

Базилевский. Рец. на кн. «Там, де починалася Польща. Роман, Х., 1930, «Молодняк», 1931, № 8, стор. 141—143.

Бейлін, С. Л., «Зямка Копач». «Зоря» (Дніпропетровськ), 1936, 24 березня.

Ган, Я. Зямка Копач. П'еса. «Комуніст», 1936, 8 лютого.

Дерман А. Рец. на роман «Юлис». «Литературный критик», 1934, № 10.

Міжиріцький, М. Оповідання та новели М. Даніеля. «Літературна критика», 1937, № 3.

Надель, Х. М. Даніель. Пам'ятка читачеві. Єврейська радянська література. Київ, Центральний бібліотечний колектор України, 1935.

Николаев, Я. Рец. на кн. «Покинутые особняки». Х., 1928. «На литературном посту», 1928, № 10.

Палей, А. Р. Рец. на кн. «Покинутые особняки». Х., 1928, «Читатель и писатель», 1928, № 25.

Рец. на роман «Юлис». «Огонек», 1935, № 36.

Рубина Р., М. Даниэль. «Литературная газета», 1940, 1 декабря.

Рыклин, Г. Рец. на кн. «Покинутые особняки». Х., 1928. «Известия» 1928. 30 сентября.

Сухомлінов, З. «Зямка Копач». «Чорноморська комуна», Одеса, 1936, 6 квітня.

Тайц, Я. Рец. на книгу «Первый раз в кино» (Рассказы). М., 1940, «Детская литература», 1940, № 8.

То же. «Литературная газета», 1940, 29 сентября.

Фінкель, О. Рец. на кн. «На порозі». Х., 1930. «Червоний шлях», кн. 10.

Черняк, Л. Книгу, яку треба вітати. М. Даниель. «До заводських воріт». «Молодняк», 1935, № 7.

Шкаровський, І. Образ Леніна в єврейській радянській літературі. (М. Даниель) «Літературна газета», 1936, 24 січня.

כ. נאַדעל

ווינקל
פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

מיר דוכט, אז עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט, די רעדאקציע זאָל אָפטער ארויסטרעטן מיט רעקלאַמע וועגן דעם זשורנאַל, לעמאָשל, אין דער צײַטונג „ווע־טשערניאיא מאָסקווא" און אין אנדערע פּאָפּולערע אויסגאַבעס פון אונדזער גרויס לאַנד.

מײַן דערפארונג זאָגט אונטער, אז צווישן דער יוגנט פארמאָגט „סאָוועטיש היימלאַנד" א גרויסן רע־זערוו פון פריינט.

וואָלאָדיע טשערנין. מאָסקווע.

כאָשעווע רעדאַקציע!

איך האָב שוין צעביטן דאָס 78 יאָר פונעם לעבן, מײַן ריע איז אָפּגעשוואַכט, אָבער איך לאָז ניט דורך קיין איין וואָרט אין „סאָוועטיש היימלאַנד". איך לייען דעם זשורנאַל פאַר מײַנע קינדער און אייניק־לעך, זיי הערן מיך אופמערקזאם און האָבן האנאָע ניט ווייניקער ווי איך אליין.

ביז מײַנע אויגן זעען, וועל איך דעם זשורנאַל אויסשרײַבן און טאָן אלץ, אז אויך אנדערע מענטשן, וועלכע לייענען ייִדיש, זאָלן זיך אָף אים אבאָנירן.

אלדאָס בעסטע אײַך.

סאַראַ רודאָווסקאַיאַ. סאַמאַרקאַנד.

צו דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

איך טייל אײַך מיט, אז מיר זעצן פאָר די אבאָ־נירונג. נאָך צוויי לייענער האָט דער זשורנאַל בא אונדז אָט ערשט באקומען — צוויי יונגע כעוורע, וועלכע האָבן פארענדיקט דעם אוניווערסיטעט און ארבעטן אין פארשיידענע אונטערנעמונגען.

מײַנע יונגע לייענער בעטן, מע זאָל פארגיכערן דאָס ארויסלאָזן דעם ייִדיש־רוסישן ווערטערבוך.

הערשל באַראַז. ראָסטאָוו.

כאָשעווע כאַווײרים!

אויב זיך פאנאנדערקלײַבן פינקטלעך, בין איך נאָך דערווײַל ניט קיין פארשפרייטער פונעם זשור־נאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", אָבער דעם ערשטן טראָט אָף דעם וועג האָב איך, פונדעסטוועגן, שוין געמאכט: כ'האָב אויסגעשריבן אים ספּעציעל פאַר מײַן טאָכ־טערקע עסטער גאַנז.

זי איז אלט 10 יאָר און לייענט ייִדיש. בעט איך אײַך איצטער, איר זאָלט מיר טאָן צוליב און אָפטער דרוקן ווערק פאַר אונדזער קליינוואַרג.



טײַערע כאַווײרים!

איך בין א סטודענט און לייען א סאך: וויסנ־שאפטלעכע אויסגאבעס, צײַטונגען, ליטערארישע־קינסט־לערישע ווערק. דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָב איך באמערקט גאָר ניט לאנג — מיט צוויי יאָר צוריק, איצט איז ער מײַן שטענדיקער באגלייטער.

בא מיר זײַנען פאראן גוטעפרײַנט. פארשטייט זיך, אז איך דערצייל זיי וועגן דעם זשורנאַל, וועגן די פארשיידענע מאטעריאלן, וועלכע ער פארעפנט־לעכט. זיי זײַנען מיר מעקאַנע. עטלעכע כאַווײרים, לויט מײַן בײַשפּיל, האָבן אויך אָנגעהויבן דערלער־נען ייִדיש, קעדיי לייענען דעם זשורנאַל. א גרויסע אופוואכונג אין דעם איניען האָט ארײַנגעבראכט דער נײַער אָפּטייל, וואָס איר האָט קורץ אָנגערופן „רעזו־מע". פריער האָבן מיר די פרײַנט געגלייבט אפן וואָרט, איצט ווייסט יעדערער פון זיי, וואָס דער זשורנאַל פּובליקירט אין אָרדנטלעכן נומער. מײַנע כאווײרים האָבן א מעגלעכקײַט אין דער רוסישער און ענגלישער איבערזעצונג זיך באקענען מיט אייניקע ליטערארישע און פּובליציסטישע מאטעריאלן. דאָס איז אן אויסגעצייכנטער אָנהייב! איך בין איבער־צײַגט, אז גראָד די „רעזומע" וועט ארײַנציִען אלס אבאָנענטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" א גוטן צענד־ליק מײַנע באקאנטע.

וואָס איז שײַעך מײַן טעטיקייט אלס געזעלשאפט־לעכער פארשפרייטער, האָף איך, אז אין 1979 וועל איך ברענגען דעם זשורנאל עטלעכע נײַע לייענער.

ישראל גאנז. דאווגאווּפּילס.

מײַן מיינונג

איך בין אן אלטער און געטרײַער פארשפרייטער פון „סאָוועטיש היימלאנד". מײַנע פליכטן פארגעס איך ניט אפילע דאַן, ווען איך בין ניט אין דער היים. אין מײַ כוידעש, לעמאָשל, בין איך געווען אין מאָ־סקווע, אין קיִעוו, אין לוצק און אין מאָגיליאָוו־פאָ־דאָלסק, און אומעטום, בײַס די באגעגענישן מיט מײַ־נע כאווײרים און פרײַנט, האָב איך פראָפּאגאנדירט דעם זשורנאל.

איך האָף, אז פיל מײַנע מיטשמועסער וועלן ווערן אין 1979 לייענער פונעם יידישן וואָרט.

ס'וואָלט געווען גוט, ווען „סאָוועטיש היימלאנד" זאָל אויסטיילן מער זײַטלעך פאר דעם הײַנטצײַטיקן ארבעטער, פאר דעם סאָוועטישן פויער. איך וואָלט מיט גרויס פארגעניגן געלייענט אויך מער היסטאָרי־שע דערציילונגען.

לויט מײַן מיינונג איז ווינטשנסווערט, דער זשורנאל זאָל נאָך ברייטער, ווי ביז איצט, באלײַכטן דאָס לעבן אין בירָאבידזשאַן.

לייב קושמאן, אלמא־אטא.

א גוט העלף אײַך, כאווײרים!

דאָ ניט לאנג האָב איך פארגעלייענט פאר מײַנע נײַע פרײַנט פון סטאראָבין כאַיִם גורעוויטשעס פאר־צייכענונג „די סטאראָבינער לעגענדע". די געוועזענע לאנדסלײַט פונעם אווטאָר זײַנען געווען מאמעש גליקלעך. איך קלער, אז זיי אלע וועלן ווערן לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" אין 1979.

מיט דערעכערעץ, מ. גרינפעלד.

סאָליגאָרסק.

טײַערע פרײַנט!

אלס געזעלשאפטלעכער פארשפרייטער פונעם זשורנאל פארגעס איך ניט דערמאָנען די צײַטונגס־קיאָסקערן פון אונדזער שטאָט, זיי זאָלן באצײַטנס באשטעלן א געהעריקע צאָל עקזעמפּלארן פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" פארן אינדיווידועלן פארקויף.

מע דארף אײַנשטעלן אזא אָרדענונג, אז יעדער קיאָסק זאָל אָן און פאר זיך ארויסווײַזן פאר דעם די געהעריקע זאָרג.

שמואל שענקמאן. ריגע.

פארברייטערן דעם קרײַז לייענער

איך און מײַן פרוי, ביידע אינזשעניערן אין דער שטאָט ליובערצי, הינטער מאָסקווע, לייענען דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" סאכאקל דאָס דריטע יאָר. עס האָבן אונדז פארכאפּט די ליטעראריש־קינ־סטלערישע און פובליציסטישע ווערק, וועלכע דער זשורנאל פובליקירט. אויך אנדערע מאטעריאלן, וואָס באווײַזן זיך אויף די זײַטלעך פון „סאָוועטיש היימ־לאנד", זײַנען מערסטנטייל אינטערעסאנט, זיי גיבן פארשיידענע אינפאָרמאציע, צומאָל ביז גאָר טשי־קאווע.

מיר זײַנען נאָך יונגע מענטשן, דער קרײַז פון אונדזערע באקאנטע און פרײַנט איז אויך א יונגער, און מיר זײַנען גליקלעך, וואָס צוזאמען מיט אונדז לייענען איצט „סאָוועטיש היימלאנד" פיל אנדערע כאווײרים.

מיר האָפן, אז די צאָל אבאָנענטן פונעם זשורנאל אין ליובערצי וועט זיך אין 1979 פארגרעסערן.

באָריס מארשאק. ליובערצי.

באצײַטנס זיך אבאָנירן

בא אונדז אין ווילנע בין איך איינער פון די וועטעראנען־פארשפרייטער פון „סאָוועטיש היימלאנד". נאָר איך דארף זאָגן, אז אָן דער הילף פון די אקטי־ווע לייענער וואָלט איך איבעריקס פיל ניט אויפגע־טאָן. עס העלפן מיר די אָנטיילנעמער פונעם ווילנער יידישן פאָלקס־טעאטער, וועלכע לייענען אליין דעם זשורנאל און פאָפּוליאריזירן אים צווישן דער יוגנט.

וואָס איז שײַעך מײַנע שטענדיקע קאָלעגן באם דורכפירן די אבאָניר־קאמפּאניע, די כאווײרים שאל־קינסקי און צוויזאָן, קאָנטראָלירן זיי שוין איצטער די האַיאָריקע אבאָניר־צעטלען, קעדיי באצײַטנס דערמאָ־נען זייערע לייענער, זיי זאָלן ניט דורכלאָזן דעם טערמין פון דער אבאָנירונג אפן 1979.

יאנקל וויניצקי. ווילנע.

א קלינגענדיקער כוידעש

לעוו מארקאָוויטש מארגוליס האָט מיר אָנגעקלונ־גען אין טעלעפאָן:

— האָסט ניט פארגעסן?

— וואָס דארף איך ניט פארגעסן?

— אויסשרײַבן מיר דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד"...

— ניין, ניט פארגעסן, ביסט בא מיר אין צעטל פון די ערשטע.

— און נאָך, — שרײַט ער מיט א הויך קאָל אין טעלעפאָן, — זאָלסט אומבאדינגט אבאָנירן א נײַעם לייענער, כעסקין סאָלאָמאָן יעפימאָוויטש.

איך לייג אוועק דאָס טרײַבל פונעם טעלעפאָן און פארקלער זיך. א שיינע מײַסע. מיט פינף יאָר צוריק, ווען איך האָב אים, מארגוליסן, פאָרגעלייגט, ער זאָל אויסשרײַבן „סאָוועטיש היימלאנד", האָט ער א קנייטש געטאָן מיט דער נאָז. ער האָט אָבער גענו־מען בלעטערן דעם זשורנאל, א פרווו געטאָן דורכ־לייענען עטלעכע שורעס. איך האָב גלײַך באמערקט, ווי ער קוויקט זיך מיט זײַן מאמע־לאָשן.

מארגוליס איז ניט דער איינציקער צווישן די מאלאכאָווקער לייענער, וועלכע העלפן מיר פאר־שפרייטן דעם זשורנאל.

פאראן אזעלכע, וועמען עס באפרידיקט שוין ניט בלויז דאָס לייענען „סאָוועטיש היימלאנד". עס וועקט זיי דער כיישעק אפילע עפּעס אָנשרײַבן פארן זשור־נאל. איך טרייסט זיי: אויב ניט קיין פראָזע־שרײַבער,

11*

וועט איר ווערן גוטע בריוו־שרײַבער. דאָס איז אויך ניט ווייניק...

איינע פון די מאלאכאָווקער לייענערנס האָט מיר דערציילט, אז יעדן כוידעש גייט זי אָף דער פּאָטשט און שיקט איבער דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" קיין בראזיליע פאר אירן א פרײַנט, וועלכער שרײַבט איר, אז בא זיי אין לאנד איז פאראן א גרויסע שטערונג צו קריגן דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". אונדזערע סאָנים ווילן ניט דערלאָזן, מע זאָל דורכן זשורנאל זיך דערוויסן, וויאזוי די סאָוועטישע ייִדן לעבן.

דער נײַנטער כוידעש פון יעדן יאָר איז א קלינגענדיקער כוידעש. צו אייניקע קלינג איך אָן אין דער טיר, א סאך קלינגען מיר — אָדער אין דער טיר, אָדער אין טעלעפאָן. עס הילכן פריידיקע ווערטער: „סאָוועטיש היימלאנד"!, „צײַט זיך אבאָנירן!", „שרײַבט אויס דעם זשורנאל!"

רוון פוסטילניקאָוו. מאלאכאָווקע.

מײַן שאָכן נאפטאָלע דער שנײַדער

איך האָב א שאָכן א שנײַדער. אים איז שוין אריבער די אכציק.

אין איינעם אן אפדערנאכט, ס'איז שוין געווען טונקל אף דער גאס, זיץ איך אין שטוב און קוק דעם טעלעוויזאָר. די גרויסע שײַן איז אויסגעלאָשן, עס ברענט נאָר אן עלעקטרישער טיש־לאָמפּ, ערשט מע קלאפּט אין טיר. עפן איך אויף און באווײַז נאָך ניט זען, ווער דאָס איז, הער איך:

— טאָכטערקע, — אזוי רופט ער מיך, — מײַן שאָכן, — דאָס בין איך...

בא אים איז א ביסעלע א פארדומפּן קאָל, אזוי ווי הייזעריקלעך. ארײַנקומענדיק אין שטוב, גיט ער א זאָג:

— וואָס זיצט איר אין דער פינצטער?

איך ענטפער, אז אזוי איז באקוועמער צו קוקן דעם טעלעוויזאָר. צעלאכט ער זיך זייער שיין און געשמאק אפן גאנצן קאָל און זאָגט:

— טאָכטערקע, אף דער וועלט, זאָלט איר טאָמיד געדענקען, דארף זײַן ליכטיק, איך גלייב ניט אין יענער וועלט. צינדט אָן אלע לעמפּלעך, אין קאָרידאָר, זאָל די גאנצע צײַט ברענען א גרויס לעמפּל, אין שטוב זאָל די ליוסטרע ברענען מיט אלע אירע לעמפּ, וואָס זי פארמאָגט, זשאלעוועט ניט. זאָל זײַן ליכטיק בא אײַך אין אלע ווינקעלעך. שײַן — איז לעבן. דאָס איז איינס, דאָס צווייטע. הײַנט איז דאָך יאָמטעוו, אײַער זשורנאל איז לויט מײַן כעזשבן אלט געוואָרן פונקט 17 יאָר. בין איך געקומען אײַך באגריסן און ווינטשן, אז „סאָוועטיש היימלאנד" זאָל לעבן אזויפיל, וויפל עס איז אָנגעמערקט בא אונדז ייִדן — ביז הונדערט און צוואנציק. איצט וויל איך, טאָכטערקע, אײַך בעטן: גיט מיר, פונקט ווי טאָמיד, דעם פרישן נומער. אָבער טאָמיד נעם איך בא אײַך אף אָפּצוגעבן צוריק, און דאָס מאָל וויל איך, ער זאָל בלײַבן בא מיר אף דער גאנצער צײַט. איך דארף אים איבערלייענען ניט נאָר פאר זיך, נאָר אויך פאר מײַנע כאוויירים.

דעם זשורנאל האָט מיר טאקע דער אלטער נאפטאָלע ניט אומגעקערט, אָבער דעם נײַנטן נומער איז ער עפּעס צו מיר ניט געקומען נעמען, און דעם צענטן אויך ניט. דאָ האָב איך שוין א טראכט געטאָן — מע דארף זיך דערוויסן, ווו איז ער, דער אלטיטשקער מײַנער, טאָמיד פלעג איך אים זען דורכן פענצטער פון מײַן צימער, ער פלעגט אזוי פלינק לויפן מיט זײַן שטעקעלע, גיך־גיך. אמאָל האָב איך אים אפילע געפרעגט: צוליב וואָס דארפט איר אײַער שטעקן, ער שטערט דאָך אײַך, איר גייט גיכער אָן אים. האָט ער מיר געענטפערט: — א שטעקעלע קומט אומעטום צוניץ, ניט נאָר אף צו גיין מיט דעם. איך שטעל זיך אָפּ, איז עס ווי אן אָנשפּאר, אן עמעסער סלופּטשיק, איך דארף עפענען א טירל, נוץ איך אויס דאָס שטעקעלע, פארמאכן א פאָרטקע — באנוץ איך זיך אויך מיט דעם. מיט איין וואָרט, מאמעש א קישעף־שטעקעלע, זייער באקוועם... און ווען איך זיץ און טראכט אזוי־אָ וועגן נאפטאָלען און וועגן זײַן שטעקן, קלאפּט עמעצער אָן אין טיר — יאָ, עס איז טאקע ער, מײַן שאָכן.

— וואָס האָבן מיר אײַך אזוי לאנג ניט געזען? — פרעג איך.

ער שטייט פאר מיר א גלײַכינקער, אין גאנצן וווּקס זײַנעם, א טרויעריקער, און ענטפערט מיר:

— איר פארשטייט, טאָמיד קום איך צו אײַך נעמען דעם זשורנאל אף צו לייענען, און איצט קאָן איך ניט לייענען...

— וואָס האָט געטראָפן?

— מע האָט מיר געמאכט אן אָפּעראציע, א קאטאראקט איז בא מיר געווען, האָט דער דאָקטער ניט דערלויבט לייענען.

ער בעט מיט א ווייכער שטים:

— איר וועט שוין מוזן זיך מאטריִעך זײַן און מיר דורכלייענען אלע נומערן פונעם זשורנאל, וועלכע איך האָב ניט געלייענט, איך גלייב, אז צו די ווײַטערדיקע נומערן וועל איך שוין האָבן דיברילן מיט די גלעזלעך, וועלכע דער דאָקטער האָט מיר צוגעשריבן, דעמלט וועל איך ווידער אליין לייענען. אזא מין זשורנאל, דאָס איז דאָך אן ענציקלאָפּעדיע. איך האָב א גאנץ לעבן ניט געוווּסט, וואָס עס איז אזוינס אן ענציקלאָפּעדיע, און דאָ איז מײַן אייניקל אלט געוואָרן דרײַצן יאָר, און איך האָב אים געגעבן א מאָטאָנע מיט געלט, ער זאָל זיך קויפן וואָס ער וויל און וואָס ער דארף, איז מײַן טאָכטער אוועק און געקויפט אים אן ענציקלאָפּעדיע. אָט טאקע די טאָכטער מיטן אייניקל האָבן מיר אויסגעטײַטשט, וואָס עס הייסט אן ענציקלאָפּעדיע, דערפאר האָב איך זיך דערמאָנט דאָס וואָרט. יאָ, יאָ, דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" איז אן עמעסע ענציקלאָפּעדיע, נאָר אף ייִדיש, ווי איך בין א ייִד.

ס'איז שוין באלד דרײַ וואָכן, ווי אלע אפדערנאכט קומט צו מיר ארײַן מײַן שאָכן נאפטאָלע דער שנײַדער און איך לייען אים איבער צו ביסעלעך אלצדינג, וואָס עס דרוקט דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד".

מאניע לאנדמאן. מאָסקווע.

די שווע

א ברייט אספאלטירטער שליאך, באזעצט פון ביידע זײַטן מיט הונדערטיאָריקע לינדן־ביימער, האָט מיך געפירט צום אמאָליקן שטעטל, דעם איצטיקן

ראַיאָנעם צענטער, ליטין. פאַר דער שאָ פאָרן מיטן אויטאָבוס פון וויניצע האָט דאָס אויג זיך גענזעטיקט מיט ווונדערבארע גרינע טעפּיכער פון רײַפן ווינטערווייץ. אף די ברייטע, זאַפטיקע לאָנקעס און באַ די ראַנדן פון שיטערע וועלדלעך האָבן זיך געפּאַשעט טשערעדעס קאָלווירטישע שאָף און רינדער.

דער ציל פון מײַן רײַזע קיין ליטין איז געווען: אָנהייבן די נײַע אבאָנירונג אף דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און איינצײַטיק זיך באַגעגענען מיט איינעם פון די עלטסטע טוישווים פון דעם שטעטל, דעם געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער יאַנקל נאַכליס.

אין דער היים האָב איך אים ניט געטראָפן: ער איז פאַרנומען מיט קאָהאָלשע איניאָנים — האָט צו טאָן מיט ברידער־קוואָרים. נאָר איך האָב אים אָפּגעזוכט.

נאָכן ברייטן שאָלעם־אַליייכעם, האָב איך, ווי מע זאָגט, גלײַך גענומען טאָפּן אין וואָגן, וויאַזוי קלערט ער, נאַכליס, דורכפירן די אבאָנירונג אפן 1979, צי האָפט ער צוציִען נײַע לייענער. איך האָב אויך, דערעכאגעוו, זיך אינטערעסירט, פאַרוואָס ער איז זיך אזוי מאַפקיר פאַר די ברידער־קוואָרים מער ווי עמעצער אנדערש.

נאַכליס איז ניט פון יענע, וואָס שיטן אויס דאָס גאַנצע מעסטל ווערטער מיטאמאָל און ווערן אויסגעשעפּט.

ער דערציילט שטילערהייט וועגן זיך און וועגן זײַנע לאַנדסלײַט. איך פאַרשטיי, אז מיר האָט אָפּגעגליקט, כ'האָב זיך באַגעגנט מיט א גוטן מענטשן, אַן איידעלע נאַטור.

צוגעקומען צו די מילכאָמע־יאָרן, איז דער אלטער יאַנקל אַנשוויגן געוואָרן. א טרויעריקער וואָלקן האָט באַדעקט זײַן פּאָנעם. דערנאָך האָט ער דערציילט: די ערשטע שכיטע איז פאָרגעקומען דעם 20 אווגוסט 1941, ווי א רעפּעטיציע. די פאַשיסטן צוזאַמען מיט פּאָליצײַען, זינדלעך פון געוועזענע פּעטליוראָוווצעס, האָבן אָן שום איבערקלײַב אויסגעכאַפּט פון די גאַסן 56 מענטשן, בעסוכעם יאַנקלס א זעכצניאָריק ייִנגל, מאָרדכעלע, און דעם ברודער וועלוול, מע האָט זיי ערגעץ אוועקגעפירט און אומגעבראַכט.

דעם 18 דעקאַבער איז אָפּגעגעבן געוואָרן א באַפעל, אז אלע ייִדישע אײַנוווינער, יונג און אלט, ווײַבער און קינדער, געזונטע און קראַנקע זאָלן זיך מאָרגן גאַנצפרי צונויפזאַמלען אין גאָראָדאָק (א ראַיאָן אין ליטין) — דאָרט שאַפט זיך א געטאָ. די ייִדן וועלן לעבן, ארבעטן און זיך אָנטאָן ווווילטיק. זיי קאָנען מיט זיך מיטנעמען וואָס זיי פאַרלאַנגען. די מערהײַט באַפעלקערונג האָט אין דעם געגלייבט, אויך ער, נאַכליס, און דעם 19־טן דעקאַבער האָט ער זיך געיאַוועט מיט דער פאַמיליע אינעם אָנגעמערקטן אָרט. דאָרט האָבן איבערזעצער אויסגערופן די נעמען פון די באַלמעלאָכעס, וועלכע די אָקופּאַנטן האָבן פאַרפריִער אָפּגעקליבן, און באַפוילן, זיי זאָלן מיט זייערע פאַמיליעס אָפּגיין אף רעכטס. די איבעריקע ייִדן האָט מען באַפוילן זיך אויסטאָן נאַקעט, באַ צווי קילאָמעטער זיי געטריבן צו די שוין צוגעגרייטע גריבער און גרופּעסווײַז צעשאָסן זיי מיט א קוילנוואַרפער. אין דער דאָזיקער צווייטער שכיטע זײַנען אומגעקומען באַ דרײַ טויזנט ליטינער אײַנוווינער. פיל פון זיי האָט מען געוואָרפן אין די גריבער לעבעדיקערהייט.

נאַכליסן האָט זיך אײַנגעגעבן איינצלווײַז אריבערפעקלען זײַן ווײַב און די דרײַ דערוואַקסענע מיידלעך צו א גוטן פרײַנט, וואַסיל דיקי, א פויער פונעם נאָענטן דאָרף קוליגע. פאַרשטייט זיך, אז דער אוקראַיִנישער פרײַנט מיט זײַן פאַמיליע האָט ריזיקירט מיטן לעבן, נאָר ער האָט די ייִדן אויסבאַהאַלטן.

געבליבן זײַנען אין געטאָ צוואַנציק מענטשן. יאַנקעוו נאַכליס האָט דערשפּירט, אז עס רוקט זיך אָן אף אים דער טויט. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? ריזיקירן און אליין קריכן צום טויט דורך די פעסט צוגעשלאָסענע טויערן? דאָך האָט א מענטש ביז דער לעצטער מינוט א האָפענונג, אז עס וועט טרעפן א נעס. און א נעס האָט טאַקע געטראָפן. בײַס די פּאָליציי האָט ארויסגעפירט פון די טויערן די גרופּע מענטשן, צווישן וועלכע ס'איז געגאַנגען נאַכליס, איז פּלוצעם געוואָרן א בעהאָלע. וואָס עס איז געשען, ווייסט ניט נאַכליס ביז הײַנטיקן טאָג. צי עמעצער איז אַנטלאָפן, צי עפּעס אנדערש, נאָר דער פּאָליצײַ, וואָס האָט אים געפירט, איז אף א ווײַלע אָפּגעגאַנגען אין א זײַט. נאַכליס האָט געגעבן א שפּרונג, ארײַן עפּעס אין א כורווע און זיך באַהאַלטן. באַנאַכט האָט ער זיך דערקליבן קיין קוליגע, צו וואַסיל דיקי. אזויאַרום איז ער מיט זײַן פאַמיליע געבליבן לעבן.

ווי נאָר ער איז ארויס פון דער געטאָ, האָט נאַכליס געגעבן א שוווּע, אז ווי לאַנג ער וועט לעבן, ארומגיין אף זײַנע פיס, עטעמען, וועט ער אכטונג געבן, אז דער בעסוילעם זאָל ניט פאַרוואַקסן ווערן מיט מיסט־גראָז.

...איך שטיי לעבן אַן אומגעהייער גרויסן קייווער מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ. עס פאַרכאַפּט דער אָטעם. ס'דערוועקן זיך מײַנע אייגענע ניט פאַרהיילטע ווונדן... אין א צווייטן ברודער־קייווער ליגן די צעשאָסענע ווײַבער און קינדער פון באַלמעלאָכעס, וועלכע די פאַשיסטן האָבן געלאָזט לעבן בײַס דער אקציע פון דעם 19 דעקאַבער 1941. זעקס כאַדאָשים האָבן זיי נאָך געלעבט, דערנאָך האָט מען זיי ארויסגעפירט און צעשאָסן. נאַכליס פירט מיך צו א דריטן קייווער. „דאָ ליגן באַ דרײַ הונדערט יוגנטלעכע, — זאָגט ער, — ייִנגלעך און מיידלעך פון זעכצן ביז פינף און צוואַנציק יאָר, בלוט און מילך". זיי האָט מען געבראַכט אַהער פון די מײַרעוו־לענדער. אין גע־

טאָ האָט מען זיי ניט געפירט, מע האָט זיי פאַר־
שפּאַרט אין די געוועזענע רויטאַרמייִשע קאַזאַרמעס,
געפּײַניקט מיט שווערער אַרבעט און דורכגעפירט אָף
זיי אומענטשלעכע עקספּערימענטן. אין האַרבסט 1942
האָט מען זיי אומגעבראַכט.

צום לעצטן ברודער־קייווער זײַנען מיר צוגעקר־
מען, ווען עס איז שוין געווען גוט טונקל. דאָס איז
געווען אַ קייווער פון צעשאָסענע געפאַנגענע רויט־
אַרמייער.

נאָכליס און זײַנע לאַנדסלײַט האָבן באַשטימט
אופשטעלן אַ דענקמאָל אָפן בעסוילעם. אַנשטאַלטן
האָבן געמאַכט סמעטעס, אינזשעניערן און אַרכיטעק־
טאָרן האָבן געצייכנט פּלענער, סקולפּטאָרן האָבן גע־
גרייט אַ מאָדעל פון אַ דענקמאָל פאַרן צענטראַלן
ברודער־קייווער. געהעריקע בוי־אַנשטאַלטן און
האַנדלס־אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאָלפן מיט בוי־מאַ־
טעריאַלן, און אין מעשעך פון יאָרן האָט מען אופ־
געשטעלט אַ דענקמאָל. ביז הײַנטיקן טאָג איז נאָכ־
ליס, דער מענטשן־פרײַנט, פאַרנומען מיט אָט די
ברידער־קוואָרים: שטיינער פאַלן אײַן, גייט ער אַליין
מיט דער קעלניע און מיט דער לאָפּעטע און מאַכט
צורעכט... ער האָפט, אַז דעם בעסוילעם וועט נעמען
אָפן דיסקאָנט די מעלוכע.

איך קוק אָף דעם זאַקן און טראַכט: ס'איז אַ גליק,
וואָס אַזעלכע מענטשן זײַנען פאַראַן — מענטשן מיט
הייסע הערצער און מיט ריינעם געוויסן.

ס'איז אויך ניט קיין וווּנדער, וואָס דער כאַווער
נאָכליס איז אַן אַקטיווער פאַרשפּרייטער פונעם זשור־
נאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". פון די פינף און צוואַנציק
פאַמיליעס, וועלכע וווינען אין ליטין, זײַנען פערצן
אַבאָנירט אָפן זשורנאַל. נאָך מער, ער כאַפּט זיך נאָך
אַראָפּ קיין כמעלניק און פירט דאָרט אויך דורך אַן
אַרבעט. אַזאַ איז דער אומדערמידלעכער כאַווער נאָכ־
ליס. איצט טראַכט ער שוין וועגן דער פאַרשפּרייטונג
אָפן 1979.

וואָס איז שײַעך ווינעצע, האָב איך פּערזענלעך אָפן
צווייטן האַלבן יאָר אַבאָנירט אָף „סאָוועטיש היימ־
לאַנד" 103 מענטשן. איך באַקום אַ סאַך אָנפראַגן,
וויאַזוי גייט זיך עס מיר אײַן. דער טערעץ איז —
אַרבעט, אומדערמידלעכע אַרבעט: אַרומגיין מיטן
קוויטאַריש אין די הענט, אויב עמעצער קווענקלט
זיך, צי ער דאַרף זיך אַבאָנירן אָפן זשורנאַל, טײַ־
נעט, אַז ער לייענט נאָך שלעכט ייִדיש, אין לייען
איך איבער אַן אַבזאַץ, און לייג אים פאָר מיר נאָכ־
טאָן. צו אַנדערע כאַפּ איך זיך אָפּט אַרײַן און לייען
פאָר אים פאָר אין קרײַז פון זייער מישפּאָכע עפּעס
פון „סאָוועטיש היימלאַנד". בכלל דאַרפן אונדזערע
פאַרשפּרייטער, יעדערער לויט זײַן דערפאַרונג, אויס־
זוכן מיטלען, וויאַזוי געפינען אַ צוטריט צו די, וואָס
ווייסן די שפּראַך. דאָס בעסטע מיטל, טראַכט איך,
איז בעטן ליבהאָבער פונעם ייִדישן וואָרט, אַז יעדע־
רער זאָל אויסגעפינען כאָטש איינעם אַזאַ און וועגן
דעם מיר לאָזן צו וויסן, דעמלט גיי איך צום פּאָטענ־
ציעלן לייענער אַהיים און העלף אים אויספּאָרמירן
די אַבאָנירונג.

געדאַליע קאָסאָי. שרײַבער און געזעלשאַפט־
לעכער פאַרשפּרייטער. ווינעצע.

אַ הומאָרעסקע פון אַ געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער

איך האָב זיך שיער ניט צעקריגט מיט מײַן קאַלעגע
ראַפאַלאָוויטש.

לויט דער פּראָפעסיע זײַנען מיר ביידע לערער.
ביידע האָבן מיר בעשײַטע אונטעריכט מאַטעמאַטיק,
ביידע זײַנען מיר איצט אָף פּענסיע און ביידע פאַר־
נעמען מיר זיך מיט פאַרשפּרייטן בײַ אונדז אין ניי־
קאָליִעוו דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

די סאָוועטן־גאַס טיילט אונדזער שטאָט אָף צוויי
קימאַט גלײַכע טיילן, איז אין איין טייל פאַרנעמט ער
זיך מיט פאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל, אָף דער צוויי־
טער זײַט — איך. ער האַלט, אַז באַם צעטיילן די
שטאָט אָף צווייען בין איך באַגאַנגען בענעגייע אים
אַ דיסקרימינאַציע. פאַרוואָס? ווײַל אָף דײַן זײַט, —
זאָגט ער, — וווינען ווייניקער ייִדן איידער אָף מײַנער,
ער וויל, איך זאָל איבערגעבן צוויי גאַסן פון מײַן
ראַיאָן אין דײַן רעשוס.

אַזוי ווי ער איז ייִנגער פון מיר (אָף צוויי כאַדאָ־
שים מיט נײַן טעג), פאַרטיקט ער זיך אָפּ מיט זײַן
אַבאָנירונג גיכער, כאַפּט זיך אַרײַן אָף מײַן זײַט,
זוכט אויס אַ פּאָר ייִדן און אַבאָנירט זיי אָפן זשור־
נאַל.

— עפראַיִם אַליטש, — זאָג איך צו אים, — איר
ברעכט די קאָנווענץ!

— ערשטנס, — ענטפערט ער מיר, — איז קיין שום
קאָנווענץ ניט פאַראַן, צווייטנס — וואָס איז די נאַפּ־
קאָמינע, ווער סע האָט אונטערגעשריבן, איך צי איר?
וויכטיק איז, וואָס נאָך צוויי מענטשן וועלן אויס־
שרײַבן און לייענען אונדזער זשורנאַל...

דערבײַ קוקט ער אָף מיר כיטרע דורך זײַנע ביי־
פאָקאַלע ברילן און שמייכלט.

דערפאַר האָב איך אים דאָסמאָל אויך אָפּגעטאָן אָף
טעריקיש. איינע דײַנע אַן אַבאָנענטקע איז געוואָרן
מײַנע. וויאַזוי? זי איז מײַנע אַ געוועזענע שילערן,
בין איך זיך דורכגעגאַנגען צו איר, און זי האָט זיך
אונטערגעשריבן בײַ מיר.

— סטײַטש! — באַגעגנט מיך אָף מאָרגן עפראַיִם
אַליטש מיט אַ טײַנע, — פּע! אַ רוביבעריי אינמיטן
העלן טאָג.

ענטפער איך אים אָפּ מיט זײַנע ווערטער:

— וואָס פאַר אַ נאַפּקאָמינע, ווער ס'האָט אונטער־
געשריבן, אַבי נאָך אַ מענטש וועט אויסשרײַבן אונד־
זער זשורנאַל.

רעפאַעל גאָלדענבערג. ניקאָלײַעוו.

פונעם ליטעראַטור-אויצער

פּײַוול סיטאַ

פּאַראָדיעס

אונטערגאַנג

דאַוויד בערגעלסאָן

רעב שמועלס גענעץ:
א האכנאָעדיק־שארפער, א סוידעסדיק־שטי־לער און עקלדיק־פּריקרער, ווי די בורזשואזיע, וואָס ציט ארויס פונעם ארבעטער־קלאס דעם קליי צוזאמען מיטן רעוועך...
וואריִאציעס פון אָט דעם גענעץ האָט מען שוין ניט איין מאָל באגעגנט:
אין „נאָך אלעמען",
„ארום וואָקזאל",
אין „דער פארגרעבטער שטאָט".
רעב שמועלס זיפץ:
א יוירדיש־פארפּאלענער, צעצויגן־אומרויִקער, גאדלעסדיק־קורצער און מאָדנע גלײַכגילטיקער צו זײַן ווײַב פּערעלע, וואָס טראָגט א קײַלעכיק יאָר דעם טערקישן שאל אָף די אקסל און פאָרט שוין צו אָפּט קיין אויסלאנד קורירן איר אויס־געצערטע לעבער...
דער זיפץ האָט באטײַט:
— מיט דער בורזשואזיע האלט שלעכט...
און נאָך האָט דער זיפץ באטײַט:
— קיין קאָמפּרעסן וועלן שוין איר, דער בור־זשואזיע, אויך ניט העלפן...
רעב שמועלס געפילן:
אזא ייִד, ווי ער, וועט אפן צענטן זײַטל פור־

צו אונדזער פּובליקאַציע

אלע מאָל, ווען מיר דערמאָנען זיך אין אונדזער פּריצײַטיק פארשטאָרבענעם פרײַנט פּײַוול סיטאָ, שווימען אוף פאר די אויגן די העלדן פון זײַנע ווערק: דער אקשן סענקע האָראָבעץ, דער קלוגער און פארטרוימטער מוישקע דאָלגאָנאָס, דער געשיק־טער און ענערגישער בערל.

פּראָטאָטיפּן פון די דאָזיקע געשטאלטן זײַנען היימ־לאָזע ייִנגלעך, בא וועלכע די ערשטע וועלט־מיל־כאָמע האָט צוגענומען די עלטערן, ארויסגעשלײַ־דערט אָף דער גאס און געשטויסן אפן וועג פון פארברעכן.

פאר די, וואָס האָבן געקענט פּײַוול סיטאָ, איז קלאָר, אז דער שרײַבער האָט באשאָנקען אייניקע פון זײַנע העלדן ניט נאָר מיט די אייגענע אויסער־לעכע שטריכן, נאָר אויך מיט די סאמע כאראקטע־רישע אייגנשאפטן פון זײַן נאטור.

אין דער צווייטער העלפט פון די צוואנציקסטע יאָרן האָבן אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע זיך באוויזן סיטאָס ערשטע דערציילונגען, וועלכע האָבן גלײַך געגעבן צו וויסן, אז אין דער ליטערא־טור איז געקומען אן אייגנארטיקער שרײַבער — די טעמע, די שפּראך, און הויפּטזאכלעך דער הומאָר פון דעם דאָזיקן שרײַבער, זײַנען געווען פריש און נײַ.

זײַן ערשטן בוך „קינדערהויז נומ. 40" האָט סיטאָ אָנגעשריבן, ווען ער איז אלט געווען נײַנצן יאָר, און אים געווידמעט זײַנע דערציִער, וועלכע האָבן אים געהאָלפן ווערן א מענטש. אין דער ווידמונג ווערט געזאָגט:

„דעם ערשטן טראָט מײַנעם — אלע די, וואָס האָבן מיך געמענטשלט..." סיטאָ, פונקט ווי זײַנע העלדן, האָט דערצויגן די יונגע מאכט פון סאָוועטן. דער ערשטער בוך זײַנער הייבט זיך טאקע אָן מיט די ווערטער: „היימלאנד — ראטנלאנד!"

פּײַוול סיטאָ איז געבוירן געוואָרן אין 1909 אין גראָדנע. אין דער פריִער קינדהײַט האָט ער פאר־

נעם ראָמאַן ניט קאָנען שטאַרבן... ער וועט מוזן שטאַרבן אַפן זעקס הונדערט צענטן...

קאָפּל (פאַרצויגן פון פּילאַרעט):

רעב שמועלס מיזיניק. אַלט זיבן יאָר און איז שוין דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן קורס פּאָ־ליטגראַמאָטע באַם קוימענקערער יאַנקעלע מע־לאַמעד...

מ'האָט שוין געוווּסט:

— אין דעם צווייטן טייל פונעם ראָמאַן וועט קאָפּל זײַן אַ רעוואָליוציאָנער.

און נאָך ט'מען געוווּסט:

— ער וועט קנאַקן מאַרקסן, ווי אַ מיזמער.

ס'איז דעמלט געווען ערעוו יאָמקיפּער, ווען די פאַרמאָרעשכּוירעדיקטע ביימער האָבן זיך אַלע ווײַלע געשאָקלט אין אַלאַכסן און געהאַלטן אין איין שרײַען וועגן אומקום פון אַ וועלט, וואָס האַלט זיך דויר־דוירעס אָף געלט און עקספּלואַטאַציע... און אַ ביינהאַשמאָשעסדיק רעגנדל האָט געגאָסן אין אַלאַכסן און טמימעס־דיק־אימפּרעסיאָניסטיש געוווּנקען צום הימל:

— טשטאָ ווי, שוטיטיע?..

דעמלט האָט זיך פּערעלע אומגעקערט פון קוראַציע, ווו זי האָט געהיילט איר אויסגע־צערטע לעבער, אָפּגעזעסן אַ גאַנצן ווינטער פאַרשפּאַרט אינעם כיידער, מיטן טערקישן שאַל אָף די אַקסל, געהאַלטן אין איין קוקן אין אַלאַכסן גײַוועדיק־שטיל און אומרויִק־רויִגעז־דיק, און אום וועסנע ווידער אוועקגעפאָרן קו־רירן איר אויסגעצערטע לעבער...

און לעסאָף איז טאַקע רעב שמועל גע־שטאָרבן... ער האָט ס'לעצטע מאָל אַ קוק גע־טאָן אין אַלאַכסן אָף דער וועלט און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— עפּשער קאָן מען נאָך איין קאָמפּרעס?..

און איז ניפטער געוואָרן.

דענסטמאָל האָט אופגעהערט אַרײַנקוקן אין

לוירן די עלטערן. צו דרײַצן יאָר פאַלט ער אַרײַן אין איינעם פון די כאַרקאָווער קינדערהײַזער, ווו עס האָבן זיך דערצויגן הונדערטער אַזעלכע היימ־לאָזע, ווי ער.

אין קינדערהויז האָט ער גענומען „שלינגען" בי־כער און שטילערהייט, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, אָנגעהויבן שרײַבן וועגן דעם, וואָס ער האָט איבער־געלעבט אין די יאָרן פון זײַנע שוצלאָזע וואַנדערונ־גען, וועגן די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט אין פאַרשיידענע שטעט. אינגיכן האָט סי־טאָ פאַרשטאַנען, אַז שרײַבן איז אַן ערנסטע זאַך, צוליב דעם דאַרף מען האָבן קענטעניש. אַ צײַט אַרבעט ער אין אַ טיפּאָגראַפיע, און וואָס מער ער באַקענט זיך מיטן געדרוקטן וואָרט, אַלץ קלאָרער ווערט אים, אַז אָן בילדונג וועט ער קיין שרײַבער ניט ווערן. אפילע שפּעטער, ווען דער נאָמען סיטאָ איז שוין באַוווּסט געוואָרן דעם ברייטן לייענער לויט די דערציילונגען „קינדערהויז נום. 40" און „סענקע האָראָבעץ — מײַן בעסטער גוטערברודער", פאַרשטייט דער שרײַבער, אַז ער דאַרף נאָך לערנען און לערנען, און ער קומט אָן אַפן ליטעראַרישן פאַ־קולטעט פונעם אָדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

די אָנגעשטרענגטע יאָרן פון לער און אַרבעט האָבן געבראַכט באַדײַטנדיקע רעזולטאַטן. פאַר דער דאָ־זיקער צײַט האָט סיטאָ אָנגעשריבן פיל דערציילונ־גען, אַרויסגעלאָזט אַ בוך ליטעראַרישע פּאַראָדיעס און עפּיגראַמעס, אָנגעשריבן די פּיעסן פאַר קינ־דער: „שיקע־זאַיִקע", „אַ הון אָף איין פוס", „קאַנ־טאָניסטן" און אַנדערע.

בייס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז סיטאָ אַרײַנגעטראָטן אין אַן אָפּיצער־שול. „דער כּיוור פון אַ שרײַבער־קאָמוניסט איז זײַן דאָרט, ווו דאָס פאָלק קעמפט פאַר זײַן פרײַהײַט", — האָט ער געשריבן אין איינעם פון זײַנע בריוו. און אין די גרויזאַמע יאָרן פון קריג האָט ער געדינט דעם היימ־לאַנד מיט זײַן שאַרפער פען. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער מיליטער־צײַטונג „נאַ ראַזגראָם וראַגאַ", אַ סאַך געשריבן, פאַרענדיקט דעם ראָמאַן „די באָסלעווער", פאָרגעזעצט די אַרבעט איבערן ראָ־מאַן וועגן דיכטער אָשער שוואַרצמאַן, אָפט אַרויס־געטראָטן אין דער פראָנטאָוויקער פּרעסע און אָף אָפענע אָוונטן און מיטינגען.

געשטאָרבן איז פײַוול סיטאָ אין סענטיאַבער 1945.

מיר דרוקן דאָ אייניקע פּאַראָדיעס פון פײַוול סיטאָ מיט צייכענונגען פונעם קינסטלער א. העפטער.

שטוב רעב מאָרדכע, א ייִד, וואָס יעדער איי־ ווער רעדט בא אים אין אלאכסן גלײַכצײַטיק די׳אמעטראל־קעגנזעצלעכע פראזעס:

די באָרד:

— רעב שמועל, עפּשער וועסטו מיר לײַען א דרײַערל אף שאבעס?..

די פּייעס:

— א רועך אין דײַן טאטן ארײַן, רעב שמועל... ביסט א קספּלאָטאטער...

די הענט:

— טאָמער קענסטו מיר פאָרט לײַען א דרײַערל... האַ?

דענסטמאָל האָט זיך פּערעלע אף שטענדיק אומגעקערט פון קוראַציע, ווו זי האָט געהיילט איר אויסגעצערטע לעבער, זיך פאַרשפּאַרט אינעם כיידער מיטן טערקישן שאָל און האָט ס׳לעצטע מאָל א קוק געטאָן אין אלאכסן:

— זי וועט שוין, פּערעלע, מער ניט קאָנען פאַרן היילן איר אויסגעצערטע לעבער...

אזוי איז אונטערגעגאנגען רעב שמועלס מיש־ פּאָכע און אזוי איז אונטערגעגאנגען די בור־ זשואזיע, און אף איר אָרט איז אף דער ארענע פון קלאסנקאמף ארויסגעטראָטן דער שטעטלדי־ קער קוסטאַריאַט...

דער סטעפּ פלאַקערט

נאָטע לוריע

אנשל בוהײַעץ, דער אײַנגעשפּארטער, ווי א ביק, אינדיווידואל, איז מיט א נאַטוראליסטישן הירזשען פון די קארע פאָר פערד צוגעפאָרן צו דער לאָשקאריווקער ריטשקע און דערזען דאָרטן שטיין ביז די קנעכלעד אין וואסער ליובּ־ קע מילנער, די שווארצהאָריקע קאָמסאָמאָלקע, וואָס דער פּארטקאָמיטעט האָט זי געשיקט אהער אָרגאניזירן א קאָלווירט.

— א פײַנע, פּאַראַדיסטע טעלעצע... א כוואַ־ ראַבע אין איר!.. — האָט אנשל בוהײַעץ א בור־ טשע געטאָן. — איך ווייס נאָך וואָס זי איז גע־ קומען... שלעפּן מיך אין קאָלכאָז ארײַן!.. באלד גיי איך, יאָ! א פאָהיבעל אף זיי!

פון יענער זײַט ברעג האָט זיך דער טשערעט געטוקט אין דער זאפּטיקער געשמאקער בלאָ־ טע, און עס האָבן הילכיק געהאַליאַקעט די זשאַ־ בעס. איבער דער ריטשקע האָט זיך צעגאָסן א גרויסע רויטע זון. דאָס האָט געפלאַקערט דער דאָרפראַט, וואָס די באַלעגופים און פיד־באַלע־ גופים האָבן אים אונטערגעצונדן.

— א פאָהיבעל אף איר!.. — האָט אנשל בור־ הײַעץ אויסגעקערעוועט זײַן באַוואַקסענע מאָר־ דע, ווי בא א פערד. — ווען איך האָב זי, די מויד, פאָר א ווײַבל, וואָלט זי בא מיר ווי אַן אַקס געהאָרעוועט, און האָדי...

באלד האָבן זיך אָבער אפן הימל אָנגעטראָגן שווערע כמארעס, און ס׳האָט אָנגעהויבן הלו־ שען און קלושען אף א רעגן... ליובּקע איז גע־ שטאַנען אין וואסער. פונעם רעגן האָט זיך בא איר דאָס קלייד צוגעקלעפּט צו איר רייצנדיק, צאַפּלדיק מיידלש לײַב, און אנשל האָט דער־ פילט, אז ער באַקומט באלד די כאָליערע. ער איז צוגעגאנגען צו איר און זי א כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס אזוי, אז זי האָט אזש א טרײַ־ שטשע געטאָן, ווי א רײַפער קאַוון, און ס׳האָבן זאראַז בא איר געפּלאַצט אלע געהילף־בענדלעך פון דעם קלייד.

— איך האָב דיך ליב, און האָדי! — האָט אנשל בוהײַעץ א טרייסל געטאָן מיט דער מאָרדע.

— אָבער אין קאָלכאָז ארײַן ווילסטו ארײַנ־ טרעטן? — האָט זי אים באלד א שטעל געטאָן א פראגע, און דאָס האָט אים א ברי געטאָן אין די פּיאַטעס, ווי אָפּגעשניטענער קאָרן.

דער רעגן האָט געהלושעט די ביימער, געלי־ שעט דאָס גראָז, געהלושעט די סאָנעשניקעס ווי פליגן, און זיי שיער ניט פּרילישעט...

שפּעטער איז אָבער אופגעקומען איבערן סטעפּ א זון. ווי אַן אָנגעפּולטער סאָנעשניק פון די קאָלווירטישע גערטנער.

— ווילסטו ניט ארײַנטרעטן איצט אין קאָל־ ווירט, וועסטו ארײַנטרעטן אינעם צווייטן טייל פונעם ראָמאַן און ברענען אפן פײַער, דו וויסטער אינדיווידואל... — האָט ליובקע א זאָג געטאָן, פלינק אראָפּגעשפּרונגען פונעם וואָגן און זיך געלאָזט אנטקעגן די הודזשענדיקע טראַקטאָרן...

— א פאָהיבעל אף איר!.. — האָט אנשל א בורטשע געטאָן. — אז כ׳וועל וועלן, וועל איך אין דעם צווייטן טייל אויך ניט ארײַנטרעטן — און האָדי!..

דער בוהײַ

פאַר קינדער

ל. קוויטקאָ

איז אַרויס דער בוהײַ
רע־וואַ־וואַ!
אַזאַ בוהײַ, אַזאַ בוהײַ,
אַ־וואַ־וואַ!
גאָלדענע פּיסקעס,
אויגן — ווי די ליסקעס!

פאַר זײַן שיינער גווירע
מיט אַ גראַמעטע פּרעמירט.
שוין איינמאָל אַ בוהײַ!
דער עמעסער כוואַט!
שוין איינמאָל אַ בוהײַ —
אַ שלאָגלער אַ יאַט!

און ציין האָט ער, ציין —
פון סאַמע העלפאַנדביין.
שוין איינמאָל אַ בוהײַ!
דער עכטער אַנטיק!
שוין איינמאָל אַ בוהײַ —
אַן עמעסער ביק!
האָט מען עס דעם בוהײַ
באַ אונדז אין קאָלווירט

האָבן זיך פאַרזאַמלט
די בעהיימעס אין פעלד,
און מע האָט עס באַגריסט
אונדזער בוהײַ דעם העלד.
שוין איינמאָל אַ בוהײַ!
דאָס עמעסע גליק!
שוין איינמאָל אַ בוהײַ —
אַ כאָכעם אַ ביק!

ערשטער מײַ

דאָוויד האָפשטיין

גוט־יאָמטעוו אײַך, אומאַניער קינדערלעך אַלע.
(שיר ניט אַ גראַם געטאָן „אַלע” מיט „טאַלעס”...)
נאָר מיילע!..
סע טרעפט, אַז אַמאָל, מ׳איז צעטראָגן,
כאַפּט מען אַן אַלטן צעבראָכענעם וואָגן
און וויאָ, מײַנע קליאַטשעס! און הײַדאַ, זיך טראָגן
מיט טאַראַטײַקע דעם פּאַיעזד דעריאָגן!
פליט ער דאָך אָבער, דער מאַזיק, ווי ווינטן,
און דו, נעבעך, בלײַבסט מיט דײַן בריטשקע פון הינטן...

נאָר מיילע!..
ווי פילט איר זיך, טײַערע קינדערלעך קליינע?
(שיר ניט געגראַמט דאָ מיט „מוישע־ראַביינו”...)
מע זאָגט, אַז דאָס פעלד איז אַ ביסל ניט קאָשע?
נישקאָשע!
ס׳וועט אופגיין דער קאָרן,
ס׳וועט אופגיין דער ווייץ, און
מיר וועלן מיסטאַמע געפינען אַן אייצע.
אַף דערוף איז, זאָל לעבן, פאַראַן דאָך אַ שטאָט.
(שיר ניט געזאָגט: „און זאָל לעבן אַ גאָט”.)
אָ, האַרציקע קינדערלעך קליינע!
וואָס ווייסט איר פון פינצטערע צײַטן אַזוינע?
עך...
געווען אַמאָל פּאַרע,
געווען אַמאָל האָמען,
און ייִדעלעך האָבן דאָך נעבעך געשמאַכט...
און איצט:
היימערד — ליבע ראַטנמאַכט!

צעריסן די קייטן,
פאַרוואָרפן די קרויץ,
דער קייסער ט׳באַקומען
זײַן עמעסן לוין.
זאָל לעבן דער מײַ!
מונטער און פרײַ!
צוין קאָדאָשים —
הוראַ!..

קעז

א ייִד איז געגאנגען דיך קויפן הונדערט גראם קעז, האָבן עס דערזען פיר פּאָעטען, און יעדער האָט אף זײַן אויפן אָנגעשריבן װעגן דעם א ליד, וואָס מיר ברענגען דאָ אונטן.

דאָוויד האָפשטיין

איינער האָט ליב זײַן „איך",
א צווייטער האָט ליב זײַן מיין,
כאָטש אָפט איז דער מיין ניט מיין
פון א שטיקעלע קעז באַקשטיין.

אָ, פרישער, הארטער קעז,
דײַן גערוך איז נאָך ווײַט פון בעז.
. . . .
. . . .
איך האָב הײַנט א גאָלדענע טעמע
וועגן פּאָשעטן קעז א פּאָעמע.

פּערעץ מארקיש

דזשאז און גוסליעס! זון און פּעסטיוואַלן!
האָסט שוין א פּאָר לאָדאָטשקעס און האָסט שוין אן אָטרעז!
איז זאָל זשע אונדזער מונטערקײַט יאָרהונדערטן זיך כוואַליען!
ס'איז זעט בא אונדז פאראנען שוין מיט מילעכיקס! מיט קעז!
היי, יעווראָפּא! עס איז באשערט דיר פאלן!
אוועק איז שוין ראסייושקע פון לאנג אין א פּאַרמעסט!
איז זאָל זשע אונדזער מונטערקײַט יאָרהונדערטן זיך כוואַליען!
ס'איז זעט בא אונדז פאראנען שוין מיט מילעכיקס! מיט קעז!

לייב קוויטקאָ

פאַראַן בא אונדז א קעצעלע
א קליינינקס, אזא־אָ.
די מאמע זאָגט — סע מעלקט זיך ניט,
בא מיר — סע מעלקט זיך יאָ.
איך זאָג דער מאמען: — מאמעניו,
ס'וועט קומען נאָך דער נעס
און געבן וועט דאָס קעצעלע
אפילע גוטן קעז.

איציק פעפער

שפּילט א פריילעכס, טעכטער, באָנים,
ס'איז די אלטע וועלט א מעס,
אף צעפיקעניש די סאָנים
מיר פארמאָגן גוטן קעז.
גוטן קעז, און גוטע שרײַבער,
פרישן פלייש, און שטארקן ווײַן.
שפּילט א פריילעכס, מיידלעך, ווײַבער.
מיטן קעז — אין ראָד ארײַן!

שלוימע גערשאָווס אויסשטעלונג

צום 70־יאָריקן געבורטסטאָג פונעם קינסטלער

אין קונסט־מוזיי פון טביליסי איז אין די לעצטע כאדאָשים פונעם פאָריקן יאָר געווען א יאָמטעוו. פילפארביקע אפישן און קינסטלערישע פלאקאטן האָבן געגעבן צו וויסן, אז אין דער גרוזינישער הויפטשטאָט האָט זיך געעפנט א גרויסע פערסאָנעלע אויסשטעלונג פונעם לענינגראדער ייִדישן מאָלער שלוימע גערשאָוו. אין דרײַ ראכוועסדיקע זאלן פונעם צענטראלן קונסט־מוזיי זײַנען ארויסגעשטעלט געוואָרן ארום צוויי הונדערט קינסטלערישע בילדער.

די טביליסער אויסשטעלונג איז א פארברייטערטער וואריאנט פון דער לענינגראדער אין 1973. נאָר דאָס מאָל איז פולער און אלזײַטיקער אָפגעשפיגלט דער פארשיידנארטיקער כאראקטער פון ש. גערשאָווס קינסטלערישער שאפונג. דאָ זעט מען בילדער אָף טעמעס פון הײַנטצײַטיקײַט און פון אלטערטום, אָף מאָטיוון ייִדישע, רוסישע און גרוזינישע; די טביליסער אויסשטעלונג איז א פארגאנצטער סאכאקל פון די לעצטע צוואנציק יאָר אין דער שאפונג פונעם קינסטלער.

דער קינסטלער האָט עטלעכע מאָל באזוכט די זוניקע קאווקאז־רעפובליק, און ער איז געווען אנציקט פון איר שיינקײַט, פון איר נאטור־רײַכקײַט, פון די קאָלאָריטע פארבן, מיט וועלכע יעדער טראָט איז דאָ באשײַנט. ער האָט געשאפן א סעריע בילדער וועגן דעם שטייגער פון גרוזיע, אירע מענטשן, איר געשיכטע — די קינסטלערישע לײַוונטן „דער גרינדער פון טביליסי", „א גרוזינישע כאסענע", „אפן קאָלווירטישן מארק", די בילדער „א פרוי מיט ציגן", „זומער" און אנדערע. אין די אלע ווערק איז טיף געשילדערט די נאציאָנאלע גרוזינישע אייגנארטיקײַט.

די ייִדישע טעמאטיק האָט פארנומען דעם אויבנאָן אָף דער אויסשטעלונג. באזונדער רײַך איז די סעריע אילוסטראציעס צו שאָלעם־אלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער". אין אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע גיבן מיר א ריי מוסטערן פון דער דאָזיקער סעריע. אין די בילדער „טעוויע און כאווע", „טעוויע געזעגנט זיך מיט זײַן פערד" און „טעוויע אין זײַן הויף" איז בוילעט אויסגעדריקט די אינערלעכע וועלט פונעם געשטאלט.

אין אן ענלעכן פלאן איז געשאפן די אילוסטראציע צו פערעצעס „דער טויט פון דער קאלע".

א בעקאָוועדיק אָרט האָבן אָף דער אויסשטעלונג פארנומען די וויטעבסקער פייזאזשן און שטייגער־בילדער, די מארק שאגאל־פּאָרטרעטן. אין דעם פאל איז דער קינסטלער טרײַ זײַנע אלטע טראדיציעס — שילדערן רעאל די פארגאנגענהײַט, דעם כאראקטער פון די אמאָליקע פערסאָנאזשן.

אָף דער אויסשטעלונג האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאמקײַט פארשיידענע קינסטלערישע לײַוונטן אָף ייִדישע טעמעס: „א פריילעכער טאנץ", „די ייִדישע כאסענע", „קאפּאָרעס" אא. עס האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער ספּעציפישקײַט אזעלכע בילדער, ווי „קויהאנים דוכענען", „שאבעס", „א קאדעש נאָך זיך". אינטערעסאנט לויט זייער דינאמישער קאָמפּאָזיציע זײַנען די בילדער אָף די מאָטיוון פון אי. באבעלס דערציילונגען.

אין דער ייִדישער טעמאטיק איז קאָנטיק ש. גערשאָווס מאניר צו שילדערן סוזשעטיש דאָס פארגאנגענע, דעם אלטן שטייגער. דאָ איז ער א טרײַער שילער פון מארק שאגאלן, בא וועלכן ער האָט זיך אין די יונגע יאָרן געלערנט, לעבנדיק אין וויטעבסק. ניט אומזיסט פארנעמען שאגאלס פּאָרטרעטן א באדײַטנדיק אָרט אין דער שאפונג פונעם סאָוועטישן קינסטלער. אָף דער אויסשטעלונג איז געווען פאָרגעשטעלט א גאנצע סעריע „מארק שאגאל אין וויטעבסק". ש. גערשאָוו האָט זײַן לערער א סאך צו פארדאנקען. די שפּאצירן איבער וויטעבסקער גאסן און געסלעך צוזאמען מיט שאגאלן האָבן זיך אײַנגעקריצט אין זײַן זיקאָרן. דעריבער זײַנען אים אזוי נאָענט און באקאנט אלע דעטאלן, וואָס זײַנען מיט וויטעבסק פארבונדן. ש. גערשאָוו געדענקט גוט, ווי גייענדיק אמאָל איבערן וויטעבסקער מארק, האָט שאגאל געזאָגט:

— וואָס זוכט איר שיינע אָביעקטן, אינטערעסאנטע מאָטיוון, איר נעמט בעסער ניט קיין שיינע אָביעקטן און מאכט זיי שיין...

א באדײַטנדיק אָרט האָט אָף דער אויסשטעלונג פארנומען די סעריע פּאָרטרעטן און קאָמפּאָזיציעס, וואָס זײַנען פארבונדן מיט די גרויסע קונסט־שעפער, אזעלכע, ווי רעמבראנדט, מיקעלאנדזשעלאָ. ש. גערשאָוו האָט זיך אײַנגעגעבן צו שאפן אינהאלטפולע, פילריידנדיקע פּאָרטרעטן פון בעטהאָווענען, שאָפּענען, מאָצארטן. באזונדער איז אויסדריקלעך דער פּאָרטרעט פון דמיטרי שאָסטאקאָוויטשן, מיט וועלכן דער קינסטלער איז געווען באפרײַנדעט. עס האָט זיך אים אײַנגעגעבן אויך דער פּאָרטרעט פונעם באוווּסטן סאָוועטישן ארטיסט אי. סמאָקטונאָווסקי.

די קינסטלערישע שפּראך פון ש. גערשאָוון איז טיף אייגנארטיק. עס פילט זיך אין זײַן שאפונג א ברייטער דיִאפּאזאָן. אים אינטערעסירט אלץ. זײַן שארף אויג באמערקט יעדע דעטאל פונעם לעבן, און ער איז שטענדיק גרייט אלץ צו פארצייכענען אין אלבאָם. דעריבער איז אזוי פארשיידנארטיק זײַן טעמאטיק. אָף דער אויסשטעלונג האָט מען געקאָנט זען ביבלישע מאָטיוון: „לאָט און זײַנע טעכטער", „שלוימע האמעלעך און שולאמיס", „אָדאָם און כאווע", בילדער פון ווארשעווער געטאָ, א שוידערלעך בילד פון אָשווענטשים „דער וועג צום אויוון", שטאָטפּייזאזשן פון ווארשע, איטאליע, בילדער פון דער אָפּערע־סעריע און פונעם טעאטער־לעבן („דער אונגארישער טעאטער אין ראטנפארבאנד", „דער דײַטשישער צירק אין רוסלאנד").

די דאָזיקע פילפלאניקײַט פונעם קינסטלערס שאפונג רעדט וועגן זײַן טעמפּעראמענטפולן טאלאנט און וועגן גרויסע מעגלעכקײַטן.

מיט דער שאפונג פונעם לענינגראדער ייִדישן קינסטלער האָבן זיך שוין באקאנט מאָסקווע, לענינגראד און טביליסי. אין 1965 זײַנען גערשאָווס בילדער געווען עקספּאָנירט אין לאָנדאָן, אין 1972 — אין ניו־יאָרק.

די יובילײ־אויסשטעלונג אין טביליסי האָט געמאכט א שטארקן רושעם אָף די ליבהאָבער פון עכטער קונסט.

וועגן דער אויסשטעלונג איז אין קינאָ־כראָניק, דורך טעלעוויזיע און ראדיאָ געגעבן געוואָרן א ספּעציעלע אינפאָרמאציע פונעם טביליסער קונסט־מוזיי.

זאלמען קאהאן

דער טאָקער פון ביראָבידזשאַנער טערמאָעלעקטראָצענטראַל, א וועטעראַן פון דער אונטערנעמונג נאום דעכטיאַר



אוואַנגאַרדיסטן פון דער בוימאָנטאַזש־פּאַרוואַלטונג נום. 1 פונעם טרעסט „ביראָבידזשאַנצעלינסטראָי" וואַלערי גאָכבערג (בריגאַדיר) און די מוליערס וואַלערי עסקין און יורי פּעטראָוו

א גרופּע ראַציִאָנאַליזאַטאָרס און דערפינדער פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט (פון רעכטס אויף לינקס): דער אינזשעניער פונעם אַמורער סאָווירט נ. יורטשענקאָ, מעכאַניקער א. גרינבערג, אינזשעניער אי. פּאָלעס, די אַרבעטערן פון דער ביראָבידזשאַנער נײַ־פאַבריק מ. פּראָראַב, דער טעכניקער פון דער בוי־פּאַרוואַלטונג נום. 256 מ. שויב, דער שלאָסער פונעם טעפּלאָאָזיאָרסקער צעמענט־זאַוואָד מ. שאַכמײַקאָ

די קאַרל מאַרקס־גאַס אין ביראָבידזשאַן

א גרופּע סטודענטן פון ביראָבידזשאַנער מעכאַנישן טעכניקום

א באַגעגעניש פונעם וועטעראַן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע א. גינזבורג מיט פּיאָנערן

פאַרשיידנס

א נייַ וואָרט וועגן פּושקינען

„אין דער געמיינזאמקייַט פון קלאנגען, געפילן און מאכ־שאָוועס"— אזוי הייסט דער בוך, וואָס עס האָט אָנגעשריבן דער באוווסטער סאָוועטישער רעציטאטאָר יאקאָוו סמאָ־לענסקי.

דער ארטיסט לייענט פאָר „יעווגעני אָניעגין" א סאך יאָרן און אנטפלעקט אינעם ראָמאן אלץ נייַע און נייַע פלאסטן, באווייַזנדיק, אז דאָס איז אי א ראָמאנטישע פּאָעמע, אי א העראָישע עפּאָפּיי, אי א פסיכאָלאָגישע דראמע, אי א סאטירישע קאָמעדיע.

אינעם בוך, וואָס סמאָלענסקי האָט אָנגעשריבן, סטארטעט ער זיך טאקע דערציילן וועגן אָט דעם אלעמען, און ער דערציילט אינטערעסאנט, ווי א קינסטלער, ווי א ליטערא־טור־פאָרשער, ווי א מייַסטערישער אויספילער. דאָס איז א בוך פון אן ערנסטן געלערנטן. דאָרט איז געגעבן א דעטא־לער אנאליז פון דער פּושקינישער פּאָעמע פונעם שטאנד־פּונקט פונעם פערזן־געבוי, פון דער מעגלעכקייַט צו לייענען די אָדער אנדערע פערזן וואָס מער קלינגעוודיק, באדאכט, צוגענגלעך. סמאָלענסקיס בוך לייענט זיך מיט גרויס אינ־טערעס.

(„ליטעראטורנאיא ראָסיִא")

אן אוניקאלער יובילײ

אין דער ענגלישער הויפּטשטאָט האָט מען אָפּגעמערקט א ניט געוויינלעכן יובי־ליי — אין מעשעך פון פינף און צוואנציק יאָר אָן אן איבעררייַס באווייַזט מען אלע טאָג אף דער לאָנדאָנער סצענע אגאטא קריסטיס ספּעקטאקל „די מייַזן־פּאסטקע". דאָס איז אן אוניקאלער פאל אין דער טעאטראלער פּראקטיק פון דער וועלט. פאר דער דאָזיקער צייַט זייַנען פאָרגעקו־מען קימאט 10.340 פאָרשטעלונגען. פון נאָיאבער 1952 זייַנען אף דער פאָרשטע־לונג בייַגעווען העכער 4 מיליאָן צושויער. אף וויפל די אָנטיילנעמער פונעם ספּעק־טאקל בייַטן זיך פּראקטיש אלע יאָר, האָבן אין דער פאָרשטעלונג אָנטיילגענומען 134 אקטיאָרן.

48 שאָ מיט דאָן־קיכאָטן

צווישן די פילצאָליקע אויסגאבעס פון „דאָן־קיכאָטן" אין שפּאניע האָט זיך באַ־וויזן נאָך איינע — די סאמע אָריגינעלע. פיר בענדער, וואָס אונטערשיידן זיך אויסערלעך מיט גאָרנישט ניט פון געוויינ־לעכע ביכלעך, אנטהאלטן צו 48 מאגני־טאָפאָן־קאסעטעס יעדערער. 48 שאָ קלינגט די שטים פון איינעם פון די בע־סטע אקטיאָרן פון דער שפּאנישער טעלע־וויזיע טעליאָ סוראָ, וועלכער לייענט דעם פולן טעקסט פון סערוואנטעסעס ווערק.

די פּאָעטעסע און קאָמיסאר

ניט לאנג צוריק האָט דער מעלוכישער ליטעראַרישער מוזיי באקומען פון א פּריוואטער קאָלעקציע דעם פּאָרטרעט פון דער פּאָעטעסע און קאָמיסאר לאַריסא רייסנער, וועלכן ס'האָט געמאָלט דער פאָר־דינסטפולער קינסטלער פון דער גרוזינישער רעפּובליק וואסילי שוכייַעוו.

דער פּאָרטרעט איז געשאפן געוואָרן אין 1915, ווען די צוואנציקיאָריקע לאַריסא רייסנער האָט ערשט אָנגעהויבן איר ליטעראריש־קריטישע טעטיקייַט. אינאיינעם מיטן פאָטער — א באריִמטן פּראָפעסאָר יוריסט — גרינדעט זי דעם זשורנאל „רודין" און לאדט אייַן אין אים זיך דרוקן אירע פילצאָליקע פרייַנט לויטן פּעטראָגראדער אוניווערסיטעט, ווו זי האָט שטודירט אפן היסטאָרישן פאקולטעט. אינעם זשורנאל האָבן זיך געדרוקט סאטירישע ווערק, שארפע סאָציִאלע פּאמפלעטן. גופע די באלעבאָסטע פון דער אויסגאבע האָט דאָ געדרוקט אירע ערשטע לידער.

צו יענער צייַט באשטעלט לאַריסעס פאָטער איר פּאָרטרעט בא דעם מאָלער וואסילי שוכייַעוו. דער קינסטלער האָט פאָרגעשטעלט לאַריסא רייסנער ווי א שטאָלצע שיינע דאמע פון דער רענעסאנס־עפּאָכע. מיטן דורכדרינגלעכן בליק פון די שיינע שווארצע אויגן. אין די הענט האלט זי א בוך, און אפן ווייַסן פאָן טיילן זיך בוילעט אויס אירע דינע פינגער.

שפּעטער, דערמאָנענדיק יענע צייַט, האָט שוכייַעוו געשריבן: „לאַריסא מיכייַלאָוונא איז דאן געוועזן זייער יונג, און אלע אירע ארויסזאָגונגען זייַנען געווען זייער יונגע, נאטירלעכע און א ביסל עקזאלטיר־טע... דערנאָך זייַנען געקומען די רעוואָליוציאָנערע טעג, און איך האָב שוין געטראָפן לאַריסא מיכייַלאָוו־נען אלס זייער א טעטיקע רעוואָליוציאָנערקע..." לאַריסא רייסנער איז געווען א קאָמיסאר פון דער וואָל־גער פלאָטיליע, א זשורנאליסט בא דער ערשטער סאָוועטישער געזעלשאפט אין אפגאניסטאן, דערנאָך א פאָרשטייער פון קאָמינטערן אין דייַטשלאנד.

איר האָט געווידמעט פּאָעטישע דערינערונגען דער דיכטער ווסעוואָלאָד ראָזשדעסטווענסקי. זי איז דער פּראָטאָטיפּ פון ווס. ווישנעווסקיס פּיעסע „אָפּטימיסטישע טראגעדיע".

(„ליטעראטורנאיא ראָסיִאָ")

ביזנעס אף דער ביבל

אין די וויטרינעס פון די פּאַריזשער מאגאזינען האָט זיך באוויזן א בונטע הילע פון א נײַעם צווייענדיקן דיסק אונטערן נאָמען „ביבל“. די דאָזיקע סופער־פּראָדוקציע האָט אין זיך אײַנגעשלאָסן די גאנצע ביבל אין 30 לידער אינעם סטיל פון דזשאז־ראָק. דער אראנזשיר־קאָמפּאָזיטאָר האָט צוגעצויגן צו דער פארנאָטירונג עסטראדע־ארטיסטן. די סיבעס, וואָס האָבן געבראכט צום אנטשטיין פון אזא אומגעלומפּערטן ווערק, זײַנען זייער פּראָסט: די צונויפּפּאָרונג פון די ביבלישע סוזשעטן מיט אולטרא־הײַנטצײַטיקע עקזאָטישע מעלאָדיעס זאָגט צו זײַנע שעפער קאָלאָסאלע רעוואָכים.

גאָרקיס א זעלטענער פּאָרטרעט

אין די פאָנדן פון דער פּערמער מעלוכע־ביבליאָטעק האָט מען געפונען גאָרקיס א זעלטענעם פּאָרטרעט, וואָס איז אָנגעמאָלט ניט מיטן פּענדזל פון א קינסטלער, נאָר איז אויסגעוועבט... פון די ווערטער און פראזעס פון א ליטעראַרישן ווערק. דער אוטאָר פונעם „ווערטערלעכן פּאָרטרעט“ איז, זעט אויס, דער בארימטער קינסטלער ס. כאזין. זײַנערצײַט האָט ער אָנגעשריבן לעוו טאָלסטאָיס פּאָרטרעט, אויסלייגנדיק אף א לײַוונט 13 קאפּיטלען פון דער „קרייצער־סאָנאטע“.

א ביבליאָטעק פון זעלטנהײַטן

צווישן די מערקווירדיקע קולטור־דענקמעלער, וואָס דאָס פאָלק היט זאָרגזאם אָפּ, זײַנען פאראן זעלטענע אלטערטימלעכע און אוניקאלע ביכער. יעדער בוך איז ווי א הייליקע רעליקווי׳ע, ווי, צום בײַשפּיל, אן עקזעמפּליאר פון א. ראדישטשעווס בוך „די רײַזע פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע“ אָדער דער איינציקער גאנץ געבליבענער עקזעמפּליאר פונעם דעקאבריסטישן אלמאנאך „שטערנדל“, וועלכן ס׳האָבן ארויסגעגעבן א. א. בעסטוזשעוו און ק. פ. רילייעוו. צי דארף מען דאָ דערציילן, וואָס פאר א נעשאָמע־פלאטער כאפּט ארום יעדן, ווען ס׳איז אויסגעפאלן דאָס גליק מיט די אייגענע אויגן זען אָט די ביכער. אינגיכן וועט די צאָל פון אזעלכע גליקלעכע מענטשן באדײַטנדיק אויסוואקסן.

אינעם פארלאג „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“ איז צונויפגעשטעלט א ספּעצי׳עלע פּראָגראם, וועלכע זעט פאָרויס אין די נאָענטע יאָרן ארויסלאָזן אזעלכע שעדעוורען, ווי די דערמאָנטע ראדישטשעווס „רײַזע...“, „דעם גראף ל. נ. טאָלסטאָיס מילכאָמע־דערציילונגען“ (ספּב., 1856) מיטן אויטאָגראף פונעם גרויסן שרײַבער, דעם אלמאנאך „צאָפן־בלומען“ פון 1826 יאָר, וו. מאיאקאָווסקיס א זעלטענע זאמלונג „פאר א שטים“, ד. פאָנוויזינס „דער מינדעריעריקער“ (ערשטע אויסגאבע, 1783), ק. רילייעווס „מאכשאָוועס“ (1825) און אויך ס. יעסענינס, א. פּושקינס, וו. מאיאקאָווסקיס נאָטיץ־ביכלעך.

אינעם פארלאג „בוך“ איז געשאפן געוואָרן א ספּעצי׳עלע רעדאקציע פון פאקסימילע־ און מיני׳אטיור־אויסגאבעס. באנאנד מיט דער סעריע „דענקמעלער פון דער פּאָטערלענדישער ביכער־פארלעגערײַ“ ווערט פאָרויסגעזען ארויסצולאָזן קאָפּיעס פון „ביבלי׳אָפילישע זעלטנהײַטן“.

(„איזוועסטי׳א“)

דער קאָנסולטאנט פון גאָרקיס ארכיוו

אפן ערשטן באנד פון זײַן זאמלונג פון די ווערק, וועלכע איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין בערלין אין 1923, האָט מ. גאָרקי איבערגעלאָזט א מאטאָנע־אופשריפט: „מײַן טײַערער, אלטער פרײַנט איוואן פּאוולאָוויטש! מיט צענדליקער מענטשן — און זייער אָנגעזעענע — האָב איך געהאט פרײַנטלעכע באציונגען, נאָר קיינער פון זיי האָט בא מיר ניט ארויסגערופן אזא שטארק און איידל געפיל פון ליבע, אכטונג און באוואונדערונג מיט זײַן נעשאָמע־ריינקײַט, ווי איר האָט ארויסגערופן. איך רעד שוין ניט וועגן דער דאנקבארקײַט פאר דעם אלעמען, וואָס איר האָט געטאָן פאר מיר פאר דער צײַט פון אונדזער פילי׳אָריקער פרײַנטשאפט...“

אָט די מאטאָנע־אופשריפט איז אדרעסירט אי. פּ. לאדיזשניקאָוון, דעם געטרײַען מיטהעלפער פונעם גרויסן שרײַבער אין די געזעלשאפטלעכע און ליטעראריש־פארלעגערישע איני׳אָנים.

נאָך אין 1901 איז לאדיזשניקאָוו אינײנעם מיט פּ. זאלאָמאָוון ארײַן אינעם באשטאנד פונעם ניזשעגאָראָדער קאָמיטעט פון רסדאפּ, וועלכער איז געווען ענג פארבונדן מיט וו. אי. לעֶנינען. און דאן איז פארגעקומען זײַן באקאנטשאפט מיט גאָרקין. ווען לאדיזשניקאָוו איז באפרײַט געוואָרן אף אָרוועס נאָכן ארעסט, האָט ער זיך באזעצט אין גאָרקיס קווארטיר אין פּעטערבורג און האָט זיך ווידער אײַנגעשלאָסן אין אקטיווער רעוואָליוצי׳אָנערער טעטיקײַט.

אין 1905 האָט לאדיזשניקאָוו לויטן אופטראָג פון צק רסדאפּ אָרגאניזירט אין זשענעווע און דערנאָך אין בערלין א פארלאג, וואָס האָט ארויסגעגעבן מארקסיסטישע ליטעראטור און ווערק פון די פּראָגרעסיווע רוסישע שרײַבער, אין דער ערשטער ריי פון מ. גאָרקין. א טייל רעווען פלעגט איבערגיין אין דער פּארטיי־קאסע פון די באָלשעוויקעס.

שפּעטער האָט אי. פּ. לאדיזשניקאָוו געארבעט געמיינזאם מיט מ. גאָרקין אינעם פארלאג „פּארוס“ און אינעם זשורנאל „ליעטאָפּיס“. פון 1936 ביזן 1945 איז ער דער וויסנשאפטלעכער קאָנסולטאנט פון א. מ. גאָרקיס ארכיוו, גיט ארויס די „באשרײַבונג פון א. מ. גאָרקיס מאנוסקריפּטן“ און „די געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראטור“. שוין נאָך לאדיזשניקאָווס טויט זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן גאָרקיס בריוו צו אים — פונעם 1905 ביזן 1930 יאָר — הונדערט נײַנציק קאָרעספּאָנדענצן!

לאדיזשניקאָווס מישפּאָכע האָט איבערגעגעבן אין רעשוס פונעם גאָרקי־ארכיוו ווערטפולע מאטעריאלן, וואָס באלײַכטן די טעטיקײַט פונעם גרויסן פּראָלעטארישן שרײַבער — מאטעריאלן, וואָס זײַנען פארבונדן מיט סאָרמאָווע, נאָטיצן וועגן ל. ב. קראסין, גאָרקיס בריוו־אויסטויש מיטן באוווּסטן רוסישן פארלעגער אי. ד. סיטין.

(„וועטשערניאיא מאָסקווא“)

כראָניק

ייִדישע שרײַבער אין דער איבערזעצונג אַף אַנדערע שפּראַכן

אין מאָסקווער זשורנאַל „נאָווי מיר" איז פאַרעפנטלעכט אַרן ווערגעליסעס פּאָעמע „דאָס גאָלדענע פינגערל" אין דער איבערזעצונג פון די רוסישע דיכטער א. קאָראַליאָוו, יו. מאָריץ, ל. טיאָמין, נ. זלאָטניקאָוו. לעצטנס זײַנען ווערגעליסעס לידער־ציקלען געווען אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל „יונאָסט" און אין צווײ אויסגאַבעס פון דער „סאָוועטישער ליטעראַטור אַף אויסלענדישע שפּראַכן" (אין דער איבערזעצונג אַף ענגליש און פראַנצויזיש).

* * *

אין ווײַסרוסישן פאַרלאַג „מאַסטאַצקאַיאַ ליטעראַטורא" איז דערשינען אַן אַנטאָלאָגיע „דאָס געזאַנג וועגן ביכער", אין וועלכער ס'זײַנען אײַנגעשלאָסן פּאָעטישע שאַפונגען פון 300 דיכטער פון דער וועלט אַף דער טעמע „דער בוך — א פרײַנט פון דעם מענטשן". אין דער אייגנאַרטיקער לידער־זאַמלונג איז אײַנגעשלאָסן די ליד „מײַן טיפּאָגראַפיע" פונעם סאָוועטישן ייִדישן דיכטער מאָטל גרוביאַן.

נײַע מיטגלידער פון שרײַבער־פאַרבאַנד

די צײַטונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ" האָט פאַרעפנטלעכט א רעשימע מיט ביִאָגראַפישע ידיִעס פון צען שרײַבער, וועלכע זײַנען אַף אַן אָרדנטלעכער זיצונג פון פּרעזידיום פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגלידער פון דער אַלפאַרבאַנדישער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע, צווישן זײ דער ייִדישער שרײַבער פון לוואָוו אַלעקסאַנדער ליזען. א. ליזען איז דער אַוטאָר פון א רײ פּראָזע־ווערק, וואָס זײַנען זײַנערצײַט געווען געדרוקט אין אוקראַיִנישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

* * *

אַלס מיטגליד פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פּססר איז אָנגענומען געוואָרן, לויט א באַשלוס פון דער מאָסקווער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע, דער ייִדישער דיכטער דאָוויד בראָמבערג, וועמענס לידער־זאַמלונג אונטערן נאָמען „עלטער אַף א יאָר" איז דערשינען פאַריקס יאָר אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל".

נײַעס פון אויסלאַנד

א קינדער־הויז אַפן נאָמען פון יאַנוש קאָרטשאַק

אין דער שטאָט ריפּין (וולאָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט) איז אויסגעבויט געוואָרן א הויז פאַר קינדער — יעסוימים, וואָס איז אָנגערופן אַפן נאָמען פון יאַנוש קאָרטשאַק. אין דער פּײַערלעכער עפענונג פון דעם קינדער־הויז האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון דער פּוילישער פאַרייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי און א דעלעגאַציע פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די ייִדן אין פּוילן.

עס איז באַוויזן געוואָרן די פּיעסע „קאָרטשאַק מיט זײַנע קינדער", אויפגעפירט דורך דעם דראַמקרײַז פון וולאָצלאַווער לערער־פאַריין.

דאָס נײַע הויז, אין וועלכן עס וועלן זיך דערציִען הונדערטער יעסוימים, איז אויסגעשטאַט מיט פאַרשיידענע וואַרשטאַטן.

די געשיכטע פון ייִדן אין האָלאַנד

אין אַמסטערדאַם איז דערשינען די ענגלישע איבערזעצונג פון מאָזעס ה. גאַנס ווערק „די געשיכטע פון ייִדן אין האָלאַנד". אַף האָלענדיש איז דער בוך דערשינען אין 1971.

די איבערזעצונג, וועלכע אַנטהאַלט א גרויסע צאָל אילוסטראַציעס, האָט געמאַכט דער שרײַבער און היסטאָריקער אַרנאָלד פּאָמעראַנץ.

מיט 500 יאָר צוריק

אין לאָנדאָן איז אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג, געווידמעט דעם 500־טן יאָרטאָג זינט עס האָבן זיך באַוויזן געדרוקטע שריפטן אין גרויסבריטאַניע. צו די ערשטע עקספּאָנאַטן געהערט „א קסובע", געדרוקט מיט טראַדיציאָנעלע אַראַמעאישע און מיט העברעיִשע און לאַטײַנישע אויסיעס.

ייִדישע לעגענדעס

אין ציוריך איז דערשינען אין דער דײַטשישער שפּראַך א זאַמלונג „ייִדישע לעגענדעס", וועלכע איז אויסגערעכנט פאַר יונגע לייענער. דער פאַרלאַג האָט אָפּגעקליבן 20 מײַסעס פונעם רײַכן פאָלקלאָר־אוצער און זיי פאַרעפנטלעכט מיט אילוסטראַציעס, דערקלערונגען און באַמערקונגען.

דער ייִדישער יישעוו אין פּאַנאַמאַ

די ייִדישע געמיינדע אין פּאַנאַמאַ האָט אָפּגעמערקט 100 יאָר פון איר עקזיסטענץ. צו דער געלעגנהײַט האָט די צײַטונג „דער פּאַנאַמאַ־שטערן" אַרויסגעגעבן א ספּעציִעלן אילוסטרירטן נומער.

קולטור פון די ייִדן אין מיטלאַלטער

די פאַרוואַלטונג פונעם עסטרײַכישן ייִדישן מוזיי אין אײַזנשטאַט האָט אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג, געווידמעט דער קולטור פון די ייִדן אין מיטלאַלטער. די אויסשטעלונג ווערן עקספּאָנירט אין פאַרשיידענע ערטער פון עסטרײַך.

אַן אינטערעסאַנטע קאָלעקציִע

העכער 2000 ביכער פון מוזיק, קסאָוויאַדן און פּאַרטיטורן, וועלכע עס האָט אויפגעזאַמלט דער פּראָפעסאָר מאַקס וואָלבערג, האָט אײַנגעשאַפן די ביבליִאָטעק באַם ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין אַמעריקע. די דאָזיקע קאָלעקציִע אַנטהאַלט אויך אוניקאַלע סידורים און מאַכזויירים מיט נאָטן, דערשינענע אין פאַרשיידענע צײַטן און אין פאַרשיידענע לענדער.

א גאַס אַפן נאָמען פון אַנאַ פראַנק

דער שטאָט־ראַט פון וורַאדען — א ראַיאָן לעבן דער שוועדישער הויפּטשטאָט שטאָקהאָלם — האָט אָנגערופן איינע פון די גאַסן מיטן נאָמען פון אַנאַ פראַנק.

אין באַשלוס איז געזאָגט, אַז דערמיט ווערט פאַרייביקט דער אָנדענק פון דעם ייִדישן מיידל פון אַמסטערדאַם, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציסטן בעשאַס דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

ייִדישער הומאָר אין דער שווייצאַרישער טעלעוויזיע

דער באַקאַנטער ליטעראַטור־קריטיקער דאָוויד קויהען איז אַרויסגעטראָטן אין דער שווייצאַרישער טעלעוויזיע מיט א רײ לעקציִעס וועגן ייִדישן הומאָר. ער האָט דערציילט וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליערס וויצן און געמאַכט א ברייטערן אַנאַליז פון שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר.

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור

כאצקעלעס, העלענע
(1974—1882)

— פעדאגאָג, געזעלשאפטלעכער טוער, פובליציסט. געבוירן אין קאָוונע (ליטע), געענדיקט א גימנאזיע, שטודירט געשיכטע אַף די בעסטוזשעווער קורסן אין פעטערבורג; גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג אין ווילנע, אָדעס און לעניגראד. געווען ארעסטירט פון דער צארישער מאכט. נאָך דער רעוואָליוציע פון 1905 זיך פארנומען מיט פעדאגאָגישער טעטיקייַט, באזונדערס אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, געלייענט לעקציעס אַף די פעדאגאָגישע קורסן פון דער לערערשאפט אין ווילנע, אַף די אָוונטקורסן פון דערוואקסענע, פאר קינדער און אין עפנטלעכע קולטור־אונטערנעמונגען. אין די יאָרן 1918—1920 געלעבט אין מאָסקווע, שטודירט די מעטאָדן פון דער ארבעטשול, דערנאָך זיך באזעצט אין קאָוונע, אָנטיילגענומען אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג אין ליטע און געשפילט אן אָנפירנדיקע ראָל אין דער פּראָגרעסיווער קולטור־באוועגונג, געווען ארעסטירט און נאָך דער באפרייַונג פאָרגעזעצט איר געזעלשאפטלעכע טעטיקייַט. כאצקעלעס איז געווען אין א רייי לענדער פון מייַרעוור־אייראָפּע, אין רומעניע, אין פּאַלעסטינע. בייַס דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע איז זי געווען אין עוואקואציע, דערנאָך זיך אומגעקערט קיין ליטע און פאָרגעזעצט איר געזעלשאפטלעכע און פעדאגאָגישע טעטיקייַט. אין צוזאמענהאנג מיטן 50־טן יוביל פון איר פעדאגאָגישער טעטיקייַט איז זי באלוינט געוואָרן מיט א לענין־אָרדען און מיטן טיטל „פארדינסטפולער לערער“.

ווערק: „די נאטור ארום אונדז“, לערנבוך פאר פאָלקסשולן, בערלין, 1922; „די ערד און די וועלט“ (געאָגראפישער לייענבוך פאר שולן), 1־טער טייל, בערלין, 1924; „שמועסן פאר די ערשטע צוויי לערניאָרן פאָלקסשול“, קאָוונע, 1924; „גרויסע דערגרייכונגען און דערפינדונגען“ (פּאָפּולערע שמועסן וועגן פיזיק), ערשטער טייל, מאָסקווע, 1927; „פינלאנד“, ווילנע, 1931; „פון אָסלאָ ביז בערגען“ (א רייַזע איבער נאָרוועגיע), ווילנע, 1931.

ביבליִאָגראפיע: ז. רייזען, „לעקסיקאָן“, ב. 2; מ. אנילאָוויטש און מ. יאָפע, „שריפטן פאר פסיכאָלאָגיע און פעדאגאָגיק“, ווילנע, 1933; צייַטונג „אייניקייַט“, מאָסקווע, 22 מארט און 20 סענטיאבער 1945, 2 נאָיאבער 1948; ה. בלאָשטיין, צייַטונג „פאָלקסשטימע“, ווארשע, 1 דעקאבער, 1959; דער זעלבער, „איך וויל אייַך דערציילן“, זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, נומ. 7, 1974.

כאַראָל, דווירע (1898)

— דיכטער, געבוירן אין אָכרימעווע, קיִעווער גובערניע, אוקראַיִנע, אין דער שטוב פון איר זיידן, דעם וואלד־סוחר רעפאָעל בערגעלסאָן, א פלעמעניצע פונעם שרייַבער דאָוויד בערגעלסאָן. געענדיקט א גימנאזיע אין קיִעוו, אָנגעקומען אַף דער נאטור־וויסנשאפטלעכער אָפּטיילונג אין אוניווערסיטעט. אין יאָר 1919 געלערנט אין א פעדאגאָגישן אינסטיטוט. פון 1920 געארבעט אין קינדער־אנשטאלטן, אין 1928 געווען א לערערן אין קיִעוו. די ערשטע לידער געדרוקט אין זשורנאל „שטראָם“ (1922), שפעטער — אין פארשיידענע צייַטונגען, זשורנאלן, אלמאנאכן. אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ פובליקירט לידער און ליטערארישע זיכרוינעס „לירישע העפטן“.

דווירע כאַראָלס לידער זייַנען מערסטנטייל געווידמעט דעם לעבן און שאפן פון דער סאָוועטישער פרוי און פון די סאָוועטישע קינדער. אירע ווערק זייַנען איבערגעזעצט אַף רוסיש.

ווערק: „לידער“, כארקאָוו, „געזקולט“, 1928; „אונדזערע שכיינים“ (לידער פאר קינדער), מאָסקווע, 1934; „פרילינג“, (לידער פאר קינדער), מאָסקווע, 1935; „גאָרטנווארג“, מאָסקווע, 1936; „דער קאָמאר“, דאָרט, 1937; „הארבסט“ (קינדער־לידער), דאָרט, 1938; „ווינטער“, דאָרט, 1938; „אין קינדער־קאָלאָניע“, דאָרט, 1939.

....ביבליִאָגראפיע: י. דאָברושין, זאמלבוך „נייַערד“, מאָסקווע, 1925; י. קאַרמאַן, „ייִדישע דיכטערנס“, אנטאָלאָגיע, טשיקאגאָ, 1928; נ. מייַזיל — „דאָס ייִדישע שאפן און דער ייִדישער שרייַבער אין סאָוועטנפארבאנד“, ניו־יאָרק, 1959.

כאריק, איזי (1898—1937)

— דיכטער. געבוירן אין שטעטל זעמבין, באָריסאָווער ראיאָן, ווייַסרוסלאנד, אין א פאמיליע פון א שוסטער, אן אייניקל פונעם באַרימטן זעמבינער באדכן לייזער שיינמאן. געלערנט אין כיידער און אין א רוסישער פאָלקסשול אין זעמבין, דערנאָך געווען אן ארבעטער אין מינסק, באָריסאָוו, האָמעל, וויטעבסק. אין 1917 געווען א פארוואלטער פון א שול, א טוער פון דער פּראָפעסיִאָנעלער באוועגונג, א ביבליִאָטעקער אין מינסק. אין יאָר 1919 פרייַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי און אָנטיילגענומען אין די שלאכטן קעגן די קאָנטררעוואָליוציִאָנערע ארמייען אין ווייַסרוסלאנד. אין די יאָרן 1921—1923 האָט כאריק זיך געלערנט אין מאָסקווער ליטערא־

ריש-קינסטלערישן אינסטיטוט אַף וו. יאַ. בריוסאָוס נאָמען. געווען דער הויפּט-רעדאַקטאָר פֿונעם ליטעראַריש-קינסטלערישן און פּאָליטיש-געזעלשאַפֿטלעכן זשורנאַל „שטערן", אַ מיטגליד-קאָרעספּאָנדענט פֿון דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפֿט-אַקאַדעמיע, מיטגליד פֿונעם צענטראַלן אויספֿיר-קאָמיטעט פֿון דער ווײַסרוסישער רעפּובליק.

זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט האָט כאַריק אָנגעהויבן אין 1920 מיט צוויי לידער („מיר און זיי" און „אין שטורעם") אין דער צײַטונג „די קאָמוניסטישע וועלט", נומ. 14—15 אונטערן נאָמען א. ז. זעמבין. פֿון דעמלט אָן האָט ער געדרוקט זײַנע ווערק אין פּילצאָליקע צײַטונגען, זשורנאַלן, זאַמלונגען, אַלמאַנאַכן אַף ייִדיש, רוסיש, ווײַסרוסיש און אַנדערע שפּראַכן, נעמענדיק אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ליטעראַרישער באַוועגונג און אין ליטעראַרישן פּראָצעס.

אי. כאַריק איז געווען איינער פֿון די גרונטלייגער פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין זײַנע ווערק זײַנען קינסטלעריש אָפּגעשפּיגלט די גרונט-עטאַפּן און די מער וויכטיקע דערשײַנונגען פֿונעם סאָוועטישן לעבן, אָנהייבנדיק פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע און ביז דער מיט פֿון די דרײַסיקער יאָרן. זײַנע לידער און פּאָעמעס („מינסקער בלאָטעס", „מיט לײַב און לעבן", „קײַלעכדיקע וואָכן", „אַף אַ פֿרעמדער כאַסענע" און אַנדערע) זײַנען געווען פּאָפּולער און באַליבט בײַ די ייִדישע סאָוועטישע לייענער. זײַן דיכטונג צייכנט זיך אויס מיט הויכער מײַסטערשאַפֿט, מיט פֿלאַמיקן רעוואָליוציאָנערן פּאַטאָס און מיט עכטער פֿאָלקסטימלעכקייט. אַ דיכטער אַ נאָוואַטאָר, אַ גרויסער מײַסטער פֿון נײַשאַפֿונג, האָט ער אויסגעטראָטן נײַע וועגן פֿאַר די ווײַטערדיקע דורות ייִדישע סאָוועטישע דיכטער.

ווערק: „ציטער", מינסק, 1922; „אַף דער ערד", לידער און פּאָעמעס, מאָסקווע, 1926; „מיט לײַב און לעבן", פּאָעמע, מינסק, 1928; „קײַלעכדיקע וואָכן", פּאָעמע, מינסק, 1932; „פֿון פּאָליוס צו פּאָליוס", מינסק, 1934; „אונדזער מונטערקייט, לידער און פּאָעמעס, קיִעוו, 1935; „פֿינף פּאָעמעס", מינסק, 1936; „אַף אַ פֿרעמדער כאַסענע", פּאָעמע, מינסק, 1936.

ביבליאָגראַפֿיע: מ. ליטוואַקאָוו, „אין אומרו", ב. 2, מאָסקווע, 1926; י. בראָנשטיין, זשורנאַל „שטערן", נומ. 6, מינסק, 1926; דער זעלבער — „אַטאַקע", מאָסקווע-מינסק, 1930; א. ווערויאַרקע — „אָקטיאַבער-זאַמלבוך", מאָסקווע, 1925; דער זעלבער—„דער סטילן-קאַמף פֿון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור", כאַרקאָוו, 1932; נ. מײַזיל „נאָענטע און ווײַטע", ב. 2, וואַרשע, 1926; דער זעלבער „דאָס ייִדישע שאַפֿן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד", ניו-יאָרק, 1959; י. דאָברושין — „אין איבערבוי", מאָסקווע, 1932; ה. ד. נאָמבערג, „מענטש און ווערק", וואַרשע, 1930; ב. אָרשאַנסקי — „די ייִדישע ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָליוציע", מאָסקווע, 1931; כ. דונעץ — „פֿאַר מאַגניטבויען אין דער ליטעראַטור", מינסק, 1932; „איזי כאַריק" (צו זײַן 15-יאָריקן דיכטערישן וועג), מינסק, 1936; הערש רעמעניק — „פּאַטאָס פֿון נײַעם זײַן", וועגן אי. כאַריקס פּאָעמע „קײַלעכדיקע וואָכן", זשורנאַל „פֿאָרמעסט", נומ. 6, קיִעוו, 1934; דער זעלבער — „קלע" (קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע), ב. 8, מאָסקווע, 1975 (רוסיש); א. ווערגעליס — אין דער צײַטונג „מאָרגן-פֿרײַהייט", ניו-יאָרק, דעקאַבער, 1960; דער זעלבער — אַרײַנפֿיר צו דער רוסישער זאַמלונג „לידער און פּאָעמעס", מאָסקווע, 1958; ה. בעריאָזקין — אַרײַנפֿיר צו דער ווײַסרוסישער זאַמלונג „אויסגעוויילטע ווערק", מינסק, 1958; א. ראַסקין — „איזי כאַריק", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 10, מאָסקווע, 1966.

כאַשטשעוואַצקי, מוישע
(1943—1897)

— דיכטער, עסעיִסט. געבוירן אין בוקי, לעבן אומאַן, אוקראַיִנע, אין אַ מישפּאָכע פֿון אַ לערער. זיך געלערנט אין טאַלמעטוירע, דערנאָך אין אַ קאָמערץ-שול. אין די לעצטע יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט-מילכאָמע און אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע שטודירט אין די אוניווערסיטעטן פֿון פּעטראָגראַד און יעקאַטערינבורג. זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין 1918 אין קיִעוו, ווו ער האָט דעביוטירט אין דער צײַטונג „די נײַע צײַט". אין 1921 פֿאַרט ער אַריבער קיין קיִעוו און ווערט אַן אַקטיווער טוער פֿון דער ליטעראַרישער באַוועגונג, אַרויסטרעטנדיק ניט בלויז אַלס דיכטער, נאָר אויך אַלס עסעיִסט איבער פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען פֿון דער ליטעראַטור. אין די ערשטע שאַפֿונגען זײַנען געווען טענדענצן פֿון סימבאָליזם, נאָר אין פֿאַרלויף פֿון די צוואַנציקער יאָרן זיך פֿאַרפֿעסטיקט אַף רעאַליסטישע פּאָזיציעס. כאַשטשעוואַצקי האָט איבערגעזעצט אַף ייִדיש די ווערק פֿון לערמאָנטאָוון, הײַנע, בײַראָנען, רוסטאַוועלי, שעווטשענקאָ און אַנד. אומגעקומען אין שלאַכט קעגן די דײַטשישע פֿאַשיסטן.

ווערק: „דאָרשט", לידער, קיִעוו, 1922; „האַרטע וואָר", לידער, מאָסקווע, 1924; „אין שווערן גאַנג", לידער, כאַרקאָוו, 1929; „ראַפּאָרטן", לידער, כאַרקאָוו, 1931; „טראָט פֿון טויזנטער", לידער, כאַרקאָוו, 1932; „לעצטער שלאַכט", פּאָעמע, מאָסקווע, 1932; „לענין", פּאָעמע, כאַרקאָוו-קיִעוו, 1934; „האַנט-בײַ-האַנט", לידער, קיִעוו, 1935; „ראַט פֿראָנט!", לידער, קיִעוו, 1935; „מײַן אַרבעט", אָפּגעקליבענע לידער, קיִעוו, 1936; „אַשער שוואַרצמאַן", פּאָעמע, קיִעוו, 1939; „כאַלוימעס" (דער יונגער שאָלעם-אַליכעם), פּיעסע אין 4 אַקטן, 6 בילדער, קיִעוו, 1939; „לידער און פּאָעמעס", קיִעוו, 1939; „היים און וועלט", לידער, קיִעוו, 1940; „פֿון אַמאָל און הײַנט", מאָסקווע, 1943; „העראָיִק", דראַמאַטישע פּאָעמעס (צוזאַמען מיט פּײַוול סיטאָ): „געבורט-נאַכט — דער גאָט פֿון די געטער", כאַרקאָוו-קיִעוו, 1936.

ביבליאָגראַפֿיע: מ. ליטוואַקאָוו, „אין אומרו", ב. 2., מאָסקווע, 1926; א. ר. צווייג — אין זשורנאַל „שטערן", מינסק, דעקאַבער, 1930; י. בראָנשטיין, „צײַטשריפֿט", ב. 5, מינסק, 1931; י. דאָברושין, „אין איבערבוי", מאָסקווע, 1932; נ. אויסלענדער, י. דאָברושין, צײַטונג „איינינקייט", מאָסקווע, 5 אָקטיאַבער, 1944; א קושניראָוו, צײַטונג „נײַע פּרעסע", פּאַריז, 27 יול 1945; י. סערעבריאַני, צײַטונג „איינינקייט", מאָסקווע, 11 אָקטיאַבער 1945; נ. מײַזיל, זשורנאַל „ייִדישע קולטור", ניו-יאָרק, מײַ 1957; דער זעלבער — „דאָס ייִדישע שאַפֿן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד", ניו-יאָרק, 1959; או. פֿינקעל, אין דער צײַטונג „פֿאָלקס-שטימע", וואַרשע, 8 יון 1957; ש. ניגער — „ייִדישע שרײַבער אין סאָוועטנרוסלאַנד", ניו-יאָרק, 1958.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

די פונקציעס פונעם אינפיניטיוו

אן אינפיניטיוו און א פּערזאָניקער ווערב בא „מיר" און „זיי" זײַנען גלײַכלעך ענלעך[1]. דעריבער קאָן איינס און דאָס זעלבע וואָרט[2] אין איין פאַל זײַן א פּערזאָניקער ווערב (קעגנוואַרט) און אין א צווייטן פאַל אן אינפיניטיוו. לעמאָשל: מיר זייען קאָרן[3] („זייען" — פּערז. ווערב); מיר פאָרן זייען קאָרן[4] („פאָרן" — פּערז. ווערב; „זייען" — אינפיניטיוו); מיר קאָנען פאָרן זייען קאָרן („קאָנען" — פּערז. ווערב; פאָרן זייען — אינפיניטיוון).

ניט ענלעך זײַנען ווערבן מיט צוגאָבן. באַם אינפיניטיוו איז דער צוגאָב פאַר דעם וואָרצל (צופאָרן, אָפּפאָרן, אריבערפאָרן); באַם פּערז. ווערב איז דער צוגאָב נאָך און באַזונדער (מיר פאָרן צו, פאָרן אָפּ, פאָרן אריבער). ניט ענלעך זײַנען אויך פאָלגנדיקע ווערבן:

אינפיניטיוון (איך וועל, פלעג): געבן, וויסן, וועלן, גיין, שטיין, טאָן (טון), זען, געשען, זײַן;

פּערז. ווערבן (מיר, זיי): גיבן, ווייסן, ווילן, גייען, שטייען, טוען, זעען, געשעען, זײַנען (זענען). אַזוי איז אויך, ווען די דאָזיקע נײַן ווערבן קומען מיט פּרעפיקסן אָדער מיט צוגאָבן. לעמאָשל:

אינפיניטיוון (איך וועל, פלעג): דערגעבן, פאַרגעבן, צעגעבן; אויסגעבן, אָפּגעבן, נאָכגעבן[5], צוגעבן;

פּערז. ווערבן (מיר, זיי): דערגיבן, פאַרגיבן, צעגיבן; גיבן אויס, גיבן אָפּ, גיבן נאָך, גיבן צו.

אן אינפיניטיוו קומט אין יידיש אין פאָלגנדיקע פאַלן:

1) בא די הילפוווערבן „וועל, פלעג, וואָלט, זאָל, לאָז" און בא די ווערטער „לאָמיך, לאָמיר", קעדיי אויסצופורעמען די צײַט אָדער דעם מאָדוס פונעם פּרעדיקאַט[6]. לעמאָשל: איך וועל (פלעג) זוכן[7] און וועל (פלעג) געפינען. ווען איך זאָל וויסן, אז ער וועט קומען...; לאָמיך דאָס אָנשרײַבן.

לאָמיר זיך שווערן, שארל[8],
טאָמער אזוינס וועט זיך מאכן[9],
אז דיר וועט זיך וועלן וויינען[10],
זאָל מיר זיך ניט וועלן לאכן[11].

לאָמיר זיך שווערן, שארל:
א מענטש אף א מענטשן דאַרף האָפן[12] —
אויב איינעם וועט עפּעס ווײ טאָן[13],
זאָל דער צווייטער ניט קענען שלאָפן[14].

2) בא די האַלב־זעלבשטענדיקע ווערבן „דאַרפן, וועלן (וויל, ווילסט...), טאָרן, מוזן, קאָנען, נעמען, גיין, אָנהייבן" און אנדערע, וואָס דריקן אויס די מעגלעכקײַט[15], די נויטווענדיקײַט[16] אָדער דעם אָנהייב[17] פון א טוּונג. לעמאָשל: מיר דאַרפן (ווילן, מוזן, קאָנען...) פאָרן. איך וויל גיין עסן (זעט אויך די פאָריקע בײַשפּילן).

3) בא פאַרשיי׳דענע[18] ווערבן, קעדיי צו ווײַזן דעם צוועק אָדער דעם אינהאַלט[19] פון דער טוּונג. לעמאָשל: ער וועט קומען צו קאָנטראָלירן די אַרבעט. איך גיב איר צו פאַרשטיין. ער קלײַבט זיך פאָר־צושטעלן א נײַעם פּלאַן. עס וועט אויסקומען צו פאָרן צום וואָקזאַל.

4) בא א דירעקטן אָביעקט[20], קעדיי צו ווײַזן זײַן טוּונג. לעמאָשל: ער פאַרהערט מיך זינגען. פּראַנטן האָב איך איצט געזען אַרומשפּאַצירן[21] אין די גאַסן (שאָלעם־אלייכעם). א פרעמדן אַרופלייגן אף מיר א האַנט[22] וואָלט ער געוויס[23] ניט געלאָזט (פּערעץ).

5) בא פאַרשיידענע ווערבן (פּרעדיקאַטן), קעדיי איבערצוכאַזערן און פאַרשטאַרקן[24] דעם פּרעדיקאַט. אין אַזאַ פאַל קומט דער פאַרשטאַרקנדיקער (טאַוטאָלאָגישער) אינפיניטיוו פאַר דעם פּערזאָניקן ווערב. לעמאָשל: הייסן הייסט ער איציק, נאָר רופן רופט מען אים אַלטער (שאָלעם־אלייכעם). קײַען[25] קײַט ער זייער גיך, נאָר ריידן רעדט ער גאַנץ פּאַמע׳לעך[26] (ד. בערגעלסאָן).

אָנמערקונג. ווען דער ווערב „זײַן" איז א פאַרשטאַרקנדיקער באַם פּערזאָניקן ווערב „איז", באַקומט ער אָפּט די פאָרמע „איזן". לעמאָשל: זײַן וואָלט ער באַדאַרפט זײַן[27] א סטודענט, נאָר איזן איז ער א דאַנטיסט (שאָלעם־אלייכעם). איזן ערגעץ אין דער היים[28] איז ער, נאָר ניט פאַר יענע, וואָס רופן אים[29] (ד. בערגעלסאָן).

6) דער אינפיניטיוו קומט אָפּט אויך אָן א פּערזאָניקן ווערב און אָן א סוביעקט. אַלס א דירעקטיוווי־שער. לעמאָשל: שלאָגלעריש[30] רעאַליזירן דעם פּלאַן! הייבן דעם קולטור־ניוואָ פון אַלע בירגער![31]

7) בא פאַרשיידענע סובסטאַנטיוון, קעדיי צו כאַראַקטעריזירן זיי. דאָס איז אן אינפיניטיוו אן אַט־ריבוט[32]. ער קאָן בא זיך האָבן אָביעקטן און אנדערע בײַגלידער[33]. לעמאָשל: ווײ־ווײ[34], וואָס ער האָט דאָרטן אויסגעלייענט! וויפל סגולעס אף צו מאַכן געלט[35] דורך פאַרשיידענע רעצעפּטן! א רעצעפּט אף צו פאַרדינען הונדערט רובל א כוידעש[36] דורך מאַכן די בעסטע טינטן[37] (שאָלעם־אלייכעם).

8) אַלס א סובסטאַנטיווי׳רונג[38]. אין אַזאַ פאַל קומט דער אינפיניטיוו מיט די אַרטיקלען „דאָס" אָדער „דעם" און איז אין זאַץ א סוביעקט אָדער אָביעקט. לעמאָשל: דאָס פאָרן פון יעהופּעץ קיין בוי־בעריק איז א קלייניקײַט[39] (שאָלעם־אלייכעם). מע האָט אין דעם שפּילן זיך פאַרלאַנגט אַלץ נאָכצוטאָן די גרויסע[40] (מענדעלע).

דער סובסטאַנטיווירטער אינפיניטיוו קאָן קומען אויך מיט א פּאָסעסי׳ווישן פּראָנאָם (מײַן, דײַן, זײַן, איר...). לעמאָשל: ער איז מיט איר קומען צופרידן[41] (ד. בערגעלסאָן). א באַזונ׳דערער כיין[42] איז געווען אויסגעגאָסן... אף זײַן יעדן ריר טאָן זיך אף דער בינע[43] (שאָלעם־אלייכעם).

אָנמערקונג. אַלס א סוביעקט קומט אָפּט אויך סטאַם אן אינפיניטיוו[44], ניט קיין סובסטאַנטיווירטער: לעמאָשל, בא שאָלעם־אלייכעמען: לאַכן איז געזונט[45]. צוזאָגן איז קיין מעלאָכע ניט[46]. לעבן איז אַוואַדע גלײַכער ווי שטאַרבן[47].

אן אינפיניטיוו קומט אין א ריי פאַלן מיט א פּאַרטי׳קל „צו"[48] (זעט די בײַשפּילן בא די פּונקטן 3 און 7). דער „צו" איז אָן אן אַקצענט און ווערט געשריבן באַזונדער. לעמאָשל: איך קום באַלד צו גיין. ער הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין. דעם פּאַרטיקל „צו" דאַרף מען ניט צונויפמישן[49] מיטן צוגאָב „צו" (צוגיין, צולויפן) און מיטן פּרעפיקס „צע" (צעגיין פון היץ, צעלויפן זיך). ווען דער אינפיניטיוו איז מיט א צוגאָב, איז דער פּאַרטיקל „צו" אָפּט צווישן דעם צוגאָב און דעם וואָרצל. לעמאָשל: איך האָב ניט וואָס אָפּצוגעבן, וואָס צוצוגעבן (דאָ איז דער ערשטער „צו" א צוגאָב, דער צווייטער — א פּאַרטיקל). זעט אויך די בײַשפּילן בא די פּונקטן 7 און 3 (צו פאַרדינען, צו קאָנטראָלירן, פאָרצושטעלן).

Перевод: 1) обычно похожи; 2) одно и то же слово; 3) сеем рожь; 4) едем сеять рожь; 5) уступать, потворствовать; 6) чтобы оформить время или наклонение сказуемого; 7) искать; 8) давайте клясться, Шарль; 9) если такое случится; 10) захочется плакать; 11) смеяться; 12) надеяться; 13) если одному что-нибудь будет больно; 14) спать; 15) возможность; 16) необходимость; 17) начало; 18) у разных; 19) цель или содержание; 20) при прямом дополнении; 21) франтов... гуляя (гуляющими); 22) чужого наложить... руку; 23) наверняка; 24) повторить и подкрепить; 25) жевать; 26) довольно медленно; 27) должен бы быть; 28) где-то дома; 29) но не для тех, которые зовут его; 30) по-ударному; 31) поднять культурный уровень всех граждан; 32) аттрибут — определение; 33) второстепенные члены (предложения); 34) междометие; 35) сколько средств, чтобы делать деньги; 36) чтобы заработать сто рублей в месяц; 37) наилучшие чернила; 38) в роли существительного; 39) мелочь; 40) в этой игре желали подражать взрослым; 41) доволен её приходом; 42) особое обаяние; 43) любое движение на сцене (эстраде); 44) вообще, любой; 45) смеяться — здорово; 46) обещать — не дело (не работа); 47) жить, конечно, разумнее, чем умереть; 48) с частицей «цу»; 49) не смешивать.

די פונקציעס פונעם פארטיציפּ

א פארטיציפּ („געגאנגען, געלאָפן, געלייענט, פארבראכט") קומט אין ייִדיש אין פאָלגנדיקע פאלן:

1) באם הילפווערב „ווערן", קעדיי צו בילדן מיט אים א ריי באשרײַביקע ווערבן[1] — ווערבן, וואָס זייער טוּונג ווערט אויסגעדריקט א גרופּע ווערטער, וועלכע בילדן איין באגריף[2]. לעמאָשל: אנשלאָפן ווערן[3], פארפאלן ווערן[4], פארפראָרן (פארפרוירן) ווערן[5], צעגאנגען ווערן[6], אײַנגעזונקען ווערן[7]. די דאָזיקע ווערבן קאָנען קומען אין פארשיידענע צײַטן און מאָדוסן: איך ווער אנשלאָפן, בין אנשלאָפן געוואָרן, וועל(פלעג) אנשלאָפן ווערן; איך וואָלט אנשלאָפן געוואָרן...

2) באם הילפווערב „זײַן" אָדער „ווערן", קעדיי צו בילדן א פּאסיוון ווערב אין פארשיידענע צײַטן און מאָדוסן. לעמאָשל: איך בין (ווער) פארנומען מיט עפּעס[8], איך בין (ווער) פארנומען דורך עמעצן[9]...

אָנמערקונג. פון א פאסיוון ווערב קאָן מען מאכן אן אקטיוון: איך בין (ווער) פארנומען — איך פארנעם; איך בין (ווער) פארשריבן — איך פארשרײַב. בא א פאסיוון ווערב איז דער פאקטישער טוער אין א פאָרמע פון א דאטיוו[10] מיט א פּרעפּאָזיציע „דורך" אָדער „פון". לעמאָשל: די לידער זײַנען (ווערן) פארשריבן דורך מיר[11]; די רעזאָליוציע ווערט אָנגענומען דורך דער פארזאמלונג. אָבער פונעם אָנגעוויזענעם טיפּ באשרײַביקע ווערבן[12] קאָן מען קיין אקטיוו ניט מאכן. און דער פאקטישער טוער (אויב ער איז דאָ) איז אויסגעדריקט דורך א נאָמינאטיוו[13]: איך ווער אנשלאָפן, ער איז פארפאלן געוואָרן.

3) בא די הילפווערבן „האָבן, זײַן, וואָלט", קעדיי אויסצופורעמען די פארגאנגענהײַט אָדער דעם באדינג־מאָדוס פונעם פרעדיקאט. לעמאָשל: איך האָב פארשריבן, איך בין געפלויגן, איך וואָלט געגעבן.

4) אָן הילפווערבן און אָן סוביעקטן, קעדיי מיטצוטיילן (ראפּאָרטירן) וועגן אן אָפּגעטאָנענער ארבעט (טוּונג)[14]. לעמאָשל: שלאָגלעריש אויסגעפילט (רעאליזירט) דעם פלאן. דורכגעלייענט ביזן לעצטן בלעטל[15]. אומזיסט זיך איבערגעשראָקן[16].

אָן הילפווערבן און אָן סוביעקטן קומען פארטיציפּן אָפט אויך אין שפּריכווערטער[17], אין לידער. לעמאָשל: געלעבט ווי א נאר און געשטאָרבן ווי א נאר[18]. א סאך גערעדט און ווייניק געזאָגט[19]. קורץ[20] גערעדט און א סאך געזאָגט. קורץ געטראכט און גוט געמאכט[21]. בעסער פריִער באוואָרנט, איידער שפּעטער באוויינט[22].

פון אלע דײַנע טײַכן וואסער פארזוכט[23],
אין אלע דײַנע וועלדער[24] געשלאָפן,
פון אלע דײַנע סעדער געגעסן פרוכט[25],
מיט אלע דײַנע זין זיך געטראָפן[26].

מ. גרוביאן

5) פארטיציפּן בא ווערבן, קעדיי צו כאראקטעריזירן זיי. פארגלײַכט:

ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ[27]. ער שטייט שטארק אָנגעבויגן[28].
ער האָט אָנגעשטרענגט די קויכעס[29]. ער רעדט זייער אָנגעשטרענגט[30].

רעכטס זײַנען די פארטיציפּן ווערבן (טוּונגען). צוזאמען[31] מיט די הילפווערבן בילדן זיי די פּרעדיקאטן. לינקס קומען די פארטיציפּן צו כאראקטערידירן די ווערבן. זיי זײַנען פארטיציפּן לויט דער סטרוקטור, אָבער לויטן וואָרטקלאס[32] זײַנען זיי אדווערבן (כאראקטעריזיר־ווערטער בא ווערבן).

6) פארטיציפּן בא סובסטאנטיוון, קעדיי צו כאראקטעריזירן זיי. לעמאָשל: ער האָט געקוקט מיט אן אָנגעשטרענגט פּאָנעם[33]. ער האָט געהאט אן אויסגעמאטערט[34] פּאָנעם. די ווערטער „אָנגעשטרענגט, אויסגעמאטערט" זײַנען פארטיציפּן לויט דער סטרוקטור, זיי זײַנען אָבער ניט קיין ווערבן, נאָר אדיעקטיוון (כאראקטעריזיר־ווערטער בא סובסטאנטיוון).

7) אמאָל קומט א פארטיציפּ, קעדיי איבערצוכאזערן און דערמיט צו פארשטארקן די טוּונג פונעם פרעדיקאט. לעמאָשל: אָנגעהויבן האָט זיך עס אָנגעהויבן[35], ווי איז מיר[36], פון שימען דעם סטאָליער (שאָלעם־אלייכעם). אָבער אָפטער קומט אין אזא פאל אן אינפיניטיוו: אָנהייבן האָט זיך עס אָנגעהויבן...

Перевод: 1) Чтобы образовать ряд описательных глаголов; 2) одно понятие; 3) засыпать, заснуть; 4) пропадать; 5) замерзать; 6) растаять; 7) завязнуть; 8) занят чем-нибудь; 9) кем-то; 10) деятель выражен дательным падежом; 11) стихи (песни) записаны мною; 12) указанных описательных; 13) именительным; 14) сообщать о сделанной работе; 15) прочел до последней страницы; 16) зря (напрасно) испугался; 17) в пословицах; 18) жил как дурак и умер...; 19) много говорено, а мало сказано; 20) коротко (мало); 21) мало думал и хорошо сделал, сделано; 22) лучше раньше обеспечить, чем потом оплакивать; 23) со всех твоих рек воду попробовал; 24) в лесах; 25) со всех садов ел плоды; 26) встречался; 27) согнул голову; 28) стоит сильно согнувшись; 29) напряг силы; 30) говорит очень напряженно; 31) вместе; 32) как часть речи; 33) напряженным лицом; 34) изнуренное; 35) началось; 36) горе мне (горе мое).

דאָצענט ע. פאלקאָוויטש

סקולפּטאָר

פּינכאס סאבסיי

א דענקמאָל דעם דיכטער סאמעד ווורגון

וו. אי. לענין



קינסטלער
שלוימע גערשאָן

1. טעוויע און כאווע
2. יידישע פּאַרנאָסעס
3. אילוסטראַציע צו י.־ל. פּערעצעס „דער טויט פון דער קאַלע״
4. מאַרק שאַגאַל אין וויטעבסק (1921)

1

2

3

4

סקולפּטאָר
פּינכאַס סאַבסיי

עלעגיע

א דענקמאָל ס. שאומיאַנען

צו די לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אַרײַנגעטראָטן אין אַכצנטן יאָר פון זײַן עקזיסטענץ, אַ גאַנצער דאָר לייענער און ליבהאָבער פונעם ייִדישן וואָרט געפינט אין אים די קוואַלן פון בײַער שעפערישקײַט, דעם העמשעך פון דער וווּנדערלעכער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

פאַראַיאָרן, אין די זעלבע כאַדאָשים סענטיאַבער און אָקטיאַבער, האָט די רעדאַקציע זיך געווענדט צו אײַך, ענטוזיאַסטן פון דער פאַרשפּרייטונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד", מיט אַ באַקאָשע און מיט אַ רוף, איר זאָלט אין דער אַבאָנירן־צײַט ניט זשאַלעווען קיין קויכעס, קעדיי יעדער ייִדיש־קענער, וואָס ווייסט נאָך ניט וועגן די מײַלעס און נוצן פונעם זשורנאַל, זאָל זיך וועגן דעם דערוויסן און באַקומען די מעגלעכקײַט אויסצושרײַבן באַצײַטנס „סאָוועטיש היימלאַנד". ס'איז פריידיק געווען צו זען, ווי אין פיל שטעט און ייִשוווים איבערן גאַנצן לאַנד האָבן הונדערטער פרײַוויליקע זיך געשטעלט אין די רייען פון געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער, שאַפנדיק אַ גרויסע צאָל נײַע אַבאָנירטע לייענער.

איצט ווענדן מיר זיך ווידער צו אײַך. דער אַקטיוו בויער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור דאַרף פאַרברייטערט ווערן. די אויפגאַבע באַשטייט דערין, אַז יעדער לייענער, וואָס איז שוין מיטן האַרצן צוגעבונדן צום זשורנאַל, דאַרף איצט דערקלערן זיך פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער. אויסער דעם, וואָס אין די שטעט און ייִשוווים מיט ייִדישער באַפעלקערונג זײַנען פאַראַן געשולטע און דערפאַרענע „אַלטע" פאַרשפּרייטער, דאַרף אין דער איצטיקער קאַמפּאַניע יעדער לייענער אַרײַנברענגען כאָטש איין נײַעם אַבאָנירטן לייענער.

די אײַנגעפּירטע מיט אַ יאָר צוריק רעזיומע אַף רוסיש און ענגליש האָבן געהאָלפן צו מאַכן שטאַרקער די פאַרינטערעסירטקײַט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" צווישן די ברייטע מאַסן. אַ סאַך יונגע מענטשן און אויך אַזעלכע, וואָס זײַנען יאָרנלאַנג ניט געווען פאַרבונדן מיט ייִדיש, האָבן איצט זיך דערנעענטערט צו דער ייִדישער ליטעראַטור, אויסשרײַבנדיק „סאָוועטיש היימלאַנד". טײַערע כאַווײרים געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער, האָט עס אין זינען און טוט אַלץ, קעדיי צו פאַרמערן דעם דאָזיקן קאָנטינגענט!

פאַראַיאָרן בײַס דער אַבאָניר־קאַמפּאַניע האָט די רעדאַקציע באַקומען הונדערטער בריוועלעך־„ראַפּאָרטן" פון די לייענער־פאַרשפּרייטער. הײַאָר דערוואַרטן מיר, אַז יעדערער פון אײַך וועט אין מעשעך פון סענטיאַבער־אָקטיאַבער דערפרייען די שרײַבער און די רעדאַקציע מיט גוטע נײַס פון אײַער שטאָט, ייִשעוו, זאַוואָד, קאָלווירט, אונטערנעמונג. אויב ערגעץ טרעפן זיך אָן שוועריקײַטן באַם אויספאָרמירן די אַבאָנירונג, — טיילט אונדז דרינגענדיק מיט וועגן דעם.

פונקט אַזוי ווי נאָך דער פאַראַיאָריקער אַבאָניר־קאַמפּאַניע, וועט „סאָוועטיש היימלאַנד" אויך הײַאָר פובליקירן די פאַמיליעס פון געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט.

רעדאַקציע פון „ס אָ וו ע ט י ש ה יי מ ל א נ ד"

צו אונדזערע לייענער פון אויסלאַנד

אין די פילצאָליקע בריוו, וואָס די רעדאַקציע באַקומט פון אויסלאַנד, פילט זיך דער גרויסער אינטערעס פון די לייענער פון פאַרשיידענע לענדער צום זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אַ סאַך ליבהאָבער פון דעם ייִדישן קינסטלערישן וואָרט פרעגן זיך אָן, ווי־אַזוי און ווו קאָנען זיי זיך אַבאָנירן אַף „סאָוועטיש היימלאַנד".

אויספילנדיק די דאָזיקע באַקאָשע, טיילן מיר מיט די אַדרעסן פון אַ ריי פירמעס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט דער אַבאָנירונג אַף סאָוועטישע פעריאָדישע אויסגאַבעס, דערונטער אויך אַף אונדזער זשורנאַל.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע

USA

Four Continent Book Corporation,
156, Fifth Avenue,
New York, N.Y. 10010

Imported Publications Inc.,
329 West Ohio Street,
Chicago, Illinois 60610

Stechert-Macmillan Inc.,
7250 Westfield Ave.,
Pennsauken, N.J. 08110

EBSCO Subscription Services,
17-19 Washington Avenue,
Tenafly, New Jersey 07670

אין אויסטראַליע

Australia

C.B.D. Library and
Subscription Service,
Box 4886 G.P.O.
Sydney, N.S.W. 2000

International
Bookshop, Pty, Ltd.
2nd floor,
17 Elizabeth Street,
Melbourne,
Victoria 2000

Spring Bookshop
Room 5, Ist floor,
37 Swanston St.
Melbourne,
Victoria 3000

אין קאַנאַדע

Canada

Progress Books,
487 Adelaide St., West,
Toronto 2B, Ont.

Periodica, Inc.,
7045 Avenue du Parc,
Montreal 15, Que

אין פראַנקרייך

France

Librairie du Globe
2, rue de Buci
75–Paris 6e

Les Livres Etrangers S.A.
10, Rue Armand Moisant
F–75737 Paris Cedex 15

אין ישׂראל

Israil

Lepac Ltd
15, Rambam Street
P.U. Box 1136
Tel-Aviv

Boleslavski Ltd
72 Allenby Road
P.U. Box 3346
Tel-Aviv

Haiflepac Ltd
Arlosorov, 11
P.U. Box 5343
Haifa

Nulin" and "The House in Kolomna" by Pushkin, Esenin's "Anna Snegina", Akhmadulina's "Fairy-tales about the Rain" and others. The analysis is illustrated by examples from bilingual texts.

We are also publishing an article by foreign linguist Shike Fishman of Jerusalem in which he examines a number of problems bearing on contemporary Yiddish and the various treatments given to these problems in foreign language studies.

Aron Vergelis of Moscow is represented in the current issue by his "Notes of a Writer", which he has been publishing at intervals in "Sovietish Heimland" for a number of years.

The section *Our Publications* introduces the reader to the work of the poet, humourist and parody-writer Feivl Sito (1909-1945), who was widely known in Jewish writing of the prewar years not only as a master of the comic style but as the author of books for and about children. "Each time we think of Faivl Sito," says the editorial note, "we picture the characters of his works: Senka the Stubborn, Gorobets, the clever dreamer Mishka Dolgonos, the nimble and energetic Berl. The prototypes for these characters were orphans who had lost their parents in the First World War. . ."

Items of Interest includes, as a supplement to those about Tolstoy, an article, "Nuts for the Squirrel", by Zinaida Rogova, a staff member of the Lev Tolstoy Museum. It tells about Tolstoy's creative association with the eminent artist L. O. Pasternak, who was to illustrate many of his works.

The reader will find much that is new and interesting in our regular features, *Editorial Commentary, News from Birobijan, Chronicle of Literary and Cultural Life, Material for a Lexicon, From the Newspapers and Magazines,* and *Chats about Yiddish.*

Tranlated by Alex Miller

precise to say that it has the job of seeking out and finding the truth and beauty in a work."

Further on, we read: "Sholem Aleichem was in effect the first critic of the new Jewish literature. Mendele Moicher-Sforim, A.-U. Kovner and A. I. Paperne wrote literary criticism not in Yiddish, but in Ancient Hebrew or in Russian. Sholem Aleichem's literary criticism was a manifesto of the struggle for realism and kinship with the people."

H. Remenik deals with practical as well as theoretical issues. "Jewish literature in the Soviet Union," he writes, "can lay claim today to nearly fifty poets and prose-writers, many of them having a wealth of experience. Novels, collections of stories and books of lyrical verse are being published. Criticism has not yet touched upon a whole series of contemporary works. There is still to be a detailed analysis of work by the various highly active representatives of contemporary Jewish writing. Criticism should be sensitive, following the development of literature as a whole and the work of each practitioner separately. It should keep its finger firmly and permanently on the pulse of the literary process, directing and guiding it towards organic ties with the processes of creation as practised by the whole people and the whole country."

An article by Riva Rubina of Moscow deals with the work of Itzik Kipnis (1894-1974), one of the founders of contemporary Jewish literature. He achieved fame with his book, *Months and Days* (1926), which mirrored the events of the Civil War. In half a century of creative writing, Kipnis produced many vivid and original things, including works for children. In talent, he belonged to the classic Sholem Aleichem tradition. Riva Rubina examines some aspects of his life and work, drawing, in particular, on personal contacts with the writer himself.

"New Names" by Isroel Serebryany of Moscow is devoted to the problem of new writers. "A New Name" is a rubric that has begun to appear with growing frequency in most Soviet magazines and newspapers, especially since the decree of the CC of the CPSU "On work with young creative artists". This heading has also caught the attention of our readers. Work by new writers brings fresh ideas and lends a contemporary tone to the magazine. The "new names" do not necessarily have to be young ones. There are people who take up writing with considerable experience of life behind them, and they have something to say to the reader. Isroel Serebryany writes with great warmth about many recent and not-so-recent newcomers to literature, characterising their originality, degree of commitment, and attitude to the written word and to reality.

Our selection of critical items also includes an article by Chaim Loitzker (1898-1969) to mark the 80th anniversary of this scholar's birth. It is entitled "An Outline of D. Bergelson's Language Style". Loitzker was the author of such research studies as "Sholem Aleichem", "David Gofshtein", "The Poetic Word, Rhythm and Rhyme" and others. In the article we are publishing in this issue, Loitzker examines in detail the speech characteristics of the people in D. Bergelson's major work, *By the Dnieper,* and discloses the writers' skill as the creator of a new style of language.

Lev Vilsker, the Leningrad critic and authority on Eastern studies is represented by a comprehensive review, "Russian Poets in Translation into Hebrew", in which he analyses the methods used by Israeli poet Ar'ye Aaroni when translating works by Pushkin, Mayakovsky, Esenin, Bella Akhmadulina and Andrei Voznesensky. Translations of these poets have appeared separately and in collected editions. The reviewer dwells in detail on A. Aaroni's principles of translation, analysing, in particular, his translations of "Count

We take pleasure in introducing some verse by Moishe Gelmont (1907-1960), a poet little known to the general public. He was born in the village of Kutuzovka in the Ukraine. After a course in education, he worked as a teacher and for several years was a tutor at the "Komintern" children's community. He travelled a great deal round the Soviet Union, collecting material for an anthology of the folk-songs of the Eastern peoples. During a visit to Daghestan, he came across the folk-lore and unique language of the mountain-dwelling Jews, or Tats as they are called. From that time onwards, he took a tremendous interest in Tat folk-lore, did translations into Yiddish and published them in such newspapers and magazines as "Jungwald", "Pioner", "Der Emes" and "Einikeit". M. Gelmont is also known for his translations into Yiddish of verse by the Russian poets Blok, Pushkin and others.

We are printing from the poet's personal archives a selection of poems from the cycle "Tat Motifs", including "Madjalis", "Gyuzel", "A New Cradle-Song", "Wedding Song" etc., all written in a manner reminiscent of the mountain folk-lore.

"Sovietish Heimland" has always given special encouragement to the art of the short story. The whole of our August 1977 issue was devoted to this medium and was well received by the critics (see U. Guralnik's article in "Literaturnoye obozrenie" ("Literary Survey"), No. 4, 1978). It is unquestionably a difficult art but it is lively, succinct and highly popular with our reading public. In Jewish literature, Sholem Aleichem, I. L. Peretz and D. Bergelson all won fame as short-story writers. In contemporary writing, the form is being used with success by M. Altman, T. Gen, S. Gordon, Sh. Gorshman, G. Rabnikov, M. Razumny, I. Shraibman and others. In our current edition we are publishing a short story by Note Lurye of Odessa, known to our readers as a novelist and the author of such complex narratives as *The Call of the Steppe* and *Heaven and Earth.* His latest tale, "The Good Friend", is in the satirical vein. An incompetent, jealous and hypocritical engineer-designer literally falls ill because an old friend of his from the institute and colleague at work invents a new machine-tool and successfully introduces it into production. .

To mark the 70th anniversary of the birth of Ruvim Pustylnikov of Moscow, we are publishing his story "Leah". He was born in the Ukraine, worked in the Donbass, took part in the Second World War, and in his last years worked at one of the Moscow factories as a metal-cutter. He first began to appear in print as a workers' correspondent for the newspaper "Der Emes". For "Sovietish Heimland" he wrote short stories and essays. In "Leah", Pustylnikov develops the image of a girl of our own times, a technician at a footwear factory. A person with an open nature and with strong principles, she knows how to stand up for the interests of production.

Criticism. We are continuing with the important discussion, begun in our last issue, of criticism in Soviet Jewish writing. Hirsh Remenik of Moscow talks in his article about the essence and role of criticism. Defining the term criticism is not so much a philological as a practical and literary task. "What is criticism?" writes H. Remenik. "Once upon a time, in Ancient Greece ,they said that criticism was a trial. The critic passes sentence on this or that work of art. But criticism's function is not limited solely to this. It would be more

But I would have bled to death if you had not bound my wound. I wanted to kill you, but you saved my life. Now, if I survive and you are willing, I shall serve you as your most loyal slave and I will tell my sons to do likewise. Forgive me."

The king was very pleased that he should have been able to become reconciled with his enemy so easily, and he not only forgave him but promised to restore his property to him and, moreover, to send his own doctor and his own servants to look after him.

Taking his leave of the wounded man, the king went out on to the porch and looked about him for the hermit. Before leaving, he wanted to ask him for the last time to answer the three questions. The hermit was outside and, on his knees by the rows he had dug the day before, was planting vegetable seeds.

The king went over to him and said:

"For the last time, wise man, I implore you to answer my questions."

"They have already been answered," said the hermit, sitting on his thin calves and looking up at the king who was standing before him.

"How answered?" said the king.

"You want to know?" said the hermit. "If you had not taken pity on me in my weakness yesterday, you would not have dug these rows for me, but would have gone back alone, and that man would have waylaid you, and you would have regretted not staying with me. Therefore the proper time was when you were digging the garden, and I was the most important person, and the most important thing to do was to be good to me. Then, when that other man came running here, the proper time was when you were tending him, because if you had not bound his wound, he would have died without being reconciled with you. Therefore he was the most important person and what you did for him mattered most of all. Remember, then, that the most important time is always the same: it is *now,* and it is the most important because it is the only time when we have power over ourselves; and the most important person is *the one whom you have just met,* because no one can know for sure whether he will have dealing with any other man, and the most important thing of all is *to be good to him,* because that is the only reason why man has been sent into the world."

* * *

In our prose section, we are printing the continuation and conclusion of Hersh Polyanker's novel, *The Teacher from Medjibozh.* "An elderly man with lively, merry eyes, cheerful, full of love for life, always with a soldier's alertness, mobile, energetic, and even now young-looking, as if the difficult years he had been through had left him unscathed..." This is how the author describes his hero as an old man, concluding in the last lines of his narrative that "it is better to tell about one good, decent and cheerful character than about ten gloomy and embittered ones".

Our poetry section features some new verse by senior Jewish poet Mendl Lifshitz, who made his literary debut in the thirties. His latest collection, "Sun and Rain", came out in 1977. Poet Lev Ozerov wrote in an introduction to one book by Lifshitz: "On the pages of this volume, the reader will make the acquaintance of a sincere and good-natured friend who has been through much in his lifetime. His songs are artless and cheerful. Mendl Lifshitz sees it as his creative task to give a new, fresh meaning to ordinary words, to discover the uncommon in the commonplace." Here is an English version of a poem from the new cycle:

When it's the children's playtime,
The whole house rocks and shakes.
No matter–we would do
Anything for their sakes.
All fruits are to their liking,
They know all sorts of play,
And gnomes kick up a rumpus
In every kind of way.
Have your housewarming party,
Dance after me, come on!
But why the merrymaking?
Well, just because it's fun...

The answers to the second question were equally varied. Some said that the people most necessary to the king were his assistant rulers, others said that the king needed the priests most of all, others–that it was the doctors who mattered, and yet others that warriors were the most indispensible of all.

The answers were no less varied to the third question: what mattered most of all? Some said it was the sciences, others that it was the art of war, and still others that it was piety.

All the answers were different, and so the king could not agree with any of them and did not give anyone a reward. In order to hear more reliable answers to his questions, the king decided to ask a hermit who was famed for his wisdom.

The hermit lived in a forest, never left it and only received simple folk. And so the king put on plain clothes and, leaving his bodyguard behind as he approached the hermit's dwelling, he dismounted and went to him alone.

As the king approached him, the hermit was digging the garden in front of his hut. Seeing the king he greeted him and immediately resumed his digging. The hermit was thin and weak and he had to gasp for breath each time he drove the spade into the ground and turned over a few small clods of earth.

The king went to him and said:

"I have come to you, wise hermit, to ask you for the answers to three questions. What time should be remembered and not missed if I am not to regret it afterwards? Which people are the most necessary, and, consequently, with which ones should I deal most and with which least of all? And which matters are the most important and, consequently, which should be undertaken before the others?

The hermit listened to the king but made no answer, spat into his hand and resumed digging his garden.

"You're tired out," said the king. "Give me the spade and I'll do some work for you."

"Thank you," said the hermit, and, handing over the spade, he sat down on the ground.

After turning over two rows, the king stopped and repeated his question. The hermit did not reply, but stood up and held out his hand for the spade.

"Now you have a rest; I'll take over," he said.

But the king did not give him the spade and went on digging. An hour passed, then another. When the sun began to sink behind the trees, the king stuck the spade in the ground and said:

"I came to you, wise man, for answers to my questions. If you cannot reply, then say so and I'll go home."

"Look, someone's running this way," said the hermit. "Who is it, I wonder?"

The king looked round and saw that a bearded man was indeed running out of the forest. He was clutching his stomach and the blood was oozing out from under his hands.. He ran up to the king and fell to the ground, rolled his eyes and did not move, but merely groaned feebly.

The king and the hermit undid the man's clothing. He had a big wound in the stomach. The king washed it as best he could and the hermit bound it up with his handkerchief and towel. But the bleeding did not abate, and several times the king took off the warm, blood-soaked dressing and washed and bandaged the wound again.

When the bleeding stopped, the wounded man recovered consciousness and asked for a drink. The king brought some fresh water and administered it to him.

Meanwhile, the sun had set and it had become quite chilly. With the hermit's assistance, the king carried the wounded man into the cell and put him on the bed, where he closed his eyes and was silent. The king was so tired of walking and work that, curling up on the threshold, he also fell asleep and slept soundly all through the short summer night. When he woke up next morning, it was a long time before he realised where he was and who was the strange bearded man lying on the bed and staring at him with glittering eyes.

"Forgive me," said the bearded man in a weak voice, when he saw that the king had woken up and was looking at him.

"I don't know who you are and there's no reason why I should forgive you," said the king.

"You don't know me, but I know you. I am anenemy of yours; I swore to revenge myself on you because yu executed my brother and took my property from me. I knew that you had come to visit the hermit on your own, and I decided to kill you when you were on the way back. But a whole day passed and there was still no sign of you. Then I came out of ambush to find out where you were and ran into your bodyguards. They recognised me, hurled themselves on me and wounded me. I ran away from them.

only provide the wherewithal for material aid to the victims, but would express the unequivocal condemnation of tsarism's reactionary policy. Tolstoy replied to Sholem Aleichem's letter at once:

"...I shall be very glad to contribute to your collection and will try to write something appropriate to the occasion". He kept his promise and wrote three fairytales for the collection: "Esarhaddon, King of Assyria", "Three Questions" and "Toil, Sickness and Death".

With great inspiration, Sholem Aleichem set about translating Tolstoy's stories, and on 25 September 1903 he wrote the following letter:

Dear Lev Nikolayevich,

I have received your delightful stories and I do not consider I have the right to thank you, first, because that is not what you wrote them for and, secondly, because you will be thanked by thousands of outraged Jews in Kishinev, and by tens (perhaps hundreds) of thousands of readers who will, for the first time, see work of yours intended for them and–excuse my immodesty–rendered by me in the Jewish dialect. Let me be so bold as to assure you that I have done a masterly rendering of them. I understand the world "translation" altogether differently. While preserving the meaning, spirit and literal content for your stories, i have tried to endow them with the beauty typical of our language, which is a language of the people, simple to an extreme and yet very rich in imagery... To sum up, I must tell you that in translation the "fairytales" have come out as if you had written them in Yiddish. There are no visible traces of translation in them at all.

And now, Lev Nikolayevich, allow me to express my thanks for the pleasure which you have given me personally with these little pieces of yours, and for the honour which you have conferred on me by entrusting me with the work of translation.

Devotedly yours,

S. Rabinovich
Sholem Aleichem.

Tolstoy's fairy-tales, translated into Yiddish by Sholem Aleichem, were included in the collection "Hilf" ("Help"; Warsaw, 1903) and are now, like the collection itself, a bibliographic rarity.

"Sovietish Heimland" is publishing these stories by Tolstoy in Sholem Aleichem's translation. Here is one of them, reprinted from the *Complete Works* of L. N. Tolstoy (Vol. 34, pp. 134-37).

Three Questions

A king once thought that if he always knew the time when to undertake any business; if he kneŭ which people to deal with and which not; and, above all, if he always knew which matter was the most important of all, then he would never fail at anything. Having drawn this conclusion, the king announced to his realm that he would give a big reward to anyone who would teach him how to know the appropriate time for each matter, how to tell which people were the most necessary, and how not to make a mistake over which matter was the most important of all.

Learned men began coming to the king and each had a different answer to his questions.

To the first, some said that in order to know the proper time for each matter, he should draw up beforehand a schedule of the day, month and year and adhere to it strictly. Only then, they reasoned, would each matter be dealt with at the right moment. Others said that he must not decide in advance what matter to undertake and at what time; he must not be distracted by empty amusements, but must always give attention to what was happening and then do what was necessary. Yet others said that no matter how attentive he might be to what was happening, one man on his own could not always reliably decide at what time something should be done; he must have the advice of wise men and decide according to their counsel what to do when. Others said that in some matters there was no time to consult advisers; one must make up one's own mind immediately whether it was time to begin the matter or not. In order to know this, one must know in advance what was to happen in the future. This could only be known by the soothsayers. Therefore, in order to tell the proper time for each matter, it was necessary to ask the soothsayers.

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 9, September, 1978

Our September issue begins with items covering the 100th anniversary of the birth of Lev Nikolayevich Tolstoy. This great writer, who embodied a whole era of Russian life, won world-wide and abiding recognition.

He was born three years after the Decembrist uprising and died seven years before the October Revolution. Each period of his great life and each stage in his creative development have been studied in detail by Soviet scholars. Time and again, we find ourselves returning to Lenin's article, "Lev Tolstoy as a Mirror of the Russian Revolution", which gave for the first time a profound analysis of Tolstoy's creative work, his mistakes and his genius, all in the light of the impending proletarian revolution in Russia.

"Sovietish Heimland" is publishing a translation of Lenin's article into Yiddish. "Tolstoy is great," wrote Vladimir Ilyich, "because he expressed the ideas and moods which had formed in the minds of millions of Russian peasants by the time of the bourgeois revolution in Russia. Tolstoy is original, since the sum total of his ideas taken as a unity expresses precisely the special characteristics of our revolution as a peasant bourgeois revolution".

Among other jubilee items, we are publishing an article by Lydia Lebedinskaya of Moscow, "The Tolstoy Country", about the family estate of Yasnaya Polyana where Lev Nikolayevich was born and spent so much of his long life. *War and Peace, Anna Karenina, Resurrection, Cossacks* and *Hadji Murad* were all written there. Lydia Lebendiskaya also tells the story of the literary museum at Yasnaya Polyana. "During the difficult times of 1918," we read, "Lenin personally signed a special decree on Tolstoy's estate: '...Preserve the property Yasnaya Polyana and all the historical reminiscences associated with it...' In 1919, Yasnaya Polyana was granted a protective charter by the People's Commissariat for Education as being 'of exceptional cultural and historical value'."

"Lev Tolstoy and Sholem Aleichem" is by literary historian Alexander Shiffman, a senior staff member of the State Tolstoy Museum. His article contains a number of facts about Tolstoy's connections with pre-revolutionary Jewish literature and, in particular, with Sholem Aleichem. In April 1903, after a pogrom in the city of Kishinev at the instigation of the tsarist government, Sholem Aleichem wrote Tolstoy a letter in which he announced his intention of publishing in the Yiddish language, to aid the victims of the pogrom, a literary collection to which the best writers in Russia would contribute. Sholem Aleichem's idea was that publication of this edition would not

как выполнен перевод произведений А. Пушкина, В. Маяковского, С. Есенина, Б. Ахмадулиной, А. Вознесенского израильским поэтом Арье Аарони. Стихи этих поэтов выходили в переводе на иврит отдельными изданиями и коллективными сборниками. Рецензент подробно останавливается на переводческих принципах А. Аарони, анализируя переводы, в частности, «Графа Нулина», «Домик в Коломне» Пушкина, «Анны Снегиной» Есенина, «Сказки о дожде» Ахмадулиной и др. Анализ иллюстрируется примерами двуязычных текстов.

Публикуется также статья зарубежного лингвиста Шике Фишмана (Иерусалим), в которой рассматривается ряд проблем, связанных с современным языком идиш и с различными трактовками этих проблем в зарубежной лингвистике.

Арон Вергелис (Москва) выступает в этом номере со своими «Заметками писателя», которые он периодически публикует в «Советиш геймланд» на протяжении ряда лет.

В разделе «Наши публикации» журнал знакомит читателей с творчеством поэта-юмориста и пародиста Файвла Сито (1909—1945), который был широко известен в еврейской литературе довоенных лет не только как мастер «веселого жанра», но и как автор книг о детях и для детей. «Всякий раз, когда мы вспоминаем Файвла Сито, — сказано в редакционной заметке, — перед глазами встают герои его произведений: Сенька-Горобец, умный и мечтательный Мишка Долгонос, ловкий и энергичный Берл. Прототипы этих персонажей — беспризорники, потерявшие родителей в первую мировую...»

В рубрике *«Это интересно»* публикуется в дополнение к толстовским материалам статья научного сотрудника музея им. Л. Н. Толстого Зинаиды Роговой «Орешки для белки» — о творческих связях Л. Н. Толстого с выдающимся художником Л. О. Пастернаком, сделавшим иллюстрации ко многим его произведениям.

Из постоянных рубрик журнала «Комментарии редакции», «Биробиджанские новости», «Хроника литературной и культурной жизни», «Материалы для лексикона», «Листая газеты и журналы», «Беседы о еврейском языке» читатель почерпнет для себя немало нового и интересного.

тики. Будет вернее сказать, что она имеет назначение искать и находить правду и красоту в произведении».

Далее мы читаем: «Шолом-Алейхем был фактически первым критиком в новой еврейской литературе. Менделе Мойхер-Сфорим, А.-У. Ковнер, А. И. Паперне писали свои литературно-критические произведения не на языке идиш, а на древнееврейском или на русском языке. Литературная критика Шолом-Алейхема явилась манифестом борьбы за реализм и народность».

Г. Ременик касается не только теоретических вопросов, но и практических. «Еврейская литература в СССР, — пишет он, — насчитывает сегодня почти полсотни имен поэтов и прозаиков, среди них немало опытных мастеров. Выходят романы, сборники рассказов и новелл, книги лирических стихов. Критика еще не сказала свое слово о целом ряде современных произведений. Еще нет подробного анализа творчества отдельных активнейших деятелей современной еврейской литературы. Критика должна быть чуткой, следить за успехом всей литературы в целом и за творчеством каждого мастера в отдельности. Она должна неутомимо и непрерывно держать руку на пульсе литературного процесса, направлять и вести его по пути органической связи с процессами творчества и созидания всего народа и всей страны».

Статья Ривы Рубиной (Москва) посвящена творчеству Ицика Кипниса (1894—1974), одного из основоположников современной еврейской прозы. Литературную славу принесла ему книга «Месяцы и дни» (1926), в которой были отражены события гражданской войны. За полвека творческой деятельности Ицик Кипнис написал немало ярких самобытных произведений, в том числе и для детей. По сути дарования он был связан с классической шолом-алейхемовской традицией. Р. Рубина рассматривает некоторые стороны жизни и творчества писателя, основываясь, в частности, на личных контактах с ним.

Исроэл Серебряный (Москва) выступает со статьей «Новые имена», посвященной проблеме литературного пополнения. «Новое имя» — такая рубрика стала появляться в последнее время все чаще и чаще на страницах большинства советских журналов и газет, особенно после постановления ЦК КПСС «О работе с творческой молодежью». Обратили внимание на эту рубрику и читатели «Советиш геймланд». Произведения новых авторов вносят в журнал свежую тематику, современный колорит. «Новые имена» — не всегда имена молодые. Есть люди, входящие в литературу уже с немалым жизненным опытом, и им есть что сказать читателю. Автор статьи с большой теплотой пишет о многих давних и недавних дебютантах, определяя новизну их дарования, степень гражданского темперамента, отношение к слову и к действительности.

В ряду других критических материалов в подборку включена статья Хаима Лойцкера (1898—1969) в связи с 80-летием со дня рождения этого литературоведа. «Штрихи языкового стиля Л. Бергельсона» — так озаглавлена статья. Перу Х. Лойцкера принадлежат исследования «Шолом-Алейхем», «Давид Гофштейн», «Поэтическое слово, ритм, рифма» и другие. В публикуемой работе подробно рассмотрены речевые характеристики героев крупного произведения Д. Бергельсона «У Днепра», раскрыто мастерство писателя как создателя особого языкового стиля.

Ленинградский критик-востоковед Лев Вильскер выступает с развернутой рецензией «Русские поэты в переводах на иврит» — о том,

Журнал знакомит читателя с малоизвестными широкому читателю произведениями Мойше Гельмонда (1907—1960). Поэт родился на Украине, в местечке Кутузовка. Получив педагогическое образование, работал учителем, несколько лет был воспитателем детского городка имени Коминтерна. Много ездил по стране, собирая материалы для антологии народных песен восточных народов. Во время поездок по Дагестану познакомился с фольклором горских евреев, татов, и их своеобразным горско-еврейским языком. С тех пор увлекся татским фольклором, делал переводы на идиш и публиковал их на страницах газет и журналов «Юнгвалд», «Пионер», «Дэр Эмес», «Эйникайт». М. Гельмонд также известен как переводчик на идиш стихов русских поэтов (А. Блока, А. Пушкина и др.).

Мы публикуем оставшиеся в архиве поэта стихи из цикла «Татские мотивы» — «Маджалис», «Гюзель», «Новая колыбельная», «Свадебная» и др., своеобразно написанные в подражание горскому фольклору.

Большое внимание журнал всегда уделял новеллистике, то есть жанру короткого рассказа. Этому жанру был даже посвящен целый номер (август, 1977), получивший одобрительную оценку критики (в частности, см. статью У. Гуральника в журнале «Литературное обозрение» № 4, 1978). Жанр этот, как известно, нелегкий, но живой, емкий и весьма популярный среди читателей. В еврейской литературе стяжали себе славу великих новеллистов Шолом-Алейхем, И.-Л. Перец, Д. Бергельсон. В современной литературе успешно работают в этом жанре М. Альтман, Т. Ген, С. Гордон, Ш. Горшман, Г. Рабинков, М. Разумный, И. Шрайбман и другие. В настоящем номере опубликован рассказ Нотэ Лурье (Одесса), которого читатель знает как романиста, автора многоплановых полотен «Степь зовет» и «Небо и земля». Новый его рассказ «Добрый друг» написан в сатирической манере. Некий малоспособный инженер-конструктор, человек завистливый и лицемерный, буквально заболевает от того, что его старый друг по институту и коллега по работе изобретает новый станок и успешно внедряет в производство свой проект.

В связи с 70-летием Рувима Пустыльникова (Москва) публикуется его рассказ «Лия». Р. Пустыльников родился на Украине, работал в Донбассе, был участником Великой Отечественной войны, в последние годы работал на одном из московских заводов резчиком по металлу. Печататься начал как рабкор газеты «Дэр Эмес». В «Советиш геймланд» публиковал рассказы, очерки. В рассказе «Лия» Р. Пустыльников вывел образ современной девушки, технолога обувной фабрики, человека прямодушного и принципиального, умеющего постоять за интересы производства.

Критика. Журнал продолжает начатый в прошлом номере большой разговор о критическом жанре в еврейской советской литературе. Со статьей о сущности и смысле критики выступает Гирш Ременик (Москва). Определение самого термина критики — задача не столь филологическая, сколько практически-литературная. «Что такое критика? — пишет Г. Ременик. — Когда-то в Древней Греции говорили, что критика — это суд. Критик выносит приговор о том или ином художественном произведении. Однако в этом еще не вся задача кри-

бросились на меня и ранили. Я убежал от них. Но, истекая кровью, я помер бы, если бы ты не перевязал мою рану. Я хотел убить тебя, а ты спас мне жизнь. Теперь, если я останусь жив и ты захочешь этого, буду как самый верный раб служить тебе и то же прикажу сыновьям моим. Прости меня.

Царь был очень рад тому, что ему так легко удалось примириться с своим врагом, и не только простил его, но обещал возвратить ему его имущество и, кроме того, прислать за ним своих слуг и своего врача.

Простившись с раненым, царь вышел на крыльцо, отыскивая глазами отшельника. Прежде чем уйти от него, он в последний раз хотел попросить его ответить на заданные ему вопросы. Отшельник был на дворе и, ползая на коленях подле вчера вскопанных гряд, сажал в них огородные семена.

Царь подошел к нему и сказал:

— В последний раз, мудрый человек, прошу тебя ответить мне на вопросы.

— Да ведь тебе уж отвечено, — сказал отшельник, присев на свои худые икры и снизу вверх глядя на стоявшего перед ним царя.

— Как отвечено? — сказал царь.

— А как же? — сказал отшельник. — Если бы ты вчера не пожалел мою слабость, не вскопал за меня эти гряды, а пошел бы один назад, тот молодец напал бы на тебя, и ты бы раскаялся, что не остался со мной. Стало быть, самое настоящее время было то, когда ты копал гряды, и я был самый важный человек, и самое важное дело было мне добро сделать. А потом, когда тот прибежал, самое настоящее время было, когда ты за ним ходил, потому что, если бы ты не перевязал его рану, он бы помер, не помирившись с тобой. Стало быть, и самый важный человек был он, а то, что ты ему сделал, и было самое важное дело. Так и помни, что самое важное время одно: сейчас, а самое важное оно потому, что в нем одном мы властны над собой; а самый нужный человек тот, с кем сейчас сошелся, потому что никто не может знать, будет ли он еще иметь дело с каким-либо человеком, а самое важное дело — ему добро сделать, потому что только для этого послан человек в жизнь.

В разделе *прозы* сентябрьского номера журнала мы заканчиваем публикацию романа Герша Полянкера «Учитель из Меджибожа». «Пожилой человек с живыми, веселыми глазами, бодрый и жизнерадостный, всегда по-военному подтянут, подвижен, энергичен и поныне выглядит молодым, словно прожитые тяжелые годы его совсем не коснулись...» Так рисует автор старость своего героя, резюмируя в последних строках своего повествования, что «лучше рассказать об одном добром, честном, веселом человеке, чем о десятке мрачных, злых людей».

В поэтической рубрике опубликованы новые стихи старейшего еврейского поэта Мендла Лифшица. М. Лифшиц дебютировал в начале 30-х годов. Его последний сборник «Солнце и дождь» вышел в 1977. Поэт Лев Озеров писал в своем предисловии к одной из книг М. Лифшица: «Со страниц этой книги на читателя смотрит доброжелательный, много испытавший в жизни человек, искренний собеседник. Песня его незамысловата и радушна. Обычным словам дать новый, освежающий их смысл, открыть нечто непривычное в привычном — в этом видит Мендл Лифшиц свою творческую задачу». Приводим в переводе на русский язык одно из стихотворений нового цикла.

* * *

Когда играют дети,
Дом ходит ходуном.
И пусть — мы всё на свете
Для них приобретем.
Все игры им знакомы,
По вкусу все плоды,
И сказочные гномы
Шумят на все лады.
Справляйте ж новоселье,
Пляшите вслед за мной!
А для чего веселье?
Для радости самой...

Перевел с еврейского Л. Фрухтман

решить, в какое время что нужно делать, а надо иметь совет мудрых людей и по этому совету решать: что в какое время делать. Четвертые говорили, что бывают такие дела, что некогда спрашивать советчиков, а надо сейчас решать: время или не время начинать дело. Для того же, чтобы знать это, надо вперед знать, что случится. А это могут знать только волхвы. И потому для того, чтобы знать настоящее время для каждого дела, надо спрашивать об этом волхвов.

На второй вопрос отвечали так же различно. Одни говорили, что самые нужные царю люди это его помощники правители, другие говорили, что самые нужные царю люди это жрецы, третьи говорили, что самые нужные люди царю это врачи, четвертые, что нужнее всех людей для царя воины.

Так же различно отвечали и на третий вопрос: какое дело самое важное? Одни говорили, что самое важное на свете дело это науки, другие говорили, что самое важное дело это военное искусство, третьи говорили, что важнее всего богопочитание.

Все ответы были различны, поэтому царь не согласился ни с одним из них и никому не дал награды. Для того же, чтобы узнать вернее ответы на свои вопросы, он решил спросить об этом у отшельника, про мудрость которого шла великая слава.

Отшельник жил в лесу, никуда не выходил и принимал только простых людей. И потому царь оделся в простую одежду и, не доезжая с своими оруженосцами до жилья отшельника, слез с коня и один пошел к нему.

Когда царь подошел к нему, отшельник перед своей избушкой копал гряды. Увидав царя, он поздоровался с ним и тотчас же опять принялся копать. Отшельник был худ и слаб и, втыкая лопату в землю и выворачивая небольшие комья земли, тяжело дышал.

Царь подошел к нему и сказал:

— Я пришел к тебе, мудрый отшельник, просить тебя дать мне ответы на три вопроса: *какое время надо помнить и не пропускать, чтобы потом не раскаиваться? Какие люди самые нужные, с какими, стало быть, людьми надо больше и с какими меньше заниматься? И какие дела самые важные и какое поэтому дело из всех надо делать прежде других?*

Отшельник выслушал царя, но ничего не ответил, а плюнул в руку и опять стал ковырять землю.

— Ты уморился, — сказал царь, — дай мне лопату, я поработаю за тебя.

— Спасибо, — сказал отшельник и, отдав лопату, сел на землю.

Вскопав две гряды, царь остановился и повторил свой вопрос. Отшельник ничего не ответил, а встал и протянул руку к лопате:

— Теперь ты отдохни; давай я, — сказал он.

Но царь не дал лопаты и продолжал копать. Прошел час, другой; солнце стало заходить за деревья, и царь воткнул лопату в землю и сказал:

— Я пришел к тебе, мудрый человек, за ответами на мои вопросы. Если ты не можешь ответить, то так и скажи мне, я уйду домой.

— А вот кто-то бежит сюда, — сказал отшельник. — Посмотрим, кто это?

Царь оглянулся и увидал, что из леса, точно, бежал бородатый человек. Человек этот держался за живот руками; из-под рук его текла кровь. Подбежав к царю, бородатый человек упал на землю и, закатив глаза, не двигался, а только слабо стонал.

Царь вместе с отшельником раскрыл одежду человека. В животе его была большая рана. Царь, как умел, обмыл ее и своим платком и полотенцем отшельника перевязал. Но кровь не унималась, и царь несколько раз снимал промокшую теплой кровью повязку и вновь обмывал и перевязывал рану.

Когда кровь унялась, раненый очнулся и попросил напиться. Царь принес свежей воды и напоил раненого.

Солнце между тем совсем зашло, и стало свежо. Царь с помощью отшельника перенес раненого человека в келью и положил на кровать. Лежа на кровати, раненый закрыл глаза и затих. Царь же так устал от ходьбы и работы, что, прикорнув на пороге, тоже заснул и таким крепким сном, что проспал так всю летнюю короткую ночь, и когда утром проснулся, долго не мог понять, где он и кто этот странный бородатый человек, который лежит на постели и пристально смотрит на него блестящими глазами.

— Прости меня, — сказал бородатый человек слабым голосом, когда увидал, что царь проснулся и смотрит на него.

— Я не знаю тебя и мне не в чем прощать тебя, — сказал царь.

— Ты не знаешь меня, но я знаю тебя. Я — тот враг твой, который поклялся отомстить тебе за то, что ты казнил моего брата и отнял у меня мое имущество. Я знал, что ты пошел один к отшельнику, и решил убить тебя, когда ты будешь возвращаться. Но прошел целый день, и тебя всё не было. Тогда я вышел из засады, чтобы узнать, где ты, и наткнулся на твоих оруженосцев. Они узнали меня,

1903 г., после инспирированного царским правительством погрома в г. Кишиневе, Шолом-Алейхем написал Толстому письмо, в котором сообщал о своем намерении издать на еврейском языке, в пользу жертв погрома, литературный сборник с участием в нем лучших писателей России. По мысли Шолом-Алейхема выпуск сборника имел бы целью не только оказать материальную помощь пострадавшим, но и выразить решительное осуждение реакционной политики царизма. Л. Н. Толстой дал незамедлительный ответ на письмо Шолом-Алейхема:

«...Я очень рад буду содействовать Вашему сборнику и постараюсь написать что-либо соответствующее обстоятельствам».

Великий русский писатель сдержал обещание и написал для сборника три сказки: «Ассирийский царь Ассархадон», «Три вопроса» и «Труд, болезнь и смерть».

Шолом-Алейхем с большим воодушевлением принялся за перевод сказок Толстого и 25 сентября 1903 г. написал следующее письмо:

Глубокоуважаемый Лев Николаевич!

Получил я Ваши две прелестные сказки и не считаю себя вправе благодарить Вас, во-первых, потому, что не для этого Вы их писали, и, во-вторых, потому, что спасибо Вам скажут тысячи обиженных в Кишиневе евреев, и десятки (а может быть и сотни) тысяч читателей, которые впервые увидят Ваши произведения, для них предназначенные и — простите мою нескромность — мною переданные на еврейский жаргон. А что я передал их мастерски, в этом я смело Вас могу уверить. Я совсем иначе понимаю слово «перевод». Сохраняя смысл, дух и буквальное содержание Ваших сказок, я постарался сообщить им красоту, свойственную нашему народному, до чрезвычайности простому и вместе с тем образному языку... В общем, я должен Вам сказать, что в переводе «сказки» вышли так, как будто Вы их написали по-еврейски. Никаких следов перевода в них не заметно.

Теперь позвольте мне сказать Вам, Лев Николаевич, спасибо за удовольствие, которое Вы доставили лично мне Вашими этими маленькими вещицами, и за честь, которой Вы удостоили меня, поручив мне их перевод.

Глубоко преданный вам

С. Рабинович
Шолом-Алейхем.

Сказки Толстого, переведенные Шолом-Алейхемом на еврейский язык и включенные в сборник «Hilf» («Помощь», Варшава, 1903 г.), являются теперь, как и сам сборник, библиографической редкостью.

«Советиш геймланд» знакомит своих читателей с этими произведениями Л. Н. Толстого в переводе Шолом-Алейхема. Приводим одну из этих сказок в том виде, в каком она включена в Полное собрание сочинений Л. Н. Толстого (том 34, стр. 134—137).

Три вопроса

Подумал раз царь, что если бы он всегда знал время, когда начинать всякое дело; знал бы еще, с какими людьми надо и с какими не надо заниматься, а, главное, всегда знал бы, какое из всех дел самое важное, то ни в чем бы ему не было неудачи. И подумав так, царь объявил по своему царству, что он даст великую награду тому, кто научит его, *как знать настоящее время для каждого дела, как знать, какие люди самые нужные, и как не ошибаться в том, какое дело изо всех дел самое важное.*

Стали приходить к царю ученые люди и отвечали различно на его вопросы.

На первый вопрос одни говорили, что для того, чтобы знать настоящее время для каждого дела, надо составить вперед расписание дня, месяца, года и строго держаться того, что назначено. Только тогда, говорили они, всякое дело будет делаться в свое время. Другие говорили, что нельзя вперед решить, какое дело делать в какое время, а надо не отвлекаться пустыми забавами, а всегда быть внимательным к тому, что случается, и тогда делать то, что требуется. Третьи говорили, что как ни будь внимателен к тому, что случается, одному человеку нельзя всегда верно

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская Родина»)
№ 9, сентябрь, 1978

Сентябрьский номер журнала мы открываем материалами, посвященными 150-летию со дня рождения гениального русского писателя Льва Николаевича Толстого. Огромно и непреходяще значение Толстого как писателя, воплотившего в себе целую эпоху русской жизни.

Он родился через три года после восстания декабристов и скончался за семь лет до Октябрьской революции. Каждый период этой великой жизни, каждый этап творчества детально изучены советским литературоведением. Мы вновь и вновь обращаемся к статье В. И. Ленина «Лев Толстой, как зеркало русской революции», где впервые был дан глубочайший социальный анализ творчества Толстого, его заблуждений и ошибок, его гениальной натуры — в свете надвигавшейся пролетарской революции в России.

«Советиш геймланд» приводит перевод на идиш статьи В. И. Ленина. «Толстой велик, — писал Владимир Ильич, — как выразитель тех идей и тех настроений, которые сложились у миллионов русского крестьянства ко времени наступления буржуазной революции в России. Толстой оригинален, ибо совокупность его взглядов, взятых как целое, выражает как раз особенности нашей революции, как крестьянской буржуазной революции».

В ряду других юбилейных материалов мы публикуем в номере очерк Лидии Лебединской (Москва) «На земле Льва Толстого» — о родовом имении Ясная Поляна, где Лев Николаевич родился и жил долгие годы. Здесь были созданы «Война и мир», "Анна Каренина", «Воскресение», «Казаки», «Хаджи-Мурат». Автор очерка также рассказывает историю литературного музея в Ясной Поляне. «В трудные дни 1918 года, — читаем мы, — В. И. Ленин лично подписывает специальное постановление об усадьбе Толстого: «...Охранять имение «Ясная Поляна» со всеми историческими воспоминаниями, которые с ним связаны...» В 1919 году Ясная Поляна получила от Наркомпроса охранную грамоту как «имеющая исключительную культурно-историческую ценность».

Публикуемая статья «Лев Толстой и Шолом-Алейхем» написана литературоведом Александром Шифманом, старшим научным сотрудником Государственного музея Л. Н. Толстого. Статья содержит целый ряд фактов, говорящих о связи Л. Н. Толстого с еврейской дореволюционной литературой, в частности, с Шолом-Алейхемом. В апреле

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, С. Фрай.
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 30.VI.1978 г. Подписано к печати 17.VIII.1978 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 13+0,25 вкл. (усл. печ. л. 18,15). Бум. л. 6,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 487.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1978 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 9

1 9 7 8

В НОМЕРЕ:

К 150-летию со дня рождения Л. Н. Толстого.

В. И. Ленин. Толстой, как зеркало русской революции. Л. Либединская. Там, где жил Лев Толстой. А. Шифман. Лев Толстой и Шолом-Алейхем. Л. Толстой. Три сказки (в переводе Шолом-Алейхема).

Г. Полянкер. Учитель из Меджибожа (роман. Окончание).

Рассказы Н. Лурье, Р. Пустыльникова.

Стихи М. Лифшица, М. Гельмонда.

Актуальные проблемы литературной критики

Г. Ременик. О критике. Р. Рубина. Творческий путь И. Кипниса. И. Серебряный. Новые имена. Х. Лойцкер. О языке произведений Д. Бергельсона. Л. Вильскер. Новые переводы русских поэтов.

Из литературного наследия. Библиография. Наша реплика. Хроника. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. В помощь изучающим идиш.

Резюме на русском и английском языках.